STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00535

# GESHIKHTE FUN DER TSIENISTISHER ARBETER BAVEGUNG IN TSOFN AMERIKE

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Mrs. Fannie Zimmerman*
*in memory of*
*Myron W. Zimmerman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געשיכטע פון דער
# ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג
# אין צפון אַמעריקע

# געשיכטע פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין צפון אמעריקע

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „אידישער קעמפער“

ניו־יאָרק 1955

*Copyright 1955 by*
YIDDISHER KEMFER
NEW YORK, N. Y.

געדרוקט ביי ברידער שולזינגער

*Printed in the U. S. A. by*
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
NEW YORK, N. Y.
253

# אינהאַלט:


פון די אַרויסגעבער . . . . . . . . . . . . . .

ברוך צוקערמאַן — דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע אין ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט . . 1 —80

ל. שפּיזמאַן — עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן . . . . . . . . . . . . . 81 —292

1. קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם........................ 81
2. וואוקס פון ציוניסטישער השפּעה........................ 91
3. פאָרגעשיכטע פון פּועלי ציון אין ניו יאָרק................ 96
4. די ווירקונג פון קישיניעווער פּאָגראָם..................... 101
5. ביים וויגעלע פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע........ 110
6. די באַוועגונג צעוואַקסט זיך............................ 120
7. פּאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן..................... 130
8. די ערשטע פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר ; דער „אידישער קעמפער" ........................................ 137
9. הילף פאַר די פּאָגראָם־קרבנות און דער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד 150
10. אידעאישע און אָרגאַניזאַטאָרישע קאָנסאָלידאַציע ; יאָרן פון קריזיס 160
11. פאַראייניקונג מיט דער ס. ט. און „סערפּ"........... 170
12. נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות........................ 190
13. פּועלי ציון אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.................. 199
14. זעלבסטשטענדיקע ארץ־ישראל־אַרבעט...................... 211
15. פּועלי ציון און די ציוניסטישע באַוועגונג.................. 221
16. גרינדונג און ערשטע יאָרן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד..... 236
17. פון 1911 ביז דעם ערשטן וועלט־קריג................... 251
18. די אַרבעט פאַר דער אידישער שול........................ 261
19. וועלט־קריג ; קאָנווענשאָנס אין ראַטשעסטער און קליוולאַנד....... 274

# פון די אַרויסגעבער

אונזער ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג פייערט איצט אַ צווייפאַכן יום־טוב: ווי אַ טייל פון גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום פייערן מיר דריי הונדערט יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט דעם פייערן מיר אויך אונזער אייגענעם יום־טוב: פופציק יאָר עקזיסטענץ פון פועלי־ציוניזם אין אַמעריקע.

מיר באַטראַכטן עס ניט ווי צוויי אָפּגעזונדערטע ימים־טובים. זיי זיינען ביידע קינדער פון איין אַלטן, לאַנגן פּראָצעס וואָס רופט זיך: אידישע געשיכטע. און זיי ביידע שעפּן ווייט ניט אויס אַלע פאַקטאָרן, וואָס צוזאַמען האָבן זיי אַריינגעשריבן אַ נייעם וואונדערלעכן ספר אין דער אידישער געשיכטע, וואָס טראָגט דעם נאָמען: אַמעריקאַנער אידנטום.

דאָס ערשטע בלאַט אין אָט דעם וואונדערלעכן ספר האָבן טאַקע אַריינגעשריבן די 23 ספּרדישע אידן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק; אָבער אָן זייער אָנהויב וואָלט שפּעטער דער ספר סיי־ווי געשריבן געוואָרן. דער אידישער שיקזאַל, דורך דער גאַנצער לענג פון גלות, האָט געטריבן אידן פון צייט צו צייט צו זוכן נייע איינוואַנדערונגס־לענדער. דורכדעם איז טאַקע דער אידישער וואַנדערער געוואָרן דער סימבאָל פון אידישן גלות און די נייע אַמעריקע וואָלט פריער־שפּעטער צוגעצויגן טיילן פון אָט דעם אידישן וואַנדערער־שטראָם. די ערשטע 23 אידן שטעלן אָבער מיט זיך פאָר אַ היסטאָרישע דאַטע, אַ היסטאָרישע אָפּצייכענונג, אַ קאַלענדאַרישן אָנהויב, לויט וועלכן מיר קענען רעכענען די צייט פון אונזער זיין אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

די וויכטיקסטע קאַפּיטלעך פון ספר אַמעריקאַנער אידנטום האָבן געשריבן פאַרשידענע עלעמענטן וועלכע זיינען שפּעטער אויפגעטראָטן אויף דער אַמעריקאַנער אַרענע. יעדער אַנטי־אידישער דרוק אין פריערדיקע גלות׳ן האָט געשטויסן אידן קיין אַמעריקע. יעדער נייער שטראָם האָט צוגעגעבן כחות דעם אַמעריקאַנער אידנטום. דער שטאַרקסטער שטויס איז געקומען דורך דעם פאַרשאַרפטן אַנטי־אידישן פּאָליטישן, סאָציאַלן און עקאָנאָמישן דרוק מצד דער צאַרישער רעגירונג אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. יענער אַנטי־אידישער דרוק האָט זיך פאַרענדיקט מיט פיזישע פּאָגראָמען. אָט דער רוסישער שטויס האָט געבראַכט קיין אַמעריקע אַ שטראָם אידן פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע, וועלכער האָט בייגעשטייערט צום אַמעריקאַנער אידנטום זיין גרעסטן וואוקס אין צאָל און דעם גרעסטן חלק פון דער גייסטיקער עשירות, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פאַרמאָגט היינט.

אונזער ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז דירעקט אַ קינד פון די פּאַסירונגען אין אידישן לעבן פון די לעצטע הונדערט יאָר. איר גייסטיקן יסוד ציט זי אָבער פון דער גאַנצער רייכער אידישער געשיכטע. מיר באַטראַכטן זיך ווי אַ וויכטיקן עלעמענט פון יענעם אידנטום, וואָס איז געקומען

קיין אַמעריקע אין די לעצטע 75 יאָר, און וועלכער האָט צוגעטראָגן דעם גרעסטן צושטייער צום אַמעריקאַנער אידנטום. אין אונזערע פופציק יאָר אַקטיוויטעט אין אַמעריקע זעען מיר דעריבער אַ וויכטיקן צושטייער צו דעם דריי הונדערט־יאָריקן יובל. אַזוי אַרום פייערן מיר איצטער אַ צווייפאַכיקן יום־טוב.

מיר מיינען אַז דער בעסטער אופן אַרויסצוברענגען פול און גאַנץ די געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום איז, ווען יעדע שעפערישע גרופע זאָל פאַרצייכענען איר אייגענעם צושטייער צום אַמעריקאַנער אידנטום. דורכדעם וועט אונטערגעשטראָכן ווערן די גייסטיקע פילזייטיקייט זיינע. מיר פאַרנעמען זיך טאַקע אויף דעם וועג. מיר ברענגען אַריין אונזער יום־טוב אין דעם אַל־אידישן יום־טוב אין אַמעריקע.

סיי די דריי הונדערט יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע, סיי אונזערע אייגענע פופציק יאָר, באַטראַכטן מיר פון גרויסער באַדייטונג פאַר דער גאַנצער אידי־שער וועלט.ביידע זיינען ניט קיין געאָגראַפיש־איזאָלירטע דערשיינונגען. ביידנס ווירקונגען האָבן זיך געלאָזט פילן אויך אויסער די גרעניצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אונזערע אייגענע פופציק יאָר פאַלן אוודאי צוזאַמען מיט דער ווירקונג פון פועלי־ציוניזם אומעטום, אויף דער גאַנצער אידישער אויספשפרייטונג. אונזער צושטייער ווערט דעריבער געבראַכט צו צווי געשיכט־לעכע דערשיינונגען אין אַמעריקע, וועלכע זיינען אַריינגעוועבט אין דעם אַל־וועלטלעך־אידישן מאָדערנעם לעבן און שטאַמען פון דורות׳דיקע פראָצעסן פון אידישער געשיכטע. און לויט דעם איז אונזער צושטייער אויך פאַר־טראַכט און צוגעגרייט געוואָרן.

אונזער איצטיקער באַשיידענער צושטייער צו אָט דעם צווייפאַכיקן יום־טוב איז די ערשטע צווויי בענד פון דער געשיכטע פון פועלי־ציוניזם אין אַמעריקע און קאַנאַדע, וואָס מיר גיבן איצט איבער דעם לייענער.

די דאָזיקע צווויי בענד באַטראַכטן מיר ווי אַ התחלה. זיי נעמען אַרום די געשיכטע פון פועלי־ציוניזם אין אַמעריקע פון איר סאַמע אָנהויב, ביזן יאָר 1920. עס איז אונזער וואונטש צוצוגרייטן, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, אפשר נאָך אין פאַרלויף פון אונזער יובל־יאָר — 1955 — נאָך צווויי בענד וואָס וועלן אַרומנעמען די פאַסירונגען פון אונזער באַוועגונג פון 1920 אָן.

אונזער ציל איז ניט בלויז צו פאַרפיקסירן געשיכטלעכע געשעענישן פון אונזער אייגענער באַוועגונג; אונזער ציל איז אַרויסצוברענגען, לויט אונזערע כחות, דאָס בילד פון דעם גאַנצן אידישן לעבן אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט און צו פאַרצייכענען די ראָל וואָס אונזער באַוועגונג האָט געשפילט אין וועלט־אידנטום. דער הויפּט־טראָפ ווערט נאַטירלעך געלייגט אויף דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער און קאַנאַדער אידנטום, אָבער אויך דאָס אידישע לעבן אין אַנ־דערע וועלט־טיילן און דער איינפלוס אויף אים פון דער ציוניסטישער אַרבעט־טער־באַוועגונג, ווערט טיילווייז אָפּגעשפיגלט אין די צווויי בענד וואָס מיר פאַרעפנטלעכן איצט, און דאָס וועט געטאָן ווערן — האָפנטלעך, אין אַ גרע־סערער מאָס — אין די בענד, וואָס מיר וועלן שפּעטער צוגרייטן.

די געשעענישן פון אונזער אייגענער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערן אַרויסגעבראַכט דורך דער אַרבעט וואָס חבר ל. שפּיזמאַן האָט צוגעגרייט

אויפן באַזיס פון דאָקומענטן אין די אַרכיוון פון אַלע טיילן פון דער ציוניסטי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, און אויפן באַזיס פון אַ רייכער, גוט־דורכגעשטודיר־טער ביבליאָגראַפיע. די געשעענישן פון אונזער באַוועגונג אין קאַנאַדע ווערן אַרויסגעבראַכט פון חבר ש. בעלקין. אין חבר בעלקין׳ס פאַל האָט ער, אין צוגאָב צו דאָקומענטן, באַזירט זיין אַרבעט אויך אויף אַ רייכער דערפאַרונג; ער האָט אַלע פאַזן, וואָס ער שילדערט, אַליין מיטגעלעבט. די מער־אַלגעמיינע געשיכטלעכע קאַנווע, אויף וועלכער אונזער לעבנס־בילד איז אויסגעהאַפטן, ווערן אין די צוויי בענד געגעבן דורך צוויי חברים. חבר יצחק בן־צבי, פּרע־זידענט פון מדינת ישראל, באַשעפטיקט זיך מיט דעם ארץ־ישראל׳דיקן ישוב אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט; חבר ברוך צוקערמאַן באַשעפטיקט זיך מיטן אַמעריקאַנער אידישן ישוב אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט. ביידע חברים, פּונקט ווי חבר ש. בעלקין, באַשרייבן עפּאָכעס וועלכע זיי האָבן פּער־זענלעך דורכגעלעבט. אין אַלע אַרבעטן צוזאַמען ווערט דערציילט ווי אַזוי אונ־זער באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן געשיכטלעך אין דעם אַלגעמיינעם אידנטום און ווי אַזוי זי האָט משפיע געווען אויף אַנטוויקלונגען פון אידישן לעבן אין אַלע לענדער פון דער אידישער צעשפּרייטונג, הויפּטזעכלעך אין לענדער מיט גרויסע אידישע מאַסן. טיילן פון די אַרבעטן פון די חברים יצחק בן־צבי און ברוך צוקערמאַן, הויפּטזעכלעך וואָס איז שייך אונזער אייגענער באַוועגונג, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביי פריערדיקע געלעגנהייטן אין העברעאיש און אידיש.

פאַר די קומענדיקע בענד האָבן מיר דעם צוזאָג פון דריי חברים צוצוטראָגן ספּעציעלע אַרבעטן: חבר דוד בן־גוריון האָט פאַרשפּראָכן צוצוגרייטן אַן אַרבעט איבער דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, פון די יאָרן פון לעגיאָן אין 1915־17, ווען ער האָט צוזאַמען מיט יצחק בן־צבי געלעבט מיט אונז אין אַמעריקע, ביז דער מאָביליזאַציע פון אַמעריקאַנער ציוניזם אין קאַמף פאַר דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל אין די יאָרן ערב 1948. בערל לאָקער האָט פאַר־שפּראָכן צוצוטראָגן אַן אַרבעט וועגן די פאַרבינדונגען פון אונזער וועלט־באַ־וועגונג מיטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. חבר זלמן שזר (רובאַשאָוו) האָט פאַרשפּראָכן צוצוטראָגן אַן אַרבעט וואָס וועט אַרומנעמען דאָס אייראָפּעאישע אידנטום אין דער ערשטער העלפט פון 20טן יאָרהונדערט ביזן חורבן היטלער און ווי אַזוי די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַריינגעפלאַנצט אין אייראָפּעאישן אידישן לעבן. מיר האָפן אַז אַלע דריי חברים וועלן קענען ממלא זיין זייערע הבטחות. צוזאַ־מען מיט אָט די ספּעציעלע אַרבעטן וועט אין די קומענדיקע בענד פאַרגעזעצט ווערן די אַרבעט פון חבר לייב שפּיזמאַן, וואָס ווערט אין די איצטיקע צוויי בענד דערפירט בלויז ביז 1920.

חבר בעלקין האָט זיין אַרבעט אויסגעברייטערט אויף אַן אופן, וואָס האָט געפאָדערט אַ באַזונדערן פולן באַנד, כדי איבערצוגעבן די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג אין קאַנאַדע ביז 1920. די חברים פון קאַנאַדע האָבן באַשלאָסן דעם דאָזיקן ערשטן באַנד אַרויסצוגעבן באַזונדער. חבר בעלקין, האָפן מיר, וועט אויך ממשיך זיין זיין אַרבעט, וועט עס ברענגען ביז צו אונזערע טעג, און אונזערע קאַנאַדער חברים וועלן אויך דעם נייעם באַנד אַרויסגעבן. אין חבר בעלקין׳ס

באַנד וועלן זיין איינגעשלאָסן די קאַפּיטלעך וואָס דערשיינען אין אונזערע איצ־טיקע צוויי בענד און נאָך אַ פיל ברייטערער מאַטעריאַל, וואָס האָט ניט געקענט אַריין אין די איצטיקע צוויי בענד.

האָפנדיק אַז אונז, אין אַמעריקע, וועט געלינגען צוצוגרייטן נאָך צוויי בענד, וועלן מיר, צוזאַמען מיט קאַנאַדע, האָבן צוגעטראָגן זעקס בענד געשיכטע־מאַ־טעריאַלן, וואָס וועלן פאַרצייכענען די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע פאַר די לעצטע פופציק יאָר פון אונזער עקזיסטענץ.

**
*

פופציק יאָר לעבן און ווירקן פון אַ באַוועגונג פאַרדינט אוודאי פאַרשריבן צו ווערן און פאַרעפנטלעכט צו ווערן אין ספרים. מיר זיינען אָבער אַ דינאַמישע באַוועגונג. מיר לעבן ניט בלויז מיט אונזער עבר. מיר האָבן נאָך גרויסע, אפשר גרעסערע, אויפגאַבן אין דער צוקונפט. קיינע פון די אויפגאַבן, וואָס מיר האָבן איינגעשלאָסן אין שטח פון אונזערע צוויי אַקטיוויטעטן, איז נאָך ניט פאַרענדיקט. די אידישע מדינה דאַרף ערשט באַפעסטיקט און פאַרזיכערט ווערן. דאָס אידישע לעבן אין די תפוצות און אין אַמעריקע בפרט, דאַרף ווייטער אַנטוויקלט, פאַר־שטאַרקט, פאַרטיפט און באַרייכערט ווערן. מיר ברענגען די געשיכטע פון אונ־זער עבר כדי צו לערנען פון איר פאַר דער צוקונפט. מיר האָפן אַז אונזער באַוועגונג וועט האָבן דעם מוט אַיינצוקוקן אין איר אייגענעם עבר־שפּיגל און באַמערקן אויך אירע פעלערן כדי זיי אויסצומיידן אין דער צוקונפט. מיר האָבן אָבער גלייכצייטיק די דרייסטקייט צו דענקען, אַז מיר וועלן געפינען אין אונזער עבר געניג אָנגעהויבענע אַרבעטן, וואָס מעגן און מוזן ווייטער פאַרגעזעצט ווערן. אונזער ציל איז טאָקע: פון אונזער עבר שעפּן נייע כחות פאַר יענע אָנשטרענ־גונגען וואָס מיר מוזן מאַכן אין אונזער הווה, כדי צו העלפן פאַרזיכערן אַ גליק־לעכן עתיד פאַר אונזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

**
*

מיר דריקן אויס אונזער אָנערקענונג צו אַלע חברים און פריינט, וואָס האָבן אונז געגעבן די מעגלעכקייט צוצוגרייטן די פאַרליגנדיקע צוויי בענד . מיר דער־וואַרטן אַז זיי וועלן פאָרזעצן זייער באַטייליקונג מעגלעך צו מאַכן אַרויסצו־געבן אין דער נאָענטסטער צייט די אַנדערע צוויי בענד. מיר האָפן אַז די פאַר־ליגנדיקע בענד וועלן סטימולירן דעם חשק ביי אַלעמען צו פאַרענדיקן די אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבן פאַר זיך געשטעלט: צו ברענגען צו דער עפנט־לעכקייט די 50־יאָריקע געשיכטע פון אונזער באַוועגונג.

**
*

עס וועט זיכער אַלעמען פרייען צו וויסן, אַז אין פאַרבינדונג מיט צוגרייטן אונזער אייגענער געשיכטע איז אונז געלונגען אויפצוזאַמלען און אויסצוסאַר־טירן אַ גרויסן טייל פון אונזערע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די ביוראָען פון אַלע טיילן פון אונזער פאַרצווייגטער באַוועגונג. אויך אָט די אַרבעט איז נאָך ניט פאַרענדיקט. מיר האָפן, אַז די זעלביקע קערפּערשאַפטן און חברים־יחידים, וואָס האָבן געהאָלפן דעם געשיכטע־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן

די ערשטע צוויי בענד פון אונזער געשיכטע, וועלן אונז העלפן ממשיך צו זיין אויך די אַרבעט פון באַרייכערן און פאַרגרעסערן אונזער אַרכיוו, וואָס איז אַ גרויסער אוצר ביים פאָרשן די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג.

**
*

די רעדאַקציע פון די געשיכטע־ביכער איז אָריגינעל באַשטאַנען פון די חברים מאיר בראון, חיים גרינבערג, דוד ווערטהיים, חיים פיינמאַן, ברוך צו־קערמאַן, דבורה ראָטבאָרד און ל. שפּיזמאַן. נאָך דער פּטירה פון די חברים גרינבערג און ווערטהיים איז געוואָרן צוגעצויגן צו דער רעדאַקציע דער חבר לואי סיגאַל. ל. שפּיזמאַן איז געווען דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר און צוזאַ־מענשטעלער פון די צוויי דערשינענע בענד. ער איז אויך געווען דער סעק־רעטאַר פון געשיכטע־קאָמיטעט וואָס האָט דערמעגלעכט די אויסגאַבע פון די ערשטע צוויי בענד, וואָס מיר גיבן איצט איבער אין די הענט פון די לייענער.

**
*

מיר דריקן אויס אונזער דאַנק דעם חבר דר. רודאָלף גלאַנץ, דעם פאַר־וואַלטער פון אַרכיוו פון דער באַוועגונג, פאַר זיין הילף ביים צושטעלן די מאַ־טעריאַלן פון אַרכיוו פאַר די געשיכטע־ביכער. מיר דאַנקען אַ צאָל חברים אין אַמעריקע און דעם ארכיון תנועת העבודה אין תל־אביב פאַר זייער הילף ביים באַקומען געוויסע וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר אונזער אַרבעט. אונזער דאַנק דעם אידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (איוו״א) וואָס האָט אונז פריינטלעך אויסגע־באָרגט אַ צאָל בילדער, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין די צוויי בענד.

ברוך צוקערמאַן

# דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע אין ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

## אַ ר י י נ פ י ר

אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך וועט געמאַכט ווערן אַ פּרואוו אַנצוצייכענען די וויכטיקסטע אַנטוויקלונגען אין אידישן לעבן אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ווי אַזוי אונזער באַוועגונג איז אין זיי אַריינגעוואַקסן.

מיטן אויסדרוק „דער אָנהייב פון אַ יאָרהונדערט״ ווערט באַצייכנט בלויז אַ קאַלענדאַרישע דאַטע און ניט קיין אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע. דאָס לעבן איז אַ כסדר׳דיקער פליסנדיקער שטראָם און בלויז אויסערגעוויינלעך גרויסע געשעענישן, וואָס הויבן זיך בולט אַרויס פון אים, ווערן דורך אונז באַצייכנט ווי אַן התחלה, ווי אַ נייע עפּאָכע. אפילו דער פאַקט, וואָס דער אָנהויב פון אונזער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַלט כמעט צוזאַמען מיטן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַרוואַנדלט נאָך אַלץ ניט די קאַלענדאַרישע דאַטע אין אַזאַ וויכטיקן אָנהויב, וואָס זאָל פאַר אונז באַדייטן אַ נייע עפּאָכע. מיר האָבן אונזער אייגענע באַוועגונג אַלע מאָל באַטראַכט בלויז ווי אַן אַרויסוואַקס פון פריערדיקע אַנטוויקלונגען אין דער אידישער געשיכטע.

דערפון איז געדרונגען, אַז כדי צו קענען נאָכפאָלגן אַנטוויקלונגען פון אַמעריקאַנער אידנטום אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט, מוזן מיר זיך קודם באַקענען מיט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס האָבן שוין דאַן עקזיסטירט, וועמענס אָנהויבן ליגן אין פריערדיקע יאָרן. ערשט דאַן וועט אויך מעגלעך זיין אָנצוצייכענען ווי אַזוי אונזער ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג איז אין די דאָזיקע אַנטוויקלונגען אַריינגעוואַקסן. אינם באַגריף „ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג״ ווערן איינגעשלאָסן אַלע אירע טיילן: די פּועלי־ציון פּאַרטיי, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע און די פאַרשידענע יוגנט־באַוועגונגען. די דעטאַלירטע אַרבעטן פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס ווערן פאַרצייכנט אין דער געשיכטלעכער אָפּטיילונג, וואָס דעקט דעם ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט; אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וועמעס הויפּט אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין צווייטן פערטל פון יאָרהונדערט. אין אונזערע באַטראַכטונגען ווערן, אָבער, איינגעשלאָסן אַלע יענע אַרבעטן, וואָס האָבן שפּעטער דערפירט צום געווערקשאַפטן קאַמפּיין. אויך די אַרבעט פון די פּיאָנערן־פרויען האָט זיך אַנטוויקלט אין צווייטן פערטל יאָרהונדערט. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אָבער שוין געווען אַ וואוזנטלעכער כוח אויך אין ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט. אַלע ווייטערדיקע פאַרצייכענונגען שליסן דעריבער איין סיי די פּאַרטיי, סיי דעם פאַרבאַנד.

ווי די וויכטיקסטע עלעמענטן וואָס האָבן עקזיסטירט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט און דאַרפן דאָ אָנגעצייכנט ווערן, באַטראַכטן מיר פאָלגנדיקע:

א) די ווירקונג פון שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן אין אָנהויב פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט.
ב) די ווירקונג פון דייטשע אידן אין דער זעלבער צייט;
ג) די מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־און דרום־איראָפּעאישע אידן און זייער ווירקונג אין אַמעריקאַנער אידנטום.
ד) די ערשטע פּועלי־ציון גרופּן וואָס זיינען אַנגעקומען קיין אַמעריקע;
ה) די ניט־אידישע וועלט, וואָס אַלע טיילן פון אידישע אימיגראַנטן האָבן דאָ באַגעגנט;
ו) די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין אידישן לעבן אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט.

די אָרדנונג פון די אָנגעצייכנטע עלעמענטן איז ניט אָנגעגעבן געוואָרן לויט דער מאָס פון איינפלוס וואָס יעדער עלעמענט האָט אויסגעאיבט. די ערשטע דריי זיינען באַצייכנט כראָנאָלאָגיש. די דריטע און פערטע בלויז לויט דעם סדר וואָס מיר וועלן זיי פּרובירן אַנאַליזירן. נאָכדעם ווי די־דאָזיקע עלעמענטן וועלן בקיצור אַרויסגעבראַכט ווערן, וועלן מיר איבערגיין צום זעקסטן פּונקט: נאָכגיין די פּאַ־סירונגען פון ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט און דעם אָרט וואָס אונזער ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג האָט אין זיי פאַרנומען.

## א. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן

אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך שוין דער דירעקטער איינפלוס פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן ניט זייער שטאַרק געפילט. עס קען אָבער קיין ספק ניט זיין, אַז עלעמענטן פון דער אייגנאַרטיקייט פון אָט דעם שבט זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דעם מזיגה־פּראָצעס פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס אַליין איז גענוג כדי דעם דאָזיקן שבט אַריינצוברענגען אין אונז־זער אַנאַליז. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ וויכטיקערע סיבה: אָט דער שבט איז געווען דער ערשטער וואָס האָט באַטראָטן דעם אַמעריקאַנער באָדן און האָט דורכדעם געעפנט דעם נייעם קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַמעריקאַנער אידנטום". ווי אַן ערשטער האָט ער געמוזט איבערלאָזן אַ רושם אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

מיר קענען זיך אין אונזער אַרבעט ניט פאַרנעמען מיט אַ דעטאַלער געשיכטע פון אָט דעם שבט. דאָס וועט אָן ספק געטאָן ווערן פון יענע מענטשן, וואָס פירן דורך די פייערלעכקייטן פון 300 יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע. אַזאַ דעטאַלירטע געשיכטע וועט אוודאי באַצייכענען דעם פאַקט, אַז יחידים אידן זיינען אפילו געקומען צוזאַמען מיט קריסטאָפער קאָלומבוס; אַז אַנדערע יחידים אידן זיינען אַריינגעקומען אין אַמעריקע נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע; אָבער אַז די ערשטע גרופּע אידן, וואָס איז אין דער שיף „סעינט טשאַרלס" געקומען צו אַן אַמעריקאַנער ברעג אין סעפּטעמבער, 1654, איז געווען אַ גרופּע פון 23 האָלענ־דישע אידן. זיי האָבן געשטאַמט פון אידן וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער אינק־

אַ טייל פון די דעלעגאַטן צו דער 4טער קאָנווענשאָן פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד (די צווייטע קאָנווענשאָן זינט דעם באַקומען דעם טשאַרטער דעם 6טן יאַנואַר 1913) אין פילאַדעלפיע (22—26 אַפּריל 1914)



די צווייטע קאָנווענשאַן פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פיטסבורג (יולי 1911)



וויזיציע און האָבן זיך באַזעצט אין בראַזיל. ווען די אינקוויזיציע האָט אָהין אויך דערגרייכט, האָבן די 23 אידן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון בראַזיל און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען זיינען זיי אָנגעקומען קיין ניו־אַמסטערדאַם (דער נאָמען וואָס די איצטיקע ניו יאָרק האָט דאַן געטראָגן). עס וועט מוזן דערציילט ווערן וועגן דעם קאַמף וואָס איז זיי דאַן אויסגעקומען צו פירן קעגן פּיטער סטייוועסאַנט, דער גאָווערנאָר פון דער קאָלאָניע, וועלכער האָט זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. עס וועט מוזן דערציילט ווערן וועלכע גוראַנגלען זיי האָבן געמוזט פירן ביז זיי האָבן באַקומען בירגער־רעכט אין דער קאָלאָניע. עס וועט מוזן דערציילט ווערן וועגן דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער קאָנגרעגאַציע „שארית ישראל", וואָס איז געווען די ערשטע אידיש־רעליגיעזע אינסטיטוציע אין אַמעריקע, געגרינדעט אַזוי פרי ווי אין יאָר 1656. די נעמען פון די ערשטע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן ווערן פאַרנעמען אַ געהויבענעם אָרט אין דער רשימה פון אידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן דעם וואונדערלעכן קאַפּיטל: אַמעריקאַנער אידנטום. מיר דאַ קאָנען אַרויסברענגען נאָר אייניקע שטריכן פון דער אייגנאַרטיקייט פון אָט דעם באַזונדערן אידישן שבט, — די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן.

דער פאַקט וואָס זיי זיינען געטריבן געוואָרן דורך אינקוויזיציעס, פריער פון אייראָפּע און נאָכדעם פון דרום־אַמעריקע, האָט פון זיי אויסגעשמידט קעמפער פאַר אידישער פרייהייט. ווען אייניקע פון זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון דעם נייעם לאַנד, האָבן זיי ווידער באַגעגענט אַנטי־אידן־דיסקרימינאַציעס. אמת, ניט קיין אינקוויזיציע, אָבער דאָך דיסקרימינאַציע. דאָס האָט ביי זיי נאָך פאַרשאַרפט דעם קאַמפּס־ווילן קעגן אַזעלכע דיסקרימינאַציעס און פאַר זייער פרייהייט צו קענען לעבן ווי אידן. די צווייטע גרופּע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן איז אויך באַשטאַנען פון אַנטלאָפענע פון דער אינקוויזיציע. זיי זיינען געלאָפן דורך סורינאַם און קוראַסאַו און זיינען אָנגעקומען קיין ניו־פּאָרט, ראוד־איילאַנד. אין ניופּאָרט האָבן זיי קיין דיסקרימינאַציעס קעגן זיך נישט אָנגעטראָפן. דער גרינדער פון ראוד־איילאַנד — ראַדזשער וויליאַמס — איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעמפער פאַר רעליגיעזער פרייהייט. די דאָזיקע קאָלאָניע איז געווען באַהערשט פון זיין גייסט. דעריבער איז טאַקע ראוד־איילענד געווען איינע פון די ערשטע קאָלאָניעס, וואו עס האָט אָנגעהויבן אויפבליען אַ אידיש לעבן.

ביידע גרופּן האָבן אין פרייהייט געזען בעיקר רעליגיעזע פרייהייט. ערשטנס, ווייל די אינקוויזיציע האָט זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען קעגן דער אידישער רעליגיע; צווייטנס, האָט זיך די אייגנאַרטיקייט פון אידישן פאָלק דאַן בכלל אויסגעדריקט אויפן רעליגיעזן שטח. ווען די דאָזיקע צוויי ערשטע גרופּן האָבן דערשפּירט די מעגלעכקייט פון לעבן פריי ווי אידן, האָט זיך עס אויסגעדריקט אַמשאַרפסטן אין אויסלעבן זיך אידיש־רעליגיעז. די סינאַגאָגע און דער אידישער הייליקער אָרט (דער בית־עולם) זיינען געוואָרן דער צענטער פון זייער אידישקייט, דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין זייער גייסטיקן לעבן.

אַזאַ איז דער דאָזיקער שבט פאַרבליבן כמעט דורך אַלע דריי הונדערט יאָר פון זיין געשיכטע אין אַמעריקע ביזן היינטיקן טאָג. דער אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט אים אָבער שוין געטראָפן ביים ראַנד פון אידישע געשעענישן.

די ערשטע און צענטראַלע פלעצער האָבן שוין דאַן פאַרנומען די נייע גרעסערע אידישע שטראָמען: די דייטשע און מזרח־אייראָפּעאישע אידן. די רייכע,

גייסטיקע, אידיש־שעפערישע ירושה, וואָס פריערדיקע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע דורות האָבן געשאַפן, האָט געמוזט וואַרטן אויפן אָנקומען פון די מזרח־אייראָפּע־אישע אידן, כדי פונדאַסניי צו אַנטדעקן די וואונדערבאַרע פּלעיאַדע פון שעפע־רישע ריזן פון דער אידיש־שפּאַנישער עפּאָכע. דאָך האָבן דורך די אימפּאָנדראַבילע געשיכטס־שטראַלן זיך אַריבערגעטראָגן פון יענער עפּאָכע טיפע נשמה־איינפלוסן אויף די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן פון אַלע דורות און דער שבט אין אַמעריקע האָט אויך איינגעזאַפּט אין זיך אַזעלכע איינפלוסן. זייער דור ביים אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט האָט עס זיכער אויך אין זיך געטראָגן.

אויסגעדריקט האָט זיך עס אין טיפער רעליגיאָזיטעט און אין גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם. דאָס איז געווען אַן אַריסטאָקראַטיזם וואָס אידלט די נשמות און ניט אַזאַ וואָס טראָגט זלזול קעגן המון. אַזוי זיינען זיי געשטאַנען אין זייער ווינקל, האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביי זייער מסורה און האָבן אויפגעהאַלטן זייער אייגענעם נוסח התפילה. וואָלט מען אָט־די גרופּע געדאַרפט כאַראַקטעריזירן לויט די אָנ־גענומענע רעליגיעזע צעטיילונגען אין אידישן לעבן פון היינטיקער אַמעריקע: אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער, שיינט מיר, אַז אין נשמה־טיפקייט געהערט זי צו די אָרטאָדאָקסן און לויט אירע אויסערלעכע פאָרמען געהערט זי שוין מער צו די מאָדערנע קאָנסערוואַטיווע.

די אויסשטראַלונגען פון זייערע נשמות זיינען זיכער געבליבן ניט אָן איינפלוס אויף דער גייסטיקער מזיגה וואָס קומט פאָר אין אַמעריקאַנער אידנטום. אין די ערשטע יאָרן פון דער דייטש־אידישער אימיגראַציע האָבן די אידן פון דייטשלאַנד זייער גייסטיק־אידיש לעבן אַריינגעגאָסן אין די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידישע אַנשטאַלטן וואָס האָבן שוין דאַן עקזיסטירט. ערשט אַרום דעם יאָר 1825 האָבן די דייטשע אידן אָנגעהויבן בויען זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציעס. זיי האָבן אָבער שוין דאַן געהאַט אַריינגעזאַפּט אין זיך איינפלוסן פון דעם שפּאַניש־פּאָרטוגעזישן אידישן שבט. שפּעטער־צו האָט דער דאָזיקער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער אידי־שער שבט, דורך זיין אייגנאַרטיקן גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם, באַאיינפלוסט אויך טיילן פון מזרח־און דרום־אייראָפּעאישן אידנטום. ווען די פולע געשיכטע פון זייערע איינפלוסן וועט געשריבן ווערן, וועלן די דאָזיקע השפעות מוזן בולט אַרויס־געבראַכט ווערן.

## ב. די דייטשע אידן

א גאַנץ אַנדערע ווירקונג האָט אויסגעאיבט די דייטש־אידישע גרופּע אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט. אין צאָל איז זי געווען פיל מאָל גרעסער ווי די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע; אין דינאַמישקייט פיל רירעוודיקער און ווי אַ סאָציאַלע גרופּע — פון גאָר אַן אַנדערן טייג געקנאָטן.

ווען די דייטש־אידישע עמיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן, איז שוין די אַמע־ריקאַנער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט געווען באַפעסטיקט. דידאָזיקע עמי־גראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין די פריע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט נאָך די נאָ־

פּאָלעאָנישע מלחמות און זי האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט נאָך די רעוואָלוציאָנערע דורכפאַלן פון 1848.

ווי געזאָגט, האָבן די ערשטע גרופּן, אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, זיך אָנגעשלאָסן אין די עקזיסטירנדיקע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע קהילות און סינאַגאָגן. ערשט אַרום 1825 האָבן זיי אָנגעהויבן גרינדן אייגענע קאָנגרעגאַציעס. שוין דאַן האָבן זיי אין צאָל איבערגעשטיגן דעם שפּאַניש־פּאָרטוגעזישן שבט. פונדעסטוועגן האָבן זיי ביים אָנהויבן אָרגאַניזירן זיך באַזונדער, נאָך אַלץ קיין אייגנאַרטיקייט ניט אַרויסגעוויזן, אויך ניט אויפן רעליגיעזן שטח. ערשט נאָך 1848 האָבן אָנגעהויבן קומען אידיש־דייטשע עלעמענטן פון העכערער אינטעליגענץ און האָבן אָנגעהויבן אַריינטראָגן זייער אייגנאַרטיקן טאָן אין דעם אַמעריקאַניש־אידישן אָרקעסטער. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אַנטוויקלט אין אַ קאָלאָסאַלן כוח, וואָס האָט אין דער אַמעריקאַנער אידישער מזיגה אַריינגעטראָגן זייער פּיל פון איר אייגנאַרטיקייט.

אויך זייער פּולע געשיכטע איז ניט אונזער אויפגאַבע צו באַשרייבן. אויך זייער קאַפּיטל וועט ניט פעלן אין די מאַטעריאַלן וואָס ווערן צוגעגרייט צו די 300 יאָריקע פייערונגען. זייער איינפלוס איז געווען און איז נאָך איצטער, גאָר אַ גרויסער אויף דער פאָרמירונג פון אַמעריקאַנער אידנטום. ביים אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט זיינען זיי שוין גאָר נישט געשטאַנען אין אַ ווינקל. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אויסצוקנעטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום בצלמם ובדמותם. דאָס האָט געפירט צו שאַרפע גראַנגלען מיטן מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום. וועגן דעם וועט שפּעטער זיין די רייד. וויכטיק איז אָבער שוין איצט פעסטצושטעלן דעם מהות פון יענער געשטאַלט, וואָס זיי האָבן געזוכט אַרויפצושטעמפּלען אויפן אַמעריקאַנער אידנטום.

עס ווערט געוויינטלעך אָנגענומען אַז די דייטשע אידן האָבן געבראַכט דעם רעפאָרם־נוסח אין אַמעריקע. ווי אַ געשיכטלעכער פאַקט איז עס ריכטיק, כאָטש דער איצטיקער אַמעריקאַנער־אידישער רעפאָרם־נוסח איז ווייט פון דעם דייטשן רעפאָרם־נוסח כרחוק מזרח ממערב. דער רעפאָרם־נוסח איז אָבער, לויט מיין מיינונג, ניט געווען דער איינציקער שטייער פון די דייטשע אידן אויפן שטח פון אידישן גייסט. ניט פאַרמעסטנדיק זיך צו געבן אַ פולשטענדיקן אַנאַליז פונעם שטייער, וואָס די דייטשע אידן האָבן צוגעטראָגן צו דער פאָרמירונג פון אַמעריקאַנער אידישן גייסטיקן לעבן, האַלט איך פונדעסטוועגן פאַר נייטיק צו ציען אויפמערקזאַמקייט צו איין אינטערעסאַנטער דערשיינונג (וועגן זייער אויסווירקונג אויף סאָציאַלע און עקאָנאָמישע שטחים, אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע, וואו די דייטשע אידן האָבן פאַרנומען דעם ערשטן אָרט, וועט גערעדט ווערן ווען עס וועלן געשילדערט ווערן די צוזאַמענשטויסן צווישן די דייטשע אידן און די מזרח־אייראָפּעאישע).

אפשר אומבאַוואוסט פאַר די ערשטע גרופּן פון דייטשע אידן אליין, האָבן זיי צום אַמעריקאַנער אידנטום צוגעטראָגן גייסטיקע שטייערן, וואָס האָבן דערפירט צום קעגנזאַץ פון דעם וואָס זיי האָבן געהאַט אין זינען. די וויכטיקסטע ירושה וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך און האָבן זי געזוכט צו פאַרפלאַנצן אויך אין אַמעריקאַנער אידנטום איז געווען — „חכמת ישראל“. די גייסטיקע ריזן צווישן אידן אין דייטשלאַנד אין אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן זייער

יצירה־כח אַרייַנגעגעבן אין אַט די פֿאַרשונגען און אין די ריזיקע ספֿרים, וואָס זיי האָבן אויף דעם שטח אַרויסגעבראַכט. אַ באַדייטנדיקע גרופּע פֿון די ערשטע רעפֿאָרם־ראַבאַיס אין אַמעריקע האָט דאָ ממשיך געווען אַט די גרויסע שעפֿערישע אַרבעטן. סיי אין דייטשלאַנד גופֿא, סיי דאָ, אין אַמעריקע, האָבן זיי צוגעטראָגן צום אוצר פֿון דער אידישער שאַפֿונג אַ זייער וויכטיקן שטייער. אייניקע באַדייטנדיקע אונגאַרישע אידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אַט דער יצירה.

אָבער אין אַמעריקע זייַנע די איינפֿלוסן אַרייַנגעגאָסן געוואָרן ניט אין אַן ענלעכן גייסטיקן פֿורעם ווי אין דייטשלאַנד. דאָרטן איז „חכמת ישראל" אויפֿגעפֿאַסט געוואָרן פֿון די שעפֿער אַליין ווי אַן אָפּשלוס פֿון אַ גרויסער עפּאָכע, כמעט ווי אַ מצבה אויף אַ שעפֿערישן אידנטום וואָס איז אַמאָל געווען. זי איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דעם צוועק צו ווייַזן דער ניט־אידישער וועלט, אַז אידן טראָגן אין זיך אַ רייַכן קולטור־אוצר. מען קען עס פֿאַרגלייַכן צו אַ רייַכער פֿענסטער־אויסשטאַטונג פֿון אַ געשעפֿט וואָס אינווייניק איז שוין קיין סך פֿון אַט־דער אויסגעשטעלטער סחורה ניטאָ. בעיקר האָט דאָ געווירקט ירושה־שטאָלץ. אינסטינקטיוו האָבן די שעפֿער פֿון אַט־דער חכמת ישראל געפֿילט, אַז זייערע קומענדיקע דורות, זייערע אייגענע קינדער, וועלן פֿון אַט די אַלע אוצרות שוין מער ניט שעפּן.

ווען די ערשטע גרופּע אידן, מיט חכמת־ישראל־ירושה אין זייערע נשמות זייַנען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע און אָנגעהויבן דאָ ממשיך זיין זייער אַרבעט, האָבן זיי געמיינט, אַז קומענדיקע אידישע דורות, אין אַמעריקע געבאָרענע, וועלן שוין אוודאי פֿון אַט די קוואַלן קיין חיונה פֿאַר זייער אייגענעם גייסטיקן לעבן ניט שעפּן. דער „מצבה"־כאַראַקטער איז דעריבער נאָך פֿיל בולט׳ער אין זייערע ערשטע שאַפֿונגען אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן. די אידישע געשיכטע האָט זיי דאָ אָבער אונטערגעטראָגן אַן איבערראַשונג. פֿאַר אייניקע פֿון זיי איז עס אפֿשר געווען אַן אַנטוישונג, בעיקר פֿאַר יענע וואָס האָבן אויף דעם ערלעכסטן אופֿן געזען די לייזונג פֿון דער אידן־פֿראַגע אין פֿולשטענדיקער אינטעגראַציע מיט דער קולטור און דעם גייסט פֿון לאַנד אין וועלכן מען לעבט. מיט אַנדערע ווערטער: ס׳איז אוודאי געווען אַן אַנטוישונג פֿאַר די ערלעכע איבערצייגטע אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן אין פּראַצעס פֿון גייסטיקער גסיסה נאָר געוואָלט באַווייַזן, וואָס פֿאַר אַ ירושה מיר האָבן פֿאַרמאָגט. געווען אָבער אַ באַדייטנדיקער טייל וואָס האָט זיכער געצויגן פֿיל נחת רוח פֿון דער איבערראַשונג. זיי האָבן פּלוצים דערשפּירט, אַז אַנשטאַט זיך צו באַטראַכטן ווי דאָס לעצטע רינגעלע אין אַ קייט און ציען בלויז שטאָלץ פֿון דער אייגענער ירושה, איז זיי גאָר באַשערט געוואָרן צו ווערן שעפֿער פֿון אוצרות פֿאַר נייַע יורשים־דורות, וואָס וועלן אַליין דערפֿון געניסן און וועלן נאָך צוטראָגן, יעדער דור דעם נופֿך משלו.

די דאָזיקע נייַע יורשים־דורות איז זיי צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער גרויסער איינוואַנדערונג פֿון מזרח־אייראָפּעאישע אידן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פֿריע אַכציגער יאָרן פֿון לעצטן יאָרהונדערט. איך גיי נאָך ניט איבער צו יענעם קאַפּיטל. מען קען אָבער ניט שרייבן וועגן דער ראָלע פֿון די דייטשע אידן און ניט פֿאַרשרייבן אויף זייער חשבון אַן אַנטוויקלונג אין וועלכער זיי

האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן חלק, כאָטש זי איז געקומען צו זיי כמעט בהיסח הדעת. אַ טיפערע פאָרשונג פון דעם שטייער פון יענער גרופע פון חכמת־ישראל־ממשיכים אין אַמעריקע וועט זיכער אַרויסברענגען דעם פאַקט, אַז די פון זיי וואָס האָבן דערשפירט די מעגלעכקייט פון אַ יורשים־דור, האָבן דערפון געצויגן צוגאָב־כוח פאַר זייערע שאַפונגען.

כדי צו ברענגען כאָטש איין ביישפּיל פון אָט דער אינטערעסאַנטער אַנט־וויקלונג, איז גענוג אָנצואווייזן אויף די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם טיפּ פון רעפאָרם ראַבינער. אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער טיפּ מיט אַ דייטש־אונגאַריש־אידישער ראַבינער־גרופּע, וואָס האָט ממשיך געווען די חכמת ישראל־מסורה; און אַנטוויקלט האָט זיך די גרופּע צו אַ ראַבינאַט, וואָס שטאַמט מערסטנס פון ליטווישע און גאַליציאַנער אידן. דערמיט דערקלערט זיך וואָס די מערסטע פון זיי האָבן אָנגענומען ציוניזם, להיפּך צום אַנטי־ציוניזם וואָס איז געווען כמעט דער סימן מובהק פון דער ערשטער דייטש־אידישער ראַבינער גרופּע. דאָ רירן מיר אָן אַ דערשיינונג וואָס פאָדערט אַ סך אַ טיפערן און ברייטערן אַנאַליז. ער האָט געשפּילט און שפּילט נאָך אויך איצטער אַ גרויסע ראָלע אין אונזער אַמעריקאַנער מיזוג־גלויות פּראָצעס, אַ פּראָצעס וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט נאָך עד היום ניט פאַרענדיקט. אָבער דער דאָזיקער פאַקט ווערט דאָ געבראַכט נאָר ווי אַן אילוסטראַציע צום געדאַנק, אַז ווי נאָר אין אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן קומען אידישע שיכטן, וואָס האָבן געטראָגן היסטאָרישע אידישקייט אין זייערע הערצער און האָבן געוואָלט די דאָזיקע ירושה איבערגעבן צו נייע דורות, איז דער גרופּע שפּעטערישע דייטשע אידן צוגעשטעלט געוואָרן אַ יורשים־דור וואָס האָט געמאַכט אַ שטריך איבער זייער „מצבה״־איינשטעלונג צו חכמת־ישראל.

אין אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט נאָך די העגעמאָניע אין דער אידיש־דייטשער גרופּע געהאַט דער עלעמענט וואָס, צוליב מאַנגל אין אַן אַנדערן, מער פּאַסיקן טערמין, איז ער באַצייכנט געוואָרן ווי אַסימילאַטאָריש. זיי זענען אויך מערסטנס געווען אַנטי־ציוניסטן. בלויז אַ פּאָר יחידים האָבן זיך דאַן שוין אַרויסגערוקט פון זייערע קרייזן מיט טיפערע נאַציאָנאַלע און אפילו פּראָ־ציוניסטישע עמפּינדונגען. ווי אַ גאַנצע גרופּע האָט זי געווירקט אין זין פון פּאַרטושן אידישע אייגנאַרטיקייטן. די געשטאַלט, אין וועלכער זי האָט זיך באַמיט אויסצופורעמען דעם כסדר־וואַקסנדיקן אַמעריקאַנער אידנטום, איז געווען אַזאַ וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטעלן, אויב ניט אינגאַנצן אָפּמעקן, די ספּעציעל־אידישע געשטאַלט, וואָס די מזרח־אייראָפּעאישע איינוואַנדערונג האָט אָנגעהויבן מיט זיך מיטברענגען. די שטרעבונג צו אינטעגראַציע אין דער באַפעלקערונג צווישן וועלכער מען לעבט, אַ שטרעבונג וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט מיט זיך פון דייטשלאַנד, איז געווען די וויכטיקסטע קראַפט וואָס האָט זיי באַוועגט. לויט איר האָבן זיי געהאַנדלט און אַנטקעגן אָט־דער האַנדלונג האָט זיך אָנגעהויבן אויפשטעלן דער נייער שטראָם, וועמען עס איז באַשערט געוואָרן אַריינצושרייבן אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום זיינע שפּעטערישסטע קאַפּיטלעך — דער שטראָם איינוואַנדערער פון מזרח און דרום־אייראָפּע.

## ג. די מזרח־און דרום־אייראָפּעאישע אידן

פּונקט ווי די פריער דערמאָנטע אידישע שבטים, אַזוי איז אויך דער שטראָם פון דעם מזרח־ און דרום־אייראָפּעאישן שבט געטריבן געוואָרן צו וואַנדערונג סיי דורך עקאָנאָמישער נויט, סיי דורך סאָציאַלער און פּאָליטישער דיסקרימינאַציע. אינם פאַל פון די מזרח־אייראָפּעאישע אידן האָט די דיסקרימינאַציע אָנגענומען די פאָרעם פון שרעקלעכע פּאָגראָמען. אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען דאָן געווען איינגעשלאָסן — אויסער גרויס־רוסלאַנד — פּוילן, אוקראַאינע, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, ווייס־רוסלאַנד, וואָלין און בעסאַראַביע. אַלע צוזאַמען האָבן פאַרמאָגט נאָענט צו זעקס מיליאָן אידן. סיי די צאַרישע רעגירונג, סיי גרויסע טיילן פון דער פאַרשידנאַרטיקער באַפעלקערונג, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט שנאה צו אידן. עס איז ניט אונזער אויפגאַבע אַריינצוגיין אין דערקלערונגען פון וואַנען אָט די שנאה האָט זיך גענומען. וויכטיק איז צו געדענקען, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט שוין אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט געדאַרפט קעמפן קעגן אַ רעוואָלוציאָנערן כוח וואָס האָט גענומען וואַקסן אין רוסלאַנד. דער דאָזיקער כוח האָט אָנגעהויבן אויסנוצן די אומצופרידנקייט פון דער פאַרשידנאַרטיקער באַפעלקערונג מיטן צאַריזם און מיט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון זייער לעבן. די צאַרישע רעגירונג האָט געזוכט אָפּצואווענדן די דאָזיקע אומצופרידנקייט פון זיך. דער „בעסטער" עלעמענט קעגן וועמען צו העצן די אומצופרידענע זענען געווען די אידן. האָט די צאַרישע רעגירונג זיך אַ האַר ניט געקווענקלט און האָט אַריינגעוואָרפן די אידישע באַפעלקערונג פון לאַנד אין אַ פייער פון פּאָגראָמען.

די אידישע באַפעלקערונג האָט, ווי אין אַלע פריערדיקע גלות׳ן, געזוכט אַ רעטונג אין וואַנדערן. דורך וואַנדערונג זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אַלע פריערדיקע אידישע ישובים און דורך וואַנדערונג איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן דער נייער אידישער ישוב אין אַמעריקע.

האָבן זיך אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן אָנגעהויבן ציען שטראָמען פון מזרח אייראָפּע. מחמת נויט און סאָציאַלע דעפּרעסיעס, ווען אפילו ניט דורך פּאָגראָמען, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן ציען שטראָמען פון גאַליצישע אידן, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון עסטרייך, און אויך רומענישע און אונגאַרישע אידן. עס ווערט אָפּגעשאַצט אַז אין די איבער דרייסיק יאָר פון אָט דער מאַסן־וואַנדערונג ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה, זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע אַריינגעקומען נאָענט צו צוויי מיליאָן אידן פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע.

שוין זייער אומגעהייערע צאָל האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אין אויספאָרמירן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. אָבער ניט בלויז די צאָל האָט געשפּילט אַ ראָלע. געווירקט האָט אַמטיפסטן דער גייסט וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט אין זייערע נשמות. אויף די שטחים פון גייסט זענען פאָרגעקומען שפּעטער די שאַרפסטע געראַנגלען צווישן דעם נייעם שבט און דעם שבט פון דייטשע אידן. דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער שבט איז כמעט געשטאַנען מן הצד.

די מזרח־ און דרום־אייראָפּעאישע איינוואַנדערער זענען אוודאי ניט געווען אַלע מעור אחד. די אונגאַרישע אידן, אַ טייל רומענישע און אַ טייל עסטרייכישע

זענען אין דעם שפּעטערדיקן גערעַנגל אָפּט געווען געניגט צו די דייטשע אידן. דעם הויפּט־געראַנגל האָבן אויסגעטראָגן די פּוילישע, ליטווישע, אוקראַאינישע, ווייס־רוסישע, וואָלינער און בעסאַראַבער אידן. זייער שם־הכולל איז דאַן געווען: רוסישע אידן, ווייל זיי זענען אַלע געקומען פון רוסלאַנד. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען דער גרעסטער טייל פון גאַליציאַנער אידן.

איין גרויסער פאַקטאָר האָט פאַראייניקט אַלע אידישע אימיגראַנטן פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע — די נויטווענדיקייט פון צופּאַסן זיך צו נייע באַדינ־גונגען אין וועלכע זיי זענען אַריינגעפאַלן, אַלע כמעט אין דער זעלביקער צייט. זיי האָבן זיך אַלע אָנגעשטויסן אויף כמעט די זעלביקע שוועריקייטן און האָבן געהאַט די זעלביקע אויסזיכטן זיך פון די שוועריקייטן אַרויסצובאַקומען.

די גרעסטע צאָל פון זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם וועג פון אַרבעט, וואָס האָט דאַן געמיינט דער סוועט־שאָפּ. אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פון זיי האָט דורכגעמאַכט פּעדלעריי. סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן זיך עקאָנאָמיש צוזאַמענגעשטויסן מיט דעם פריערדיקן דייטשן שבט. די ערשטע, די וואָס זענען געוואָרן אַרבעטער, האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די דייטשע אידן, די אייגנטימער פון די פאַבריקן, וואו די נייע אימיגראַנטן האָבן געאַרבעט. אמת, שפּעטער־צו האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון נאָך אַן ערגערן סוועט־שאָפּ־סיסטעם, וואָס עס האָבן אויפגעבויט דוקא די פריער געקומענע אימיגראַנטן פון שטעט און שטעטלעך פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע, וועלכע האָבן געפונען אין זייערע „גרינע לאַנדסלייט" אַן אויסגעצייכנטן עלעמענט פאַר עקספּלואַטאַציע. אָבער דעם ערשטן „קלאַסן־קעגנזאַץ"־געפיל האָבן די ערשטע מזרח־און דרום־אייראָפּעאישע אימיגראַנטן־שטראָמען געטראָגן קעגן זייערע ערשטע „באָסעס" — די דייטשע אידן.

אַזוי איז אויך געשען מיט די פּעדלער. דאָ איז שוין קיין שוויץ־סיסטעם ניט געווען, אָבער עקספּלואַטאַציע פון דעם „גרינעם פּעדלער" איז יאָ געווען אין אַ גרויסער מאָס. דער דייטש־אידישער קרעמער האָט עס געגעבן דעם „פּעדלער" די סחורה צו פאַרקויפן און דער „פּעדלער" איז געוואָרן שטאַרק אָפּהענגיק פון זיין בעל־טובה. אויך אויף דעם שטח האָבן די קעגנזייטיקע אינטערעסן פון ביידע צדדים אַרויסגערופן ניט קיין גרויסע ליבע איינער צום צווייטן.

אונז אינטערעסירט אָבער ניט בלויז דער עקאָנאָמישער קלאַסן־אָדער גרופּן־קאַמף. אונז אינטערעסירט בעיקר דער גייסטיקער געראַנגל. מיר האָבן דעם עקאָ־נאָמישן געראַנגל אַרויסגעבראַכט — להיפּוך צום מאַרקסיסטישן איינשטעל — נאָר ווי אַ באַגלייט־פאַקטאָר צו דעם גייסטיקן געראַנגל צו וועלכן מיר גייען באַלד איבער.

עס איז אָבער פריער נויטיק אַרויסצוברענגען אייניקע שטריכן פון דעם גייסטיקן מהות פון מזרח־און דרום־אייראָפּעאישן אידנטום.

עס איז אמת אַז די מערסטע פון די ערשטע שטראָמען וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע זיינען געטריבן געוואָרן דורך נויט און דורך פּאָגראָמען. נויט אַליין דערהויבט ניט דעם מענטשן, וואָס ווערט פון אים געטריבן. דער פּראָצעס פון וואַנדערונג גופא העלפט אויך ניט צו דערהויבן דעם מענטשן, וואָס איז אין אים אַריינגעשלעפּט געוואָרן. נאָר וואַנדערונג לשם אידייע קען דערהויבן דעם מענטשן. וואַנדערונג מחמת נויט דריקט גאָר אַרונטער די גייסטיקע מדרגה. אָבער אין יעדן

גרויסן שטראָם פון וואַנדערונג אין דער אידישער גלות־געשיכטע האָט זיך אַלע־מאָל געפונען אַ קליין שטראָמעלע, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך אַן אידייע. אין אָנהויב פון דער גרויסער מאַסן־וואַנדערונג פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע איז דער טרעגער פון אַזאַ אידייע געווען די גרופּע „עם עולם״.

די דאָזיקע גרופּע איז אויפגעקומען אין רוסישן אידנטום זוכנדיק אַן אויס־גאַנג פון דער פּאָגראָמען־לאַגע. זי איז געווען איינע פון דריי גרופּן וואָס זיינען דאַן אויפגעקומען אין רוסישן אידנטום. די ערשטע איז געווען די ביל״ו־גרופּע, וואָס האָט געגרופּן די אידן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אירע מיטגלידער האָט מען גערופן: „פּאַלעסטינצעס״. די צווייטע איז געווען די גרופּע וואָס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן, מיט דער זייער וואַגיקער הילף פון באַראָן הירש, מיטן צוועק צו ווערן קאָלאָניסטן אין דרום־אַמעריקע. אירע מיטגלידער האָט מען גערופן: „אַרגענטינצעס״, און די דריטע — די „עם עולם״ גרופּע — וועמעס מיטגלידער מען האָט גערופן: „אַמעריקאַנצעס״. אַלע פון זיי האָבן זיך אָריענטירט אויף אויס־וואַנדערונג פון רוסלאַנד; אַלע פון זיי האָבן געפּריידיקט די אידייע פון ווירט־שאַפטלעכן איבערבוי פון אידישן לעבן, מיטן טראָפּ אויף ערד־אַרבעט. צווישן זיך האָט מען זיך שטאַרק באַקעמפט. לויט דער מאָנאָטעאיסטישער איינשטעלונג ביי אידעאַליסטישע אידן, האָט יעדערער געזען אין זיין גרופּע דעם פולן און איינ־ציקן אמת און ביי די קעגנער — כולו טעות. דער היסטאָרישער אמת איז, אַז אַלע דריי קליינע שטראָמען האָבן אריינגעשריבן אומגעהייער גרויסע קאַפּיטלעך אין דער אידישער געשיכטע. קוקנדיק צוריק, זעט מען אַז אַלע דריי צוזאַמען האָבן געשיכטלעך געראַטעוועט דעם אידישן פאָלקס־קיום. פון ביל״ו האָט זיך אַנט־וויקלט די היינטיקע מדינת ישראל; די „אַרגענטינצעס״ האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דעם איצטיקן אידנטום אין דרום־אַמעריקע; און פון „עם עולם״ איז אומגעהויער באַאיינפלוסט געוואָרן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. זיכער האָט די דאָזיקע גרופּע געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דעם אויפקום פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע.

די צענטראַלע אידייע פון אָט דער גרופּע איז אויסגעדריקט אין איר נאָמען: די אידייען פון דעם „אייביקן פאָלק״ זאָלן אריבערגעפּלאַנצט ווערן אין דעם נייעם גרויסן לאַנד. מיט דידאָזיקע אידייען זיינען געמיינט אַלע סאָציאַלע שטרעבונגען פון די אידישע נביאים. עס איז ניט אונזער אויפגאַבע נאָכצוגיין די אַנטוויקלונ־גען פון אָט דער גרופּע און אָנווייזן סיי אירע אויפטואונגען סיי אירע דורכפאַלן. אויך דער קאַפּיטל געהערט צו די דריי הונדערט יאָר אידישער געשיכטע אין אַמעריקע. פאַר אונזער אַרבעט איז גענוג צו פאַרצייכענען, אַז ביים אָנהויב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט איז דער איינפלוס פון אָט־דער גרופּע געווען גאָר אַ באַדייטנדיקער, טראָץ דעם וואָס אירע פּרוואוון אויפצובויען אין אַמעריקע אידי־שע קאָאָפּעראַטיווע אַגראַרע קאָלאָניעס — עפּעס ענלעך צו די קיבוצים פון היינטיקן ישראל — איז זיי ניט געלונגען. מענטשן פון אָט־דער גרופּע, אָדער באַאיינפלוסט פון איר, האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן די סוועט־שעפּער און האָבן אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון בויען טרייד־יוניאָנס צווישן די אידישע אַר־בעטער. מענטשן פון אָט־דער גרופּע, אָדער באַאיינפלוסט פון איר, זיינען געווען די באַגרינדער סיי פון דער סאָציאַליסטישער, סיי פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אויף דער אַמעריקאַנער אידישער גאַס.

אין דער פאַרמירונג פון אַט די באַוועגונגען האָט אויך מיטגעהאָלפן אַ גרופּע פון סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן ביים סוף פון 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט געלעבט אין ענגלאַנד. אויך זיי זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער „עם־עולם" גרופּע. אויך זיי געהערן צו אונזערע באַטראַכטונגען, ווייל ענגלאַנד איז פאַר זיי געווען בלויז אַ „נאַכט־אַזיל" אויף זייער וועג פון מזרח אייראָפּע קיין אַמעריקע, וואוהין די וויכטיקסטע פירער פון דער גרופּע זיינען סוף־סוף געקומען.

שפּעטער־צו, נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, האָט דער וואַנדערונגס־שטראָם געבראַכט אויך גרויסע צאָלן פון אידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פון רוסלאַנד. קומענדיק פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספער, האָבן זיי דאָ כמעט איינגאַנצן געענדערט דעם כאַראַקטער פון די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען. אָבער אפילו זיי, די ניי־געקומענע פון רוסלאַנד, האָבן זיך נאָך דאָרטן, אין רוסלאַנד, געשפּייזט מיט שריפטן און בראָשורן וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד.

די איינפלוסן פון די ערשטע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זיינען ניט תמיד געווען פאָזיטיווע. וועגן דעם וועט אונז אויסקומען צו ריידן, ווען מיר וועלן דערציילן וועגן די השפּעות וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אין אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז אין אָנהייב פון אַט דעם יאָרהונדערט, האָט די גרופּע אויסגעאיבט גאָר אַ טיפע השפּעה צווישן די אידישע מאַסן, הויפּטזעכלעך צווישן די ניי־געקומענע פון דרום־און מזרח־אייראָפּע.

## ד. די ערשטע פועלי־ציון גרופּן

די דאָזיקע מאַסן האָבן אָבער פאַרמאָגט עלעמענטן, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אויך אַן אַנדער גייסטיק פאַרמעגן.

קודם כל האָט אַ גרויסער טייל פון זיי געבראַכט מיט זיך אידיש־רעליגיעזע לעבנס־פאַרמען. די מערסטע פון זיי האָבן אין דער אַלטער היים געהערט צו דער אָרטאָדאָקסישער וועלט. צווישן זיך זיינען זיי אויך געווען צעטיילט אין באַזונדערע שיטות: מתנגדים פון פאַרשידענע ניואַנסן, חסידים, אָנהענגער פון פאַרשידענע ריכטונגען און אַזעלכע וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם אידיש־טראַדיציאָנעלן לעבן פון זייער שטאָט און שטעטל, אָן ספּעציעלער אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער כיתה. אַלע צוזאַמען האָבן קומענדיק אַהער דערשפּירט, אַז זיי דאַרפן זיך צופּאַסן צו נייע באַדינגונגען. ניט אַזוי שנעל האָט יעדע כיתה געפונען איר אייגענעם וועג. ווערנדיק אַריינגעוואָרפן אין זייער שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווי אַרבעטער אָדער פּעדלער, האָבן זיי זייערע גייסטיקע אינטערעסן — פּונקט ווי די אַנדערע שיכטן — שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. ערשט ווען זיי האָבן זיך עקאָנאָמיש מער באַפעסטיקט, האָבן זיי אָנגעהויבן שענקען מער אויפמערקזאַמקייט זייער גייסט. דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן בויען אייגענע בתי מדרשים, אייגענע תלמוד־תורות און האָבן אַריינגעשריבן אין ספר פון אַמעריקאַנער אידנטום

אַ זייער וויכטיקן קאַפּיטל. אין אַנהויב פון דעם יאָרהונדערט האָבן זיי זיך געפונען אין די גאָר ערשטע שטאַפּלען פון גייסטיקער אַנטוויקלונג.

אַזוי ווי אונזער ציל איז דאָ אַרויסצוברענגען יענע גייסט־שטחים פון אַמעריקאַנער אידנטום, אין וועלכע אונזער ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרייַנגעוואַקסן, קענען מיר אין ווייטערדיקע פּרטים וועגן דער אַנטוויקלונג פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום ניט אַרייַנגיין. גייען מיר דערפאַר תיכף אַריבער צו יענע גייסטיקע פאַרמעגנס, וואָס עס האָבן אַריבערגעבראַכט יענע עלעמענטן, צווישן וועלכע אונזער באַוועגונג האָט פאַרנומען איר אָרט. וואָס האָבן יענע עלעמענטן מיט זיך גייסטיק מיטגעבראַכט?

אין יענער צייט האָבן אין אייראָפּעאישן אידישן לעבן געברויזט פאַרשידענע גייסטיקע זוכענישן.

אין ציוניזם האָבן געקעמפט צווישן זיך הערצל־נאָרדוי פון איין זייט און אחד־העם פון דער צווייטער, וועגן פּאָליטישן אָדער קולטורעלן ציוניזם. אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די אידישע גאַס, האָבן געפלאַקערט טעאָרעטישע וויכוחים. פאַרטיפט האָט זיך דער טראַכטנדיקער איד אין די פּראָבלעמען פון איד, מענטש, אַרבעטער. מען האָט געשלייפט די מוחות איבער פראַגן וועגן דער באַדייטונג פון אַ אידישן שטאַט פאַרן קעגנוואַרטיקן און צוקונפטיקן קיום פון פאָלק, וועגן דער ראָלע פון ארץ־ישראל אין דער אידישער געשיכטע, וועגן דער באַדייטונג פון דער אידישער קולטור פאַר אידן און פאַרן גאַנצן קולטור־אוצר פון דער גאַנצער מענטשהייט, וועגן ראַסע און פאָלק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַרפער שפּראַכן געראַנגל אין אידישן לעבן. באַלד האָט אויפגעשטורעמט די מחלוקת צווישן ציוניזם און טעריטאָריאַליזם. אָט די אַלע חילוקי דעות האָבן באַרייכערט די מענטשן פון אַלע ריכטונגען. זייערע קאַמפן צווישן זיך, געפירט מיט דעם ענטוזיאַזם פון מענטשן וואָס האָבן אָקאָרשט דערזען דאָס ליכט פון אמת און דעם זין פון לעבן, האָבן אָנגעפילט מיט אינטערעס יעדן לעבנס־טאָג. דערצו האָט נאָך דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין רוסלאַנד געוואַלטיק פאַראינטערעסירט; און פונקט אַזוי איז געוואַקסן דער אינטערעס פאַר דעם עסטרייכישן קאַמף פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

געוועזן זיינען עס אויך די שעפערישע יאָרן פון דער אידישער ליטעראַטור. עס האָבן געווירקט פּרץ, מענדעלע און שלום־עליכם. עס האָבן אָנגעהויבן ווירקן שלום אַש, פּינסקי, רייזען. אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אויפגיין די זון פון חיים נחמן ביאַליק.

קיין אַמעריקע זיינען אָנגעקומען אַנהענגער פון כמעט אַלע גרופּירונגען וואָס האָבן זיך אין אייראָפּע פאַרמירט אַרום די פאַרשיידענע געדאַנקען־גאַנגען. אַלע פון זיי האָבן דורכגעמאַכט קודם כל דעם פּראָצעס פון עקאָנאָמישער צופּאַסונג. אָבער גלייך ווי נאָר זיי האָבן געפונען אַן אָנשפּאַר פון פּרנסה, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, אויך אין אַמעריקע, לויט זייערע פאַרשיידענע אַנשויאונגען.

אין אָט דער קאַליפאָרנער באַפעלקערונג האָט זיך אויך געפונען דער קליינער שטראָם פון פּועלי ציון, וואָס וועגן זייער אָנהויב איז נייטיק שוין מער באריכות צו רעדן. גלייכצייטיק דאַרף אויך עפּעס געזאָגט ווערן וועגן דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג בכלל.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אָן ספק די פאַרבנרייכסטע צווישן אַלע אַרבעטער באַוועגונגען פון אַלע פעלקער. אַלע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע חילוקי־דעות, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע שאַטירונגען אין דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג, האָבן זייערע ווירקונגען אויך אויסגעאיבט אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען ספּעציעלע חילוקי־דעות, אַרויסגעוואַקסן דורך די ספּעציעלע באַדינגונגען פון דעם אידישן גלות לעבן. זיי האָבן צוגעגעבן נייע קאָלירן צום פאַרביקן רעגן־בויגן פון דער אידישער אַרבע־טערשאַפט. פאַרשיידענע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען ביי אידן געבאָרן געוואָרן, וועלכע האָבן ביי נאָרמאַלע פעלקער גאָר ניט געקענט אַנטשטיין.

באַטראַכט מען דעם אָנהויב פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַ־מערקט מען אין איר די פאָלגנדע דערשיינונג: אין איר גאָר פּרימיטיווער פאָרעם איז זי געטראָגן געוואָרן פון דעם, וואָס מען רופט איצט אָן: עקאָנאָמישע קלאַסן־מאָמענטן. ווען זי הייבט אָבער אָן איבערצוגיין צו אַ מער באַוואוסטזיניקער פאָ־רעם, מישן זיך אַריין אַנדערע, ניט בלויז עקאָנאָמישע מאָמענטן. ווי פּרימיטיווע פאָרמען פון אָנהויב פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג דאַרפן באַטראַכט ווערן די פיל אַרבעטערישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אין — אָדער אַרום — די שולן און בתי־מדרשים. דער גייסטיקער אינהאַלט פון יענע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס איז געווען דער זעלביקער, וואָס ביי אַלע אַנדערע גרו־פּירונגען אין אידישן לעבן — אָן עכט אידיש־רעליגיעזער. אויסגעטיילט האָט זיי פון אַנדערע אידן בלויז זייער אַרבעטערישקייט. אויסגעלעבט האָבן זיי זייערע אַרבעטערישע אייגנאַרטיקייטן אין פּראָטעסט קעגן דעם אופן ווי מען האָט זיי באַ־האַנדלט דווקא אין די שולן און בתי מדרשים; אין אויסריידן דאָס האַרץ אויף די גבירים פון שטאָט און שטעטל. זייער אַרבעטערישע אייגנאַרטיקייט איז געלעגן ניט אין אַ באַזונדערער סאָציאַלער פילאָזאָפיע, אין אַ באַזונדערן קוק אויפן מענטש־לעכן און אידישן לעבן. בלויז דער פאַקט פון זייער עקאָנאָמישער אַנדערשקייט, פון זייער מאַטעריעלער ערגערקייט לגבי די אַנדערע אידן, האָט זיי געבראַכט צום געדאַנק פון באַזונדערער אָרגאַניזירונג.

ערשט מיטן אַנטשטיין פון די ערשטע גרופּן פון באַוואוסטזיניקע אידישע סאָ־ציאַליסטן, וואָס האָבן גאָר אין אָנהויב געפונען אָן אויסדרוק אין דער פּערזאָן פון משה העס, און שפּעטער און הויפּטזעכלעך, אין דער גרופּע וואָס איז געפירט געוואָרן פון די באַקאַנטע אידישע סאָציאַליסטן ליבערמאַן און זונדעלעוויטש, הויבט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אָן צו זוכן און ביסלעכווייז צו באַקומען איר אייגענע נשמה. זי זוכט פאַר זיך אַ באַזונדערע פילאָזאָפיע, אַ באַזונדערן קוק אויפן לעבן. און דאָס מערקווירדיקסטע איז, אַז בעת די רייפערע אַרבעטער־באַוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער האָבן געפונען דעם באַזיס פאַר זייער באַזונ־דערן לעבנס־קוק אין קלאַסן־קאַמף, אין דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג, האָט אין אָנהויב פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַ־סירט כמעט דער היפּוך.

סיי משה העס און אפילו די ליבערמאַן־זונדעלעוויטש גרופּע זוכן זייערע סאָ־ציאַליסטישע באַגרינדונגען מער אין דער ספערע פון העכערן גייסט, ווי אין דער ספערע פון מאַטעריעלע לעבנס־אינטערעסן.

אוודאי דינט פאַר זיי אַלעמען דער אַרעמקייט־מאָטיוו, דער פאַקט פון עקאָ־נאָמישער אומגלייכקייט ווי אַן אָנשפּאַר פאַר זייערע געדאַנקען. אָבער די נשמה פון זייער גאַנצער פּרוכטבאַרער טעטיקייט ליגט אויף אַן אַנדער געביט.

דאָס קען דערקלערט ווערן מיט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און גייס־טיקע זוכענישן פון יענעם אידישן דור, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט און געווירקט.

די השכלה באַוועגונג האָט שוין געהאַלטן אין גיין באַרג־אַראָפּ. די האָפענונג, אַז דורך השכלה וועט קענען געלייזט ווערן דאָס פּראָבלעם „ישראל בעמים", פון אידישן קיום צווישן פעלקער, האָט זיך גענומען אויסלעשן. גלייכצייטיק האָבן אָבער די רעליגיע־יסודות אויף וועלכע עס האָט זיך דורות־לאַנג געהאַלטן דער אידישער קיום, אויך אָנגעהויבן באַוויזן סימנים פון אָפּשוואַכונג. דער טיפערער דענקער וועגן צוקונפט פון אידישן פאָלק האָט געמוזט זוכן אַ נייעם יסוד, וואָס זאָל פאַרבייטן סיי רעליגיע, סיי השכלה. אָט־די געשיכטלעכע נויט האָט אַרויס־גערופן אַלע מאָדערנסטע באַוועגונגען צווישן אידן. אַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונ־גען, אַלע ציוניסטישע באַוועגונגען, אַלע קולטור באַוועגונגען און אַלע אַסימי־לאַטאָרישע באַוועגונגען זיינען געבאָרן געוואָרן ווי אַ פּרואוו צו געבן אַן ענטפער אויף איין און דערזעלביקער פראַגע: דער זין פון אידישן קיום און די פאַרזיכע־רונג פון דאָזיקן קיום פאַר דער צוקונפט.

ווען די פאַרשיידענע באַזונדערע שטראָמען האָבן זיך גענומען דערווייטערן איינער פון די אַנדערע, איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע גייסטיקע מלחמה צווישן זיי. אַסימילאַציע, וואָס איז זעלבסטפאַרניינונג, האָט אָנגעגרירט בלויז די הויכע שפּיצן פון אידישע פינאַנסירן און אינטעליגענטן. אין פאָלק האָט עס קיין ווירקונג נישט איבערגעלאָזן. דאַקעגן ציוניזם פון איין זייט און סאָציאַליזם פון דער צווייטער זייט האָבן גענומען טיף אַריינדרינגען אין די אידישע מאַסן. דער קאַמף האָט זיך, בכן, צוברענט צווישן די צוויי קאָנקורירנדיקע באַוועגונגען אין אידישן לעבן.

אָבער כמעט אין איין צייט מיטן אָרגאַניזירטן סתם־סאָציאַליזם און אָרגאַני־זירטן סתם־ציוניזם, הויבט זיך אָן ציען אַ זייער באַשיידענער שטראָם, וואָס פאַר־אייניקט אין זיךביידע אידייען, וואָס זעט נישט קיין שום ווידערשפּרוך צווישן זיי. פאַרקערט, ער זעט אין יעדער איינער פון זיי אַ דערגאַנצונג צו דער צווייטער. ער זעט, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג קען ניט אויסקלייבן: אָדער סאָ־ציאַליזם, אָדער ציוניזם; זי מוז אָננעמען ביידע: סאָציאַליזם און ציוניזם!

דאָס איז נישט געווען בלויז אַ קאָמפּראָמיס צווישן צוויי גוטע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך על־פּי־טעות איינע די אַנדערע באַקעמפט; דאָס איז געווען דער אָנ־הויב פון אַ געדאַנקענגאַנג, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט, ווי אַ ספּעציעלער מענטשן־שיכט, האָט אין דער אידישער וועלט די אויפגאַבע דורכצופירן אַ גרויסע רעוואָלוציע, וואָס זאָל דערפירן דאָס אידישע פאָלק צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און מיטהעלפן דעם אַרבעטער־קלאַס פון גאָר דער וועלט צו ברענגען צו דער ענ־דערונג אין דער מענטשלעכער ווירטשאַפטס־סיסטעם, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען סאָציאַליזם. דער פאַראייניקנדיקער פאַקטאָר פון אָט דעם מערק־ווירדיקן נייעם געדאַנקענגאַנג איז געווען זיין סאָמע טרעגער — די אידי־שע אַרבעטערשאַפט. נישט זי האָט געוואָלט, און נאָך ווייניקער האָט

זי געקענט זיך אַרויסנעמען פון אידישן פאָלק (בלויז יחידים צווישן סאָציאַ־ליסטישע אינטעליגענטן האָבן זיך עס געקאָנט דערלויבן, די מאַסן קיינמאָל ניט!), און ניט זי האָט געוואָלט און געקענט זיך אָפּזאָגן פון די אויפגאַבן וואָס דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט שטעלט זיך.

דער אונטערשייד פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און די אַרבעטער־באַ־וועגונגען פון אַנדערע פעלקער איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס די מערסטע פעלקער האָבן זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט פאַרמאָגט. זיי האָבן דעריבער זיך ניט געניטיקט אין ספּעציעלע באַוועגונגען צוליב נאַציאָנאַלע צילן. צווישן די פעל־קער וואָס זיינען ניט געווען פריי, האָבן טאַקע זייערע אַרבעטער־באַוועגונגען גענומען אויף זיך צילן פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. דער בעסטער ביישפּיל איז געווען די פּוילישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. די אַרבעטער־באַוועגונג אין עסט־רייך האָט, צוגעפּאַסט צו די פּאָליטישע באַדינגונגען פון דער דאַמאָלדיקער עסט־רייכישער אימפּעריע, אויפגענומען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און געזוכט זי צו לייזן דורך געבן טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע צו אַלע פעלקער, וואָס זיינען דאַן געווען איינגעשלאָסן אין דער עסטרייכישער מדינה. די ספּעציעלע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער און באַשטאַנען אין דעם, וואָס די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע האָט פאַר זיי ניט געקענט זיין קיין לייזונג, ווייל זיי זיינען אין ערגעץ ניט געווען קיין מאַיאָריטעט, וואו אויך פאַרן אידישן פאָלק זאָל געגעבן ווערן אַ מעגלעכ־קייט פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע. זיי האָבן ערשט די טעריטאָריע געדאַרפט געפינען. און ווען זיי האָבן זי געפונען — די וואָס האָבן אָנגענומען ארץ־ישראל ווי די אידישע טעריטאָריע! — האָבן זיי זי געדאַרפט ערשט אָנהויבן בויען. דעריבער איז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַ־לער באַפרייאונגס־אויפגאַבע, געווען אין אַ פיל־שווערערער לאַגע, ווי די אַרבעטער פון יענע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף זייערע טערי־טאָריעס, נאָר אונטער אַ פרעמדן פּאָליטישן יאָך.

אָבער די איבערצייגונג אַז די אַרבעטערשאַפט פון אַ פאָלק איז מחויב צו זאָרגן אויך פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון איר פאָלק, אויב דאָס פאָלק איז אונטערדריקט, — די דאָזיקע איבערצייגונג האָט שוין דאַן אַריינגעדרונגען אין דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דאַן צעטיילט אויף צוויי שטראָמען: אַ בונדישער שטראָם, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס אידישע פאָלק קען זיין נאַציאָנאַלע באַפרייאונג זיך אויסקעמפן דורך סאָציאַליזם, בלייבנדיק אין גלות, און דער אַרבעטער־ציוניזם אין אַלע זיינע געשטאַלטונגען, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז פאַר זיין פאָלקאָמענער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג מוז דער אידישער אַרבעטער, ווי אַ טייל פון אידישן פאָלק, קעמפן פאַר אַן אייגענער אידישער טעריטאָריע. די פּועלי־ציון האָבן גערעדט ניט וועגן אַ סתם טעריטאָריע, נאָר בפירוש וועגן ארץ־ישראל.

מיט אָט־דעם באַגאַזש פון געדאַנקען איז געקומען אַהער אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט יענע קליינע גרופּע פון פּועלי ציון דורך וועלכע עס איז אויפ־געבויט געוואָרן אַלץ וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג פאַרמאָגט איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע.

## ה. די ניט־אידישע אַמעריקע, וואָס אַלע אידישע שבטים האָבן דאָ אָנגעטראָפן

די ניט־אידישע באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט וועלכער די פאַרשידענע אידישע אימיגראַנטן־שבטים האָבן זיך דאָ באַגעגנט, האָט אויסגעזען אַנדערש, ווי די ניט־אידישע באַפעלקערונג אין די לענדער פון וואַנען זיי זענען געלאָפן. אייניקע פאַקטאָרן האָבן אין דעם געשפּילט אַ ראָלע.

דער ערשטער פאַקטאָר: אַמעריקע איז אין קולטורעל־היסטאָרישן זינען אפילו איצטער נאָך ניט קיין האָמאָגענע נאַציע. אין יענע צייטן, בעת דאָס ווערן פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך געהאַלטן אין פאָרמירן, איז אַמעריקע אַוודאי ניט געווען קיין האָמאגענע קולטור־היסטאָרישע נאַציע. אַזוי איז עס אויך געווען אין אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער פאַקטאָר האָט זיך בעיקר אויסגעווירקט אויף פאָלגנדיקן אופן: דער איד וואָס האָט געלעבט אין אַן אייראָפּעאישער מדינה האָט פון זיינע קינדער־יאָרן אָן זיך געטראָפן פנים־אל־פנים מיט אַ ניט־אידן וואָס האָט געהערט צו אַ באַשטימטער אַנדערשדיקער קולטור און אַן אַנדערשדיקן לעבנס־שטייגער. דער דאָזיקער ניט־איד האָט געהערשט אין לאַנד. דער איד איז ניט געווען קיין טייל פון דעם הערשער־פאָלק. דאָס האָט באַשטימט זיין פּסיכיק אויף פאַרשידענע לעבנס־שטחים. דאָס האָט אים אויך געשטויסן צו מער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס ער האָט אָנגענומען ווי זיין שיקזאַל, און אַזוי אַרום אויך צו אַ מער זעלבסטשטענדיקן און אייגנאַרטיקן לעבן. אין אַמעריקע האָט ער זיך אויך באַגעגנט מיט ניט־אידן, אָבער ער האָט גלייכצייטיק דערזען פאַרשיידענע לעבנס־שטייגערס און פאַרשיידענע אַנדערשקייטן. קיין הערשער־פאָלק האָט ער נישט באַגעגנט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך באַטראַכטן ווי איין גרופּע צווישן אַ צאָל באַזונדערע מענטשן־גרופּן, אַלע פאַראייניקט אין איין אַמעריקאַנער נאַציע. דאָס האָט געבראַכט צו ווייניקער אָפּגעזונדערטקייט און דורכדעם אָבער אויך צו ווייניקער דראַנג פאַר זעלבסטשטענדיקן אייגנאַרטיקן לעבן.

דער צווייטער פאַקטאָר: אַמעריקע איז לפי־ערך אַ יונג לאַנד, וואָס איז אַנטשטאַנען ווי אַ רעזולטאַט פון פעלקער־וואַנדערונגען. דורכדעם איז דער באַגריף „פרעמדער" דאָ ניט פאַרבונדן געוואָרן מיט דער פאַרשיידנקייט פון עטנישע גרופּן, ווי אין אייראָפּע, וואו איין עטנישע גרופּע האָט זיך גופא באַטראַכט פאַר דער איינגעזעסענער און די אַנדערע עטנישע גרופּן פאַר פרעמדע, אפילו ווען די דאָזיקע „פרעמדע" זיינען שוין הונדערטער יאָרן געזעסן אין לאַנד. אין צוגאָב צו דעם פּאָליטישן הערשער־כוח פון דעם ניט־אידן, האָט אויך דאָס אייגענע פרעמדקייט־באַוואוסטזיין געשטויסן צו מער אינעווייניקסטער זעלבסטשטענדיקייט. אין אַמעריקע האָט אויך אָט די שטויס־קראַפט געפעלט. צי די אַמעריקאַנער אידן זיינען גערעכט אין זייער עמפינדן אַז דאָ זיינען זיי ניט קיין פרעמדע, איז אַ באַזונדערע פראַגע; אָבער אַז זיי פאַרמאָגן אָט די עמפינדונג איז זיכער. זיכער איז אויך אַז דאָס האָט אָפּגעשוואַכט, נישט פאַרשטאַרקט דעם דראַנג צו וואָס מער זעלבסטשטענדיק־אידיש לעבן.

דער דריטער פאַקטאָר: דער ניט־אידישער קולטור־דרוק איז ערשט שפּעטער געוואָרן די שווערסטע פּראָבלעם אונזערע. ביזן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט איז דער אַלגעמיין־אַמעריקאַנער קולטור־דרוק ניט געווען אַזוי שטאַרק ווי די פרעמדע קולטור אין די אייראָפּעאישע לענדער. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, דאַרף מען אויך אָט־דעם פאַקטאָר אַריינרעכענען צווישן יענע וואָס האָבן ניט געהאָלפן אַרויסרופן מער דראַנג פאַר זעלבסטשטענדיקן אויסלעבן זיך. עס האָט ניט געהאָלפן אַרויסרופן דעם קעגן־כח וואָס דרוק — פיזישער אָדער גייסטיקער — רופט אַרויס ביי מענטשן.

דער פערטער פאַקטאָר: אַמעריקע אַליין ווי אַ דערשיינונג האָט פּשוט פאַר־כאַפּט. די היים פאַר אַלע פאַרפאָלגטע; די טיפע מענטשלעכקייט וואָס האָט אַרויסגערעדט פון אַמעריקאַנער גייסט־מענטשן, כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן דורך טאָמאַס דזשעפערסאָן; די גוואַלדיקע פרייהייט וואָס עס האָט באַגעגנט דעם אידן און דעם ניט־אידן; די פאַרהעלטניסמעסיקע גלייכהייט וואָס מען האָט דערשפּירט. טראָץ די אומגעהויערע שוועריקייטן פון דעם אימיגראַנט זיך צוצופּאַסן, האָט ער דאָך דערשפּירט אַז אַמעריקע איז ניט בלויז אַ לאַנד נאָר אַן אידייע. אידן זיינען פון דעם געפאַנגען געוואָרן מער ווי אַנדערע עטנישע גרופּן, ווייל זיי האָבן אין דער אַמעריקאַנער אידייע דערשפּירט דעם אָפּקלאַנג פון די טענער וואָס זיי האָבן אַריינגעזאַפּט אין זייערע נשמות דורך דער אידישער גייסטיקייט וואָס זיי האָבן אין זיך פאַרמאָגט, הויפּטזעכלעך דורך דער אידישער נבואה. אָט־דאָס אַלץ, צו־זאַמען מיט די גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן וואָס מען האָט דאָ געפונען, האָט פאַר׳שיכור׳ט.

אַלע פיר פאַקטאָרן האָבן בכן געווירקט אין דער ריכטונג פון אָפּשוואַכן אין אַמעריקאַנער אידנטום דעם דראַנג צו גייסטיקער אייגנאַרטיקייט. וועגן דעם דריטן פאַקטאָר מוז אָבער נאָך עפּעס געזאָגט ווערן. ער איז פאַר דער צייט דורכגעג־גאַנגען פילע שינויים. זיין היינטיקער אויסזען איז גרונט־פאַרשידן ווי אין אָנהויב פון יאָרהונדערט.

די אַלגעמיין־אַמעריקאַנער קולטור האָט זיך דווקא אין לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט שטאַרק אַנטוויקלט. דער ניט־אידישער קולטור־דרוק האָט אַלץ שטאַר־קער אָנגעהויבן אויסגעאיבט ווערן אַזוי ווי אין די אייראָפּעאישע לענדער און ער איז דורכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם הויפּט־פּראָבלעם וואָס איז אויפגע־שטאַנען פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום, אַ פּראָבלעם מיט וועלכן מיר ראַנגלען זיך עד־היום. די אינטעגרירונג פון אידן אין דער אַמעריקאַנער קולטור איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג וואָס רירט אָן ניט נאָר העכערע קרייזן, ווי אין אייראָפּע, נאָר טאַקע דעם רוב מנין ובנין פון די אידישע מאַסן. דעריבער טראָגט זי אַן אומגעהויערע סכנה פאַר דער אידישער אייגנאַרטיקייט אין אַמעריקע, בפרט ווען אין דעם אינערלעך אידישן לעבן זיינען אויך פאָרגעקומען גוואַלטיקע שינויים אויף אָט דעם שטח.

יענע קלאָרע צעטיילונג פון דעם אידישן מענטשן, וואָס מען האָט געקענט מאַכן אין פריערדיקע תקופות, אַז ווי אַ בירגער געהערט ער צו זיין וואוינלאַנד און ווי אַ גייסט־מענטש געהערט ער צום אידישן פאָלק, איז אין אַמעריקע שווער אַנ־צוואווענדן. דאָס איז געווען מעגלעך ווען אידישקייט איז געווען סינאָנים מיט רע־

ליגיע און די רעליגיעזע אַנדערשקייט איז פון די ניט־אידישע שכנים אנער־קענט געוואָרן. איצט וועלן די מערסטע אידן ניט מסכים זיין, אַז זייער אַנדערשקייט איז באַגרענעצט בלויז צו רעליגיע; די מערסטע ניט־אידן וועלן צו קיין אַנדער אַנ־דערשקייט זיך ניט אַזוי גרינג צוגעוואוינען. אין פריערדיקע גלות׳ן האָבן אידן — הויפּטזעכלעך טאַקע רעליגיעזע אידן — אפשר זיך ניט געניטיקט אין דער ניט־אידישער אַנערקענונג פאַר זייער אַנדערשקייט. אין דער איצטיקער עפּאָכע, הויפּט־זעכלעך אין אַמעריקע, וועט זיין זייער שווער צו לעבן אין אַנדערשקייט וואָס דער ניט־איד וויל ניט אנערקענען. יחידים קענען אפשר געפינען אין זיך די גייסטיקע קראַפט צו קאָנצענטרירן זיך אין דער אייגענער גייסט־אַטמאָספערע און איגנאָרירן דעם אַרום. אידישע מאַסן וועלן עס ניט קענען און וועלן עס אויך גאָר ניט וועלן. זיי וועלן זיך זיכער ניט אָפּזאָגן פון צו זיין אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמעריקאַנער קולטור. דער אַמעריקאַנער איד מוז דעריבער גייסטיק לעבן אַ טאָפּלט לעבן.

דערביי דאַרף מען געדענקען אַז דער אַמעריקאַנער טייל פון זיין גייסטיקן לעבן קומט צו אים נאַטירלעך. ניט ער אַליין און ניט די געזעלשאַפט דאַרף אויס־געבן ספּעציעלע ענערגיע, כדי דאָס צו דערגרייכן. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס זאָרגן שוין פאַר דעם. פאַר זיין אידישער גייס־טיקייט האָט ער געמוזט און מוז נאָך אויך איצטער קעמפן. דער דאָזיקער קאַמף איבער דער נשמה פון דעם אַמעריקאַנער אידן ווערט וואָס ווייטער אַלץ שווערער. דאָס בעסטע וואָס מיר קענען האָפן צו דערגרייכן איז אַ גייסטיקע גלייכגעוויכט צווישןביידע גייסט־שטראָמען. אונזערע קומענדיקע דורות מוזן כאָטש 50 פּראָצענט פון זייער גייסטיקן לעבן געפינען אין זייער אידישקייט.

וועט דעם אַמעריקאַנער אידנטום געלינגען צו דערגרייכן אַזאַ גלייכגעוויכט, דאַן שיינט ניט איבערטריבן צו זיין די האָפענונג, אַז דאָמינירן וועט אין דער נשמה די אידישע גייסטיקייט. אָן ספק באַאיינפלוסט דאָס לאַנד וואו מען לעבט, אָבער אויף שטחים פון גייסט, שיינט עס, אַז ביי גלייכע באַדינגונגען מוז די אוי־בערהאַנט באַקומען יענער גייסט־שטראָם וואָס טראָגט זיך פון געשיכטלעכע און אפילו פון די אור־געשיכטלעכע קוואַלן פון אַ גייסט־פאָלק, וואָס האָט באַוויזן אַריינצוקריצן אַזאַ טיפן צייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

מען קען פרעגן, צי לעבן אין צוויי אָדער מער קולטורן באַרייכערט גייסטיק דעם מענטשן? דער ענטפער שיינט צו זיין דער פאָלגנדיקער: יחידים קענען זיך אפשר פילן זייער גוט אין מער ווי איין קולטור. זיי קענען אפילו — מיט רעכט! — באַהויפּטן אַז זייער גייסט־לעבן איז דורכדעם רייכער. אָבער פאַר גרויסע מאַסן איז אַזאַ קולטור־לעבן ניט נאַטירלעך. און וואָס עס איז ניט נאַטירלעך, איז ניט מרבה קולטור. נאַטירלעך איז אַז יעדע אייגנאַרטיקע קולטור־גרופּע לעבט ווי אַ באַשטימטע פלאַנץ; זי זאַפּט אין זיך אַריין השפּעות פון אַנדערע פלאַנצן אויך, אָבער איר חיות שעפּט זי פון איר אייגנאַרטיקער זאַפט. מישן צוויי זאַפטן אין איין פלאַנץ קען אפשר אַמאָל אַרויסברענגען אַ נייע פּרוכט, אָבער די אָריגינעלע פּרוכט קען עס ניט בלייבן. איז אויב דער ציל איז — שאַפן אַ נייע קולטור, וואָס זאָל זיין אַ הרכבה פון אידישקייט מיט אַמעריקאַנישקייט, קען מען עס אפשר דערגרייכן. אָבער אויב דער ציל איז, ווי אין אונזער פאַל, דאָס ווייטערדיקע

וועבן פון דעם אייגנאַרטיק־אידישן קולטור־געוועב און אויפהאַלטן דעם היסטאָרישן גייסטיקן עם־אחד׳יזם צוזאַמען מיט אידן אין אַנדערע לענדער, און הויפּטזעכלעך צוזאַמען מיט אידן אין ישראל, איז די נויטווענדיקייט צו לעבן אין צוויי קולטורן ניט קיין געזונטע דערשיינונג.

דאָס ענדערט אָבער זייער ווייניק. קיין אַנדער אויסוועג איז פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום נישטאָ. די איינציקע מסקנה קען נאָר זיין: מער ענערגיע אַרייַנצוגעבן אין אַלע יענע אַרבעטן, וואָס דאַרפן אויפהאַלטן און ווייטער אַנטוויקלען די אידישע אייגנאַרט. דאָס פירט צו נאָך עפּעס: דאָס פאַרשטאַרקט נאָך די איבערצייגונג אַז לעולם ועד טאָר דאָס אידישע פאָלק אַזאַ קולטור־פּלוראַליזם ניט דולדן; אַז אונזער ענד־ציל מוז דעריבער זיין: אַרייַנברענגען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אַליין אין פּראָצעס פון קיבוץ גלויות.

אין אַלגעמיינעם סך־הכל דאַרף מען געדענקען אַז די ניט־אידישע אַמעריקע איז געווען און איז נאָך איצט אויך גאַנץ אַנדערש ווי די ניט־אידישע באַפעלקערונג פון די אייראָפּעאישע גלות׳ן. סיי ביים אָנהויב פון אָט דעם יאָרהונדערט, סיי אין ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען, האָט אָט דער פאַקט באַאיינפלוסט — סיי פּאָזיטיוו, אָבער אויך נעגאַטיוו — דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע.

איך מיין דערמיט ניט צו באַהויפּטן, אַז די ערשטע פּועלי ציון גרופּן האָבן קלאָר און פול באַגריפן די אַנדערשקייט פון אַמעריקע און די נייע באַדינגונגען אונטער וועלכע פּועלי־ציוניזם וועט זיך דאַרפן זוכן איינצואוואָרצלען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. איך בין גענויגט צוצוגעבן, אַז ביז וואַנען זיי האָבן דאָס טיף באַנומען האָבן זיי ניט אין געזעלשאַפטלעכן טעות געמאַכט. אויך זיי — פּונקט ווי אַנדערע אידייאישע גרופּירונגען — האָבן געמיינט, אַז אַלץ פון וואָס זיי האָבן גייסטיק געגאָסן אין אייראָפּעאיש־אידישן לעבן קען אַריבערגעטראָגן ווערן אין דעם נייעם לאַנד. איך מיין אָבער אויך אַז זיי האָבן, פריער ווי אַנדערע גרופּירונגען, זיך באַפרייט פון אָט די טעותן, ווייל זיי זיינען אין זייערע אידייאישע איינשטעלונגען דיקטירט געוואָרן פון דעם דראַנג מיטצוגיין מיט די אידיש־געשיכטלעכע פּראָצעסן אין אַמעריקע. ניט אויפגעבנדיק די יסודות פון זייער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פילאָזאָפיע, האָבן זיי געזוכט די דאָזיקע יסודות אַרייַנצובויען אין דער נייער געביידע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויפשטעלן: דאָס אַמעריקאַנער אידנטום.

אינסטינקטיוו האָבן די ערשטע פּועלי־ציון דאָך דערפילט, אַז אין זייערע טעטיקייטן מוזן זיי אויפשטעלן פּריאָריטעטן; אַז עס איז יאָ דאָ אַ מוקדם ומאוחר אין דער פּועלי ציוניסטישער אַרבעט אין נייעם לאַנד; אַז ערשטע פּריאָריטעט מוז געגעבן ווערן צו פאַרוואָרצלען דעם געדאַנק, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז אַ רינג אין דער לאַנגער קייט פון אידישער געשיכטע; אַז אַמעריקאַנער אידנטום מוז אַרייַנגעפלאַנצט ווערן אין דעם אידישן וועלט־אָרגאַניזם פון דער קעגנוואָרט און מוז פאַרבונדן ווערן מיט די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פון דער אידישער פאָלקס־צוקונפט, — בקיצור באַצייכענען מיר עס איצטער מיטן טערמין: עם־אחד׳יזם. זיי זיינען צו דער פּריאָריטעט געשטויסן געוואָרן דורכן גייסטיקן אויסזען פון אַמעריקאַנער אידנטום אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט.

## ו. די מיינונגס־פאַרשידנקייטן בנוגע עם־אחדיזם

מיר האָבן געזען וויאַזוי עס האָבן אויסגעזען די וויכטיקסטע כוחות וואָס האָבן געווירקט אין אידישן לעבן אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט. איידער איך גיי איבער אָנצוצייכענען די הויפּט־פּאַסירונגען אין אידישן לעבן און דעם איינפלוס וואָס אונזער באַוועגונג האָט אויף זיי אויסגעאיבט, איז נייטיק אַרויסצוברענגען די פאַרשידענע צוגאַנגען פון די פאַרשידענע עלעמענטן אין דעמאָלטיקן אידנטום צו דער אידן־פראַגע, הויפּטזעכלעך צו עם־אחדיזם. נאָר דאַן וועלן קלערער ווערן אונזערע האַנדלונגען אין ערשטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט.

ווי אויבנדערמאָנט, איז איינער פון די יסודות פון פּועלי ציוניזם די אַלוועלטלעכע איינהייט פון אידישן פאָלק. די פראַגע איז: וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר אָט די מענטשן־מאַסע, וואָס לעבט צושפּרייט אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט און טראָגט אומעטום דעם נאָמען איד? וואָס פאַראייניקט זיי צווישן זיך? איז דאָס אַ פאַראייניקונג פון אמונה? איז עס בלויז אַ שפּראַך־געמיינשאַפט? איז עס אַן אַלוועלטלעך פּאָליטישע איינהייט? אָדער איז עס אפשר גאָר קיין איינהייט בכלל ניט: די אידן פון איין מדינה שטעלן מיט זיך פאָר איין סאָרט איינהייט און די אידן פון אַנדערע מדינות שטעלן מיט זיך פאָר אַנדערע איינהייטן? אַלע איינצל־פראַגן וואָס האָבן געדאַרפט אויסגעקעמפט ווערן, צי אַ קאַמף פאַר אידישער דערציאונג, צי די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזירונג פון אידן, צי דאָס איז געווען אַ קאַמף אַרום דער אחריות פון אַמעריקאַנער אידנטום פאַרן גורל פון אידן אין דער גאַנצער וועלט, און אפילו דער קאַמף פאַרן ציוניזם גופא, — אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פון דעם ענטפער אויף דער אויבן־פאָרמולירטע פראַגע.

און ריכטונגען אַרום דער פראַגע זיינען דאַן געווען (טיילוויז זיינען זיי נאָך אויך איצטער דאָ) פאַרשיידענע. געווען אַן עקסטרעמע ריכטונג פון אַסימילאַטאָרן, וואָס אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זייער קעגנערשאַפט צום געדאַנק פון דער אַלוועלטלעכער איינהייט פון אידישן פאָלק און פון קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איין חלק צום צווייטן געגאַנגען זייער ווייט. זיי האָבן דידאָזיקע קעגנערשאַפט אָנגעווענדט אפילו אויפן רעליף־שטח. זיי האָבן געזאָגט: מיר זיינען בלויז אַמעריקאַנער. די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָט אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן צו געבן הילף אַלע מלחמה־ליידנדיקע. אידן דאַרפן זיך אויף דעם געביט ניט סעפּאַרירן. זיי טאָרן קיין זעלבסטשטענדיקע רעליף־אָרגאַניזאַציעס ניט אויפשטעלן. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אַן עקסטרעמער, אָבער אַן אויסגעהאַלטענער. אָנערקענט מען ניט די אַלוועלטלעכע עקזיסטענץ און די אינטער־שטאַטלעכע פאַרבינדונג פון אידישן פאָלק, איז טאַקע אַ פראַגע: פאַרוואָס זאָל דווקא דער רעליף־געביט זיין אַן אויסנאַם?

אויפן צווייטן עקסטרעם איז געשטאַנען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זי האָט געזאָגט (און זאָגט נאָך איצטער): מיר זיינען אַ וועלט־פאָלק, מיט איינהייטלעכע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען ווי אַ פאָלק. שטאַטלעך זיינען מיר בירגער פון די לענדער אין וועלכע מיר לעבן. דאָס פאַרפליכטעט אונז צו אַלע בירגערלעכע התחייבות'ן פון דער מדינה. אָבער אין גאַנצן סכום פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, וואָס איז אין זיך כולל די אידישע קולטור־אוצרות אין אַלע אירע געשטאַלטונגען, רעליגיעזע יצירות איינגעשלאָסן, די אידישע געמיינ־

שאַפטלעכע געשיכטע, די אידישע געמיינשאַפטלעכע נאַציאָנאַלע צוקונפט־האָפע־נונגען, אין אַלץ, וואָס איין נאַציאָנאַלע גרופּע איז אַנדערש פון דער צווייטער, געהערן אַלע אידן פון דער וועלט צו איין־און־דעם־זעלביקן אידישן פאָלק *). אונזער פאָלקס עקזיסטענץ איז ניט קיין נאָרמאַלע. אונז פעלט דער וויכטיקסטער צוזאַמענהאַלט־כוח פון אַ פאָלק, דאָס געמיינשאַפטלעכע צוזאַמענלעבן אין איין לאַנד. איז דאָס טאַקע איינע פון די געמיינשאַפטלעכע פּאָליטישע צילן פון אַלע טיילן פון פאָלק צו נאָרמאַליזירן דורך ארץ־ישראל אונזער נאַציאָנאַל לעבן. אָבער אַ פאָלק זיינען מיר. אַ קראַנקער גוף דאַרף זיך היילן. ער הערט אָבער ניט אויף איינהייטלעכער גוף צו זיין, אפילו ווען ער איז קראַנק. נאָר דאַן, ווען אַ פאָלקס־גוף איז דאָ, דאַרף מען פאַר אים האָבן ארץ־ישראל. דאַן ווערט פאַר אים ארץ־ישראל דער צענטראַלסטער פּונקט פון אַלע זיינע פּאָליטישע צילן.

פאַראַן שטעלונגען צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען. זיינען זיי אָבער פּשוט אומלאָגיש. מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט אַ פּראָבלעם, וואו מען קען נעמען אַ שטעלונג אין עפּעס אַ מיטן־וועג. צווישן יאָ־לעבן און ניט־לעבן איז ניטאָ קיין מיטן־צושטאַנד. לעבט אַ מענטש, איז ער דאָ. איז ער געשטאָרבן, איז ער מער נישטאָ. לעבט אַ פאָלק, איז עס דאָ, האָט עס פּראָבלעמען, דאַרף איין טייל פון פאָלקס־אָרגאַניזם זיין פאַראינטערעסירט צו העלפן די שוואַכערע טיילן פון זעל־ביקן אָרגאַניזם. איז אָבער דער אָרגאַניזם אָפּגעשטאָרבן, זיינען אַלע פּראָבלעמען שוין באַזייטיקט.

פּלאָנטערן זיך טאַקע די, וואָס זוכן דעם „גאָלדענעם" מיטן־וועג אין דעם דאָזיקן פּראָבלעם. אַ שמץ פון אַ לאָגישן צוגאַנג האָבן די „מאַזאַאישע קאָנפעסיאָן"־אידן. זיי האָבן כאָטש איין געביט פון אידישער אַלוועלטלעכקייט. אוודאי איז דער פּרואוו אָפּצולייקענען די אידישע נאַציאָנאַליטעט און באַגרענעצן אידישע וועלט־פאַרבינדונג בלויז צו „קאָנפעסיאָן", פּשוט אַ היסטאָרישע פעלשונג, אָבער פאַרשטענדלעך קען דאָך זיין די אַלוועלטלעכע פאַרבינדונג, וואָס אַזעלכע אידן פאַרמאָגן. אומפאַרשטענדלעך זיינען אָבער די אַנדערע גאָלדענע מיטן־וועגן. פאַר־וואָס זאָל פאַר רעליף־צילן זיין כשר אַ וועלט־אידנטום און פאַר אַנדערע צילן טריף? עס איז אומפאַרשטענדלעך, ווען דער „בונד", למשל, האָט געציטערט פאַר אידישער אַלוועלטלעכקייט, אפילו פאַר דער אַלוועלטלעכקייט פון דער אי־דישער אַרבעטערשאַפט, און האָט אנערקענט אידישע אַלוועלטלעכקייט נאָר דאַן ווען מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַמעריקאַנער אידישע פאָלקסמאַסן פאַר הילף. ס'איז נאָך מער אומפאַרשטענדלעך, ווען מאַנכע ציוניסטן הויבן זיך אָן פּלאָנטערן אין אָט דער פּשוט'ער און איינפאַכער פראַגע: זיינען מיר איין אידיש פאָלק מיט געמיינזאַמע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע צילן, אָדער ניט? יעדע עפּאָכע פון אויפגעבלאָזענעם לאַנד־פּאַטריאָטיזם וואַרפט אַריין אפילו געוויסע ציוניסטן אין שרעק פאַר דער וועלט־פאַרבינדונג און וועלט־איינהייט פון אידישן פאָלק.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָט דעם יסוד־פּונקט, אונזער אַלוועלטלעך־נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, אויף איין איינציקן מאָמענט ניט פאַרגעסן. ביי יעדע איינצל־אַקטיוויטעט, צו וועלכער זי האָט זיך גענומען, אין יעדן איינציקן

* וועגן דער ספּעציעלער לאַגע אין אַמעריקע, וואו אידן מוזן לעבן אין קולטור־פּלוראַליזם, האָבן מיר דאַן נאָך נישט געטראַכט.

קאַמף, אין וועלכן זי האָט זיך באַטייליקט, איז איר לייטנדער מאָטיוו געווען: דאָס אידישע פאָלק איז איין פּאַראייניקט פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט.

האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג גענומען צו דעם פּראָבלעם דערציאונג פון אי־דישע קינדער, איז איר ראָלע באַשטאַנען ניט בלויז אין זיין די ערשטע אין אַמעריקע (אין דער ניט־אָרטאָדאָקסישער וועלט) אָנצוהויבן בויען אידישע דערצי־אונגס־אַנשטאַלטן. דאָס אַליין איז אויך אַ גרויסע דערגרייכונג. דורך דער איני־ציאַטיוו פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג איז אויף דעם געביט אַרייג־געשריבן געוואָרן אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן ניט דורך דעם אָרגאַניזאַטאָרישן כוח פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, וואָס איז גאָרנישט געווען אַזוי שטאַרק, אָדער פון נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט דאַן זיינע ערשטע געזעלשאַפטלעכע שריט גע־מאַכט אין אַמעריקאַנער אידנטום; דאָס איז געלעגן אינם עצם צוגאַנג צו דער פּראָבלעם דערציאונג. דערציאונג האָט פאַר אונז געמיינט איין קלאָרע זאַך: צוגרייטן דעם נייעם אידישן דור אין אַמעריקע צום המשך פון אידישן פאָלק. עס איז דאָ אַ אידיש וועלט־פאָלק, אַ טייל פון אים לעבט אין אַמעריקע. דער אַמע־ריקאַנער טייל מוז דורך זיינע קומענדיקע דורות וואָס מער וויסן, וואָס מער לער־נען, וואָס מער שעפּן פון אַלטע אידישע קוואַלן, כדי ער זאָל קענען וואָס טיפער אַריינוואַקסן אין אָט דעם וועלט־פאָלק; כדי וואָס ענגער צו פאַרבינדן זיך מיט אַלע אַנדערע טיילן פון אָט דעם וועלט־גוף; כדי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל ווי־טער וועבן דעם פאָדעם פון אידישן אייגנאַרט, זאָל זיך באַטייליקן אין בויען דעם פּאָליטישן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן עתיד פון פאָלק אין גלות, סיי ביי זיך אַליין אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע גלות־לענדער, און זאָל זיך אין פולער מאָס באַ־טייליקן אין דער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל.

דער ביישפּיל פון אָט דעם געוואַגטן אָנהויב האָט געווירקט אויף אַנדערע אידישע אַרבעטער־און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אויך גענומען בויען שולן. פאַראַן אַ טייל צווישן די נאָכפאָלגער, וואָס האָבן טאַקע אָט דעם פאָלקס־המשך אַלס ציל. זיי לייגן אפשר צופיל געוויכט אויף איין שפּראַך אין זייער דערציאונג. זייער דערציאונג ליידט אפשר פון גרויסע חסרונות, אָבער אויך אונזער אייגענע דערציאונגס־סיסטעם איז ניט פריי פון חסרונות. די, ביי וועמען דערציאונג מיינט פאָלקס־המשך, וועלן סוף־כל־סוף זייערע חסרונות איינזען און וועלן די נייטיקע אויסבעסערונגען אַריינטראָגן. פאַראַן אויך טיילן, וועלכע זיינען ניט נאָכפאָלגער, נאָר נאָכטוער. דערציאונג איז געוואָרן אַ נייטיקער באַשטאַנד־טייל פון אידישן אָרגאַניזירטן לעבן, מוז מען עס מיטמאַכן. קיין נשמה איז אָבער אין דער דערציאונג ניטאָ. מען מאַכט אַפּאָלאָגעטישע דערקלערונגען. מען רעדט זיך איין, אַז מען דערציט דעם קומענדיקן דור פאַר סאָציאַליזם (אַזוי ווי נאָר אין ספּעציעלע אידישע שולן און בלויז דורך דער אידישער שפּראַך וואָלט מען געקענט דערציען סאָציאַליסטיש). מען גיט אַנדערע זייטיקע דערקלערונגען. אויסלאָזן וועט זיך, אַז די שולן, וועלכע וועלן טאַקע זיין אויפגעבויט אָט אויף דעם אַפּאָלאָגעטישן באַזיס, וועלן נישט אויסהאַלטן. די אַפּאָלאָגעטיקער אַליין דערוואַרט נאָר אַ געשיכטלעכע שטראָף: פיל פון זיי געבויטע שולן וועלן זיך אַליין דערשלאָגן צום המשך־יסוד, צו וועלן דעם המשך פון אידישן פאָלק אַלס פאָלק, פּראָסט און פּשוט. יענע שולן וועלן בלייבן. זיי וועלן צוזאַמען מיט אַנ־

דערע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע וועלן זיין געבויט אויפן המשך־יסוד, זיין די אמת׳ע נאָכפאָלגער פון אָט דער גרויסער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפן דערציאונגס־געביט. זיי וועלן העלפן טיפער אַריינבויען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אינם אידישן וועלט־פאָלק. בולט׳ע סימנים פון אָט דער ענדערונג זיינען שוין דאָ אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פון שולן. אין צווייטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט זיינען אַ סך שינויים אַריינגעטראָגן גע־וואָרן. אויך אין אונזער שול־וועזן זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן שינויים. וועגן דעם וועלן מיר דערציילן אין די ווייטערדיקע בענד, וואָס מיר גרייטן זיך אַרויסצוגעבן וועגן אַמעריקאַנער אידנטום אין צווייטן פערטל פון יאָרהונדערט. דאָס אויבנגעזאָגטע האָט באַצוועקט בלויז פעסטצושטעלן וועלכער גייסטיקער כוח עס האָט אונז באַוועגט אויף אָט דעם שטח.

זיינען מיר צוגעטרעטן צום פּראָבלעם פון אינערלעכער אידישער אָר־גאַניזאַציע, איז דער לייט־מאָטיוו ווידער געווען: המשך פונם אידישן וועלט־פאָלק. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָט דאָס פּראָבלעם אויפגעהויבן נאָך לאַנג פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. אין צייט פון וועלט־קריג איז די לאַגע רייפער געוואָרן פאַר אַ גרויסצוגיקן פאַרזוך אַריינצוטראָגן אינערלעכע אָרגאַניזיר־טע אחריות אינם אידישן לעבן אויפן יסוד פון דעמאָקראַטיע. אָבער דער לאָזונג גופאָ איז געוואָרפן געוואָרן — דורך חבר נחמן סירקין — נאָך אין 1908 *). אויך אין דער פראַגע איז די באַוועגונג ניט געבליבן ביי האַלבע וועגן. זי האָט פאַרטראַכט די אָרגאַניזאַציע פון אידישן פאָלק אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. עס אָרגאַניזירט זיך אַ אידישער וועלט־קאָנגרעס. ער איז אויפגעבויט דורך לאַנד־קאָנגרעסן וועלכע ווערן זיינע אָפּטיילונגען. אין די ראַמען פון דעם אָרגאַניזירטן וועלט־אידנטום אָרגאַניזירט זיך דער אַלוועלטלעכער אידישער אַרבעטער־קלאַס. ער ווירקט אינעווייניק אין דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס ווי עס ווירקן סאָציאַ־ליסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען אינערהאַלב זייערע פאָלקס־פּאַרלאַמענטן. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, דער רעפּרעזענטאַנט פון אָרגאַניזירטן וועלט־אידנטום, גיט זיך אָפּ מיט אידישע וועלט־פּראָבלעמען. ער נעמט אַריין אין זיינע הענט דאָס פּראָבלעם פון אידישער וואַנדערונג, זוכט אָרגאַניזירטערהייט צו לעזן פּראָבלעמען פון דער אידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור. ער קעמפט פאַרן אי־דישן כבוד אומעטום. ער קעמפט קעגן דיסקרימינאַציע ווי זי באַווייזט זיך נאָר. אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט פירט ער זיין קאַמף און זיין קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. דורך דעם צעשלאָגט ער אַלע בלבולים וועגן „זקני ציון“, וועגן דעם „אינטערנאַ־ציאָנאַלן אידן“. די דאָזיקע בלבולים קענען ניט צעשלאָגן ווערן דורך לייקענען דעם פאַקט אַז מיר זיינען אַ וועלט־פאָלק. קיינער וועט אונז סיי ווי ניט גלויבן. די אַרויסברענגונג פון אונזער פונקציאָנירונג ווי אַ וועלט־פאָלק אין דער עפנט־לעכקייט בפני כל עם ועדה וועט אַוועקנעמען פון די ניט־אידישע אויגן די מיס־טעריע וואָס הענגט פאַר זיי איבער אונז, ווייל זיי קענען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס לייקענען מיר אַ פאַקט, וואָס אַלע זעען, און זיי קומען צום שלוס, אַז אויב מיר ליי־קענען עס, מן הסתם פאַרבאָרגן מיר עפּעס, מן הסתם האָבן מיר וואָס צו פאַר־

* דער היסטאָרישער אמת פאָדערט צו פאַרצייכענען, אַז נאָך פריער, אין 1905, האָט אברהם שאמער, אין אַ באַזונדערער בראָשור, געפּרעדיקט די אידיי פון דעמאָקראַטישער אָר־גאַניזירונג פון יידישן פאָלק.

באַרגן (וועגן דער באַוועגונג פאַרן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס ווידמען מיר שפּעטער אַ באַזונדערן פּרק).

און נעמט דאָס אָרגאַניזירטע אידישע וועלט־פאָלק אויף דאָס פּראָבלעם פון אחריות פון איין טייל פון אידישן פאָלק צום גאַנצן אָרגאַניזם, איז דאָס די פּשוט׳סטע און פאַרשטענדלעכסטע זאַך. אַזוי פונקציאָנירט יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם. ווען איין טייל זיינער ווערט ניט געזונט, טרייבט דאָס האַרץ בלוט פון אַלע אַנדערע טיילן צו יענעם קראַנקן טייל, כדי דעם גאַנצן אָרגאַניזם געזונט צו מאַכן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע צילן זיינען באַגרענעצט דורך דער אומנאָרמאַלקייט פון אונזער לאַגע אַלס גלות־פאָלק. פולקאָם נאָרמאַל וועט דאָס אידישע פאָלק קענען פונקציאָנירן נאָר דאַן, ווען דער ציוניזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן און דאָס אידישע פאָלק וועט, ניט נאָר אין פּרינציפּ, נאָר אויך אין אמת׳ן לעבן, אויסגלייכן זיין סטאַטוס מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. אָבער עס איז פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג שטענדיק קלאָר גע־ווען, אַז אין ארץ־ישראל וועט דאָס אידנטום ניט פּלוצלונג אַריינשפּרינגען; אַז דער פּראָצעס פון בויען ארץ ישראל מוז נעמען דורות; אַז אפילו די וואָס גלויבן, ווי איך גלויב, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען דער באַגריף גלות וועט מיט זיך פאַרשטעלן בלויז אַ קאַפּיטל פון אַלטער אידישער געשיכטע; אַז דאָס אידישע פאָלק, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועט אויסגעלייזט ווערן פון גלות דורך דעם, וואָס אַלע אידן, וועלכע וועלן האָבן דעם אינערן דראַנג צו לעבן ווי אידן צווישן אידן, וועלן געפינען זייער אָרט אין דעם צוקונפטיקן ארץ־ישראל — אַז אפילו אַזעלכע מאמינים פון פולשטענדיקן קבוץ־גלויות ווייסן זייער גוט, אַז דער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות וועט זייער לאַנג געדויערן. דורות וועלן פאַרבייגיין ביז דער פּראָצעס וועט פאַרענדיקט ווערן.

אָט די דורות, וועלן לעבן און דאַרפן לעבן ווי אידן. דער נאַציאָנאַלער המשך טאָר זיך ניט איבעררייסן. לעבנדיק, האָבן מיר לעבעדיקע פּראָבלעמען, וועלכע רירן אָן דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן געזונטזיין פון אונזער פאָלק. מוזן מיר די פּראָבלעמען אויפנעמען. דער וואַקסנדער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז אויך פאַראינטערעסירט, אַז דער לעבעדיקער טרעגער פון קיבוץ־גלויות־פּראָצעס, דאָס אידישע פאָלק, זאָל מיטטראָגן מיט זיך וואָס געזינטע־רע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע, סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע אינהאַלטן. דעריבער מוזן מיר כסדר האַלטן אין היילן די וואונדן פון אונזער גאַנצן וועלט־פאָלק, די מאָס פון בוי־מעגלעכקייטן אין גלות איז באַגרענעצט. מיר בויען און אַנדערע צעשטערן. אָבער דאָס איז אונזער שיקזאַל: מיר מוזן כסדר ווייטער בויען. הערן מיר אויף בויען, הערן מיר אויף לעבן.

אַזוי האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג געקוקט אויף דעם אי־דישן לעבן בכלל און אויף דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן בפרט: מיר זיינען איין פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט. מיר לעבן אומעטום אין גלות; מיר צאָלן אומעטום צינזן צום גלות, הויפּטזעכלעך אין דער פאָרם פון אַסימילאַציע. עס פאַלן אומע־טום אָפּ בלעטער פון פאָלקס־שטאַם. עס איז דאָ אַ שוואַרצע אַסימילאַציע, וואָס זוכט אויסצומעקן דעם נאָמען איד פון דער מענטשהייט; עס האָט זיך באַוויזן אַ רויטע אַסימילאַציע, וואָס איז גרייט צו לאָזן לעבן דעם גוף פון דעם אידישן יחיד,

אָבער ווייל דערשטיקן אונזער נאַציאָנאַלע נשמה. עס איז דאָ די ערגסטע אַסימי־לאַציע, וואָס קומט פון גלייכגילטיקייט, פונם פשוטן אויסצערן פון אייגנאַרטיקן אידישן זאַפט פון אונזערע אָדערן. אַלע סאָרטן אַסימילאַציעס שוואַכן אונז אָפּ. אָבער דער פאָלקס־אָרגאַניזם בלייבט לעבן. ווי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם שאַפט ער אַלץ נייע ווערטן. יעדער נייער דור האָט צוגעגעבן זיין צושטייער צום תוכן פון אידישקייט און צו אונזער המשך. די גרעסטע שאַפונג פון דעם מאָדערנעם אידישן וועלט־פאָלק איז — דער ציוניזם. דער גאַנצער אידישער וועלט־אָרגאַניזם שפּאַרט אָפּ, במשך פון די לעצטע דורות, געזונטע פאָלקס־כוחות און טראָגט זיי אַריבער קיין ארץ ישראל כדי דורך דעם אין גאַנצן פּטור ווערן פון אַלע יענע ספּעציעלע צרות, וואָס גלות שטעלט מיט זיך פאָר, און אויסגלייכן דעם סטאַ־טוס פון אידישן פאָלק מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט.

וועלנדיק אין סטאַטוס זיין ווי אַלע פעלקער, זוכן מיר אָבער ניט דעם „ונהיה ככל הגוים" אין ספערן פון גייסטיקן שאַפן. נישט דערפאַר, ווייל דאָס גייס־טיקע שאַפן פון אַנדערע פעלקער איז פון אַ נידעריקערער מדרגה, נאָר פּשוט, ווייל ער איז אַנדערש. אין דער אַנדערשקייט פון די פאַרשיידענע פעלקער זעען מיר די רייכקייט פון דעם געזאַמט־אוצר פון וועלט־גייסט. אָפט קען אַ מאַסע יחידים פון פאַרשידענע פעלקער זיך צוזאַמענגיסן אין אַ נייער קולטור־אייגנאַרט. נאָ־טירלעך, נעמט עס דורות ביז אַזאַ נייע קולטור־אייגנאַרט ווערט אויספאָרמירט. דער אָריגינעלער שטאַם — דאָס אָריגינעלע פאָלק — בלייבט און מוז בלייבן ביי זיין אייגענעם טאָן, ביי זיין נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. עס איז דער זעלבער פּראָ־צעס, ווי ווען דורך הרכבה (גראַפטינג) ווערט צוזאַמענגעגאָסן דער זאַפט פון אַן אַראַנזש־בוים מיטן זאַפט פון אַ לעמאָן־בוים און עס ווערט אַרויסגעבראַכט אַ דריטע, אַ נייע פּרוכט־קולטור — די גרייפּפרוכט. אָבער דער אָריגינעלער אראַנזש־בוים קען זיך בשום אופן ניט ענדערן. אָדער ער פאַרמאָגט זיין אייגנאַרטיקן אראַנזש־זאַפט, אָדער — ער שטאַרבט. אַזוי פונקציאָנירן אויך די איינצלנע פעלקער, וואָס גיבן אַריין זייערע אייגנאַרטן אין דעם געזאַמט־אוצר פון וועלט־גייסט. דאָס אידישע פאָלק טראָגט אַריין אינם געזאַמט־אוצר פון וועלט־גייסט זיין באַזונדערע אייגנאַרט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון זיין אייגנאַרטיקער געשיכטלע־כער אַנטוויקלונג. דעם המשך פון אָט דער אידישער אייגנאַרט, דווקא די אידי־שע אַנדערשקייט, ווילן מיר פאַרזיכערן, דורך באַשאַפן פאַר אָט דער אַנדערש־קייט גלייכע באַדינגונגען מיט אַנדערע אַנדערשקייטן אין דער וועלט פאַר איר פרייער אַנטוויקלונג. דאָס דערפירט אונז צו דעם צווייפאַכן פּראָצעס: זאָרגן פאַרן אידישן המשך אומעטום און בויען ארץ ישראל.

דער דאָזיקער צווייפאַכער פּראָצעס איז חל אויף אַלע אידן פון דער וועלט, אַמעריקאַנער אידן איינגעשלאָסן. די וועגן, ווי אַזוי אָט דעם פּראָצעס צו פירן, דאַרפן צוגעפּאַסט ווערן צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון די פאַרשידענע לענ־דער. דער פּראָצעס גופא איז אָבער איינער און דערזעלביקער אומעטום, וואו נאָר עס לעבט אַ טייל פונם אידישן וועלט־פאָלק. פון אָט דעם פּראָצעס קען ניט זיין פריי קיין טייל פונם אידישן פאָלק, זיין אַרבעטער־טייל אוודאי ניט. יעדער קלאַס דאַרף צופּאַסן די וועגן פון אָט דעם היסטאָרישן פּראָצעס צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון זיין קלאַס. דער פּראָצעס אַליין איז אָבער איינער פון אַלע טיילן פון פאָלק.

אויף אָט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע

באַוועגונג באַגרינדעט אַלע אירע האַנדלונגען. זי האָט אים געטראָגן אינם אַמע־ריקאַנער אידנטום דורך אַלע קאַנאַלן פון ווירקונג, וואָס זיינען פאַר איר אָפן געווען. אין דריי היסטאָריש־וויכטיקע אידיש־געשיכטלעכע געשעענישן האָט זי זיך דערהויבן צו אירע העכסטע דערגרייכונגען. דאָס זיינען געווען: דער קאַפּיטל „רעליף״; די אידישע קאָנגרעס־באַוועגונג און די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע. גייען מיר טאַקע איבער צו שילדערן איר ראָלע אין אָט־די אָנגעצייכנטע געשעענישן.

## ז. וועגן אידישער פילאַנטראָפּיע אין אַמעריקע

איך האָלט פאַר נויטיק צו זאָגן שוין איצטער עטלעכע ווערטער וועגן אידישער פילאַנטראָפּיע אין אַמעריקע. קיין גרויסע ראָלע האָט אונזער באַוועגונג אויף דעם שטח ניט געשפּילט. דאָס ווערט ניט באַצייכנט לשבח פון אונזער באַוועגונג. דאָס ווערט נאָר באַצייכנט ווי אַ היסטאָרישער פאַקט. גענומען האָט ער זיך פון דער איינשטעלונג וואָס די גאַנצע ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע וועלט האָט אָנ־גענומען צו פאַליאַטיוון, צו טעטיקייטן וואָס זיינען ניט מסוגל צו ברענגען צו ראַ־דיקאַלע שינויים, וואָס דאַרפן מאַכן אַ סוף צו דער נויטווענדיקייט אין פילאַנטראָ־פּיע. און אַזוי ווי די הויפּט־ראָלע פון אונזער באַוועגונג אין דער אידישער געשיכ־טע האָבן מיר געזען אין ברענגען צו נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, האָבן מיר פילאַנטראָפּיע באַטראַכט ווי ניט אונזער עסק.

דערצו איז פילאַנטראָפּיע דאַן איינגעשטאַנען כמעט אינגאַנצן אין די הענט פון די דייטשע אידן קעגן וועלכע מיר האָבן זיך באַטראַכט ווי געשוואָרענע קעמפער. אויך אויף דעם שטח איז פאָרגעקומען אַ „גרופּן״־צעטיילונג: די דייטשע אידן זיינען געווען די אויסטיילער פון פילאַנטראָפּיע און מיר — די מזרח איירא־פּעאישע — זיינען מערסטנס געווען די מקבלים פון דער פילאַנטראָפּיע. קיין גרויסע ליבשאַפט קאָן אַזאַ גרופּן־צעטיילונג נישט אַרויסרופן. בלויז יענע פילאַנטראָפּיע וואָס מיר האָבן געקענט פון אונזערע היימישע שטעט און שטעטלעך האָט אונז צוגעצויגן. דאָרטן האָט זיך געשפּירט די אמת׳ע ברידערלעכקייט, וואָס זוכט אויפ־צוהאַלטן דעם ברודער, ער זאָל ניט צוזאַמענפאַלן. דאָ איז דאַן געלעגן אַ אַ תהום צווישן דעם נותן און דעם מקבל. שפּעטער זיינען אויך צו אידישער פילאַנטראָפּיע צוגעטראָטן אידן, אין אַמעריקע געבאָרענע, פון מזרח־און דרום־אייראָפּעאישע עלטערן.

געווען נאָך אַ וויכטיקע סיבה וואָס האָט אונז דערווייטערט פון דער דאָ־מאָלטיקער פילאַנטראָפּיע. דער גרעאַנגל צווישן די פאַרשידענע גרופּן פאַר דער געשטאַלט פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן. די מערסטע נייע אימיגראַנטן פון מזרח־און דרום־אייראָפּע האָבן עס ניט געשפּירט, ווייל די גרויסע נויט זייערע האָט זיי געצוואונגען אָנצוקומען צו דער פילאַנטראָפּישער הילף פון זייערע פריער־געקומענע ברידער — די דייטשע אידן. אונזער קליינע גרופּע האָט שוין דאַן אָנגעהויבן שפּירן דעם שאַרפן גרעאַנגל פאַר דער אידישער געשטאַלט, ווי מיר האָבן עס פאַרשטאַנען. און ווען מיר האָבן געזען ווי דורך ביי־

שטייערונגען צו די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אויפגעשטעלט גע־וואָרן צו העלפן די נייע אימיגראַנטן, זוכן דיביישטייערער אויך צו געווינען מאָ־ראַלישן און געזעלשאַפטלעכן איינפלוס, האָט זיך אונזער האַרץ אָפּגעקערט פון דער פילאַנטראָפּיע.

דאָס האָט אונזערע נשמות קיין גרויסע טובה נישט געטאָן. פילאַנטראָפּיע פאַרמאָגט אויך אַן אַנדער השפעה: זי העלפט איידלען און ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון מענטש צו מענטש, איבערהויפּט צום לײַדנדיקן מענטשן. נאָך נויטיקער איז עס פאַר אונז געווען אין יענער צייט, ווען אין אידישע סאָציאַליסטישע קרייזן האָט געהערשט דער „וויסנשאַפטלעכער" מאַרקסיזם (וואָס ניט אַלע טרעגער פון אָט דעם געדאַנק האָבן גוט באַגריפן וואָס עס מיינט), וועלכער האָט געלערנט צו פאַר־לאָזן זיך אויף די „אייזערנע" געזעצן פון סאָציאַלע אַנטוויקלונגען. דער רעזולטאַט איז געווען: פאַרהאַרטונג פון די נשמה־אָדערן אין דעם מענטשן.

אויך מיר זיינען געוואָרן קרבנות פון אָט דער פאַרהאַרטונג פון אונזערע נשמות, כאָטש מיר האָבן דעם „וויסנשאַפטלעכן" מאַרקסיזם ניט גורס געווען. מיר זיינען אויף דעם שטח געווען די יורשים פון משה העס און די אויבנדערמאָנטע גרופּע פון אידישע סאָציאַליסטן, געפירט פון ליבערמאַן און זונדעלעוויטש, וועלכע האָבן זייער סאָציאַליזם, פונקט ווי זייער אידישקייט, אויסגעלעבט אין די ספערן פון גייסט. אינטערעסאַנט איז דערביי צו פאַרצייכענען, אַז דער גייסטי־קער סאָציאַליזם ביי אידישע סאָציאַליסטן, איז הויפּטזעכלעך אַרויסגעוואַקסן פון אונזער אינערלעך אידישן לעבן, בעת די מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטישע אַנ־שויאונג איז אין דער אידישער גאַס אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך נאָכמאַכן אַנ־דערע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. אָבער אַ ווירקונג לרעה האָט עס אויך אויף אונז געהאַט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשידענע דערשיינונגען און אויך אין אונזער באַציאונג צו פילאַנטראָפּישער אַרבעט.

צום קרעדיט פון אַ גרופּע אידישע סאָציאַליסטן, מיט דעם פאַרשטאָרבענעם ברוך וולאַדעק בראש, דאַרף צוגעשריבן ווערן דער פאַקט, וואָס די אידישע אַר־בעטער־באַוועגונג האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן צוריקטרעטן פון דער עקסט־רעמער אַנטי־פילאַנטראָפּיע־איינשטעלונג; זיי האָבן אָנגעהויבן איינזען, אַז ביז יענע ראַדיקאַלע שינויים וועלן פאַרווירקלעכט ווערן, ווען פילאַנטראָפּיע וועט מער ניט נויטיק זיין, מוז דער געפאַלענער מענטש, דער קראַנקער מענטש און דער סתם אומגליקלעכער באַקומען פילאַנטראָפּישע הילף, וואָס זאָל זיין געפאַלנקייט ווי־וויט־מעגלעך פאַרקלענערן, וואָס זאָל זיין קראַנקהייט פּרובירן היילן און פון זיין אומגליק אים העלפן זיך באַפרייען.

אין אונזער גרופּע איז אָט די ענדערונג געקומען שפּעטער, אָבער זי איז סוף־סוף געקומען. די הויפּט־סיבה פאַר דער פאַרשפּעטיקונג זע איך אין דעם, וואָס אונז איז אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף קעגן יענע, וואָס האָבן געזוכט דעם פילאַנטראָפּישן עלעמענט אַריינפירן אויך אין שטחים פון גרויסע נאַציאָנאַ־לע טואונגען. מיר וועלן עס זען פון די וויטערדיקע שילדערונגען פון די דריי הויפּט־שטחים אין וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען די וויכטיקסטע אידישע פּאָסי־רונגען אין אַמעריקע אין ערשטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט.

האַלטנדיק פאַר מיין חוב נאָכאַמאָל צו אונטערשטרייכן, אַז אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע האָבן די דייטשע אידן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן; אַז שפּעטער האָבן זיך

אויך אידן פון מזרח־און דרום־איראָפּע שטאַרק איבערגעגעבן צו דער פילאַנ־טראָפּישער אַרבעט; דערמאָנענדיק אויך אַז די אידישע פילאַנטראָפּיע האָט גע־צויגן חיונה פון אַ לעגענדע (אפשר איז עס געווען אַ פאַקט), אַז די ערשט־געקומע־נע אידן האָבן אויף זיך גענומען אַ נדר צו זאָרגן דערפאַר, אַז קיין איד זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו ניט־אידן, אָדער צום שטאַט נאָך הילף; אַז דער גאַנצער קאַ־פּיטל אידישע פילאַנטראָפּיע איז אַ שטאָלצער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום, צו וועלכער אונזער באַוועגונג האָט לײַדער, ווייניק צוגע־טראָגן — גיי איך אַריבער צו יענע קאַפּיטלען פון דער אַמעריקאַנער אידישער געשיכטע צו וועלכער אונזער באַוועגונג האָט זייער פיל צוגעטראָגן: רעליף, קאָנ־גרעס באַוועגונג און ציוניזם. אויף אָט־די דריי שטחים וועט מיר אויסקומען אויך צו באַרירן אונזער ראָלע אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צום סוף וועט אויסקומען אויך צו באַרירן אונזער ראָלע אין דער אידישער לי־טעראַטור און פּרעסע.

## ח. אונזער ראָלע אין דער „רעליף"־אַרבעט

די אַמעריקאַנער אידן האָבן אָן ספק אַרײַנגעשריבן אין זייער אייגענער גע־שיכטע אַ זייער וויכטיקן קאַפּיטל, וואָס וועט טראָגן דעם באַשיידענעם נאָמען: „רעליף". די צייט ווען די דאָזיקע אַקטיוויטעט איז אין אַמעריקאַנער אידנטום געפירט געוואָרן, פאַלט כמעט צוזאַמען מיט דער צייט, וואָס די ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג פונקציאָנירט אין אַמעריקע. אונזער באַוועגונג האָט זיך אין דער רעליף־אַרבעט אויף אַ גאַנץ געהעריקן אופן באַטייליקט. מיר האָבן עפּעס ספּעציפישעס בײַגעטראָגן צו דער דאָזיקער אַקטיוויטעט. דאָס איז נישט באַשטאַנען אין דער גרויס פון אונזערע בײַגעשטײַערטע סכומים. אין וואָס איז עס יאָ באַשטאַנען?

שוין דער אָנהויב פון דער אָרגאַניזירטער הילפס־אַרבעט באַווײַזט, אַז מיר, אידן, האָבן אין „רעליף" אַ דערשײַנונג פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער. די ערשטע אָרגאַניזירטע אידישע רעליף־אַרבעט איז דאָ געפירט געוואָרן תיכף נאָכן ערשטן קישינעווער פּאָגראָם. דאָס איז געווען אָן ענטפער פון אַמעריקאַנער אידנטום אויף אַן אכזריות'דיקער אַטאַקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף קישינעווער אידן, אָבער געצילט געווען קעגן גאַנצן רוסישן אידנטום, וואָס איז דאַן געווען דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק. די אידישע געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע אַטאַ־קעס אויף אונזער פאָלק. אויך דאָס רוסישע אידנטום האָט ניט איינמאָל געשפּירט אַזעלכע אַטאַקעס אויף זײַן לײַב־און־לעבן. אָבער ביז 1903 האָט נאָך דאָס אַמערי־קאַנער אידנטום ניט געפילט, אַז עס איז מחויב צו ענטפערן אויף אַזאַ אַטאַקע. מען קען באַהויפּטן, אַז דורך דער הילפס־אַרבעט פאַר די קרבנות פון ערשטן קי־שינעווער פּאָגראָם איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צום ערשטן מאָל אַרויף אויף דער אַרענע פון דער אידישער געשיכטע, ווי אַן אָרגאַניזירטער אידישער קאָלעק־טיוו. ניט צופעליק איז פון דער זעלביקער גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט די אַקציע פאַר די קישינעווער פּאָגראָם־קרבנות, אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַרויסגעוואַקסן

די איצט גוט־באַקאַנטע „אַמעריקען דזשויש קאָמיטע״. אויך די דעמאָלט אַזוי־גערופענע „יאַהודים״ האָבן אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז זיי האָבן זיך דאָ באַגעגענט מיט אַ נאַציאָנאַלער באַגלייט־דערשיינונג פון אידישן גלות־לעבן און ניט בלויז מיט אַן איינמאָליקן אומגליק, וואָס ענדיקט זיך, ווי נאָר מען האָט געגעבן „די טויטע אויף תכריכים, די לעבעדיקע — ברויט״. די פירער פון קאָמיטעט האָבן דערפילט, אַז זיי דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אויף אַ פּערמאַנענטן באַזיס. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די באַדייטונג פון דער הילפס־אַרבעט אומגעהויער אויסגעוואַקסן. די אַרבעט איז אויך אָנגעגאַנגען אין כמעט דער גאַנצער צייט צווישןביידע וועלט־מלחמות. נאָך וויכטיקער איז די דאָזיקע אַרבעט געוואָרן דורכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געשעענישן פון וועלט־פאַרנעם האָבן, בכן, דעם רעליף־ענין דערהויבן אפשר צו דער וויכטיקסטער איינצל־אַקציע, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט געפירט. דער רעליף־געביט איז דעריבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די וויכטיקסטע שטחים, אויף וועלכן עס זיינען אויפגעטראָטן אין אַ גוראַנגל די אידעאישע איינשטעלונגען פון די פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמירן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. מיר פון אַרבעטער־ציוניזם זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך געקומען אַהין מיט אונזער אייגנאַרטיקן אידעאישן פּרצוף־פּנים. לויט אונזערע אידייאישע כחות, זיכער מער ווי לויט אונזער כמות, האָבן מיר געפּרוּווט אַרויפצולייגן אונזער חותם אויף דער דאָזיקער אַרבעט.

שוין אין פאַרבינדונג מיט דער אַקציע פאַר די קרבנות פון קישיניעווער פּאָגראָם, האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן די קאָנטורן פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. די איניציאַטאָרן פון דער אַרבעט זיינען געווען אידן פון דעם דעמאָלט אַזוי־גערופענעם „יאַהודים״־טיפּ. דער נפש־החיה אין דער אַרבעט איז געווען דער באַוואוסטער דר. יהודה לייב מאַגנעס. ער האָט דאַן גע׳שמ׳ט ווי אַ רעבעל קעגן דער יאַהודישער אַנטי־נאַציאָנאַלער „פילאָזאָפיע״. ער האָט אויך געהאַנדלט ווי אַ רעבעל. אָבער זיין דירעקטער ווירקונגס־קרייז איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די אידישע גביר׳אָקראַטיע. אידיש־געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו איז דאַן מערסטנס אַרויסגעקומען פון יענע קרייזן. אַזוי אויך די איניציאַטיוו פון דער אַקציע פאַר די קישיניעווער פּאָגראָם־קרבנות.

מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פחד־קאָמפּלעקסט פון דער אידישער אַסימילאַציע האָבן זיך פיל פון די „יאַהודים״ באַלד איבערגעשראָקן פאַר די קאָנסעקווענצן פון זייער דעמאָלטיקער ספּאָנטאַן־אינסטינקטיווער האַנדלונג. ניט אַלע פון זיי זיינען דעריבער מיטגעגאַנגען דעם וועג פון גרינדן אַ פּערמאַנענטע „אַמעריקאַן דזשויש קאָמיטע״. די מערסטע פון די, וואָס זיינען יאָ געגאַנגען אויף דעם וועג, האָבן לכתחילה געוואָלט אויפהאַלטן פאַר זייער קאָמיטעט אַ ריין־פילאַנטראָפּישן הילפס־כאַראַקטער. ווייטערדיקע וועלט־אַנטוויקלונגען האָבן אָבער געצוואונגען די „קאָמיטע״ צו ווערן די פּאָליטישע אויסדריקערין פון די איינשטעלונגען פון יענעם שיכט פון אַמעריקאַנער אידן. זיי האָבן דעריבער ביים אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג איבערגעשריבן די ריין־פילאַנטראָפּישע הילפס־אַרבעט אויף אַן אַנדער פירמע. אַזוי איז די אונז־באַקאַנטע „דזשאָינט״־פירמע אויפגעשטעלט געוואָרן.

דער אינערער געראַנגל צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער אידנטום האָט געהאַלטן אין איין שטייגן אין די קאַרגע 10 יאָר צווישן דער גרינדונג פון דער „קאָמיטע" און דער גרינדונג פון „דזשאָינט". די צעטיילונג איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ בולט'ער: פון איין זייט אַ אידישע פאָלקס־מאַסע מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם שטאָלץ־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם ווילן פון נאַציאָנאַלן המשך אויך דאָ אין אַמעריקע; פון דער אַנדערער זייט — אַ גרופּע אידן — בני־דת־משה לויט אַ ספּעציעלן אַמעריקאַנער נוסח. שוין אין און אַרום דער „קאָמיטע" האָט מען געקענט זען די דאָזיקע צעטיילונג. נאָך שאַרפער איז זי אויפגעטראָטן אין און אַרום „דזשאָינט". אונזער באַוועגונג האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרנומען איר פּלאַץ אין די רייען פון קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן צד.

אין דער צייט פון דער פאָרמירונג פון דער „קאָמיטע" איז דער קאַמף געפירט געוואָרן אַרום דעם ענין פון העלפן דער אידישער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד. אין די אויגן פון געוויסע פּחד־אידן האָט די אידישע זעלבסטשוץ פאַרמאָגט גאַנצע דריי „אומבאַקוועמע" אייגנשאַפטן: זי איז, ערשטנס, געווען אומלעגאַל; זי איז, צווייטנס, געווען צו ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די דאָזיקע צוויי „אומבאַקוועמע" אייגנשאַפטן האָט מען נאָך געקענט ווי עס איז איבערטראָגן, ווייל די אַקציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן אין יענע יאָרן אָנגעהויבן שטאַרק שטייגן צווישן אַלע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער ניט־אידישער באַפעלקערונג. פּחד־אידן האָבן די טבע צו פאַרלירן אַביסל פון זייער פּחד, אויב אַן ענין ווערט כשר אין די אויגן פון גוטע און פרומע בירגערלעכע ניט־אידן. די דריטע „אומבאַקוועמלעכקייט" איז שוין אָבער געווען פון אַן אַנדער כאַראַקטער: אידישע זעלבסטשוץ איז געווען צו פיל באַצייכנט מיטן ספּעציעלן איד־שטעמפּל. עס האָט פון איר אַרויסגערעדט אידישער אויפשטאַנד, אידישע גבורה, כמעט אַ אידישע מלחמה. און דאָס איז פאַר יענע אידן ניט גרינג געווען אַראָפּצושלינגען.

שפּעטער צו האָבן זיך אין זעלבסטשוץ אָנגעהויבן באַוויזן אויך ניט־אידן. גרופּן ניט־אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך באַטייליקט אין זעלבסטשוץ. אין אייניקע פּונקטן האָבן ניט־אידישע מיטפּאַרטיידיקער באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז: זיי זיינען געפאַלן אין די דאָזיקע שלאַכטן. דורכדעם איז דער ספּעציעל־אידישער כאַראַקטער געמילדערט געוואָרן. ד"ר מאַגנעס, פון זיין זייט — מיט גרויס השפּעה צווישן יענע קרייזן — האָט געדריקט, מען זאָל העלפן דער זעלבסטשוץ. אין צוגאָב צו זיין דרוק האָט יענע גרופּע דערהערט אַ נייעם טאָן: די „אידישע גאַס" האָט אָנגעהויבן רעדן. עס האָבן גענומען רעדן אַריבערגעקומענע מיטגלידער פון די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אויך אונזער דעמאָלט יונגעניקע און קליינע באַוועגונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַוויזן. פילע פון אונזער גרופּע האָבן געהאַט אין דער זעלבסטשוץ פערזענלעכע חברים. אין דעם האָמלער פּאָגראָם פון 1905 איז דער איינציקער קרבן פון יענער זעלבסטשוץ — קאַהאַנסקי — געווען אַ חבר פון די פּועלי ציון. ספּעציעלע לידער זיינען דאַן צו אונז אָנגעקומען וועגן יונגן קאַהאַנסקי, וואָס חברים האָבן צווישן זיך געזונגען. יונג איז מען געווען. ברען האָט מען פאַרמאָגט. דר. מאַגנעס אַליין האָט דעמאָלט פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע מאָס פון סימפּאַטיע פאַר אונזער יונגער באַוועגונג.

האָבן מיר, נאַטירלעך, אויך געהאָלפן אַריבערוועגן אויף דער זייט פון שטאָלצן נאַציאָנאַלן אידנטום, און צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן זיינען דעמאָלט פון דאַנען אָפּגעשיקט געוואָרן פאַר דער זעלבסטשוץ אַרבעט.

נאָך אַ רעזולטאַט פון יענעם געראַנגל איז געווען דאָס, וואָס אַמעריקאַנער אידן זיינען נענטער באַקאַנט געוואָרן מיט די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אויפ־ברויזן אינעם רוסיש־אידישן לעבן אין סוף פון לעצטן און אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט. פיל פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט פון אידישן „בונד״ אָדער פון אידן, וואָס געהערן צו אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. נאָך מער פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט פון אַזאַ טיפּ איד, וואָס איז אי אַ ציוניסט, אי אַ סאָציאַליסט. פאַרקוקט האָט מען זיך אויף די דאָזיקע דערשיינונגען, פאַרקוקט און פאַרטראַכט. זיינען אייניקע ווי אַ רעזולטאַט פון פאַרטראַכטן זיך אָנגעפילט געוואָרן מיט סימפּאַטיע און אפילו מיט באַוואונדערונג פאַר דער רע־וואָלוציאָנערער אידישער יוגנט. אַנדערע דאַקעגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט נאָך גרעסערן פּחד: ווער ווייסט, וואָס אָט די נייע פייגל זאָגן אָן פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום? ווער קען וויסן, צי די שטורעמס, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, טראָגן ניט אָן קיין געפאַר פאַר דער רו און איינגעזעסנקייט פון די אַמעריקאַנער אידן? אויך אויף דער פראַגע וועלן צוקונפטיקע געשיכטס־פאַרשער דאַרפן געבן דעם ענט־פער: וואָס ווירקלעך האָבן די אידן־רעוואָלוציאָנערן געבראַכט קיין אַמעריקע? זייער ווירקונג האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן. מיט ירידות און עליות האָלט די ווירקונג נאָך איצטער אָן. דערוויַיל איז גענוג אונטערצושטרייכן, אַז פאַר אי־דישער זעלבסטשוץ האָבן די אידן־רעוואָלוציאָנערן מכל המינים, און מיר אויך בתוכם, געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג.

כדי קלאָר צו מאַכן, פאַרוואָס איך האָב דעם קאַפּיטל וועגן אונזער ראָלע אין „רעליף״ אָנגעהויבן מיט דער פרשה פון הילף פאַר אידישער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד, וויל איך טאַקע שוין דאָ אַרויסברענגען אונזער קוק אויף רעליף־אַר־בעט. דאָס וועט אונז אויך ברענגען צום אַריינפיר אין דעם קאַפּיטל „רעליף״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן די רעליף־אַרבעט קיינמאָל ניט באַטראַכט ווי בלויז אַן אַקט פון פילאַנטראָפּיע. און טראָץ דעם וואָס איך בין מודה אַז פילאַנטראָפּיע האָט אויך פּאָזיטיווע ווערטן, האָבן מיר גאָרנישט אויף וואָס חרטה צו האָבן, ווען מיר באַטראַכטן אונזער עצם באַציאונג צום רעליף־פּראָבלעם. ווען אפילו פילאַנטראָפּיע פאַרמאָגט אויך פּאָזי־טיווע עלעמענטן, איז „רעליף״ אין דעם אידישן לעבן געווען און געבליבן אַן אַר־בעט פון אַ סך אַ העכערער און נאַציאָנאַל־וויכטיקערער מדרגה. דער עלעמענט פון פילאַנטראָפּיע, וואָס איז סיי ווי סיי דאָ אין רעליף, ווערט דאָך פון אים ניט אַוועק־גענומען דורכדעם, וואָס מען דערהויבט די רעליף־אַרבעט צו אַ הויכער נאַציאָ־נאַלער פליכט.

דעריבער איז זעלבסטשוץ אַ לעגיטימער ברודער פון אַזאַ רעליף־אַרבעט. זיי טראָגן ביידע אין זיך אַ גרויסע מאָס פון נאַציאָנאַלע פליכט: קאַמף פאַרן כבוד, פאַרן האָב־און־גוטס און פאַרן סאַמע לייב־און־לעבן פון אידן ווי אידן און פון אי־דישן פאָלק ווי אַ פאָלק. הילף פאַר אידישער זעלבסטשוץ געהערט דעריבער צו אונזערע איצטיקע באַטראַכטונגען. ניט־צופעליק זיינען די שפּעטערדיקע גרוי־סע הילפס־קערפּערשאַפטן אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון די ערשטע געזעלשאַפט־

לעכע צעלן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער הילפס־אַרבעט פאַר זעלבסט־שוץ. מיר, פון אונזער זייט, האָבן ביי די סאַמע ערשטע שריט פון דער גרויסער הילפס־אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויסגעאיבט אונזער השפעה אויף צו געבן דער הילפס־אַרבעט דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן כאַראַקטער, להיפּוך צו דעם ריין־פילאַנטראָפּישן, וואָס אַנדערע עלעמענטן האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן.

איך באַטראַכט דעם קאַפּיטל „רעליף" אין אַמעריקאַנער אידנטום פון אַזאַ וויכטיקייט אַז עס איז כדאי צו פאַרצייכענען ווי אַזוי די רעליף־אַרבעט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אָרגאַניזירט געוואָרן און ווי זי האָט איר אַרבעט געפירט. דאָס איז אויך וויכטיק טאָקע צוליב היסטאָרישן אמת. וועגן די התחלות פון גאָר גרויסע היסטאָרישע קאַפּיטלעך אין אידישן לעבן הויבן זיך אָן פאַרשפּרייטן „לעגענדעס", אָפט מיטן ציל אַרויסצוהייבן איין עלעמענט — אָדער גאָר איין פערזענלעכקייט — אויפן חשבון פון אַנדערע. מוזן די דאָזיקע אָנהויבן ריכטיק פאַרצייכנט ווערן. אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

די ערשטע גרופּע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט פאַר הילפס־אַרבעט תיכף ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז געווען די אידישע אָרטאָק־סיע. דעם 28טן סעפּטעמבער, 1914, האָט די עקזעקוטיווע פון דער יוניאָן פון אָרטאָדאָקסיש־אידישע קאָנגרעגאַציעס אָרגאַניזירט אַ צייטווייליקע הילפס־גרופּע, פון וועלכער עס האָט זיך אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אויסקריסטאַליזירט די „סענטראַל רעליף קאָמיטע". אין אָנהויב פון סענטראַל רעליף קאָמיטע האָבן ניט־אָרטאָדאָקסן זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן איר. צווישן זיי אויך אייניקע פון אונזערע חברים. שפּע־טער אָבער איז די דיפערענצירונג געוואָרן בולט'ער און „סענטראַל רעליף" איז געוואָרן די פאַרטרעטערין פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום אויפן רעליף־געביט.

דעם 25טן אָקטאָבער, 1914, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ברייטערע קאָנפע־רענץ, איינגערופן פון די פירער פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע". אויף דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמי־טע". אין דער קאָמיטע זיינען פון אָנהויב געווען אָפיציעל פאַרטראָטן אויך אונ־זערע פאַראיינען, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. אין דער שפּעטערדיקער דיפערענצירונג איז אָבער די „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע" געוואָרן די פאַרטרעטערין אויפן רעליף־געביט פון דעם זעלביקן עלע־מענט, וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" אויפן פּאָליטישן געביט. די דאָזיקע קאָמיטע, האָט, ווי וויט סכומים אנבאַלאַנגט, צוגעטראָגן דעם גרעסטן טייל צו דער רעליף־אַרבעט פון אַמעריקאַנער אידנטום.

דעם 27טן נאָוועמבער, 1914, איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „דזשאָינט דיסטרי־ביושאָן קאָמיטע" — איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען „דזשאָינט" — פון פאַרטרע־טער פון דיביידע אויבנדערמאָנטע קאָמיטעס. דער צוועק פון דעם נייעם קאָמי־טעט איז געלעגן אין זיין נאָמען: זאַמלען דאָס געלט זאַמלט יעדער קאָמיטעט באַזונדער; ווי צו צעטיילן דאָס געלט באַשטימט די „דזשאָינט"־קאָמיטע.

חדשים נאָכאַנאַנד איז די הילפס־אַרבעט געפירט געוואָרן דורך די צוויי קאָמיטעס. אונזער באַוועגונג האָט זיך אין יענע חדשים מער באַשעפטיקט מיט די אָנהויבן פון דער פּאָליטישער קאָנגרעס־באַוועגונג, ווי מיט דער הילפס־אַרבעט. די גאַנצע אידישע גאַס, מיט דער אויסנאַם פון די אָרטאָדאָקסן און דער גרופּע

אַרום דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע“, האָט זיך נאָך דאַן אין דער רעליף־אַרבעט ניט צעוואָרעמט. וויסנדיק, אַז צוויי קאָמיטעס באַשעפטיקן זיך מיט דער הילפס־אַרבעט; אַז איניקע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אידישע יוני־אָנס און פּשוטע אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס זיינען אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין די צוויי קאָמיטעטן; אַז איניקע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געזאַמלט צווישן זייערע מיטגלידער פאַר די רעליף־פאָנדן און עס איבערגעשיקט צו איינער פון די צוויי עקזיסטירנדיקע קאָמיטעס — האָט מען זיך דערמיט באַנוגנט. אין ווינטער 1915־14 איז דעריבער קיין פאַרזוך אויפצובויען אַ זעלבסטשטענדיקע רעליף אָרגאַניזאַציע צווישן די אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן ניט געמאַכט געוואָרן. פיל יחידים האָבן אָבער געגומען שפּירן, אַז די לאַגע איז ניט קיין געזונטע. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך, ווי געזאָגט, אַרומגעקליבן אַרום דער סענטראַל רעליף. זיי האָבן גלייך פון אָנהויב אי אַליין געזאַמלט געלט, אי געהאַט אַ דעה אין דער צעטיילונג. די ניט־אָרטאָדאָקסישע אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אין די ערשטע דריי פערטל יאָר פון דער מלחמה זייער חוב צו דער הילפס־אַרבעט דערפילט בלויז אין אַ זייער קליינער מאָס. קיין דעה אויף דער צעטיילונג האָבן זיי לחלוטין ניט געהאַט.

די אומצופרידנקייט מיט דער לאַגע איז געשטאַרקט געוואָרן דורכדעם, וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן די נייגונגען פון די „דזשאָינט“־פירער, וואָס דאָס זיינען געווען די זעלביקע פירער פון דער אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע, צו באַהערשן די גאַנצע הילפס־אַרבעט. בעיקר האָט געהאַלטן אין שטייגן די אומצופרידנקייט איבער דעם, וואָס „דזשאָינט“ האָט, אין זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם אייראָפּעאישן אידנטום, אַרויסגעוויזן אַלץ מער די נייגונג איבערצוגעבן די דעה אויף דער צעטיילונג פון די רעליף־געלטער די עקסטרעמע אידישע אַסימילאַטאָרן אין דייטשלאַנד און עסטרייך. די הויפּט־הילפס־אַרבעט האָט מיט יעדן חודש אַלץ מער געדאַרפט געפירט ווערן דורך דייטשלאַנד און עסטרייך, ווייל זייערע אַרמייען האָבן געהאַלטן כסדר אין איין פאַרנעמען וואָס גרעסערע טיילן פון דעם אידישן תחום־המושב פון פריערדיקן רוסלאַנד. דער „דזשאָינט“ האָט זיך פאַרבונדן מיטן דייטשן הילפס־פאַראיין אין בערלין און מיט דער אָפּטיילונג פון „אַליאַנס איזראַעליט“ אין ווין, ביידע באַהערשט פון עקסטרעמע אַסימילאַנטן. עס איז דעריבער צייטיק געוואָרן די שטרעבונג אין דער אידישער דעמאָקראַטיע סיי צו טאָן מער פאַר רעליף און סיי משפּיע צו זיין אויף דער געלט־צעטיילונג.

## ט. די פאָלקס־הילף קאָמיטע: „פּיפּלס רעליף“

די איניציאַטיוו צו גרינדן די פאָלקס־הילף קאָמיטע, וואוהין אונזער השפּעה האָט זיך נאָכדעם אינגאַנצן אַריבערגעטראָגן, האָט גענומען אויף זיך חבר יואל ענטין. ער האָט אין מאַי, 1915, צונויפגערופן אַ גרופּע פון אידישע אַרבעטער־פירער און פּערזענלעכקייטן פון דער אידישער „איסט־סייד“, דער חוט־השדרה פון דעם דעמאָלטיקן פאָלקס־אידנטום. די ערשטע זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הויז פון דעם דעמאָלט זייער אַקטיוון דר. ש. עלסבערג, וואָס האָט אויך באַלאַנגט צו אונזער באַוועגונג. פון דער התחלה איז אַרויסגעקומען די ערשטע גרע־

סערע צוזאַמענקונפט, אָפּגעהאַלטן אָנהויב יוני, 1915. אויף דער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען די הויפּט־דיסקוסיע, צי מען זאָל בכלל גרינדן אַ באַזונדער פאָלקס־הילפס־־קאָמיטעט. דער הויפּט־קעגנער פון דעם געדאַנק איז געווען דר. י. ל. מאַגנעס. ער האָט געוואָלט אַז די פאָלקס־עלעמענטן זאָלן בלייבן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אַמעריקען דזשואיש רעליף־קאָמיטע. ביי יענער זיצונג איז פאָר־געקומען זייער אַ העפטיקער וואָרט־געראַנגל צווישן אים — מאַגנעסן — און שלום אַש'ן, וועלכער איז געווען פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ קאָמיטעט. דעם נאָמען „פאָלקס־הילפס־קאָמיטעט" האָט טאַקע שלום אַש פאָרגעשלאָגן. דער וואָרט־גע־ראַנגל איז פאָרגעקומען מחמת ניט־העפלעכע ווערטער וואָס מאַגנעס האָט אַדרע־סירט אויפן חשבון פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע, צוליב איר גלייכגילטיקייט אין דער רעליף־אַרבעט. מאַגנעס האָט שפּעטער די ווערטער צוריקגעצויגן. ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן דעם קאָמיטעט צו גרינדן, האָט מאַגנעס גלייך אויפן אָרט דערקלערט זיין גרייטקייט מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט. ער האָט זיין וואָרט טאַקע געהאַלטן. ער האָט שפּעטער זייער פיל געהאָלפן דעם פּיפּלס רעליף.

אַ דריטע זיצונג, אין וועלכער עס האָבן שוין אנטייל גענומען איבער הונ־דערט פּראָמינענטע אידן פון דער „איסט־סייד", איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מיטן יוני. דאָרטן איז די אָרגאַניזאַציע געגרינדעט געוואָרן מיט דר. עלסבערג ווי דער ציטווייליקער פּאָרזיצער און יואל ענטין ווי דער צייטווייליקער סעקרע־טאַר. פאַרשיידענע פּלענער זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן, ווי אַזוי אָנצוגיין מיט דער פּראַקטישער זאַמל־אַרבעט. אַ פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן צוזאַמענצו־רופן אַ ברייטע פאָלקס־קאָנפערענץ פון אַלע ניו־יאָרקער אידישע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו געבן דער אַרבעט דעם נויטיקן פאַרנעם.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 8טן אויגוסט, 1915. צווישן די 110 אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אין דער קאָנפערענץ אנטיילגענומען, זיינען שוין געווען דרייצן צווייגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די פּאַרטיי־פאַראיינען האָבן זיך, נאַטירלעך, אויך באַטייליקט. אייניקע פון אונזערע חברים זיינען געקו־מען אַלס פאַרטרעטער פון פאַרשידענע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. עטלעכע דעלעגאַטן האָבן מיר געהאַט אַלס פאָרטרעטער פון יוניאָנס. מיר האָבן אַזוי אַרום פאַרמאָגט אַ גאַנץ אָנגעזעענעם כוח אויף דער קאָנפערענץ. די מערהייט דעלעגאַטן איז אָבער געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דעם דעמאָלט זייער איינפלוסרייכן אַנטי־ציוניסטישן בלאָק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבעטער־רינג, דער גרויסער מאַ־יאָריטעט אידישע טרייד־יוניאָן־פירער, דער אידישער סאָציאַליסטישער פע־דעראַציע (איצטער — „אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד") און דעם „פאָר־ווערטס". און טראָץ דעם וואָס די קאָנפערענץ האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגע־געבן מיט פּראַקטישע פראַגן, איז שוין אָבער אויף איר פאָרגעקומען אַ זייער העפטיקער קאַמף צווישן אונזער ריכטונג און דער מאַיאָריטעט.

שלום אַש האָט פאָרגעשלאָגן אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם כאַראַקטער פון דער הילפס־אַרבעט. דער זין פון דער דעקלאַראַציע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער צווייטער יערלעכער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אין אויגוסט, 1916. נאָך קלערער איז דער דאָזיקער זין אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אין דער ערשטער נאַציאָנאַלער דעקלאַראַציע פון פּיפּלס רעליף, אויף איר ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין מיטן נאָוועמבער, 1916, אין

באָסטאָן. אָבער אויף דער ערשטער קאָנפערענץ, אויגוסט, 1915, האָט די מאַיאָ־ריטעט אָפּגעוואָרפן די דעקלאַראַציע וואָס שלום אַש האָט פאָרגעשלאָגן. איבעריק צו פאַרצייכענען, אַז אונזער בלאָק האָט געפירט דעם קאַמף פאַר דער דעקלאַראַציע.

און שוין דאַן איז געקומען צום אויסדרוק אונזער שטעלונג צום גאַנצן וועזן פון רעליף. אונזערע קעגנער האָבן אונז באַשולדיקט, אַז מיר זוכן אויסצושפּילן פאַרטיי־פּאָליטיק. די דאָזיקע באַשולדיקונג האָבן מיר אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפט געהערט קעגן אונזער טאַקטיק אין דער הילפס־אַרבעט. אויב ריכטיק פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון אַ היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע איז געווען פאַר־טיי פּאָליטיק, נעמען מיר אָן דעם פאָרוואורף פון אונזערע קעגנער. אויב אַ פאָר־זוך צו געבן דער רעליף־אַרבעט די געהעריקע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַזע; ניט אויסשליסן דעם רעליף־פּראָבלעם פון אַלע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַל פּאָליטישע בויטן פון אידישן פאָלק; באַשטיין אויף דעם, אַז די הילפס־אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלן המשך, פון ראַטעווען דאָס גאַנצע פאָלק און ניט בלויז ראַטעווען יחידים — אויב דאָס איז עס, וואָס אונזערע קעגנער האָבן אונז געוואָלט פאָרוואַרפן, מעגן מיר דעם פאָרוואורף אָננעמען. מיר האָבן דערפון קיינמאָל קיין סוד ניט געמאַכט. און איבערגייענדיק אין גערדאַנק די פאַרשיידענע עפּאָכן פון דער הילפס־אַרבעט, דוכט מיר, אַז מען קען פעסט־שטעלן אַ ריכטליניע, לויט וועלכער עס זיינען געגאַנגען אירע עליות און אירע ירידות: ווען די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין ליכט פון די נאַציאָנאַלע צילן פון אידישן המשך און אין פאַרבינדונג מיט זיי איז געווען ברכה אין דער אַר־בעט. און אַז עס איז געווען ברכה, זיינען אודאי געווען גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר דער פּשוטער רעטונגס־אַרבעט פון אידישע לעבנס. די רעליף־אַרבעט איז דעמאָלט אויך געוואָרן אַן אָנשפּאַר פאַר אידיש־פּאָליטישע אינטערעסן. איז אָבער די אַרבעט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער גאַנצער ראַם פון אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אידיש־פּאָליטישע המשך־פּראָבלעמען און איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן באַזיס פון בלויז הילף פאַר אידישע יחידים, איז קיין ברכה ניט געווען. דורכדעם איז די מאָס פון פּשוט׳ער רעטונגס־אַרבעט אויך רעדוצירט געוואָרן. דערצו זיינען די רעליף־אָרגאַנען אָפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין אין וועג פאַר אידיש־נאַציאָנאַלע צילן.

קלערער ווי אין אַנדערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס איז עס בולט געוואָרן אין „פּיפּלס רעליף", ווייל ער איז באַשטאַנען פון פאָלקס־מאַסן, איז אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן באַגריפן די קאָלאָסאַלקייט פון דער הילפס־אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַלן המשך, פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון גאַנצן אידישן פאָלק, פון וועלכן זיי זיינען אַליין אַ טייל; אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן געזען אין דעם אַ נאַציאָנאַלע זעלבסט־רע־טונג, אין דער דאָזיקער מאָס האָבן זיי אַריינגעלייגט ענערגיע אין דער אַרבעט און טאַקע אַליין בייגעשטייערט. איז דער דאָזיקער באַוואוסטזיין געשטיגן, איז די אַר־בעט געשטיגן; איז ער געפאַלן, איז די אַרבעט געפאַלן.

אונזערע קעגנער האָבן אָבער דעם שטאַנדפּונקט ניט געוואָלט אָננעמען. זיי האָבן געזאָגט פּשוט: מיר גייען זאַמלען געלט צו העלפן אידישע מלחמה־קרבנות. אַנדערע זאַכן אינטערעסירן אונז נישט. און אויף דער ערשטער קאָנפערענץ האָט דער ריין־פילאַנטראָפּישער צוגאַנג, געשטיצט פון מאַגנעס אין גלויבן אין די פאָלקס־כוחות, מנצח געווען.

אַנדערש איז עס אָבער געווען אַ יאָר שפּעטער, ביי דער צווייטער ניו יאָרקער קאָנפערענץ, דעם 4טן אויגוסט, 1916. דורך דעם יאָר האָט דער פּיפּלס רעליף דורכגעפירט זייער באַדייטנדיקע אַרבעטן. עס האָט זיך אין משך פון דעם יאָר גע־נומען שרייבן דער שענסטער קאַפּיטל אין רעליף־בוך: די אַרמיי פון וואָלונטירן. זייער צאָל האָט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט דערגרייכט פיל טויזנטער. וואָך־איין, וואָך־אויס זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אין דער אידישער גאַס, געקלאַפּט אין אַלע טירן, געמאָנט דעם חוב פון יעדן אידן און ניט געלאָזט איינ־שלאָפן דעם געוויסן פון דער אידישער באַפעלקערונג. גרויסע סכומים זיינען דורך זיי דירעקט געזאַמלט געוואָרן. גרויס כבוד האָבן זיי פאַרשאַפט דעם אַמע־ריקאַנער אידנטום. ווען זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון דער אידישער אָרעמ־קייט, האָבן זיי אויך געקלאַפּט אין די הערצער פון אידישע גבירים. סיי דער וועזן פון דער הילפס־אַרבעט, סיי די ממשות׳דיקע סכומים זיינען דורך זיי באַ־דייטנדיק אויפגעהויבן געוואָרן.

דער ערשטער וויכטיקער אַרויסטריט פון דער וואָלונטירן־אַרמיי איז פאָר־געקומען דעם 29טן דעצעמבער, 1915. אויף יענעם טאָג האָט די פּיפּלס־רעליף באַשטימט דורכצופירן אַ טעג־טאָג אין ניו יאָרק. יענעם טאָג האָט אַ געשנייט אַ געדרעגנט. עס איז פשוט געווען סכנות־נפשות אין גאַס אַרויסצוגיין. מר. פעליקס וואָרבורג, דער פאָרזיצער פון „דזשאָינט״, האָט טעלעפאָנירט ד״ר רעלעסבערג׳ן, דעם פאָרזיצער פון טעג־טאָג קאָמיטעט, און אים געבעטן אָפּצושטעלן די אַרבעט, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר אַרויסצושיקן מענטשן אין גאַס. ד״ר עלסבערג האָט אים געענטפערט, אַז די וואָלונטירן זיינען שוין אויף די באַשטימטע ערטער און אַז אַלץ, וואָס ער קאָן טאָן, איז אַרויספאָרן אין די פאַרשיידענע באַשטימטע וואָלונטירן־סטאַנציעס און זיי איבערגעבן זיין — וואָרבורגס — מיינונג. עלס־בערג האָט טאַקע אַזוי געטאָן, אָבער קיין איינציקער וואָלונטיר האָט די אַרבעט ניט אויפגעגעבן. הונדערטער פון זיי האָבן יענעם טאָג אָנגעפילט די גאַסן פון ניו יאָרק. מר. וואָרבורג׳ס וואָרנונג האָט זיך, לײדער, אַרויסגעוויזן באַרעכטיקט. צענדליקער וואָלונטירן זיינען יענעם טאָג קראַנק געוואָרן. צוויי זיינען נאָך דעם געשטאָרבן. אָבער זייער שליחות האָבן זיי דורכגעפירט. די געלט־זאַמלונג אַליין איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דורך ניקלס און דיימס זיינען אין ניו יאָרק געזאַמלט געוואָרן 25 טויזנט דאָלאַר. אָבער נישט אין דעם איז באַשטאַנען די הויפּט־באַדייטונג פון יענעם טאָג. דאָס רעליף־פּראָבלעם איז דורך יענעם טעג־טאָג מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אַריינגעשטויסן געוואָרן אין האַרץ און אין מוח פון ניו יאָרקער אידנטום. פון דאָרט איז עס אַריבער צו אַלע אידן פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

איין חודש שפּעטער האָט די וואָלונטירן־אַרמיי געהאַט נאָך אַ בעסערע גע־לעגנהייט צו באַווייזן איר אַרבעט און דערגרייכונגס־פעיִקייטן. דורך באַמיאונ־גען פון פאַרשטייער פון „סענטראַל רעליף״ האָט דעם 12טן יאַנואַר, 1916, פּרע־זידענט וואודראו ווילסאָן אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט דעם 27טן יאַנואַר, 1916, אַלס ספּעציעלן טאָג פאַר אידישן רעליף *). יענער טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע

*) דער פולער טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע איז אָפּגעדרוקט אין בוך „פּיפּלס רעליף און אַמעריקע״, זייט 371.

פאַרן אידישן פאָלק און זיינע ליידן. ער האָט זיך טאַקע גערופן „דער אידן־טאָג“. אויסער דעם זיינען טאַקע גרויסע סכומים געזאַמלט געוואָרן סיי דורך אידן, סיי דורך ניט־אידן. אונזער וואָלונטירן־אַרמיי האָט זיך ווידער געלאָזט שטאַרק פילן. דורך איר אַליין איז געזאַמלט געוואָרן 59 טויזנט דאָלאַר, וואָס איז אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן אַלס קאָלאָסאַלער סכום, וויסנדיק אַז די ביישטייערונגען זיינען געווען ניקלס און דיימס.

עטלעכע וואָכן נאָכן „אידן־טאָג“ איז אין ניו יאָרק דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסער באַזאַר פאַר „פיפלס־רעליף“. דער ריינער ריווח פאַרן רעליף איז געווען אַרום 100 טויזנט דאָלאַר. אָבער ווידער אַמאָל איז דער עיקר געווען: די פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן וואָלונטירן געזאַמלט די סחורה. אין אַלע גאַסן פון ניו יאָרק האָט מען באַגעגנט די ספּעציעלע וועגענער מיט די וואָלונ־טירן. דער באַזאַר אַליין האָט פיל בייגעטראָגן צום פּראָצעס פון ווייטער וועקן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז ווידעראַמאָל דורך די וואָ־לונטירן, דורכגעפירט געוואָרן דער ספּעציעלער י. ל. פּרץ „באָטן־טאָג“, אַ זאַמלונג ספּעציעל פאַר די אידישע קינדער־שולן און קינדער־היימען אין די מלחמה־לענדער. אין דער אַרבעט האָט זיך שוין דאָס גאַנצע לאַנד באַטייליקט, ווייל אין פאַרלויף פון די עטלעכע חדשים זיינען אַרויסגעוואַקסן פאָלקס־הילף־קאָמיטעטס אין די וויכטיקסטע שטעט פון אַמעריקע. דער „פיפלס־רעליף“ האָט דעריבער גע־מוזט אויפשטעלן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אָנצופירן די אַרבעט אין דער פּראָ־ווינץ. אין פעברואַר, 1916, האָט די דאָזיקע אָפּטיילונג שוין פונקציאָנירט. דער פּרץ „באָטן־טאָג“ איז דורכגעפירט געוואָרן אין מיטן אַפּריל 1916, צום ערשטן יאָרצייט פון יצחק לייבוש פּרץ, און די וואָלונטירן האָבן זיך ווידער געלאָזן אין די אידישע גאַסן. דעם 25טן יוני, 1916, איז דורכגעפירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד אַ ספּעציעלער בלומען־טאָג. פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע האָבן די וואָלונטירן ווידער געקלאַפּט סיי אין די טירן, סיי אין די הערצער פון אַמעריקאַנער אידן. אויסער די אַלע ספּעציע־לע זאַמלונגען האָבן די וואָלונטירן יעדן זונטיק זייער חוב נישט פאַרנאַכלעסיקט. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. די הילפס־אַרבעט האָט מיט זיך דאַן פאַרגעשטעלט אַ פאָלקס־באַוועגונג אין אמתן זין פון וואָרט.

שפּעטער־צו האָבן די קאַמפּיינען פאַר רעליף זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין אַ מער מעכאַנישן פּראָצעס. עקספּערטן האָבן גענומען צוגרייטן מער פּראַקטיש אויסגעפּלאַנטע קאַמפּיינען. די נשמה האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַרויסוועפּן פון דער אַרבעט. צי האָט די הילפס־אַרבעט יאָ אָדער ניט געדאַרפט אַראָפּגיין פון יענעם וועג פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, דיסקוטיר איך דאָ ניט. איך שטעל נאָר פעסט אַז די שפּעטערדיקע, מער פּראַקטישע מעטאָדן וואָלטן בשום אופן ניט מעגלעך געווען, ווען ניט די עטלעכע יאָר וואָלונטיר־אַרבעט, וועלכע האָט אַזוי טיף אַריינגעוואָרצלט אין האַרץ פון אַמעריקאַנער אידנטום זיין חוב צום אידישן פאָלק בכלל און צו דער הילפס־אַרבעט בפרט.

צו דער אַרמיי פון וואָלונטירן האָט אונזער באַוועגונג צוגעשטעלט אַ צאָל מיטגלידער, פילפאַך מער ווי דער פּראָצענט וואָס מיר האָבן אויסגעמאַכט צווישן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אַרום פּיפּלס רעליף אַרומגעקליבן. האָבן אונזערע חברים דען פאַרמאָגט אַ גרעסערע מאָס פון סתם מענטשלעכקייט, פון

סתם רחמנות? — ניין! איך באַהויפּט, אַז דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג צום הילפס־פּראָבלעם האָט אין זיי אַרויסגערופן אַ טיפערן אחריות־געפיל. דערפאַר האָבן זיי זיך אָפּגערופן אין אַ פיל גרעסערער צאָל, ווי נאָר פּיפּלס־רעליף האָט באַשאַפן פאַר זיי די מעגלעכקייט פון דירעקטער באַטייליקונג. דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג איז, בכן, געוואָרן ניט נאָר טעאָרעטיש ריכטיק, ער האָט אויך פּראַקטיש גרויסן נוצן געבראַכט דער הילפס־אַרבעט.

ווי אַ רעזולטאַט פון אַט די אַלע דערשיינונגען איז אין פּיפּלס־רעליף מער צייטיק געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג פאַר אונזער איינשטעלונג אין דער הילפס־אַרבעט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז ניט אַ פּאַרטיי־עקשנות רעדט פון אונז אַרויס, נאָר אַ טיפע אינערע איבערצייגונג. די קעגנער זיינען דורכדעם ניט ווייכער געוואָרן. פאַרקערט, זיי זיינען נאָך מער פאַר'עקשנ'ט געוואָרן קעגן אונז. אָבער יענע, וואָס האָבן פריער ניט געגלויבט אין די פאָלקס־כחות, האָבן באַקומען מער פעסטקייט. די פאַרטרעטער פון די אומפּאַרטייאישע אידישע פאָלקס־מאַסן אין פּיפּלס־רעליף האָבן זיך גענומען ערנסטער צוהערן צו אונז.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אויף דער צווייטער קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אין אויגוסט, 1916, איז אָנגענומען געוואָרן די דעקלאַראַציע, וואָס די ערשטע ניו יאָרק־קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן, און אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין באָסטאָן, אין נאָוועמבער, 1916, איז די דעקלאַראַציע נאָך קלאָרער אַרויסגעבראַכט געוואָרן. די דאָזיקע קורצע דעקלאַראַציע פאַרדינט זיכער דאָ געבראַכט צו ווערן. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ אַי־דעאישן צוגאַנג צו דער הילפס־אַרבעט, פאַר וועלכער אונזער באַוועגונג האָט אַזוי העפטיק געקעמפט. די דעקלאַראַציע לייענט זיך:

„די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון פאָלקס־הילף־קאָמיטעט, פאַרזאַמלט אין באָסטאָן דערקלערט:

„די הילף, וואָס ווערט געזאַמלט צווישן אידישן פאָלק אין די נייטראַלע לענדער פאַר דעם אידישן פאָלק אין די מלחמה־לענדער, איז בשום־אופן ניט קיין קיצבה, קיין צדקה, קיין פילאַנטראָפּיע; עס איז ניט די שטיצע, וואָס ווערט פון אַ יחיד צוגעטיילט אַ יחיד, נאָר די נאַטירלעכע און אָרגאַנישע אָנשטרענגונג פון איין טייל פון אידישן פאָלק פאַרן צווייטן, פאַר דער היסטאָרישער דערהאַלטונג און קיום פון דער גאַנצער אידישער נאַציע;

„די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער פאָלקס־הילף־קאָמיטע דער־קלערט ווייטער, אַז די הילף, וואָס ווערט געזאַמלט פאַר דעם אידישן פאָלק אין די מלחמה־לענדער, האָט ניט בלויז דעם צוועק צו דערהאַלטן די פּשוט'ע פיזישע עקזיסטענץ, נאָר אויך צו דערהאַלטן ביים לעבן דעם גייסט פון דעם רואינירטן פאָלק, צו דערהאַלטן ביים לעבן די אידישע קולטור, צו געבן דעם געפייניקטן פאָלק די מעגלעכקייט צו דערציען דעם יונגן דור אין איינקלאַנג מיט דעם וואונטש פון די אידן אין די פאַרשי־דענע ערטער;

„די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן דערקלערט אויך, אַז די הילף פאַר די אידן אין די מלחמה־לענדער טאָר ניט זיין בלויז אַ דערוויילִיקע, נאָר אויך אַ דויערהאַפטע, זי מוז העלפן די רואינירטע אידן סיי אין די אַלטע ערטער,

סיי אין נייע, ווי אַמשנעלסטן צוריקצוגעווינען זייערע פריערדיקע עקאָנאָ־מישע פּאָזיציעס, זיי זאָלן זיך מער ניט נייטיקן אין הילף:

„די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן ווענדעט זיך מיט דער פייערלעכסטער אויפפאָדערונג און פליכט־דערמאָנונג צו אַלע אידן פון אַמעריקע, אַז זיי מוזן זיך מיטן פולן האַרצן אַריינוואַרפן אין דער רעליף־אַרבעט, סיי מיט זייער געלט, סיי מיט זייער מי און באַגייסטערונג. איבערהויפּט פאָדערט די קאָנווענשאָן אויף די אידישע יוגנט אין אַמעריקע, זי זאָל באַצאָלן איר פאָלק דעם זעלביקן חוב, וואָס די יוגנט פון אַנדערע פעלקער באַצאָלט צו זייערע פעלקער אין צייט פון נאַציאָנאַלן אומגליק און נאַציאָנאַלער סכנה;

„אידן פון אַמעריקע! געדענקט דעם איצטיקן מאָמענט! געדענקט אייער איצטיקע היסטאָרישע פליכט! די ווירדע פון דעם אַמעריקאַנער אידן און די טראַגיק פון דעם איצטיקן מאָמענט פאָדערן פון אונז די גרעסטע קרבנות און די פולסטע האַרמאָניע פאַר דער רעטונג און זעלבסט־דערהאַלטונג פון אונזער פאָלק".

## י. אַנדערע עפּיזאָדן אין „פּיפּלס רעליף"

מיט דערדאָזיקער דעקלאַראַציע האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט אונזער גע־ראַנגל אין פּיפּלס רעליף. אַנדערע עפּיזאָדן האָבן כסדר אונז געהאָלפן אַרויסצו ברענגען אונזער שטעלונג אין דער הילפס־אַרבעט. ניט אַלע פון זיי קענען אויס־גערעכנט ווערן. די וויכטיקסטע פון זיי דאַרפן אָבער באַצייכנט ווערן, הויפּט־זעכלעך טאָקע יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו אונזער אינע־וויניקסטן קאַמף אין דער רעליף־אַרבעט פאַר א געזונטן נאַציאָנאַלן בליק. איי־ניקע אַזעלכע עפּיזאָדן זיינען פאָרגעקומען אויפן שטח פון באַציאונגען מיטן „דזשאָינט", אין וועלכן אויך פּיפּלס רעליף האָט זיך אָנגעשלאָסן. געווען אָבער אויך אַזעלכע עפּיזאָדן וואָס האָבן מיטן „דזשאָינט" קיין שייכות נישט געהאַט.

איין עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן גופא. קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, דער טשערמאַן פון פּיפּלס רעליף, האָט ביי דער גרויסער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג לכבוד דער קאָנווענשאָן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט חוזק געמאַכט פון אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע איינשטעלונגען אין דער רעליף־אַרבעט. די רעדע האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג. פּנחס רוטענבערג, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צו יענער קאָנווענשאָן, האָט געוואָלט אויף מאָרגן פאָרלייענען אַ דערקלערונג וועגן לאָנדאָנ׳ס רעדע. מיט 52 שטימען קעגן 43 איז רוטענבערג׳ס פאָרלאַנג אָפּגעוואָרפן געוואָרן. רוטענבערג׳ס דער־קלערונג איז געווען אַ שריפטלעכע. זי פאָרדינט דאָ איבערגעגעבן צו ווערן. זי האָט געלויטעט:

„טויזנטער אידן זיינען געקומען צום נעכטיקן ריזיקן מאַסן־מיטינג און דורך דער ערנסטער און פייערלעכער שטימונג אויסגעדריקט זייער נאַ־ציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיט די אידישע מלחמה־קרבנות אין איירָאָפּע.

„דער טשערמאַן פון פּיפּלס־רעליף, האָנאָראבל קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, האָט אין זיין שלוס־רעדע געמאַכט צו שפּאָט די שטימונג און אינהאַלט פון די פריערדיקע רעדנער און האָט גערופן „אויפצוהערן בלאָפן וועגן דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און זיך נאַריש מאַכן וועגן דער אידי־שער צוקונפט".

„דער גאַנצער טאָן און אינהאַלט פון זיין רעדע זיינען געווען ניט אויפן אָרט אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג און האָבן צעשטערט די נאַציאָנאַל־ברידערלעכע שטימונג, וואָס האָט אין איר געהערשט.

„דער כבוד פון אידישן פאָלק און פון אידישע אַרבעטער איז מיין כבוד און אייער כבוד. אַלס איד און אַלס סאָציאַליסט פּראָטעסטיר איך קעגן דער רעדע פון מאיר לאָנדאָן אויף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג און שלאָג אייך פאָר, אויב איר וועט געפינען פאַר פּאַסנד, אָן דיסקוסיעס, אום ניט צו פאַרלירן אונזער צייט, אויסצודריקן אייער באַדויערונג וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען".

איבעריק צו פאַרצייכענען, ווי גרויס עס איז געווען אונזער פאַרביטערונג, ווען רוטענבערג׳ס פאָרלאַנג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אונזער געפיל פון אחריות האָט אונז אונטערגעזאָגט אָפּצוהיטן די גאַנצקייט און אַרבעטס־פעאיקייט פון „פּיפּלס רעליף". פּינחס רוטענבערג אַליין, נאָכדעם ווי זיין פאָרשלאָג איז אָפּ־געוואָרפן געוואָרן, האָט געבראַכט פאַר דער קאָנווענשאָן אַ גאַנצע רייע פאָרשלאָגן וועגן די נייע אַרבעטס־פּלענער פאַר רעליף. ערשט ביי די וואַלן פאַר אַ נייעם טשערמאַן איז די פאַרביטערונג טיילוויז אויסגעדריקט געוואָרן. מאיר לאָנדאָן איז ווידער געווען דער קאַנדידאַט. און טראָץ דעם, וואָס לאָנדאָן׳ס פריינט האָבן אין זיין נאָמען פאַרזיכערט, אַז ער האָט ניט געמיינט דאָס, וואָס מען האָט אויס־געטייטשט אין זיין רעדע, האָבן אַ פּאָר צענדליק דעלעגאַטן געפונען פאַר נייטיק צו רעגיסטרירן און פאַרפּראָטאָקאָלירן זייערע שטימען קעגן מאיר לאָנדאָן. צווישן זיי איז אויך געווען אונזער דוד בן גוריון, וועלכער איז אויך געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער „פּיפּלס רעליף" קאָנווענשאָן.

אַ צווייטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אין פאַרבינדונג מיטן פּראָבלעם פון אַריינציען נייע אַרבעטער־און פאָלקס־כוחות אין אַ ספּעציעלן צעטיילונגס־אָרגאַן, וואָס „דזשאָינט" האָט אויפגעשטעלט אין בערלין. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז אַ פאָרטרעטער פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָל צוגעצויגן ווערן צום קאָמיטעט. די קאָנווענשאָן האָט זיך אָבער שאַרף צעטיילט אין דער פראַגע וועגן דעם טיפּ אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אונזער באַוועגונג איז געשטאַנען פאַר דעם, אַז נאָר אַזעלכע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען פאַר דער פאָ־דערונג פון אידישע נאַציאָנאַלע רעכט זאָלן צוגעצויגן ווערן. שטאַרק געהאָלפן אין דעם האָט אונז ד״ר לעאָן מאָצקין, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער פּיפּלס רעליף־קאָנווענשאָן.

אין דעם פּונקט איז מיט אונז מיטגעגאַנגען אַ גרופּע בונדיסטן, מיט א. ליט־וואַק׳ן בראש, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער קוואַליפיקאַציע. אַ גרופּע אַלגעמיינע ציוניסטן, דאָקעגן, זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף ניט אַריינפירן קיין שום פּאָליטישע פראַגן אין דער הילפס־אַרבעט. דר. מאָצקין האָט זיי אויף דער טענה געענטפערט, אַז זיי זאָלן ניט פאַרגעסן, אַז

דער פּאָליטישער מאָמענט וועט קומען, ווען מען וועט ביי די, וועמען מיר האָבן גע־שענקט אונזער צוטרוי אין דער הילפס־אַרבעט, שטאַרק פרעגן אויך וועגן אונ־זערע פּאָליטישע פראַגן.

כדאי אויך דאָ צו פאַרצייכענען, אַז אין נאָך איין מאָמענט אין דער רעליף־אַרבעט האָבן זיך אונזערע וועגן צוזאַמענגעטראָפן מיט די בונדישע פירער, וואָס האָבן אויך באַאיינפלוסט די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. אויף דעם 4טן צוזאַמענפאָר פון „פּיפּלס רעליף", אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע, אין מיטן נאָ־ווועמבער, 1920, איז געקומען צו אַ זייער שאַרפן צוזאַמענשטויס וועגן אונזער פאַר־בינדונג מיטן „דזשאָינט". אונזער טענה איז געווען, אַז דער „דזשאָינט" רעכנט זיך ניט מיט די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער און אַז זיינע אַרבעטס־מעטאָדן בכלל זיינען ניט צוגעפּאַסט צו די אמת'ע נויטן פון די אידישע מאַסן. אונזער באַוועגונג, וואָס האָט שטענדיק פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון מער זעלבסטשטענדיקייט פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן, האָט דעמאָלט צוגעקראָגן די הילף פון די בונדישע פירער. צו אַן ענדגילטיקן אַרויסטריט האָבן מיר ניט געקאָנט ברענגען. מיר האָבן זיך בלויז דערשלאָגן צו טיילווייזער זעלבסטשטענדיקייט: די „פּיפּלס רעליף" האָט אויף יענער קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז „אַ פּראָצענט פון די געלטער, וואָס ווערן געזאַמלט פון פּיפּלס רע־ליף־קאָמיטע, סיי דירעקט, סיי דורך די דזשאָינט־דריַיווס, זאָל פאַרברויכט ווערן, לויט דער אָנווייזונג פון פּיפּלס רעליף, צו העלפן די אַרבעטער אינסטיטוציעס אין די מלחמה־לענדער, דורך די פאַראייניקטע אַרבעטער־רעליף־קאָמיטעטן אין אייראָפּע". דאָס איז געווען דער קאָמפּראָמיס. ביים אָפּשטימען האָט אונזער בלאָק געשטימט קעגן דעם קאָמפּראָמיס, די בונדישע גרופּע — פאַר.

כאַראַקטעריסטיש איז דערביי געווען די שלוס־רעדע פון אונזער באַקאַנטן, ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם בונדיסט, צביון. ער האָט געזאָגט:

„עס איז מיין ערשטע דערפאַרונג צו זיין אין אַ בלאָק מיט די פּועלי־ציון. מיין שטימונג איז ניט קיין געהויבענע, ווי נאָך אַ קאָמפּראָמיס. מיר איז זעלטן אויסגעקומען צו זיין אין אַ מאַיאָריטעט. האָב איך זיך אַליין דערשראָקן זיך צו באַנוצן דערמיט. איך האָב מקנא געווען די פּועלי ציון דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין דער מינאָריטעט און האָבן געקאָנט שטימען קעגן דער קאָמפּראָמיס־רעזאָ־לוציע. איך פיל זיך געשלאָגן דורכן קאָמפּראָמיס".

צביון'ס טעות איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז אונ־זער גרופּע האָט געשטימט קעגן קאָמפּראָמיס נאָר דערפאַר, ווייל מיר זיינען גע־ווען אין דער מינאָריטעט. אונזער חשבון מיטן „דזשאָינט" האָבן מיר די גאַנצע צייט געהאַט. מיר האָבן קיין סוד ניט געמאַכט, אַז מיר האָבן געזען אַ גרויסע געפאַר אין דעם וואָס „דזשאָינט" האָט מאָנאָפּאָליזירט די הילפס־אַרבעט. פאַר אונז איז דאָס ניט געווען בלויז אַ פראַגע פון יענעם מאָמענט־אינטערעס, אַז אי־דישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זאָלן ניט דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויפן חסד פון „דזשאָינט"־פאַרטרעטער. פאַר אונז איז „דזשאָינטס" אַרויסשיילן די רעליף אַרבעט פון גאַנצן קאָמפּלעקס פון אידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן; „דזשאָינטס" ניט וועלן זיין פאַרבונדן מיט אַן אָרגאַניזירטן וועלט־פאָלק, ביי ווע־מען רעליף איז בלויז איינע פון זיינע פּראָבלעמען; „דזשאָינט'ס" אויסגעוואַקסענע השפעה צוליב זיין מאָנאָפּאָל אויף אידישע רעליף־פאָנדן, אַ השפעה, וואָס ער האָט

דאָן אויסגענוצט פאַר דער פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון זיינע עלעמענטן אין אידישן פאָלק — אָט די אַלע איינשטעלונגען אונזערע קעגן „דזשאָינט“, וואָס זייַנען אַרויסגעוואַקסן פון אונזער נאַציאָנאַלן צוגאַנג צו דער רעליף־אַרבעט, האָבן אונז ניט געלאָזט אָננעמען קיין קאָמפּראָמיסן. דערפאַר זיינען אַזוי זעלטן געווען די פאַלן, ווען מענטשן פון צביון׳ס איינשטעלונג זיינען געגאַנגען מיט אונז קעגן „דזשאָינט“; אין די מערסטע פאַלן זענען זיי געגאַנגען מיטן „דזשאָינט“ קעגן דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אין דער הילפס־אַרבעט.

די באַציאונג צו ארץ־ישראל איז גאַנץ אָפּט פאַרהאַנדלט געוואָרן אין דעם „פּיפּלס רעליף“. ארץ־ישראל, דאַרף מען געדענקען, איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ דירעקט מלחמה־לאַנד מיט אַ סך מלחמה־קרבנות. די אַרבעט פון „דזשאָינט“ האָט זיך געדאַרפט אָפּט באַשעפטיקן מיט ארץ־ישראל. די פאַר־טרעטער פון פּיפּלס רעליף האָבן געדאַרפט דאָרטן נעמען אַ שטעלונג. אויסער דעם האָט פּיפּלס רעליף אַליין באַשטימט סכומים פאַר אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין אַלע מלחמה־לענדער. מען האָט דעריבער געמוזט באַשליסן אויך וועגן די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין ארץ־ישראל. דער קאַמף פאַר ארץ־ישראל אינם רעליף־געביט איז דעריבער געוואָרן איינע פון די באַדייטנדיקסטע אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג. אין די ערשטע יאָרן פון פּיפּלס רעליף איז אונזער קאַמף פאַר אַנערקענען ארץ־ישראל געווען זייער אַ שווערער. מיט יעדן יאָר ווייטער אין דער אַרבעט איז אונזער קאַמף געוואָרן אַלץ גרינגער. ארץ־ישראל האָט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַראינטערעסירט אידישע אַרבעטער־פירער און פאַרשטייער פון אי־דישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. פון די קולטור־פאָנדן פון פּיפּלס רעליף האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטעלט אַ פעסטע פּראָפּאָרציע: 10 פּראָצענט פון אַלע געלטער, וואָס „פּיפּלס רעליף“ האָט געשיקט פאַר אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין אַלע מלחמה־לענדער, איז געשיקט געוואָרן פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן פון דער אי־דישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. אונזער פאַרזוך דעם פּראָצענט צו פאַרגרעסערן, ווייל די קולטור־אינסטיטוציעס פון אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן, איז אונז ניט געלונגען. אָבער אונז איז געלונגען אַ וויכטיקערע זאַך: אידישע אַרבעטער פירער האָבן זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל געמאַכט דורך פּיפּלס רעליף. וואָס נענטער זיי האָבן זיך באַקאַנט, אַלץ טיפער איז געווען זייער פאַראינטערעסירטקייט. ביז דער באַדן איז, דורך פּיפּלס רעליף, צייטיק געוואָרן פאַר די מאַקס פיינס, די אברהם שיפּליאַקאָווס, די מאַקס צוקער־מאַן׳ס, די דזשייקאָב גאָלדשטיינס און פילע אַנדערע צו ווערן די ערשטע בויער פון דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל.

די באַציאונג צו קולטור־אַנשטאַלטן און צום גאַנצן קולטור־וועזן איז אויך געווען אַ פונקט פון אינערן קאַמף אין דער רעליף־אַרבעט. אונזער באַוועגונג האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם באַשלוס פון פּיפּלס רעליף איינצושליסן קולטור־אַרבעט אין הילפס־געביט. געווען אויך אין פּיפּלס רעליף איניקע קעגנער. דעם הויפּט־קאַמף פאַר איינשליסן הילף פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן אין דער אַלגעמיינער הילפס־אַרבעט האָבן מיר אָבער געדאַרפט פירן אין „דזשאָינט“. ניט קיין קלענערע פיגור ווי לואיס מאַרשאַל איז נאָך ענדע זומער 1919 אַרויס־געטראָטן העפטיק קעגן דעם. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג אין האָטעל אַסטאָר,

וואָס „דזשאָינט" האָט צוזאַמענגערופן אין אויגוסט 1919, אויסצוהערן אַ באַריכט פון אירע דעלעגאַציעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון אייראָפּע, איז דער דאָזיקער העפטיקער קאַמף אויסגעבראָכן. פון דער זייט פון פּיפּלס רעליף איז דער קאַמף געפירט געוואָרן דורך שלום אַש'ן און דעם שרייבער פון די שורות. לואיס מאַרשאַל האָט זיך בעיקר געשטיצט אויף באַריכטן פון דזשייקאָב בילִיקאָף, וואָס האָט געוואָרנט „דזשאָינט" ניט איינצושליסן די זאָרג פאַר קולטור־אַנשטאַלטן אין זיין אַרבעטס־פעלד. פּיפּלס רעליף איז אַרויס פון יענער זיצונג מיט אַ גרויסן נצחון. די הילף פאַר קולטור־אַנשטאַלטן איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער הילפס־טעטיקייט.

דערביי האָט זיך אָבער אַרויסגעוויקלט אַ מאָדנע דערשיינונג. דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט אַ געוויסן סכום יערלעך פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן. ער האָט אויך באַשטימט דעם פּראָצענט, וואָס דאַרף אויסגעגעבן ווערן פאַר די אָרטאָדאָקסישע קולטור־אַנשטאַלטן, פאַר די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן און פאַר סתם אידישע קולטור־אַנשטאַלטן. די אויפזיכט איבער די אָרטאָדאָקסישע קולטור־אַנשטאַלטן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענטראַל רעליף. ער האָט באַשטימט, וויפיל צו שיקן אין יעדן לאַנד און צו וועמען עס צו שיקן. דער פּיפּלס רעליף האָט באַקומען די זעלביקע רעכט פאַר די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן. די סתם־אידישע קולטור־אַנשטאַלטן זיינען געבליבן אונטער דער אויפזיכט פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע". אין איר „יוריסדיקציע" זיינען, בכן, אַריינגעקומען אַלע אַנשטאַלטן פון דער גרויסער העברעאישער „תרבות"־באַוועגונג. אַזוי ווי די פירער פון „אַמעריקאַן דזשואיש רעליף קאָמיטע" האָבן געהאַט צום גאַנצן ענין ניט קיין זייער פּאָזיטיווע באַציאונג, זיינען די העברעאישע קולטור־אַנשטאַלטן געוואַלדיקט געקריוודעט געוואָרן. אונזער באַוועגונג האָט וועגן דעם ניט איינמאָל אינטערפּעלירט אין „פּיפּלס רעליף קאָמיטע", ענדערן דעם צושטאַנד איז אונז אָבער ניט געלונגען.

נאָך אַ פּונקט פון אומגעהויערער באַדייטונג איז געווען די באַציאונג צום גאַנצן ענין פון קאָנסטרוקטיווער רעליף. איך האָב שוין ציטירט די דעקלאַראַציע וועגן דעם ביי דער ערשטער באָסטאָנער קאָנווענשאָן. אונזער באַוועגונג האָט אין דעם פּונקט געוואונען. כאָטש אַזוי שפּעט ווי אין 1922־23 וואַרפן נאָך אונז פאַר באַדייטנדיקע פירער פון „דזשאָינט", אַז מיר זוכן אַרויפצוצווינגען אויף די רעליף־אָרגאַנען מלוכה־אויפגאַבן, איז אָבער ספּעציעל פּיפּלס רעליף פון אָנהויב אָן געווען פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. אויף דער צווייטער נאַציאָנאַלער פּיפּלס רעליף קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין קליוולאַנד אין מאַי, 1918, איז דורך אונזערע חברים פאָרגעבראַכט געוואָרן אַ דעטאַלירטער פּלאַן וועגן קאָנסטרוקטיווער אַרבעט; און אַ פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, צו רעקאָמענדירן דעם „דזשאָינט", ער זאָל אַ געוויסן פּראָצענט פון זיינע הכנסות אָפּטיילן אַלס רעזערוו־פאָנד פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט נאָך דער מלחמה. ווען די פאָרטרעטער פון פּיפּלס רעליף זיינען געקומען מיט אָט די פאָרשלאָגן צום „דזשאָינט", האָט לואיס מאַרשאַל, אויף אַ גאַנץ הויכן קול, אָנגעשריען אויף אונזער איינציקן חבר, וועלכן מיר האָבן געהאַט אין „דזשאָינט" און וועלכער האָט אין נאָמען פון פּיפּלס רעליף די דאָזיקע פּלענער געבראַכט צום „דזשאָינט". מאַרשאַל'ס הויפּט אַרגומענט איז געווען, אַז קאָנסטרוקטיווע רעליף קען זיין אַן אויפגאַבע נאָר

פאַר מלוכות. עס מוז דאָ אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז עטלעכע יאָר שפּעטער, אויף אַ ברייטער זיצונג פון „דזשאָינט" אין שיקאַגאָ, האָט מאַרשאַל אַליין שטאַרק געלויבט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פון „דזשאָינט", וואָס ער האָט סוף־כל־סוף דאָך אונטערגענומען. די דאָזיקע לויב איז אָן ספק געווען אַ פאַרדינטע. אונטערן פאָרזיץ פון שפּעטערדיקן גאָווערנאָר און סענאַטאָר פון ניו־יאָרק, הערבערט לעהמאַן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון „דזשאָינט" פאַר קאָנסטרוקטיווע פּלענער. אַ גרויסן טייל פון די פריער־פאַרוואָרפענע פּלענער פון פּיפּלס רעליף האָבן געקראָגן זייער תיקון. אויף דעם געביט שיינט מיר, האָט דער „דזשאָינט" געהאַט די גרעסטע פאַרדינסטן, אין ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט. אונזער באַוועגונג האָט צו דעם קאַפּיטל זייער פיל בייגעשטייערט.

אונזער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלן איינשטעל אין דער רעליף־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין דעם גרויסן גערעַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּיפּלס רעליף אַרום דער הילפס אַרבעט אין רוסלאַנד, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. אין דעם קנויל פון פראַגן זיינען געווען פאַרוויקלט סיי די שטעלונג צום נייעם רעזשים אין רוסלאַנד, סיי די שטעלונג צו דער טרויעריק־באַקאַנטער אידישער יעווסעקציע, סיי אויך צום פּרינציפּ פון אַ ספּעציעל־אידישער רעליף־אַקציע, להיפּוך צו דער איינשטעלונג פון אַ סך „דזשאָינט"־פירער און אויך אייניקע „פּיפּלס רעליף"־מענטשן, אַז די אַרבעט זאָל געפירט ווערן דורך דער הואווער אַדמיניסטראַציע. ווער עס וויל זיך באַקענען מיט אַלע איינצעלהייטן פון אָט דעם גערעַנגל, זאָל לייענען דעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן רוסלאַנד אין דעם אויבן־דערמאָנטן בוך „פּיפּלס רעליף אין אַמעריקע". פאַר דער גאַנצקייט פון דער איצטיקער אַרבעט איז נאָר נויטיק אָנצוצייכענען, אַז וואָס איז שייך דעם קנויל פראַגן פון באַציאונג צום דעמאָלט נייעם רעזשים און צו דער יעווסעקציע, זיינען אין אונזער באַוועגונג גופא געווען מיינונגס־פאַרשידענהייטן. וואָס איז אָבער שייך צו דעם פאַרזוך, אַז „פּיפּלס רעליף" זאָל פירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַקציע אין רוסלאַנד, ניט דווקא דורך „דזשאָינט" און זיכער ניט דורך דער הואווער אַדמיניסטראַציע — וועגן דעם איז אונזער שטעלונג געווען אַן איינהייטלעכע. מיר האָבן אויף דעם געביט אָפּגעהאַלטן אַ פאַרמעלן נצחון: פּיפּלס רעליף האָט זיך געשטעלט אויף אונזער שטאַנדפּונקט. אָן אָנהויב פאַר אַזאַ זעלבסטשטענדיקער אַקציע איז געמאַכט געוואָרן. איך אַליין האָב געהאַט דעם כבוד געווויילט צו ווערן אַלס איינשטעלער און אָנפירער פון דער זעלבסטשטענדיקער אַקציע. כ'בין שוין אין ווינטער פון 1922 געווען אין בערלין און געפירט די לעצטע פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרשטייער פון רוסישן „אידגעזקאָם" (ראשי־תיבות פון „אידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט"); אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדענונג, ביז דער פּיפּלס רעליף אין ניו־יאָרק האָט זיך דאָ שטאַרק צעקריגט מיט דעם אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין „אידגעזקאָם". דעמאָלט האָט מען מיר אין בערלין געמאָלדן, אַז אויב איך וויל אַריינפאָרן ווי אַ פּריוואַט־פּערזאָן קיין רוסלאַנד, איז מיין וויזע גרייט; אויב איך באַשטיי צו פאָרן אַלס פאַרטרעטער פון פּיפּלס רעליף, מוז מיין וויזע צוריקגעצויגן ווערן. נאַטירלעך, האָב איך די פּערזענלעכע איינלאַדונג ניט אָנגענומען. מיין שליחות

איז געווען צו פירן הילפס־אַרבעט צווישן די רוסישע אידן, און ניט סתם זיי צו באַזוכן.

נאָך איין שאַרפער גראַנגל דאַרף פאַרצייכנט ווערן: די קאַרלסבאַדער וועלט־הילף־קאָנפערענץ פון 1920. דעם פּלאַן צו מאַכן פון הילפס־פּראָבלעם אַ אידישע וועלט־אויפגאַבע דורך דער אויפשטעלונג פון אַ וועלט־הילף־אָרגאַניזאַציע האָט פאָרגעשלאָגן דער שוין אויבן־דערמאָנטער ד״ר לעאָן מאָצקין. אונזער באַוועגונג האָט דעם פּלאַן געשטיצט. אין „פּיפּלס רעליף״ האָבן מיר פאַרצייכנט אַ נצחון. טראָץ דעם באַשלוס פון „דזשאָינט״ אין דער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ זיך ניט צו באַטייליקן, האָט די „פּיפּלס רעליף״ קאָמיטע געהאַנדלט זעלבסטשטענדיק: זי האָט יאָ געשיקט אַ דעלעגאַציע. מיט אַט דער מאָס פון זעלבסטשטענדיקייט האָט זיך אָבער איר מוט אויסגעשעפּט. אירע געזאַמלטע געלטער האָט זי צו די אָרגאַנען פון דער וועלט־הילפס־קאָנפערענץ ניט געשיקט. זי איז אַלץ געבליבן פאַרבונדן מיט „דזשאָינט״. אין דעם קאַמף האָבן די בונדיסטיש־איינגעשטעלטע מיטגלידער אין „פּיפּלס רעליף״ אונז ניט געהאָלפן. זיינען, בכן, די סכומים, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט געזאַמלט פאַר רעליף צוועקן, אין דער וועלט־אָרגאַניזאַציע ניט אַריינגעגאָסן געוואָרן. „ווערעליף״ — דער פאַרקירצטער נאָמען פון וועלט־רעליף — האָט דעריבער געפירט אַ זייער אָרעמע עקזיסטענץ. אַמעריקאַנער אידישע איזאָלאַציע האָט דאָ אויך געקראָגן איר פּונט פּליייש: אַ גרויסער געדאַנק מיט אַ געוואַגטן אָנהייב איז דורכגעפאַלן.

איך וויל, שליסנדיק אָט דעם קאַפּיטל, קלאָר מאַכן אַ פּרינציפּ אונזערן. מען קען צו דער פראַגע ווי אַזוי אידישע פאָלקס־נויטן דאַרפן אָרגאַניזאַטאָריש באַזאָרגט ווערן, אויסקלייבן איינס פון די צוויי צוגאַנגען: איין צוגאַנג איז, אויפשטעלן איין איינציקע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם פאַר אַלע אַזעלכע נויטן. דער צווייטער צוגאַנג איז: פאַר יעדער באַזונדערער נויט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, אַ באַזונדערן קאָמיטעט. „דזשאָינט״ האָט אָנגענומען דעם צווייטן וועג. ער איז ניט דער איינציקער. אַנדערע קאָמיטעטן האָבן אויך אָנגענומען דעם זעלביקן שעדלעכן וועג. „היצעם״ פאַר מיגראַציע־נויט, „אָרט״ פאַר אומשיכטונג־נויט, „אָזע״ פאַר געזונטהייט־נויט, און א. וו. די דאָזיקע „קאָמיטאָקראַטיעס״ באַשאַפן אַן אַנאַרכישן צושטאַנד אין אונזער לעבן. ניטאָ קיין צענטראַלע אָנפירערשאַפט, וואָס זאָל אַרויסגיין פון שטאַנדפּונקט פון באַפרידיקן אַלע נויטן. די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די דאָזיקע קאָמיטעטן ווערן אָפּהענגיק פון דעם, ווער עס איז אַ נותן און ווער אַ מקבל. ניט נאָר האָט אָט די טאַקטיק באַשאַפן אַ צעטיילונג אין אידישן פאָלק, צווישן אַמעריקאַנער אידן, וואָס זיינען נותנים, און אייראָפּעאישע אידן, וואָס זיינען מקבלים, — און אַ מקבל דאַרף ווי באַקאַנט, קיין דעה ניט האָבן — נאָר אויך צווישן די קאָמיטעטן איז דאָ אַזאַ צעטיילונג. דער וויכטיקסטער נותן־קאָמיטעט איז „דזשאָינט״, דערפאַר האָט ער די גרעסטע דעה.

וואָלט אין אידישן לעבן ווירקלעך געהערשט אָרגאַניזירטע אחריות, וואָלט געמוזט אָנגענומען ווערן אונזער ערשטער וועג: אַלע אידישע נויטן איינגעשלאָסן אין איין ראַם. יעדע נויט אָפּגעשאַצט לויט איר באַדייטונג אין דעם גאַנצן נויט־פּאַרנעם. ניט קיין קאָמיטע־קאָנקורענץ זאָל אַרום די נויטן באַשאַפן ווערן. ניט מאַכן אָפּהענגיק די מאָס פון מעגלעכקייט צו באַפרידיקן אַ נויט פון

דעם, צי עס האָבן זיך אַרום איר אַרומגעקליבן רייכערע אידן, אָדער אַפילו פּעאיקערע אידן. עס קענען ניט זיין ביי אונז נויטן בני־יחידים און נויטן־ממזרים. נעמט מען אָבער אָן דעם שטאַנדפּונקט, מוז מען דאָך קומען צום געדאַנק פון אויפשטעלן איין אַלוועלטלעך־אידישע ראַם פאַר דער אידישער וועלט־נויט; מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז די אַזוי־גערופענע „מקבלים" דאַרפן האָבן אַ גלייכע דעה מיט די נותנים; מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אַ אידישע דעמאָקראַטיש־געבויטע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט.

אידישע נויטן זיינען נאָך ווייט ניט אַראָפּ פון אונזער סדר־היום. ווער קען עס גאַראַנטירן אַז אַפילו דער ענין רעליף וועט פאַרן קומענדיקן אַמעריקאַנער אידישן דור ניט פאַרשטעלן אַ וויכטיקע אויפגאַבע פאַרן קיום און פאַרן המשך פון אידישן פאָלק. אַנדערע נויטן וועלן נאָך זיכער זיך אַ לאַנגע צייט ציען אין אידישן לעבן, מוז מען וועגן אָט די פראַגן אַפילו איצטער נאָך ערנסט טראַכטן. אונזערע ביז־איצטיקע איינשטעלונגען און אונזער ביז־איצטיקע ראָלע אין דער רעליף־אַרבעט פאַרפליכטן אונז צו וואַכזאַמקייט. אויב עס וועט חלילה ווידער נויטיק זיין, זאָל אונזער באַוועגונג דערפילן איר פליכט, כאָטש ניט ווייניקער, ווי מיר האָבן עס דערפילט אין די ערשטע יאָרן פון פיפּלס רעליף, הויפּטזעכלעך אין איר שענסטן קאַפּיטל: וואָלונטירן.

## יא. די באַוועגונג אַרום דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס

איך גיי אַריבער צו אַ געשיכטלעכן קאַפּיטל, וואָס האָט מער ווי אַלע ביז־איצטיקע געשעענישן אויפגעשטורעמט אונזער לעבן און האָט אַמ'בולט'סטן אַרויסגעבראַכט די פאַרשידענע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע חילוקי־דעות אין אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס האָט זיך געהאַלטן נאָך אַלץ אין אויספאָרמירן. איך האָב אין זינען דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, הויפּטזעכלעך די באַוועגונג וואָס איז אַנטשטאַנען אַזאַ קאָנגרעס צוזאַמענצורופן.

די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען אָנגעפילט מיט אַזוי פיל שפּאַנונגען, אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל שוואונג און אויסגעשפּרייט אויף אַזאַ ברייטן שטח, אַז אַפילו אונזער ראָלע אין איר פאַרדינט אַ באַזונדערע דעטאַלירטע פאָרשונג. אַזאַ פאָרשונג קען געמאַכט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג מיט אַ פולער דעטאַלירטער געשיכטע פון דער זייער אינטערעסאַנטער קאָנגרעס־באַוועגונג גופא. איך מיין אַז די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט שרייבן די געשיכטע פון 300 יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע, וועלן ניט דערפילן זייער פליכט, אויב זיי וועלן אָט דעם קאַפּיטל ניט שענקען פולע פאַרשערישע אויפמערקזאַמקייט. דאָ מוזן מיר זיך באַגרעניצן צו אַרויסהויבן די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג אין וועלכע אונזער ראָלע איז געווען פון באַדייטונג. דאָס אַליין איז אויך פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט. עס איז ניט געווען כמעט קיין איין שריט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, קיין איין ענדערונג אין איר אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואו זי האָט ניט געשפּירט אין זיך די ווירקונג און אַרום זיך דאָס שטענדיקע וואַכזאַמע אויג פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

אויך אין דעם קאַפּיטל האַלט איך פאַר נויטיק, צוליב היסטאָרישן אמת, אָנצוצייכענען דעם אָנהויב פון אָט דעם קאַפּיטל, ווייל אויך דאָ הויבט מען שוין

אָן פאַרשפּרייטן פּערזענלעכע לעגענדעס וואָס זיינען היסטאָריש ניט באַרעכטיקט. די אַמעריקאַנער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

ד״ר שמריהו לעווין איז עטלעכע טעג פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעפאָרן פון ניו־יאָרק אויף זיין וועג קיין אַרגענטינע. די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווען ער איז געווען אויפן שיף. די שיף האָט זיך געמוזט אומקערן קיין ניו־יאָרק. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין גאַנץ אייראָפּע געווען אין מלחמה־פלאַקער. די ציוניסטישע וועלט־פירערשאַפט איז דורך דעם צעריסן געוואָרן. אירע מערסטע מיטגלידער זיינען געווען אין דייטשלאַנד. אייניקע זיינען געווען אין לאָנדאָן און אייניקע זיינען געווען אין אַנדערע לענדער. ד״ר לעווין האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ — סוף אויגוסט 1914 — מיטן צוועק אויפצושטעלן דאָ אין אַמעריקע אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל ראַטעווען וואָס עס וועט זיך לאָזן פון דער צעבראָכענער ציוניסטישער פירערשאַפט און זאָל גלייכצייטיק זאָרגן פאַרן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

נאַטירלעך האָט ד״ר לעווין אויך איינגעלאַדן פאַרטרעטער פון די פּועלי־ציון. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון איז נאָך אַ לאַנגער, ערנסטער באַטראַכטונג געקומען צום באַשלוס, אַז מען טאָר די פון ד״ר לעווין איינגערו־פענע קאָנפערענץ ניט באַגרענעצן בלויז מיט פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ארץ־ישראל׳דיקן ישוב; אַז מען דאַרף צו דער קאָנפערענץ ברענגען אַ פאָרשלאָג אָנצוהויבן צוגרייטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו אַלע פּראָבלעמען פונם אידישן פאָלק. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל אָרגאַניזירטער־הייט די דאָזיקע פּראָבלעמען פאָרמולירן, אויסאַרבעטן ענטפערס צו זיי און אויפשטעלן אָרגאַנען, וואָס זאָלן די דאָזיקע ענטפערס דורכפירן אין לעבן. דער ערשטער שריט דערצו מוז זיין: צוזאַמענרופן אַ דעמאָקראַטיש געוויילטן אַל־אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע.

יענע קאָנפערענץ האָט קיין ענטגילטיקן באַשלוס וועגן דער פראַגע ניט אָנגענומען. אַלץ וואָס מיר האָבן גע׳פּועל׳ט איז געווען — איבערצוגעבן דעם גאַנצן ענין צו דער נייער קערפּערשאַפט, וואָס די קאָנפערענץ האָט באַשאַפן: דעם פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט. דער פאָרזיצער פונם נייעם קאָמיטעט איז געוואָרן לואיס בראַנדייס, און אָט די נייע קערפּערשאַפט איז אינסטרואירט געוואָרן פון דער קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען און ענטגילטיק באַשליסן וועגן דער קאָנגרעס־פראַגע.

אין דעצעמבער 1914 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די יערלעכע קאָנווענשאָן פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין ראָטשעסטער. די מערסטע דעלעגאַטן זיינען געקומען צו דער קאָנווענשאָן דורכגעדרונגען מיט דעם קאָנגרעס־געדאַנק און די קאָנ־ווענשאָן האָט בלויז געגעבן די אָפיציעלע באַשטעטיקונג. פון יענעם באַשלוס אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די ציוניסטן־סאָציאַליסטן דער וויכטיקסטער קאַפּיטל פון זייער איינפלוס אין אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען דער קאַמף פאַרן אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. יעדע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין אַמעריקע האָט בוכשטעבלעך געמוזט איינגענומען ווערן פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק.

קודם־כל, די ציוניסטישע פּאָזיציע: אינם אויבנדערמאָנטן פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער גערעַנגל אַרום דער פראַגע כמעט אַ גאַנצן יאָר נאָכאַנאַנד. בראַנדייס האָט אַרויסגעבראַכט שאַרפע נעגאַטיווע מאָמענטן. ערשטנס, די געפאַר, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן זיך ניט שטאַרק פאַראינטערעסירן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג און די באַוועגונג קען אונז ברענ־ גען מער אַנטוישונג ווי הילף. צווייטנס, די געפאַר, טאָמער וועט דער קאָנגרעס אַליין זיין דערפאָלגרייך, אָבער ער וועט ניט אויפנעמען אויף אַ געהעריקן אופן דעם ארץ־ישׂראל־פונקט. דריטנס, די געפאַר, אַז אויב דער קאָנגרעס זאָל יאָ אָננעמען אַ פולע פּרינציפּיעל־ציוניסטישע איינשטעלונג בנוגע ארץ־ישׂראל, וועט ער מאַכן איבעריק די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמע־ ריקע. קיינער האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט אין קעשענע קיין וועקסלען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן אַנטקעגן אָט די געפאַרן. אונז איז בלויז געבליבן אַרויסצושטעלן, אַנטקעגן די אַלע חששות, אונזער טיפן צוטרוי צו די אידישע מאַסן אין אַמעריקע, אַז זיי וועלן זיך יאָ פאַראינטערעסירן אין דער קאָנגרעס באַוועגונג, אַז זיי וועלן יאָ אָננעמען אונזער ציוניסטישן בליק בנוגע ארץ־ישׂראל און אַז זיי וועלן גוט פאַרשטיין די באַדייטונג פון אויפהאַלטן די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס ד״ר הערצל האָט אויפגעבויט — דעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס און זיינע אָפּטיי־ לונגען אין אַלע לענדער — פאַר דער דורכפירונג פון די ציוניסטישע צילן.

דער גערעַנגל אין דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט האָט זיך גע־ צויגן ביז אין מיטן זומער פון 1915. סוף־כל־סוף האָבן די פּראָ־קאָנגרעסיסטן מנצח געווען. בראַנדייס האָט זיך דאַן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג אריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן אייפער און מיט זיין גרויסן טאַלאַנט. ער האָט אָן ספק דער קאָנגרעס־באַוועגונג געגעבן אַ גרויסן שטויס פאָרויס.

די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט בלויז מיטן אינערן קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט יעדע אידישע גרופּע, וואָס האָט נאָר געהאַט וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער אידישער גאַס. זי האָט ניט דורכגעלאָזן קיין אָרגאַניזאַציע, קיין לאַנדסמאַנשאַפט, קיין שול, קיין יוניאָן. דאָס פאָלק האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך גענומען גוט צוהערן צו דעם, וואָס די נייע באַוועגונג ברענגט מיט זיך.

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַווע־ גונג קאָנצענטרירט אַרום די אידישע אַרבעטער־מאַסן. דורך אַ רייע פון לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אידישע אַרבעטער קאָנפערענצן איז דער דאָזיקער קאַמף דורכ־ געפירט געוואָרן. אויף דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגע־ האַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 5טן־6טן סעפּטעמבער, 1915, האָבן זיך ענטגילטיק פאַרמאָסטן מיט די כוחות די אָנהענגער און די קעגנער פונם קאָנגרעס־געדאַנק. די קעגנער זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דעם דאַמאָלסט־ עקזיסטירנדיקן „נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט״, באַהערשט פון אַ גרופּע בונ־ דישע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין יענע יאָרן. די אָנהענגער פונם קאָנגרעס־געדאַנק האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם נאַציאָנאַל־

סאָציאַליסטישן*) קאָמיטעט, וואָס איז, נאַטירלעך, באַהערשט געוואָרן פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

געזיגט האָט אויף דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנפערענץ די פּראָ־קאָנגרעס־איינשטעלונג. די קאָנפערענץ האָט אָבער געמאַכט אַ טעות מיט דעם, וואָס זי האָט אויסגעקליבן אַ מאַיאָריטעט פון אַנטי־קאָנגרעסיסטן אין דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט דורכפירן אירע באַשלוסן. דער טעות האָט ערשט שפּעטער זיך זייער שטאַרק אַרויסגעוויזן. אין פּרינציפּ אָבער האָט געזיגט אויך צווישן די אידישע אַרבעטער דער קאָנגרעס־געדאַנק.

צווישן פאָלק גופא האָט די קאָנגרעס־באַוועגונג ממש אָנגעצונדן האָפענונגען. מען קען זאָגן אָן וועלכער עס איז איבערטרייבונג, אַז אַפילו מיר, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּע, האָבן ניט איינמאָל געזינדיקט קעגן פאָלק מיט אומצוטרוי צו זיינע געזונטע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן און צו זיין פּאָליטישן שכל־הישר. ווען נאָר מיר האָבן אין אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף די פאָלקמאַסן, האָבן זיך אַפילו צווישן אונז געפונען פּעסימיסטן, אונטערשעצער פונם פאָלקס־אינסטינקט. מיר זיינען אָבער אַלע מאָל אָנגענעם איבערראַשט געוואָרן. שטענדיק האָט זיך דאָס פאָלק אַרויסגעוויזן גענוג ווייטזיכטיק און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניק. אַזוי איז עס געווען אין אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפן אַרויסצוזאָגן, אַזוי אויך אין די אַנדערע אידישע פאָלקס־שיכטן. יעדער אַזאַ צוזאַמענשטויס האָט אין אונזערע גרופּן געצונדן דעם קאַמפּס־פונק און די טיפע אמונה אין אונזער וועג, וועלכן מיר האָבן, נאַטירלעך, צוריק אַריינגעטראָגן אין פאָלקס־אָרגאַניזם. מיר האָבן זיך דורך דעם ענג צוזאַמענגעגאָסן מיט גרויסע אידישע פאָלקסמאַסן.

ניט גערוט האָבן אויך די קעגנער. דורך אַ סיסטעם פון פאַרהאַנדלונגען האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אָפּציעניש און אָפּלייגונגען. ניט נאָר יעדער געזעלשאַפטלעכער כוח האָט געדאַרפט געוואונען ווערן, נאָר יעדער חודש אָפּלייגונג האָט געדאַרפט באַקעמפט ווערן. אָט דער כסדר'דיקער אינערלעכער געראַנגל איז פון קאָנגרעס־צד געטראָגן געוואָרן אָן אַ צענטראַלער פירערשאַפט. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא פון אַ פּאַרטיימאַן, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז די איינציקע קראַפט, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן געפירט די אַרבעט, אָרגאַניזירט און קאָנצענטרירט, איז געווען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דער דאָזיקער פאַקט האָט דער באַוועגונג געגעבן די מעגלעכקייט, אַז די אידישע פאָלקסמאַסן זאָלן אין איר זען דעם וויכטיקסטן כוח, וואָס אַרבעט פאַר צוזאַמענרופן דעם אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע.

אָפּגעשלאָסן האָט זיך דער ערשטער קאַפּיטל פון אָט דער באַוועגונג מיט דער „קאָנגרעס־פאַר־קאָנפערענץ" אין פילאַדעלפיע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן סוף מערץ, 1916. די אַלע פּראָ־קאָנגרעס־כוחות זיינען דאָרטן צוזאַמענ־

*) די היטלעריסטישע באַוועגונג האָט, לײדער, מטמא געווען דעם נאָמען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וועלכן אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט דאַן געטראָגן. דער זעלביקער היטלעריזם האָט אויך ניט געשאַנעוועט אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. דער נאָמען פון דער פּאַרטיי ס.ס. איז טמא געוואָרן דורך היטלערס ס.ס. גרופּן און אויך דער נאָמען „בונד" איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, טמא געוואָרן דורך דעם „היטלער־בונד".

געשמידט געוואָרן אין איין צענטראַלע. די וויכטיקסטע באַשלוסן פון יענער פּאַר־קאָנפערענץ זיינען געווען:

1. דער קאָנגרעס זאָל גערופן ווערן ניט שפּעטער ווי דעם 31טן דעצעמבער, 1916. עס איז דערביי בפירוש דערקלערט געוואָרן, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַשטיין פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן זיין גרייט אין אים זיך צו באַטייליקן. דאָס איז געווען אַ באַוואָרעניש, אַז טאָמער וועלן זיך אייניקע אָרגאַניזאַציעס ניט וועלן באַטייליקן, רופט מען דעם קאָנגרעס אָן זיי. 2. דער קאָנגרעס זאָל פּראָקלאַמירן די פאָדערונג פון פולער בירגערלעכער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן אין דער אַלטער וועלט. 3. בנוגע ארץ־ישראל בלייבט דער קאָנגרעס פריי צו פאָרמולירן די פּאָליטישע פאָדערונגען פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס איז געווען אַ באַוואָרעניש אַנטקעגן די, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר אַ קלאָרער ציוניסטישער פאָדערונג און האָבן געוואָלט אויף דעם געביט דעם קאָנגרעס אין פאָרויס באַגרענעצן. 4. דער קאָנגרעס נעמט אַריין אין זיין פּראָגראַם פראַגן פון אימיגראַציע און קאָנסטרוקטיווער הילף. 5. די פילאַדעלפיער פּאַר־קאָנפערענץ ווילט אויס אַ ספּעציעלן קאָנגרעס־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין: צוזאַמענרופן דעם קאָנגרעס אויף די אָנגעצייכנטע יסודות.

ניט באַשערט געווען, אַז די ספּעציפישע ראָלע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג זאָל זיך האָבן פאַרענדיקט מיט דעם אָפּשלוס פון אָט דעם ערשטן קאַפּיטל. ערשט נאָך דער פילאַדעלפיער פּאַר־קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַרפסטער קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג און די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן געמוזט זייער שטאַרקסטן איינפלוס אויסאיבן, כדי אָפּצוהיטן די נשמה פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

גלייך נאָכן פילאַדעלפיער צוזאַמענפאַר האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנפערענצן צווישן דער פילאַדעלפיער קאָנגרעס־עקזעקוטיווע און די פאַרשטייער פון אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, מיט וועמען די פאַרשטייער פונם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיך פאַרבונדן. די דאָזיקע קאָנפערענצן האָבן דערפירט צו אַ „שלום"־אָפּמאַך, אַנטקעגן וועלכן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן ווידער געמוזט אָנהויבן אַ קאַמף. דאָס מאָל שוין ניט נאָר קעגן די קאָמבינירטע כוחות פון אַנטי־קאָנגרעסיסטן, נאָר הויפּטזעכלעך אַנטקעגן יענע, וועלכע האָבן אין נאָמען פון אַלע פּראָ־קאָנגרעסיסטן אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דאַן פאַרעפנטלעכט קעגן דעם שלום־אָפּמאַך אַ שאַרפן אויפרוף אין וועלכן עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַלע פּונקטן אין וועלכע דער שלום־אָפּמאַך האָט פאַרבראָכן קעגן די פילאַדעלפיער באַשלוסן און ענדיקט זיך אַזוי:

„ווען מען נעמט צונויף אַלע פּונקטן פונם שלום־אָפּמאַך, קען מען ניט קומען צו קיין אַנדער רעזולטאַט ווי, אַז דער קאָנגרעס־קאָמיטעט האָט פולשטענדיק קאַפּיטולירט פאַר די קאָנגרעס־פיינט; אַז ער האָט איינגעוויליקט, מיסברויכנדיק זיין מאַנדאַט, צו ליקווידירן די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ, וואָס די זעלביקע מענטשן האָבן פּראָקלאַמירט אַלס אַ מין „אידישע דעקלאַריישאַן אָוו אינדעפּענדענס", אַלס דעם „אָנהויב פון אַ

נייער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע". קענען אַזעלכע אומלעגאַלע האַנדלונגען געווינען די צושטימונג פון פאָלק?...

וואָס איז דען נאָך דיזען אַפּמאַך געבליבן פון געפּלאַנטן אידישן קאָנגרעס, אַחוץ דעם נאָמען? אומדעמאָקראַטיש צונויפגעשטעלט, געבונדן הענט און פיס, מיט אַ שלאָס אויפן מויל, קען אַזאַ קאָנגרעס זיין נאָר אַ פּאָליטישער פּורים־שפּיל, אַן עלנדע קאָמעדיע, אַ פּוסטע דעמאָנסטראַציע. אַ צוזאַמענקונפט, וואָס טאָר קיין בויענדיקע אַרבעט אין קיין באַציאונג ניט אויפטאָן, וואָס טאָר ניט פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פון אידישן פאָלק צו לעבן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע נאַציע צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אַ צוזאַמענקונפט, וואָס האָט נאָר אַ רעכט צו אַפּלאָדירן דאָס, וואָס אַן ענגע קליקע האָט אין פאָראויס באַשטימט, — אַזאַ צוזאַמענקונפט טאָר ניט טראָגן דעם ערלעכן נאָמען פון אַ אידישן קאָנגרעס. קעגן דרויסן וועט דער קאָנגרעס־מאַסקאַראַד דעם אידישן פאָלק אפשר ווייניקער נוצן ווי שאָדן. אינעווייניק אָבער וועט ער נאָך פאַרשטאַרקן די מאַכט פון אונזער אַבסאָלוטיסטישער, אַנטי־נאַציאָנאַלער פּלוטאָקראַטיע און שתדלנות־פּאָליטיקער. דער איינציקער ממשות'דיקער רעזולטאַט פון אַזאַ קאָנגרעס־קאַריקאַטור קען נאָר זיין, אַז די יעניקע, וועלכע זיינען ביז אַהער געווען די פּרעטענדענטן אויף דעם אידישן כתר־מלכות, וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אונזערע לעגיטימע קעניגע. זאָל דאָס זיין דער סוף פון דער גרויסער קאָנגרעס באַוועגונג?

וואַרפט אָפּ דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אויף אַן אומגעזעצלעכן וועג! וואַרפט אָפּ אַ שלום, וואָס איז קעגן די אויסדריקלעכע אינסטרוקציעס פון דער אָרגאַניזירטער אידישער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע. דער אידישער קאָנגרעס קען נאָר זיין אַ פרייער און אַ דעמאָקראַטישער. דער אידישער קאָנגרעס קען נאָר זיין אַ נאַציאָנאַלער".

דעם שאַרפן טאָן קען מען נאָר דערקלערן מיט דעם טיפן ווייטיק וואָס מיר האָבן דאַן געפילט, ווען אונז האָט זיך געדוכט אַז די גאַנצע אַרבעט איז געגאַנגען לאיבוד. דאָס מאָל האָט זיך אונזער קאַמף געווענדעט הויפּטזעכלעך קעגן די ציוניסטן. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך די אחריות פאַר דער מערהייט פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ צוזאַמענצורופן דעם קאָנגרעס. זיי האָבן עס אָנגענומען אַזאַ שלום־אָפּמאַך מיט אַזאַ גאַרניט־זאָגנדיקן פּאָליטישן אויסדרוק, אפילו אין דעם ארץ־ישראל־פּונקט. און אונזער פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דעם שלום־אָפּמאַך האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט.

דעם 19טן אויגוסט, 1916, איז אין קופּער יוניאָן פאָרגעקומען אַ שטורמישע דעמאָנסטראַציע קעגן דעם אָפּמאַך. אַ שאַרפע רעזאָלוציע איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג קעגן דעם אָפּמאַך. אַן אָנהויב פון אַ קאַמפּס־פאָנד פאַר אַן אמת'ן קאָנגרעס איז געעפנט געוואָרן און אַן אומפּאַרטייאישע אידישע קאָנגרעס־ליגע האָט זיך אָרגאַניזירט, אין וועלכער, באַטירלעך, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, אָנצופירן דעם דאָזיקן קאַמף.

און אַ קאַמף איז דאָס געווען אַ שווערער. כמעט די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט אַגיטירט פאַרן שלום־אַפּמאַך. זי האָט אין דעם געזען דעם איינציקן וועג פון אידישער אחדות. די ציוניסטישע פירערשאַפט האָט געקעמפט פאַר דעם. די מאַיאָריטעט פון דער קאָנגרעס־עקזעקוטיווע האָט איר גאַנץ געוויכט אַוועקגעלייגט אויף דער זייט פון שלום־אַפּמאַך. מיר האָבן גאַנץ גוט געוואוסט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר נעמען אויף זיך. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב דער שלום־אַפּמאַך ווערט אָפּגעוואָרפן, נעמען מיר אויף זיך די אחריות אויפצובויען פון דאָס ניי די כמעט חרוב־געוואָרענע קאָנגרעס־באַוועגונג. מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר דער באַהויפּטונג, אַז אויב דער שלום־אַפּמאַך ווערט אָפּגעוואָרפן, ווערט צעבראָכן לעולם ועד אידישע אחדות. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַזוי ווייט וועט עס ניט גיין, אָבער אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג וועט דאַרפן דורכמאַכן פון דאָס ניי אַ פּראָצעס פון אויפלעבונג — דאָס האָבן מיר גאַנץ גוט געוואוסט. אַנדערש האַנדלען אָבער האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט. מיר האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון אַמעריקאַנער אידנטום אויסצושרייען זיין צער און צאָרן און פאַנאַנדערוויקלען זיינע צוקונפטס־האָפענונגען אָפן און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן געזוכט אויפצוהויבן דעם כבוד פונם אידישן פאָלק. און קוקנדיק צוריק, דאַכט זיך, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט צו באַהויפּטן, אַז מיר האָבן דאַן צוגעטראָפן צום האַרץ פון די אידישע מאַסן. דער בעסטער באַווייז איז געווען דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 15טן סעפּטעמבער, 1916, צווישן די דעלעגאַטן צו דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ. די רעזולטאַטען פון די דאָזיקע אָפּשטימונגען זיינען געווען:

וועגן די פּרינציפּיעלע פונקטן — די באַשרענקונג פונם פּראָגראַם פון קאָנגרעס, סיי בנוגע ארץ־ישראל, סיי בנוגע וואַנדערונג און קאָנסטרוקטיווער הילף און די פראַזע „גרופּן־רעכט" — די אַלע פונקטן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 127 שטימען קעגן 116. דער ניט־דעמאָקראַטישער וואַל־פּלאַן איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 129 שטימען קעגן 113. דאָס זיינען, נאַטירלעך, געווען די צוויי וויכטיקסטע קאַמף־פונקטן, קעגן וועלכע אונזער אַגיטאַציע איז געווען געצילט. עס זיינען אָפּגעשטימט געוואָרן נאָך צוויי פונקטן אין דעם דאָזיקן רעפערענדום. די פראַגע וועגן דער צייט, ווען דער קאָנגרעס זאָל צונויפגערופן ווערן, און די פראַגע פון דער פאַרטרעטערשאַפט פונם צווייטן צד אין דער פאַראייניקטער עקזעקוטיווע, וואָס דאַרף צוגרייטן דעם קאָנגרעס. מיר האָבן פאַרלאַנגט אַ פעסטגעשטעלטע דאַטע פאַר די וואַלן צום קאָנגרעס און פאַר דער צייט, ווען דער קאָנגרעס גופא זאָל פאַרקומען. דער אָפּמאַך, דאַקעגן, האָט געזאָגט, אַז די עקזעקוטיווע האָט די פרייהייט צו באַשטימען די צייט, סיי פון די וואַלן, סאַי פון קאָנגרעס גופא, בתנאי, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאַרקומען פאַרן פרידנס־קאָנגרעס. דעם פונקט האָבן מיר פאַרלוירן. מיט 150 שטימען קעגן 87 איז אָנגענומען געוואָרן דער פאַרשלאָג פונם שלום־אַפּמאַך.

וועגן צווייטן פונקט האָבן מיר גע'טענה'ט, אַז דער צד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל קעגנערשאַפט צום עצם קאָנגרעס־געדאַנק, טאָר ניט קריגן קיין גלייכע פאַרטרעטערשאַפט אין דער צוגרייטונגס־עקזעקוטיווע מיט די קאָנגרעס־אָנהענגער. דער שלום־אַפּמאַך האָט זיי געגעבן אַ גלייכע פאַרטרעטערשאַפט. דער

רעפערענדום האָט מיט 126 פאַר און 114 קעגן געשטימט פאַר אַ גלייכער פאַר־טרעטערשאַפט.

אינם גאַנצן רעפערענדום ווערט זייער בולט דער פאַקט, אַז דאָרטן, וואו מיר האָבן געקעמפט פאַר פּרינציפּן, האָבן מיר געזיגט. דאָרטן אָבער, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּראַקטישע פּראַגן, האָט די מערהייט פון די אנטיילנעמער אינם רעפערענדום געשטימט, אַז אין די פּונקטן זאָל מען נאָכגעבן, צוליב דער מעגלעכקייט פון אָנהאַלטן שלום אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

די פּאָראויסזאָגונג, מיט וועלכער די יאָ־זאָגער האָבן כסדר געשראָקן אַלעמען: אַז אויב מען וואַרפט אָפּ דעם אָפּמאַך, צעברעכט מען די מעגלעכקייט פאַר אַן איינהייטלעכן אַרויסטריט פון אַמעריקאַנער אידנטום — איז, נאַטירלעך, ניט מקוים געוואָרן. תיכף נאָך דער רעפערענדום־אָפּשטימונג האָבן זיך אָנגעהויבן נייע פאַרהאַנדלונגען און שוין דעם 2טן אָקטאָבער, 1916, איז אַ נייער שלום־אָפּמאַך פאָרמולירט געוואָרן.

מען קען ניט זאָגן, אַז דער נייער אָפּמאַך האָט אונז פולקאָם צופרידנגעשטעלט. דאָס וואָס דער אָפּמאַך האָט אויסגעשלאָסן די וואַנדערונגס־פראַגע און האָט אין פאָראויס באַשלאָסן, אַז דער קאָנגרעס טאָר ניט זיין פּערמאַנענט, האָט אַן ספק רעדוצירט זיין באַדייטונג. אַ ספּעציעל שלעכטן מזל האָט געהאַט די פראַגע, צי זאָל זיך דער קאָנגרעס באַשעפטיקן מיט די פּראָבלעמען פון קאָנסטרוקטיוון רעליף. דער נייער שלום־אָפּמאַך האָט עס איבערגעגעבן צו דער 140ער קאָמיטע. די לעצטע האָט דווקא איבערגעלאָזן דעם קאָנגרעס פריי צו האַנדלען וועגן דעם, אָבער אויפן קאָנגרעס גופא איז די רעליף־פראַגע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון סדר־היום. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אין דעם זייער שטאַרק אַרויסגעהאָלפן.

אָבער, מיט אַט־אָ די אויסנאַמען, איז דער קאָנגרעס אַליין געווען פיל, פיל בעסער, ווי די ראַם, אין וועלכער אפילו דער נייער שלום־אָפּמאַך האָט אים גע־וואָלט איינפאַסן. דער קאָנגרעס איז ענדלעך אָפּגעהאַלטן געוואָרן. ער איז געווען אַ פרייער (מיט די אויבן אָנגעצייכנטע אויסנאַמען). ער איז געווען אַ דעמאָקראַטי־שער (ווען אפילו בלויז 75%, ווייל דער ענדגילטיקער אָפּמאַך האָט פעסטגעשטעלט, אַז דורך דירעקטע וואַלן דאַרפן אויסגעקליבן ווערן 300 דעלעגאַטן און די נאַ־ציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן שיקן הונדערט דעלעגאַטן). ער איז געווען אַ נאַ־ציאָנאַלער: זיין ארץ־ישראל־פּראָגראַם איז געווען פולשטענדיק אין ציוניסטישן זין. מען האָט אויך געפונען אַן אויסדרוק פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות. עס האָט געהייסן באַזונדערע „פאָלקס־רעכט״ אנשטאָט דעם פריערדיקן אויסדרוק „גרופּן־רעכט״ (אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אומעטום אָנגענומען געוואָרן דער אויסדרוק „מינאָריטעטן״־רעכט). די רעזאָלוציעס וועגן אָט די וויכ־טיקסטע פּונקטן זיינען אָנגענומען געוואָרן איינהייטלעך פון גאַנצן קאָנגרעס. די פריערדיקע קעגנער, הויפּטזעכלעך לואיס מאַרשאַל, האָבן מיט גרויס טאַלאַנט פאַרטיידיקט ביים פרידנס־קאָנגרעס די איינשטימיק אָנגענומענע באַשלוסן פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אין היסטאָרישן זין איז דער קאָנגרעס אפילו גע־ווען אַ קאָנסטרוקטיווער. טראָץ די אַנטוישונגען, וואָס דער נאָך־מלחמה־קורס האָט געבראַכט אויף דער וועלט, האָט אָבער די קאָנגרעס־באַוועגונג אַלס אַזעלכע און דער ערשטער קאָנגרעס בפרט, געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָלע, סיי אין געבן דעם אידישן פאָלק די מעגלעכקייט, אַז אַן איינהייטלעכע פאָרטרעטערשאַפט זיינע

זאָל אויפטרעטן פאַר די אָרגאַנען פון דעם פרידנס־קאָנגרעס, סיי אין אַריינ־שרייבן אין די אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן נייע באַציאונגען צו מינאָריטעטן. אויב אפילו די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען נאָך ביז היינט ניט דורכגעפירט געוואָרן, האָבן זיי נאָך זייער לעצט וואָרט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט נישט געזאָגט. עס וועלן קומען ליכטיקערע טעג. די וועלט וועט זיך דאַן צו אָט די פּרינציפּן אומקערן. אין אַלגעמיין גענומען, האָט דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע פאַרשאַפט אומגעהויער גרויסן כבוד דעם אידישן פאָלק.

אָבער ניט אַזוי שנעל און ניט אַזוי גרינג האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו די אויבן אָנגעצייכנטע רעזולטאַטן. די עפּאָכע צווישן דער רעפערענדום־אָפּשטימונג און די ווייטערדיקע צוגרייטונגען צום קאָנגרעס ביז דער אָפּהאַלטונג פון קאָנ־גרעס גופא האָבן געהאַט צו באַצייכענען עליות און ירידות אין דער גאַנצער קאָנ־גרעס־באַוועגונג. די הויפּט־צרות האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס דער נאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פּלוצלונג דערקלערט, אַז אַזוי ווי די פאַרהאַנ־דלונגען ציען זיך אַזוי לאַנג, איז ער מיד פון גאַנצן ענין. מיר האָבן געוואוסט, וואוהין אַזאַ דערקלערונג צילט. מיר האָבן דאָן אויפגעקלערט דעם כאַראַקטער פון די האַנדלונגען פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז ווען ער וואָלט ווירקלעך געוואָלט דורכפירן די באַשלוסן, וועלכע דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס פון אָנהויב סעפּטעמבער, 1915, האָט אָנגענומען, האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט געקענט תיכף נאָך דער רעפערענדום־אָפּשטי־מונג שפּילן זייער אַ באַדייטנדע ראָלע. ער האָט געקענט פאַרשלאָגן ביידע צדדים זיין פּראָגראַם, דאָס פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט, די קלאָרע פאָרמולירונג פון דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט און די פּאָליטישע פאָר־מולירונג בנוגע ארץ־ישראל, וואָס האָט פאַרלאַנגט פרייע איינוואַנדערונג און קאָ־לאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פאַרן פּאַ־לעסטינישן אידנטום. וואָלטן די פירער פונם אַרבעטער־קאָמיטעט ערנסט געוואָלט דורכפירן די דאָזיקע קלאָרע אינסטרוקציעס, האָבן זיי געקענט ווערן דער באַזיס פאַר אַ נייעם, פיל געזינטערן שלום־אָפּמאַך.

די פירער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן אָבער בכלל געוואָלט פּטור ווערן פון דער גאַנצער קאָפּ־דרייעניש, וואָס הייסט „קאָנגרעס־באַוועגונג". האָבן זיי דעריבער געטאָן אַלץ אין דער וועלט, כדי די קאָנגרעס־באַוועגונג אונ־טערצוגראָבן. דעם 11טן און 12טן פעברואַר 1917, האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַן איי־גענע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנווענשאָן.די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָבן זיי צו דער קאָנווענשאָן נישט צוגעלאָזן. אויף דער קאָנווענשאָן האָבן זיי נאָך ניט געוואָגט צו מאַכן דעם לעצטן שריט און איבעררייסן מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער פאַקט, וואָס איינער פון די הויפּט־געסט זייערע ביי דער קאָנווענשאָן, ניט קיין אַנדערער ווי דער שפּעטערדיקער וועלט־באַוואוסטער לעאָן טראָצקי, האָט אין זיין רעדע אויף דער קאָנווענשאָן גע־פונען פאַר נויטיק חוזק צו מאַכן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, סיי פון אידיש־נאַציאָנאַלע האָפנונגען בכלל.

דעם ענטגילטיקן שריט האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט געמאַכט אַ פּאָר טעג פאַר די קאָנווענשאָנס צו נאָמינירן קאַנדידאַטן פאַר דעלעגאַטן צום אידישן קאָנגרעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פון 13טן ביזן 20טן מאַי, 1917. ערשט

דאַן האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פּלוצלונג דערקלערט, אַז ער באַטייליקט זיך ניט אין די וואַלן און ציט זיך צוריק פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די אָפיציעלע באַגרינדונג איז געווען, ערשטנס, אַז די וואַלן זיינען ניט גענוג דעמאָקראַטיש פאַר אים (ווי אַזוי ער האָט געהאָלפן אין קאַמף פאַר אמת׳ע דעמאָקראַטישע וואַלן, האָט מען געקענט זען דערפון, וואָס ער איז שטענדיק געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, באַקעמפנדיק יעדן שריט פאַר אמת׳ער דעמאָקראַטיע אין אידישן לעבן). צווייטנס, די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעברואַר און מערץ, 1917, האָט פאַרן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט שוין געלעזט די אידן־פראַגע. דריטנס, האָט מען געגעבן אָנצוהערענישן, אַז דער קאָנגרעס וועט מאַיאָריזירט ווערן פון די ציוניסטן, האָבן זיי געפונען דעם העלדישן אויסוועג: אַנטלויפן פון אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס מיט די ציוניסטן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען תירוצים, וועלכע מען האָט באַנוצט, כדי פּטור צו ווערן פון גאַנצן קאָנגרעס־״אומגליק״.

דער געראַנגל אין דער אַרבעטערשאַפט האָט ווידער אַמאָל דעם הויפּט־עול אַרויפגעלעגט אויף דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַלס ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאַן פון פעברואַר, האָבן מיר גערופן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאַן. זי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 24טן און 25טן מערץ, 1917. דאָס איז געווען נאָך איידער דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דער דערפאָלג פון דער קאָנווענשאַן האָט איבערגעשטיגן אפילו אונזערע אייגענע דערוואַרטונגען. די אָפּערייטערס און די קאַטערס פון די קלאָוק־מאַכער, לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד, די אידישע בעקער־יוניאָנס, די פּיינטער־יוניאָנס, די שריפטזעצער און נאָך אַנדערע יוניאָנס, האָבן זיך אין דער קאָנווענשאַן באַטייליקט. אַזוי אויך אַ גרויסע צאָל צווייגן פון אַרבעטער־רינג. דער קאַמף אַרום דער באַטייליקונג אין אונזער קאָנווענשאַן האָט געפלאַקערט אין יעדער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אפילו אויך אין יענע, וועלכע האָבן ניט געפונען אין זיך גענוג מוט אַרויסצורייסן זיך פונם אָפיציעלן ראַם פונם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. יענע עטלעכע וואָכן האָט קיין איין מיטגליד פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ טאָג ניט גערוט. דער אַלטער פּראָטעסט קעגן דער איינרעדעניש, אַז די אַנטי־ציוניסטישע אַרבעטער־גרופּירונגען זיינען די איינציקע פאָרשטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, איז אַמשטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק. דער סימן מובהק פון אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע — איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט — האָט באַוויזן זיין גרויסן שוואונג און מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אומגעהויערן נצחון. די באַטייליקונג אין דער קאָנווענשאַן — זייער און זייער אַ גרויסע. די קלאָרע פּראָגראַם, מיט וועלכער מיר זיינען געגאַנגען צו דער קאָנווענשאַן, איז פון איר אָנגענומען געוואָרן און, אָנגעפילט מיט אָט דער שטימונג האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן צו די וואַלן צום קאָנגרעס.

דעם שאַרפסטן פאַרמעסט מיט זיי האָבן מיר געהאַט אין די וואַלן גופא. מיר האָבן געזוכט אַריינצוציען וואָס מער אידישע אַרבעטער־כוחות אין די וואַלן פון קאָנגרעס. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס האָט געקעמפט קעגן דעם. די אי־

דישע אַרבעטער מאַסן האָבן אָבער אין די צענדליקע טויזנטער זיך באַטייליקט אין די וואַלן, וואָס זיינען סוף־כל־סוף דורכגעפירט געוואָרן דעם 10טן יוני, 1917.

אַ קורצער אַנאַליז פון די רעזולטאַטן פון די וואַלן צום ערשטן קאָנגרעס באַ־ווייזט עס אויסער יעדן ספק. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער צעטל האָט געצויגן אַרום 75,000 שטימען פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 325,000. די 75,000 זיינען געווען די צאָל, וואָס אונזערע דורכשניט־קאַנדידאַטן האָבן באַקומען. ווען מען זאָל צונויפרעכענען די צאָל שטימען, וואָס עס האָבן געצויגן די מער באַקאַנטע קאַנדידאַטן אונזערע, וואָלט זי איבערגעשטיגן ווייט איבער 100,000. ווער האָט פאַר אונז געשטימט? די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געהאַט זייער אייגענע רשימה. די רעליגיעזע אידן זייער רשימה. די אידן פון פאָלקס־אָרדנס זייערע אייגענע רשימות. אַלע פאַרשיידענע רשימות האָבן שטאַרק געקעמפט איינע קעגן די אַנדערע און אַלע פון זיי קעגן אונזער רשימה. די 75,000 וואָס האָבן געשטימט פאַר אונז, זיינען אין זייער גרויסער מאַיאָריטעט געווען אידישע אַרבעטער.

דערביי דאַרף מען אויך געדענקען, אַז ניט נאָר אונזער רשימה האָט געצויגן אַרבעטער שטימען. טויזנטער אידישע אַרבעטער, מיטגלידער פון יוניאָנס, האָבן געשטימט פאַר רבנים, ווייל די דאָזיקע אידישע אַרבעטער זיינען גלייכצייטיק גע־ווען מיטגלידער פון שולן און בתי־מדרשים. טויזנטער אַרבעטער האָבן געשטימט פאַר לאַדזשן־פירער, ווייל זיי זיינען אויך געווען מיטגלידער פון די דאָזיקע לאַדזשן. ווייניקסטנס 125,000 אידישע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. דער נצחון פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען אומגעהויער. אַזוי אומגעהויער איז אויך געווען די מפלה פונם דאַמאָלסטיקן אַנטי־קאָנגרעסיס־טישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

די וואַלן גופא האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אין גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום. אַ געפיל פון קדושה האָט אַרומגענומען גרויסע אידישע מאַסן אין יע־נעם טאָג. דערמאָנט מען זיך נאָך, אַז האַרט פאַר די וואַלן איז אַ גרופע ראַבינער פון סינסינעטי־טיפ אַרויס מיט טענות אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג איז אַ באַוועגונג פון אומטרייהייט צו די פאַראייניקטע שטאַטן, און זיי האָבן דעריבער אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף איר; אַז איניקע אָנגעזעענע מיטגלידער פון אַמעריקאַנער דזשואיש קאָמיטעט — הויפטזעכלעך ד״ר סיירוס אַדלער — האָבן ניט געקענט איבערטראָגן די „חוצפה" פון דער קאָנגרעס באַוועגונג, וועלכע האָט „פאַרכאַפּט" אַמעריקע און זי צעטיילט אין אייגענע נייע קאָנגרעס־דיסטריקטן; דערמאָנט מען זיך אָן אַלע שטערונגען, וואָס די קאָנגרעס באַוועגונג האָט געמוזט באַזיטיקן ביז די וואַלן, דאַרף דער 10טער יוני, 1917, פאַרצייכנט ווערן אַלס די וויכטיקסטע דאַטע אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָר־הונדערט.

מיט די וואַלן האָט זיך געענדיקט דער צווייטער קאַפּיטל פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דאָס איז זיכער געווען דער לעבעדיקסטער און אינטערעסאַנטסטער קאַפּיטל. נאָכדעם אָבער הויבט זיך אָן די ירידה פון דער באַוועגונג. זי האָט נאָר אויפגעלויכטן אַ קורצע צייט פאַר דעם קאָנגרעס און נאָכאַמאָל אויף דעם קאָנגרעס גופא סוף 1918, אָבער פון דעם 10טן יוני, 1917, ביז סוף 1918 איז געווען אַ שטילשטאַנד אין דער גאַנצער קאָנגרעס־באַוועגונג.

די ירידה האָט באַקומען אַ פּאָליטישן אונטערשלאַג. לואי בראַנדייס, וואָס

האָט אַזאַ שטאַרקן שטויס געגעבן דער קאָנגרעס־באַוועגונג, איז שוין דאַן געווען ניט פּשוט לואי בראַנדייס, נאָר ריכטער לואי בראַנדייס. ער אַליין האָט שוין אין עפנטלעכע אסיפות זיך נישט באַטייליקט און צו געשלאָסענע זיצונגען איז ער אויך נישט געקומען. מען האָט שוין גערעדט בלויז אין זיין נאָמען. און דעם 8טן יולי, 1917, אַ קאַרגן חודש נאָך די וואַלן, איז אויף אַ זיצונג פון דעם אַדמיניסטראַציון קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם קאָנגרעס, דערשינען רבי סטיפן וויז און האָט אין בראַנדייס׳עס נאָמען און אויך אין זיין אייגענעם נאָמען (ער האָט וועגן דעם געהאַט אַ ספּעציעלן געשפּרעך מיט פּרעזידענט ווילסאָן), איבערגעבן, אַז פּרעזידענט ווילסאָן, איז קעגן דעם, אַז דער אידישער קאָנגרעס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין דער פריער באַשטימטער דאַטע, דעם 2טן סעפּטעמבער, 1917. ווער עס האָט באַוועגט פּרעזידענט ווילסאָן זיך אַריינצומישן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, איז עד היום פאַר מיר נישט קלאָר.

מיר האָבן פּראָטעסטירט קעגן אָפּלייגן דעם קאָנגרעס, אָבער אונזערע פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן. מנצח געווען האָבן די אָנהענגער פון אָפּלייגן דעם קאָנגרעס. געהייסן האָט עס אויף יענער זיצונג, אַז דער קאָנגרעס ווערט אָפּגעלייגט אויף צוויי חדשים און אַז ער וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 18טן נאָוועמבער, 1917. אַרויסגעוויזן האָט זיך, ווי אונזערע פאַרטרעטער האָבן טאַקע גלייך אָנגעוויזן, אַז מען הויבט אָן אָפּלייגן, איז דער צווייטער טערמין אויך ניט קיין זיכערער. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער קאָמיטעט האָט דאַן צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון אַלע ניו יאָרקער געוויילטע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. די זיצונג האָט אָנגענומען אַ זייער העפטיקן פּראָטעסט קעגן דער אָפּלייגונג און האָט געוואָרנט דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט קעגן ווייטערדיקע אָפּלייגונגען. אין זעלבן זין האָט רעאַגירט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי ציון אין אַ שאַרפן רוף צום אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט און צו דער אידישער עפנטלעכקייט. קיין זאַך האָט אָבער נישט געהאָלפן. אויף אַ זיצונג פון דעם גאַנצן 140ער קאָמיטעט איז סוף־כל־סוף באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם קאָנגרעס ביז: „פרידנס־פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״.

דער אויסדרוק: „ביז פרידנס־פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״ איז נישט געווען קיין צופעליקער. פּונקט ווי עס זיינען ניט געווען צופעליק די אַלע אַנדערע אויסדרוקן, קעגן וועלכע מיר האָבן געדאַרפט פירן אַ העפטיקן קאַמף, ביז מיר האָבן זיי אָפּגעשריען. דער אויסדרוק: „גרופּן־רעכט״ אנשטאט „נאַציאָנאַלע רעכט״, דער נאָמען „קאָנפערענץ״ אָנשטאט „קאָנגרעס״ — דאָס זיינען אַלץ געווען אויסדרוקן וועלכע זיינען פאָרמולירט געוואָרן אין די קרייזן פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אַזוי אויך דער אויסדרוק „ביז פרידנס פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״, וואָס האָט באַצוועקט אָפּצולייגן דעם קאָנגרעס אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. נאָך אין נאָוועמבער 1915 האָט די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע אויף איר יערלעכער זיצונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג. זי האָט דאַן זיך שוין געמוזט צוריקציען פון איר פריערדיקער שטעלונג, אַז מען מוז רופן בלויז אַ קאָנפערענץ און ניט חלילה קיין קאָנגרעס. איר רעזאָלוציע האָט געזאָגט, אַז אַ קאָנפערענץ דאַרף מען רופן שוין, און אויף דער קאָנפערענץ זאָלן, צווישן אַנדערע זאַכן, אויסגעאַרבעט ווערן פּלענער אויף צוזאַמענ־

צורופן אַ קאָנגרעס "After the termination of hostilities". די 140טע קאָ־מיטע האָט בכן, זיך דערדערדט צו אַ פאָרמולירונג, וואָס אַנטהאַלט דעם זעלביקן געדאַנק, נאָר מער פאַרשוואומען, מיט מער מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקע אָפּ־לייגענישן.

די הויפּט־סיבה פאַר דעם איז געווען: פּחד! אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה און די אַלטע אידישע אַסימילאַציע, האַנט־אין־האַנט מיט דעם אידישן אינ־פעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, וואָס האָט בכלל מורא געהאַט צו ריידן וועגן אייגענע אינטערעסן, האָט גענומען די אויבערהאַנט. רעדן וועגן אידישע ענינים, אַזוי לאַנג ווי די מלחמה גייט נאָך אָן, — אַ שווידער האָט אַרומגענומען די פּחד־אידן! און דער פּחד־קאָמפּלעקס האָט מנצח געווען. דער קאָנגרעס איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

פון צייט צו צייט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג דערמאָנט דער 140ער קאָמיטע, אַז 300 דעלעגאַטן האָבן געקראָגן זייערע מאַנדאַטן זיך צונויפצוקליבן און באַהאַנדלען אידישע פּראָבלעמען; אַז עס איז אַן אַקט פון דער גרעסטער געזעלשאַפטלעכער דעמאָראַליזאַציע מבטל צו מאַכן דעם ווילן פון הונ־דערטער טויזנטער אידן, וועלכע מיר האָבן גערופן צו די וואַלן. עס האָט אונז אָבער ניט געהאָלפן. מען מוז מודה זיין: אויך מיר זיינען אויף אַ צייט מיד געוואָרן. דאָס ערגסטע אין דער גאַנצער לאַגע איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטן אַדרעס, צו וועמען צו אַפּעלירן אַנטקעגן די האַנדלונגען פון דער 140ער קאָמיטע. נאָך דער פילאַדעלפיער פאָר־קאָנפערענץ האָבן מיר געקענט דעם דאָמאָלסטיקן קאָנגרעס־קאָמיטעט צווינגען דורכצופירן דעם רעפערענדום צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך אין דער פילאַדעלפיער פאָר־קאָנפערענץ באַ־טייליקט. נאָך די וואַלן איז אָבער ניט געבליבן צו וועמען צו אַפּעלירן. די איינציקע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געהאַט די יורידישע רעכט צוזאַמענצורופן דעם קאָנ־גרעס איז געווען די 140ער קאָמיטע, און אין דער קאָמיטע זיינען מיר געבליבן אין אַ קליינער מינאָריטעט, ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די מענטשן פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אפילו אַפּעלירן צו די גע־ווילטע קאָנגרעס־לייט האָבן מיר פאַרמעל ניט געקענט, און די קאָנגרעס־באַווע־גונג איז דורך מאַנגל אין טעטיקייט פאַרשלאָפט געוואָרן און איינגעשלאָפן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנצן יאָר נאָכאַנאַנד. ערשט אין מיטן זומער, 1918, ווען די הינדענבורג־ליניע האָט אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע סימנים פון אָפּשוואַכונג, וואָס האָט געפירט צו דעם פולשטענדיקן צוזאַמענפאַל פון דער דייטשער מיליטערישער מאַשין, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צוזאַמענ־צורופן דעם קאָנגרעס. מען האָט אָנגעהויבן שפּירן אַז „פרידנס פאַרהאַנדלונגען זיינען שוין אין אויסזיכט". ערשט דאַן האָט אונזער דרוק אויף דער 140ער קאָמיטע צוריק אָנגעהויבן צו געווינען קראַפט. אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט די קאָנגרעס־שטימונג און דער אינטערעס אין אידישן קאָנגרעס ווידער גענומען שטייגן.

אויך אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן אויפוואַכן דער אינ־טערעס צום אידישן קאָנגרעס. די ערלעכע קאָנגרעס־אַנהענגער צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעזען אין וועלכן טעמפּן ווינקל די דאָמאָלסטיקע פירער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיי אַריינגעשטויסן. עס האָט פיל פון זיי זייער שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן זיך אין די וואַלן ניט באַטייליקט. מיר, פון אונזער זייט,

האָבן כסדר פאַרלאַנגט, אַז דער 140ער קאָמיטעט זאָל פון דאָס ניי אָנהייבן פאַר־האַנדלונגען מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט. דער דאָזיקער צווייפאַכער דרוק האָט געפירט דערצו, אַז סוף־כל־סוף האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט ווידער אַמאָל געענדערט זיין שטעלונג און באַשלאָסן אין קאָנגרעס דאָך זיך צו באַטייליקן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע שקלא וטריא וועגן דער צאָל דעלע־גאַטן, וואָס זאָל אויסגעטיילט ווערן צום אַרבעטער־קאָמיטעט פון יענע הונדערט, וועלכע האָבן געדאַרפט געשיקט ווערן פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ענדלעך האָבן ביידע צדדים מסכים געווען צו געבן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט 20 דעלעגאַטן. אַזוי איז עס געשען, אַז דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע האָט אין דערווירקלעכקייט פאַרטראָטן אַלע אידישע ריכטונגען מיט דער אויסנאַם פון די גאָר עקסטרעמע יחידים־אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן קיין מגע־ומשא ניט געוואָלט האָבן מיט וועלכן עס איז ספּעציפיש־אידישן אַרויסטריט אין אַמעריקע.

אין די זיצונגען פון קאָנגרעס גופא האָט אייגנטלעך קיין נייעס ניט געקענט פּאַסירן. אַלע קאַמפּן אַרום פּרינציפּיעלע פּונקטן זיינען שוין פריער אויסגעפאָכטן געוואָרן. אַלע פאָרמולעס זיינען כמעט ווי פעסטגעשטעלט געוואָרן. די לעצטע רעדאַקציעס פון די דאָזיקע פאָרמולעס זיינען אין די קאָנגרעס־טעג געמאַכט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון לואיס מאַרשאַל. אַז ער האָט געוואוסט ווי צו פאַר־מולירן פּאָליטישע פאָדערונגען, איז איבעריק צו באַצייכענען. אַז ער האָט זיך געהאַלטן אין פולן זין לויט די דערגרייכטע פאַרשטענדיקונגען, איז אויך זעלבסט־פאַרשטענדלעך. ניט נאָר דערפאַר, ווייל ווען ער פאָרמולירט אַנדערש, וואָלט ער געמוזט באַגעגענען אַ העפטיקן קאַמף אין קאָנגרעס גופא, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל מאַרשאַל האָט פאַרמאָגט די ערנהאַפטע באַציאונג צו אַן אָפּמאַך, ווען ער האָט אפילו נישט מיט אַלע פּרטים איינגעשטימט. דאָס קען, ליידער, ניט געזאָגט ווערן וועגן אַלע מיטגלידער פון דער דאַמאָלסטיקער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. איי־ניקע פון זיי האָבן ניט געקענט איבערטראָגן דעם נצחון פון נאַציאָנאַלן אידנטום. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן פון בריטישן און פראַנ־צויזישן אידנטום און האָבן געזוכט אָפּצושוואַכן די איינהייטלעכע אַרויסטרעטונג פון אַמעריקאַנער אידנטום דורך דעם געאייניקטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אויפן קאָנגרעס גופא זיינען אָבער יענע עלעמענטן ניט געקומען צום אויסדרוק.

אין די פאַרשיידענע קאָמיסיעס פון קאָנגרעס זיינען, נאַטירלעך, פאָרגעקומען הייסע דעבאַטן. אייניקע פון די ניי־צוגעקומענע פאַרטרעטער פון נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־קאָמיטעט האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו דינגען זיך איבער פאַרשידענע אויסדרוקן. הויפּטזעכלעך האָבן זיי ניט געקענט אַראָפּשלינגען די קלאָרע ארץ־ישראל־רעזאָלוציע פון קאָנגרעס. עס האָבן זיך אפילו געפונען צוויי דעלעגאַטן, וואָס האָבן ביים קאָנגרעס גופא געשטימט קעגן דער איינשטימיק־פאָרגעשלאָגע־נער פּאָליטישער פּראָגראַם. זיי האָבן אָבער דורכדעם נאָך בולט'ער געמאַכט די כמעט פולסטע איינשטימיקייט פון גאַנצן קאָנגרעס, וואָס האָט פאַרטראָטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, אין די וויכטיקסטע פּאָליטישע פאָדערונגען.

בלויז ביי דער דערעפענונג־זיצונג איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, אין וועלכן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן האָבן ווידער־אַמאָל געמוזט, דורך אַ שאַרפן קאַמף, אָפּהיטן דעם קאָנגרעס פון אַ האַנדלונג וואָס זיי האָבן באַטראַכט

ווי אַ נאַציאָנאַלער אום־כבוד. דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט אַ פּאָר טעג נאָכן פּאָגראָם אין לעמבערג. די ידיעות וועגן פּאָגראָם האָבן דערגרייכט די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דעלעגאַציע האָט געפּאָדערט, אַז די ערשטע האַנדלונג פון אידישן קאָנגרעס זאָל זיין — אַ שאַרפע פאַרדאַמונג קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. לואיס מאַרשאַל, צוזאַמען מיט דעם ציוניסט — ריכטער יוליאַן מעק — האָבן דערצו ניט געוואָלט דערלאָזן. מאַרשאַל האָט געטענה׳ט, אַז עס פעלן קלאָרע באַשטעטיקונגען פון דעם, וואָס עס האָט באמת פּאַסירט אין לעמבערג. איך וויל איצטער ניט זיין קיין שופט־אחרון איבער דעם צוזאַמענשטויס. אפשר האָט די מער־פּאָרזיכטיקע דיפּלאָמאַטיע געפּאָדערט אָפּצוּוואַרטן, ביז עס וועלן קומען מער דעטאַלע ידיעות. אין אונז האָט אָבער געברויזט דער אוממיטלבאַרער פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געריסן פון יסורים־דורכגעווייטיקטע הערצער. מיר האָבן פּשוט ניט געקענט פאַרשטיין, אויף וואָס נאָך דאַרף מען וואַרטן. די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פון די אַליאירטע. די האָפענונג אויף אַ נייער וועלט־דעמאָקראַטיע איז געשטיגן זייער הויך און דאָ באַגעגנט מען דאָס אידישע פאָלק מיט דעם ערשטן נאָך־מלחמה־פּאָגראָם. ווי קען אַ אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע רואיק אָנגיין מיט זיינע געשעפטן, איידער ער דריקט אויס דעם טיפן צער און צאָרן אַנטקעגן דעם בלוטיקן פּאַטש אין פּנים, וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט דאָ געקראָגן?

דורכלעבנדיק איצט נאָך אַמאָל יענעם מאָמענט, ווייס איך ניט, צי מיר וואָלטן אין דעם צוזאַמענשטויס אַרויס די זיגער, ווען ער וואָלט פאָרגעקומען אויף אַ געאָרדנטער זיצונג פון קאָנגרעס, מיט דער באַטייליקונג בלויז פון דעלעגאַטן. עס זיינען אָבער צו דער דערעפענונג געקומען עטלעכע טויזנט פילאַדעלפיער אידן, וועלכע האָבן אָנגעפּאַקט דעם טעאַטער. דער גאַנצער עולם האָט, ווי איין מענטש, אויפגענומען אונזער אַרויסטריט און ער האָט שוין נישט דערלאָזן אירבערצוגיין צום סדר־היום איבער דער פראַגע. עס האָבן זיך געבעס׳ט די מענטשן אויף דער בינע. מאַרשאַל אַליין איז אַ פּאָר מאָל אפילו אַוועק הינטער די קוליסן אין פּראָטעסט קעגן דער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. אָבער מנצח געווען האָבן מיר. אייגנטלעך, דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק. דער פּראָטעסט איז אָנגענומען געוואָרן. דער רעגולערער גאַנג פון קאָנגרעס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן. איך האָב שוין אויבן כאַראַקטעריזירט, וואָס דער קאָנגרעס איז געווען. דאָ און דאָרט האָט ער שטאַרק געליטן פון די באַגרענעצטע ראַמען, אין וועלכע די פריערדיקע פאַרהאַנדלונגען האָבן אים איינגעצוימט. אין די מערסטע פאַלן אָבער האָט ער זיך פון די ראַמען אַרויסגעריסן. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אימפּאָזאַנטסטער דעמאָנסטראַציע פונם געאייניקטן ווילן פונם אַמעריקאַנער אידנטום. זיין היסטאָרישע באַדייטונג דאַרף איך נאָך אַמאָל ניט אונטערשטרייכן.

די ווירקונג פון די באַגרענעצטע ראַמען זיינע האָט מען ערשט בולט דערזען אויף דער צווייטער צוזאַמענקונפט פון זעלביקן קאָנגרעס אין מיטן זומער, 1920. די דעלעגאַציע, וואָס דער קאָנגרעס האָט געשיקט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט. די צווייטע צוזאַמענקונפט איז גערופן געוואָרן, כדי די דעלעגאַציע זאָל דאָרטן אָפּגעבן איר באַריכט. מען האָט אָבער געוואוסט, אַז לויטן פריערדיקן אָפּמאַך מוז דער קאָנגרעס תיכף נאָכן דערהאַלטן און באַהאַנדלען

דעם באַריכט זיך אויפלייזן. נאַטירלעך, האָט די שטימונג ניט געקענט זיין קיין געהויבענע. אמת, די אָנהענגער פון אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס, און אוודאי אויך מיר בתוכם, זיינען געקומען צוגעגרייט און אַנטשלאָסן צו עפענען תיכף אַ נייע זי־צונג פון דעם פּערמאַנענטן קאָנגרעס דורך דער מערהייט דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען פאַר אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס. אָבער דער גלאַנץ פון אַן אמת׳ער פאַר־איינוקונג פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך פון קאָנגרעס אָפּגעטאָן.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן בלויז נאָך איין שאַרפער צוזאַמענשטויס, טאַקע אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון 1920.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פראַקציע האָט אַרויסגעבראַכט איר קריטיק קעגן דער דעלעגאַציע. די קריטיק איז געווען זייער אַ שאַרפע. הויפּטזעכלעך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט טאַקע אויף דעם, וואָס וויכטיקע מיטגלידער פון דער אַמעריקן דזשואיש קאָמיטע, וועלכע האָט זיך אָפיציעל באַטייליקט אין קאָנ־גרעס, האָט זיך פאַרבונדן מיט עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן און געזוכט צווישן די דעלעגאַטן פון פרידנס־קאָנגרעס אונטערצוגראָבן דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון דער איינהייטלעכער אַמעריקאַנער אידישער רעפּרעזענטאַנץ און די געזונטע נאַ־ציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנץ האָט פאַרטראָטן. מיט דער הילף פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט דער קאָנגרעס דעם געלייענטן דאָקומענט פון אונזער פראַקציע דן געווען לגניזה. מען האָט אים אין די אָפיציעלע פּראָטאָ־קאָלן ניט אריינגענומען. מען האָט מן־הסתם געדענקט, אַז דערמיט האַלט מען הויך דעם פּרעסטיזש פון דער דעמאָקראַטישער אידישער אסיפה. מיר זיינען דאָן געווען זיכער (און איך בין נאָך אויך היינט זיכער), אַז דערמיט האָט מען רעדו־צירט די באַדייטונג פון דער אסיפה. אַן אמת דעמאָקראַטישע אסיפה האָט ניט קיין סיבה מורא צו האָבן פאַר אָפענער קריטיק, ווי שאַרף זי זאָל ניט זיין. און אפשר האָט מען בכלל גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם פּרעסטיזש פון דער אסיפה? ווייל אַן אמת׳ן דעמאָקראַטישן, פּערמאַנענטן קאָנגרעס, וועמעס פּרעסטיזש מען דאַרף היטן, האָט געוואָלט מיטן גאַנצן הארצן, אַן זייטיקע פּניות, נאָר די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. געווען פיל, פיל אידישע יחידים, וואָס האָבן עס גע־וואָלט. געווען איינצלנע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עס געוואָלט. געווען צווישן מזרחי אַ טייל, וואָס האָט עס זייער שטאַרק געוואָלט. די אַנדערע אָרגאַ־ניזירטע כוחות — ליידער, אויך דער סתם ציוניסטישער אָרגאַניזירטער כוח — האָבן זיך נישט שטאַרק געזאָרגט וואָס פונם קאָנגרעס וועט ווערן.

דעם אידישן קאָנגרעס אַלס אָרגאַניזירטן פּערמאַנענטן כוח אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, האָבן די אָריגינעלע קעגנער זיינע טאַקע באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. די געשיכטלעכע באַדייטונג, אָבער, פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג און פון דעם ערשטן קאָנגרעס גופא האָבן זיי שוין ניט געקענט רעדוצירן, און אין אָט־דעם גע־שיכטלעכן פּראָצעס האָט עס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַריינגע־געבן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און דורכדעם געהאָלפן אַריינשרייבן אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום דעם באַדייטענדיקסטן, פּאָליטיש־וואָגיקסטן קאַפּיטל, וואָס איז אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט גע־שריבן געוואָרן.

## יב. אונזער ראָלע אין די טעטיקייטן פאַר א"י און אין אָרגאַניזירטן ציוניזם

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען איז אונז שוין אויסגעקומען אָנצואווייזן אויף צוזאַמענשטויסן צווישן די פּועלי־ציון און די אַלגעמיינע ציוניסטן אויף צוויי פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע אַרבעטס־שטחים פון אַמעריקאַנער אידנטום. דורכדעם זיינען שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן אייניקע שאַרפע אונטערשיידן צווישן די צוויי ציוניסטישע באַוועגונגען. כדי צו פאַרפאָלקאָמען דאָס בילד, איז נויטיק אַרויסצוברענגען די ספּעציעלע אַרבעטן פון די פּועלי ציון פאַר ארץ־ישראל און אויך די וויכטיקסטע צוזאַמענשטויסן מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די ראַמען פון אָרגאַניזירטן ציוניזם גופא. דערצו ווידמען מיר דעם איצטיקן קאַפּיטל.

ווען די פּועלי־ציון האָבן אין יאָר 1903 זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן איז די אַמעריקאַנער אַלגעמיין ציוניסטישע באַוועגונג געווען זייער אַ קליינע און האָט כמעט קיין השפעה נישט אויסגעאיבט אויף די אידישע מאַסן. דעם אויבנאָן אויף דער אידישער גאַס האָבן דאַן פאַרנומען די אידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. די ערשטע פּועלי־ציון האָבן זיך געפילט זייער אומגליקלעך מיט דעם אופן ווי סיי דער סאָציאַליזם, סיי דער אַנאַרכיזם האָט דאַן אויסגעזען. אַמשאַרפסטן האָט געברענט אין האַרצן דער צער און צאָרן קעגן דעם וואָס אָט־די באַוועגונגען זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט אַנטי־אידישן נאַציאָנאַליזם. פאַר ציוניזם האָט מען געהאָט נאָר שפּאָט און געלעכטער; אידישע קולטור אוצרות — אַן ענין בלויז פאַר בטלנים. בכלל האָט אַלץ, וואָס דאָס וואָרט אידישקייט האָט אין זיך כולל געווען, שלעכט אָפּגעשניטן אין דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אויף דער אידישער גאַס. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די הויפּט־אויפגאַבע פון סאָציאַליזם וואָלט געווען אויסצוואָרצלען די דאָזיקע „אידישקייט־נגע" פון די הערצער פון די אידישע מאַסן. און די ערשטע פּועלי־ציון, וואָס זיינען אַהער געקומען, ווענענס רעוואָלוציאָנערער אימפּעט האָט זיך גענערט דווקא פון די נאַציאָנאַלע פרייהייט־שטרעבונגען, האָבן זיך געפילט, מחמת די דאָזיקע דערשיינונגען, בלוטיק פאַרוואונדעט אין זייערע טיפסטע הייליקייטן. זיי האָבן דערשפּירט זייער גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע דווקא אויפן שטח פון נאַציאָנאַלן קאַמף — אַ קאַמף וואָס איז דאָ נישט געפירט געוואָרן קעגן די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, און ניט בלויז קעגן די גלות־אומשטענדן, אין וועלכן אידן האָבן געלעבט, נאָר אַ קאַמף אַן אינעווייניקסטער, אַ קאַמף אַפּצוריינקן אידישקייט, אידישע קולטור־ווערטן, אידישע נאַציאָנאַלע צילן בכלל און הויפּטזעכלעך דעם ציוניזם פון דעם זלזול־גיפט, מיט וועלכן די דעמאָלטיקע וואָרט־פירער, הויפּטזעכלעך אין דער אידישער אַרבעטער־גאַס, האָבן זיי טאָג־איין, טאָג־אויס באַוואָרפן.

ערשט שפּעטער האָט זיך די גרופּע דערוואוסט, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט אויך אַנדערע פירער און וואָרט־זאָגער, וועלכע האָבן אינעווייניק געווירקט קעגן די דאַמאָלסטיקע אָפיציעלע „טריבונען" פון דער אידישער אַרבעטער גאַס. ערשט שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט פון מענטשן, ווי אַברהם

ליעסין, ד״ר הלל זאלאטאראָוו, יצחק אייזיק הורוויטש, משה קאַץ, ד״ר איסר גינז־בורג און, להבדיל בין החיים והמתים, יואל ענטין און איניקע אַנדערע. די הויפּט־רעדנער אָבער, די הויפּט־„לעקטשורערס״, די הויפּט־„אויפקלערער״ זיינען געווען דווקא די וואָס האָבן געגאָסן גיפט אויף אידישקייט, אויף ציוניזם, אויף נאַציאָ־נאַלע צילן בכלל. און די קליינע גרופּע האָט דערפילט: אין קאַמף קעגן אָט די דערשיינונגען ליגט איר הויפּט־מיסיע אין אַמעריקע.

די נייע גרופּע האָט אפשר דאַן פאַרזען די באַדייטנדיקע פּאָזיטיווע זייט, וואָס די דעמאָלטיקע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־אויפקלערונג האָט פאַרמאָגט. אַזאַ צוריקבליק באַרעכטיקט אַן אורטייל קעגן דער ערשטער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער גרופּע, אַז זי איז געווען צו איינזייטיק אין איר אָפּשאַצונג. דער זעלבער אָביעקטיווער צוריקבליק, ווען מען קאָן זען זאַכן פון אַ ברייטערן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, באַרעכטיקט דאָך נאָך אַ טיפערן אורטייל קעגן דער דעמאָלטי־קער „אַפּיציעלער״ איינשטעלונג אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַזוי האָבן די דעמאָלטיקע פירער ניט איינגעזען, אַז אונטערגראָבנדיק אידישקייט צווישן די אידישע מאַסן, האָבן זיי אויך רעדוצירט די קולטור־מדרגה פון די זעלביקע מאַסן — און אַ מענטשן־שיכט אַן אַ הויכער קולטור־מדרגה קען בשום אופן נישט אויפנעמען קיין אמת׳ע סאָציאַליסטישע דערקענטעניש? ווי אַזוי האָבן זיי ניט איינגעזען, אַז דאָס ביסל פּאָזיטיווע, וואָס זיי האָבן דאַן געגעבן די אי־דישע מאַסן, האָט געפונען צווישן די דאָזיקע מאַסן אַן אָפּקלאַנג הויפּטזעכלעך צו־ליב דעם ביסל אידישקייט, וואָס איז געבליבן איינגעפלאַנצט אין זייערע נשמות?

ערשט שפּעטער, ווען עס האָט אָנגעהויבן גיין דער עמיגראַנטן־שטראָם, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין אַמעריקע צענדליקער טויזנטער אידן וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין אייראָפּע, — ערשט דאַן איז אויפגעקומען אין אַמעריקע אַ שיכט אידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס און פאַרמאָגט די דערציאונג פאַר אַ פאַרטיפטן סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק. אויך צווישן זיי זיינען די מערסטע געווען אַנטי־ציוניסטן. אָבער זייער קאַמף איז געווען וויניקסטנס אין פאָרם, אַ קולטורעלער. אין די ערשטע יאָרן אָבער, אין די יאָרן פונם אַנטי־אידישקייט־סאָציאַליזם, איז נאָך אָט־דער נייער עלעמענט אין אַמעריקע ניט געווען. ווי אַזוי האָבן די דעמאָלטיקע אָפּיציעלע פירער פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג געקענט און גאָר גע־מעגט זיך איינרעדן, אַז יענע מאַסן האָבן באַגריפן אַלע קלאַסנקאַמף־טעאָריעס, די פאַרשיידענע געשיכטס־פילאָזאָפיעס, מאַרקסיזם, מערווערט־טעאָריע, די חלוקי דעות צווישן די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, די אמת־טיפע פאַר־איידלטע פאַרשטעלונג פון אַ צוקונפטיקער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט? צי איז עס געווען אַזוי שווער איינצוזען די דירעקטע פאַרבינדונג צווישן די פסוקים, וואָס זיינען געבליבן איינגעוואָרצלט אין די נשמות פון אָט די מאַסן נאָך פון זייערע חדרים און תלמוד־תורה׳ס, מיט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווי ווייט זיי האָבן אים געקענט באַגרייפן און אָננעמען? די דאָזיקע מאַסן האָבן אין דער סאָציאַליס־טישער אַגיטאַציע פון גלייכהייט און גערעכטיקייט צווישן אַלע מענטשן דער־שפּירט דעם המשך פון ישעיה־פסוקים, פון עמוס־פסוקים, פון קאַפּיטלעך תהלים, אויף וויפל זיי האָבן עס געקאָנט באַגרייפן. ווי אַזוי האָבן די דעמאָלטיקע פירער ניט איינגעזען, אַז מיט אַזאַ אַנטי־אידישקייט־סאָציאַליזם גראָבן זיי אונטער די

סאַמע וואָרצלען, פון וואַנען יענע מאַסן האָבן געצויגן זייער, ווען אַפילו אויבער־פלעכלעכע, סאָציאַליסטישע יניקה?

דער דאָזיקער אַנטי־אידישקייט־סאָציאַליזם האָט באַדייטנדיק פאַרשאַרפט דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמפּס־אימפּעט פון דער ערשטער גרופּע פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן. די נייע גרופּע האָט אויך דערשפּירט אַ שטאַרקן שונא פון גאָר אַן אַנדער ווינקל: זי האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צום פּרצוף פון דער פאַרפלאַכטער „אַמעריקאַניזאַציע״, וואָס די פריער־אריינגעקומענע אימיגראַציע האָט געזוכט אַרויפצוצווינגען אויף דער אידישער פאָלקס־גאַס. אונטערן באַגריף „אַמעריקאַניזאַציע״ האָט מען ניט בלויז געמיינט: אויסלערנען דעם ניי־געקומענעם די לאַנדס־שפּראַך, באַקענען אים מיטן אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, מיט דער געשיכטע פון אַמעריקע, מיט אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס. די אַלע נויטיקע זאַכן זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט אַ פאַרזוך אָפּצומעקן דעם צלם־איד ביים אימיגראַנט, אויסצואוואָרצלען פון אים דאָס, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך פון אידישער אייגנאַרט. ער מוז וואָס שנעלער אויסזען ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער. אַז קיין עכטן אַמעריקאַנער האָט מען פון אים אַזוי שנעל נישט געקענט מאַכן, איז קלאָר: מען שפּרינגט ניט אַרויס פון איין קולטור־קרייז אין אַ צווייטן אַריין אין איין הרף־עין, ווען אַפילו דאָס סאַמע אַרויס־און־אַריינשפּרינגען וואָלט באמת געוועזן נויטיק, וואָס דאָס אַליין איז דער גרעסטער שקר. איז בלויז געלונגען זיין אידישן פּנים צו פאַרקריפּלען. וואָס פאַרא פאַרזעעניש עס איז דערפון אַרויסגעקומען, איז זיך גרינג פאָרצושטעלן. יחידים, נאַטירלעך, האָבן זיך דערשלאָגן צו די אמת׳ע וואָרצלען פון דער אַמעריקאַנער קולטור און האָבן כאָטש, אַזוי וויט ווי דאָס איז געווען מעגלעך, אָנגעפּילט זייערע לעבנס, ווען אַפילו ניט זייערע אידישע נשמות, מיט אַ נייעם קולטור־אינהאַלט. די גרויסע מאַסע איז אָבער געבליבן בלויז ביי דער אויבערפלעכלעכער גאַסן־אַמעריקאַניזאַציע. קיין אידיש־קולטורעלן חוט־השדרה האָט זי נישט פאַרמאָגט. צו דער אַמעריקאַנער קולטור האָט זי נישט דערגרייכט. איז זי געבליבן שרעקלעך קולטור־אָרעם. און אָט דער דור פון קולטור־אָרעמקייט און אומגעהויערער פיזישער האָרעוואַניע האָט עס געדאַרפט דערציען אַ נייעם דור. האָט עס טאַקע געפירט דערצו, אַז דער צווייטער דור, די קינדער פון ערשטן דור אידישע אימיגראַנטן (וועגן אויסנאַמען רעדט זיך דאָ נישט), איז טאַקע כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער אידיש־נאַציאָנאַלער קולטור, פאַר דעם אידיש־נאַציאָנאַלן המשך, פאַר אידיש נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. ערשט צווישן מאַנכע פונם דריטן דור אַמעריקאַנער אידן הויבן זיך אָן ווייזן סימנים פון זוכן דעם וועג צוריק, צו אָריגינעלע אידישע מקורות.

אַ ווייטיק האָט אַרומגענומען די נייע גרופּע, ווען זי האָט דערשפּירט, צו וועלכע תהומות פון קולטורלאָזיקייט מיר לאָזן זיך זינקען אין אַמעריקע — אַ ווייטיק און אויך אַ שרעק פאַר די גוואַלטיקע כוחות, קעגן וועלכע מיר מוזן זיך פאַרמעסטן. אָבער קיין אַנדער וועג איז ניט געבליבן; פאַרמעסטן מוז מען זיך; דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט, דער סימן מובהק פון אָט דער נייער באַוועגונג, האָט רוען ניט געלאָזט.

בעיקר האָבן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן געמוזט ברענגען ציוניזם צו די פּשוטע אידישע פאָלקסמאַסן, ווייל פאַר זיי האָט עס קיינער ניט געטאָן. שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען אייניקע אַלגעמיינע פאָלקס־ציוניסטישע פאַראיינען,

וואָס זיינען רעקרוטירט געוואָרן פון אַריבערגעקומענע אַלגעמיינע ציוניסטן פון רוסלאַנד און עסטרייך. נאָך שפּעטער האָט דער מזרחי אָנגעהויבן זיך אַנט־וויקלען. יעדע פון די גרופּירונגען האָט אָנגעהויבן ברענגען ציוניזם צום פאָלק. דעם גרעסטן חלק אויף דעם געביט האָבן אָבער בייגעטראָגן די ציוניסטן־סאָ־ציאַליסטן. אין ציוניזם גופא האָט אָבער דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אויך געדאַרפט פירן אַ קאַמף ניט נאָר פאַר זיינע ספּעציעלע סאָציאַליסטישע אַנשוי־אונגען, נאָר אויך פאַר דעם נאַציאָנאַלן תוכן פון ציוניזם גופא, וואָס איז ניט אַלע מאָל ריכטיק אויפגעפאַסט געוואָרן דורך דעם דאַמאָלטיקן אַמעריקאַנער ציוניזם.

אויסער ברענגען ציוניזם צו מאַסן, איז דער ספּעציעלער צושטייער פון די אַרבעטער־ציוניסטן צום ציוניזם באַשטאַנען אין שטענדיקן ציען זיך, און ציען מיט זיך דאָס פאָלק, צו דער שעפערישער ציוניסטישער טאָט.

דערמיט איז שוין אייגנטלעך, אַלץ געזאָגט וועגן דער ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקאַנער ציוניזם. אַלץ אַנ־דערש איז שוין ניט מער ווי אַ פּירוש. עטלעכע פאַקטן אָבער דאַרפן באַווייזן, אַז דאָס אויבן־געזאָגטע איז ניט סתם אַ באַהויפּטונג; אַז דער זין פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז טאַקע געווען און געבליבן דאָס רייסן זיך צו דער שעפעריש־ציוניסטישער טאָט.

קערנער פון שעפערישער ציוניסטישער טאָט זיינען אַריינגעזייט געוואָרן אין אַמעריקאַנער ציוניזם שוין אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער היגער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אונטערן נאָמען „החלוץ״ איז פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר א. ש. וואַלדשטיין אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1906 די ערשטע גרופּע פון פּיאָנערן פאַר פּראַקטישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט אַ צווייטע גרופּע, אונטערן נאָמען „האיכר הצעיר״, געגרינדעט די ערשטע אַגראַרע הכשרה־פאַרם אין קאַליפאָרניע. דאָס זיינען גע־ווען די ערשטע פאַרזוכן, אויפן אַמעריקאַנער באָדן, אויפן געביט פון דער מאָ־דערנער פּיאָנערן־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע ערשטע פאַרזוכן האָבן קיין גרויסע ממשות׳דיקע רעזולטאַטן באַלד ניט געבראַכט. זייער המשך האָט זיך אין אַמעריקע ערשט אָנגעהויבן אין 1915־1916, ווען די חברים בן־צבי און בן־גוריון האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ „החלוץ״־באַוועגונג אין אַמע־ריקע *). אין אייראָפּע האָט די „החלוץ״־באַוועגונג זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדער־וואַקסן ערשט אין 1918. ווי גרויס עס איז געוואָרן דער פאַרנעם פון דער חלו־צישער באַוועגונג איז איצט באַקאַנט צו יעדן איינעם. די כאַראַקטעריסטישע באַ־צייכענונג פאַר דער נייער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט צוויי דורות צוריק, וועט אָן ספק זיין „חלוציות״. אָבער גאָר אָן רעזולטאַטן איז אויך ניט געבליבן אפילו דער ערשטער קליינער פאַרזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע.

צווישן די חניכים פון דער ערשטער הכשרה־פאַרם אין קאַליפאָרניע זיינען געווען: בערל קליי און אליעזר יפה. ביידע האָבן מיט איבער 40 יאָר צוריק זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. בערל קליי האָט זיך תיכף אָנגעשלאָסן אין „השומר״ און

*) פּרטים וועגן דעם אין דער ספּעציעלער אַרבעט פון חבר דוד בן־גריון אין אונזערע קומענדיקע ביכער.

האָט טאַקע ווי אַ חבר פון „השומר" אָפּגעגעבן זיין לעבן אין קאַמף פאַר דער קאָ־לאָניע „מלחמיה", אין 1915. אליעזר יפה איז מיט איייניקע יאָר צוריק געשטאָרבן אין נהלל. ער האָט ביי זיין לעבן אויסגעאַיבט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויפן גייס־טיקן לעבן פון דער ארץ־ישראל'דיקער אידישער אַרבעטערשאַפט.

די אמת'ע שעפערישע טאַט האָט געקענט געפירט ווערן און איז געפירט גע־וואָרן אין ארץ־ישראל גופא. אין דער דאָזיקער דירעקטער טאַט האָבן זיך פון אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן באַטייליקט בלויז איינצלנע, אָבער די דירעקטע שע־פערישע טאַט אין ארץ־ישראל האָט געמוזט האָבן פאַר זיך אַ רעזערוואואַר פון ממשות'דיקער הילף. אויף דעם געביט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג אין אַמעריקע אַרויסגעבראַכט באַדייטנדיקע כוחות, וועלכע האָבן מיטגע־האָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל.

ווי טיף עס האָט געלעבט אין דער באַוועגונג די תשוקה צו פּערזענלעכער מיטבאַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט, איז אַמשאַרפסטן דעמאָנסטרירט גע־וואָרן אין דער לעגיאָן־באַוועגונג פון די יאָרן 1917־1918 אין אַמעריקע. געווען אַ גרופּע אין ציוניזם וואָס האָט געזוכט צו מאַכן אַ קולט פון מיליטאַריזם. קעגן דעם האָט אונזער באַוועגונג אַלעמאַל געקעמפט. אָבער די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע גרופּירונג אין ציוניזם, האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די נויטיקייט פון אויפשטעלן אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס אין ארץ־ישראל און האָט טאַקע אַזעלכע אויפגעבויט.

די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט געוואוסט די סטראַטעגישע פּאָזיציע, וואָס ארץ־ישראל פאַרנעמט אין דער מאָדערנער פּאָליטישער וועלט־געאָגראַפיע. זי האָט געוואוסט, מיט וועלכע גיריקע אויגן עס האָבן שוין דאַן געקוקט אויף יענעם ווינקל פון דער וועלט פאַרשיידענע צווישן־זיך־קאָמפּנדיקע פּאָליטישע וועלט־כוחות. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַרום זיך אין ארץ ישראל שכנים, וועלכע קע־נען זייער גרינג אויסגענוצט ווערן פון יענע פּאָליטישע וועלט־כוחות, אין ווע־מעס פּאָליטישן חשבון אַ אידישע ארץ־ישראל פּאַסט זיך ניט אַריין. זי האָט גע־וואוסט אַז אונזערע שכנים קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ האַק, וואָס די האַנט פון אַזעלכע פּאָליטישע וועלט־כוחות זאָל זיך גלוסטן אַראָפּצולאָזן אויף אונזערע קעפּ. זי האָט דעריבער געוואוסט, אַז זי מוז אויפשטעלן אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס אין ארץ־ישראל פאַר אונזערע שוץ־צוועקן. די אידישע אַרבעטער־שאַפט אין ארץ־ישראל האָט דעריבער, פּאַראַלעל מיט איר וואוקס, געגומען בויען אַזעלכע מיליטערישע פאָרמאַציעס. זי האָט אויפגעשטעלט קעמערל נאָך קעמערל. זי האָט עס אָנגעהויבן מיט דער גרינדונג פון „השומר"; פון „השומר" איז ביסלעכווייז אַרויסגעוואַקסן די „הגנה"; דורך דער „הגנה" איז מעגלעך געוואָרן די אויפשטעלונג פון דער אַרמיי.

אין די יאָרן 1917־1918, לאַנג איידער די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג האָט דערזען די ליכטיקע וועלט, זיינען די באַדינגונגען רייף געוואָרן פאַר אַן אמת'ער לעגיאָן־באַוועגונג אויך מחוץ פון ארץ־ישראל, און אַמעריקע האָט דאַן אוועקגעשיקט אַ פּאָר טויזנט יונגע בחורים אין אידישן לעגיאָן. וויניק־סטנס 80% פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן זענען רעקרוטירט געוואָרן פון מיט־גלידער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע, אַגי־

טאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַרן לעגיאָן איז כמעט פולע הונדערט פּראָצענט דורכ־געפירט געוואָרן דורך חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויפן געביט פון דירעקטער באַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט פאַר און אין ארץ־ישראל, איז די דאַמאָלסטיקע לעגיאָן־באַוועגונג געווען דער וויכטיק־סטער איינצל־שטייער פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג. דאָ האָט די באַוועגונג געפונען די מעגלעכקייט אַריינצוגיסן אין דער לע־גיאָן־אַרבעט סיי איר אַלגעמיינעם סימן מובהק — איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָ־נערן אימפּעט, סיי איר ספּעציפיש־ציוניסטישן סימן מובהק — דאָס רייסן זיך צו שעפערישער טאַט*).

די פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, האָבן געצוואונגען די גרעסטע צאָל פון אונזערע אַמערי־קאַנער לעגיאָנערן צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. פיל הונדערטער פון אונזערע בחורים זיינען, טראָץ די קאָמפּליקאַציעס געבליבן אין לאַנד. זיי האָבן די גאַנצע צייט ממשיך געווען זייער אנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל גופא. הונדערטער אידישע בחורים און מיידלעך, דערצויגן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט באַוועגונג, זיינען פאַרבליבן אין ארץ־ישראל און פאַרנעמען דאָרט בוי־פּאָזיציעס, ווי אַ גלייכער טייל פון דער גאַנצער מחנה פאַרווירקלעכער און אויספירער (מגשימים). דאָס רייסן זיך צו דירעקטער באַ־טייליקונג אין דער שעפערישער טאַט האָט זיך אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל אַמ־בולט'סטן אַנטפּלעקט.

די ראָלע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם פּראָצעס פון אויפשטעלן אין אַמעריקע דעם רעזערוואואַר פאַר ממשות'דיקער מיטהילף אין דער טאָג־טעגלעכער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל, איז אויך געווען אייגנאַרטיק און גאָר־גאָר באַדייטנדיק.

צוויי פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע פון דעם כאַראַקטער. דעם ערשטן פאַרזוך האָט געמאַכט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג — די אַר־בעטער־ציוניסטן בתוכם — אויפצושטעלן די אידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. דער צווייטער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן דורך די אַרבעטער־ציוניסטן אַליין, אויפצושטעלן די אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ ישראל. וועגן דעם ערשטן פאַרזוך זיינען געווען טיפע חילוקי־דעות און עד היום איז נאָך קיין היסטאָרישער פּסק־דין ניט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, צי איז די אידישע אַגענץ געווען נויטיק אָדער נישט. איך האָב אַליין באַלאַנגט צו די אָנהענגער פון דער אַגענץ. איך זע ניט קיין סיבה חרטה צו האָבן אויף מיין דאַמאָלסטיקער איינשטעלונג. איך ווייס די סיבות, וואָס האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַגענץ אין דער ריכטונג, וואָס אירע אָנהענגער האָבן פאַר איר פאָראויסגעזען. דאָס שטערט מיר אָבער ניט איינצוזען, אַז געלונגען איז די אידישע אַגענץ נישט. די אידישע אַרבעטער־אַגענץ אָבער איז פון ערשטן טאָג אָן געווען אַ געזונט־געבוירן קינד און זי האָט כסדר אין איין וואַקסן און ווערן אַלץ געזינטער און וויכטיקער.

די ערשטע שריט צום אויפבוי פון דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל זיינען געמאַכט געוואָרן טאַקע אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנגרעס־

*) אויך וועגן דער לעגיאָן־באַוועגונג וועלן די לייענער געפינען פּרטים אין חבר בן־גוריון'ס צוגעזאָגטע אַרבעט.

באַוועגונג. שוין דאַן זיינען טיילן פון אידישע אַרבעטער-פירער און פון אידישע אַרבעטער-מאַסן מיטגעגאַנגען מיט דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איר ארץ-ישראל-אָריענטאַציע האָט זיי נישט נאָר נישט אָפּגעשראָקן, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם אידישן אַרבעטער-קאָנגרעס פאַר ארץ-ישראל, וואָס אונזער באַוועגונג האָט צונויפגערופן אין מיטן מאַי, 1918. די צוגרייטונגען צו דעם אַרבעטער-קאָנגרעס האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט תיכף נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע. אין משך פון די חדשים, בעת די דאָזיקע צוגרייטונגען זיינען פאָרגעקומען, איז די אידישע אַרבעטער-וועלט ווידער אַמאָל אויפגעטרייסלט געוואָרן אַרום דעם ארץ-ישראל-פונקט. געוויסע אַזעלכע אידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אין אַרבעטער-קאָנגרעס, מחמת מחלוקת׳ן מיט דער פועלי ציון פּאַרטיי, נישט געוואָלט באַטייליקן, זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק אָנגענומען פּאָזיטיווע רעזאָלוציעס פאַר ארץ-ישראל. דעם בולט׳סטן ביישפּיל אין דער באַציאונג האָבן דאַן געגעבן די ניו-יאָרקער פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. אויף זייער זיצונג מאָנטיק, דעם 22טן אַפּריל, 1918, ווען אונזער איינלאַדונג צום אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ-ישראל איז פאַרהאַנדלט געוואָרן איז דאָרטן אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„זיי עס באַשלאָסן, דאָס מיר שטעלן עס אַלס פאָרלאַנג, אַז די אידן זאָלן קריגן גלייכע נאַציאָנאַלע באַרעכטיקונג אין אַלע לענדער און פרייע קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען שטאַט אין פּאַלעסטינע״.

די רעזאָלוציע איז נאָך, אמת, געווען ניט גענוג קלאָר. אָבער אַזוי ווייט איז זי געווען דייטלעך, כדי צו דעמאָנסטרירן, אַז די אַלטע נעגאַטיווע באַציאונג צו דעם ארץ-ישראל געדאַנק איז פאַרוואָרפן געוואָרן. מאַקס פּיין, דער מחבר פון דער רעזאָלוציע, דער שפּעטערדיקער ערשטער פאָרזיצער פון דער פּערמאַנענטער אידישער אַרבעטער-אַגענץ פאַר ארץ-ישראל, איז אויף דער דאָזיקער זיצונג אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן די פועלי-ציון. ער איז געווען דער הויפּט-קעמפער קעגן דער באַטייליקונג פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין אַרבעטער-קאָנגרעס פאַר ארץ-ישראל. ער האָט דעם קאָנגרעס באַטראַכט אַלס אַ ריין פועלי-ציוניסטישע צונויפקונפט. ער האָט אָבער שוין דאַן זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו ארץ-ישראל גאַנץ שאַרף אַרויסגעבראַכט. אַ צאָל פון באַדייטנדיקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט קיין רעזאָלוציע און זיינען געקומען צום אַרבעטער-קאָנגרעס. זייער טיפער אינטערעס אין ארץ-ישראל איז שוין דאַן קלאָר דעמאָנסטרירט געוואָרן.

נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט אָן ספק גרינגער געמאַכט דעם וועג פאַרן אויפבוי פון דער אידישער אַרבעטער-אַגענץ פאַר ארץ ישראל, איז געווען — די געמיינשאַפטלעכע מיטאַרבעט פון אַלע אידישע אַרבעטער-עלעמענטן אין „פּיפּלס-רעליף״. אַזעלכע אַרבעטער-פירער ווי מאַקס פּיין, אברהם שיפּלאַקאָוו און פיל אַנדערע, האָבן אין „פּיפּלס רעליף״ געהאַט אַ געלעגנהייט בעסער זיך צו באַקענען און טיפער צו באַגרייפן די פועלי ציון. די מורא, וואָס די פועלי-ציון האָבן ביי זיי אַרויסגערופן, אַלס גוואַלטיקע פאַנאַטיקער, מיט וועמען עס איז ניט מעגלעך צוזאַמענצואַרבעטן, איז אָפּגעפאַלן. דער וועג צו דער אידישער אַרבעטער-אַגענץ איז דורכדעם אויסגעפלאַסטערט געוואָרן. ניט אַזוי גרינג איז עס, נאַטירלעך, אָב-

געקומען. אָבער אין 1924, איז ענדלעך די אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל — אונטערן נאָמען „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין" — אויפגעשטעלט געוואָרן *).

אוודאי האָט דערביי אַמשטאַרקסטן מיטגעהאָלפן דער נאָמען, וואָס די ארץ־ישראל'דיקע אידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך אין יענע יאָרן אָנגעהויבן מאַכן אין אַמעריקע. עס האָבן אָנגעהויבן קלערער ווערן די קאָנטורן פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער געביידע, וועלכע די אידישע אַרבעטערשאַפט פּלאַנט צו בויען אין ארץ ישראל. מצד דער פריערדיקער ניט־ציוניסטישער אַרבעטער־אינטעלי־גענץ זיינען דורך זייער אָנשליסן זיך אין געווערקשאַפטן קאַמפּיין געקומען צום אויסדרוק די טיפע סימפּאַטיעס, וואָס זיי האָבן אין זיך געטראָגן פאַר אַ שעפערי־שער סאָציאַליסטישער טאַט. אָבער דער פאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע טאַט ווערט דורכגעפירט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָט באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן צו פאַרשנעלערן זייער אנשלוס אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. ביי אייניקע פון זיי האָט זיך אָפּגערופן פון דאָס ניי די בענקשאַפט נאָך די פאַרזוכן, וואָס די אי־דישע „עם־עולם"־גרופּע (וועמענס גייסטיקע קינד'ער זיי זיינען מערסטנס געווען) האָט געמאַכט מיט צענדליקער יאָרן צוריק דאָ אין אַמעריקע דורכצופירן אַזאַ שעפערישע סאָציאַליסטישע טאַט. פּערזענלעך בין איך איבערצייגט, אַז דער ארץ־ישראל־מאָמענט האָט דאָ אויך געשפּילט אַ גאַר באַדייטנדיקע, פּאָזיטיווע ראָלע. זיינען דאָך די דאָזיקע אידישע אַרבעטער־אינטעליגענטן געווען קינדער פון דער אין־אידישקייט־פאַרוואָרצלטער מאַסע. קיינער פון זיי האָט נישט געקענט אין גאַנצן אויסוואָרצלען פון האַרץ זייער ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, וואָס איז אין זיי אַריינגעגאָסן געוואָרן דורך דורות. געווען אפשר שווער צו מאַכן די ערשטע שריט. דער פאַלשער וועג פון אַנטי־ציוניזם, אויף וועלכן דער אידישער סאָציאַ־ליזם איז אין די ערשטע יאָרן געפירט געוואָרן אין אַמעריקע, האָט אוודאי איבער־געלאָזן אַ רושם. האָט מען זיך אָבער איינמאָל דערפון באַפרייט, האָט מען זיך אַליין געוונען פילן פיל גרינגער אויף דער נשמה. און האָט מען דערשפּירט דעם וואַ־רעמען אָפּרוף אין די הערצער פון די פשוטע אידישע אַרבעטער־מאַסן, איז די אַרבעט פאַר ארץ־ישראל נאָך ליבער געוואָרן און דער אינטערעס נאָך טיפער. אין דעם איז טאַקע געלעגן די הויפּט־סיבה פון דעם דערפאָלג פון אונזער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ ישראל, ווייל זי האָט צוזאַמענגעבראַכט כוחות אַזעלכע, וועלכע זיינען אין זייער סאַמען מהות אייניק, בשעת די אַלגעמיינע אַגענץ האָט געזוכט איינציהאַלטן אין איין ראַם מענטשן, וועלכע זיינען אין זייער סאַמע מהות טאַקע נישט אייניק.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַליין האָט אין דעם געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין דערשפּירט דעם וויכטיקסטן קאַנאַל, דורך וועלכן די מיטהילף פאַר דער דירעקטער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל זאָל פון אַמעריקע פליסן. זי האָט דעריבער אַריינגעגעבן אין דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין איר גאַנצן אוצר פון נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. זי האָט אוודאי פיל מיטגעהאָלפן צו זיין פינאַנציעלן דערפאָלג. בעיקר אָבער האָט זי געהאָלפן אויסשמידן פון אים די וויכטיקסטע כלי, דורך וועלכער עס ווערט צו די אידישע פאָלקס־מאַסן שטענדיק

*) די פולע געשיכטע פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין וועט אַרויסגעבראַכט ווערן אין די קומענדיקע ביכער וואָס מיר גרייטן צו, וועגן דעם אַמעריקאַנער אידנטום אין צווייטן פערטל פון אונזער יאָר הונדערט.

סערווירט אויפקלערונג וועגן דער גרויסער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל. זי האָט אים געהאָלפן דערהויבן צו אַ קאַנאַל, דורך וועלכן עס שטראָמען די קדושה־אוצרות פון דער ארץ־ישראל׳דיקער בוי־אַרבעט צו די הערצער פון הונדערטער טויזנטער אידישע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן אין אַמעריקע.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אויך זייער אָפט צוזאַמענגעשטויסן מיט די אַנדערע ציוניסטישע ריכטונגען אין די אינערלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָנס ראַמען אין אַמעריקע. כמעט אַלע אַזעלכע צוזאַמענשטויסן זיינען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג באַנוצט געוואָרן אויף אָפּצוהיטן דעם געזונטן פאָלקס־כאַראַקטער פון ציוניזם.

דער שאַרפסטער צוזאַמענשטויס פאַרן פאָלקס־כאַראַקטער פון אַמעריקאַנער ציוניזם איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דעם דעמאָלסטיקן „פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט״, מיט לואיס בראַנדייס בראש.

ווי אַזוי דער פּראָוויזאָריש־ציוניסטישער קאָמיטעט איז געבוירן געוואָרן, האָבן מיר שוין אויבן דערציילט. כמעט דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט דער קאָמיטעט פונקציאָנירט אין זיין ערשטן צוזאַמענשטעל און „פּראָוויזאָריש״. אָנהויב זומער, 1917, כמעט באַלד נאָכן אריינטריט פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז די „פּראָוויזאָרישקייט״ קען ווערן זייער אַ פאַרלענגערטע; אַז מען דאַרף אויפשטעלן אַ געביידע וואָס זאָל זיין מער פּערמאַנענט. עס איז קלאָר געוואָרן אַז די ראָלע פון אַמעריקאַנער אידנטום וועט מוזן ווערן גאָר־גאָר באַדייטנדיק אין דער נאָך־מלחמה׳דיקער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט דעריבער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר זיין אייגענער רעאָרגאַניזאַציע. אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן איז צוליב דעם אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַלטימאָר דעם 28טן יוני, 1917.

שוין אין די צוגרייטונגען פון צוזאַמענפאָר האָט מען דערפילט די נייע ווינטן, וואָס האָבן גענומען בלאָזן אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן קעגן די באַזונדערע פּראָקציעס אין ציוניזם, קעגן די מזרחי און די פועלי־ציון. עס איז נישט נויטיק אריינצוגיין אין אַ דעטאַלירטער דערקלערונג פון וואַנען די דאָזיקע ווינטן האָבן זיך גענומען. עס וועט זיין גענוג אָנצוצייכענען די הויפּט־סיבות.

פאַר די קאָרגע דריי יאָר פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט האָט צווישן אונז מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן געהערשט אַ כמעט פּערמאַנענטע אָנגעצויגנקייט. הויפּט־זעכלעך איז עס אַרויסגעוואַקסן דורך דעם קאַמף אַרום דער קאָנגרעס באַוועגונג. מיר האָבן אין דעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן קאָנגרעס געזען, ווי אַפילו נאָך דעם פּאָזיטיוון באַשלוס פאַר אַ קאָנגרעס האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געהאַנדלט אַזוי, אַז מיר זיינען געצוואונגען געווען גאַנץ אָפט צו פירן אַ קאַמף קעגן זיי. אונזער כסדר׳דיקער דערפאָלג אין די דאָזיקע קאַמפן האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי די אָנפירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אַ ווידערווילן קעגן אונז. אונזער גרויסער דערפאָלג אין די וואַלן האָט דעם ווידערווילן פאַרשאַרפט. זיי האָבן דעריבער פּראָקלאַמירט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־געדאַנק, להיפוך צו אַלע באַשלוסן פון די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן, אַז ניט דער מזרחי און ניט די פועלי־ציון דאַרפן אָנערקענט ווערן ווי באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפטן, נאָר בלויז ווי פליגלען פון זייער גוף. אָט דעם „פּרינציפּ״ אונטער פאַרשיידענע לבושים,

האָבן זיי געזוכט דורכצופירן אין דער נייער רעאָרגאַניזאַציע פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט.

פּראַקטיש האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דעם, וואָס די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די פאַרטרעטערשאַפט־רעכט נישט פאַר דעם מזרחי, ניט פאַר די פּועלי ציון, אין די ענגערע אויספיר־קאָמיטעטן, וואָס די באַלטימאָרער קאָנפערענץ האָט געדאַרפט אויפשטעלן. זיי האָבן מסכים געווען אויף אַ פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט, וואָס קומט זיך צוזאַמען גאַנץ זעלטן. אין די עקזעקוטיוו־אָרגאַנען אָבער — בשום אופן נישט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מיר, צוזאַמען מיט דעם מזרחי, האָבן פאַרלאָזן די באַלטימאָרער קאָנפערענץ און דערקלערט, אַז דער פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט אויפגעהערט צו זיין די רעפּרעזענטאַנץ פון אַלע טיילן פון אַמעריקאַנער ציוניזם און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע אַליין.

אונזער קאַמף אויף דעם געביט איז באַדייטנדיק פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דעם, וואָס מיר האָבן שוין דאַן דערזען די געפאַר פון דער „שטילער, שווייגנדי־קער פירערשאַפט" אין אַמעריקאַנער ציוניזם. לואיס בראַנדייס איז שוין דאַן געווען ריכטער פון העכסטן געריכט פון לאַנד. עס וואָלט ניט געהאַט קיין טעם ווידער אַמאָל אָפּצופרישן די טענות, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט צו אים, פאַרוואָס ער האָט אָנגעטאָן זיך אַליין אַ שלאָס אויפן מויל. די פּערזענלעכקייט „בראַנדייס", ווי זי האָט זיך אויסגעווירקט אין אַלגעמיינע סאָציאַלע אַמעריקאַנער באַוועגונגען און ווי זי האָט זיך אויסגעווירקט אין אידישן סאָציאַלן לעבן, וועט נאָך אַמאָל דאַרפן קריגן איר געהעריקן אָפּשאַצער. מיר האָבן זיך אָבער שטאַרק דערשראָקן פאַר אַ צושטאַנד, ווען אַ פירער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווייגנדיקן „אורים ותומים", וואָס זיין פירערשאַפט האָט ניט מער קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די אידישע מאַסן, וואָס זיין וואָרט ווערט געבראַכט דורך זיינעם אַ שליח, און די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג מוז זיך פאַר דעם דאָזיקן מיסטישן וואָרט בויגן. עד היום איז מיר שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי די אַנדערע ציוניסטישע פירער האָבן אָנגענומען אַזאַ צושטאַנד. אויסדריקן אַ מיינונג קעגן דעם שטומען אורים ותומים איז געווען כמעט הויך־פאַרראַט. ערשט יאָרן שפּעטער האָט זיך די אַלגעמיינ־ציוניסטישע באַוועגונג אַרומגעזען און אָנגעהויבן קעגן דעם צושטאַנד אַ קאַמף, וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג אין 1921. אונזער „זינד" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט אַזאַ צושטאַנד, גלייך ווי מיר האָבן עס באַמערקט. פאַר אונז איז אויך צוליב אָט דעם צושטאַנד געוואָרן אומ־מעגלעך צו נעמען אויף זיך מיט־אחריות אין דער ציוניסטישער אַרבעט, אויב מיר זאָלן ניט האָבן קיין פאַרטרעטער אין אַלע קאָמיטעטן, בעיקר אין די אויס־פיר־קאָמיטעטן פון דעם אַמעריקאַנער ציוניזם. מיר האָבן דעריבער בשום אופן נישט געטאָרט און ניט געקענט מוותר זיין אויף אונזערע פאָדערונגען.

אונזערע חברים איבערן לאַנד האָבן אויפגענומען דעם רוף. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אָבער אויך ניט געשוויגן. פון זייער צד האָבן זיך דערהערט שטי־מען, אַז מען דאַרף די פּועלי ציון בכלל אויסשליסן פון ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. די דאָזיקע שאַרפע פּאָלעמיק האָט זיך געצויגן דעם גאַנצן זומער פון 1917. זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן ערשט אָנהויב ווינטער צוליב דער באַלפור־

דעקלאַראַציע, וואָס איז דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די הויפט־אויפמערקזאַמקייט איז דאַן, נאַטירלעך, קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום די נייע האָפענונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן און אַרום די צוגרייטונגען צו די נייע מעגלעכקייטן וואָס האָבן זיך געעפנט.

די נייע שטימונג, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג גאַנץ צו מאַכן דעם אינערן ריס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פשוט׳ע מאַסן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך ניט איבערגעשראָקן פאַרן טיטל „הייפענייטעד זייאָניסטס״, מיט וועלכן מען האָט אונז דאַן באַצייכנט (ווער עס געדענקט דעם דעמאַגאָגישן קאַמף, וואָס טעאָדאָר רוזוועלט האָט דאַן געפירט קעגן די „הייפענייטעד אַמעריקענס״, וועט תיכף דערשמעקן דעם ריח ניחוח, וואָס האָט זיך פון אַזאַ עפּיטעט געטראָגן) און האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויף די פירער אונז צוריק איינצולאַדן. זיי האָבן אונז פאָרגעלייגט פשרות, וועלכע מיר האָבן ניט אָנגענומען, אפילו דאַן ווען דער מזרחי האָט זיי יאָ אָנגענומען. אונזער טענה איז געווען און געבליבן: מיר קענען פאַרהאַנדלען נאָר אויפן באַזיס פונם אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט פונם ציוניסטישן וועלט קאָנגרעס, וואָס האָט אונז אָנערקענט אַלס זעלבסטשטענדיקע פראַקציע אין ציוניזם. קיין טובות ווילן מיר נישט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן דעם שטאַנדפּונקט ניט אָנגענומען, און מיר זיינען צום פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט שוין נישט געגאַנגען. מיר זיינען געגאַנגען אונזער אייגענעם וועג. מיר האָבן פון דרויסן־אויס געזוכט צו ווירקן, אַז אין אַמעריקאַנער ציוניזם זאָלן אריינגעבראַכט ווערן די נייטיקע שינויים. מיר האָבן אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע מיטגעהאָלפן דעם פאַרזוך, וואָס חיים וויצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, שמריה לעווין און מ. אוסישקין האָבן געמאַכט אין 1921 אומצוקערן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם זיין פאָלקס־כאַראַקטער. טיילווייז איז עס געלונגען. דער ציוניזם האָט זיך צעוואַקסן. ער האָט אין צווייטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דערפירן צו דער אויפשטעלונג פון דער מדינה און אין דער זאָרג פאַר דער נייער מדינה׳ס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטאַביליטעט. אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן אין דעם גענומען אַן אנטייל. אָבער דאָס געהערט צו דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד, וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אין אונזערע ווייטערדיקע געשיכטע־ביכער. אַזוי וועט אויך דאַרפן פאַרצייכנט ווערן דער געראַנגל פאַר דער אויפשטעלונג פון אַן אמת־איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס איז נאָך עד היום ניט פאַרפאָלקאָמט, כאָטש וויכטיקע שריט אין דער ריכטונג זיינען שוין געמאַכט געוואָרן. דער געדאַנק אַז דער ציוניזם איז אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַז אַלע שיכטן פון פאָלק מוזן געפינען פּלאַץ אין אַן אַל־ציוניסטישער ראָם; אַז נאָר דאַן וועט דער אָרגאַניזירטער ציוניזם זיין אַ בר־קיימא, און נאָר דאַן וועט דער אַמעריקאַנער ציוניזםווירקלעך זיין אַ פאָלקס־ציוניזם, — דער דאָזיקער געדאַנק וועט סוף־סוף רעאַליזירט ווערן אין אַמעריקאַנער ציוניזם.

די עטלעכע געבראַכטע פאַקטן באַווייזן, דאַכט זיך, אויסער יעדן ספק, אַז די ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַנער ציוניזם איז שטענדיק געווען אַ צווייפאַכע: מאַכן דעם ציוניזם פאַר אַן אַמת׳ער פאָלקס־באַוועגונג און שטויסן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם אויפן וועג צו דער שפּעטערישער ציוניסטישער טאַט.

## יג. ליטעראַטור און פרעסע

אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט האָט זיך אין אַמעריקע שטאַרק צע־בליט די אידישע ליטעראַטור און פרעסע. אויך זי איז געווען אַ המשך פון די כוחות וואָס האָבן אויף דעם געביט זיך פשוט ווי אַרויסגעריסן צווישן די אידישע מאַסן אין מזרח און דרום־אייראָפּע. אין אַמעריקע האָבן גלייכ־צייטיק גענומען וואַקסן סיי גאָר באַדייטנדיקע ליטעראַריש־שעפערישע פּערזענ־לעכקייטן, סיי שונדיסטישע צושטעלער פון לייען־מאַטעריאַל פאַר די דאָן אין סוועט־שאַפּ און אין אָרעמער פּעדלעריי אַריינגעשטויסענע אידישע מאַסן. פאַר דעם פאָרשער און היסטאָריקער ליגן דאָ צוגעגרייט שטחים, וואָס ווערן קענען זייער פיל באַלייכטונג אַריינטראָגן אין אָט־די אויבנאויף אויסזעענדיקע ווידערשפּרוכן. אין אמת׳ן זיינען עס גאָר קיין ווידערשפּרוכן ניט געווען. אין דער זעלביקער מאָסע האָבן געציטערט תשוקות צו געניסן פון אמת׳ער אידישער קונסט, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן אויספאָרמירן אין אייראָפּע און אויך די בויטוועלדיקייט און דעם ווילן צו קענען אין „גרינגער״ ליטעראַטור געפינען אַן אָפּרו פון דער זייער שווערער פיזישער אָנשטרענגונג פאַר חיונה. די אידישע פרעסע פון יענער צייט האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו אָט די צווייפאַכע גלוסטונגען פון אירע לייענער און האָט זיי געגעבן פון ביידע. נישט מער — דעם הויפּט געוויכט האָט זי געלייגט אויף דער „גרינגער״ ליטעראַטור.

אין דעם ערשטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט איז די העברעאישע פּרעסע אין אַמעריקע געווען כמעט אַן אומבאַמערקבאַרע. געווען העברעאיש־רײדנדיקע אָרגאַניזאַציעס; געווען אויך איינצלנע משפחות וואו העברעאיש איז געווען די היים־שפּראַך. דאָ און דאָרט זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן קלענערע אָדער גרע־סערע העפטן אין העברעאיש. ווי אַ ווירקנדיקער קולטור־פאַקטאָר אויף באַדייטנ־דיקע אידישע מאַסן האָט העברעאיש — שפּראַך און פרעסע צוזאַמען — ערשט זיך אַנטוויקלט אין צווייטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט.

די ווירקונג פון דער פרעסע אין אידיש איז אָבער געווען אַ קאָלאָסאַלע. אין ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט האָט כמעט דער גאַנצער דאַמאָלטיקער אידישער דור געצויגן זיין גייסטיקע חיונה פון דער פרעסע אין אידיש. פאַר יענער צייט זיינען געווען — אויסער דער טאָג־פרעסע, וואָס האָט געלייגט הויפּט־געוויכט אויף דער גרינגער ליטעראַטור, און האָט בלויז פון־צייט־צו־צייט אויך פאַרעפנטלעכט אמת׳ע ליטעראַרישע אַרבעטן — דריי צייטשריפטן וואָס האָבן הויפּטזעכלעך אויסגעאיבט אַ קולטור־איינפלוס אויפן אינטעליגענטערן לייענער. דאָס זיינען געווען — אין כראָנאָלאָגישן סדר — די „פרייע אַרבעטער שטימע״, די „צוקונפט״ און אונזער אייגענער „אידישער קעמפער״.

די וויכטיקסטע אידיש־קינסטלער פון אייראָפּע האָבן אין אָט די זשורנאַלן גע־פונען זייערע ליטעראַרישע בינעס. אַלע אידיש־שרייבער, וואָס זיינען אויסגע־וואַקסן אין אַמעריקע, האָבן זייערע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען פאַר־עפנטלעכט אין איינע פון אָט די זשורנאַלן.

עס זיינען פון צייט־צו־צייט דערשינען אויך ספּעציעלע ליטעראַרישע אויס־גאַבן פון פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן. אויך אונזער באַוועגונג האָט אין פאַר־

שיידענע צייטן אַרויסגעגעבן זשורנאַלעכלעך, אָדער אפילו זשורנאַלן. מיר האָבן אַזוי פּרי ווי אין 1904 אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַלעכל מיטן נאָמען „די נייע שטימע". עס האָט דערלעבט בלויז 4 נומערן. אונזער הויפּט־איינפלוס אויף דעם שטח האָבן מיר אויסגעאיבט דורך דעם „אידישן קעמפּער".

אַ גאַנצע גאַלעריע פון רעדאַקטאָרן זיינען דורכגעגאַנגען אין „קעמפער" אין דעם ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט. דער ערשטער איז געווען קלמן מרמר. נאָך אים איז געקומען יצחק זאַר. דאַן האָט דעם רעדאַקטאָר שטול פאַרנומען ד"ר א. ש. וואַלדשטיין. יואל ענטין האָט אויך אַ לאַנגע צייט פאַרנומען דעם רע־דאַקטאָר־שטול. עס זיינען אויך געווען אַנדערע. איך קען אָבער זאָגן אַז די „קעמפער"־רעדאַקציע איז כמעט אַלעמאָל געווען אַ קאָלעקטיווע. שטענדיק האָט אַ קאָמיטעט פון צענטראַל־קאָמיטעט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויפן אינהאַלט פון דעם וואָכנבלאַט. דעריבער דאַרף מען צושרייבן דעם כאַראַקטער און די פאַרדינסטן פון „קעמפער" נישט בלויז צו די רעדאַקטאָרן, נאָר הויפּטזעכלעך צו דער באַוועגונג.

וואָלטן מיר זיך באַשעפטיקט מיט געשיכטלעכע פאַקטן און מיט פעסטשטעלן היסטאָרישע פאַרדינסטן פון יחידים, וואָלט מען געדאַרפט אויסרעכענען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון שריפטשטעלער אין אַמעריקע, אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן דערהויבן דעם ניוואָ פון „קעמפער" ביז צו דער וויכטיקסטער וואָכנ־שריפט אין דער אידישער שפּראַך אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דאָס איז דער „קעמפער" געווען אַפילו אידער דער פאַרשטאָרבענער חיים גרינבערג האָט איבערגענומען זיין רעדאַקציע. די איינפלוסן פונם „קעמפער" אין צווייטן פערטל יאָרהונדערט קען מען בשום אופן ניט אָפּטיילן פון חיים גרינבערג און שלמה גראָדזענסקי. אָבער דער „קעמפער" פון ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט האָט שוין אויך געהאַט צו פאַרצייכענען גאָר באַדייטנדיקע השפעות אויפן שטח פון ליטעראַטור און פּרעסע פון יענעם צייט אָפּשניט. און געווירקט האָט ער סיי מיט זיין ליטעראַרישער פאָרם, סיי מיט דעם ערנסטן צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען וואָס ער האָט פאַרהאַנדלט.

און פּראָבלעמען און קאַמפן האָט דער „קעמפער" געדאַרפט פירן זייער שווערע. היינט זיינען כמעט אַלע דאַמאָלטיקע איינשטעלונגען פון „קעמפער" גע־וואָרן דער קנין פון כמעט אַלע טראַכטנדיקע אידן אין אַמעריקע. אָבער פאַר יעדן אַזאַ געדאַנק האָט מען געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף. מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען אָנגעוויזן אויף די גערענגלען פון דער באַוועגונג אויף פאַרשיידענע געביטן. גענוג בלויז צוצוגעבן, אַז דער „קעמפער" איז געווען דער וויכטיקסטער אויסדרוק פון דער באַוועגונג אין יענער צייט, אויף אַלע געביטן פון אונזערע דאַמאָלטיקע ראַנגלענישן און אַקטיוויטעטן.

ווי האָט אויסגעזען די וועלט אין יענער צייט און ווי האָט אויסגעזען דאָס אידישע פאָלק? איך מוז מודה זיין אַז „וועלט" פאַר אונז האָט דאַן געמיינט מער אייראָפּע ווי דער גאַנצער אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דאָרטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט די דראַמאַטישסטע געשעענישן פון דער מענטשהייט און דאָרטן האָט געלעבט דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק. און שוין דאַן האָבן דעם צענטראַלן פּונקט פון אייראָפּע — דאָס הייסט די „וועלט" — פאַרנומען: רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

זייער וויניק האָבן דאַן אין דעם ווילהעלמישן דייטשלאַנד דערשפירט די היטלעריסטישע זריעה. נאָך וויניקער האָבן אין צאַרישן רוסלאַנד געקענט דער־שפירן די קערנער פון סטאַליניזם. די מענטשהייט האָט אָנגענומען ווילהעלם׳ען ווי דעם פּערזאָניפיצירער פון אַ פאַרשווינדנדיקער עפּאָכע אין דייטשלאַנד. זי האָט געמיינט אַז אַט־אַט און אַ נייע דייטשלאַנד שטייט אויף, פריי פון יונקעריזם. סאָציאַליסטן זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער: זיי האָבן געזען די קומענדיקע דייטש־לאַנד ווי די אָנפירערין — דורך איר מעכטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — פון דער גרויסער פרידלעכער רעוואָלוציע אויפן עקאָנאָמישן שטח און דורכדעם ווי די באַפרייערין פון דער מענטשהייט פון דער פּלאָג פון ווירטשאַפטלעכער אומ־גלייכקייט. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט די מענטשהייט געזען אַן אַנאַכראָניזם, אַ פאַרעלטערטע איבערבלייבעכץ פון אַ פּאָליטישער זעלבסטהערשאַפט, וואָס איין גוטער, שטאַרקער ווינט וועט זי אומשליידערן.

דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, האָט די מענטשהייט טאַקע אָנגענומען ווי אַט יענעם ווינט, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צום צאַריזם. און ווען אפילו די אינער־רוסלענדישע געשעענישן נאָך דער רוסיש־יאַ־פּאַנישער מלחמה האָבן זיך אַנטוויקלט נישט ווי אַ טייל פון דער האָפנדיקער מענטשהייט האָט פאַראויסגעזען, האָבן אָבער די מערסטע געגלויבט, אַז קומען צוריק צו זיינע כוחות וועט דער צאַריזם שוין נישט קענען; די אינעווייניקסטע רעוואָלוציאָנערע כוחות וועלן עס נישט דערלאָזן. אַזוי איז עס טאַקע געווען: ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אָנגעהאַלטן דער אינע־ווייניקסטער פּאָליטישער זיג־זאַג אין רוסלאַנד צווישן צאַריזם און דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג; אַט קריגן די רעוואָלוציאָנערע כוחות די אויבער־האַנט און אַט הויבט זיך אויף צוריק דער צאַריזם. די פעסטקייט פון דעם הונ־דערטער יאָרן פאַרוואָרצלטן צאַריזם איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן און די האָפנונג איז געווען גרויס, אַז אַט־אַט, און אויך רוסלאַנד וועט אַרויסטרעטן אויף דער אַרענע פון פּאָליטישער פרייהייט.

ווען מען גיט נאָך צו דערצו דעם אויפשטייג פון קונסט און ליטעראַטור אין אַט די ביידע לענדער אויף וועלכע די גאַנצע וועלט האָט געלייגט אירע האָפע־נונגען, ווערט קלאָר פאַרוואָס דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט האָט גע־מיינט, אַז ער שטייט פאַר דער שוועל פון יענער טיר, וואָס פירט צו דער מענטש־לעכער גאולה, צו אמת׳ער פרייהייט, צו אויפריכטיקער ברידערלעכקייט, צו אַ גוט פּלאַנירטער גלייכהייט צווישן פעלקער און מענטשן און די גאַנצע וועלט וועט נאָך דערצו אָנגעפילט ווערן מיט צדק און יושר און מיט וויסנשאַפט כמים לים מכסים.

אויף אַט דער סאָציאַלער, פּאָליטישער און גייסטיקער קאַנווע האָט די מענטשהייט אויסגעהעפט איר לעבן אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט. מיט אַט די האָפענונגען אין האַרצן איז זי דורכגעגאַנגען אפילו די ערשטע וועלט־מלחמה. אירע דערוואַרטונגען זיינען נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן תיכף נאָכן ערשטן וועלט־קריג. אין דייטשלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט די ווייִמאַרער רעפּובליק מיט אַ סאָציאַליסטישן פּרעזידענט. אין רוסלאַנד האָט איבערגענומען די מאַכט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט גרויס אידעאַליזם און הומאַניזם. אמת — ביידע נייע פּאָליטיש־אויפגעקומענע כחות

האָבן נישט געהאַט קיין אַריכת ימים. די מענטשהייט האָט אָבער געטראַכט אַז דאָס זיינען צייטווייליקע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאָנוואולסיעס, וואָס צוויי פאַקטאָרן האָבן גורם געווען: דער פאַרלוסט פון מיליאָנען לעבנס אין ערשטן וועלט־קריג און די עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

יאָרן נאָכאַנאַנד האָט די מענטשהייט זיך געקלאָמערט אין דער האָפנונג. ערשט אין צווייטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט האָט אין דייטשלאַנד זיך פּלוצים דערהערט די ווילדע שטימע פון היטלערן און אין רוסלאַנד — דורך אַ מער־לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג — האָט געגנומען בולט ווערן די ווילדקייט פונם סטאַ־ליניזם. ערשט דאַן איז פאַר דער פרייער מענטשהייט קלאָר געוואָרן וואוהין די בײדע לענדער גייען. ערשט דאַן האָט אַ חושך זיך פאַרצויגן איבער דער וועלט. ערשט דאַן האָט די עפּאָכע פון לפי ערך׳דיקער רואיקייט זיך פאַרענדיקט.

ביז אָבער די סימנים זיינען בולט געוואָרן, אין דער צייט פון ערשטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט, האָבן טראַכטנדיקע קעפּ פון אידישן פאָלק פּונקט אַזוי געחלומט סיי וועגן דער מענטשהייט, סיי וועגן זיך אַליין, ווי בעלי־מחות ביי די אַנדערע פעלקער, אפשר נאָך מיט אַ נופך משלהם, ווי עס איז דער שטייגער פון אידישן געמיט, וואָס זאַפּט אין זיך אַריין נאָך טיפער ווי אַנדערע פאָלקס־נשמות די שטראַלן פון גאולה־האָפענונגען וויבאַלד נאָר זיי באַווייזן זיך. דורך וואַלטער ראַטענאַו האָט אין דייטשלאַנד גערעדט דאָס היסטאָרישע אידנטום, צי ער האָט עס אַליין געוואוסט אָדער ניט. אַזוי האָט דורך אַ גאַנצער פלעיאַדע פון אידישע פירער פון די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן גערעדט דאָס היסטאָרישע אידנ־טום אין רוסלאַנד. ביידע האָבן געגלויבט אין דער נייער עפּאָכע וואָס עפנט זיך פאַר דער מענטשהייט, און ביידע זיינען געפאַלן די ערשטע קרבנות פון דעם אויפשטייג פון די נייע פינסטערע כחות אין די דאָזיקע לענדער. אָבער יאָרן נאָכאַנאַנד איז דאָס וואָס זיי האָבן רעפּרעזענטירט געווען דער טיפּטסער באַגער פון אידישע הערצער אומעטום. אפילו צווישן ציוניסטן איז צווייטווייליק אָפּגע־שוואַכט געוואָרן זייער באַזונדערער אידיש־געשיכטלעכער בליק און אַ סך פון זיי האָבן זיך געלאָזן וואוילגיין מיט דעם האָפענונג־שטראָם פון דער מענטש־הייט. אַ סך זיינען אַזוי פאַרשלעפּט געוואָרן פונם שטראָם, אַז זיי האָבן פריער פאַרגעסן זייער ציוניזם און דערנאָך האָט זיי די דאָזיקע שיכרות אינגאַנצן אָפּ־געריסן פון אידישן פאָלק. אידן מיט שאַרפערע חושים האָבן געוואָרנט קעגן דעם, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. אידן זיינען אין יענעם צייט־אָפּשניט מיטגעגאַנגען מיט דער נישט־אידישער וועלט. זיי האָבן געטיילט דער וועלט׳ס לפי־ערך׳דיקע רואיקייט. אַ סך האָבן דעם דאָזיקן באַרואיקונג־ווײַן געטרונקען מיטן פולן מויל. אַזוי אנגעגנעם איז געווען די האָפענונג.

עס זיינען אוודאי געווען אידישע פּראָבלעמען אויך אין יענעם צייט־אָפּ־שניט. עס איז, ערשטנס, געווען אַ פּראָבלעם פון מאַטעריעלער הילף און רעקאָנ־סטרוקציע. אידישע מאַסן זיינען, שוין דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויס־געוואָרצלט געוואָרן ווירטשאַפטלעך. האָט מען געדאַרפט העלפן צוריק אויפבויען עקזיסטענצן. איך האָב שוין אויבן דערציילט ווי אַזוי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז אין יענער צייט אויפגעטראָטן אויף דער אידישער וועלט־סצענע מיט גרויס־צוגיקע פאַרמעסטונגען, וואָס איז געווען זיין ערשטער שריט איבערצונעמען אויף זיך גרויסע אחריות פאַרן גורל פון גאַנצן אידישן פאָלק; איך האָב אויך דער־

ציילט ווי אַזוי עס איז אין יענער צייט אויסגעפּאַכטן געוואָרן דער קאַמף אַרום דער אידישער קאַנגרעס באַוועגונג אין אַמעריקע. עס זיינען געווען אויך פּאָליטישע געראַנגלען. ווי אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אַנטשטאַנען נייע מדינות. אַ טייל זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן. איבערהויפּט איז עס געשען אין מזרח־איראָפּע, וואו גרויסע מאַסן אידן האָבן געלעבט. איז אינאיינעם מיט אַנדערע גוטע האָפענונגען אויפגעקומען די האָפנונג אויף נאַציאָנאַלע רעכט פאַר מינדערהייטן דורך וועלכע אויך די אידישע מאַסן וועלן קענען פאַנאַנדערוויקלען זייערע היסטאָרישע יצירה־כחות. די דאָזיקע און אַנדערע פּראָבלעמען זיינען אוודאי געווען. זיי האָבן אַרויסגערופן אינטערעס און אַקטיווי־טעט. דאָס אַלץ איז אָבער באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ פּאַליאַטיוו, ווייל כמעט אַלע זיינען געווען זיכער אַז דערביי וועט זיך עס ניט אָפּשטעלן.

אַט־אַט, און דער גייסט פון דער נייער צייט וועט ווייזן וואָס ער ברענגט מיט זיך; אַט־אַט, און אין מזרח־ און צענטראַל־איראָפּע, וואו דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק האָט דאַן געלעבט, וועט אויפשטייגן אַ געזונט, עקאָנאָמיש באַפעסטיקט אידנטום, פריי אין גייסט ממשיך צו זיין זיין לעבן ווי אידן אַליין ווינטשן זיך. אַ סוף וועט נעמען צו דער שטענדיקער אויסזונדערונג לרעה פון אָט דעם אַלטן פאָלק, וואָס איז שטענדיק געווען דער שעיר לעזאזל פון יעדער צרה וואָס איז באַפאַלן מענטשן, אויב נאָר די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אידישע שכנים. און ווי קען עס גאָר אַנדערש זיין, ווען דער גייסט פון פרייהייט וועט אָנהויבן הערשן? אוודאי וועט פאַרזיכערט ווערן די אָנערקענונג פון גלייכע רעכט פאַר פאָלק, פאַר גרופּע, פאַר דעם מענטש. די בעסטע אידן האָבן סומך געווען זייערע האָפענונגען אויף אָט דעם גלויבן. אונזער פּרעסע, וועלכע איז באַאיינפלוסט געוואָרן פונם רוח הזמן, האָט דאָך געוואָרנט קעגן איבערגעטריבענע אילוזיעס.

אין אָט דער לפי־ערך׳דיק רואיקער צייט האָט דער „קעמפער" געדאַרפט אויך פאַרטזעצן דעם אינער־אידישן געראַנגל. אין אַמעריקאַנער אידנטום האָבן געמוזט איבערגעבראָכן ווערן אַ טייל געוואוינהייטן און פאַלש פאַרשטאַנענע טעאָריעס. עס האָט געמוזט באַקעמפט ווערן די גלייכגילטיקייט צום אידישן פאַלקס המשך וואָס האָט אין דעם נייגעקומענעם אידן זיך גענומען איינוואָרצלען. איז אַרום דעם געפירט געוואָרן אַן אינערלעכער קאַמף. פאַר דעם קאַמף האָט מען געמוזט פאַרמאָגן גלויבן אין דער אייגענער אידייע און כוח אויסצושטיין אַנטקעגן אָנגענומענע „אמת׳ן" וואָס זיינען כמעט צוויי צענדליק יאָר פריער געפּרייטיקט געוואָרן צווישן די אידישע נייע אימיגראַנטן.

דאָס האָט די ערשטע גרופּע וואָס האָט געגרינדעט דעם „קעמפער" פאַרמאָגט אין אַ גאָר באַדייטנדיקער מאָס. אוודאי האָט זי שטאַרק אינטערעסירט אויך די וועלט־פּראָבלעמען פון יענער צייט. עס איז אָבער גענוג דורכצובלעטערן דעם „קעמפער" פון יענע יאָרן, כדי צו זען, אַז דער עיקר איז דאַן געווען דער קאַמף פאַר עטלעכע פשוטע געדאַנקען, וואָס דאַן זיינען זיי גאָר נישט געווען אַזוי פשוט. זיי זיינען: אידן זיינען אַ פאָלק; אַ אידישער אַרבעטער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אידישן פאָלק; אַ פאָלק, כדי צו לעבן נאָרמאַל, מוז פאַרמאָגן אַן אייגן לאַנד; דאָס אייגענע לאַנד איז די אַלט־נייע ארץ־ישראל; סאָציאַליזם איז ניט קעגן דער עקזיסטענץ פון באַזונדערע פעלקער; אידישע קינדער מוזן לערנען

אידישע שפּראַכן, העברעאיש און אידיש; אידישע געשיכטע פאַר אידן איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די געשיכטע פון יעדן אַנדער פאָלק פאַר זיינע קינדער; אַסימילאַציע איז אַ חרפּה און טראָגט אין זיך טויט פאַרן אידישן קיום; ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס באַוועגונג, וואָס איז פּונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. דאָס זיינען געווען די הויפּט־געדאַנקען וואָס דער „קעמפער" האָט געדאַרפט אי מסביר זיין אי פאַרטיידיקן אין דעם ערשטן צייט־אָפּשניט פון זיין עקזיסטענץ.

נאַטירלעך האָט זיך אויך אין „אידישן קעמפער" אָפּגעשפּיגלט די האָפע־נונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, און פון אידישן פאָלק בתוכם, אַז מיר גייען מיט פעסטע שריט צו דער אַלמענטשלעכער און אידישער גאולה. ביז די ביטע־רע לאַגע האָט אָנגעהויבן ווערן בולט'ער. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך סוף־סוף פאַרנומען אויף דעם וועג פון דיקטאַטור. קליינע פעלקערשאַפטן האָט זי תיכף דערשטיקט. אויף דער זעלבסטשטענדיקייט פון גרעסערע מדינות האָט זי זיך אויך פאַרמאָסטן, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו וועלט־הערשאַפט. פון דעם אופן ווי זי האָט באַהאַנדלט די פאַרכאַפּטע פעלקער איז קלאָר געוואָרן וואָס פאַר אַ סכנה פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט די רוסישע דיקטאַטור טראָגט אין זיך. איז געווען נויטיק צו וואָרנען דער פרייער מענטשהייט אַנטקעגן דער דאָזיקער געפאַר.

פון אידישן שטאַנדפּונקט איז די געפאַר געוואָרן נאָך גרעסער. אונטער דער נייער דיקטאַטור האָבן זיך באַלד געפונען די מיליאָנען אידן פון רוסלאַנד, פון דער אוקראַאינע און פון ווייס־רוסלאַנד. די דיקטאַטור האָט זיי אומברחמנות'דיק געזוכט צוצופּאַסן צום נייעם עקאָנאָמישן רעזשים. די עקאָנאָמישע יסודות אויף וועלכע דאָס דאָרטיקע אידישע לעבן האָט זיך באַזירט האָבן געמוזט ליקווידירט ווערן. די גרויסע אידישע מאַסן זיינען אַריינגעשטויסן געוואָרן אין אַ שפּאָגל נייעם קלאַס, אין אַ קלאַס פון „לישענצעס". אינם פּראָצעס פון אַריבערפירן זיי צום נייעם עקאָנאָמישן רעזשים, זיינען געפאַלן הונדערטער טויזנטער אידישע קרבנות.

אַז אידן וועלען אַמאָל דאַרפן דורכגיין אַ שווערן פּראָצעס פון עקאָנאָמישן איבערבוי האָבן אַלע סאָציאַליסטן פאָראויסגעזען און פאָראויסגעזאָגט. אָבער אַז דער פּראָצעס זאָל אָננעמען די פאָרמע פון אַזאַ פּלוצים'דיקן איבערברוך — דאָס האָט בלויז די נייע דיקטאַטור גוזר געווען. האָט מען פאַר זיך דערזען אַ גרויס געפאַר אַז מיליאָנען אידן זאָלן אַריינפאַלן אין אַ סאָציאַלן שמעלצאויוון, אין וועלכן אַ סך מער ווערן פאַרברענט ווי איבערגעשמידט . . . איז אַ זאָרג באַפאַלן וועגן זייער גורל.

אַלע טראַכטנדיקע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן אַנטוויקלען אין רוסלאַנד זיינען ניט בלויז אינעווייניקסטע רוסישע אַנ־געלעגנהייטן; אַז סוף־סוף וועלן די גרענעצן אויסגיין צום קאָפּ פון דער גאַנ־צער מענטשהייט. יעדער טראַכטנדיקער איד האָט נאָך דערצו דערשפּירט, אַז ערגעצוואו וועט דער רוסישער איד אַריינגעכאַפּט ווערן אין אָט די קאָנוואול־סיעס און קען נאָך חלילה צוריבן ווערן אויף שטויב.

צו אָט די אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פאַר איד און מענטש אין איין וועלט־ווינקל, האָט דער „קעמפער" געמוזט נעמען שטעלונג. ווייל אַלץ

וואָס רירט אָן מענטש איז זיין ענין און אוודאי איז אַלץ וואָס רירט אָן איד זיין ענין. דערצו האָט דער סאָציאַליסטישער אַספּעקט אויך געפאָדערט אויפמערק־זאַמקייט.

וואָרים דורך רוסלאַנד איז געשטעלט געוואָרן צו אַ נסיון די מעגלעכקייט און ראַטזאַמקייט פון אַ סאָציאַליסטישער קאָלעקטיווערווירטשאַפט. צוויי עקסטרע־מען האָבן זיך דעם ענין גרינג געמאַכט. איינער האָט געזאָגט אַז בלויז אַזוי קען געבויט ווערן סאָציאַליזם, דעריבער מוז מען אָננעמען אויך אַלע אומאַנגענעמע ביי־פּראָדוקטן וואָס שאַפן זיך אין פּראָצעס; דער צווייטער האָט געזאָגט: דער סאָציאַליזם קען אַנדערש נישט געבויט ווערן, דעריבער מוז מען זיך אָפּזאָגן פון עצם סאָציאַליזם. דער „קעמפער", וואָס האָט אויסגעדריקט די איינשטעלונג פון אונזער באַוועגונג, האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט אָנגענומען קיינע פון אָט די עקסטרעמען. האָט ער געמוזט זיך פאַרטיפן אין דעם אמת'ן זין פון פרייען סאָציאַליזם, וואָס נאָר ער קען ראַטעווען די מענטשהייט פון דיקטאַ־טור.

און דער „קעמפער" האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן. ער האָט זיין אייגענעם טאָן אַריינגעבראַכט אויך אין אָט די שווערע פּראָבלעמען. ער איז געגאַנגען אויף זיין אָנגעצייכנטן וועג אַריינצוטראָגן קלאָרקייט, און דערהויפּט פּריש־קייט, צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן.

ווי אַ באַזונדער קאַפּיטל דאַרף אָנגעוויזן ווערן אויף דער האַלטונג פון „קעמפער" תיכף נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. געהאָלפן האָט אונזער באַ־וועגונג, און דורכדעם אויך דעם „קעמפער", דער פאַקט וואָס דאַן האָבן זיך גע־פונען אין אַמעריקע די חברים בן־צבי און בן־גוריון. זיי האָבן אונז געהאָלפן זיך פאַרנאַנדערקלייבן אין אָט דער היסטאָרישער פּאַסירונג. דער „קעמפער" האָט אוודאי זיך מיטגעפרייט מיטן גאַנצן אידישן פאָלק מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע. ער איז אָבער נישט אַריינגעפאַלן אין יענער עקסטרעמער התפּעלות פון אַ טייל אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס האָבן געמיינט דאַן, אַז די גאולה איז שוין געקו־מען. דעריבער איז אונזער באַוועגונג נישט אַזוי שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, ווען די מאַנדאַט מאַכט, האָט כמעט תיכף נאָך דער דעקלאַראַציע איינגעשטעלט אַ געענדערטע און נעגאַטיווע באַציאונג צו איר אייגענעם דאָקומענט. אין דעם פאַל, פּונקט ווי אין ענלעכע קאַפּיטלעך פון דער ציוניסטישער געשיכטע, האָט אונזער באַוועגונג און אונזער פּרעסע זיך נישט געלאָזן פאַרצווייפלען פון נעגאַ־טיווע דערשיינונגען און איז ניט פאַרקראָכן אין עקסטרעמע התפּעלות פון פּאָזי־טיווע דערשיינונגען. אַלעמאָל האָבן מיר פאַר אונז געהאַט אונזער אָנגעשריבענע לאָזונג: אם אין אני לי, מי לי? דעריבער האָבן מיר זיך אַלעמאָל פאַרלאָזן נאָר אויף אונזערע אייגענע כוחות.

דערפון האָט זיך גענומען אונזער אַקטיווע באַטייליקונג אין דעם אידישן לעגיאָן אין די יאָרן 1918־20. דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר שוין איינמאָל דערמאָנט. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אַז לענגער וועט וועגן דעם שרייבן חבר דוד בן־גוריון, פאַר די ווייטערדיקע געשיכטע ביכער וואָס מיר גרייטן צו אַרויס־צוגעבן.

אין ערשטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט האָבן מיר אויפן געביט פון ליטעראַטור און פּרעסע געמאַכט אונזער גרעסטע אָנשטרענגונג: מיר האָבן

אַרויסגעגעבן אונזער טאָגבלאַט „די צייט". זי האָט עקזיסטירט אַרום 20 חדשים. די שוועריקייטן וואָס מיר האָבן געהאַט אין גרייטן זיך צום טאָג־בלאַט און די נאָך גרעסערע יסורים, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט ביים שליסן איר, געהערט ניט צו מיין אַרבעט. אין איר גייסטיקן אינהאַלט איז „די צייט" געווען אַ המשך פון „אידישן קעמפער". און אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די איינפלוסן פון „קעמפער", קען געזאָגט ווערן וועגן „די צייט". די איינפלוסן זיינען נאָר געווען, אַזוי לאַנג ווי זי האָט עקזיסטירט — באנפין רברבין.

## יד. שלוס־וואָרט

איך ווייס, אַז איך האָב ניט אויסגעשעפּט אין פולן די טעמע וועלכע איך האָב זיך געשטעלט. איך וויל צום סוף קלאָר מאַכן, אַז די אויבנגעבראַכטע אַנאַליז, סיי פון די פאַרשידענע עלעמענטן פון אַמעריקאַנער אידנטום, סיי פון אונזער אייגענער באַוועגונג, זיינען ניט פאַרטראַכט געוואָרן פון אַ היסטאָריקער'ס שטאַנד־פּונקט. דער היסטאָריקער דאַרף פעסטשטעלן דאַטן; דאַרף פעסטשטעלן ראָלעס פון גרופּן און יחידים; דאַרף נאַטירלעך זיין זייער פּאָרזיכטיק אין יעדער איינצל־נער באַהויפּטונג. מיר האָבן זיך אינטערעסירט מיט די סאָציאַלע און גייסטיקע קעגנזייטיקע איינפלוסן און צוזאַמענשטויסן פון די פאַרשידענע עלעמענטן צווישן זיך, און מיט זיי אַלע — אונזער אייגענע באַוועגונג, וואָס אַלע פון זיי צוזאַמען שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אַמעריקאַנער אידנטום.

מיר זיינען געבליבן אין מיטן פון אונזער אַנאַליז. מיר דערוואַרטן צו פאַר־ענדיקן אים אין די וויטערדיקע געשיכטע־ביכער, וואָס מיר גרייטן צו. אין דעם המשך פון דער אַרבעט וועט אויסקומען ווייטער נאָכצוגיין די אָנגעהויבענע אַנט־וויקלונגען און ברענגען זיי ביז צו אונזערע טעג.

שוין אָבער פון דאָס אויבנגעבראַכטע וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַמערי־קאַנער אידנטום זעען מיר, אַז מיר האָבן פאָר זיך אַן אומגעהויערע גרויסע דער־שיינונג אין וועלט־אידנטום. פּערזענלעך מיין איך, אַז ביידע כחות, סיי מדינת ישראל, סיי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, שטעלן מיט זיך פאָר די גרעסטע נסים פון אונזער מאָדערנער געשיכטע. איך בין איבערצייגט, אַז אויף זייערע ביידנס פּלייצעס האָט דער שר האומה אַרויפגעלעגט די אחריות פאַרן ווייטערדיקן קיום פון גאַנצן אידישן פאָלק.

ל. שפּיזמאַן

# עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן

## 1.
## קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם

די אָפיציעלע דאַטע פון דער גרינדונג פון ערשטן פועלי־ציון פאַראיין איז ווי באַקאַנט — מערץ, 1903, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק די „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע „פועלי ציון״. אָבער פאַקטיש האָבן שוין עקזיסטירט ציוניסטישע אַרבעטער־פאַראיינען אונטערן נאָמען „פועלי ציון״ אַזוי פרי ווי אין יאָר 1900. מיר וועלן וועגן דעם דערציילן אין די ווייטער־דיקע קאַפּיטלעך. כדי צו באַקענען זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון ציוניסטישן און נאַציאָנאַלן געדאַנק צווישן דער אַרבעטערשאַפט, מוזן מיר גרייכן אַ סך פריער, דאַרפן מיר שילדערן די שטימונגען און אידעאישע זוכענישן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין די פריע יאָרן, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויספאָרמירן די ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון אידישע אַרבעטער אין אַמע־ריקע, מוזן מיר אָנהייבן מיט די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אין 1880 איז די צאָל אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף בערך 230,000. די פּאָגראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד, די גרושים און די וואַקסנדיקע גזירות קעגן אידן אין רוסלאַנד, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע כוואַליע פון אימיגראַציע קיין אַמעריקע. די מאַסן־איינוואַנדערונג אין די לעצטע צוואַנ־ציק יאָר פון 19טן יאָרהונדערט האָט אַריינגעבראַכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן בערך אַ מיליאָן אידן. אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באָסטאָן און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך געשאַפן אידישע אַרבעטער־צענטערן. גלייכצייטיק האָבן זיך אויך אָנגעהויבן שאַפן די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע גרופּן.

אין יולי, 1882, איז אַנטשטאַנען אין ניו יאָרק אַ „פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין״, אָנגעפירט פון סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, לויט דער איניציאַטיוו פון אַ יונגן רוסישן איד א. מיראָוויטש, וועלכער איז אין רוסלאַנד געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער פאַראיין האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע אידייען צווישן די אידישע אימיגראַנטן. די ערשטע פאַרזאַמלונג איז געווען וועגן אידישע שטרייק־ברעכער אין ניו־יאָרקער פּאָרט. די צווייטע פאַרזאַמלונג איז געוואָרן גערופן צו פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט אב. קאַהאַן, וואָס איז נאָר־וואָס גע־האַט געקומען קיין אַמעריקע, געזאָגט מיראָוויטשן, אַז מען דאַרף באַנוצן אידיש אין דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידישע אַרבעטער. אין אַ וואָך אַרום איז איינ־געאָרדנט געוואָרן אַ פאָרלעזונג וועגן סאָציאַליזם פון אַב. קאַהאַן. דאָס איז לויט אב. קאַהאַן „געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע, וואָס איז ווען עס איז גע־האַלטן געוואָרן אויף אידיש אין אַמעריקע״.

אין יוני, 1884, איז געגרינדעט געוואָרן דער „רוסישער אַרבעטער פאַראיין״, די גרינדער זענען געווען ל. מילער און אב. קאַהאַן. די טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין רוסיש, הגם די מיטגלידער זענען געווען אידן. אין פעברואַר, 1885,

איז געגרינדעט געוואָרן דער „רוסיש־אידישער אַרבעטער־פּאַראיין". דאָ זענען די פּאַרלעזונגען פּאַרגעקומען אין מאַמע־לשון און דאָ האָבן זיך גרופּירט די מער־פּאָלקסטימלעכע עלעמענטן.

דער פּאַראיין האָט עקזיסטירט ניט־לאַנג און אויף זיין אָרט איז אַנטשטאַנען אין אַפּריל, 1885, דער „אידישער אַרבעטער פּאַראיין". דער פּאַראיין האָט גע־גרינדעט אין 1886 אַ ספּעציעלע ליגע צום קאַמף פּאַר אָפּשאַפן די שוויץ־שעפּער. עס אַנטשטייען דאַן די ערשטע יוניאָנס, — מיינסטע, אין די נאָדל־פאַכן. אין 1886 עקזיסטירן 14 יוניאָנס מיט בערך 3,000 מיטגלידער.

אין שבועות, 1886, האָבן אב. קאַהאַן און טש. ראַיעווסקי אָנגעהויבן אַרויס־געבן אַ סאָציאַליסטיש וואָכנבלאַט „די נייע צייט" — די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטשריפט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין אידיש. פון דער צייטונג זענען נאָר דערשינען 4 נומערן. אַ בעסער מזל האָט געהאַט די „ניו־יאָרקער אידישע פּאָלקס־צייטונג", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 25טן יוני, 1886, און האָט עקזיס־טירט דריי יאָר.

די „ניו־יאָרקער אידישע פּאָלקסצייטונג" איז געווען אַ פּריוואַטע צייטונג, אַרויסגעגעבן פון א. בראַסלאַווסקי — אַ סאָציאַליסט און מאַזעס מינץ — אַ חובב ציון. דער „אידישער אַרבעטער פּאַראיין" האָט באַשלאָסן דעם 19טן אויגוסט, 1886, צו דערקלערן די צייטונג פּאַר אַן אַרבעטער־צייטונג אָבער ניט אָפּשטעלן זאַמלען געלט פּאַר אַן אייגענער צייטונג, וואָס מען וועט אָנהויבן אַרויסגעבן, אויב די „פּאָלקסצייטונג" וועט אויפהערן צו זיין אַן אַרבעטער־צייטונג. פון דעם 30טן יאַנואַר, 1888, האָט די צייטונג אָנגעהויבן דערשיינען 2 מאָל אין וואָך און איז געוואָרן פּאַרשפּרייט אין אַ באַדייטנדיקער צאָל עקזעמפּלאַרן. די צייטונג האָט אויך געהאַט פיל לייענער אויף דער אַנדערער זייט ים. פון דער צייטונג זענען אַרויס 178 נומערן. זי איז אונטערגעגאַנגען דעם 20טן דעצעמבער, 1889. די סיבה: מאַנגל אין פינאַנציעלע מיטלען.

די „ניו־יאָרקער אידישע פּאָלקסצייטונג" איז געווען דער ערשטער שוואַכער פּרואוו צו מאַכן אַ סינטעז פון די אידייען פון סאָציאַליזם און ציוניזם. די טענ־דענץ פון דער צייטונג איז געווען „סאָציאַליסטיש און אידיש". זי האָט שטאַרק אַקצענטירט דעם אידישן מאָמענט. עס וועט זיין אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט עטלעכע פונקטן פון איר פּראָגראַם.

פון די 8 פונקטן פון פּראָגראַם, וואָס גיט איבער די אויפגאַבן פון דער צייטונג און די פראַגן מיט וועלכע זי וועט באַקענען אירע לייענער, זענען דריי פונקטן גע־ווידמעט אידישע פראַגן. דער פונקט 3): „די לאַגע פון דעם אידישן אַרבעטער אין דער וועלט אין אַלגעמיינעם און באַזונדערס אין אַמעריקע"; פונקט 4: „די אי־דישע פראַגע אין פּאַרבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור און דער ציוויליזאַציאָן בייא פּאַרשידענע פעלקער" און דער פונקט 6: „די הויפּט־אַרטיק־לען און מאָמענטן פון דער אידישער געשיכטע צוזאַמענגעזעצט פון דיא בעסטע און וויכטיקסטע אידישע געשיכטע־שרייבער". (מיר האָבן ניט געענדערט די אָרטאָגראַפיע פון דער צייטונג).

אין אַריינפיר צום פּראָגראַם זאָגט די רעדאַקציע צווישן אַנדערן: „אַלס יוד איז זיין לאַגע (פון אידישן אַרבעטער ל. ש.) גאַנץ אַנדערס. די יודישע פראַגע איז נאָך גאַנץ אָפן. מיט איהר איז ער אָפּגעשידען פון דער גאַנצער וועלט, מיט איהר

האָט ער נאָך גאַנץ אַלטע און גרויסע רעכענונגען. אין פּעלד קאַמף, אַלס אַרבעטער האָט ער זעהר פּיעל מיט־ברידער. אין פּעלד קאַמף אַלס יוד האָט ער זעהר ווייניק. דיא יודישע פראַגע איז זעהר וויכטיג און זיא פאָרדיענט אַז מען זאָלל גוט טראַכטען אום אַ גוטען אַנטוואָרט צו געבען. דעם אַנטוואָרט קאָן ער פאַרשטעהן נור דאַמאָלס, ווען ער ווירד זיין באַקאַנט מיט דער יודישער געשיכטע״.

די צייטונג האָט טאַקע פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רייע אַרטיקלען איבער אידישער געשיכטע, אידישע יום טובים (פּסח, חנוכה, תשעה־באָב א. א.). אין אַן אַרטיקל איבער תשעה באָב (דעם 29טן יולי, 1887), טרעט די צייטונג אַרויס קעגן די חלוקה־אידן און זי מאַכט באַקאַנט אירע לייענער מיט די דערגרייכונגען פֿון דער נייער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. אָבער בדרך כלל האָט די צייטונג ניט אַנטהאַלטן פֿיל מאַטעריאַל איבער ציוניזם און ארץ ישראל און האָט זיך ניט שטאַרק אונטערשיידט פֿון כאַראַקטער פֿון די אַנדערע אידיש־סאָציאַליסטישע צייטשריפֿטן, וואָס זענען דערשינען אין אַמעריקע אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט.

אינטערעסאַנט איז זיך צו באַקענען מיט דער ביאָגראַפֿיע פֿון משה מינץ.

משה יצחק מינץ — שפּעטער באַקאַנט אַלס דר. מאָזעס מינץ — איז גע־בוירן דעם 20טן אַפּריל, 1860, אין בריסק. ער איז געוואָרן אַ חובב ציון און געגרינדעט בילו־גרופּעס צוזאַמען מיט ישראל בעלקינד א. א. אין 1884 איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל, געאַרבעט אין מקוה ישראל און דאַן אין גדרה. ער האָט זיך פֿיל אָנגעליטן. אין אויגוסט, 1885, איז ער געקומען קיין אַמעריקע פֿאַר־ענדיקן זיין שטודיום. ער האָט דאַן געפּרואווט גרינדן אַ קאָלאָניע אויף קאָמוניס־טישע יסודות. ער איז אויפֿגעטראָטן אַלס לעקטאָר אין „רוסישן פּראָגרעסיוון פֿאַראיין״, האָט אָנטייל גענומען אין דער אַקציע צו ראַטעווען די שיקאַגער אַנאַר־כיסטן און געהאָלפֿן גרינדן די פֿאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפֿטן (אין 1888).

נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך פֿאַרמאַכט די „ניו־יאָרקער אידישע פֿאָלקסצייטונג״, איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פֿון דער פּריוואַטער אַרבעטער־פֿריינדלעכער וואָכנ־צייטונג „דער פֿאָלקס אַדוואָקאַט״, אַרויסגעגעבן דורך זיינע ברידער מיכאל און גוסטאַוו. אין 1892 איז ער געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, אַלס דעלעגאַט פֿון דער דורך אים געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע „שובו ציון״ מיט 500 מיטגלידער. ער האָט פֿאַר־בראַכט אין א״י 6 חדשים. נאָכן צוריקקומען האָט ער געגרינדעט דאָס וואָכנ־בלאַט „דער אידישער רעקאָרד״ מיט זיין ברודער גוסטאַוו. דאָס איז געווען די ערשטע ביליקע אידישע צייטונג (1 סענט אנשטאַט דעם אָנגענומענעם פּרייז פֿון 3 סענט). די צייטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים 80טן נומער טראָץ דעם וואָס זי האָט דערגרייכט אַ טיראַזש פֿון 80,000. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ טאָגבוך „מיין רייזע נאָך פּאַלעסטינע, אָדער אַ גרוס פֿון דער מוטער ציון״. אין 1898 איז ער גע־וואָרן דער מעדיצינישער אינספּעקטאָר פֿון דער געזונדהייטס־אָפּטיילונג אין ניו יאָרק. אין 1923 האָט ער זיך באַזעצט אין גדרה. דאָרט איז ער געשטאָרבן אין 1930, אין עלטער פֿון 70 יאָר.

די „ניו־יאָרקער אידישע פֿאָלקסצייטונג״ האָט אין איר פּראָגראַם־דערקלע־רונג אויך קלאָר געמאַכט איר שטעלונג צו אידיש. מיר ברענגען די דאָזיקע כאַ־ראַקטעריסטישער שטעל אין דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון דער צייטונג: „דער יודישער זשאַרגאָן איז צוזאַמענגעזעצט פֿון ווערטער פֿון פֿאַרשיעדענע שפּראַכען; ער איז

אָהן רעגלען און אָהן אַ גראַממער. מיר האַלטן פיר אונניטצליך אַריינצוברענגען אין אונזער צייטונג נור איין זשאַרגאָן. דאַרום זאָללען אונזערע ווערטהע לעזער זיך נישט ווינדערן, דאָס פערשיעדענע אַרטיקלען זאַנען אויף פערשיעדענע זשאַרגאָנען געשריעבען. מיר האַלטען נור פיר רעכט אַללע רוססישע ווערטער פון אונזער צייטונג אַרויס צו וואַרפען״.

די צייטונג איז מיט אַלע אירע חסרונות דאָך געווען די ערשטע טריבונע פון דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור. עס האָט אין איר דעביוטירט מאָריס ראָזענפעלד און צווישן אירע מיטאַרבעטער זענען געווען די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער געצל זעליקאָוויץ, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, פ. ווייערניק, ש. יאַנאָווסקי, חיים ספּיוואַק, ד. מ. הערמאַלין, לעאָן זאָלאָטקאָף, דוד עדעלשטאַט, י. א. מעריסאָן, מאָריס הילקאָוויץ (הילקוויט) א. א. אין דער צייטונג זענען אויך איבערגעזעצט געוואָרן מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

ענלעכע פּרואוון צו מאַכן אַ סינטעז צווישן סאָציאַליזם און ציוניזם זענען אויך געמאַכט געוואָרן אין רוסלאַנד אין די בראשית־יאָרן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. בערל קאַצענעלסאָן שטעלט זיך אָפּ גענויער אויף דער דער־שיינונג אין זיינע שריפטן. ער דערמאָנט די נעמען פון אברהם אַמסטערדאַם און אַנדערע פּיאָנערן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פעריאָד פון ערב־„בונד״ און „בונד״, וואָס זענען געווען טיף־נאַציאָנאַל און באַהויכט פון ציו־ניסטישע שטימונגען. ס׳זענען געווען מיטגלידער אין די ערשטע „אַרבעטער־קאַסעס״, וואָס האָבן אויך געוואָלט קויפן שקלים און געהערן צו דער חיבת ציון. די אָפּאָזיציע פון די „וואָלטאָווצעס״ אין מינסק, אָנגעפירט פון בונטאַרישן פילצו־זאָגנדן יונגן א. וואַלט (דער שפּעטערדיקער אברהם ליעסין), איז אויך געווען אַן אָנזאָג, אַז די אידישע אַרבעטער הייבן זיך אָן באַפרייען פון ענגען קאָסמאָפּאָליטישן נאַציאָנאַל־פאַרלייקנדיקן סדום־בעטל (באמת אַ שאָד, וואָס ס׳איז ביז איצט ניט דערשינען בערל קאַצענעלסאָנס צוגעזאָגטע אַנטאַלאָגיע פון דער אידישער אַר־בעטער־באַוועגונג, וואו ער האָט ברייט און דורכדרינגנדיק, אויף בערל׳ס שטייגער, געשילדערט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע תקופה אין די ערשטע טעג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען עס האָט זיך אויספאָרמירט דער פּרצוף־פּנים, דאָס געשטאַלט פון אידישן סאָציאַליזם).

אָבער די דערשיינונג פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק און חיבת ציון זענען נאָר געווען איזאָלירטע אינזעלעך אין ים פון קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליזם. דאָרט האָט נאָך געווירקט די ירושה פון די ערשטע רוסישע אידן־סאָציאַליסטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון זייער פאָלק און האָבן נאָר אין רוסישן „מוזשיק״ געזען דעם טרעגער פון וועלט־באַפרייאונג. אַזוי, למשל, האָט דערקלערט פּאַוועל אקסעלראָד, אַז נאָכן איבערלייענען אַ בוך פון לאַסאַל, האָט ער דערפילט עפּעס אַ חרפּה, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט די אינטערעסן פון אידישן פאָלק. און לעוו דייטש, איינער פון די ערשטע רוסיש־אידישע רעוואָלוציאָנערן, דערציילט, אַז „אונז איז נישט בלויז געווען פרעמד און ווילד אַלץ, וואָס עס פאַרבינדט די אידי־שע מאַסע אין איין פאָלק, נאָר זייענדיק אָפנהאַרציק, מוז איך זאָגן, אַז אַלץ וואָס עס האָט געשמעקט מיט אידיש, האָט ביי פיל פון אונז אַרויסגערופן פאַראַכטונג, אויב ניט מער״ [6]).

דעם 4טן אָקטאָבער, 1890, האָט זיך אין ניו־יאָרק געעפנט דער ערשטער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס. 87 דעלעגאַטן האָבן פאָרטראָטן 14,247 ארבעטער, דערפון 13,664 אין ניו יאָרק. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון אידיש־רעדנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע אונטערן נאָמען „היברו לייבאָר פעדערײשאָן אָוו יונייטעד סטייטס ענד קענעדע". דעם כאַראַקטער פון צוזאַמענפאָר האָט אויסגע־דריקט איינער פון די פּלאַקאַטן, מיט וועלכע עס זענען געווען באַצירט די ווענט פון דעם זאַל. „די וועלט איז אונזער פאָטערלאַנד, סאָציאַליזם אונזער רעליגיע".
„די געגרינדעטע אידישע אַרבעטער־פעדעראַציע האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרגלייכן דעם אידישן אַרבעטער מיט זיינע אַמעריקאַנער ברידער און אים העלפן לערנען די אַרבעטער־פראַגע — די פראַגע פון דעם פאַרקנעכטעטן קלאַס, צו וועלכן ער באַלאַנגט; אים צו לערנען קעמפן און מיטווירקן אין דעם קו־מענדן נצחון פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט".

וועגן דער אידן־פראַגע ווערט דערקלערט אין אַרויסגעגעבענעם אויפרוף: „מיר האָבן קיין אידן־פראַגע אין אַמעריקע. די איינצלנע אידן־פראַגע, וועלכע מיר אָנערקענען, איז די פראַגע, ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל ניט קומען צו ענלעכע אידן־פראַגעס".

איז צו וואָס זשע דאַרף מען האָבן אַ ספּעציעלע אידישע אַרבעטער פעדע־ראַציע? דאַרויף ענטפערן די מחברים פון אויפרוף:

„און בלויז ווייל נאָר מיר, אידיש־שפּרעכנדע בירגער, קענען ווירקן צווישן די אידישע אימיגראַנטן; בלויז ווייל מיר רעדן זייער שפּראַך און זענען באַקאַנט מיט זייער לעבן — בלויז דעריבער מאַכן מיר די דאָזיקע ספּעציעל־אידישע קער־פּערשאַפט. די אידישע שפּראַך איז אונזער געצייג. אָפּצומעקן אַלע גרעניצן צווישן איד און נישט־איד אין דער אַרבעטער־וועלט, איז איינער פון אונזערע צילן" [2]).

אב. קאַהאַן האָט דעם דאָזיקן „אידיש־שפּרעכנדיקן אַרבעטער־קאָנגרעס" גע־עפנט און געשלאָסן מיט ענגלישע רעדעס. דער זעלבער אב. קאַהאַן האָט מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1891, אויפן צווייטן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן צווישן 16טן און 23טן אויגוסט אין בריסל, דערקלערט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון די פאַראייניקטע אידישע גע־ווערקשאַפטן, וואָס האָבן ניט קיין שום געמיינזאַמעס ניט מיט רעליגיע, ניט מיט נאַציאָנאַליטעט; „נאָר דער נאָמען ווייזט בלויז די שפּראַך, וואָס עס רעדן אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע". ער האָט אָנגעגעבן, אַז איבער 30 טויזנט אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין יוניאָנס פון דער אידישער שפּראַך. די אידישע אַרבעטער, וואָס קענען די ענגלישע שפּראַך, פאַרברידערן זיך שנעל מיט די אַמע־ריקאַנער, אָבער אַזוי ווי אַ סך פאַרשטייען נאָך ניט די לאַנד־שפּראַך, האָבן זיי זייער אייגענעם אָרגאַן, די „אַרבעטער צייטונג", וואָס פאַרמאָגט 8,500 לייענער.

ניט געקוקט אויף דער דערקלערונג פון אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס, אַז אין אַמעריקע עקזיסטירט ניט קיין אידן־פראַגע, האָט אב. קאַהאַן געפּירט אויפן קאָנ־גרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ ביטערן קאַמף אַרום דער רעזאָ־לוציע, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן צו פאַראורטיילן דעם אַנטיסעמיטיזם. באַלד אין אָנהייב פון זיין רעדע אויפן קאָנגרעס האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט: ביי

סאָציאַליסטן איז נישטאָ קיין ספּעציעלע אידן־פראַגע, אָבער ס׳איז דאָך אויך נישטאָ ביי סאָציאַליסטן קיין פראַגע וועגן מיליטאַריזם, און אַלע ווייסן אַז סאָציאַליסטן זענען קעגן מיליטאַריזם, און דאָך שטייט די פראַגע אויפן סדר־היום. סאָציאַליסטן זענען טאַקע קעגן אַנטיסעמיטיזם, דאָך דאַרף אויך די פראַגע ווערן באַהאַנדלט און מען דאַרף וועגן איר אָננעמען אַ רעזאָלוציע.

אַב. קאַהאַן האָט אין זיין רעדע אַנגעשלאָגן אין ווארעמע נאַציאָנאַלע טענער און אַראָפּגעוואָרפן די פּאַנצער־וועסט פון אַ קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליסט. די באַרימטע אידן־סאָציאַליסטן וויקטאָר אַדלער און פּאול זינגער האָבן אים געבעטן ער זאָל די רעזאָלוציע צוריקציען, ווייל די אַנטיסעמיטן וועלן אויפהייבן אַ געשריי, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מאַכט יד אחת מיט אידן. דאָס האָט אים אויך געבעטן דער בריסעלער ראַבינער דרייפוס. אָבער קאַהאַן איז מיט זיין כאַראַקטעריסטישער עקשנות באַשטאַנען אַז מען זאָל אָפּשטימען זיין רעזאָלוציע. ער האָט געשילדערט די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. די רוסישע אַנטיסעמיטישע פּרעסע שרייט, אַז אויך די אַרבעטער האָסן די אידן, טאָ „ערקלערט פאַר דער וועלט, אַז איר פאַרדאַמט יעדע פאָרם פון אידן־פאַרפאָלגונג״. אין דער דעבאַטע האָבן זיך אריינגעמישט עטלעכע אידן־פיינטלעכע דעלעגאַטן פון פראַנקרייך; עס איז געווארן הייס און דער קאָנגרעס האָט געראַטעוועט די לאַגע, אָננעמענדיק אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט סיי דעם אַנטיסעמיטיזם און סיי דעם... פילאָסעמיטיזם.

ענלעכע ביישפּילן ווען דער קאָרסעט פון קאָסמאָפּאָליטיזם האָט געפּלאַצט און דאָס אידישע האַרץ האָט באַזיגט דעם „מאַרקסיסטישן״ מוח — האָבן זיך שפּעטער איבערגעחזרט ביי אַנדערע אידישע סאָציאַליסטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען, וואָס האָבן דאַן געהערשט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, איז אַן עדיטאָריעל לכבוד דעם ערשטן מאַי, פאַרעפנטלעכט אין דער „צוקונפט״ פון 1894. דער עדיטאָריעל פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער „אַדיע, רעליגיעזע פייערטעג, און אַדיע, נאַציאָנאַלע שמחות... לאָמיר הייבן דעם כוס פאַר פרייהייט, גלייכהייט און גליק פון אַ נאַציאָן, וואָס איר פאָטערלאַנד איז די וועלט, וואָס איר רעליגיע איז די ברידערלעכקייט, וואָס איר תורה איז די וויסנשאַפט״.

דער באָסטאָנער „אמת״ (רעדאַגירט פון מאָריס ווינטשעווסקי) שרייבט אין נומער 23 (1895): „די אידישע אַרבעטער זענען מער אַרבעטער ווי אידן און זייערע אינטערעסן זענען די אינטערעסן פון זייער קלאַס, נישט פון זייער ראַסע אָדער נאַציע״. אויפן 7טן פאַרטיי־טאָג פון די אידישע סאָציאַליסטן אין ניו יאָרק, פון 28טן ביזן 31טן דעצעמבער, 1895, האָט אין קאָנפערענץ־זאַל אין וועבסטער האָל אַראָפּגעלויכטן דער „חנ׳עוודיקער״ לאָזונג: „מיר זענען קיינע אידן זאָנדערן אידיש־שפּרעכנדע פּראָלעטאַריער״. אָבער די דאָזיקע אויפשריפט האָט שוין ביי פיל אַרויסגערופן אַן אומצופרידנהייט און מ׳האָט וועגן דעם אַ סך גערעדט; אָבער אויף דעם 8טן צוזאַמענפאָר פון אידישע סאָציאַליסטן, דעם 24טן דעצעמבער, 1897, איז ווידער געהאַנגען אַן אויפשריפט: „מיר זענען אידישע סאָציאַליסטן, אָבער ניט קיין סאָציאַליסטישע אידן״ [3]).

אויף אידיש האָט מען דאַן געקוקט ווי אויף אַן אומפאַרמיידלעך בייז, פון

וועלכן מען דאַרף וואָס שנעלער פּטור ווערן ביז די צונג פון „גרינעם" אימי־גראַנט וועט זיך אָנהייבן דרייען אויף ענגליש. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ אַ ציטאַט פון אַן אַרטיקל פון אב. קאַהאַן אין „פאָרווערטס" (9 מאַי, 1897):

„אונזערע צייטונגען זענען זשאַרגאָנישע, אָבער איינער פון אונזערע צילן איז צו העלפן די לעזערס זיך אַמעריקאַניזירן אין בעסטן זין פון וואָרט, צו ברענגען זיי צו אַזאַ באַקאַנטשאַפט מיט דער שפּראַך פון זייער נייער היים, קורץ, צו ברענגען זיי צו אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי זאָלן אין זשאַרגאָנישע בלעטער זיך מער ניט נייטיקן".

שוין אַזוי שפּעט ווי אין 1912 האָט ב. פייגנבוים אָפן אַגיטירט פאַר אַסימילאַציע און דאָס האָט ער געטאָן דוקא אויף די שפּאַלטן פון דער „צוקונפט"... „אַסימילאַציע איז אַ ברכה", האָט פייגנבוים דערקלערט... „צו די אַלע שאָדנס, געפאַרן און צרות, איז די זיכערסטע רפואה וואַלטעטיקע אַסימילאַציע... איבערהויפּט שטעלט זיך ניט קעגן אָט דער נאַטירלעכער טענדענץ אין אַמעריקע, אײַבערצוקאָכן אַלע אַהער־געקומענע מענטשן אין איין שמעלץ־טאָפּ און צו מאַכן פון זיי אַן האָמאָגענעם מענטשן־מאַטעריאַל... לאָזט דאָ גיין ווי עס גייט. לאָזט צו רו, זאָל זיך דער נאַטירלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס טאָן זיין אַרבעט, ווייל ער ברענגט די גרעסטע ברכה פאַר אַלע מענטשן, באַזונדערס פאַר אַלע אידן" [4]).

אויך די אידישע ליטעראַטור איז אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט געווען באַהערשט פון סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־מאָטיוון וואָס זענען מיט זייער שאַרף געווען געווענדט קעגן נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק און „פּוסטע" ציון־חלומות. מאָריס ראָזענפעלד, דער שפּעטערדיקער באַליבטער זינגער אויף ציון־מאָטיוון, דער מחבר פון אַ „גלות־מאַרש", „דאָס בענקען" און אַנדערע לידער, האָט דערקלערט אין 1890 אין זיין ליד „דער תירוץ", אַלס ענטפער אויף דער טענה פון שמואל יעקב הערמאַן, פאַרוואָס ער שרייבט נישט קיין ציון־לידער:

פרייהייט און גלייכהייט — קיין סעקטן און קלאַסן,
וואו ניט מער קיין איד און קיין קריסט,
וואו מער קיין פאַרשיידענע נאַציעס און ראַסן,
דאָרט אַהין שטרעבט דער סאָציאַליסט.

וואָרום איך באַזינג ניט די פעלדער פון ציון
איז אויך ווייל איך בין סאָציאַליסט.
איך זע דאָרט אין ציון פון וויטענס שוין בליען,
דעם אידישן קאַפּיטאַליסט..." [5])

די נעגאַטיווע באַציאונג צו ציון שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דער באַציאונג צו העברעאיש. דער שרייבער און קריטיקער ב. גאָרין האָט אָפּגעדרוקט אין דער „צוקונפט" פון 1895 אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור איז געוואָרן רעאַקציאָנער און אָפּגעשטאַנען אַ דאַנק איר נאַציאָנאַליזם. די שרייבער קענען ניט וואַקסן, ווייל עס פעלט זיי אַ פּראָגרעסיווע אידייע. די אידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד, אַדאַנק דעם וואָס זי איז סאָציאַליסטיש אָריענטירט,

„שטייגט ווי אַ גיגאַנט, און די העברעאישע ליטעראַטור קריכט ווי אַ טשע־רעפּאַכע״.

אָבער אויך אין די יאָרן 1897־1898 הייבן אָן רייף ווערן אַנדערע, מער־נאַציאָנאַלע שטימונגען סיי אין דער פּובליציסטיק און סיי אין דער שיינער ליטעראַטור. כאַראַקטעריסטיש איז, למשל, אַ גרויסע דעבאַטע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום מאָריס ראָזענפעלד, אין דעם זשורנאַל „דער נייער גייסט״. ל. בודיאַנאָוו האָט אין זיין אַרטיקל „אַ בלאַנדזשענדער פּאָעט״ באַוויזן, אַז ראָזענפעלד איז ניט קיין אידישער פּאָעט, נאָר אַן אַרבעטער־דיכטער. עס קען הײנט ניט זיין קיין פּאָעט, וואָס זאָל אויסדריקן די געפילן פון גאַנצן פאָלק. אַ פּאָעט קען אויסדריקן די געפילן פון אַ געוויסן קלאַס. ראָזענפעלד ווערט באַשולדיקט, אַז זיין אידישקייט פאַרפירט אים און ער ווערט פון אַ דיכטער — אַ גראַמען־פלעכטער.

לעאָ קאָברין האָט אָבער געלייקנט, אַז אַלע פעלקער זענען גלייך און האָבן די זעלביקע געפילן און אידייען. יעדעס פאָלק האָט זיין כאַראַקטעריסטיק און אפילו אַן אַרבעטער־דיכטער דריקט אויס זיינע אידעאַלן אויף אַן אייגנאַרטיקן־נאַציאָנאַלן אופן. ראָזענפעלד איז אַ דיכטער פון אידישן פאָלק. ער באַזינגט די ליידן ניט פון סתם־אַרבעטער — נאָר פון אידישן אַרבעטער [6]).

עס הייבן זיך אויך אָן הערן אין דער בעלעטריסטיק טענער פון בענקשאַפט נאָך אידישע יום טובים און אידיש־נאַציאָנאַלע סימבאָלן. ז. ליבין, שילדערט אין זיין שיינער דערציילונג „אַ אידיש־שפּרעכנדער סאָציאַליסט״ אַ ויכוח צווישן צוויי „אידיש־שפּרעכנדע״ סאָציאַליסטן, צי מען זאָל דעם פאַראיינס־מי־טינג אָפּהאַלטן אין דער נאַכט פון תשעה־באב. דער טשערמאַן דערקלערט דעם רעדנער:

— גענאָסע לעווין, איר זייט אויסער אָרדנונג.

— ווארום?

— מיר זענען ניט קיין אידן.

— וואָס דען זענען מיר?

— מיר זענען אידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן!

און ווען דער נאַציאָנאַל־געשטימטער „גענאָסע״ טענהט ווייטער אַז די איד־דיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן האָבן אַ שטיקל שייכות מיט די אידיש־שפּרעכנדע אידן, און ביי יענע איז תשעה באב אַ טאָג פון נאַציאָנאַלן טרויער, רייסט אים דער „טשערמאַן״ איבער:

— איר ווייסט זעלבסט, דאָס מיר האָבן ווייניק וואָס צו טאָן מיט רעליגיאָן!

— אָבער תשעה באב איז ניט קיין רעליגיעזער יום טוב, דאָס איז נאָר אַ טאָג פון טרויער, ביטערע עראינערונגען פון אַ שרעקליך־פאַראומגליקטער נאַציע.

— מיר זענען סאָציאַליסטן, און ניט קיין נאַציאָנאַליסטן.

ס׳איז קלאָר, אַז דאָס האַרץ פון מחבר איז מיט דעם „גענאָסע״, וואָס וויל נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל אָפּהאַלטן דעם מיטינג תשעה־באב (דערמאָנט זיך ווי ס׳האָט געפּסקנט אהרן ליבערמאַן אין 1871 איז זיין לאָנדאָנער אידיש־סאָציאַ־ליסטישן פאַראיין, אַז תשעה באב דאַרף ניט ווערן אָפּגעהאַלטן קיין פאַרזאַמלונג).

מיטן קומען פון אברהם ליעסין, אין פרילינג, 1897, קיין ניו יאָרק, קומט צו אַ וויכטיקער כוח וואָס הייבט אָן שטורמען די יריחו־מויערן פון קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליזם.

א. ליעסין דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז גלייך ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס „נאַציאָנאַליסט־סאָציאַליסט". ער האָט אין אַן אינטערוויו מיט אים, פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס", דעם 5טן יולי 1897, שוין אַרויסגעזאָגט פיל אפיקורסות. ער האָט געמאַכט חוזק פון „קלאַסן־קאַמף" אין קליינעם שטעטל, וואו עס קעמפט אַ קבצן קעגן אַ דלפן, „אַ קלאַסן־קאַמף ביז דער תתונה", וואָס ענדיקט זיך ווען דער אַרבעטער ווערט אַליין אַ באַלעבעסל; ער חוזקט פון די „אַגיטאַטאָרן" וואָס רעדן צו אַ קאָמפּאַניע לערן־אינגלעך אין מינסק מיטן זעלבן לשון ווי בעבעל פלעגט רעדן צו די גרויסע אַרבעטער־מאַסן אין בערלין א. א. וו. א. א. וו.

ליעסין דערציילט, אַז דער פאַרגויעשטער לואי מילער האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ קוריאָז; מ. זאַמעטקין האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם; נאָר מאָריס ווינטשעווסקי איז געוואָרן „אָנגעוואַרעמט" פון זיינע רייד און ער האָט אים אַ גאַנצן אָונט פאַרגעלייענט זיינע העברעאישע כתבים [7]).

זיין ערשט ליד, פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע, האָט געווירקט ווי אַ בליץ אויפן פאַרוואָלקנטן קאָסמאָפּאָליטישן הימל, און געבלענדט מיט אַלע פייערן פון ליעסינס וואונדערבאַרע שורות:

„און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון דער בעסערער צוקונפט
דאַן ווערט אַזוי שווער, אַזוי באַנג;
צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק, טאָ צו וואָס זשע
די ליידן יאָרטויזנטער לאַנג?

דאָס איז געווען אַן אַרויסרוף צו אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן, אַז אידן מוזן פאַר־שווינדן אַלס פאָלק אין נאָמען פון דער מלכות שכולו טוב פון סאָציאַליזם לעתיד לבוא.

ליעסין שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז ער איז אַוועק פון מינסק, ווייל אים איז מיאוס געוואָרן די מחלוקת צווישן אַרבעטער און באַס אויף דער מינסקער אידי־שער גאַס, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ קאַמף צווישן קבצן און דלפן. ער האָט געלעזן אַן אַרטיקל, אַז אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן 30 טויזנט אָרגאַניזירטע „עכט־פאַבריטשנע" אידישע אַרבעטער, האָט ער באַשלאָסן קומען קיין אַמעריקע. ליעסין האָט אין זיין ערשטן אינטערוויו אָנגעוויזן אויפן טיפן אונטערשיד צווישן קאָס־מאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס איז לעבעדיק לעבן און שטייט בשום אופן ניט אין קיין סתירה מיטן נאַציאָנאַליזם, ווייל אַן נאַציאָנאַליזם קען אויך ניט געמאָלט זיין קיין אינטערנאַציאָנאַליזם. ליעסינס לידער וועגן אידישע מאַר־טירער, וועגן די „עשרה הרוגי מלכות" און זייער ענלעכקייט מיט די העלדן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"; ווי ער הערט אין די ערשטע טריט פון אידישן אַרבעטער, דעם ווידערקול פון די טריט פון די קנאים אויף די מויערן פון ירושלים; ווי די בשורה פון סאָציאַליזם טויכט פאַר אים אויף די געשטאַלטן פון עמוס און ישעיה. ליעסינס פול־בלוטיקער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס האָט שטאַרק באַווירקט צום גוטן די נשמה־וועלט פון אידישן סאָציאַליזם, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פילן, אַז עס איז געקומען צו אַן איבערברוך, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע התחלה.

ליעסין טענה'ט זיך אויס מיט וולאַדימיר מעדעם אין 1921 און ער דער־קלערט אים אַז אפילו ווען ער האָט געשריבן אַנטי־ציוניסטישע אַרטיקלען, האָט ער געמוזט אונטערדריקן אין זיך אַ טיפע און הייסע צוגעבונדנקייט צום הערלעכן

חלום, וואָס אונזער צעזייט און צעשפּרייט גלות־פאָלק טראָגט אין זיך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. עס איז נישטאָ אַזאַ דין אין סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך, אַז אידן, פּונקט ווי די ציגיינער, מוזן שטענדיק בלייבן נע־ונד׳ניקעס; אַז מיר מעגן כאָטש אינגאַנצן ווערן אויסגעשחט׳ן אין גלות, אבי ניט צו גלוסטן צו קיין אייגן לאַנד [8]).

ליעסין האָט דערקלערט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַז ער „בויגט זיך ניט פאַר די סאָציאַליסטישע פּאות און דעם סאָציאַליסטישן גאַרטל". און די ווירקונג פון ליעסינען לאָזט זיך באַלד פילן אין אַלץ ברייטערע קרייזן.

אין 1898 דערשיינט נחמן סירקינ׳ס ערשטע בראָשור (אין דייטש) „די אידן־פראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידן־שטאַט" (אונטערן פּסעוודאָנים: בן אליעזר). אין ניו יאָרק דערשיינט וועגן דעם דאָזיקן וויט־בליקנדן און נביאיש־וויזיאָנערישן דאָקומענט אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל אין אָקטאָבער־נומער פון חודש־זשורנאַל „נייע צייט", רעדאַקטירט פון גוט־באַקאַנטן בנימין פייגנבוים.

דער שרייבער פון אַרטיקל, דער באַקאַנטער פּובליציסט מ. באַראַנאָוו, שטעלט זיך די פאַר יענער צייט אַפּיקורסישע פראַגע: צי קען אַ וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליסט זיין אין דער זעלבער צייט אַ ציוניסט? און די תשובה איז: אַז יאָ, מען קען! אויב מען קען רעאַליזירן דעם פּלאַן אויפצושטעלן אַ סאָציאַליסטישן אידן־שטאַט, קען עס מיט אַ ריין געוויסן אונטערשטיצן יעדער אידישער סאָציאַליסט, וואָס האָט ליב זיין פאָלק. און דאָ קומט אַ כאַראַקטעריסטישער תירוץ: דאָס הייסט ניט קיין נאַציאָנאַליזם, דאָס איז איינפאַך פילאַנטראָפּיע און פילאַנטראָפּיע ווידערשפּרעכט ניט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם...

אָבער... דאָ קומט די גוט־באַקאַנטע טענה, אַז דער פּלאַן איז אַ חלום, וואָס האָט ניט קיינע שאַנסן צו ווערן רעאַליזירט... און „מיר גלויבן ניט אין קיינע פון די ביז־איצט פאַרגעשלאָגענע פּלענער צו לייזן די ,אייביקע פראַגע'" (אידן־פראַגע. ל. ש).

דער רעדאַקטאָר (ב. פייגנבוים) האָט אָבער ניט געקענט פאַרדייען די גרויסע אַפּיקורסות פון מ. באַראַנאָוו, אַז אויב דער ציון־חלום האָט יאָ שאַנסן צו ווערן רעאַליזירט, מעג אַ פרום־כשר׳ער סאָציאַליסט אים אונטערשטיצן. פייגנבוים באַווייזט אויף זיין קרום־פּלפּולדיקן אופן, אַז מען קען ניט פאַרגלייכן אידישן פּאַטריאָטיזם צו דעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם. די פּוילישע אַרבעטער זאָגן ניט „כל פּאָליאַקן אחינו". זיי קעמפן אַלס אַרבעטער פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג דורך זייער קאַמף קעגן די פּוילישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן; אָבער די אידישע אַרבעטער מוזן אין קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג גיין צוזאַמען מיט זייער בורזשואַזיע, און דאָס איז דאָך ידועה טריף ווי חזיר. פייגנבוים ענדיקט מיט דעם פאָרוואורף, אַז באַראַנאָוו האָט אויפגעבויט אַ גאַנצן דאָך מיט אַ מגן־דוד אויפן שפּיץ...

פייגנבוימס אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן שטרענג־אָפיציעל אַלס ענטפער פון רעדאַקטאָר: „קען אַ אידישער סאָציאַליסט זיין אַ אידישער פּאַטריאָט?" גלייך אונטערן אַרטיקל פון באַראַנאָוו — און צו פייגנבוימס פּסק־דין איז נישטאָ מער קיין אַפּעלאַציע.

דער צווייטער אָנגעזאָגטער אַרטיקל פון מ. באַראַנאָוו האָט שוין אפילו ניט דערזען די ליכטיקע שיין; ער האָט שוין געהערט צו די „ספרים גנוזים". אַזוי האָט מען זיך דערשראָקן פאַר דער אַרויסגעזאָגטער אַפּיקורסות...

## .2

# וואוקס פון ציוניסטישער השפעה

די ציוניסטישע באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט דורכגעמאַכט אַ כסדרדיקן וואוקס אין די יאָרן 1899־1901. אויף דער 4טער יאָר־קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן, אָפּגעהאַלטן אין יולי, 1901, אין פילאַדעלפיע, האָט דער ני־יאָרקער אַדוואָקאַט איזידאָר ד. מאָריסאָן באַריכטעט, אַז אין יאָר 1899 איז געוואָרן באַצאָלט שקלים פאַר 1,500 מיטגלידער; אין יאָר 1900 איז די צאָל געוואָקסן ביז 3,800 און אין יאָר 1901 איז זי געשטיגן ביז 7,000. מען האָפט באַלד צו דערגיין ביז 10,000 שוקלים — האָט דער באַריכטסגעבער אײַנפאָרמירט — און אין משך פון די נאָענטסטע צוויי יאָר האָפט מען צו דערגרייכן ביז 20,000 מיטגלידער. אין לעצטן יאָר זענען אַנטשטאַנען 34 נייע פאַראיינען.

דער באַריכטס־אָפּגעבער האָט אויך קאָנסטאַטירט דעם דערפרייענדיקן פאַקט, אַז מיט צוויי יאָר צוריק איז די מערהייט פון דער אידישער פרעסע געווען קעגן אונז: אָבער איצט איז שווער צו געפינען אַן אַנטי־ציוניסטישע צייטשריפט. צו דער פייערלעכער דערעפנונג איז געקומען אַן עולם פון 3,000. מאָריס ראָזענפעלד האָט פאָרגעלייענט עטלעכע פון זיינע לידער און איז געוואָרן שטורמיש באַגריסט דורך די פאַרזאַמלטע [9].

אויך אין די מערב־געגענטן פון לאַנד איז זיך שנעל פאַנאַנדערגעוואַקסן דער אָרדן „בייטס אָוו זייאָן” (ריטער פון ציון) מיטן זיץ־אָרט אין שיקאַגאָ, געגרינדעט דורך ל. זאלאטקאָף אין אָקטאָבער, 1898. עס האָבן עקזיסטירט אָפּטיילונגען אין פיל שטעט אין דער מיטל־וועסט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אין 1901 געציילט 157 פאַראיינען אין 89 שטעט אין 24 שטאַטן, איינשליסנדיק מאַנילאַ, אין די פיליפּינען. אין פיל שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן אונטערריכטס־קורסן פון העברעאיש און אידישער געשיכטע, לייען־זאַלן און שולן.

דעם 25טן און 26טן מאַי, 1902, איז פאָרגעקומען די 5טע קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע אין באָסטאָן. אין לעצטן יאָר זענען לויטן אָפּגעגעבענעם באַריכט געגרינדעט געוואָרן 24 נייע פאַראיינען. די אַלגעמיינע צאָל פאַראיינען האָט באַטראָפן 174, אויסער די פאַראיינען אין דער מיטל־וועסט. ס'איז פאַרקויפט געוואָרן אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק פאַר 200,000 דאָלער. איבער די גאַסן פון באָסטאָן איז פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולע מאַניפעסטאַציע, באַגלייט פון די „מיליטעריש־אָרגאַניזירטע” פאַראיינען, די „הוזאַרן פון באָסטאָן” און די מאַקאַבייער [10].

דער וואוקס פון די ציוניסטישע שטימונגען האָט אויך באַאיינפלוסט אין אַ געוויסער מאָס דעם „פאָרווערטס”. דאָרט הייבן זיך אָן דרוקן שטימען פון פאָלק,

וואָס זאָגן זיך אַרויס פאַרן ציוניזם. איינער, וואָס שרייבט זיך אונטער „אַ פילאָ־דעלפיער ציוניסט" ענטפערט אין נומער פון 20טן מערץ, 1901 אויף די אַנטי־ציוניסטישע אַרטיקלען פון י. נעטער און ס. יאַנאָס. דער ענטפער אונטערן קאָפּ: „וואָרום בין איך אַ ציוניסט" איז אַ פּשוט׳ער: ווייל איך בין אַ איד.

אין אַן עדיטאָריעל איבער בערנאַרד לאַזאַר, דעם באַקאַנטן פראַנצויזישן אַנאַרכיסט־ציוניסט, דערקלערט דער שרייבער אין „פאָרווערטס" (2 מערץ, 1901), אַז „דער ציוניזם טרייבט פיל אינטעליגענטן פון די מער־פאַרזאָרגטע קלאַסן צום פאָלק; ער ברענגט אויך צום פאָלק פיל פּראָגרעסיווע קרעפטן, וועלכע וואָלטן אַנדערש פאַרפאַלן געגאַנגען פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָ ליגט די וויכטיקע באַדייטונג פון ציוניזם". נאַטירלעך קומט דער סקאַרבאָווער אויספיר, אַז די מער־דענקנדע עלעמענטן פון ציוניזם מוזן פריער אָדער שפּעטער, אויפגעבן זייערע חלומות, וואָס זענען געבאָרן געוואָרן אונטער דער פאַרטומלענדער ווירקונג פון די צרות און אַנגסטן און זיך שטעלן אויפן באָדן פון די ווירקלעכע פאָדערונגען פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָ ווערט צום ערשטן מאָל אָנגעוויזן אין „פאָרווערטס", אויך אויף געוויסע פּאָזיטיווע זייטן פון ציוניזם, וואָס איז אומבאַדינגט געווען אַ שריט פאָראויס און אַ רעזולטאַט פון די וואַקסנדיקע ציוניסטישע שטימונגען אין אַמעריקע, ווי אין גאָר דער וועלט.

אויך אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער שטימע" רייסן זיך אַריין ציוניסטישע צוג־ווינטן. דעם 9טן מערץ, 1900, דערשיינט אַ בריוו אין רעדאַקציע, אין וועלכן דער בריוו־שרייבער קלאָגט זיך, פאַרוואָס די צייטונג שרייבט גאָרניט וועגן ציוניזם. „דאָס ווערט דאָך אַ גרויסע געפאַר". „עס איז די פליכט פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" דאָס געזינדעל צו באַקעמפן". באַלד הייבן טאַקע דאָרט אָן צו דערשיינען אַנטי־ציוניסטישע אַרטיקלען. אין איינעם פון זיי ווערן די לייענער געטרייסט, אַז „דער פּראַקטישער אידישער אַרבעטער וויל פון דער גאַנצער געשיכטע ניט וויסן, און וואָס עס אַנבעלאַנגט די כלי־קודש, זאָלן זיי זיך פאַרדרייען זייערע קעפּ"...

כאַראַקטעריסטיש איז אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" צום לעצטן פון אַ סעריע אַרטיקלען פון מאַקס צעטערבוים (איינער פון די גרינדער פון דער זש. פּ. ס. אין לעמבערג, גאַליציע) קעגן ציוניזם. די באַמערקונג צום אַרטיקל א. נ. „די ׳מה יפית׳־זייט פון ציוניזמוס" זאָגט, אַז „די רעדאַקציאָן איז ניט פאָלקאָמען איינפערשטאַנדן מיט דיזע אַרטיקלען, און אויף די פּונקטן מיט וועלכע מיר זענען ניט איינפאַרשטאַנדן, וועלן מיר אַליין ענטפערן. מיר לאַדן איין צו דער זעלבער צייט אויך אַנדערע פון אונזער לאַגער, ווי פון ציוניסטישן, צו ענטפערן דיזע אַרטיקלען, אויב זיי האָבן וואָס וועגן זיי אויסצוזעצן" (16טן יאַנואַר, 1901).

לואי מילער, דער שפּעטערדיקער פייערדיקער נאַציאָנאַליסט און גרינדער־רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט", האָט דאַן אויך געהערט צו די פאַרביסענע אַנטי־ציוניסטן. אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון 14טן יאַנואַר, 1902, וועגן אָפּגעהאַל־טענעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ער געשלאָסן מיט די ווערטער: „דער ברענענ־דער זאַמד פון דער מדבר, דורך וועלכע די אידן זענען אַמאָל געגאַנגען פון מצרים, וואָלט שוין געקענט דינען אַלס אַ שטאַרקערער פונדאַמענט פאַר די געבײדע

פון אַ צוקונפטיקע אידישע ווידערגעבאָרענע נאַציאָן, ווי דער פונדאַמענט אויף וועלכן עס שטייט איצט דער ציוניזמוס פון אַלע לענדער" [11]).

די ציוניסטישע שטימונגען זענען אויך אַריינגעדרונגען צווישן דער אָר־גאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. וועגן דעם איז געוואָרן אַ סך גערעדט אויף דער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער אין יאַנואַר, 1902. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, ווי אויך די אידישע יוניאָנס האָבן דאַן דורכגעמאַכט אַן אינערלעכן קריזיס. דער ציל פון דער קאָנפערענץ איז געווען צו באַטראַכטן די סיבות פון קריזיס און פאַרשטאַרקן די באַוועגונג. צווישן די 50 פאַרזאַמלטע דעלעגאַטן פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און טרייד־יוניאָנס זענען געווען די אָנגעזעענסטע אידישע סאָציאַליסטישע וואָרט־פירער, ווי דר. אינגערמאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, מ. זאַמעטקין, ב. פייגנבוים, ש. פּעסקין, מ. הילקוויט, יוסף באַראָנדעס, בודין, דר. האַלפּערן און אַנדערע.

ס'איז געווען אַ פאַרשלאַג אַוועקצושטעלן אַ פּונקט: די אידנפראַגע. די אָנהענגער פון פאַרשלאַג האָבן צווישן זייערע אַרגומענטן אויך אָנגעוויזן אַז דער ציוניזם באַמיט זיך צו פאַרפירן די אַרבעטער. מיט אַ מערהייט פון אייניקע שטי־מען איז דער פאַרשלאַג דורכגעפאַלן. די קעגנער האָבן געטענהט, אַז דאָס אַוועק־שטעלן די פראַגע איז איבעריק. אַלס אַרבעטער האָבן זיי שוין אַ פאַרטיקע מיי־נונג וועגן דעם און מען דאַרף ניט פטרן צייט אויף דעבאַטירן אַזאַ קלאָרע פראַגע. ס'איז אויך דורכגעפאַלן אַ צווייטער פאַרשלאַג: אַוועקצושטעלן אַ פּונקט וועגן דער אַגיטאַציע קעגן ציוניזם. „מען וועט קענען די פראַגע באַרירן, ווען מען וועט רעדן וועגן אַגיטאַציע בכלל". די אָנהענגער פון פאַרשלאַג האָבן געטענהט, אַז דער ציוניזם פאַרפירט פיל גוט־מיינענדע מענטשן און מאַכט זיי גלויבן, דאָס אין ציו־ניזם ליגט די לייזונג פון די אידישע אַרבעטער.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט אין „פאָרווערטס" פון 16טן יאַנואַר, 1902, פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל „די אידנפראַגע" אין וועלכער ער דריקט אויס זיין טיפע אומצופרידנקייט פאַרוואָס מען האָט דורכגעוואָרפן דעם פאַרשלאַג אַרויפצושטעלן דעם פּונקט „אידן־פראַגע" אויפן סדר־היום פון צוזאַמענפאָר.

„טעאָרעטיש האָבן מיר זיך אימער געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז ביי אונז זענען נאָר דאָ אַרבעטער און אויסבייטער, פּראָלעטאַריער און קאַפּיטאַליסטן, אָבער ניט אידן און קריסטן, ענגלענדער און פראַנצויזן א. א. וו. ווי ריכטיק דער שטאַנדפּונקט זאָל ניט זיין טעאָרעטיש, האָבן מיר אין דער פּראַקטיק קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דער אידישער אַרבעטער איז אַ איד חוץ וואָס ער איז אַן אַרבעטער... אין דער פּראַקטיק זענען מיר אידישע סאָציאַליסטן קיינמאָל ניט געווען גלייכגילטיק צו די רוסישע פּאָגראָמען, צו די עלילת דם־געמיינהייטן אין אונגאַרן, צו די רומענישע אידן־פאַרפאָלגונגען, צו די אַנטיסעמישע אָנגריפן אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך... אונזער צרה איז באַשטאַנען דערין, וואָס מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן צו דער אידנפראַגע ווען אויך ניט גלייכגילטיק, דערפאַר אָבער אויך ניט זייער סימפּאַטיש.

„אָט, למשל, האָט זיך דעם 27טן אָקטאָבער, 1893, אויף דעם קעלנער פּאַרטיי־טאָג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַוועקגעשטעלט דער גוי אויגוסט בעבעל און האָט (רעדנדיק צו דער רעזאָלוציע קעגן די אַנטיסעמיטן) געהאַלטן אַ רעדע איבער דער אידנפראַגע, וועלכע האָט באַוויזן, אַז דער מאַן האָט מער שטו־

דירט אונזער געשיכטע און האָט מער געקלערט וועגן אַנטיסעמיטיזמוס ווי אַלע אידישע סאָציאַליסטישע שרייבער אין אַמעריקע צוזאַמען גענומען, מיט דער איינציקער אויסנאַמע פון גענאָסע ליעסין.

„עס איז קיין צווייפל נישטאָ, אַז מיר וואָלטן אַ גרעסערן ערפאָלג געהאַט אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע גופא, ווען מיר וואָלטן זיך אַביסל מער אינטערעסירט מיט אונזערע ראַסן־גענאָסן, דאָס טוענדיק גראָדע אַלס סאָציאַליסטן".

די נאַציאָנאַלע שטימונגען זענען געוואָרן אַלץ טיפער צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט און בלי שום ספק האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָל די פאַרשטאַרקטע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און די אָפּקלאַנגען פון דער טעטיקייט פון די ערשטע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, עסטרייך און ענגלאַנד. אויך אין רוסישן „בונד" האָבן זיך דאַן געשטאַרקט די נאַציאָנאַלע שטימונגען. אין „אידישן אַרבעטער" (נומ. 6) פון 1899 קומט דאַן אַרויס דר. חיים זשיטלאָווסקי מיט דעם געדאַנק צו שאַפן אַן אַלוועלטלעכע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. אין 1900 נעמט דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אָן זיין באַקאַנטע רעזאָלוציע קעגן דעם ציוניזם און באַשליסט „ניט צולאָזן ציוניסטן ניט אין די עקאָנאָמישע, ניט אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס". קעמפנדיק קעגן די ציוניסטן, פאַלט אַריין אַש פון פייער־קאַמף אויך אין די אויגן פון „בונד" און עס ווערן שטאַרקער אין „בונד" די נאַציאָנאַלע שטימונגען. עס ווערן דאַן אויך פאַרשטאַרקט די טעטיקייט פון די פּוילישע פּ. ס. און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס קעמפן פאַר דער פרייהייט פון זייערע פעלקער (פינען, טשעכן, אַרמענער א. א.). דאָס אַלץ האָט געמוזט האָבן אַ קענטיקע ווירקונג אויך אויף די אידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דאָ אַן עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס" פון 31טן אָקטאָבער, 1902, געצייכנט פון ש. פּ. (ש. פּעסקין). דאָס איז אַן ענטפער אויף אַ פראַגע פון איינעם, ג. וויינער: ווי וואָלטן זיך געדאַרפט האַלטן אידישע סאָציאַליסטן אין פינלאַנד ? צי וואָלטן זיי געדאַרפט זיין „בונדאָווצעס" ד. ה. שטרעבן צו אַן אַלגעמיין־רוסישע קאָנסטיטוציע, אָדער פיליכט וואָלטן זיי געדאַרפט זיין פּ. פּ. ס־ניקעס און שטיצן דעם קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט פון די פינישע סאָציאַליסטן.

דער עדיטאָריעל־שרייבער ווייזט אָן, אַז עס זענען פאַראַן סאָציאַליסטן וואָס לאַכן פון יעדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. נאָך זייער מיינונג נאָך, איז אַ נאַציע איבערהויפּט אַ שלעכטע זאַך. זיי האָפן און ווילן אַז אין דער צוקונפט זאָלן איבערהויפּט קיין פעלקער ניט זיין. עס זיינען אָבער פאַראַן סאָציאַליסטן, וועלכע גייען ניט אַזוי ווייט. זיי גלויבן אָבער, אַז אַלע גרינטלעכע פאַרבעסערונגען אין אירגענד וועלכן פאָלק קענען געמאַכט ווערן נאָר נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. זיי גלויבן דעריבער ניט אין דער באַוועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון פוילן און פון פינלאַנד, זיי האַלטן ניט פון קיין אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

„מיר באַלאַנגען ניט צו די און צו יענע סאָציאַליסטן. מיר ווילן ניט אַז אַלע פעלקער זאָלן אויסגעקאָכט ווערן אין איין קאַשע. מיר גלויבן, אַז פּונקט ווי איך האָב אַ רעכט צו וועלן, אַז עס זאָל ניט זיין קיין אָרעם און רייך, מעג איך אויך וועלן, אַז אידן זאָלן בלייבן אַ נאַציע פאַר זיך, מיט אַן אייגענער שפּראַך, אייגענע זיטן, אייגענע קולטור, א. א. וו. און דאָס זעלבע מעג וועלן יעדע אַנדערע נאַציאָן.

אין דיזן זין האָבן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם גאָרניט צו טאָן איינע מיט דער אַנדערער. יעדער איינער קען פאָלקאָם זיין אַ נאַציאָנאַליסט און אַ סאָציאַליסט״.

דער מחבר פון עדיטאָריעל קומט דאַן צום אויספיר, אַז מען קען ניט וואַרטן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע מיט דער דערליידיקונג פון נאַציאָנאַלע עוולות. אפשר וועלן זיי אויך דאַן ניט ווערן דערלעדיקט; פיל נאַציאָנאַלע קריוודעס דאַרפן דערלעדיקט ווערן פריער, און דער אויספיר: „די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין פינלאַנד איז אַלזאָ אַ פאָלקאָם־גערעכטע באַוועגונג און ניט קיין פרוכטלאָזע. עס איז אַלזאָ קיין אורזאַך ניטאָ פאַרוואָס דאַרף אַזאַ באַוועגונג ניט אונטערשטיצט ווערן.״

דער שרייבער פון עדיטאָריעל האָט זיך דאָ דעררעדט צו אַ קלאָרער אַקצעפּטירונג פון דער שטעלונג פון פ. פ. ס. פינישע סאָציאַליסטן און אַנדערע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פאַרטייען. ער האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון פועלי־ציון אין זייער געראַנגל מיטן „בונד״.

א. ליטווין גיט איבער, אַז אב. קאַהאַן האָט צו יענער צייט געהאַט שטאַרקע נאַציאָנאַלע סענטימענטן; ער האָט טאָלערירט ליטווינען מיט זיין קלאָרער נאַציאָנאַלער שטעלונג און אים זאָגאַר פאַטראָניזירט. קאַהאַן איז געוואָרן אַ האַלבער „פאַררעטער״ קעגן דעם אַלטן, אָפּגעלעבטן קלייזל־געגנאָסענטום. אויך יואל ענטין וואָס האָט דאַן מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס״ זאָגט עדות, אַז אין די קאָרעספּאָנדענצן פון די ציון־קאָנגרעסן פון א. ליטווין, א. פרומקין א. א. איז געווען פיל וואַרעמקייט פאַרן ציוניזם. „דער אוגאַנדע־קאָנגרעס איז אַ חוץ אַ קאָרעספּאָנדענץ, אויך „געדעקט״ געוואָרן דורך בילדלעך און סצענקעס, וואָס איך האָב מיט מיטגעריסנקייט און מיט קאַהאַנס וואַרעמער גוטהייסונג צונויפגעקליבן אין די שילדערונגען פון לאָנדאָנער ציוניסטישן „דזשואיש קראָניקל״[12].

אין דער זעלבער צייט, ווען אין דער אַרבעטערשאַפט זענען רייפער געוואָרן סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע שטימונגען, זענען אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן די סאָציאַליסטישע שטימונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. א. ליטווין דערציילט אין אָנהייב 1903 וועגן אַ דעבאַטע אין העברעאיש, איינגעאָרדנט דורכן העברעאישן פאַראיין „מפיצי שפת עבר וספרותה״ אויף דער טעמע „צי קען אַ ציוניסט זיין אַ סאָציאַליסט? און פאַרקערט: צי קען אַ סאָציאַליסט זיין אַ ציוניסט?״. געזיגט האָט די מיינונג, אַז אַ ציוניסט קען זיין אַ סאָציאַליסט. פריער האָט מען ניט צוגעלאָזט דעבאַטירן אויף דער טעמע, אָבער לעצטנס זענען צוגעקומען אין פאַראיין פרישע ראַדיקאַלע מיטגלידער. די אַרגומענטן פון דער מערהייט דעבאַטאַנטן זיינען געווען: ציוניזם אַלס פרייהייטס־באַוועגונג איז פאַראינטערעסירט אין יעדן פרייהייטס־קאַמף און מוז סימפּאַטיזירן און העלפן דעם סאָציאַליזם. נאָך דעם ווי דער ציוניזם וועט דערגרייכן זיין ציל און פאַלעסטינע וועט ווערן אַ אידיש לאַנד, וועט דערמיט די סאָציאַלע פראַגע ניט ווערן געלעזט. דאַן וועט זיך ערשט אָנהייבן אין אידישן שטאַט, אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג[13].

אַלץ באַקאַנטע אַרגומענטן, וואָס האָבן דאַן געקלונגען ניי און רעוואָלוציאָנער אין די קרייזן פון די העברעער־ציוניסטן אין ניו־יאָרק.

טאַקע אין יענע קרייזן האָט זיך א. ליטווין געטראָפן מיט אַב. גאָלדבערג און אַנדערע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן מיט חדשים שפּעטער געגרינדעט דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן פועלי־ציון־פאַראיין אין ניו־יאָרק.

3.

# פאָרגעשיכטע פון פועלי ציון אין ניו יאָרק

באַך לאַנג פאַר דער גרינדונג פון ערשטן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן פּועלי ציון־פאַראיין אין ניו יאָרק (מערץ, 1903), האָבן שוין עקזיסטירט אין ניו־יאָרק ציוניסטישע פאַראיינען אונטערן נאָמען „פּועלי ציון". דאָס זענען ניט געווען קיין סאָציאַליסטישע פאַראיינען נאָר לינק־ציוניסטישע פאַראיינען, וואו ס'האָבן זיך גרופּירט אַרבעטער, קליינע האַנדווערקער און פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַ ציל צו פאַרשפּרייטן ציוניסטישע אידייען צווישן דער אַרבעטער־שאַפט און פאָלקס־מאַסן. דאָ איז פאָרגעקומען דער זעלבער פּראָצעס ווי אין רוסלאַנד און וואַרשיינלעך אויך אין עסטרייך, וואו ציון־פאַראיינען אונטערן נאָמען „פּועלי ציון" האָבן עקזיסטירט נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן אויס־שיילן אַ באַזונדערע סאָציאַליסטישע ריכטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די ערשטע ידיעה וועגן אַ פּועלי ציון־פאַראיין אין ניו־יאָרק געפינען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ניו יאָרק צו דער ווינער „וועלט" (נומער 48, פון 30טן נאָ־וועמבער, 1900). דעם 27טן אָקטאָבער — דערציילט דער באַריכט, האָט זיך גע־גרינדעט אין ניו יאָרק אַ נייער ציוניסטישער פאַראיין אונטערן נאָמען „פּועלי ציון". עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן 63 מיטגלידער. עס זענען געהאַלטן געוואָרן 3 רעדעס: פון רעוו. י. איזאַקסאָן אין „זשאַרגאָן"; פון מר. איזאַקסאָן אין העברע־איש און פון מר. אַדלער אין ענגליש. ס'איז געוואָרן געוויילט אַ פּראָוויזאָרישע פאַרוואַלטונג אויף 6 חדשים. אין איר זענען אַריין: דר. ס. ליכטענשטיין — פּרעזידענט; צ. גערענדא, שטעלפאַרטרעטער פון פּרעזידענט; ב. מאַרקאָוויטש, קאַסירער; ס. פרידמאַן, סעקרעטאַר, אַ. בינערמאַן און בעקער.

אין מיטן יאַנואַר, 1901, האָט זיך געגרינדעט דער ציונס אַרבעטער־פאַראיין מיטן צוועק „צו פאַרשפּרייטן די ליבע צו ציון צווישן די אידישע אַרבעטער". דעם 27טן יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג ביי די חברה בני יצחק אנשי ראַפּשיץ, 71 רידזש סטריט מיטן אָנטייל פון רעוו. יצחק אַבראַמאָוויטש און מאיר כהן. מאיר שעכטער איז אָנגעגעבן אַלס סעקרעטאַר פון פאַראיין. אין פעברואַר זענען פאָרגעקומען עטלעכע פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון די רעדנער: גענעס, גערסאָן, עללען און קניטער. דער פאַראיין האָט זיך סוף פעברואַר אָנגע־שלאָסן אין דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע. אין מערץ זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון משה ווייַנבערגער, פיינער, הורוויטש און זעלי־קאָוויטש.

אין אַפּריל 1901 אַנטשטייט אויך אַ צווייטער פאַראיין, אונטערן נאָמען „פּועלי ציון". סעקרעטאַר: אייזיק האַנקער. שפּעטער איז געוואָרן סעקרעטאַר מ. ווייַנער־מאַן. אין אויגוסט זענען פאָרגעקומען וואַלן פון באַאַמטע. עס זענען געוואָרן אויס־געוויילט: קליין — פּרעזידענט, אייזנשטיין — וויס־פּרעזידענט, מאיר מאָסאָוער — קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר, בימשטיין — רעקאָרדינג־סעקרעטאַר, קאַטלער

— קאַסירער, בערנשטיין, און ווינערמאַן. אַלס דעלעגאַטן צו די „יונייטעד זייאָ־ניסטס" זענען געוויילט געוואָרן: מאַסאַוער, קליין און גערענדאַ.

דער פּועלי ציון־פאַראיין האָט איינגעאָרדנט עטלעכע מאַסן־פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון רעוו. יוסף זעוו, דר. סטיפען ווייז, פּראָפ. ר. גאָטהייל, מאַסליאַנס־קי, לעאָן זאָלאָטקאָף א. א. פּראָמינענטע ציוניסטישע רעדנער.

אין „המכבי" — די אידישע אָפּטיילונג פון ענגלישן זשורנאַל „מאַקאַביען" *), געפינען מיר אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון די לינקע ציון־פאַראיינען. אויף דער 4טער יערלעכער ציון קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (פעב־רואַר, 1901) האָט דער פּועלי ציון־פאַראיין געהאַט צוויי דעלעגאַטן (מ. זילבערט און ב. פּרימאַק). אויף דער קאָנפערענץ האָט מייער (פילאַדעלפיע) פאָרגעלייגט אַז אַלע אַמעריקאַנער דעלעגאַטן צו די ציון־קאָנגרעסן מוזן ווערן באַשטעטיקט פון דער יערלעכער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע. יוסף זעוו האָט באַקעמפט דעם פאָרשלאַג. ער האָט דערקלערט, אַז יעדע שטרעמונג אין ציוניזם האָט אַ רעכט צו זיין פאַרטראָטן אויפן קאָנגרעס. מייער האָט דאַן צוריקגעצויגן זיין פאָרשלאַג. זעוו איז געשטאַנען נאָענט צו די לינקע ציון־פאַר־איינען און פיל מיטגעהאָלפן אין זייער טעטיקייט.

אין „המכבי" פון יאַנואַר 1902 ווערט דערציילט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג צווישן אַרבעטער אין ענגלאַנד. אויפן 5טן ציון־קאָנ־גרעס אין באַזעל (דעצעמבער, 1901), איז געקומען אַלס דעלעגאַט מ. ד. פאַלקאָפף, דער סעקרעטאַר פון דער שניידער־יוניאָן אין מאַנטשעסטער, די צווייט־גרעסטע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד. דאָס איז אַ באַווייז, אַז אַרבעטער קענען און דאַרפן די ציוניסטישע באַוועגונג אונטערשטיצן.

נאָענט צום פּועלי ציון־פאַראיין איז געשטאַנען די אגודה „אוהבי ציון". אייזיק עללען, איינער פון די עלטסטע ציון־טוער אין ניו יאָרק, שילדערט די טעטיקייט פון דאָזיקן פאַראיין. זיינע מיטגלידער זענען „צוממיינסטן אָרעמע און נאָך־ניט אַמעריקאַניזירטע אַרבעטער". דער פאַראיין האָלט אויף קלוב־צימערן און אַ ביב־ליאָטעק. עללען קריטיקירט דעם פאַראיין, אַז ער מאַכט אָן צו פיל טומל, שפּילט זיך אין אָפּאָזיציע, רופט צו באַיקאָטירן צייטונגען, צעברעכט פעדעראַציעס און גרינדעט נייע און מאַכט געוואַלדן אויף גאַנץ איסט בראָדוויי. ער אָרדנט איין צופיל בעלער און פּיקניקס. די פּועלי־ציון ציילן 50 מיטגלידער. זיי גייען נאָך די „אוהבי ציון" אין אַלע הינזיכטן. די מיינסטע מיטגלידער געהערן סיי צו פּועלי ציון און סיי צו „אוהבי ציון".

אין אַן ענטפער אויף די אָנפאַלן פון אייזיק עללען, ווייזט אָן יוזעף דייטש אויף דער ברייטער טעטיקייט פון די „אוהבי ציון". דאָרט גרופּירן זיך די גרינע, די פרעמדע. זיי העלפן אָרעמע און קראַנקע ציוניסטן. זיי זענען אַקטיוו אויף אַלע

*) דער איבערקאָפּ פון „המכבי" איז געווען: „המכבי," אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל, גע־ווידמעט פאַר ציוניסטישער וויסנשאַפט און אידיש־נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. בן פורת איז געווען רעדאַקטאָר פון ערשטן נומער, וואָס איז דערשינען אין אָקטאָבער 1901. פון ערשטן יאַנואַר, 1902, האָט די רעדאַקציע איבערגענומען ג. זעליקאָוויטש. לואי ליפּסקי האָט רעדאַ־גירט די ענגלישע אָפּטיילונג.

געביטן. „דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל זיי זענען קבצנים און זיי פילן מיט אַלע אידישע צרות".

די „אוהבי ציון" האָט איינגעאָרדנט אַ מיטינג אין קופּער יוניאָן לטובת די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. אין דער אידישער טאָג־פּרעסע איז סוף פעברואר, 1901, דערשינען אַן אויפרוף: „העלפט די פּועלי ציון", פון דער איקא, און „צו צייגן די בראַווע אַרבעטער אין די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס, אַז די אידן פון דער גאַנצער וועלט ווייסן דאַנקבאַר צו זיין די יעניקע וועלכע אָפּפערן זיך פאַר אונזער הייליק לאַנד".

אין פעברואר, 1901, האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אַ שאַרפער קאַמף פון אַ צאָל ציון־פאַראיינען אין ניו יאָרק קעגן „אידישן טאַגעבלאַט". דער קאַמף איז געוואָרן אָנגעפירט פון די „אוהבי ציון" און פּועלי ציון און רעוו. יוסף זעוו איז געשטאַנען בראש פון דאָזיקן הייסן קאַמף.

געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן אַ סטרייק פון בעקער־אַרבעטער. דאָס „אידישע טאַגעבלאַט" איז געוואָרן באַשולדיקט פון די יוניאָנס און פון „פאָרווערטס", אַז ער שטיצט די באָסעס אין קאַמף קעגן די אַרבעטער. 10 ציון־פאַראיינען האָבן פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף אין „פאָרווערטס" קעגן „טאַגעבלאַט". דער אויפרוף האָט באַשולדיקט דער צייטונג, אַז זי שטיצט טעמעני האָל ביי וואָל־קאָמפּאַניעס און איצט האָט זי זיך פאַרקויפט צו די בעקער־באַלעבאַטים. דער אויפרוף, געשריבן אַ העלפט אין אידיש און אַ העלפט אין העברעאיש, טאַדלט דאָס „אידישע טאַגע־בלאַט" מיט די שאַרפסטע ווערטער און ענדיקט זיך מיטן רוף צו באָיקאָטירן די צייטונג „וואָס איז אַ געפערלעכע מכה אויפן קערפּער פון אידנטום און פאַרקויפט דעם כבוד פון אידישן פאָלק בעד אתנן זונה ומחיר כלב און מאַכט דעם אידישן נאָמען לנדה בגויים ולשמצה בין עמי הארץ". דער אויפרוף פאַרלאַנגט אויך אַז מען זאָל ניט קויפן קיין פּראָדוקטן, וואָס ווערן אַנאָנסירט אין „טאַגעבלאַט".

דער אויפרוף איז געוואָרן אונטערגעשריבן דורך אוהבי ציון, פּועלי ציון, זייאָן ליטערערי סאָסייעטי, קול ציון, תפארת ציון, דורשי ציון מברוקלין, דגל ציון, דגל מחנה יהודה נומ. 1, דגל מחנה יהודה נומ. 2, טשילדערן זייאָן סאָ־סייעטי [14]).

די דאָזיקע פאַראיינען האָבן אויך גערופן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן „טאַגעבלאַט". אויף דער אינטערווענץ פון דעמאָלסדיקן פּרעזידענט פון דער ציון־פעדעראַציע, פּראָפ. ריטשאַרד גאָטהייל, האָבן די איניציאַטאָרן מסכים גע־ווען ניט צו רופן עס פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, נאָר אַ געוויינלעכן ציוניסטישן אַגי־טאַציע־מיטינג. יוסף זעוו האָט דאָרט גערעדט וועגן אַ נייער אַרבעטער־פריינט־לעכער פראַקציע אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער „פאָרווערטס"־שרייבער אב שלום, וואָס האָט זיך ברייט צעשריבן וועגן דעם מיטינג אין אַן אויספירלעכן באַריכט א. נ. „די גאָטהייל־זעף אָפּערע און די ציוניסטן" פירט אויס: „וואָס אַנבעלאַנגט אונז, קענען מיר אַזאַ ערשיינונג אין דעם ציוניזם באַגריסן פון טיפן הארץ. מיר, סאָציאַליסטן, האָבן קיין מורא ניט פאַר קאָנקורענץ. מיר גלויבן אויף אַזוי פיל אין דער מאַכט פון דער צוקונפט פון אונזער גרויסער אידעע, דאָס מיר האָבן זיך ניט וואָס אָפּצושרעקן, טאָמער וועט עמיצער אָפּקערן פון אונז דאָס אַרבעטער־פאָלק, און מיר דערלאַנגען די האַנט

יעדן איינציקן, וועלכער וויל אַרבעטן מיט אונז צוזאַמען, ערליך און געוויסנהאַפט, אויף דעם פעלד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג [15]).

די „בני ציון" האָבן פאַרעפנטלעכט אין „טאַגעבלאַט" אַ שאַרפע ערקלערונג קעגן יוסף זעוו. ער ווערט אָנגערופן „אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער פערזאָן, וועמענס ציוניזם איז געמישט מיט אַנאַרכיזם. ער האָט אויף מיטינגען פון סאָציאַליסטן פאַרדאַמט דעם „טאַגעבלאַט".

אין אַן אַרטיקל אין דאָס „אידישע טאַגעבלאַט" פון 3טן פעברואַר, 1901, א. ב. „אַרויס פון זאַק", ווערט דערציילט, אַז זעוו האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיטן געגנאַסע באַראַנדעס אין קאַמף קעגן „טאַגעבלאַט". זעוו ווערט באַשולדיקט אַז ער האָט אַמאָל אַטאַקירט הערצלען און דעם גאַנצן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ווייל זיי האָבן אים ניט געוואָלט אָנשטעלן אַלס ציוניסטישן אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע מיט אַ פּאַסיק געהאַלט און ענלעכע באַשולדיקונגען פון זעלבן מין.

דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, פּראָפ. ריטשאַרד גאָטהייל, האָט זיך געזען געצוואונגען צו פאַרעפנטלעכן אַ דערקלערונג אין וועלכער ער רופט ביידע פאַרביטערטע צדדים צו מאַכן שלום און ער טאַדלט די יעניקע ציוניסטישע פאַראיינען וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט אין פראַגן וואָס גייען ניט אַריין אין דער ספערע פון זייער טעטיקייט [16]).

אין יולי, 1903, איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע צענדליק ציוניסטישע פאַראיינען אין ניו יאָרק וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פאַרבאַנד „יונייטעד זייאָניסטס אָוו גרעייטער ניו יאָרק". די דאָזיקע פאַראיינען זענען געווען אין אָפּאָזיציע צו דער אָפיציעלער ציון־פעדעראַציע און פּראָטעסטירט קעגן פּראָפ. גאָטהיילס „דעספּאָטישע הערשאַפט". דער „פאָרווערטס" דערציילט אין זיין באַריכט אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט ראַדיקאַלע ציוניסטן. יוסף זעוו האָט דערקלערט אין זיין רעדע, אַז אפילו אָרטאָדאָקסישע אידן דאַרפן סימפּאַטיזירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, ווייל די רעוואָלוציאָנערן קעמפן פאַר פרייהייט און גלייכע רעכט פאַר אַלע רוסישע בירגער, איינגעשלאָסן אידן. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אונטערשטיצן דעם יוניאָן־לייבל און ניט דרוקן קיין זאַכן אין סקעב־דרוקערייען [17]).

יוסף זעוו איז געווען אַ טראַגישע פיגור. ווי עס דערציילט לואיס ליפסקי אין זיינע זכרונות, „האָט ער זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער ציוניסטישער וועלט. דער טויט פון דר. הערצל האָט אים פולשטענדיק אויפגעטרייסלט און אים אויך אַרויסגעשטויסן פון דער ציוניסטישער אַרבעט. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרביטערט. ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן, פאַריתומט. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אויסגעזען רעזיגנירט און איז געווען מער ענלעך צו אַ שאָטן פון אַ מענטש; ער איז שוין מער ניט געווען דער שטאָלצער, אימפּאָזאַנטער און ענערגישער יוסף זעוו, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס דער אָפיציעלער שליח פון טעאָדאָר הערצל".

ער איז געשטאָרבן אין 1919 און געקומען צו קבורה אויף אַ בית עולם אין ברוקלין. אַ גרופּע אידישע זשורנאַליסטן האָט אַוועקגעשטעלט אַ מצבה אויף זיין קבר און אַזוי אַרום איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער לעצטער כבוד צו יוסף זעוו, דעם אַמאָל ערפאָלגרייכן, פעאיקן פיאָנער פון ציוניזם אין רוסלאַנד, וועלכער איז

דורך הערצלען באַאויפטראַגט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער ציוניסטישער מיסיע אין אַמעריקע [13].

דער פּועלי ציון־פאַראיין איז, זעט אויס, אונטערגעגאַנגען אין מיטן 1902. אויף דער 5טער ציון־קאָנוועגשאָן אין באָסטאָן, דעם 25טן און 26טן מאַי, 1902, זענען שוין ניט געווען קיין דעלעגאַטן פון ניו יאָרקער פּועלי ציון פאַראיין. זעוו איז שוין ניט געווען מער צווישן די וויס־פּרעזידענטן פון דער קאָנפערענץ. די קאָנוועגשאָן האָט באַשלאָסן אַז די אידישע אָפּטיילונג „המכבי" זאָל נאָר דער־שיינען פון צייט צו צייט. מען זאָל זאַמלען געלט פאַר אַ באַזונדערן זשורנאַל אין אידיש. פאַקטיש האָט דאָן אויפגעהערט דערשיינען דער ערשטער אָפיציעלער אָרגאַן אין אידיש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און געבליבן איז נאָר דער ריין־ענגלישער זשורנאַל „מאַקאַביען".

אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אויף די שפּאַלטן פון „מאַקאַביען" (סעפּטעמבער, 1902) וועגן דער צוקונפט פון אידיש. אברהם שלמה וואַלדשטיין, דער שפּעטערדיקער טוער פון די פּועלי ציון (גע־שטאָרבן אין ירושלים אין 1932) האָט אָנגעהויבן דעם וויכוח מיט אַן אַרטיקל „אידיש ווערזוס היברו" און געוויזן אַז אידיש גייט אונטער. פּראָפ. געצל זעלי־קאָוויטש האָט אונטערשטיצט זיין שטאַנדפּונקט. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, דער באַ־קאַנטער פילאָלאָג און מחבר פון פיל ווערטער־ביכער, האָט באַוויזן, אַז די העברע־אישע ליטעראַטור קאָן געדייען נאָר צווישן אידיש־רעדנדע. דר. לעאָ זאָלאָטקאָף, באַקאַנטער ציוניסטישער פּובליציסט, האָט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקער באַדיי־טונג פון אידיש ביים פּאָפּולאַריזירן העברעאיש און ציון.

4.

# די ווירקונג פון קישינעווער פאָגראָם

**ד**ער שרעקלעכער פּאָגראָם וואָס איז אויסגעבראָכן אין קישיניעוו, פסח, דעם 6טן אַפּריל, 1903, האָט אויפגעטרייסלט דאָס וועלט־אידנטום און האָט אויך אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציע אין דער נשמה־וועלט פון אַמעריקאַנער אידנטום.

אין רוסלאַנד איז דער קישיניעווער פּאָגראָם געווען דער שטויס צו דער אָר־גאַניזירונג פון דער זעלבסטשוץ, און בראש פון איר זענען געשטאַנען די אַרבע־טער־פּאַרטייען. דער נקמה־אַקט פון פּינחס דאַשעווסקי, אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך געוואָרפן מיט אַ מעסער אויף קרושעוואַן, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון קי־שיניעווער פּאָגראָם, האָט אַרויסגערופן כוואַליעס פון טיפער סימפּאַטיע און פּאַרערונג אין אַלע ווינקעלעך פון דער אויפגעציטערטער אידישער וועלט.

שמעון פרוג האָט אויסגעדריקט זיין ווייטיק אין זיין פּאָפּולער־געוואָרן ליד:

ברידער, שוועסטער האָט רחמנות,
גרויס און שרעקליך איז די נויט,
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט...

ביאַליק האָט מיט זיין צאָרן־פּאַעמע, וואָס האָט צוליב צענזור־טעמים גע־הייסן „משא נמירוב" אַריינגעשלאָגן ווי אַ דונער אין די צעפּלאָמטע געמיטער פון דער אידישער יוגנט:

„אַ פּויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכנען פאַר אַלע דורות,
און איינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען,
מיין שטול, מיין כסא כבוד איבערקערן!...

די אַמעריקאַנער אידן, אַריינגערעכנט די געגנאָסן, האָבן אויפגעהויבן אַ שטור־מישע פּראָטעסט־באַוועגונג און עס איז דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דער דאַן יונגער, נאָר־וואָס אָרגאַניזירטער קליינער פּועלי ציון־גרופּע, וואָס זי האָט די ערשטע גערופן די אידן־מאַסן פון ניו־יאָרק אויסצושרייען זייער צער און צאָרן און אָרגאַניזירן פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס קעגן בלוטיקן צאַריזם.

דעם 11טן מאַי, 1903, איז דערשינען אין „פאָרווערטס" און אין אַנדערע צייַ־טונגען דער „אויפרוף צום אידישן פאָלק", וואָס רופט צו שיקן דעלעגאַטן צו אַ קאָנפערענץ וואָס זאָל אָרגאַניזירן די מאַסן־דעמאָנסטראַציע קעגן פּאָגראָמען. אונטערגעשריבן אונטערן אויפרוף איז געווען — דער ביז דאַן ווייניק־באַקאַנטער „ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער פאַראיין פּועלי־ציון".

די לעצטע זאַצן פון פלאַמענדיקן אויפרוף לויטן:

„ווייסט איר, אַלע מענטשן מיט אַ פאַרקנעכטעטן גייסט, אַז די געזעלשאַפט־לעכע מיינונג אין אַמעריקע און אייראָפּע איז די איינציקע מאַכט, וואָס קען נאָך אָפּהאַלטן די בלוטיקע רוסישע רעגירונג צו טאָן נאָך אַזאַ שריט, און אַז אויפוועקן

דאָס געוויסן פון אַלע עדלע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט צום פּראָטעסט קעגן דער בעסטיאַליטעט פון דער רוסישער רעגירונג, קען נאָר אַזאַ ריזיקע דע־מאָנסטראַציאָן, אַזאַ געשריי פון צענדליקער טויזנטער הערצער אין אונזער אידישן קוואַרטאַל, דעם גרעסטן אידישן קוואַרטאַל אין דער וועלט!

„מיר טוען בלויז דעם ערשטן שריט. מיר רופן איין אויף מיטוואָך, דעם 13טן מאַי, צוליב דעם צוועק אַ קאָנפערענץ אין נומער 9 ראַטגער פּלעיס, אין די קלאָב־ראָמס פון די „אוהבי ציון״. מיר האָפן, ניין, מיר זענען זיכער, אַז קיין אידישער פּאַראיין, צו וואָסער פּאַרטיי ער זאָל נישט געהערן, קיין אידישע חברה, קיין שוהל אין ניו־יאָרק, ברוקלין, בראָנזוויל און אין די אַרומיקע קאָנטריעס וועט ניט פאַר־פעלן צו שיקן אַהין זייערע דעלעגאַטן.

„די בעסטע רעדנער פון אידישן קוואַרטאַל וועלן אַדרעסירן די פּאַרזאַמלונג און ערקלערן איר אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט און איר אומגעהויערע וויכטיקייט.

„אָבער ניט דער רעדן — דער טאָן איז יעצט וויכטיק!

„צום פּראָטעסט אַלזאָ אידן! ברידער! לאָזט הערן אייער געשריי, אייער קרעכץ פאַר דער גאַנצער וועלט; מיט שוואַרצע פאָנען און טרויער־מוזיק לאָמיר אַרויס איבער די גאַסן! לאָמיר אַפּעלירן צו דער גאַנצער מענטשהייט! נאָר אַזאַ גוט־אָרגאַניזירטע ריזן־דעמאָנסטראַציאָן פון דעם אידישן פאָלק קען אויפוועקן צו אונזער רוף די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין דער גאַנצער וועלט און נאָר די גע־זעלשאַפטלעכע מיינונג, דער געשריי פון דער וועלט־פּרעסע איז די מאַכט, פאַר וועלכן די רוסישע טיראַנען קענען ציטערן!״

אַ טאָג שפּעטער מעלדעט די „פּועלי ציון״, אַז אַזוי ווי די ווענדונג איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט שטאַרקער באַגייסטערונג דורך דער גאַנצער אידישער פּרעסע און אויך פון דער גאַנצער דענקענדיקער און פילנדער אידישער באַפעל־קערונג און עס ווערן דערוואַרט הונדערטער דעלעגאַטן, בעט מען יעדע אָרגאַ־ניזאַציע נאָר צו שיקן 3 דעלעגאַטן.

אין טאָג פון דער קאָנפערענץ, דעם 13טן מאַי, איז אין „פאָרווערטס״ דער־שינען אַ כאַראַקטעריסטישער עדיטאָריעל א. ג. „די פליכט פון די סאָציאַליסטן אין דער איצטיקער מהומה״. אינטערעסאַנט זענען די פאָלגנדע שורות:

„קאַרל מאַרקס און לאַסאַל, און קויטסקי און בערנשטיין, און די איבעריגע לעבעדיקע און טויטע וואָרט־פירער פון סאָציאַליזם האָבן אונז ניט געזאָגט ווי אַ אידישער סאָציאַליסט דאַרף זיך באַנעמען אין אַ צייט ווען אין רוסלאַנד שעכט מען אויס אידן ווי שאָף. די לערע פון קלאַסן־קאַמף און פון גלייכהייט צווישן מענטשן אין אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט גיט אונז ניט קיין אַנטוואָרט אויף דיזער פראַגע. דיזע אַנטוואָרט מוזן מיר זיך זעלבסט געבן און פון דעם הענגען אָפּ אונזערע צוקונפטיקע ערפאָלגן אָדער מפּלות און די אויסבילדונג און פאָרטשריט פון אידישן פאָלק.״

דער עדיטאָריעל רופט ווייטער אנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ, גערופן דורך די פּועלי ציון און ער ענדיקט זיך מיט די וויטערדיקע כאַראַקטעריסטישע שורות:

„און האָט קיין מורא ניט, אַז דאָס איז ניט וויסנשאַפטלעך. ווען אין דייטש־לאַנד האָט אויסגעבראָכן די כאָליערע, און אַלע האָבן מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט צו די אומגליקלעכע זאָראַזשעטע, זענען די סאָציאַליסטן געווען די ערשטע און

די איינציקע, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט צו העלפן די, וועמען הילף האָט נאָך געקענט רעטן. סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס און שריפטשטעלער האָבן פאַרלאָזן די פּלאַטפאָרם, די פּען און זענען געוואָרן נוירסעס און טרעגער״...

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען פיל יוניאָנס, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, קאָנסערוואַטיווע לאַדזשעס און דער „בונד״. די גענאָסן מילער און באַראָנדעס האָבן גערופן צו אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע. יוסף זעוו האָט דערקלערט, אַז די וואָס זאָגן אַז אַ דעמאָנסטראַציע איז ניט אין אידישן גייסט, קענען ניט די אידישע געשיכטע, די אידישע טראַדיציע. ער איז געוואָרן שטאַרק אַפּלאָדירט.

דעם 20טן מאי האָט א. ליעסין פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל „אונזערע פאַרטגעשריטענע גלות־אידן״. מיט דער בייטש פון זיין שאַרפער סאַטירע טרעט ער אַרויס קעגן יענע גענאָסן, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַר זייערע גויעשע גענאָסן און האָבן מורא אויסצושרייען זייער אידישן פּראָטעסט קעגן די שחיטות פון זייערע ברידער.

...„איר הערט גאַנץ אָפט די שטימע פון די דאָזיקע אידן — דונערנדיק פאַר די פּאָליאַקן, די פינלענדער, די אַרמענער; זיי בליבן אָבער טויב־שטום, ווען עס דערגרייכט צו זייערע אויערן די שטים פון זייערע אייגענע אומגליקלעכע ברידער״. ער פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס „אין אַן אָפיציעלן ענגלישן אָרגאַן, וועלכער איז דריי פערטל אויף די אידישע פּעניס אויסגעהאָדעוועט געוואָרן״, איז קיין איינציק וואָרט ניט געשריבן געוואָרן וועגן קישיניעווער פּאָגראָם. „זענען פיל פון אונזערע גענאָסן רויט געוואָרן פאַר בושה דאָס אָנצוקוקן? האָבן פיל פון אונזערע גענאָסן קעגן דעם פּראָטעסטירט?״

מיט אַ וואָך שפּעטער איז געשען אַ מעשה נורא: די דזשענעראַל קאָמיטע פון דער ניו יאָרקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָרנענדיק די אידישע סאָציאַליסטן ניט צו פאַרגעסן דעם סאָציאַליזם צוליב קישיניעוו, ניט צו ווערן קיין אידישע נאַציאָנאַליסטן...

די חנ׳עוודיקע רעזאָלוציע זאָגט, אַז די סאָציאַליסטן מוזן געדענקען, דאָס דער הערשנדער קלאַס איז איבעראַל געמיין און נידערטרעכטיק און אַז די זעלבע מענטשן וואָס פּראָטעסטירן קעגן קישיניעוו, האָבן אַליין פאַרגאָסן אַרבעטערבלוט אין לאַטימער, און אין העמסטעד. „סאָציאַליסטן״, דערקלערט די רעזאָלוציע, „מוזן באַקעמפן אַלעמען גלייך, סיי די מערדער פון האָמסטעד, סיי די מערדער פון קישיניעוו״.

דער „פאָרווערטס״ האָט דעם 29טן מאַי פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן עדיטאָריעל קעגן דער דאָזיקער משונהדיקער וואָרנונג, אין וועלכער ס׳האָט זיכער געהאָט אַ יד אַן אַסימילאַטאָריש אידיש קעפּל.

דער עדיטאָריעל חוזקט: „לאַנג האָט געגומען אונזער דזשענעראל קאָמיטע אויסצושפּרעכן זיינע געפילן וועגן קישיניעוו. די מענטשהייט אָבער, וואָלט, דאַכט זיך, ניט פיל פאַרלוירן, ווען דער דאָזיקער קאָמיטעט וואָלט אינגאַנצן פאַרשוויגן די פראַגע״.

דער עדיטאָריעל־שרייבער פאַרגלייכט קישיניעוו מיט האָמסטעד און דערקלערט: „אין קישיניעוו האָט ניט איין אַרמיי פון דער געזעלשאַפט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַן אַנדער אַרמיי, ניט איין קלאַס איז אַרויס אויף מלחמה קעגן דעם צווייטן. דאָרט איז אַ ווילד, אַ בלינד, אַ בעסטיאַל פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק

אַרויס צו טויטן, מאָרדן און ראַבעווען אַן אַנדער פאָלק. אַלע קלאַסן פון איין נאַציע האָבן זיך פאַרבונדן קעגן אַלע קלאַסן פון אַ צווייטער נאַציע, און ניט קיין מלחמה, ניט קיין שלאַכט איז פאָרגעקומען צווישן די דאָזיקע צוויי פעלקער, נאָר אַ קיילעריי, אַ שעכטעריי, אַ ברוטאַלער מאָרד פון אומבאַוואָפנטע, אומבאַשיצטע אַלטע גרייזן, יונגע און קינדער און קראַנקע פרויען.

און דאָן קומט דער סוף־פּסוק פון עדיטאָריעל: „די אידישע סאָציאַליסטן וועלכע די רעזאָלוציע „וואָרענט" זיי זאָלן ניט ווערן קיין נאַציאָנאַליסטן, וועלן פאָרזעצן די זעלבע טעטיקייט זייערע און אין דער זעלבער ריכטונג און זיי זיינען איבערצייגט, אַז די דאָזיקע טעטיקייט און ניט די „וואָרנונגען" פון דער דזשע־נעראַל קאָמיטע קען אונז שאַפן דעם באָדן פאַר די צוקונפטיקע ערפאָלגן פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע".

דער „פאָרווערטס" איז אויך אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן די „בני ברית" (24 מאַי) אין אַ נאָטיץ „אַ שאַנדע פאַר אידן". די „בני ברית" האָט צע־שיקט אַ צירקולאַר צו אירע אָפּטיילונגען, אַז מען זאָל זיך ניט צופיל קאָכן וועגן ענין קישיניעוו. „עס איז ניט שיין און ניט קלוג", האָט דערקלערט די הויפּט־לייטונג פון „בני ברית", אַז „מען זאָל אָנפאַלן אויף דער רוסישער רעגירונג פאַר דער מערדערליכער ברוטאַליטעט פון אַ צעווילדעוועטער מענגע. זי, די רעגירונג, וועט ניט נעמען אין אַכט אַן אַפילו פאַר גערעכטיקייט, ווען דער אַפּיל זאָל זיין אין אַ טאָן פון זידלעריי". דער „פאָרווערטס" האָט דאָן ריכטיק אויסגעדריקט די פּראָטעסט־געפילן פון דער אידישער מאַסע, ווען זי האָט אָנגערופן דעם דאָזיקן צירקולאַר „אַ שאַנדע פאַר אידן".

אַב. קאַהאַן האָט געשריבן אין יענע טעג אין אַ פּאָלעמיק קעגן די „שטרענג־אויסגעהאַלטענע" אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך איינגערעדט, אַז נאָר זיי האָבן דעם פּאַטענט אויפן סאָציאַליזם: „איך זאָג פון גאַנצן האַרץ, אַז דער וואָס קען אין אַזעלכע מינוטן ניט פילן, אַז זיינע ברידער, זיין פאָלק האָט מען געריסן אויף שטיקער, יענעם דאַרף דער סאָציאַליזם ניט האָבן אונטער זיין הייליקער פאָן". מען וואַרפט אים פאָר אַז ער איז „צופיל איד"... „אַה, ווען די אַנדערע וואָלטן ניט געווען צופיל גויי, וואָלט אונז ניט אויסגעקומען צו זיין צו פיל איד". „די בילדער פון קישיניעוו טרעטן ניט אָפּ פון מוח. דאַכט זיך, אַז מען קלערט גאָר וועגן אַן אַנדער זאַך, און אין מיטן דערינען זעט מען זיך אַרום, אַז פאַר דעם געדאַנקען־אויג שטייט די פיגור פון דעם בלינדן, ביי וועמען די פאַ־גראַמשטשיקעס האָבן זיין איינציק אויג אַרויסגעריסן". ער דערגייט אַזוי ווייט ביז צו דערקלערן: „יאָ, איך וועל זיך דאָ מודה זיין, זאָגן גאַנץ אָפן, אַז בשעת איך פאַרטראַכט זיך וועגן די רציחות פון פּאָגראָם און פון די טויט־שרעקעניש פון אַלע רוסישע אידן, ליגט מיר אין דער מינוט מיין טייערע אידעע ניט אין זינען" [19].

א. ליטווין קומט דאָן אַרויס אין „פאָרווערטס" (21טן מאַי) מיט זיין אַרטיקל „און אפשר"? (צו דער פראַגע וואָס טוט מען?). ער רוקט אַרויס דעם קלאָרן פאָרשלאָג, אַז מען זאָל ריכטן די עמיגראַציע פון די רוסישע אידן קיין ארץ ישראל. ער שליסט זיין אַרטיקל מיט די ווערטער: „אַזוי ווי אַ גרויסע, פּליטיכע אומגעהויער־גרויסע עמיגראַציע איז אונז אוממעגליך צו פאַרמיידן — ביי די איצטיקע אומשטענדן — וואָלט אפשר טאַקע געווען אַ גלייכע זאַך צו באַנוצן

דעם מאָמענט, זען אַז דער געוואַלדיקער עמיגראַנטן־שטראָם זאָל בעסער גיין אין איין וועג, אין אַזאַ וועג — וואוהין עס ציט אַ גרויסן טייל פון דער אידישער מאַסע, וואו מען זאָל קענען געבן כאָטש אַ טייל פון דער דאָזיקער מאַסע איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ היים, וואו זיי זאָלן קענען זיין זיכער, ווייניקסטנס פון פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם".

אויך אַן אַנדער וויכטיקער פובליציסט און וואָרט־זאָגער, צו וועמענס מיינונג מען האָט זיך שטאַרק צוגעהערט — דר. הלל זאָלאָטאַראָוו — איז אַרויס אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" מיט אַן ענלעכן רוף. אין צוויי אַרטיקלען (23 און 30 מאַי) א. נ. „ערנסטע פראַגן" קומט ער צום אויספיר, אַז מיר מוזן ניט העלפן רעטן דאָס אידישע פאָלק פון דער אויסערלעכער קראַפט פון פאַרפאָלגונג און פאַר־ניכטונג, נאָר אויך זוכן צו העלפן גרופירן די מאַסן אין צענטערן, וואו אַ נאַציאָ־נאַלע גאַנצקייט זאָל ניט דערלאָזן אַן אינערלעכע פאַרניכטונג פון דעם פאָלק. „מיר מוזן ווערן די אַוואַנגאַרדן פון פרייהייט און ליכט און העלפן די אַנטוויקלונג פון אַ קולטור, וועלכע זאָל פירן צו אַ פרייער און בעסער געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונזער פאָלק".

זאָלאָטאַראָוו זעט אין אויפשטייג פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ניט נאָר דעם אומבאַוואוסטן גייסט פון די מאַסן זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, נאָר אויך דעם באַוואוסטן אויסדרוק פון דעם ווידער־קול פון די טיפענישן פון דער אייגענער נשמה... „פון יענעם ווײ־געשריי פון די אידישע מאַרטירער, וואָס כאַפּט אונז אַרום ווי אַ פלאַם פייער און פאָדערט אונזער זעלע אין דעם ברענענדען באַגער צו טאָן עפּעס פאַר אונזער פאָלק, צו ראַטעווען עס פון די הענט פון זיינע פייניקער". „יאָ — מעגן מיר זיין, ווער מיר ווילן, אויב מיר זענען ניט טריי צו זיך אַליין, און מיר געהערן נאָך ניט צו יענע מלאכים מיט דעם וויסענשאַפטלעך־פילאָזאָפישן געשמאַק און די קליינע זעלעלעך, וואָס זענען צופרידן מיט דאָס ביסל מינץ, וואָס זיי מאַכן אין דעם געבענטשטן לאַנד אַמעריקע, און מיר געהערן שוין אויך ניט צו יענע וואַרעמע און ענטוזיאַסטישע זעלן, וועלכע האָבן פאַר אַלע מכות איין רפואה — די צוקונפט — און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט איין משיח — די צוקונפטיקע געזעלשאַפט, — דאַן, זאָג איך, זענען מיר ווילנדיק־ניט־ווילנדיק נאַציאָנאַליסטן".

די דאָזיקעביידע אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן אַ שטורם צווישן די גע־נאָסן און אַנאַרכיסטן. אין „פאָרווערטס" האָט זיך אויפגעהויבן אַן אמתער שטורם. א. ליטווין דערציילט וועגן דעם: „עס זיינען געלאָפן איינצלנע שטאָפּעטן און גאַנצע קאָמיטעס צו קאַהאַנען און געפאָדערט „מיין קאָפּ". און זיי האָבן אים גע־קראָגן... אָבער קאַהאַן האָט נאָכגעגעבן ניט אינגאַנצן. ער האָט מיר פאָרגע־לייגט ווייטער צו שרייבן אין „פאָרווערטס", ניט אַלס אינעווייניקסטער מיטאַר־בעטער, נאָר אַלס „אויססיידיקער" [20]).

אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט זיך אַנטוויקלט וואָכנלאַנג אַ הייסער וויכוח צווישן אָנהענגער און קעגנער פון זאָלאָטאַראָוו. אב. גאָלדבערג, דער שפּע־טערדיקער פירער פון פועלי־ציון, ס. ט. און דאַן אַלגעמיינע ציוניסטן, האָט אין אַן אַרטיקל „אַנאַרכיזם און ציוניזם" אונטערשטיצט זאָלאָטאַראָווס מיינונגען. איינער וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן „אַ געוועזענער ציוניסט" האָט שאַרף אָנגעגריפן זאָלאָטאַראָוון. אַ געוויסער ש. הורוויץ האָט געשריבן: „וואָרטן אויף הערצלס שטאָט

וואָלט אויסגעקומען צו לאַנג צו וואַרטן. איז שוין בעסער, צו וואַרטן אויף דער אַלטער אָבער זיכערער רפואה, די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן".

מאָריס מייער — דער שפּעטערדיקער ציון־טוער און רעדאַקטאָר פון דער לאָנדאָנער „צייט" האָט אין אַ בריוו פון מאַנטשעסטער „דערקלערט" אַז „דאָס אידישע פאָלק אַלס נאַציאָן איז שוין לאַנג טויט... די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז די איינציקע באַפרייערין פון די מענטשנס ליידן".

די רעדאַקציע האָט אויך מאָביליזירט ניט־אידן אין קאַמף קעגן דער ציוניס־טישער קראַמאָלע. פּעטער קראָפּאָטקין האָט אין אַן אַרטיקל וועגן קישיניעווער פּאָגראָם גע'עצהט די אידן צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר אַ פרייער וועלט. אַן אַנדער ניט־אידישער אַנאַרכיסט, ס. ל. דזשיימס, האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס צוזאַ־מענקלייבן די אידן אויף איין פּלאַץ וועט נאָר פאַרשטאַרקן די אידן־רדיפות, „דער איד פון געטאָ האָט ווייניק אורזאַכן צו גלייבן די ראָטשילדס מער ווי די קריסטלעכע עקספּלואַטאַטאָרס". זאַלאַטאַראָוו האָט געענטפערט זיינע אָפּאָנענטן און ש. יאַנאָווסקי — דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג — האָט אין אַ סעריע אַרטיקלען וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן 15טן אויגוסט, קלאָר געמאַכט די אָפיציעלע ליניע פון אַנאַרכיזם, וואָס גרענעצט זיך אָפּ פון נאַציאָנאַליזם.

ה. וויגדערסאָן, אַן אַלטער גענאָסע, האָט אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע שאַרף פּראָטעסטירט קעגן „פאָרווערטס", וואָס האָט אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַליסטי־שע פּראָפּאַגאַנדע. „אנשטאט צוזאַמענצוהאַלטן די אידישע סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן ניט מיטגעשלעפּט ווערן מיטן רעאַקציאָנערן שטראָם, ווערט די דאָזיקע צייטונג אַליין מיטגעשלעפּט; אָנשטאַט צו דערקלערן אַלס דעם איינציקן מיטל קעגן די פּאָגראָמען, די אָפּשאַפונג פון ראַסן־האַס, באַווייזט מען די לע־זער, אַז מיר זענען אַן אָפּגעזונדערט פאָלק און מיר דאַרפן זיך ניט פאַראייניקן מיט אַלע אונטערדריקטע, אום צו קעמפן קעגן אַלע אונטערדריקער, אידישע ווי קריסטלעכע". דער „פאָרווערטס" מאַכט די גרעסטע סענסאַציעס. די קעפּלעך זע־נען ניט ווי פון אַ סאָציאַליסטישער נאָר פון אַ פּאַטריאָטיש־ציוניסטישער צייטונג, און די נייעס ווערן געשריבן אויף אַזאַ אופן, אַז דער לעזער זאָל באַאיינפלוסט ווערן צו האַסן יעדן וואָס טראָגט נאָר אויף זיך דעם נאָמען „איד". וויגדערסאָן אַטאַקירט אויך דעם „פאָרווערטס" פאַר פאַרעפנטלעכן די פּעטיציע צום פּרעזי־דענט טעאָדאָר רוזוועלט (אין נומער פון 16טן מאַי). „צו אַ פאַרשטייער פון אַ לאַנד, וואו טויזנטער נעגער ווערן יערליך געלינטשט, וואָס האָט אויסגעמאָרדעט טויזנ־טער פיליפּינער, צו דיזן מאַן שיקט אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אַ פּעטיציע זיך אָנצונעמען פאַר די רוסישע אידן". (דער „פאָרווערטס" האָט גערופן אַז אַ מיליאָן אידן און קריסטן זאָלן אונטערשרייבן אַ פּעטיציע צו רוזוועלטן, ער זאָל ווירקן אויף דער רוסישער רעגירונג, אַז די לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד זאָל ווערן מער זיכער און ניט אַזוי אומדערטרעגלעך).

עס האָבן אויך פּראָטעסטירט אַנדערע פירנדע אַלטע גענאָסן ווי דר. האַל־פּערן, דר. קאַספּע א. א. זיי האָבן אין אַ בריוו, פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס", באַשולדיקט די צייטונג אַז זי דריקט נישט אויס דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליזם. אב. קאַהאַן האָט זיך אויסגעטענהט מיט זיינע אָפּאָנענטן אין אַן עדיטאָריעל (דעם 30טן יולי), וואו ער פאַרטיידיקט זיך קעגן די אָנגריפן פון זיינע קעגנער

פון פאַרשידענע זייטן, און ער ווייזט אויף אַז די שטעלונג פון „פאָרווערטס" שטייט ניט אין סתירה צו די פרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

דער פריער־דערמאָנטער אַרטיקל פון א. ליטווין וואָס ווייזט אָן אויף ארץ ישראל אַלס ענטפער אויפן אידן־פּראָבלעם, האָט אַרויסגערופן אַן אויפרודערונג אין די קרייזן פון די מער נאַציאָנאַל־פילנדע גענאָסן. דער גוט־באַקאַנטער צוי־בערשפּרוך און באַלזאַם צו אַלע מכות — די סאָציאַלע רעוואָלוציע — איז שוין ניט געווען מער גענוג. מען האָט אָנגעהויבן זוכן מער־רעאַלע וועגן ווי צו לינדערן די אידישע צרות. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ ווידער אַמאָל אַ עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס" פון 28 מאַי פון אב. קאַהאַן א. ג. „וואו טוט מען זיך אַהין?"

קאַהאַן קומט צום אויספיר אַז פּאַלעסטינע איז נישט פּאַסיק פאַר אַ מאַסן־קאָ־לאָניזאַציע. „דאָרט קען מען קיין חיונה פון דער ערד נישט ציען, די געשיכטע פון די אידישע קאָלאָניעס אין די לעצטע 21 יאָר האָט דאָס באַוויזן". און קאַהאַן גיט אַן עצה צו קאָנצענטרירן די אידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע אין עטלעכע שטאַטן. „אין די קלענערע ווייטערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלט גע־ווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען; פיליכט וואָלטן אידן מיט דער צייט געהאַט אַ גרויסע מאַיאָריטעט אין אַ פּאָר שטאַטן און דאָרט זיך געפילט ווי אין דער היים. נישקשה, מיר האָבן ענערגיע גענוג, פלייסיקייט צו דער אַרבעט און שכל גענוג צו מאַכן אַ „סוקסעס" פון נייע פּלעצער, ווען נאָר מען זאָל אונז געבן די מעגלעכ־קייט דערצו — ווען נאָר די מיליאָנען וואָס גייען אויף צו העלפן עמיגראַנטן, ווערן ניט אויסגעגעבן און צעוואָרפן אָן אַ טאָלק, אָן אַ טעם און אַ ריח".

דער געדאַנק פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע אין אַמעריקע אויף די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס" איז שוין אַליין פאַר זיך געווען אַ וויכטיקע דערגריי־כונג און אַן אומדירעקטע אנערקענונג אויף ווי ווייט עס האָט זיך אָנגענומען די אַגיטאַציע פון דער דאַן יונגער באַוועגונג פון פּועלי ציון, וואָס האָט ערשט גע־שטעלט אירע ערשטע טריט אויפן באָדן פון אַמעריקע.

די דאָזיקע ווירקונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן פון כסדרדיקן צושטראָם פון נייע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם פריש־צאַפּלדיקן אָטעם פון דער ברויזנדער אידיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער אַלטער היים. אין אַן עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס" (3 יוני) געשריבן פון ש. פּ. (ש. פּעס־קין) ווערט דערקלערט מיט שטאָלץ אַז פון אידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן ווערן מיר אידישע סאָציאַליסטן. דאָס איז געקומען אונטערן איינדרוק פון דער דריי־פוס־אַפּערע און איצט פון קישיניעווער פּאָגראָם. דער עדיטאָריעל־שרייבער דער־מאָנט דערביי יענע צייטן ווען אויף די קאָנווענשאָנס פון אידישע סאָציאַליסטן איז געהאַנגען אַ שטענדיקער פּלאַקאַט אויף אַ פּראָמינענטן פּלאַץ: „מיר זענען ניט קיין אידישע סאָציאַליסטן, נאָר אידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן".

זייער סימפּטאָמאַטיש איז אַ צווייטער אַרטיקל פון ש. פּעסקין אין „פאָר־ווערטס" פון 12טן יוני. ער באַווייזט אַז דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט איז ניט קיין פראַנצויזיש־שפּרעכנדער נאָר טאַקע אַ פראַנצויזישער סאָציאַליסט. „פאַרוואָס זשע זאָלן מיר, אידישע סאָציאַליסטן האַלטן אונזער אידישקייט נאָר פאַר אַ פאַרלויפיקע און איבערגייענדע זאַך? פאַרוואָס זאָל אונז אונזער אידנטום ניט זיין אַזוי ליב ווי דעם פראַנצויז זיין נאַציאָנאַליטעט? אויב עס וואָלט זאָגאַר טאַקע אמת געווען, אַז דאָס אידישע פאָלק פאַרלירט וואָס ווייטער אַלץ מער זיין

נאַציאָנאַליטעט, וואָלטן מיר אַלס סאָציאַליסטן דאַן אויך געקענט זאָגן, אַז מיר ווילן ניט אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל אונטערגעהן און מיט אַלע מעגלעכקייטן העלפן דאָס אידישע פאָלק אויסצוהאַלטן... גליקלעכערווייז גייט דאָס אידישע פאָלק ניט אונטער. נאָך צענדליקער יאָרן וועלן אידן בלייבן אין רוסלאַנד, נאָך צענדליקער יאָרן וועלן אידן רעדן אידיש, נאָך צענדליקער יאָרן וועלן אידישע קינדער אויסגעהאָדעוועט ווערן אין דעם גייסט פון אידנטום, נאָך צענדליקער יאָרן וועלן עקזיסטירן אידישע מנהגים, אידישע ניגונים, אידישע מעשיות, אידישע ערינערונגען א. א. וו. און וואָס וועט זיין אין פופציק יאָר אַרום, קען קיינער ניט זאָגן. קיינער קען ניט שווערן, אַז אונטער דעם איינפלוס פון ראַדיקאַלע און סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונגען וועלן דאַן די מלוכות דאָך ניט אַמאָל שאַפן פאַר דעם הויפט־שטאָם פון אידישן פאָלק אַ באַזונדערן שטאַט (מיין קורסיוו — ל. ש.).

עס איז ניט צו פאַרשטיין פאַרוואָס האָבן די קאָסמאָפּאָליטיש־אָריענטירטע געגנאָסן אַרויסגעשטויסן א. ליטווינען פון „פאָרווערטס" פאַר זיין אַפּיקורסישן אַרטיקל „און אפשר" און זיך ניט געוואָרפן מיט זייער גאַנצן גרימצאָרן קעגן ש. פעסקין פאַר דער השערה, אַז ס'איז גאַנץ מעגלעך אַז אונטערן איינפלוס פון סאָ־ציאַליסטן און ראַדיקאַלן וועלן אַמאָל די מלוכות מסכים זיין צו געבן אידן אַן אייגן לאַנד?

מיט אַ וואָך שפּעטער (דעם 17טן יוני) איז דערשינען אַ וויטערדיקער עדי־טאָריעל פון ש. פּ. (פעסקין). דאָרט דערקלערט ער אַז סאָציאַליסטן האָבן פאָלקאָם רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר אידן אַ באַזונדער לאַנד. „אָבער די ציוניסטן שלעפּן זיך אַרום פון איין קייזערלעכן הויף צום צווייטן. פון נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפונקט קען מען קעגן דער דאָזיקער טאַקטיק גאָרניט אויסזעצן. קענען מיר אָבער די אַר־בעטער־מאַסן מאַכן פאַר פּאַרטנערס אין דער דאָזיקער דיפּלאָמאַטישער קאָרטן־שפּילעריי? ווען אידן זאָלן פועלן ביי רוסלאַנד, וואָלט טערקיי אפשר אָפּגעגעבן פּאַלעסטינע די אידן, אָבער אַז דערפאַר זאָלן די אידישע אַרבעטער דאַרפן פריער סטאַפּן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, דאָס קענען סאָציאַליסטן פאַר קיין פאַל ניט צולאָזן". (דאָס איז אַן אלוזיע אויף די באַקאַנטע געשפּרעכן פון הערצלען מיט פּלעווען).

אונטער דער ווירקונג פון דער פּאָגראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד און דער דער־וואַכטער נאַציאָנאַלער אָפּוועך־באַוועגונג צווישן די אידישע מאַסן, האָט מען זיך אויך אָנגעהויבן אַרומקוקן אין די קרייזן פון די געגנאָסן, אַז אַלע אַמאָליקע רייד, אַז אין אַמעריקע עקזיסטירט ניט קיין אידן־פראַגע, שטימען עפּעס ניט מיט דער ווירקלעכקייט. און ווידעראַמאָל איז עס געווען אַב. קאַהאַן וואָס האָט בקול רם אַרויסגערעדט די שטימונגען וואָס האָבן באַהערשט דעם פשוטן איד און פאָלקס־מענטש אין אַמעריקע. אין אַן עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס" פון 16טן יוני, 1903, א. נ. „זענען מיר אין אַמעריקע זיכער"? קלאָגט זיך קאַהאַן אויף דעם פאַר־שטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. ער ווייזט אָן אויף אַ רייע סימנים פון פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם. ער זוכט אַן עצה ווי צו פאַרבעסערן די זיכערקייט פון די אידן אין אַמעריקע. ער לייגט פאָר צו צעשפּרייטן די אידישע עמי־גראַציע איבערן לאַנד, אַז עס זאָל אַזוי שנעל ניט פאַרגרעסערט ווערן די אידישע באַפעלקערונג פון די עטלעכע גרעסערע שטעט. וועגן דער פראַגע זאָל ווערן צונויפגערופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער פֿאָרשלאָג איז געשטאַנען אין בולט'ער סתירה צו קאַהאַנס פֿאָרשלאַג, גע־מאַכט אינגאַנצן מיט עטלעכע וואָכן פריער, אַז מען זאָל קאָנצענטרירן די אידן אין אַמעריקע אין עטלעכע שטאַטן. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַב קאַהאַן וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אַ טיפער אינטואיציע צו דערפילן מאַסן־שטימונגען און דער שפּראַך פון האַרץ, אָבער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווייטן בליק און דורכדרינגנדן אַנאַליז אין פראַגן וואָס האָבן געפאָדערט העלזעעריי און אינטעלעקטועלע פעאיקייט אויסצואַרבעטן אַ קלאָרע אידעען־קאָנצעפּציע פאַר אַ לענגערן צייט־פעריאָד.

.5

# ביים וויגעלע פון דער פועלי ציון באַוועגונג אין אַמעריקע

מערץ, 1903, איז אַ וויכטיקער מייל־שטיין אין דער געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער פועלי ציון באַוועגונג — דאַן איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו יאָרק אויף אַ קליינער באַראַטונג פון 7 מענטשן דער ערשטער ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער פאַראיין ״פועלי ציון״ אין צפון אַמעריקע. די אַמעריקאַנער פועלי־ציון באַוועגונג איז דאַן אַרויף אויף דער וועלט־מאַפּע פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די ערשטע פועלי ציון־גרופּן זענען אַנטשטאַנען כמעט גלייכצייטיק אין רוסלאַנד און עסטרייך. דאָס יאָר 1897 איז געווען אַ מזלדיק יאָר אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע — דאַן איז פאָרגעקומען אין באַזעל דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, פּרעזידירט פון דר. הערצל; דאַן איז פאָרגעקומען אין ווילנע די גרינדונג פון „בונד״, און דאַן זענען געגרינדעט געוואָרן אין צוויי באַזונדערע עקן פון דער אידישער וועלט, די ערשטע פאַראיינען פון נאַציאָנאַל־געשטימטע אידישע אַרבעטער: אין מינסק, רוסלאַנד, איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער פאַראיין „פועלי ציון״ און אין לעמבערג, עסטרייך, איז אַנטשטאַנען דער אידיש־נאַציאָנאַלער פאַראיין פון בוכהאַלטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע „עבריה״. אַן ענלעכער פאַראיין אַנטשטייט באַלד אין ווין.

אין 1898 פאַרעפנטלעכט דר. נחמן סירקין אונטערן פּסעוודאָנים בן אליעזר זיין בראָשור „די אידן־פראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידן־שטאַט״. אין זעלבן יאָר ווערט געגרינדעט אין ווין אַ ציוניסטישער פאַראיין פון אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אונטערן נאָמען „אחוה״; אַן ענלעכער פאַראיין מיטן נאָמען „אמונה״ אַנטשטייט אין ברין. ענלעכע פאַראיינען אַנטשטייען אין אַנדערע שטעט. דעם 1טן אויגוסט דערשיינט אין ווין די ערשטע צייטשריפט פון פועלי ציון „דער אידישער אַרבעטער״, אַ חודש־בלאַט, אַרויסגעגעבן פון דר. לאַנדוי. דער צווייטער ציון־קאָנגרעס אין באַזעל באַגריסט די גרינדונג פון ציוניסטישע אַרבעטער־פאַראיינען.

אין 1899 ווערט אָפּגעהאַלטן אין ברין (טשעכאָסלאָוואַקיע) אַ קאָנפערענץ אויף וועלכער עס ווערט געשאַפן אַ צענטראַל־פאַרבאַנד פון ציוניסטיש־געשטימטע האַנדלס־אָנגעשטעלטע. אין 1900 אָרגאַניזירן די פועלי ציון די ערשטע זעלבסט־שוץ אין יעקאַטערינאסלאַוו. נחמן סירקין פאַרעפנטלעכט די בראָשור „אַן אויפרוף פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן צו דער אידישער יוגנט״. דעם 19טן נאָוועמבער, 1900, עפנט זיך אין מינסק דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פועלי ציון אין רוסלאַנד.

דעם 13טן יאַנואַר, 1901, ווערט געגרינדעט אין ווין דער אַלגעמיינער אידי־שער אַרבעטער־פאַראיין, אָרגאַניזירט דורך פּועלי ציון. אין 1902 גרינדעט סיר־קין אין לאָנדאָן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַראיין „פאָרווערטס", וואָס ווערט דערנאָך אַן אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע „חירות", געגרינדעט דורך נ. סירקין אין 1903, וואָס גיט אַרויס אין בערלין דעם „המון" אין אידיש און דעם „השחר" אין העברעאיש. אין זעלבן יאָר אַנטשטייט אין לאָנדאָן דער פאַראיין „מערבי" און אין לידז די „חלוצי־ציון", וואָס שטעלט אַרויס אַ סאָציאַליסטישע קאָנסטיטוציע פאַר אַ „גרויס ארץ ישראל". אין ירושלים ברעכט דאָן אויס דער ערשטער סטרייק פון אידישע דרוקער־אַרבעטער. עס אַנטשטייען פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, ווילנע, דווינסק, אָדעס א. אַ. שטעט.

דער ערשטער פּועלי ציון פאַראיין אין ניו יאָרק, וואָס האָט צום אונטערשיד פון די פריערדיקע פּועלי ציון פאַראיינען אין ניו יאָרק (זע קאַפּיטל 3), באַלד אָנ־גענומען אַ קלאָרע סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרם, איז געשאַפן געוואָרן דורך אימי־גראַנטן פון רוסלאַנד. לאָמיר דאָ אויסרעכענען די נעמען פון די ראשונים, וואָס האָבן געשאַפן אין אַמעריקע דעם ערשטן סאָציאַליסטישן פּועלי ציון פאַראיין. זיי זענען געווען: א. ליטווין (הורוויץ), אב. גאָלדבערג, לעוויטאַן (ליווי), די פריילינס קאָטין און גלאזער, משה גוטמאַן און הירשל הורוויץ.

מאיר בראון דערציילט וועגן דער ערשטער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע: „צו דער צווייטער צונויפקונפט פון דער גרופּע איז געקומען מ. גוטמאַן. ער ערקלערט אַז ער איז געווען „אַ פריינט" אי פון ציוניזם, אי פון סאָציאַליזם, און ער פלעגט אָפט פירן געשפּרעכן מיט אַ געוויסן שינדלער. איינ־מאָל, אין מערץ, 1903, אין אַ שבת נאָכמיטאָג, איז ער געזעסן מיט שינדלערן אין אָפּיס פון „לײדיס ראַפּערס מייקערס יוניאָן", און דער געוויסע האָט אים גע־קיבעצט מיט זיין „פריינטשאַפט" צום ציוניזם. מיט אַמאָל קומט אַריין אַן אַר־בעטער, אַ יונגערמאַן. „אָט איז נאָך אַ משוגענער ווי איר", זאָגט געוויסע שינד־לער. „ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק וועגן שאַפן אַ פאַראיין פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן". דער יונגערמאַן איז געווען אב. גאָלדבערג. מען האָט זיך צורעדט און גוטמאַן איז געקומען צו דער פאַרזאַמלונג פון דער קליינער גרופּע אין 19 פּייק סטריט. דאָרט זענען געווען ליטווין, ליווי און אייניקע אַנ־דערע. מען האָט געשמועסט אַביסל שטעהענדיק; מיט אַמאָל זאָגט ליטווין: „מען דאַרף גאָר עפענען אַ פאַרזאַמלונג". אַלע האָבן צוגעשטימט. איז אָבער געווען די צרה, וואָס מען האָט ניט געוואוסט ווי מען עפנט עס אַ פאַרזאַמלונג; פאַרלאָ־מענטאַריזם איז נאָך ביי יענער גרופּע געווען אַ ווילד־פרעמדער אַרטיקל. אָבער גוטמאַן האָט זיך דאָך געפילט שטאַרק צו זיין פאָרזיצער, און אַזוי האָט ער געהאָט דעם כבוד צו זיין דער ערשטער פאָרזיצער פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער ערשטער גרופּע „פּועלי ציון" אין אַמעריקע"[21].

א. ליטווין שילדערט אין אַ לענגערן אַרטיקל „אין יענע טעג" („אידישער אַרבעטער", 10טן אָקטאָבער, 1930), די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע, וואָס האָט דאָן געהערשט אויף דער אידישער גאַס. די ערשטע פּועלי ציון האָבן געדאַרפט קעמפן פאַר אנערקענונג אויף צוויי פראָנטן: ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן און ביי די געגנאָסן. „ציוניזם אַלס קולטור־נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז ניט געווען". „די אַר־בעטער־באַוועגונג, אויב אַזוינע איז געווען, איז געלעגן אין די הענט פון ראַ־

דיקאַלע אַסימילאַטאָרן און עמי הארצים, עמי הארצים נישט בלויז אין אידישער געשיכטע און קולטור, נאָר אין דער אויפפאַסונג פון דער עקאָנאָמיק אין אַמע־ריקע״.

„צו ריין מאַכן דעם פּלאַץ פאַר אַ קולטור־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט מען געמוזט אָנפירן אַ קאַמף קעגן אַט דעם שעדלעכן שטראָם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פּרעסע. וועגן אַן אייגענער, זעלבסט־שטענדיקער פּרעסע האָט דאָך ניט געקענט זיין קיין רייד, ווען די שוואַלבן פון אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג זענען אינגאַנצן געווען ניט מער ווי אַ „מזומן״. דער העכסטער אידעאַל איז געווען: צענויפקלייבן אַ „מנין״. אמת, מ׳איז געווען ביי זיך איבערצייגט, אַז קוים ווערט צוזאַמענגעבראַכט דער ערשטער מנין, וועלן שוין צוקומען נאָך און נאָך, ווייל טיף אין די מאַסן האָט זיך געשפּירט אַ צורודערונג, אַ באַגער נאָך אַ ניי וואָרט. אָבער דער פאַקט איז, אַז צו אַ מנין איז נאָך דאַן געווען ווייט.

„עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די ערב־שטורעמדיקע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס זענען צוגעקומען נאָך „פּועלי־ציון״ פון מינסק. מיר האָבן שוין איצט געהאַט אַ גאַנצן מנין און אפשר מער; מ׳האָט באַשלאָסן צוטרעטן צו דער אַרבעט — לייגן אין אַמעריקע דעם פונדאַמענט פאַר אַ פּועלי־ציוניסטישער באַ־וועגונג. עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די פּאַגראָמען פון קישיניעוו, האָמעל און אַדעס. איך האָב גענומען אויסנוצן דעם „פאָרווערטס״, וואו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט, פאַר אַגיטאַציאָנע נאַציאָנאַלע אַרטיקלען; אַדוועראַטייזן אונזערע מיטינגען. צו אונזער קליינער אַרמיי זיינען צוגעקומען עטלעכע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליס־טישע אַסימילאַטאָרן, בעלי תשובות, ווי דר. זאלאטאראוו און באַראָנדעס. מיר האָבן אויך צוגעצויגן דר. זעף, אַן אַמאָליקן פלאַם־פייערדיקן נאַציאָנאַליסט־רע־וואָלוציאָנער, אָבער דאַמאָלט אַן אַנטוישטער אָפּגעקילטער האַלבער טרעמפּ, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום „טאַגעבלאַט״. ער האָט ביי אונז אויפגעלעבט און איז אָפט אַרויסגעטראָטן אויף אונזערע מיטינגען מיט וואַרעמע נאַציאָנאַליסטישע רעדעס. איך האָב אויך צוגעצויגן אַ פּאָר, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, סאָציאַליס־טיש־געשטימטע מיטגלידער פון דער חברה „מפיצי שפת עבר״, וואו איך בין דעמאָלט געווען אַ חבר״.

דער פאַראיין האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע געדרוקטע אויסגאַבע, מיטן נאָמען „אונזער „פּלאַטפאָרם״, אין דער פאָרם פון אַ בראָשור פון 8 זייטן מיט אַ שער־בלאַט מיט די ווערטער: אונזער פּלאַטפאָרם, אַן אַפּיל צו דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע, פון דער ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן „פּועלי ציון״ אין ניו־יאָרק.

די דאָזיקע פּלאַטפאָרם איז געוואָרן פאַרגעלייענט און באַשטעטיקט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע דעם 8טן מאַי.

די פּלאַטפאָרם הייבט זיך אָן מיט אַ פאָררעדע:

„מיר, אַ טייל פון דער ברייטער אידישער מאַסע, האָבן זיך פאַרזאַמלט און צוזאַמען באַטראַכט די אומשטענדן, אונטער וועלכע עס לעבט איצט די אידישע מאַסע, ווי אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; און באַטראַכטנדיק די אומשטענדן פון אונזער אינערלעכן און אויסערלעכן לעבן אַרום אונז, האָבן מיר געמוזט אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אין דער אידישער וועלט געהן יעצט פאָר צוויי גוואַל־

דיקע גייסטיקע שטרעבונגען: איינע פון זיי איז אַ נאַציאָנאַלע און די אַנדערע אַ ראַדיקאַלע, אַ דעמאָקראַטישע".

דאַן דערקלערט די פּלאַטפאָרם, אַזביידע שטאַמען פון אומצופרידנהייט מיט דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון אידישן פאָלק, ביידע זוכן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אידישן פאָלק, איינע — אַנשליסנדיק זיך אין וועלט־פּראָלעטאַריאַט און די אַנדערע דורך אָרגאַניזירן דאָס פאָלק צו באַפרייען זיך אויף אַ פרידלעכן וועג, ניט מאַכנדיק קיין אונטערשיד צווישן די קלאַסן אין פאָלק גופא. „ביידע שטרעמונגען שטייען אויף אַ פאַלשן באָדן. די און יענע האַלטן זיך אין אַלטע, אָפּגעלעבטע באַגריפן, און ווילן ניט וויסן פון די פאָדערונגען פון נייעם לעבן".

די פּלאַטפאָרם ערקלערט דאַן דעם קלאַסן־קאַמף ווי אַזוי ער האָט געמוזט קומען, און דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, ווי אַזוי ער האָט געמוזט קומען און באַאיינפלוסן דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט רעכט צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, פונקט ווי דאָס פינישע פאָלק, די בולגאַרן, מאַקעדאָניער, פּאָליאַקן, אַרמענער און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. דאָס וואָס די אַלע פעלקער זענען ניט אָפּגעריסן פון זייער באָדן און די אידן יאָ — מאַכט די אויפגאַבע שווערער, אָבער ניט אוממעגלעך. דאָס פאָלק וואָס פילט זיך אַלס פאָלק, וואָס וויל לעבן, האָט דאָס רעכט צו לעבן און וועט לעבן, ווייל עס באַנוצט די נויטיקע פעאיקייטן און קראַפט צום לעבנס־קאַמף. „דער באַפרייאונגס־אידעאַל, וואָס האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ משיח־לעגענדע, האָט באַקומען פלייש און בלוט; ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער דייטלעכער שטרעבונג וואָס טראָגט דעם נאָמען ציוניזם".

„דער נאַציאָנאַלער קאַמף ווי אויך דער קלאַסן־קאַמף זענען ניט נאָר ניט קעגן איינער דעם אַנדערן, נאָר פאַרקערט: זיי זענען פאַרשידענע צווייגן פון זעלבן שטאַם: זיי שטרעבן צום זעלבן, צו באַפרייען די מענטשהייט מיט פאַרשידענע מיטלען, אויף פאַרשידענע וועגן".

„אויפן גרונט פון די געדאַנקען", זאָגט זיך אין דער פּלאַטפאָרם, „האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ביידע שטרעמונגען פון נאַציאָנאַלן און קלאַסן־קאַמף זאָלן קאָנען פאַרשטענדיקן און פאַראייניקן זיך. אַן אַפּיל ווערט געמאַכט צו „פאַראייניקן אונטער אונזער פאָן אַלס וואָס פילט און דענקט ערלעך און איידל אין דעם אידישן פאָלק און שטרעבן, אַרבעטן און קעמפן צוזאַמען פאַר זיין פאָלקאָמענער באַפרייאונג פון אייגענע און פרעמדע דריקער". עס ווערט אינפאָרמירט אַז אין רוסלאַנד עקזיסטירט שוין אַ פעדעראַציע פון פּועלי ציון וואָס האָט אַ פעסטן באָדן און באַזיצט אַ שטאַרקע מאַכט. „מיר גייען ניט גרינדן עטוואָס נייעס, נאָר מיר ווילן אַ באַוועגונג פון אין וועלט־טייל מאַכן פאַר אַ באַוועגונג פון צוויי וועלט־טיילן, פאַר אַ וועלט־באַוועגונג".

די מחברים פון דער פּלאַטפאָרם דערקלערן ווייטער אַז „מיר גייען ניט קעמפן קעגן וועלכער עס איז אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. מיר ווילן, פאַרקערט, העלפן יעדע אָרגאַניזאַציע, אויב די אָרגאַניזאַציע אַרבעט נאָר פאַר דעם וואוילזיין פון אידישן אַרבעטער־קלאַס און פון אידישן פאָלק. אונזער וואונטש און וויכטיקסטע אויפגאַבע איז צו טראָגן ליכט, וואָס מער ליכט אונטער די ברייטע קרייזן פון דער אידישער מאַסע. ליכטיקייט ברענגט צו טאָלעראַנץ און זעלבסט־באַוואוסטזיין, זעלבסט באַוואוסטזיין ברענגט צו זעלבסט־הילף. מיר ווילן, אַז די אי־

דישע מאַסע זאָל זיין פעאיק צו דענקען, איבערהויפּט צו דענקען זעלבסט־שטענדיק, דאַן וועט זי קאָנען זיך אַליין העלפן״.

די פּלאַטפאָרם שטריכט אונטער די וויכטיקייט פון בילדונג פאַר די אידישע מאַסן (אַלגעמיינע אַנטוויקלונג אַלס מענטש, אַנטוויקלען זיין קלאַסן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין).

„פּראַקטיש ווערט די דאָזיקע אויפגאַבע אויסגעפירט דורך גרינדן ביבליאָטעקן, אָוונט־שולן, פאַראַנשטאַלטן לעקציעס, דיסקוסיעס, אָרגאַניזירן קליינע גרופּן אויף צו לערנען נאַטור־און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, די לאַנד־שפּראַך, טעכנישע ידיעות וואָס זענען נויטיק דעם אַרבעטער אַלס אַרבעטער״.

אויב עס זענען נישטאָ זעלבסטשטענדיקע כוחות — פאַראייניקן זיך די פּועלי ציון מיט אַנדערע פּאַרגעשריטענע אָרגאַניזאַציעס, אָדער העלפן די חברים אַריינקומען אין שוין־עקזיסטירנדיקע בילדונגס־אַנשטאַלטן. הויפּט־אַכט וועט ווערן געלייגט אויף לערנען קולטור־געשיכטע און געשיכטע אין אַלגעמיין, דאַן ספּעציעל אידישע געשיכטע, ליטעראַטור, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. די וואָס האָבן צייט און מעגלעכקייט וועט געגעבן ווערן אונטעריכט אין דער העברע־אישער שפּראַך. צוליב דעם צוועק וועט געעפנט ווערן אָן אייגענע ספּעציעלע העברעאישע שול, אָדער מען וועט זיך באַנוצן מיט איינע פון די עקזיסטירנדע העברעאישע שולן. אַ ספּעציעלע שול וועט געעפנט ווערן פאַר צוקונפטיקע אינ־סטרוקטאָרן פון דער אידעע. אויף די לעקציעס און דיסקוסיעס וועלן אויך איינגעלאַדן ווערן די קעגנער. פון צייט צו צייט וועלן מיר אַרויסגעבן אַגיטאַ־ציאָנס־ביכלעך, און אויב מעגלעך, אַן אייגענעם מאָנאַטלעכן אָדער וועכנטלעכן זשורנאַל.

„דער צווייטער פּרינציפּ פון אונזער פּראָגראַם איז עקאָנאָמישע טעטי־קייט״. די חברים ווערן אויפגעפאָדערט אַריינצוטרעטן אין די יוניאָנס און אַגיטירן איבעראַל פאַר דעם יוניאַן־פּרינציפּ. דאַן ווערט אַרויסגערוקט די אויפ־גאַבע פון זאָרגן פאַר קעגנזייטיקער הילף אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, פון אַ נויט און איבערהויפּט אין יעדן פאַל, ווען איין חבר דאַרף האָבן דעם אַנדערנס מאַטעריעלע, גייסטיקע אָדער מאָראַלישע הילף.

„דאָס קאָן זיך אויסדריקן אין ספּעציעלע הילפס־שפּאָר־און ליי־קאַסן און קאָנסום־און פּראָדוקציאָנס־פאַראיינען א. א. וו. אויסער דעם דאַרף אונזער אָרגאַ־ניזאַציע נעמען אַ וויכטיקן אנטייל אין אַלע טאָג־פראַגן, ספּעציעל — אידישע אָדער מענטשלעכע און אַלגעמיינע, ווי דער פליש־סטרייק, למשל, אָדער דער באַרימטער קוילן־סטרייק״.

דער דריטער פּרינציפּ איז געזעלשאַפטלעכער אונטערהאַלט. פּראַקטיש זאָל דאָס דורכגעפירט ווערן דורך גרינדן אַ כאָר, אַן אָרקעסטער, דעקלאַמאַטאָ־רישע און דראַמאַטישע סעקציעס, אויך דורכפירן עקסקורסיעס, פּיקניקס א. א. וו.

כאַראַקטעריסטיש זענען די שלוס־פּאַראַגראַפן פון דער פּלאַטפאָרם:

„די פּועלי ציון מוזן שטיין אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט אַלע פּאָר־געשריטענע אָרגאַניזאַציעס, סיי ציוניסטישע, סיי ניט־ציוניסטישע.

„זיי האַלטן פאַר זייער פּרינציפּ אין אַלגעמיין ווייניקער צו רעדן און מער צו טאָן.

„זיי מיידן אויס יעדן פּראַזן־קאַמף מיט קעגנער און מיען זיך, ווי ווייט

מעגלעך, צו גיין האַנט אין האַנט מיט אַלע ערלעכע מענטשן און ערלעכע אָר־גאַניזאַציעס.

„אַלס אַ ציוניסטישע איז די אָרגאַניזאַציע פון די „פּועלי ציון" געשטיצט אויף דעם באַזעלער פּראָגראַם, זעט פאַרשפּרייטן אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, אונטערשטיצן דעם נאַציאָנאַל פאָנד, נעמט אַן אנטייל אין די ציוניסטישע קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, האַבנדיק אימער אין באַטראַכט צו דעמאָקראַטי־זירן דעם ציוניזם אין אַלגעמיין און מאַכן אים נענטער צום פאָלק.

„צו דער זעלבער צייט ערקלערן מיר פאַר אונזער פליכט, צוזאַמען מיט אונזער ציוניסטישער טעטיקייט, צו נעמען איבעראַל וואו מיר זיינען, אַן אָנטייל אין דעם פּאָליטישן ווי אויך דעם עקאָנאָמישן קאַמף, און אין דיזן קאַמף צו גיין האַנט אין האַנט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

„אויף דעם גרונד:

1) „שטימען די פּועלי ציון ביי יעדער עלעקשאָן אויסשליסלעך פאַר דער פּאַרטיי, וואָס פאַרטרעט אם מערסטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

2) „דריקן די „פּועלי ציון" אויס זייער טיפע סימפּאַטיע דעם אידישן אַר־בעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד פאַר זיין אונערמידלעכער טעטי־קייט צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבייטער אין קאַמף פאַר זייער פרייהייט און זייערע רעכט".

דער לעצטער פּאַראַגראַף איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אייגנאַרטיקער סיטואַציע. די מייגסטע גרינדער פון ערשטן פּועלי ציון פאַראיין זענען געווען מינסקער פּועלי ציון און צווישן זיי האָט געהערשט אין דער אַלטער היים אַ טענדענץ צו ווערן לעבן מיטן „בונד" אין די בעסטע באַציאונגען און ארויפצו־קוקן צו אים אַלס צום צענטראַלן כוח פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבע־טערשאַפט.

א. ליטווין שטעלט זיך אָפּ געגויער אויפן דאָזיקן אייגנאַרטיקן פאַקט אין עטלעכע פון זיינע אַרטיקלען — זכרונות איבער די ערשטע טעג פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע. ער דערציילט, אַז ער האָט עס דורכגע־זעצט דעם דאָזיקן פּונקט אין דער פּלאַטפאָרם, נאָך אַ שטאַרקן קאַמף מיט אַנדערע חברים פון דעם פאַראיין.

אין מינסק זענען געווען גוטע באַציאונגען צווישן די מינסקער פּועלי־ציון (באַקאַנט אין רוסישן פּאַרטיי־זשאַרגאָן אַלס די „מינטשוקעס") און דעם „בונד". די פּועלי ציון האָבן אפילו פאָרגעלייגט אַ פאַראייניקונג אויף די עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע געביטן, דערפאַר זאָל דער „בונד" נישט שטערן דער נאַ־ציאָנאַלער און ציוניסטישער טעטיקייט. דער „בונד" האָט דערויף בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין. אָבער די באַציאונגען אין די מאָסן פון ביידע באַוועגונ־גען זענען געבליבן פריינטלעך ווי פריער. דער קאַמף פון די צוויי באַוועגונגען איז ניט אַרויס פון די גרעניצן פון היציקע, פרידלעכע דעבאַטן [22]).

אין אַן אַנדער אָרט דערציילט א. ליטווין די סיבות פון די פריינטלעכע באַציאונגען פון די ערשטע מינסקער „פּועלי ציון" צום „בונד". ניט קוקנדיק אויף זייער העכערער אינטעליגענץ האָבן די פּוע"צ געמוזט שעצן די קאַמף־פעאיקייט און קאַמף־וויליקייט פון זייערע קעגנער. די פּוע"צ וואָס האָבן די ערשטע יאָרן כמעט ניט געגעבן קיין קרבנות, האָבן זיך באַצויגן מיט דרך ארץ

צום מאַרטירערטום פון „בונד", וואָס האָט אַלע טאָג געגעבן קרבנות. ביי די מינסקער פוע"צ איז געווען אַ באַדייטנדע גרופּע, וואָס האָט געהאַט ספקות צי איז נויטיק זיך צו באַטייליקן אַקטיוו אין פּאָליטישן קאַמף קעגן צאַריזם. איז דערפאַר ביי זיי געוואַקסן דער דרך־ארץ צום „בונד", וואָס האָט אין קאַמף קעגן רעזשים געגעבן פיל קרבנות. אַ וויכטיקער אומשטאַנד איז אויך געווען דער פאַקט, „וואָס די קעגנער זענען דאָך ניט געווען ערגעץ אין אַ זייט אין אַ באַזונדער לאַגער, פרעמדע. דאָס זענען געווען שכנים אין איין גאַס, אין איין הויף, אין איין הויז אפילו און — נאָכמער, — דאָס זענען אָפט געווען ברידער און שוועסטער, ניט אין פאַרטייאישן זין נאָר פשוטו כמשמעו".

„די טאַקטיק פון סימפּאַטיע פון מיטגעפיל צו די קרבנות פון „בונד" איז געווען אַ ריכטיקע און נאַטירלעכע. די מאַטיוון, וואָס האָבן אַרויסגערופן די דאָזיקע טאַקטיק אין מינסק, זענען אויך געווען די זעלבע שפּעטער אין ניו־יאָרק. כאָטש מען האָט זיך טאָג און נאַכט געריסן אין די דעבאַטן (אין מינסק), איז מען אָבער געבליבן גוטע פריינט. אויף די „ליאַמעס" איז מען געגאַנגען איינע צו די אַנדערע אין געסט, צוזאַמען חברשאַפטליך געגעסן, געטרונקען, גע־טאַנצט און געזונגען. האָט אַ פּועלי ציון געהאַלטן ביי אָפּפאָרן אין אַמעריקע, — אַן אָפטע פּאַסירונג אין יענער צייט — איז אויף דער זיי־געזונט־הוליאַנקע, וואָס אייגענע חברים האָבן צוליב דעם געמאַכט, געווען תמיד אַ גאַנץ היבשער בונדישער עולם. דאָס זעלבע איז געווען ווען אַ בונדיסט האָט געמוזט עמיגרירן.

„אַ דאַנק אַט דער טאַקטיק פון קעגנזייטיקן רעספּעקט און סימפּאַטיע, האָט זיך אונז, די פּיאָנערן פון דעם ערשטן פּועלי־ציוניסטישן קרייזל אין ניו יאָרק, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען די בויער פון דער ערשטער פּועלי־ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע אין מינסק, איינגעגעבן, מיט זייער ווינציקע אינטעלי־גענטע כחות, אויפצושטורעמען מיט אונזער אַגיטאַציע דעם גאַנצן אידישן קוואַר־טאַל, אויסנוצן די דעמלט שטאַרקע אַסימילירטע ראַדיקאַלע אידישע פּרעסע פאַר פּובליסיטי לטובת אונזער קאַמף; צוציען אין אונזערע רייען אַזוינע, דעמלט זייער אָנגעזעענע און וויכטיקע טוער אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי דר. זאָלאָטאַראָוו און באַראָנדעס"[23].

אויף די גוטע באַציאונגען צווישן פּועלי ציון און „בונד" אין מינסק האָט אויך געקאָנט האָבן אַן איינפלוס דער פאַקט, וואָס די אָפּאָזיציע אין „בונד", די „וואָלטאָוועצעס" האָבן באַאיינפלוסט די אָרגאַניזאַציע זי זאָל זיין מער נאַציאָנאַל. די איינפלוסן פון א. וואָלט (ליעסין) האָבן זיך אויך ניט אינגאַנצן אויסגעלאָשן לאַנג נאָכדעם ווי ער האָט שוין געוואוינט אין אַמעריקע. עס איז ניט קיין צו־פאַל וואָס סיי געשיכטע־שרייבער פון פּועלי ציוניסטישן לאַגער (ליטווין א. א.) סיי געשיכטע־שרייבער פון „בונד" (ליעסין אַליין א. א.) רעדן וועגן די איינפלוסן וואָס ליעסין האָט געלאָזן אין זייער באַוועגונג. פאַקטיש האָבן זיך ליעסינס איינ־פלוסן אויסגעווירקט איןביידע טיילן פון דער מינסקער צעטיילטער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און אַט די איינפלוסן האָבן ניט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט אויך אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען — לכל־הפחות — צווישן די מאַסן פון ביידע באַוועגונגען.

דער „בונד" אין ניו יאָרק האָט אויסגענוצט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף אין דער פּלאַטפאָרם פון פּועלי ציון־פאַראיין און שפּעטער געבעטן הילף ביי די יונ־

גע פּועלי ציון־פאַראײנען. נאָך אין 1905 שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ ידיעה, אַז אַ פּועלי ציון־פאַראײן אין ניו־יאָרק האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צו אַ קאָנפע־רענץ פון „בונד“ [24]).

קלאָרקייט אין דער פראַגע האָט ערשט אַרײנגעבראַכט די ערשטע פּאַרטײ־קאָנפערענץ אין מאַי, 1905, אין פילאַדעלפיע, וואָס האָט באַשלאָסן צו העלפן די פּועלי ציון אין רוסלאַנד. ד. ראַזאָווסקי, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אין דער לאָנדאָנער „אידישע פרייהייט“ דעם באַריכט פון דער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ, גיט איבער, אַז ביז דאַן האָבן די אַמעריקאַנער פּועלי ציון נאָר געהאָלפן דעם „בונד“. מיט דער פאַרשאַרפונג פון פּאַרטײ־קאַמף צווישן „בונד“ און פּועלי ציון אין רוסלאַנד, איז די מינסקער אידיליע פאַרשוואונדן, כדי מער ניט צוריקצוקערן.

די „פרייע אַרבעטער שטימע“ האָט איראָניזירט איבער די „יונגע אינטעלי־גענטע כחות, וועלכע גרינדן גאַנץ נוצלעכע פאַראײנען פון אַ מכלומרשטדיקן אידישן כאַראַקטער“ און זיי גערעכנט זיך צו פאַראייניקן אין איין גרויסער קאַמף־מחנה פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, און אויך אַב. קאַהאַן האָט אין אַ עדיטאָריעל א. ג. „ראַדיקאַלע ציוניסטן“ (דעם 19טן יולי, 1903), דערקלערט אַז אנשטאַט אויפוועקן נאַציאָנאַלע געפילן, דאַרף מען גאָר אויפוועקן אינטערנאַציאָנאַלע גע־פילן. דער ציוניזם האָט ניט קיין פראַקטישע ממשות. די גויעשע סאָציאַליסטן אין פראַנקרייך טוען מער אויף פאַרן דרייפוס־פּראָצעס ווי אַלע ציוניסטן. די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד איז אַ טויזנט מאָל שטאַרקערע מאַכט קעגן פּאָגראָמען ווי אַלץ וואָס דער ציוניזם קען דאָרט אויפטוען. „און מכח פּאַלעסטינע, האָבן די ציוניסטן, דאַכט זיך, אַליין שוין געגומען רעדן וועגן דעם אַלס אַן ׳אי־דעע, און ניט אַלס פּראַקטישע זאַך׳“. א. ליטווין האָט אָנגעשריבן אַן ענטפער אויף דעם דאָזיקן עדיטאָריעל, אָבער זיין אַרטיקל איז געוואָרן אונטערדריקט און איז ניט דערשינען...

דער צווייטער עפנטלעכער אַרויסטריט פון יונגען פּועלי ציון פאַראײן איז געווען דער רוף צו די אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס צו קומען צו אַ קאָנפערענץ צו רופן אַ טרויער־דעמאָנסטראַציע אַלס פּראָטעסט קעגן קישיניעווער פּאָגראָם.

דער „פאָרווערטס“ האָט געשטיצט דעם דאָזיקן רוף און דערביי באַמערקט אַז „די ציוניסטן האָבן צום ערשטן מאָל דערוויזן אַז זיי ווילן העלפן דאָס פאָלק ניט נאָר מיט שקלים, אַקציעס און דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען, נאָר זיי זענען אויך פעיק צו פּראָטעסטירן קעגן טיראַניי“.

די קאָנפערענץ פון 13טן מאַי איז געווען אַ ריזיקער דערפאָלג. דער פּלאַץ (ראַטגערס פּלאַץ 9) האָט זיך אַרויסגעוויזן צו קליין. די קאָנפערענץ איז געוואָרן איבערגעפירט אויף 414 גרענד סטריט. ס׳איז געווײלט געוואָרן אַ קאָמיטע פון 30 דורכצופירן די דעמאָנסטראַציע. פון דעם טרויער־מאַרש האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. מאַנכע געגנאָסן און אַנדערע האָבן געשטערט איר דורכצופירן. אָבער ס׳איז פאָרגעקומען (דעם 7טן מאַי) אַ ריזיקע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין קאַר־נעגי האָל, אויף וועלכער ס׳האָט אויך גערעדט דער געוועזענער פּרעזידענט גראָווער קליוולאַנד.

די קליינע פּועלי־ציון גרופּע האָט אַרײנגעבראַכט אַ נייעם, פרישן שטראָם אין דער אידישער גאַס און די דערקלערונגען און רעדעס פון אירע פירער זענען געוואָרן ברייט קאָמענטירט אין אַלע קרייזן — פון רעכטס ביז לינקס.

דער באַרימטער מטיף מאַסליאַנסקי האָט געגעבן אַן עצה טובה די פּועלי ציון זיי זאָלן זיך זיין אַלס ציוניסטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַלס סאָציאַליסטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צו וואָס דאַרפן זיי גרינדן אַ נייע פּאַרטיי? לואי מילער האָט אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" (סוף יוני) ערקלערט אַז ס'איז אומזיניק פון ראַדיקאַלע ציוניסטן אָדער ציוניסטישע ראַדיקאַלן צו האָפן און גלויבן דאָס מען וועט קאָנען ווען צוזאַמענגענעמען דאָס גאַנצע פאָלק, אי שינדער, אי געשוינדענע, און זיי צוריקברענגען אין דעם לאַנד, וואו אויף דעם קבר פון אַלטן אידנטום וואַקסט אַ גראָז וואָס איז 2,000 יאָר אַלט (?!).

מ. גיליס, פון די עלטסטע טוער פון די געגנאָסן, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער „עפּידעמיע" פון נאַציאָנאַליזם און פייערלעך „פּאַרזיכערט" אַז דער נאַציאָנאַליזם וועט באַלד פאַרשווינדן.

יוסף באַראָנדעס, שוין דאַן אַ באַקאַנטער אַרבעטער־פירער, האָט אין בריוו צו דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" דערקלערט, אַז ער איז נאָך ניט קיין ציוניסט, אָבער איז ניט פיינדלעך און אויב מען וועט אים לאָזן פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם אין ציוניסטישן לאַגער, איז וועריווועל [25]).

יעקב גאָרדאָן, דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, איז אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן ציוניזם. אין אַן אַרטיקל א. נ. „ציוניזם און רעוואָלוציע", האָט ער געשריבן צווו. אַנד.: „דעם אידנס פּאַלעסטינע איז ניט דאָרט וואוהין ער וויל גיין. דעם אידנס פּאַלעסטינע איז דאָרט וואו ער איז איצט. די אידן וועלכע וואוינען אין ווילנער, קאָוונער, מינסקער און צענדליקער אנדערע רוסישע גובערניעס, קענען האָבן זייערע אמתע פּאַלעסטינעס דאָרט אויפן פּלאַץ. רוסלאַנד דאַרף זיין די אידישע פּאַלעסטינע. ווען די רוסישע אידן וועלן העלפן באַזייטיקן די געפערלעכסטע רעאַקציאָנערע קראַפט פון דער וועלט, ווען זיי וועלן דאָרט אויסקעמפן זייערע רעכט, וועט דער איד קענען האָבן פּאַלעסטינע אומעטום" [26]).

געוועזן דאַן אַ מאָדע אויף דער אידישער גאַס איינצוואָרדענען עפנטלעכע דעבאַטן איבער פראַגן פון ברענענדיקן געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. דער „פאָרווערטס" האָט עפנטלעך איינגעלאַדן די פּועלי ציון צו אַ דעבאַטע אויף דער טעמע „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם". דער „פאָרווערטס" האָט אַרויסגעשטעלט ל. ע. מילערן, דעמאָלסדיקער מיטרעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אַלס זיין פאָרשטייער אין דער עפנטלעכער דעבאַטע. מילער איז געוועזן באַקאַנט אַלס שאַרפזונגיקער רעדנער און ביטערער דעבאַטאַנט און די מאַסן פון איסט־סייד האָבן באַצייטנס שוין געקליבן נחת פון דער וויסטער מפּלה וואָס די „נאַציאָנאַליסטן" וועלן אַריינכאַפּן.

די פּועלי ציון האָבן אָבער באַשלאָסן ניט אָנצונעמען די איינלאַדונג. און פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אַן ערקלערונג אין „פאָרווערטס" פון 30טן יוני: „קיין איבערצייגטער ציוניסט קען און וועט ניט אָננעמען די דעבאַטע אין דער געשטאַלט ווי איר פאָרמולירט זי, ווייל קיין איבערצייגטער ציוניסט האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז ציוניזם שטרעבט צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון סאָציאַליזם, פון יעדע צען ציוניסטן קענט איר זיכער קריגן אַכט, וואָס האָבן סימפּאַטיע צום סאָציאַליזם. דער אונטערשייד איז פּיליכט אין דעם, וואָס אַ טייל פון זיי מיינען, אַז פריער דאַרפן אידן האָבן אַ היים און ערשט דאַן ביי זיך אין דער היים

פּרעדיקן סאָציאַליזם, און אַנדערע ראַדיקאַלע ציוניסטן זאָגן, אַז מיר אידן טאָרן זיך ניט אַנטזאָגן פון נעמען אַנטייל אין יעדער קולטור־באַוועגונג און נאָך מער אין סאָציאַליזם". די ערקלערונג ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „די ראַדיקאַלע ציוניסטן באַקומען די לעצטע צייט אַלץ מער איינפלוס אויף דער גאַנצער ציוניס־טישער באַוועגונג. כדי דער איינפלוס זאָל ווערן נאָך שטאַרקער, פאַרלאַנגען מיר אַז די אידישע סאָציאַליסטן און אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטן זאָלן זיך אָנשליסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג".

שפּעטער האָבן די פּועלי־ציון יאָ געהאַט אַ דעבאַטע מיט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קלוב. די דעבאַטאַנטן פון די פּוע"צ (גאָלדבערג, גוטמאַן, ליטווין און אַראָנסאָן האָבן „צעשמעטערט" די קעגנער און ווי מען גיט איבער איז דער פּאַראיין פון די געגנאָסן נאָך דער דעבאַטע פאַרשוואונדן.

שבת נחמו, דעם 8טן אויגוסט, 1903, איז פאָרגעקומען אויף 214 ברום סטריט דער ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט פון די פּועלי ציון. געהייסן האָט עס דער „ערעפענונגס־פעסט". אין „פאָרווערטס" איז דעם זעלבן טאָג דערשינען אַ כאַראַקטעריסטישער אַנאָנס. עס ווערט אָנגעזאָגט אַז עס וועט זיין אַ יום־טוב, וואו „אַלע אידישע אַרבעטער, ציוניסטן, סאָציאַליסטן, בונדיסטן און אַלערליי פּראָלעטאַרישע „איסטן" פון ניו־יאָרק, ברוקלין, בראַנזוויל וועלן זיך באַקענען און פאַרברענגען צוזאַמען אין שענסטן און בעסטן פאַרגעניגן. וואָס אידישע פּראָ־לעטאַריער פון אַמעריקע האָבן קיינמאָל ניט געהערט, וועלן זיי עס הערן היינט אָוונט אויף אונזער ערשטער אונטערנעמונג: התקוה און די מאַרסעליעזע. העברעאישע, אידישע, רוסישע און ענגלישע לידער און דעקלאַמאַציעס — נאַ־ציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע טאָסטן פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער באַפריי־אונג און באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, אַרבעטער־לידער, רעדעס, דעקלאַ־מאַציעס, פאַרלעזונגען, מוזיק, געזאַנג; כאָר, סאָלאָ־געזאַנג, פּיאַנאָ, וויאָלין א. א. וו. א. אַ. וו. דאָס אַלעס וועלן אונזערע פריינד, חברים און געסט הערן אויף אונ־זער שבת־נחמו ערעפענונגס־פעסט".

די רעדנער זענען געווען רעוו. זעף, באַראָנדעס און אַ פּעטערבורגער סטו־דענט באָבקאָוו. אַלס פאָרלעזער און דעקלאַמאַטאָרס אַב. גאָלדבערג, א. ליטווין, ז. ליבין, מאָריס ראָזענפעלד און פריילין ליפּשיץ. ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ רייכע מוזיקאַלישע פּראָגראַם און אַן אויפטריט פון אַ כאָר פון 30. דער יום־טוב איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

דעם 13טן דעצעמבער איז ווידער פאָרגעקומען אַ דערפאָלגרייכע אונטער־נעמונג: אַ מאַסן־מיטינג א. נ. „פּנחס דאַשעווסקי און זיין טאַט". „אַרבעטער און פריידענקער קומט אין מאַסן", האָט געלויטעט דער רוף אין דער פּרעסע. די רעדנער זענען געווען: דר. זאַלאַטאַראָוו, י. זעוו, משה קאַץ, אַב. גאָלדבערג, א. ליטווין און עדוואַרד קינג (אַ ניט־אידישער ליבעראַל). משה קאַץ איז אויך גע־קומען צום ציוניזם פון די רייען פון אַנאַרכיזם און שפּעטער צוזאַמען מיט זאַלאַ־טאַראָוו געווען פון די רעדאַקטאָרן פון פאָלק" — די צייטשריפט פון די ס. ט.

6.

# די באַוועגונג צעוואַקסט זיך

נאָך דעם פאַראיין אין ניו יאָרק האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן פועלי ציון פאַראיינען אין פאַרשידענע שטעט. אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן וועג האָט דורכגעמאַכט דער פועלי ציון פאַראיין אין פילאַדעלפיע.

דער איניציאַטאָר איז געווען יחזקאל עדעלשטיין (געבוירן אין שילעל, רוסלאַנד, 1879, אין געקומען קיין אַמעריקע אין 1897, דערטרונקען געוואָרן אין פילאַדעלפיע אין יולי 1907, אין בליענדן עלטער פון 28 יאָר). י. עדלשטיין איז זינט 1900 געווען אַן אַקטיווער טוער אין די פילאַדעלפיער קאָאָפּעראַטיוון, טרייד־יוניאָנס און אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אין 1901 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער יונגער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג, בלייבנדיק ווייטער גלייכצייטיק אַן אַנאַרכיסט. אין 1904 איז ער געקומען צום שלוס, אַז עס איז אוממעגלעך פאַר אים אַזוי ווייטער צו לעבן און אַז מען דאַרף שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַראייניקן אין זיך סיי די ציוניסטישע און סיי די סאָציאַליסטישע טעטיקייטן. ער האָט זיך וועגן דעם געווענדעט צו זיינע גענאָסן, אָבער זיי האָבן זיך פון אים אויסגעלאַכט. אין יוני 1904, איז ער אָבער צופעליק געקומען אין באַרירונג מיט עטלעכע ענגליש־שפּרעכנדע אידישע סטודענטן (חיים פיינמאַן, דר. סלאָנימסקי, דזשאָן קורנאָס א. א.), וועלכע זענען געווען סאָציאַליסטן און נאַציאָנאַליסטן און צוזאַמען האָבן זיי באַשלאָסן צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען: **Zionist Socialist Group.**

צו דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אָנהייב יוני 1904, האָט עדעלשטיין אויך געבראַכט די ברידער מאיר און מייקל בראַון. די ערשטע 7 מיטגלידער פון דער גרופּע זענען געווען: חיים פיינמאַן, דר. הערי סלאָנימסקי, י. עדעלשטיין, דזשאָן קורנאָס, מאיר בראַון, זיין ברודער מייקל און בריק.

חיים פיינמאַן, געבוירן אין אוועלאָן, פּאָלטאַווער גובערניע אין 1890, איז געקומען קיין פילאַדעלפיע אַלס קינד פון 4 יאָר. מאיר בראַון, געבוירן אין ביאַליסטאָק אין 1889, איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1902. אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע זענען געקומען קיין אַמעריקע אין די יונגע יאָרן. ענגליש איז אין דער ערשטער צייט געווען די אָפיציעלע שפּראַך פון דער גרופּע.

י. עדעלשטיין איז אָבער געווען דערפאַר, אַז מען זאָל אויך איינפירן אידיש, כדי פּראָלעטאַרישע עלעמענטן זאָלן קענען אַריינטרעטן. עדעלשטיין האָט געמאָלדן אויף איינער פון די זיצונגען וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן פּוע״צ־פאַראיין אין ניו יאָרק און האָט פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל אָננעמען דעם ניו יאָרקער נאָמען און זיך שטעלן מיט די ניו יאָרקער אין פאַרבינדונג. די גרינדער פון דער גרופּע זענען אָבער געווען קעגן דעם. דער נאָמען ראַדיקאַל־נאַציאָנאַל איז פאַר זיי ניט געווען גענוג אָנטשפּרעכנד. פאַרוואָס זיך באַהאַלטן פון סאָציאַליזם? דער נאָמען פועלי־ציון איז אָבער יאָ געווען אָננעמ־

באַר, ווייל די ווערטער זענען געווען העברעאישע און אויסגעדריקט אַ וויכטיקן געדאַנק. ענדלעך איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג, אַז מען זאָל זיך אָנ־רופן פּועלי ציון Zionist Socialist Society און אַז די פּראָטאָקאָלן זאָלן גע־פירט ווערן אין אידיש און ענגליש [27]).

שפּעטער האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ גרופּע פון רוסישע פּועלי ציון מיט די חברים ש. שניאור (שפּעטער געוואָרן אַ ס. ט., זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל), י. עפּשטיין א. א. די גרופּע האָט געהייסן „סאָציאַל דעמאָקראַטישע גרופּע פּועלי־ציון". זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם פאַראיין מיט דעם רעכט דאָרט אויפ־צוהיטן איר עקזיסטענץ אַלס אַ באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע ס. ד. גרופּע.

עדעלשטיין האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ פּועלי ציון פאַראיין אין וועלכן עס זאָלן געפינען פּלאַץ אַלערליי ראַדיקאַלע אידן: ס. ד., אַנאַרכיסטן, ס. ל. פּ. און סתם פרייע מענטשן. דער פילאַדעלפיער פּועלי ציון פאַראיין האָט טאַקע צענויפגעזאַמלט מענטשן פון פאַרשידענע פּאָליטישע אנשויאונגען. זייער געמיינזאַמער פאַרבינדונגס־שטריך איז געווען דער ציוניזם.

דער פאַראיין האָט אין אויגוסט, 1904, אויסגעאַרבעט זיין אייגענע פּרינציפּן־דערקלערונג (אין ענגליש). ווי עס באַריכטן אירע מחברים (ליידער איז ניט גע־בליבן אויפבאַהאַלטן דער דאָזיקער וויכטיקער דאָקומענט) איז זי אין אירע אַל־געמיינע שטריכן געווען ענלעך צו דעם פּראָגראַם פון דער ערשטער פּועלי־ציון קאָנווענשאַן אין באַלטימאָר (דעצעמבער, 1905), מיט דעם אויסנאַם פון דער שפּראַכן־פראַגע, וואָס איז אין דער פילאַדעלפיער פּראָגראַם ניט דערמאָנט געוואָרן.

מיט דעם אַריינטריט פון דער גרופּע רוסישע פּועלי־ציון איז דער פאַראיין געוואָרן „אידישער". די מיטינגען הייבט מען אָן צו פירן אין אידיש און אייניקע פון זיינע גרינדער פאַרלאָזן אים (ה. סלאָנימסקי איז געוואָרן אַ פּראָפעסאָר און איז איצט דער דין אין סטיפן וויז אינסטיטוט פון אידישער רעליגיע אין ניו־יאָרק; דזשאַן קורנאָס איז געוואָרן אַ באַקאַנטער אידיש־ענגלישער שריפט־שטעלער. ער האָט זיך געשמדט אַלס פּרעסביטעריאַנער).

דער פאַראיין האָט אין די ערשטע צייטן געהאַט 2 סעקרעטאַרן: דר. הערי שאַץ פאַר ענגליש און — אַ סעקרעטאַר פאַר אידיש. די גרופּע — בעיקר די ענגליש־רעדנדע, האָט געהאַט סימפּאַטיעס צום אַנאַרכיזם. ס'איז ניט געווען קיין קלאָר פּראָגראַם וועגן אידישן לעבן אין אַמעריקע. די גרופּע האָט פאַרדאַמט הערצלס דיפּלאָמאַטישע וועגן צו געווינען די סימפּאַטיע פון די וועלט־מושלים. זי האָט געגלויבט אין אַ סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, וואָס וועט אומ־שטירצן דעם דעספּאָטישן רעזשים פון טערקישן סולטאַן. דערווייל דאַרף מען זיך צוגרייטן פאַרן קיין ארץ ישראל און זיך לערנען לאַנדווירטשאַפט און... אַראַ־ביש. פיינמאַן האָט זיך טאַקע אויף אַן אמת גענומען מיטן גאַנצן פלייס לערנען אַראַביש. פעלדמאַן איז אַוועק אין דער אַגריקולטור־שול, נעבן פילאַדעלפיע, און טאַקע געבליבן אַ פאַרמער.

אין משך פון אַ קורצער צייט איז זיך דער פאַראיין צעוואַקסן ביז 120 מיטגלידער און געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ס'איז אינטערעסאַנט אויף אַ מאָמענט זיך אָפּצושטעלן אויף דער קאָליר־פולער פּערזענלעכקייט פון יחזקאל עדעלשטיין. ער איז געווען אַ ברויזנדער, רעבעלירנדער כאַראַקטער. ער האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט ענערגיע און אומבאַגרע־

נעצטער ליבע צו זיינע אידעאַלן. אין די ערשטע יאָרן פון זיין קומען קיין פילאַ־דעלפיע האָט ער געאַרבעט אין דער אָרטיקער ציגאַרן־פאַבריק. זיין געזונט ווערט אונטערגעגראָבן פון דעם טאַבאַק־שטויב אין דער פאַבריק. און ער הייבט אָן זוכן אַ נייע באַשעפטיקונג. גראד האָט זיך געמאַכט, אַז דער אידישער שוך־קאָאָ־פעראַטיוו אין פילאַדעלפיע האָט באַשלאָסן צו עפענען אַ קאָאָפעראַטיוו שוך־געשעפט און עדעלשטיין איז דאָרט געוואָרן דער פאַרוואַלטער. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ קליינעם פריוואַטן שוך־געשעפט, וואָס איז געוואָרן די „הויפּט־קוואַרטיר" פון די יונגע סטודענטן און אידעאַליסטיש־געשטימטע יונגעליט, וואָס זענען געווען פאַרכאַפּט פון די אידעען פון ציוניסטישן סאָציאַליזם [28]).

עדעלשטיין האָט געטרוימט און אַגיטירט צו אָרגאַניזירן אַ טעראָריסטישע באַוועגונג פון אידישע יונגעליט צו פאָדערן אַן אייגענע היים פאַר אידן און אונטערשטיצן די דאָזיקע באַוועגונג מיט טעראָריסטישע מיטלען [29]).

אין 1907 איז ער געוואָרן אַ חתן און געפּלאַנט באַלד, נאָך דער חתונה, זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל. דעם 22טן יולי איז ער געפאָרן צו זיין כלה קיין ניור־מאַ, ניו־דזשוירזי, וואו זי האָט פאַרבראַכט איר זומער־וואַקאַציע. ער איז אַריין זיך אָפּבאָדן אין די וואַסערן פון אַטלאַנטיק. די וואַסערן פון ים האָבן אויסגעלאָשן זיין בליענד לעבן אין עלטער פון 28 יאָר. זיין טויט איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר זיינע אומצייליקע פריינט און פאַר דער גאַנצער באַוועגונג.

אין פילאַדעלפיע האָט אויך עקזיסטירט אין 1905 אַ פאַראיין „צעירי פועלי ציון", וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום פּוע"צ־פאַראיין. ביידע פאַראיינען האָבן געהאַט זייערע מיטינגען אויף 315 סאוט 13טע גאַס.

אין שיקאַגאָ איז אַנטשטאַנען אַ פּועלי ציון פאַראיין, בערך אין יולי, 1904. אין יאַנואַר 1905 האָט שוין עקזיסטירט אַ גרופּע פון 18, צווישן זיי פּנחס עדעל־מאַן, יצחק עדעלמאַן, שמואל דיסקין, ד. גליקמאַן, י. קאָפּעלאָוויטש, בען ריבאַק, מאיר זאַקהיים, דר. טיר א. א. די זיצונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָקאַל פון „שוחרי שפת עבר", 47 דזשאַנסאָן סטריט [30]).

דעם 18טן מאַי, 1905, האָבן די שיקאַגער פּועלי ציון פאַרעפנטלעכט אַן אויפ־רוף אַז די סימפּאַטיקער פון ציוניזם־סאָציאַליזם אין די וועסט־שטאַטן זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין פּועלי ציון־פאַראיינען.

אין 1906 שאַפן זיך 2 ריכטונגען אין דער אָרגאַניזאַציע: די „רעכטע": פּנחס עדעלמאַן, דר. ישראל מאַרקוס, סעם דושקין, שאַפּירא, זאַקהיים, נעפּסקי, און די סאָציאַל דעמאָקראַטישע ריכטונג: ב. ריבאַק, ד. גליקמאַן, ב. פרידמאַן, און פּאַלי־שוק. די ס.ד. ריכטונג האָט זיך אָפּגעשפּאַלטן פון פאַראיין און געשאַפן אַ באַזונ־דער ס. ד. פּועלי־ציון פאַראיין פון 14־15 חברים. אָנהייב 1907 האָבן זיך ביידע ברענטשעס צוריק פאַראייניקט.

דעם 24טן יוני, 1905, האָט דער פאַראיין איינגעאָרדנט אַ מאַסן־מיטינג קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד מיטן אָנטייל פון י. מאַרקוס, ח. האַלפּערן און פּ. עדעלמאַן. אין אויגוסט, 1906, איז אויף אַ באַראַטונג פון שיקאַגאָ, מילוואָקי און מינעאַפּאָליס באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ ראַיאָן־ביוראָ.

אין באָסטאָן איז געשאַפן געוואָרן אַ פּועלי ציון פאַראיין, בערך, אין נאָוועמ־בער, 1904. דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן דורך 7־8 רוסישע פּועלי ציון, מיינסטענס מינסקער, וואָס האָבן נאָך אַליין ניט געהאַט קיין באַשטימטע נאַציאָ־

נאָלע און סאָציאַלע אנשויאונגען. אויף די ערשטע זיצונגען אין סיוויק הויז, 112 באלעם סטריט, זענען געפירט געוואָרן דיסקוסיעס וועגן ציוניזם און ראַדיקאַלן ציוניזם.

אין אויגוסט, 1905, איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג צום אָנ־דענק פון דר. הערצל. דער פאַראיין איז זיך שיין צעוואַקסן, האָט פאַרמאָגט אייגענע קלוב־צימערן מיט אַ ביבליאָטעק און אָנגעפירט מיט אַ צאָל סטרייקס. אויך אין טשעלסי א. א. שטעט פון ראַיאָן זענען אַנטשטאַנען אין 1905 פּועל"צ־פאַראיינען.

אין מילוואָקי איז אַנטשטאַנען דער פאַראיין דעם 23טן דעצעמבער, 1905, מיט דער הילף פון ד. אַבערסאָן, וואָס האָט דאַן אין שליחות פון צ. ק. דורכגעפירט אַ טור אין דער מיטל־וועסט. אין מערץ 1906 האָט שוין דער פאַראיין געציילט 100 מיטגלידער און געהערט צו די שטאַרקסטע פאַראיינען איבערן לאַנד.

קענזעס־סיטי געהער צו די ערשטע פּוע"צ פאַראיינען איבערן לאַנד. דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן דעם 23טן אָקטאָבער, 1904, און ער האָט גלייך געציילט 32 מיטגלידער.

אין באַלטימאָר איז דער פאַראיין אַנטשטאַנען אָנהייב 1905. הערמאַן זיידעל, לאַנג־יאָריקער טוער פון דער באַוועגונג, האָט געהערט צו די גרינדער פון פאַראיין. אין דעצעמבער, 1905, ווען ס'איז דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, האָט דער פאַראיין געציילט 40 מיטגלידער. דעם 12טן מערץ, 1905, איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע מאַסן פאַרזאַמלונג א. ד. ט. „די רוסישע רע־וואָלוציע און די לעזונג פון דער אידנפראַגע".

אין פּיטסבורג איז אַנטשטאַנען אַ פאַראיין אין מיטן 1904 אונטערן נאָמען: „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַראיין, פּועלי ציון". דער פאַראיין האָט אָפּגע־האַלטן זיינע פאַרזאַמלונגען אין ציון־אינסטיטוט, 1851 סענטער עווענױ. דער יונגער פאַראיין האָט אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט, דורכגעפירט פיל אָפּן עיר־מיטינגען. איין מיטינג וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד איז געוואָרן אויפגעריסן דורך די געגנאָסן. די חברה „פּועלי ציון פּיטסבורג" האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין רעדאַקציע (אין „פאָרווערטס" פון 24טן אָקטאָבער, 1905), אין וועלכן זי פּראָטעסטירט קעגן דער האַנדלונג פון די געגנאָסן. „שטערן מיר, פּוע"צ, אייערע מיטינגען, אויף וועלכע מען רעדט קעגן ציוניזמוס"? פרעגן מיט רעכט די פירער פון פּוע"צ־פאַראיין. די געגנאָסן פון פּיטסבורג האָבן אין „פאָרווערטס" דערציילט, אַז די פּועלי ציון־רעדנער האָבן געזאָגט, אַז די רוסישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן און באַשמוצט דעם סאָציאַליזם, האָט זיך דערפאַר אין זיי צעבערענט אַ הייליקער צאָרן און זיי האָבן „פאַרכאַפּט די פּלאַטפאָרם". די פּוע"צ רעדנער האָבן אויך געזינדיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן גערופן די אידן צו שטיצן דעם קאַפּיטאַליסטישן טיקעט.

אין סט. לואיס, איז דער פאַראיין געגרינדעט געוואָרן דעם 26טן יולי, 1905. זיי האָבן געשאַפן קלוב־צימערן, אַ פרייען לייען־זאַל און אַ ביבליאָטעק און אַנטוויקלט אַ ברייטע קולטור־אַרבעט.

אין פּאַסעיק איז נאָך דער רעדע פון ד. אַבערסאָן געשאַפן געוואָרן אַ פאַר־איין, דעם 13טן אויגוסט, 1905; אין האַרטפאָרד, איז נאָך דער רעדע פון בעלאַ

פעווזנער געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין דעם 11טן פעברואַר, 1906. דעם 26טן אָקטאָבער, 1906, איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכע דעבאַטע צווישן מאיר לאַנדאַן און אַבערסאַן. לאַנדאַן האָט דערקלערט, אַז אויך ישעיה הנביא האָט געפּרעדיקט די אויסמישונג פון פעלקער [81].

אין באַפאַלאָ איז אַנטשטאַנען דער פאַראיין אין יולי, 1906. גלייך האָבן זיך פאַרשריבן 25 חברים. אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן, האָט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פאַראיין אָנגענומען די פּלאַטפאָרם פון פּוע״צ אין יולי, 1906.

אין דעטראָיט איז אַנטשטאַנען דער פאַראיין אין זומער 1906. 40 מאַן האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן. לייטסטאַן איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר. אין פאַראיין האָט זיך די ערשטע צייט געפירט אַ ביטערער קאַמף צווישן סאָציאַליסטן און ניט־סאָציאַליסטן. די לעצטע האָבן געטייטשט דעם נאָמען „פּועלי ציון״ — אַרבעטער פאַר ציון, אָבער דאָס מיינט ניט אַז זיי זענען מחויב צו אַרבעטן פאַרן סאָציאַליזם. דער פאַראיין האָט זיך שפּעטער רעאָרגאַניזירט און די ניט־סאָציאַליסטישע עלע־מענטן זענען פון אים אַרויסגעטראָטן. דער פאַראיין האָט איינגעשטעלט אַ מנהג דורכצופירן יאָר־יערלעך אַ יאָרצייט־מאַרש, אין טאָג פון הערצלס יאָרצייט [82].

אין וואַשינגטאָן איז געשאַפן געוואָרן אַ פּוע״צ־פאַראיין אין 1906, נאָך אַ רעדע פון הערמאַן זיידעל פון באַלטימאָר. משה פריליכאָוו, וואָס איז געווען טעטיק אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין ענגלאַנד אין די יאָרן 1902־1903, און איז גע־קומען קיין אַמעריקע סוף 1902, איז געווען פון די גרינדער פון פאַראיין. דער פאַראיין איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט אָנפאַנג 1907.

אין מינעאַפּאָליס האָט זיך געגרינדעט אַ פאַראיין אין פעברואַר, 1906; אין ניו־הייווען אין יולי, 1906; אין קליוולאַנד אין מיטן 1905; אין פּראָווידענס, מאַס., אין מיטן 1905; אין טאָראָנטאָ, אין מיטן 1904. פאַראיינען האָבן זיך אויך גע־גרינדעט אין אָלבאַני, ברידזשפּאָרט, פּעטערסאָן, נוואַרק, קאָלומבוס (אָהאַיאָ), ראָטשעסטער און אַנדערע שטעט.*)

אין ניו יאָרק זעלבסט האָט זיך די באַוועגונג שטאַרק פאַרנאַנדערגעוואַקסן. עס קומען צו פיל נייע טוער, צווישן זיי: ברוך צוקערמאַן, אסתר מינץ, יואל ראָזאָווסקי (ביידע געקומען פון ענגלאַנד, וואו זיי זענען געווען אַקטיוו אין די ערשטע פּוע״צ־פאַראיינען אין ענגלאַנד), שולמאַן, אַראָנסאָן, דר. לעאָן קאַפּע־לאָוויטש, בעלאַ פּעווזנער, א. ש. וואַלדשטיין, בן ציון מילער (איצט אין סי־ראַקיוז), ישראל אפּלבוים (איצט אין תל־אביב) און אַנדערע.

באַלד שאַפן זיך אַ רייע נייע פאַראיינען: אין אויגוסט — דער פּינסקער ברענטש 2; אין סעפּטעמבער — אין בראָנזוויל, אין אָקטאָבער — אין ברוקלין, אין יאַנואַר, 1905 — אין האַרלעם. אין מערץ, 1905, אָרגאַניזירן זיך די פּועלי ציון פון קאָוונע און אומגעגנט. אין זעלבן חודש שאַפן זיך ביאַליסטאָקער און מאָהילעווער פּוע״צ־פאַראיינען. אין מאַי, 1905, אַנטשטייען וואַרשעווער און גאַליציאַנער פּוע״צ פאַראיינען; אין אויגוסט — דער ווילנער פּ. צ.־פאַראיין, ברענטש 4; שפּעטער אָר־גאַניזירן זיך אויך פאַראיינען פון סלוצקער און פּאָדאָליער פּועלי ציון.

איבעראַל קומט פאָר אַ לעבעדיקע אויפקלערונג־און קולטור־אַרבעט. דעם

*) וועגן דער געשיכטע פון די פּוע״צ־פאַראיינען אין קאַנאַדע — שרייבט אויספירלעך ש. בעלקין אין צווייטן באַנד.

27טן מאַי, 1905, ווערט געפייערט די 2 יאָריקע עקזיסטענץ פון דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציע אין ניו יאָרק.

אינטערעסאַנט איז צו פאַרצייכענען די נעמען פון עטלעכע רעפעראַטן אויף פאַרטיי־טעמען: אַ דעבאַטע איבער פועלי־ציון אין רוסלאַנד און אַמעריקע; אַ מאַסן־מיטינג מיטן אָנטייל פון ד. אַבערסאָן א. ד. ט. „דער ציוניזם, די פועלי ציון און זייערע קעגנער". סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און ציוניסטן זענען געלאַדן — זאָגט זיך אין דער מעלדונג וועגן דעם מיטינג אין „פאָרווערטס"; „צי שטערט דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון אידישן אַרביי־טער?"; „ציוניזם אין רוסלאַנד און אַמעריקע"; „ציוניזם און די פּאָגראָמען" א.א.וו.

עס ווערט אויך געפירט אַ ברייטע קולטור־אַרבעט פון אַלגעמיינעם כאַראַק־טער. כדאי אויפצוצייכענען די טעמען פון אַ צאָל רעפעראַטן, וואָס זענען פאָר־געקומען אין ניו יאָרק אין יענער צייט. זיי נעמען אַרום אַ ברייטן קרייז פון אינטערעסן און זיי באַווייזן דעם הונגער נאָך וויסן, וואָס האָט דאַן געהערשט אין די קרייזן פון די יונגע אימיגראַנטן.

וועגן רעליגיע; רעפעראַט פון מ. זאָלאָטאַראָוו: „יחיד און געזעלשאַפט"; רעפעראַט פון יואל ענטין: „די זשאַרגאָנישע שפּראַך"; אַ דעבאַטע וועגן רמב"ם; אַ רעפעראַט פון אב. גאָלדבערג א. ד. ט. „וועלכע איז אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך אין דער צוקונפט — העברעאיש אָדער זשאַרגאָן?"; „ווי זאָלן מיר קאָלאָניזירן?"; „די געשיכטע פון רעוואָלוציע אין רוסלאַנד"; „איבער דוד פינסקיס „פאַמיליע צבי"; רעפעראַט פון א. ש. וואלדשטיין: „דער אַמעריקאַנער הערצל — מרדכי עמנואל נח"; רעפעראַט פון בעלאַ פעוזנער: „וואָס דערוואַרט דעם אידישן אַר־בייטער נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע?"; רעפעראַט פון ל. קאָפּעלאָוויטש: „בערנאַרד לאַזאַר דער איד, בערנאַרד לאַזאַר — דער אַנאַרכיסט"; „די סאָציאַלע לאַגע אין פּאַלעסטינע"; „די עמאַנציפּאַציע פון די אידן אין עסטרייך"; אַ סעריע לעקציעס פון ל. קאָפּעלאָוויטש איבער ראָבערט אָווען, זיין לעבן, זיינע ווערק; דיס־קוסיע איבער דער נאַציאָנאַלער אידישער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד און אין גאַ־ליציע; דעבאַטע איבער „סאָציאַליזם און אַסימילאַציע" (חזן — איינלייטער); „היינריך היינע, זיין לעבן און לײדן".

עס זענען אויך פאָרגעקומען פיל ליטעראַריש־דראַמאַטישע אָוונטן און קאָנ־צערטן. עס זענען פאָרגעקומען אָוונטן צום 25טן יובל פון שמעון פרוג (אויגוסט, 1904), אַ פייערונג צום 70טן געבורטס־טאָג פון מענדעלי מוכר ספרים (יולי, 1905); אַ שלום עליכם אָוונט (אַפּריל, 1905); אַן אָוונט צום 50טן יאָרצייט פון היינריך היינע (מערץ, 1906); פיל הערצל־אָוונטן א. א.

אין אויגוסט, 1905, אנטשטייט אַ פועלי ציון כאָר, דיריגירט דורך מ. מאַכט־ענבערג. דער כאָר שטודירט די „התקוה" און די מאַרסעליעזע אין אידיש; ער אָרדנט איין עטלעכע קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג און טרעט אויך אויף פאַרשידענע אָוונטן. מיר לייענען אַ מעלדונג אין סעפּטעמבער 1905, אַז י. אַפּעלבוים און ברוך צוקערמאַן וועלן אויפטרעטן אויף אַ קאָנצערט פון ווילנער בר. 4, וואו זיי וועלן פאָרלעזן אייגענע פאַרפאַסטע לידער און אויך פון די בעסטע רוסישע שרייבער. אַ כאָר וועט זינגען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע לידער.

מיר טרעפן אויך אַן ידיעות וועגן דער גרינדונג פון ביבליאָטעקן, גרינדונג פון גרופּן צו לערנען ענגליש, פון טעאָרעטישע קרייזן צו שטודירן פּראָבלעמען פון ציוניזם און סאָציאַליזם א. א. וו.

אויך אין די פּאַראיינען איבערן לאַנד איז געוואָרן געפירט אַן אינטענסיווע קולטור־אַרבעט. אַט זיינען אַ צאָל טעמען פון לעקציעס געהאַלטן אין פילאַדעלפיע אין די יאָרן 1904־1906.

„די עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַליזם" פון ה. מזה; „נאַציאָנאַליזם אַלס פאַקטאָר אין דער ציוויליזאַציע" — לאַיער איזידאָר פּרעגער; „טעאָריע און פּראַקטיק פון די פּועלי ציון" — ה. כהן; „די אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור" פון ה. מזה; „געדאַנקען פון אַ אידישן פּעסימיסט" — אַלבער־שטאַט; „וואָס איז פּאָליטישע עקאָנאָמיע" — ח. פיינמאַן; אַ לעקציע איבער טרייד־יוניאָניזם; „די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין פּאַלעסטינע".

עס זענען דאָרט פאָרגעקומען אַ רייע ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן און בעלער; אָוונטן לכבוד ש. פרוג, צום אָנדענק פון דר. הערצל; אַן אָוונט לכבוד מענ־דעליס 50 יאָריקן יובילײ. ביים פּוע"צ־פאַראיין זענען געווען טעטיק (מאַי, 1905) 4 קרייזן; פאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אידישער ליטעראַטור, אידישער געשיכטע און אַ העברעאיש־רעדנדער קרייז. ס'איז אויך געווען טעטיק אַ טעאָרעטישער קרייז צו שטודירן פאַרשידענע פּראָבלעמען.

אין אַ שטאָט ווי סענט לואיס זענען פון 26טן יולי, 1905, ביזן 1טן דעצעמבער, 1906, פאָרגעקומען 40 מיטינגען (לויט אַ גענויען באַריכט צום צ. ק.) מיט אַ זייער פאַרשיידנאַרטיקער טעמאַטיק. ווי למשל: דער אַרבעטער און די אַלטע אידישע געזעצן, עזרה ונחמיה, די לעצטע פּאַסירונגען אין רוסלאַנד, לעבן און לערע פון ברוך שפּינאָזע, גענעראַל־סטרייק, איז דער ציוניזם אַן אוטאָפּיע? רעפאָרמען אין סאָציאַליזם, רעוואָלוציע און די פּאַגראָמען; ליטעראַרישע אָוונטן לכבוד חנוכה, מענדעליס יובילײ, הערצל־יאָרצייט א. א.

עטלעכע טעמען פון רעפעראַטן אין שיקאַגאָ: די אידן אין דער מעדיצין; דאַרוויניזם, — רעדנער דר. וויסאָצקי; ליטעראַטור און לעבן ביי אידן — דר. מאַרקוס. אַ צאָל ליטעראַטור־אָוונטן א. ד. גל.

מיטן וואוקס פון דער באַוועגונג איז מען צוגעטראָטן שאַפן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט אַנצופירן מיט די פאַרשידענע גרופּן איבערן לאַנד. אין יולי, 1904, ווערט פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו גרינדן פּוע"צ־גרופּן איבעראַל. אין אָקטאָבער, 1904, האָט מען שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן רופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ. אין דעצעמבער, 1904, ווערט געשאַפן אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האַלט אָפּ מיטינגען איינמאָל אַ וואָך. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָ־מיטעט צו אָרגאַניזירן גרופּן אין ניו דזשוירזי. עס ווערן אַרויסגעשיקט שליחים איבערן לאַנד צו באַזוכן די געשאַפענע פאַראיינען. אין דער אַרבעט צייכענען זיך אויס ד. אַבערסאָן און בעלאַ פּעווזנער.

דעם 3טן יולי, 1904 (כ' תמוז, תרס"ד), איז אין ווין געשטאָרבן דר' טעאָדאָר הערצל, אין בליענדן עלטער פון 44 יאָר. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַן אומ־באַשרייבלעכן טרויער אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, איינגעשלאָסן די פּועלי ציון. אין „פאָרווערטס" איז דאַן דערשינען גלייך נאָכן טויט, ווען די אידישע וועלט איז געווען געהילט אין טיפן טרויער נאָכן טויט פון גרויסן מנהיג, אַ

שענדלעכער אַרטיקל פון דר. ק. פאַרנבערג (אין נומער פון 5טן יולי) אין וועלכן ער האָט געשריבן צ. אַנד: „ווען דר. הערצל וואָלט געבאָרן געוואָרן נישט אין יאָר 1860, נאָר מיט אַ יאָרהונדערט פריער, וואָלטן מיר ניט געקענט בעסער און ריכטיקער אים כאַראַקטעריזירן ווי רופנדיק אים „דער נייער משיח השקר". „משיחים" זענען ביי אידן געווען שוין פיל און זיי אַלע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר „פאַלשע משיחים".

דער „פאָרווערטס" האָט באַלד איינגעזען אַז ער האָט באַליידיקט די גע־פילן פון פיל פון זיינע לייענער און ער האָט געפּרואווט פאַרריכטן דעם שרעק־לעכן רושם פון פאַרנבערגס אַרטיקל און פאַרעפנטלעכט דעם 9טן יולי אַן עדי־טאָריעל אין גאַר אַן אַנדער טאָן. דער עדיטאָריעל האָט געזאָגט, אַז „ערנסטע, ער־לעכע, באַגייסטערטע ציוניסטן באַקלאָגן דעם טויט פון דר. הערצל און יעדער ערלעכער מענטש, וואָס איז פעאיק באַגייסטערט צו ווערן פאַר אַן אידעע, האָט דעם געפיל פון אַ מנחם אָבל צו זיי". דאָן איז געגאַנגען אַן עצה טובה, אַז מען זאָל ניט איבערטרייבן מיט די שבחים נאָכן טויטן, „וואָס דערמאָנט די איבערגע־טריבענע שבחים וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף דער לויה פון היגן „רב הכולל" *), מיט „בלאָף און ביזנעס" גרילצט פון די דאָזיקע ניט־געמיינטע שבחים,איבערגע־טריבענע לויב־געזאַנגען. עס איז פּראָסט אַ לעסטערונג אויף דעם קבר".

„די אמת־באַגייסטערטע ציוניסטן איבערטרייבן ניט. דר. הערצל איז געווען אַ זייער וויכטיקע פּערזאָן אין זייער באַוועגונג, אַ שיינע פּערזענלעכקייט און זיי באַקלאָגן אים אַלס דעם פירער פון זייער באַוועגונג, און מיר סאָציאַליסטן נעמען אַראָפּ די הוט ווען דער טויטן־קערפּער גייט פאַרביי, מיט רעספּעקט צו דעם טויטן אַלס מענטש, אַלס אַן איבערגעגעבענער פירער פון אַ באַוועגונג, אָפּגעזען פון דעם, וואָס מיר פילן און דענקען וועגן דער דאָזיקער באַוועגונג אַליין".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דערשינען אַ דריי קאָלומדיקער אַרטיקל פון א. ליעסין מיט אַ סך לויב פאַר דר. הערצלען, אין וועלכן סווערט געזאָגט צווו. אַנד.: „ער איז געווען אַן אידעאַליסט מיט פיל פאַרדינסטן פאַר זיין פאָלק, אָבער דער ציוניזם איז ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, אַ שיינער חלום, אָבער דאָך אַ חלום".

אויפגערעגט פון מיאוסן אַרטיקל פון דר. פאַרנבערג, האָבן די ניו יאָרקער פועלי ציון אַרויסגעגעבן אַ פלוג־בלאַט אונטערן נאָמען „די וואַרהייט", מיט ביטערע אָנגריפן אויף די גענאָסן פאַר זייער באַליידיקן הערצלס אָנדענק. דאָס פלוג־בלאַט האָט געטראָגן די אונטערשריפט „הערצלס טויט און די אידישע גענאָסן". די בחורים און מיידלעך וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס צעטיילן דאָס פלוג־בלאַט, האָבן זיך געקילט דאָס האַרץ און בקולי־קולות זיך פאַרנאַנ־דערגעיאָגט איבער די גאַסן מיטן געשריי: „דר. הערצל און דער טויט פון די אידישע גענאָסן". די „אַרבעטער וועלט" (אַ ציימונג פאַר די אינטערעסן פון טרייד־יוניאָניזם), האָט שטאַרק אָנגעזידלט די פּועלי ציון.

דאָן איז געגאַנגען אַ וואַל־קאַמפּאַניע צום קאָנגרעס און די אידישע סאָציאַ־ליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון יוסף באַראַנדעס. אויף דער גע־רופענער וואַל־קאָנפערענץ האָט מען ניט צוגעלאָזט די דעלעגאַטן פון די פּוע"צ ביז עס וועט ניט באַזוכן דעם פאַראיין אַ קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער

*) ר׳ יעקב יוסף, זיין לויה איז פאָרגעקומען דעם 30־טן יולי 1902.

פּאַרטיי און הערן פון די פּוע״צ, אַז זיי אַנטשולדיקן זיך פאַר די באַליידיקנדיקע אויסדרוקן קעגן די גענאָסן. עס זענען געקומען ב. פייגנבוים, מ. גיליס און דזשאָ־זעפסאָן; אַלע — סאָציאַליסטישע גדולים. אב. גאָלדבערג און מ. גוטמאַן האָבן זיי שאַרף געענטפערט. דער עולם האָט שטורמדיק צוגעשטימט צו גוטמאַנס סאַר־קאַסטישן ענטפער. גוטמאַן האָט געטענהט, אַז דער פּאַמפלעט איז געווען אַדרע־סירט ניט אויפן חשבון פון אַלע סאָציאַליסטן, נאָר פון די, וואָס האָבן געלעסטערט דעם אָנדענק פון אונזער פירער. „אויב איר פילט אַז דאָס שטריימל פּאַסט אייך — טראָגט עס געזונטערהייט. אויב איר פילט זיך ניט שולדיק, פאַרוואָס זאָלט איר אָננעמען די ווערטער אויף אייער חשבון? זאָלן זיך פילן באַליידיקט די וואָס האָבן עס כשר פאַרדינט״.

די קאָמיטע האָט אָנגענומען די דערקלערונג און מען האָט די פּוע״צ געגעבן אַ געלעגנהייט צו העלפן אין דעם קאַמפּיין פאַר באַראַנדעס, וואָס איז שוין דאַן געשטאַנען זייער נאָענט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער פּ. צ. פאַראיין האָט צום סוף אויסגעדריקט זיינע וואַרעמע סימפּאַטיען צום סאָציאַליזם און צום ערשטן אַגיטאַציע־דיסטריקט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע.

שפּעטער האָט אב. קאַהאַן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון דער דערעפענונג פון 7טן ציון־קאָנגרעס (סוף יולי, 1905), און געשריבן: „אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דאָ אַ מאַסע פיינע מענטשן, ערלעכע אידישע ענטוזיאַסטן, אָבער צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייער אידעאַל איז אַ סך ווייטער ווי צום סאָציאַליזם״. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט קאַהאַן געשריבן (דעם 1טן סעפּטעמבער, 1904) „פון דעם ציוניזם קען מען נאַטירלעך ניט האַלטן, אָבער די וואָס זענען אים טריי, פאַרדינען אונזער רעספּעקט פאַר זייער פּרינציפּן־טרייהייט״...

מיטן שנעלן וואוקס פון דער באַוועגונג איז געוואָרן שאַרפער די נויט־ווענדיקייט אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטשריפט. אין מאַי, 1904, איז דערשינען דער ערשטער נומער פון פערטל־יאָר זשורנאַל „די נייע שטימע״, אַ ראַדיקאַל־ציוניסטישע צייטשריפט מיטן מאָטאָ: „אמתע באַפרייאונג איז זעלבסט־באַ־פרייאונג״, אַרויסגעגעבן פון די אָרגאַניזאַציאָן פּועלי ציון אין ניו יאָרק, ער־שיינט פיר מאָל יערלעך, 10 סענט אַ קאָפּיע.

לאָמיר דאָ איבערגעבן דעם אינהאַלט פון ערשטן נומער: פאָרוואָרט — רעדאַקציע; ראַדיקאַלער ציוניזם — בן אהרן; ציוניזם אַלס רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג — אַ ציוניסט־סאָציאַליסט; „פּועלי ציון״ און דער „בונד״ — אבגדר; די שבועה, פּועלי ציון ליד; רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן; די צווי דורות (סקיצע) — אב גאָלדבערג; צום קאַמף (געדיכט) — ה. ה. קאַמינער; אַ רחמנות (סקיצע) — ש. אַרענסאָן; פעליעטאָן — י. כרמל, אַפאָריזמען און אַנעקדאָטן. דער נומער איז דערשינען אין 48 זייטן.

דער צווייטער נומער מיט אַ נייעם שער־בלאַט איז דערשינען אין סעפּ־טעמבער, 1904, און אין אַפּריל, 1905, איז דערשינען אַלס טאָפּל־נומער דער נומער 3־4. די רעדאַקציע קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון א. ליטווין, אב גאָלדבערג און צבי יוסף כהן. מ. גוטמאַן איז געווען דער טרעזשורער און זיין צימער, וואו ער איז געווען אַ באָרדער, האָט געדינט אַלס אָפיס פון וואַנען מען פלעגט אַרויסשיקן דעם זשורנאַל און וואו די רעדאַקציע האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען. דער

זשורנאַל האָט אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין דער באַוועגונג. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פּרעסע־פאָנד און עס איז געזאַמלט געוואָרן גענוג געלט אויף צו דעקן די קאָסטן פון ערשטן נומער, גאַנצע 575 דאָלער. די גרעסטע סומע האָט געגעבן דער פאַראיין „אוהבי ציון", וואָס האָט געגעבן 10 דאָלער. די חברים פון אוהבי ציון" האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל.

אויך אין צווייטן נומער איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ ליד, דאָס „וויג ליד" (פון די פּועלי ציון שירים אין רוסלאַנד). דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון די לידער, וואָס זיינען שנעל געוואָרן זייער פּאָפּולער.

אין נומער 3־4 איז דערשינען אַן אויפרוף צו שאַפן 1,000 דאָלער אַרויסצו־געבן אַ וואָכנבלאַט. אַלס דער קאַסירער איז אָנגעגעבן אַ. לובאַרסקי, הויפּט־פאַר־טרעטער פון „אוהבי ציון". מיט בריוו זיך צו ווענדן צו מ. גוטמאַן, 51 נאָרפאָלק סטריט.

דעם 29טן מערץ, 1905, איז פאָרגעקומען אין אַפּאָלאָ־האָל אויף קלינטאָן סט. אַ מאַסן־פייערונג לכבוד דעם דערשיינען פון 3טן נומער „נייע שטימע". דעם 27טן מאי איז פאָרגעקומען אין פאַסיפיק האָל אויף איסט בראָדוויי אַ טאָפּלטער יום טוב: די 2 יאָריקע עקזיסטענץ פון די פּועלי ציון און די 1־יאָריקע עקזיסטענץ פון די „נייע שטימע".

7.

# פאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן

דער שאַרפער קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אַרום ענין אוגאַנדאַ, האָט זיך אויסגעווירקט אויף דער יונגער פּועלי ציון־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. דער 6טער ציון־קאָנגרעס (23־28 אויגוסט, 1903), האָט זיך שאַרף צעטיילט אַרום דעם פאָרשלאָג פון דר. הערצל אָנצונעמען די איינלאַדונג פון דער ענגלישער רעגירונג צו פאַרזיכערן אַן אויטאָנאָמע אידישע קאָלאָניזאַציע מיט אַ אידישער רעגירונג אונטער בריטישער אויבער־הערשאַפט אין מזרח־אַפריקע (אוגאַנדאַ). טראָץ הערצלס פייערלעכער פאַרזיכערונג אַז „אוגאַנדאַ איז ניט ציון און קאָן עס קיינמאָל ניט ווערן", אַז ער איז געקומען צום אוגאַנדע־פאָרשלאָג אונטערן איינדרוק פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד; טראָץ דער דערקלערונג פון מאַקס נאָרדוי אַז אוגאַנדע וועט נאָר זיין אַ „נאַכט־אַזיל", אַ סטאַנציע אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האָט דער פאָרשלאָג אַרויסגערופן אַ שטורמישע אָפּאָזיציע. ביי דער אָפּשטימונג וואָס איז געווען פול מיט דראַמאַטישע מאָמענטן, האָבן פון אַן ערך 500 דעלעגאַטן, פאַר הערצלס פאָרשלאָג (די „יאָ־זאָגער") געשטימט 295; קעגן (די „ניין־זאָגער") 178 און 132 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן.

די „ניין"־זאָגער, אָדער ווי מען האָט זיי שפּעטער אָנגערופן, די „הבוכים" — די ווײנער, האָבן איבערגעלעבט אַ טיפע נשמה־דערשיטערונג און ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט ספּאָזמאַטישע סצענעס מיט געוויין און חלשות. דובנאָוו שרייבט וועגן דעם: „דערשיטערנד איז געווען די דאָזיקע אויפרעגונג פון מענטשן, וואָס זענען ערשט געקומען פון דער צעבלוטיקטער פּאָגראָם־מדינה, רוסלאַנד, און איצט וויינען זיי ביטער אויף די חורבות פון אַ וויטן ציון־אידעאַל, בשעת מען לייגט זיי פאָר אַ רואיקע מקום מנוחה אונטער דעם שוץ פון אַלמעכטיקן ענגלאַנד. די דאָזיקע אידעאַליסטן זענען גרייט געווען נאָך במשך פון לאַנגע יאָרן צו ליידן אין רוסישן גיהנום אַבי זיך צו דערשלאָגן צו אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין אייגענעם לאַנד, וואו עס זאָל באַזייטיקט ווערן ניט נאָר דער מאַטעריעלער, נאָר אויך דער גייסטיקער עלנט פון אידנטום".

צווישן די וואָס זענען געווען קעגן אוגאַנדאַ־פאָרשלאָג, האָבן זיך אויך געפונען דר. כהן־בערנשטיין, דער פירער פון די קישיניעווער אידן און אַ צאָל פּראָמינענטע ציוניסטן פון ענגלאַנד. פון דער צווייטער זייט זענען געווען פאַר־שלאָג: הרב ריינעס פון „מזרחי"; דר. האַזאַנאָוויטש פון ביאַליסטאָק, נחמן סירקין און פיל אַנדערע פירער פון פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגן פון פאָרשלאָג. די הויפּט־סיבה איז געווען: אַ שטורם פון פּראָטעסט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין אוגאַנדאַ צווישן די ענגלישע קאָלאָניסטן, אַ פּראָטעסט, וואָס איז געוואָרן אונ־

טערשטיצט פון אַ גרויסן טייל פון דער ענגלישער פּרעסע. אָבער אַ גרויסן איינ־פלוס האָט בלי שום ספק געהאַט די שטייגנדע אָפּאָזיציע אין לאַגער פון אָר־גאַניזירטן ציוניזם.

די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וואָס דער 6טער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו שיקן קיין אוגאַנדע, האָט געבראַכט אַ נעגאַטיוון באַריכט. אויפן 7טן קאָנגרעס (27 יולי—2 אויגוסט, 1905, אין באַזעל), איז דער אוגאַנדאַ־פּאָרשלאַג געוואָרן אָפּגעוואָרפן מיט אַ געוואַלדיקער מערהייט. די פירער פון די טעריטאָריאַליסטן, ישראל זאַנגוויל און נחמן סירקין, האָבן ניט געקענט פירן נאָך זיך דעם קאָנגרעס, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין הויפּט־מנהיג און באַגייסטערנדן וויזיאָנער — דר. טעאָדאָר הערצל, וואָס איז געשטאָרבן אין בליענדן עלטער פון 44 יאָר, כ׳ תמוז (3 יולי, 1904). די קליינע מינדערהייט האָט פאַרלאָזן דעם אויסערגעוויינלעכן ציון־קאָנ־גרעס און געשאַפן אַ סעפּעראַטע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

אויך אין דער יונגער פּועלי ציון־באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ ביטע־רער קאַמף אַרום דער פראַגע: ציון אָדער אוגאַנדע. אין רוסלאַנד איז די מער־הייט פון דער פּאַרטיי אַריבער צו די ס. ס. די נייע שפּאַלטונג פון די „סיימיסטן״ האָט נאָך מער אָפּגעשוואַכט די יונגע באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן צוריק אויפגע־שטעלט דורך די אויסערגעוועגלעכע אָנשטרענגונגען פון באָראָכאָוו, בן צבי א. א. אויך אין אַמעריקע האָט דער טעריטאָריאַליסטישער פליגל געהאַט די איבערוואָג.

אין „די נייע שטימע״ (נומ. 3־4, מערץ, 1905) איז דערשינען אַן אַרטיקל פון אבגדר: „אַ טעריטאָריום אָדער נאָר פּאַלעסטינע?״ דער מחבר פון אַרטיקל איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס וואָס מיר דאַרפן איז ניט קיין הייליק לאַנד, נאָר אַ לאַנד. אויב ניט אוגאַנדאַ — איז אַן אַנדער לאַנד. די רעדאַקציע האָט פאַרזעהן דעם אַרטיקל מיט אַ באַמערקונג, אַז ער דריקט ניט אויס די מיינונג פון דער גאַנצער רעדאַקציע. אין דער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך אויך פּאַלעסטינצעס. די שטעלונג פון דער אָרגאַניזאַציע וועט ווערן אויפגעקלערט אויף דעם קומענדן צוזאַמענפאָר.

אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער יונגער באַוועגונג אין פילאַדעלפיע (29, 30 אַפּריל און 1טן מאַי, 1905) צו וועלכן עס זענען געקומען 22 דעלעגאַטן פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן און באַלטימאָר, זענען 18 געווען מיט די טערי־טאָריאַליסטן און נאָר 4 פאַר ציון. נאָך אַ לאַנגער און הייסער דעבאַטע וואָס האָט געדויערט פון 7 אין אָוונט ביז 8 אין דער פרי, איז אָנגענומען געוואָרן די פאָל־גנדע רעזאָלוציע:

„די פּועלי ציון שטרעבט צו שאַפן פאַרן אידישן פאָלק אַן אייגענעם באָדן, אַ טעריטאָריע. וועלכער באָדן? וועלכע טעריטאָריע? דאָס געהערט נישט אין דער אַלגעמיינער פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע. יעדער פּאַראייך, ווי יעדער חבר מעג אַגיטירן ווי ער פאַרשטייט״ [33].

די דאָזיקע איינשטימיק־אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט פאַרלויפיק אויסגעמיטן אַן אָפענע שפּאַלטונג. 4 דעלעגאַטן, ריינע פּאַלעסטינצעס, האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל שאַפן צוויי באַזונדערע צענטראַלע קערפּערשאַפטן אָנצופירן מיט די באַזונדערע טעריטאָריאַליסטישע און פּאַלעסטינישע טעטיקייטן, אָבער דערביי זאָל בלייבן איין צענטראַל קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט אַלע געמיינזאַמע אַרבעטן. די מערהייט איז געווען קעגן דעם פאָרשלאַג. די אָנגענומענע רעזאָלוציע, וואָס האָט

אַרויסגעזאָגט איר נייטראַליטעט צו דער ברענענדיקער שטרייט־פראַגע: ציון אָדער טעריטאָריע, האָט גערעאַטעוועט אויף אַ קורצער צייט די גאַנצקייט פון דער יונגער פּאַרטיי. דאָס איז געווען די קאָנצעסיע, וואָס די מערהייט האָט געמאַכט דער מינדערהייט. דערפאַר האָט די מינדערהייט פאַרלויפיק זיך אָפּגעזאָגט פון איר פאָדערונג צו שאַפן צוויי באַזונדערע צענטראַלע קערפּערשאַפטן.

דער פילאַדעלפיער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן, אַז די „גאַנצע אָרגאַניזאַציע" איז מחויב צו אַרבעטן פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק, אָבער וואָס נוגע דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, קען יעדער פאַראיין טאָן ווי ער פאַרשטייט. דער פאַרשלאַג אַז די „וועלט" (דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע) זאָל אויך דערשיינען אין העברעאיש, איז דורכגעפאַלן מיט איין שטימע. וועגן דער ציוניס־טישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע איז באַשלאָסן געוואָרן: „מיר געהערן צו דער אַמערי־קאַנער פעדעראַציע, ווי לאַנג זי שטערט ניט אונזערע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן". וועגן פּאָליטישן קאַמף: „יעדער פאַראיין געהערט צו וועלכער פּאַרטיי ער ווינשט" (ס. פּ. אָדער ס. ל. פּ.). עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו העלפן די פּוע"צ אין רוסלאַנד און זאַמלען געלט פאַרן זעלבסט־פאַרטיידיקונגס־פאָנד פון די רוסישע פּועלי ציון.

אַ גרופּע פּאַלעסטינצעס אין ניו יאָרק, וואָס איז ניט געווען צופרידן מיט דעם געלאַטעטן פּשרה־פאַרשלאַג, האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַן אייגענעם פאַראיין פון פּועלי־ציון ־פּאַלעסטינצעס. אַזאַ פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אָנהייב יוני, 1905.

דער פאַראיין האָט פאַרעפנטלעכט זיינע סטאַטוטן, וואָס ווייזן קלאָר די צילן און טענדענצן פון דאָזיקן פאַראיין.

„א. צילן: 1) די פּועלי ציון (פּאַלעסטינצעס) אַרבעטן פאַר דער אינערלעכער און אויסערלעכער אויפלעבונג פון אידישן פאָלק אויף זיין היסטאָרישן באָדן — פּאַלעסטינע לויט דעם „פּועלי ציון"־געדאַנק. 2) מיר שטייען אין פאַרבינדונג מיט אַלע פּאַלעסטינצעס אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען און קלאַסן, און שטרעבן צו־זאַמען פאַרברייטן און פאַרטיפן דאָס באַזעלער פּראָגראַם. 3) מיר אַרבעטן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אויף די יסודות פון „נאַ־ציאָנאַלער זעלבסטהילף" און „קלאַסן־באַוואוסטזיין". 4) מיר אַרבעטן פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר אָנערקענען די נאַציאָ־נאַל־קולטורעלע אַרבעט, איבערהויפּט די דערציאונג פון דער אידישער יוגנט אין נאַציאָנאַלן זין, אַלס איינע פון אונזערע הויפּט־אַרבעטן (אָנמערקונג: מיר אָנער־קענען „העברעאיש" אַלס די נאַציאָנאַל־אידישע שפּראַך).

„ב) מיטלען: 1) שריפטלעך און מינדלעך אַגיטירן פאַר דעם פּאַלעסטינישן פּועלי ציון־געדאַנק. 2) אַרבעטן פאַר אַלע אינסטיטוציעס וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געשאַפן, אַזוי לאַנג ווי די דאָזיקע אינסטיטוציעס דינען זייער צוועק — די עראָבערונג פון פּאַלעסטינע. 3) מיר אונטערשטיצן די „קאָלאָניזאַ־ציע אין ארץ ישראל" לויט קאָנגרעס־באַשלוסן. 4) מיר באַטייליקן זיך אין אַלע אידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַרבעטן אין די גלות־לענדער, אַזוי לאַנג ווי זיי זענען פּרינציפּיעל ניט קעגן דעם הויפּט־געדאַנק פון פּועלי־ציוניזם. 5) מיר געהערן צו דער אַלגעמיינער פּוע"צ־אָרגאַניזאַציע, ווי צו דער ציוניסטישער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע (פעדערײשאָן אָוו אַמעריקען זייאָניסטס), אַזוי לאַנג זיי

שטערן ניט אונזערע אויטאָנאָמישע אַרבעטן. 6) מיר גייען צוזאַמען מיט אַלע אי־דישע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע אַרבעטן, זאָלאַנג זיי דינען זייער צוועק — די אומענדערונג פון דעם לעת־עתה׳דיקן געזעלשאַפטלעכן דרוק אויף אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; מיר באַקעמפן זיי, ווען זיי טרעטן אַרויס קעגן נאַציאָנאַליזם בכלל און דעם אידישן נאַציאָנאַליזם בפרט" [34]).

די גרינדער פון פאַראיין זענען געווען: א. ש. וואַלדשטיין, י. ז. פרישבערג, י. ראַזאָווסקי, ד. אבערסאָן, ה. כהן און ישעיה עפשטיין [35])). דער פאַראיין האָט געשיקט זיינע דעלעגאַטן צו דער 8טער קאָנווענשאַן פון אַמעריקאַנער ציוניסטן. א. ש. וואַלדשטיין און ה. כהן האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער קאָנווענשאַן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די פּוע״צ־פּאַלעסטינצעס. דער פאַראיין האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם 27טן יולי אַ ציוניסטישע גאַסן־דעמאָנסטראַציע לכבוד דער דערעפענונג פון 7טן ציון־קאָנגרעס. דער פאַראיין האָט געטראָגן זיין אייגענע פאָן אין דער דעמאָנסטראַציע. צו דער באַראַטונג פון פּוע״צ־פּאַלעסטינצעס וואָס איז פאָרגעקומען פאַרן 8טן ציון־קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1905, האָט דער פאַר־איין געוויילט אַלס דעלעגאַטן חיים פיינמאַן פון פילאַדעלפיע און דר. יחזקאל וואָרטסמאַן פון וואַרשע.

סוף אויגוסט, 1905, האָט דער פאַראיין באַשלאָסן זיך צו רופן: „אָרגאַניזאַ־ציע פּועלי ציון" אנשטאט „פּועלי־ציון (פּאַלעסטינצעס)", ווייל, „דער נאָמען פּועלי ציון אַליין ציינט, אַז מען איז פּאַלעסטינצעס" [36]). די טעריטאָריאַליסטן האָבן ניט קיין רעכט אויפן נאָמען פּועלי ציון. זיי מעגן הייסן: פּועלי אוגאַנדאַ", „פּועלי מצרים", „פּועלי מואב" אָבער ניט „פּועלי ציון" [37]). דער פאַראיין האָט מוצאי ראש־השנה איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט, פון וואָס 15% איז געגאַנגען פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און 10 פּראָצענט פאַר דער זעלבסטשוץ.

די אָנהענגער פון פּאַלעסטינע וואָס האָבן ניט פאַרלאָזט די אַלגעמיינע פּוע״צ פאַראיינען, ווענלדיק אָפּוואַרטן דעם אויסגאַנג פון 7טן ציון־קאָנגרעס אין באַזעל, האָבן צוזאַמען מיט די טעריטאָריאַליסטן געשאַפן אַן „אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פּועלי ציון אין אַמעריקע". אויף זיין זיצונג פון 27טן אויגוסט, 1905, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן אַ דעקלאַ־ראַציע, אַז טראָץ דער שפּאַלטונג אויפן 7טן ציון־קאָנגרעס, זאָלן די פּועלי־ציון בלייבן ווייטער פאַקטיש עקזיסטירן אַלס איין פאַרטיי פאַר די אַלע פּרינציפּן, וואָס זענען פאַר זיי, פאַר דיביידע ריכטונגען, אַלגעמיין, און צעטיילן זיך בלויז אין דעם פּונקט, איבער וועלכע יעדע ריכטונג האָט זיך איר מיינונג.

מער וועלן קיין נייטראַלע פאַראיינען ניט געדולדעט ווערן — האָט דער־קלערט די דעקלאַראַציע. „יעדער פאַראיין מוז וויסן אויף וואָס פאַר אַ באָדן ער שטייט און טאָן זיין אַרבעט פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי און אינסטיטוציע, וועלכע פאַרטרעט זיין מיינונג בנוגע דער טעריטאָריאַלער פראַגע. און ביידערליי פאַר־איינען, חוץ דעם, וואָס זיי ווערן פאַראייניקט דורך דעם א. ק. (אַקציאָנס קאָמיטעט) גרינדן פאַר זיך נאָך צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטן, אַ פּאַלעסטינישע און אַ טע־ריטאָריאַליסטישע, יעדע פון וועלכע וועט אַכט נעמען אויף איר אַרבעט" [38]).

ווייטער איז באַשלאָסן געוואָרן: 1) אַרויסצוגעבן אונזער פּלאַטפאָרם; 2) צו־טרעטן צו דער אַרבעט אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט; 3) שאַפן געלט פאַרן זעלבסט־פאַרטיידיקונגס־פאָנד און זיך ווענדן צו דעם צוועק אויך צו די פאַראיינען פון

אַלגעמיינע ציוניסטן דירעקט און דורך דער פעדעראַציע; 4) אויפפאָדערן די פועלי ציון־פאַראיינען ווייטער צו אַרבעטן פאַר דעם פאָנד; 5) דאָס געלט פון פאָנד צעטיילן אויף דער העלפט צווישן די רוסישע פועלי ציון פאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן; 6) ווירקן אויף די רוסישע פועלי ציון, אַז זיי זאָלן זיך וואָס נוגע דער זעלבסטפאַרטיידיקונג, איבעראַל פאַראייניקן; 7) אַוועקשיקן אַ טייל געלט פון זעלבסטפאַרטיידיקונגס־פאָנד די פועלי ציון טעריטאָריאַליסטן, און די פאַלעסטינצעס שיקן אַזוי שנעל ווי מען וועט באַקומען זייער אַדרעס פון זייער צ. ק.

דעם באַשלוס האָט מען פרובירט דורכפירן; מען האָט ניט געוואָלט שפאַלטן די יונגע פאַרטיי, אין אַ צייט ווען קעגן דער יונגער באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער קאַמף פון רעכטס און פון לינקס. די לאָגיק האָט זיך אָבער אירע געזעצן. לאַנג האָט דער קינסטלעכער שלום בית ניט געקענט אָנהאַלטן. אין סעפטעמבער, 1905, שאַפט זיך אין ניו יאָרק אַ צווייטער פאַראיין פון פועלי ציון פאַלעסטינצעס. די גרינדער זענען געווען מ. גוטמאַן, י. אַפעלבוים, שרה מינץ א.א. דער פאַראיין האָט באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן מיט דעם ערשטן פאַראיין פון פועלי ציון פאַלעסטינצעס, (געגרינדעט אין יוני) און צוזאַמען אַרבעטן פאַר רופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַלע פועלי ציון פאַלעסטינצעס איבערן לאַנד. דער נייער פאַראיין האָט זיך שפעטער אָנגעהויבן רופן „צווייטער ברענטש פועלי ציון”.

די דעלעגאַטן וואָס זענען געקומען פון 7טן קאָנגרעס (ד. אַווערבוך פון די טעריטאָריאַליסטן און חיים פיינמאַן פון די פאַלעסטינצעס), האָבן דורך זייערע באַריכטס־פאַרזאַמלונגען אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד, נאָר לאָגישערוויז פאַרטיפט דעם תהום צווישן ביידע גרופן, אַנשטאַט אים איבערצובריקן. דער שפאַלטונגס־פראָצעס האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַן אַלץ ברייטערן פאַרנעם.

אין ניו יאָרק זענען די מייניסטע פאַראיינען אַריבער צו די טעריטאָריאַליסטן. די ברענטשעס 2 און 3 האָבן שוין אין יוני זיך אָרגאַניזירט מיטן צוועק צו שיקן אַ טעריטאָריאַליסטישן דעלעגאַט קיין באַזעל. דעם 2טן סעפטעמבער איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע פאַראיינען פון פועלי ציון טעריטאָריאַליסטן מיטן צוועק צו גרינדן אַ „אידיש־סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פאַרטיי”. נאָר פועלי־ציון טעריטאָריאַליסטן וועלן אַריינגעלאָזט ווערן” — האָט געלויטעט די מעלדונג וועגן דער פאַרזאַמלונג אין דער פרעסע. די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן אויפצולעזן די באַזונדערע ברענטשעס און שאַפן „די אידיש־סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע פאַרטיי”, אָבער די אַקציע פאַרן זעלבסט־פאַרטיידיקונגס־פאָנד פון פועלי ציון זאָל געפירט ווערן צוזאַמען מיט די פ. צ. פאַלעסטינצעס. אַ געמיינזאַמע צוזאַמענאַרבעט צווישן ביידע ריכטונגען מערקט זיך אויך אויף אַנדערע געביטן. דער פאַראיין פון גאַליציאַנער סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָט אויפגעפאָדערט דעם פאַראיין פון גאַליציאַנער פוע״צ *) אויפצוהויבן

*) די פועלי ציון אין עסטרייך האָבן דאַן געפירט אַ ביטערן קאַמף ביי די פאַרלאַמענטס־וואַלן קעגן די אַסימילאַטאָרן, און אַרויסגערוקט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און געבן דעם אידישן פאָלק אַ געהעריקע נאַציאָנאַלע פאַרטרעטונג אין פאַרלאַמענט. די פוע״צ אין לעמבערג האָבן פאַרנאַנדערגעטריבן אַ קאָנפערענץ פון די אַסימילאַטאָרן. אין רעזולטאַט פון אַ מסירה פון פירער פון די אַסימילאַטאָרן, דר. ביק, האָט די רעגירונג ליקווידירט דעם פוע״צ־פאַרבאַנד. אויף זיין אָרט איז שפעטער געשאַפן געוואָרן דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד.

צוזאַמען אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער עסטרייכישער רעגירונג, וואָס וויל פאַרניכטן די פּוע״צ־באַוועגונג אין גאַליציע.

די ס. ט. האָבן געשאַפן אַ ס. ט.־פאַרבאַנד פון פּרויען, און אַ ס. ט.־פאַרבאַנד פון פּוילן, וואָס האָט גערופן אָנהויב 1906, אַ מאַסן־מיטינג פון אידישער יוגנט פון פּוילן מיטן אָנטייל פון דר. זשיטלאָווסקי, משה קאַץ, אַב. גאָלדבערג, וואָלף און זיימאַן. א. פּייפּמאַכער איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט צו רופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר. אויף אַ מאַסן־מיטינג פון די ס. ט. קעגן פּאָגראָמען (מיטן נאָוועמבער) זענען אויפגעטראָטן דר. זאָלאָטאַראָוו און ל. מילער. די פּראָגראַם פון ס. ט. האָבן אויך אָנגענומען דער ברענטש 1, דער ווילנער בר. 4, דער ביאַליסטאָקער ברענטש, דער סלוצקער א. א. ברענטשעס. די אָנהענגער פון דר. זשיטלאָווסקי האָבן אין מערץ, 1906, געשאַפן אין ניו יאָרק אַ גרופּע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן.

אין פילאַדעלפיע איז די פאַרנאַנדערטיילונג פאָרגעקומען אויף אַן אידישן אופן. אין דער פרעסע האָט מען גערופן די טעריטאָריאַליסטן צו קומען דינסטיק, דעם 12טן סעפּטעמבער, אָרגאַניזירן אַ טעריטאָריאַליסטישן ברענטש און די פּאַלעסטינצעס זאָלן קומען מיטוואָך דעם 13טן סעפּטעמבער, אָרגאַניזירן אַ פּאַלעסטינער ברענטש [39]). דעם 15טן אָקטאָבער, 1905, איז פאָרגעקומען אַ באַריכטס־פאַרזאַמלונג פון 7טן קאָנגרעס, א. נ. „דער אידישער פּאַרלאַמענט אין באַזעל״. באַריכטן האָבן אָפּגעגעבן ח. פיינמאַן און ד. אווערבוך פון ביידע צעטיילטע ריכטונגען. דעם 29טן איז גערופן געוואָרן „אַ ריזיקע מאַסן־פאַרזאַמלונג פון דער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון פילאַדעלפיע (געוועזענע פועלי ציון)״ מיט דר. זאָלאָטאַראָוו און אַב. גאָלדבערג. דעם 7טן יאַנואַר, 1906, קומט פאָר אַן עפנטלעכע דעבאַטע צווישן י. עדעלשטיין און ש. שניאור א. ד. ט. „פּאַלעסטינע אָדער טעריטאָריום״.

אין פילאַדעלפיע, באָסטאָן א. א. שטעט האָבן די טעריטאָריאַליסטן זיך ניט געוואָלט אַזוי שנעל שיידן מיט זייערע געוועזענע חברים און אָפּגעשלעפּט מיטן אָננעמען די דערקלערונג פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די ס. ט. וואָס האָט פאַרברענט אַלע בריקן צו זייערע פריערדיקע חברים. אָבער די לאָגיק פון שפּאַלטונג קען ניט קיין צוריק. איבערן גאַנצן לאַנד האָבן זיך וואו פריער, וואו שפּעטער, אָפּגעטיילט ביידע ריכטונגען און געמאַכט שבת פאַר זיך. סט. לואיס, ראָטשעסטער און נאָך עטלעכע פאַראיינען האָבן זיך ניט געשפּאָלטן, — די פאַראיינען האָבן זיך קאָלעקטיוו אָנגעשלאָסן אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פועלי ציון. אין שיקאַגאָ האָט די ס. ט. אַ לאַנגע צייט זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן נאָמען פועלי ציון און זיך גערופן „אידישע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (פועלי־ציון). זי האָט געפּרואווט איינאָרדנען געמיינזאַמע קולטור־אונטערנעמונגען מיט די אַלטע חברים פון פּאַלעסטינישן חדר. אין פּיטסבורג האָט מען זיך גערופן אַ לאַנגע צייט פועלי־ציון־טעריטאָריאַליסטן. א. א. וו.

די פועלי ציון פּאַלעסטינצעס האָבן געשאַפן זייער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט דעם 15טן אָקטאָבער דורכגעפירט אין ניו יאָרק אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף וועלכער בעלאַ פּעוזנער האָט געהאַלטן, אין רוסיש, אַ רעפעראַט: „דער ציוניזם און זיינע קעגנער״, נאָך וועלכן עס איז פאָרגעקומען אַן אַל־

געמיינע דיסקוסיע אין אידיש *). סוף דעצעמבער איז פאָרגעקומען אין פילאַ־דעלפיע אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון די פאַלעסטינצעס מיט ד. אבערסאָן און בעלאַ פעווזנער. אויף דער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעלייענט געוואָרן די פרינציפּן־דעק־לאַראַציע, וואָס איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן פון די פאַלעסטינישע פּועלי ציון אין באַלטימאָר (23־26 דעצעמבער).

סוף דעצעמבער איז דערשינען אין פילאַדעלפיע אַ בראָשור: „ציוניזם און טעריטאָריאַליזם", אַרויסגעגעבן פון פּועלי ציון־פאַרלאַג. די בראָשור איז געווען אַ באַאַרבעטונג פון אַן אַרטיקל פון צבי אברמי אין ציוניסטישן חודש־זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן". אויפן שער־בלאַט איז געווען אָנגעגעבן: בע־אַרבעט נאָך צבי אברמי פון חיל"ק. דאָס איז געווען אַ פּסעוודאָנים פון דר. לעאָן קאָפּעלאָוויטש, איינער פון די יונגע אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען צוגעקומען צו די פאַלעסטינישע פּועלי ציון. אויף דער פראָנט־זייט פון דער בראָשור איז געווען געדרוקט: „ערשטע בראָשורע", פּרייז 5 סענט. גאַנצע 3 מאָטאָס האָבן באַשיינט דעם שער־בלאַט: „אם אין אני לי, מי לי?" „אמתע באַפרייאונג איז זעלבסט־באַפרייאונג" און „אידישע אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך אונטער דער פאָן פון פּועלי ציון".

אויף דער לעצטער זייט פון דער בראָשור איז געווען אָפּגעדרוקט פאָלגנדע נאָטיץ: „חברים און פריינט! די בראָשורע, וועלכע איר האַלט איצט אין אייערע הענט, איז די ערשטע, וועלכע דער פּועלי ציון פאַרלאַג פון אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבן. מיר פאַרשפּרעכן אייך, אַז אין אַ קורצער צייט וועלן מיר אַרויס־געבן אַ גאַנצע רייע בראָשורן, אין וועלכע עס וועלן טעאָרעטיש באַהאַנדלט ווערן אַלע פראַגן בנוגע אונזער אידעאַל. נאָך ליטעראַטור זיך ווענדן אויף דעם פאָלגנדן אַדרעס: ה. כהן, ד. עדלשטיין, 725, 20טע סטריט, פילאַ. פּאַ." [40]).

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט צוזאַמען מיט די הכנות צו דער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר שוין גענומען מאַכן די ערשטע הכנות אַרויסצוגעבן אַן אייגענע פּעריאָדישע צייטשריפט אונטערן נאָמען „דער אידישער קעמפער".

*) בעלאַ פעווזנער איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס סטודענטין פון פּאַריזער אוניווער־זיטעט. זי האָט אין די גרינדונגס־יאָרן פון דער באַוועגונג געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אַלס רעדנערין. שפּעטער איז זי אַריבער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. זי האָט זיך באַזעצט אין א"י פון וואַנען זי האָט עטלעכע מאָל דורכגעפירט אַגיטאַציע־טורס פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטן אין פאַרשידענע לענדער, זי האָט אויך עטלעכע מאָל באַזוכט אַמעריקע. דאָס לעצטע מאָל אין 1948. זי איז דאַן אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

8.

# די ערשטע פועלי ציון קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר
## דער „אידישער קעמפער״

צו דער ערשטער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר פון די ציון־טרייע פועלי ציון זענען געקומען 20 דעלעגאַטן פון 10 פאַראיינען אין 8 שטעט. פון ניו־יאָרק זענען געקומען 7 דעלעגאַטן פון די ברענטשעס 1 און 2 און פון אַ ניי־געשאַ־פענעם ברענטש אין בראָנזוויל (י. אַפּלבוים, מ. גוטמאַן, א. ש. וואַלדשטיין, א. זעלדין, אסתר מינץ דר. ל. קאָפּעלאָוויטש און יואל ראָזאָווסקי): פון פילאַדעלפיע 5 דעלעגאַטן (מאיר בראון, י. עדעלשטיין, י. עפּשטיין, חיים פיינמאַן, הערי כהן); פון באַלטימאָר 2 (ב. היטעלמאַן און הערמאַן זיידעל); פון שיקאַגאָ — דר. ס. מאַרקוס; פון באָסטאָן־טאָראָנטאָ — ד. אבערסאָן; פון ראָטשעסטער — בעלא פּעווזנער; פון סט. לואיס — מ. פינסקי און ה. מאַסטעראָוו; פון פּאַסעייק — דר. י. פינק.

די קאָנווענשאָן האָט זיך אָנגעהויבן שבת, דעם 23טן דעצעמבער, און גע־דאַרפט לויטן פּלאַן דויערן 3 טעג; צוליב דעם גרויסן סדר־היום האָט מען מוסיף געווען — ווי עס דערציילט יואל ראָזאָווסקי — 3 נעכט מיט אַ פערטן טאָג, צווישן זיי אַ 30 שעהדיקע זיצונג. „דאָס אַלץ האָט ניט מיד געמאַכט די פאַרטרעטער. די התלהבות און איבערגעבנהייט פון אָנהייב קאָנווענשאָן איז ניט געמינערט געוואָרן. אַן איינהייטלעכער פּראָגראַם איז געשאַפן געוואָרן. אַן אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן. ביים דריטן טאָג פון דער קאָנווענשאָן האָבן מיר באַקומען ידיעות פון מאָנטרעאל און טאָראָנטאָ, דאָס זייערע פאַראיינען שליסן זיך אין אונז אָן״ [41]).

זאָל מען זיך דאָ באַקענען נענטער מיט דעם אָנגענומענעם פּראָגראַם, וואָס איז גלייך דערשינען אין אַ 24 זייטיקער בראָשור אין „פועלי־ציון פּאַרלאַג — אַמעריקע״.

די פּרינציפּיעלע פּונקטן אונטערן נאָמען „אונזער פּלאַטפאָרם״, שליסן איין א. אונזער שטעלונג צום ציוניזם; ב. אונזער שטעלונג צום סאָציאַליזם; ג. געגנ־וואַרטס־פּראָגראַם.

וועגן דער שטעלונג צום ציוניזם זאָגט די פּראָגראַם:

„א) אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט דריקט זיך אויס אין די פאָרמען פון אַנטוויקלונג פון איינצלנע נאַציעס;

„ב) אַזוי ווי צו די נאָרמאַלע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטור־רעלע אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע איז אומבאַדינגט נויטיק זי זאָל בילדן אַ מאַיאָריטעט אויף אַ באַשטימטן באָדן;

„ג) און אַזוי ווי די דאָזיקע אַנטוויקלונג קען פאַרוויקלעכט ווערן נאָר אויף דעם היסטאָריש־באַרעכטיקטן באָדן פון דעם באַטרעפנדיקן פאָלק; שליסן מיר

זיך אָן צו דעם ציוניזם, וועלכער שטרעבט צו שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר דעם אידישן פאָלק אין פאַלעסטינע".

אין דער דערקלערונג צו דעם פונקט ווערן אָנגעגעבן אַ רייע מאָטיוון פאַרוואָס פאַלעסטינע האָט אַן איבערוואָג קעגן יעדער אַנדערער טעריטאָריע. די מאָטיוון זענען: די געאָגראַפישע לאַגע פון לאַנד; איר נאָענטקייט צו די מאַסן־ישובים פון די אידן אין דער וועלט; די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך דאָרט פאַרדרייפאַכט די לעצטע 25 יאָר, אין דער צייט ווען די ניט־אידישע באַפעלקערונג איז קוים פאַרגרעסערט געוואָרן מיט עטלעכע פּראָצענט; אין פיל שטעט (ירושלים, צפת און טבריה) זיינען אידן אויסגעוואַקסן פון אַ מינאָריטעט אין אַ מאַיאָריטעט; דאָס לאַנד האָט אַרום זיך אין די שכנותדיקע לענדער ביי 650,000 אידן, וואָס וואוינענדיק אין דער טערקישער אימפּעריע, זענען זיי אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד; און פאַלעסטינע „וואָס איז געווען די וויגל פון אונזער אַנטוויקלונג" האָט געהאָלפן פאַרמירן אונזער קולטור און באַאיינפלוסן אונזער נאַציאָנאַל לעבן און זי איבט נאָך עד היום אויס אַ געוויסע מאַגנעטישע קראַפט פאַר דעם אידישן פאָלק.

די שטעלונג צום סאָציאַליזם ווערט פאָרמולירט אין זיבן פּונקטן:

„א) באַטראַכטנדיק די איצטיקע געזעלשאַפט וועלכע איז באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום, אַלס אַ געזעלשאַפט אין וועלכע אַ מינאָריטעט אין באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטן אייגנעט זיך אָן די אַרבעט פון דער באַזיצלאָזער מאַיאָריטעט — שטרעבן מיר אָפּצושאַפן די דאָזיקע אומגערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג און איינצופירן אַ סאָציאַלע אָרדנונג, באַזירט אויף קאָלעקטיוון אייגנטום.

„ב) אַלס סאָציאַליסטן נעמען מיר אָנטייל אין אַלץ וואָס פירט צו דער באַפרייאונג פון דער אַרבעטער־מאַסע און גייען צוזאַמען מיט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אַזוי לאַנג ווי זיי ווידערשפּרעכן ניט אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

„ג) מיר באַקעמפן אַלע אַסימילאַטאָרישע און אימפּעריאַליסטישע טענדענצן אין די סאָציאַליסטישע רייען און פאָדערן דאָס דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס זאָל זיין פאַרטרעטן ניט נאָך טעריטאָריעלע גרענעצן נאָר נאָך נאַציאָנאַלע גרופּירונגען.

„ד) מיר שטרעבן צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער אויף די יסודות פון נאַציאָנאַלן־ און קלאַסן־באַוואוסטזיין.

„ה) מיר שטרעבן צו פאַראייניקן אַלע אידישע אַרבעטער אונטער דער פאָן פון פועלי ציון.

„ו) מיר שטרעבן צו אָרגאַניזירן די פועלי ציון אין איין אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד.

„ז) מיר שטרעבן דאָס דער צוקונפטיקער אידישער שטאַט זאָל נאָך מעגלעכקייט געגרינדעט ווערן אויף סאָציאַליסטישע יסודות".

די דערקלערונג צום פּונקט ב. זאָגט: „אונזער שטעלונג צום סאָציאַליזם איז אַ פּאָזיטיווע, ניט קיין דאָגמאַטישע. מיר באַצוועקן דאָ ניט אויפצובויען אַ נייעם סאָציאַליסטישן סיסטעם, מיר קומען דאָ אויך ניט גרינדן אַ נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. און אַלס פּאַרטיי נעמען מיר ניט אָן די דאָגמעס פון אירגענד וועלכער

שוין־עקזיסטירנדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דער הינזיכט גיבן מיר די פרייהייט צו די איינצלנע חברים און פּאַראיינען, פון וועלכע אונזער אָרגאַניזאַציע איז צוזאַמענגעשטעלט, אָנצונעמען די סאָציאַליסטישע ריכטונג, וואָס זייער איבערצייגונג דיקטירט זיי". שפּעטער ווערט דערקלערט, אַז „מיר ווילן באַקעמפן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין די סאָציאַליסטישע רייען", ווייל „דער איד האָט ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אינטערעסן צו פּאַרטיידיקן און ספּעציעלע פּראָבלע־מען צו לעזן, וואָס קיין אַסימילאַטאָרישע טענדענצן קענען זיי נישט פּאַרענטפערן „און נאָר דער ריינער, געזונטער און קרעפטיקער נאַציאָנאַליזם, געבויט אויף זעלבסטבאַוואוסטזיין און זעלבסטאַכטונג און אין דער זעלבער צייט אויף דע־מאָקראַטישע יסודות", קען געבן אַ ריכטיקן ענטפער.

ווייטער ווערט דערקלערט די וויכטיקייט פון שאַפן אַ פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד און עס ווערט מאָטיווירט די פאָדערונג פון אַ אידישער פאַרטרעטונג אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פאַרוואָס דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיין געבויט לויט נאַציאָנאַלע גרופּירונגען און ניט לויט טעריטאָריאַלע גרעניצן. אויך אַנדערע אידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן שוין ארויסגערוקט די דאָ־זיקע פאָדערונג, אָבער „מיר ווילן בשום אופן ניט איינגעהן אויף קיין פשרות" אין דער פראַגע.

אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג צום פּונקט ז). דאָ ווערט אויפגעקלערט, אַז הגם די פּאַרטיי קעמפט פאַרן אויפבוי פון אַ אידנשטאַט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, מאַכט זי זיך קלאָר אַז „אויסערלעכע פּאָליטישע אומשטענדן ווי די אי־נערלעכע סטרוקטור פון אידישן פאָלק גופא, זענען נאָך ניט גינסטיק צום איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין אַן איינצעלנעם שטאַט; מיר ווייסן אַז דער אידי־שער פּראָלעטאַריאַט איז פּראָפּאָרציאָנעל קלענער ווי דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע אַנדערע נאַציעס און אפשר איז ער נאָך אַ מינאָריטעט ביי די אידן; אַז ער ביל־דעט אַלזאָ ניט דאָס אידישע פאָלק — און אַז דעריבער וועט דער צוקונפטיקער אידנשטאַט געבויט ווערן גיכער אויף קאַפּיטאַליסטישע ווי אויף סאָציאַליסטישע יסודות". אָבער אפילו דאַן „ווילן מיר דאָך קעמפן פאַר דער אויפבויאונג פון אַ אידנשטאַט, וואָס וועט אפילו ניט געגרינדעט ווערן אויף די דאָזיקע פּרינציפּן".

וועגן קעגנוואַרטס־פּראָגראַם און דער פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטיקונג אין די גלות־לענדער ווערט געמאַכט אַן אינטערעסאַנטע דערקלערונג. דאָס פּראָגראַם קומט ניט אַרויס מיט מער דעפיניטיווע און קלאָרע פאָדערונגען, ווייל פאַרשידענע אידישע קהילות לעבן אונטער פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען. „ווייל, אויב נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, למשל, איז ווינטשנסווערט פאַר די אידן אין רוסלאַנד, אָדער אין עסטרייך, וואו דאָס אידישע פאָלק איז אין געפאַר אויפ־געריבן צו ווערן אין די רייבונגען צווישן די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן אין לאַנד, איז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ניט נויטווענדיק פאַר אידן אין אַמעריקע, וואו זיי קענען פאַרהיטן זייערע אַלגעמיינע אינטערעסן דורך דער פערפאַסונג פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק און ציוויל־רעכט — איז עס אומדענקבאַר אין פראַנק־רייך אָדער איטאַליע, צוליב דער קליינער מינאָריטעט פון די דאָרטיקע אידן; און אויב בירגערלעכע רעכט זענען נויטווענדיק פאַר די אידן אין רומעניע, זע־נען אפשר קאָמונאַלע פּריווילעגיעס פון גרעסערער וויכטיקייט פאַר די אידן אין טערקיי".

אויך דער קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג דאַרף, למשל, אין רוסלאַנד געפירט ווערן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, ד. ה. אַז נאָר די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קען דאָרט זיכערן די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג; אין רומעניע קען ער געפירט ווערן נאָר פּאָליטיש און אין דייטשלאַנד אָדער אַמעריקע, וואו מיר האָבן שוין פּאָליטישע פרייהייט אויפן פּאַפּיר, דאַרף דער קאַמף געפירט ווערן סאָציאַליש״.

די פּלאַטפאָרם גייט דאַן איבער צו פּראַקטישע פאָדערונגען.

פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל

„א) אין אַנבעטראַכט אַז פאַר דער ערגרייכונג פון אונזער הויפּט־ציל אין ארץ־ישראל איז נויטווענדיק אַלס פאָרבאַדינג די פּאַקטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַזיצונג פון לאַנד — אַנערקענען מיר די נויטווענדיקייט פון באַלדיקער פּראַקטישער אַרבעט אין א״י, און פון אַ שטענדיקער אומאויפהערלעכער פּענעטראַציע (אַריינדרינגונג) אין אַלע אירע פאָרמען *).

„ב) שטיצנדיק זיך אויף די רעזאָלוציעס וועגן פּאַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל, פאָדערן מיר פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, דאָס אַזוי באַלד ווי דער נאַציאָנאַל פאָנד וועט געפינען אַ לעגאַלע פאָרם, זאָל ער פאַרווענדעט ווערן צו זיין באַשטימטן צוועק.

„ג) מיר פאָדערן פון דעם קאָנגרעס אונטערצוזוכן די מעגלעכקייט פון פראַנץ אָפּפענהיימערס קאָלאָניזאַציע־פּלאַן״.

אין דער דערקלערונג צו דעם פּונקט ווערט קריטיקירט די שטעלונג פון פּאָליטישן ציוניזם, — וואָס „האָט געבויט אינגאַנצן אויף זיין פּאָליטישער טעאָריע, געוואָרט אויף דעם היסטאָרישן מאָמענט און פאַרנאַכלעסיקט געגנווערטיקע אַרבעט אין פּאַלעסטינע און וואָס ער האָט געדענקט אַז אַ טשאַרטער איז דער א׳ און דער ת׳ פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און דער ציוניזם האָט דערפאַר טייער באַצאָלט״.

דאַן קומט אַ פּונקט: נאַציאָנאַלע שפּראַך.

„מיר אַנערקענען העברעאיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם אידישן פאָלק און מיר פאַרפליכטן זיך צו אַרבעטן פאַר איר פאַרברייטונג און אַנטוויקלונג״.

די דערקלערונג מאַכט אַ היסטאָרישן שפּאַציר איבער דער אַנטוויקלונג פון העברעאיש און די „גלות־שפּראַכן״, ווי „זשאַרגאָן ביי די אשכנזים און עספּאַניאָליש ביי די ספרדים״. עס ווערט באַוויזן אַז אַראַמיש, אַראַביש א. א. גלות־שפּראַכן זענען פאַרשוואונדן. „דעם זעלבן פּראָצעס וועט אויך די זשאַרגאָנישע שפּראַך מוזן דורכגיין, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי אַנטוויקלט זיך, און איר ליטעראַטור וואַקסט אין דער מינוט. זי פאַרלירט ביי דעם יונגן דור אין פיל לענדער און אפילו אין רוסלאַנד גופא, וואו אפילו נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וועט ניט זיין בכח איר אויפצוהאַלטן ביים לעבן, קוים וועלן זיך, מיט דער קומענדער פרייהייט, זיך נעמען אַנטוויקלען דאָרט די פאַרשידענע קולטורן פון די פעלקער אונטער וועלכע די אידן וואוינען״.

*) דעם לאָזונג פון פּענעטראַציע האָט אַריינגעבראַכט אויף דער קאָנווענשאָן ל. קאַפּעלאָוויטש.

„מיר שטרעבן דעריבער צוריקצוגעבן דעם אידישן פֿאָלק זיין אמתע נאַציאָנאַלע שפּראַך — העברעאיש, און ווידער אויפצוהייבן איר ליטעראַטור צו דער שטעלונג פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אין פולן זין פון וואָרט — אַ ליטעראַטור וואָס וועט זיין ניט נאָר פון נאַציאָנאַלער באַדייטונג פאַר אונז אַליין, נאָר אויך פון באַדייטונג פאַר דעם אויפלעבנדן סעמיטישן אָריענט". „מיר שטרעבן אויפצולעבן העברעאיש אַלס פאָלקס־שפּראַך און אויפצוהייבן די העברעאישע ליטעראַטור צו דער שטעלונג פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, פאַרשטענדלעך פאַר אַלע קלאַסן פון פאָלק" *).

די קאָנווענשאָן איז דאַן איבערגעגאַנגען פאָרמולירן איר שטעלונג צו פאַרשידענע נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

איין רעזאָלוציע זאָגט: „מיר טרעטן אַריין אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיר פאָדערן, אַז די זעלבע זאָל אנערקענען ניט נאָר לאַנדסמאַנשאַפטן נאָר אויך פּאַרטיי־גרופּירונגען, וועלכע זענען פאַרבונדן פעדעראַטיוו". די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פּרינציפּיעל פאַרן אָנשליסן זיך אין די „פעדעריישאָן אָוו אַמעריקען זייאַניסטס".

וועגן שקל איז געפאָדערט געוואָרן צו באַשטימען אַן אַלגעמיינעם שקל־טאָג פאַר אַלע לענדער. די פּועלי ציון זענען באַרעכטיקט צו פאַרקויפן שקלים נאָר צו די וועלכע זענען איינשטימיק מיט דעם פּוע"צ־פּראָגראַם.

וועגן נאַציאָנאַל פאָנד איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אַז „אַלס סאָציאַליסטן אָנערקענען מיר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, וועלכער איז באַשטימט פאַר נאַציאָנאַליזירונג פון גרונט און באָדן אין פּאַלעסטינע, אַלס די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין ציוניזם און באַטראַכטן עס אַלס אונזער פליכט צו אַרבעטן דערפאַר".

„אַלס אַ דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין ציוניזם פאָדערן מיר אַז נאָר נאַציאָנאַלע פאַראיינען, אָבער ניט פּריוואַט־פּערזאָנען, זאָלן האָבן דאָס רעכט זייערע אייגענע נעמען אָדער נעמען פון איינצלנע פּערזאָנען אַריינצוטראָגן אינם גאָלדענעם בוך".

וועגן דער קאָלאָניאַל־באַנק איז באַשלאָסן געוואָרן צו אַרבעטן פאַר דער באַנק און צו פאָדערן אַז דער באַשלוס פון 7טן קאָנגרעס, אַז די טעטיקייט פון דער באַנק זאָל זיך באַגרענעצן נאָר אויף פּאַלעסטינע און די שכנות'דיקע לענדער, זאָל ווערן דורכגעפירט.

די „וועלט" זאָל האָבן אַ ספּעציעלע אידישע אויסגאַבע און יעדע ציוניסטישע ריכטונג זאָל האָבן איר ספּעציעלע אָפּטיילונג אין דער „וועלט".

די פאַראיינען זענען אויך געוואָרן אויפגעפאָדערט צו שטיצן די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, „בצלאל" און אַנדערע אינסטיטוציעס.

אונזער שטעלונג צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען

„א) די פּוע"צ אָרגאַניזאַציע פאַראייניקט אויף דעם ציוניסטישן באָדן אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און שאַטירונגען.

„ב) מיר גיבן יעדן פאַראיין און יעדן חבר פון אונזער אָרגאַניזאַציע די

*) ווי מ. בראון באַמערקט ריכטיק איז די רעזאָלוציע פּאַקטיש פאַרבליבן אויפן פּאַפּיר; אין דער פּראַקטיק האָבן זיך די פּועלי ציון באַנוצט בלויז מיט אידיש [42].

פרייהייט זיך אָנצושליסן צו יענער סאָציאַליסטישער ריכטונג וואָס זיין איבערציי־גונג דיקטירט אים.

„ג) מיר שטרעבן אַז די פּוע״צ זאָלן אָנערקענט ווערן אויף דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אַלס פאַרטרעטער פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט״.

## יוניאָניזם

„א) אַזוי ווי אַרבעטער־יוניאָנס איז אַ נויטווענדיקייט אין דעם קלאַסן־קאַמף אין דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, פאַרפליכטן מיר אונזערע חברים זיך אָנצושליסן אין זיי, אָדער זיך צו אָרגאַניזירן אין נייע יוניאָנס.

„ב) די באַפאַרצוגונג פון די פאַרשידענע יוניאָנס, טרייד יוניאָנס אָדער וואוירלד וואָרקערס, לאָזן מיר צו דער איבערצייגונג פון די איינצלנע חברים״.

אין דער מאָטיווירונג פון דער רעזאָלוציע וועגן יוניאָניזם ווערט געזאָגט, אַז „די יוניאָנס, ווי זיי עקזיסטירן אין אַמעריקע, באַפרידיקן ניט דעם קלאַסן־קאַמף לויט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; אָבער באַטראַכטנדיק יוניאָנס אַלס צענטערן וואו דער פּראָלעטאַריאַט קען זיך פאַראייניקן און צונויפזאַמלען זיינע קרעפטן פאַר דעם אמתן קלאַסן־קאַמף, אין אַלע זיינע פאָרמען, פאַרפליכטן מיר אונזערע חברים זיך צו אָרגאַניזירן אין אַזעלכע, ניט פאַשרייבנדיק אָבער קיין ספּעציפישע פאָרם פון יוניאָנס צו וועלכע זיי מוזן געהערן״.

דאַן קומען רעזאָלוציעס וועגן דער באַציאונג צו יט״א און צו די סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן. די באַציאונג איז אַ פאָלקאָם־נעגאַטיווע. „דער טערי־טאָריאַליזם איז פאַר אונז ניט היסטאָריש, ניט גייסטיק און נישט מאַטעריעל באַרעכטיקט״. ער באַנוצט זיך הויפּטזעכלעך מיט דיפּלאָמאַטישער שתדלנות. אפילו ווען אידן וועלן שוין קריגן אַן אויטאָנאָמיע טעריטאָריע, וועט זי זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נייער געטאָ, „אָבער ניט קיין אידישער צענטער, וואָס זאָל קאָנען אויסאיבן זיין איינפלוס אויף דער אינערלעכער ווי אויף דער אויסערלעכער אידישער לאַגע״.

צום סוף זענען געוואָרן אָנגענומען אַ ריי פּראַקטישע רעזאָלוציעס זיך צו פאַראייניקן אין דער אַרבעט פאַר דער זעלבסטפאַרטיידיקונג מיט אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן, אָן אונטערשיד פון פּאָליטישער, סאָציאַלער און רעליגיעזער אנשויאונג. דערביי איז פּראָטעסטירט געוואָרן קעגן „בונד״ פאַר זיין „געמיינער טאַקטיק צו די פּוע״צ און צו אַלע אַנדערע אידיש־נאַציאָנאַלע פאַר־טייען אין רוסלאַנד״.

די פּוע״צ־פאַראיינען ווערט רעקאָמענדירט איינצופירן קעגנזייטיקע הילף צווישן די חברים. ס׳איז געוואָרן פּראָטעסטירט קעגן די אַנטי־אימיגראַציע־אַגי־טאַציע פון דער סיוויק פעדעריישאַן און איר פּרעזידענט שמואל גאָמפּערס.

די קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכן פּאַרטיי־אָרגאַן מיטן נאָמען „דער אידישער קעמפער״. מען זאָל זאַמלען אַ פאָנד פון 5,000 דאָ־לער. די צייטונג זאָל אָנהייבן צו דערשיינען ווען עס וועט ווערן אויפגעזאַמלט 1,500 דאָלער. דידאָזיקע סומע דאַרף געשאַפן ווערן אין צוויי חדשים צייט. די רעדאַקציע זאָל זיך געפינען אין פילאַדעלפיע. פאַר דער צייטונג זאָל באַ־שטימט ווערן אַ פאַרוואַלטונגס־ראַט פון 9, וואָס זאָל זיך אויך באַשעפטיקן מיט פאַרשפּרייטן ציוניסטישע ליטעראַטור (אין פאַרוואַלטונגס־ראַט זענען אַריין:

בערלין, ה. כהן, ה. עדלעשטיין, ח. פיינמאַן פון פילאַדעלפיע, און י. אַפּלבוים, מ. גוטמאַן, א. ש. וואַלדשטיין. ל קאַפּעלאָוויטש און י. ראַזאָווסקי פון ניו יאָרק; בריק איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער).

וויכטיק איז די רעזאָלוציע וואָס עפנט דאָס ערשטע בלעטל אין דער געשיכטע פון „החלוץ" אין אַמעריקע. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו ערוויילן אַ קאָמיסיע צו שטודירן די פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרעמונגען אין נאָענטן מזרח. זי האָט אויך אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט פון פינף וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן ספּעציעלע פּועלי־ציון פּיאָנערן־גרופּן.

דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז „סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פּועלי ציון פון אַמעריקע". די פּוע"צ פאַראיינען האָבן צוויי פלאַגן, דעם נאַציאָנאַל־אידישן און דעם סאָציאַליסטישן. אַ פאַראיין ווערט אָנערקענט דאַן ווען ער ציילט מינימום 10 מיטגלידער, עקזיסטירט 2 חדשים און האָט אָפּגעהאַלטן 8 זיצונגען. יעדער פאַראיין דאַרף צאָלן יערלעך 1 דאָלער פאַר יעדן חבר. יעדער פאַראיין וואָס ציילט מינימום 10 חברים איז בארעכטיקט צו שיקן אַ דעלעגאַט צו דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. דער צ. ק. וואָס ווערט דערוויילט אויף דער קאָנווענשאָן באַשטייט פון 11 חברים. 5 פון זיי דאַרפן וואוינען אין איין שטאָט און זיי בילדן דעם סעקרעטאַריאַט. דער הויפּט־זיץ פון סעקרעטאַריאַט איז ניו יאָרק. 8 מיטגלידער פון צ. ק. האָבן דאָס רעכט צוזאַמענצורופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן.

די קאָנווענשאָן וויילט אַ נאַציאָנאַל פאָנד און קאָלאָניאַל באַנק־קאָמיסיע, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך צום צ. ק. יעדער פאַראיין דאַרף וויילן אַ לאָקאַלע נאַציאָנאַל פאָנד קאָמיסיע.

וועגן דער באַציאונג מיט דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע איז באַשלאָסן געוואָרן:

„א) מיר טרעטן אַריין אין דער פעדעראַציע אַלס פּאַרטיי אָבער ניט אַלס איינצלנע פאַראיינען;

„ב) אַלע פאַרהאַנדלונגען מיט דער פעדעראַציע דאַרפן געפירט ווערן דורכן צענטראַל קאָמיטעט.

„ג) מיר באַשטייען אויף פולשטענדיקע פרייהייט אין אונזער פּאַרטיי־אַרבעט.

„ד) מיר פאָדערן צו זיין פאַרטראָטן אין אַלע אָפיציעלע קאָמיטעטן פון דער פעדעראַציע; אונזערע פאַרטרעטער דאַרפן ערווילט ווערן דורך אונזער אָרגאַניזאַציע;

„ה) מיר נעמען אָן אַלע געלט־פאַרפליכטונגען וואָס די פעדעראַציע לייגט אַרויף אויף מיטגלידער און פאַראיינען וועלכע שליסן זיך אָן צו איר;

„ו) מיר פאָדערן אַז אַ טייל פון איר אַגיטאַציע־פאָנד זאָל פאַרווענדעט ווערן אויף פּועלי ציון־אַגיטאַציע".

די קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן אַז דער דעפענס־קאָמיטעט זאָל צוזאַמען מיט די ענגלישע אידן שיקן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע קיין רוסלאַנד און זיכערן אין דער קאָמיסיע אַן אנטייל פון אַ פּ. צ.־חבר; שאַפן אַ נאַציאָנאַלע זעלבסטשוץ פון אַלע פּאַרטייען. די זעלבסט־פאַרטיידיקונג איז ניט קיין מיטל צו לעזן די אידן־פראַגע, נאָר אַ צייט־נויטווענדיקייט פון געוויסע אומשטענדן[43]).

דער ציון־קאָנגרעס איז געוואָרן אויפגעפאָדערט צו באַשעפטיקן זיך מיט פראַנץ אָפּענהיימערס קאָלאָניזאַציע־פּלענער; צואיילן די לעגאַליזירונג פון נאַ־

ציאָנאַל־פאָנד, ער זאָל קענען גלייך צוטרעטן קויפן באָדן אין ארץ ישראל.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אָנהייבן איר עק־זיסטענץ ווי אַ פּאַרטיי דעם ערשטן טאָג חנוכה, תרס״ו

די באַלטימאָרער קאָנווענשאָן האָט אריינגעבראַכט אַ גרויסע אויפלעבונג אין דער יונגער באַוועגונג. אין באַלטימאָר זענען בעת דער קאָנווענשאָן פאָרגעקומען צוויי מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין בידזשאו טעאַטער און אַ באַנקעט אין יוניאָן־האָל, וואָס זענען דורך אין אַ גלענצנדער שטימונג. די באַריכטס־מיטינגען פון דער קאָנווענשאָן זענען איבעראַל דורך מיט גרויס דערפאָלג. דער מיטינג אין ניו יאָרק דעם 31טן דעצעמבער אין דער עדוקיישאָנעל עלייענס איז אויך געוואָרן באַ־גריסט דורך יוסף בּאַראָנדעס (אין אידיש) און לואי ליפּסקי (אין ענגליש). אין בראָנזוויל אין אויפגעטראָטן אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג מיט אַ באַגריסונג דר. ל. מאַגנעס

אין צ. ק. זענען געוויילט געוואָרן: י. אַפּלבוים, מ. גוטמאַן, א. ש. וואַלד־שטיין, ל. קאַפּעלאָוויטש, י. ראַזאָווסקי (ניו יאָרק); ה. כהן, י. עדלשטיין, ח. פיינמאַן (פילאַדעלפיע), ה. זיידעל (באַלטימאָר), דר. מאַרקוס (שיקאַגאָ), דר. י. פינק (פּאַסעיק).

אין פילאַדעלפיע איז פאָרגעקומען אַ באַריכטס־פאַרזאַמלונג דעם 29טן דע־צעמבער. דער אַנאָנס איז דער פּרעסע איז געווען זייער אָריגינעל: „דעקלע־ריישאָן אָוו אינדעפּענדענס פון דעם אידישן פאָלק״, אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון סאָצ. פאַראיין פּועלי ציון צו הערן אַ באַריכט פון דער באַלטימאָרער קאָנווענשאָן. אי־דישע אינטעליגענטן! אַרבעטער! אַלע, וועלכע ווינטשן די באַפרייאונג פון דאָס אידישע פאָלק: קומט הערן די דערקלערונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון אונזער נאַציאָן!״ [44]).

ד. אבערסאָן האָט דורכגעפירט מיט דערפאָלג אַן אַגיטאַציע־טור אין דער וועסט. אין שיקאַגאָ, מילוואָקי, סט. לואיס איז ער אויפגעטראָטן אויף רייך־באַ־זוכטע באַריכטס־מיטינגען. אויך בעלא פּעווזנער האָט דורכגעפירט אַ לענגערן טור. טורן האָבן אויך דורכגעפירט: י. אַפּלבוים, ל. קאַפּעלאָוויטש א. א. אַ רייע נייע פאַראיינען זענען געוואָרן געגרינדעט. די אַלטע פאַראיינען האָבן זיך כמעט אַלע פאַרטאָפּלט.

י. ראַזאָווסקי — ניו יאָרק איז געוואָרן דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, די איבעריקע אַמטן האָט איבערגענומען פילאַדעלפיע. י. עדלשטיין האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון „קעמפער״; ה. כהן דעם פּאַרטיי־פאַרלאַג און מ. בּראָון — די פאַרוואַלטונג פון נאַציאָנאַל־פאָנד ביוראָ.

„אפילו איצט, פון דער ווייטנס, מוז מען מיט באַוואונדערונג קוקן אויף דעם מוט און אידעאַליזם פון דעם קליינעם הייפעלע מענטשן, וואָס האָט זיך פאַר־זאַמלט אין באַלטימאָר אין דעצעמבער, 1905, צו גרינדן די פּועלי ציון פּאַרטיי. און קוקט מען זיך צו צו דעם וואָס עס איז אין דעם ערשטן יאָר אויפגעטאָן געוואָרן, ווערט מען ממש אָנגעפילט מיט באַוואונדערונג און טיפן דרך־ארץ פאַר דער אָפּ־פערוויליקייט און איבערמענטשלעכער ענערגיע, וואָס די חברים בכלל און די לייטונג בפרט האָבן אַרויסגעוויזן״, שרייבט שפּעטער (אין 1927) דער לאַנגיעריקער פאַרדינסטפולער פּאַרטיי־סעקרעטאַר ה. עהרנרייך.

די פּאַרטיי וואַקסט מיט אַ מערקווירדיקער שנעלקייט. די באַוועגונג צעגיסט

זיך איבערן לאַנד. דער קאַמף צווישן די פּועלי ציון און די „אידיש־שפּרעכנדע״ סאָציאַליסטן אָדער „געגנאָסן״ און אין דער אמתן בונדיסטן, ווערט לײדנשאַפּט־לעכער און שאַרפער פון טאָג צו טאָג. אין פיל ערטער רייסן בונדיסטן אויף מאַסן־מיטינגען פון די פּועלי ציון, וועלכע ענטפערן מיט „שטאַרקע אַרגומענטן״ און רייסן אויף די מיטינגען פון די בונדיסטן. עס קומט אָפט צו געשלעגן. די פּועלי ציון לאָזן ניט דורך קיין איין פאַרזאַמלונג פון די קעגנער. זיי קומען דיסקוטירן, און אויב מען לאָזט זיי ניט, קען מען פון זיי ניט פּטור ווערן, ווי מיט דער הילף פון פּאָליציי. אַזוי איז געווען ניט איינמאָל דער פאַל, און באַזונדערס ווען די בונדיסטן האָבן אַראָפּגעבראַכט אַהער דעם „פּרעזידענט פון דער באַלטי־שער רעפּובליק״ אַ געוויסן מאַקסים [45]).

אויף דעם ערשטן פּאַרטיי־ראַט נאָכן באַלטימאָרער צוזאַמענפאָר (19־20 מאַי, 1906, אין פילאַדעלפיע), איז געוואָרן באַריכטעט וועגן אַ כסדרדיקן וואוקס פון דער פּאַרטיי. אין ניו יאָרק האָבן זיך געשאַפן עטלעכע לאַנדסלייט־פאַראיינען, ווי אַ גאַליציאַנער פאַראיין, אָנגעפירט פון די איצט־באַקאַנטע זשורנאַליסטן פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ דר. ש. מאַרגאָשעס און ראובן אייזלאַנד, אַ פּאָדאָליער פאַראיין, אַ האָמלער פאַראיין א. א.

לויטן באַריכט פון סעקרעטאַר י. ראַזאָווסקי האָט זיך געפילט די נויטווענדי־קייט פון אַן אַגיטאַציע אויך אין ענגליש (דער ברענטש 1, אין ניו יאָרק, האָט נאָך פריער באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער ענגליש־רעדנדער יוגנט). עס מערקט זיך פיל סימפּאַטיע צו די פּועלי ציון מצד די אַלגעמיינע ציוניסטן.

אינטערעסאַנט איז געווען דער באַריכט פון באָסטאָן. ביי דער שפּאַלטונג זענען פון 19 מיטגלידער פון פאַראיין 10 אַריבער צו די ס. ט. און 8 זענען גע־בליבן ביי פּוע״צ. אין משך פון 4 חדשים נאָך דער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר ציילט שוין דער פאַראיין 60 מיטגלידער. עס הערשט אַ שטאַרקער האַס פון די ס. ט. צו די פּוע״צ. די ס. ט. האָבן ניט געוואָלט בשום אופן צאָלן פאַר אריינגאַנגס־בילעטן צו אַ פאַרלעזונג פון בעלא פעווזנער, ווייל 1 סענט איז געגאַנגען פאַרן נאַ־ציאָנאַל־פאָנד. אַנאַרכיסטן און אפילו בונדיסטן האָבן יאָ באַצאָלט [46]).

צו דער צווייטער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, אין דעצעמבער, 1906, איז די פּאַרטיי געקומען מיט 40 פאַראיינען און 1,500 מיטגלידער.

אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין שנעלן וואוקס פון דער פּאַרטיי האָט געשפּילט דער „אידישער קעמפער״, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 30טן מערץ, 1906 — 3 חדשים נאָך דער באַלטימאָרער קאָנווענשאָן. דער באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט איז רעאַליזירט געוואָרן אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון אַ גרופּע חברים אין פילאַדעלפיע, דער עיקר פון יחזקאל עדלשטיין. פילאַדעלפיע אַליין האָט געזאַמלט 500 דאָלער פאַר דער צייטונג. אין אַ צאָל שטעט זענען געשאַפן געוואָרן גרופּן „דער אידישער קעמפער״, וואו די חברים האָבן געגעבן אַ וועכנטלעכן אָפּצאָל פאַר דער צייטונג. אין ניו יאָרק זענען פאָרגעקומען עטלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, און אַ פּורים־קאָנצערט, וועמענס איינקונפט איז געגאַנ־גען פאַר דער צייטונג. פון לאָנדאָן האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַלס רעדאַקטאָר קלמן מרמר. דעם 29טן מערץ, 1906, איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַ פייערלעכער „ראַטיפיקאַציע־מיטינג״ לכבוד דעם דערשיינען פון דער צייטונג. די רעדנער:

דר. י. ל. מאַגנעס, דר. ל. קאַפּעלאָוויטש. דער דיכטער ה. רױזנבלאַט א. א. האָבן אנטײלגענומען אין רײכן ליטעראַרישן פּראָגראַם.

פילאַדעלפיע וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעצײכנט מיט איר אײגנאַרטיקער „פּובליסיטי" האָט אַנאָנסירט איר אײגענעם פײערלעכן יום טוב, וואָס איז פאָר־געקומען דעם זעלבן טאָג: „קומט געבן שלום עליכם דער אײנציקער, אמת־אידי־שער צײטונג אין אַמעריקע". די רעדנער זענען געװעזן: מרמר, פּעװזנער און אַבערסאָן. ענלעכע באַגריסונגס־פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין פיל אַנ־דערע שטעט.

דער טאָג, װען דער ערשטער נומער איז דערשינען איז געװען אַ יום טוב פאַר די פילאַדעלפיער פּועלי ציון. אַ סך חברים האָבן יענעם טאָג ניט געאַרבעט, געשטאַנען בײם דרוק און מיט אומגעדולד דערװאַרט דעם ערשטן נומער.

די נײע צײטונג האָט אויסגערעכנט אַ רײכע רשימה פון מיטאַרבעטער: ד. אבערסאָן, ח. אַלעקסאַנדראָװ, צבי אַבּרמי, בעל מחשבות, בן צבי, י. ח. ברענער (לאָנדאָן), ב. באָראָכאָװ (שװײץ), ש. דאָלינסקי, דר. י. װאָרטסמאַן (רוסלאַנד), דר. װאָלפּע, א. ש. װאַלדשטײן, א. זעלדין, דר. חיים זשיטלאָװסקי, װ. זשאַבאָטינסקי, לעאָן זאַלאַטקאָף (זקף גדול) יהואש, ל. לאַנדוי (א. װאָלינער), מ. לעאָנטיעװ, דר. י. מאַרקוס, משה סמיליאַנסקי (פּאַלעסטינע), י. י. פרידמאַן, י. ש. פּרענאָװיץ, קאַפּ־לאַן־קאַפּלאַנסקי (גאַליציע), דר. ל. קאַפּעלאָװיטש, מאָריס ראָזענפעלד, ה. רױזנ־בלאַט, שמואלזאָן א. א.

שפּעטער האָבן זיך אין „קעמפער" אויך באַטײליקט: י. אַדלער, ב. בערקאָ־װיטש, שמריהו גאָרעליק, ד. גינזבורג, דר. ה. זאלאטאראָװ, יוסף טונקל (דער טונקעלער), מאני לײב, יואל ענטין, ל. שאַפּיראָ, י. י. שװאַרץ, י. שטײנבערג און אַנדערע. אויך דער דיכטער דוד אײנהאָרן (באַקעמפער פון ציוניזם אין די שפּעטערדיקע יאָרן), האָט גענומען אנטײל אין װאָכנבלאַט.

דער „קעמפער" איז רעדאַגירט געװאָרן פון קלמן מרמר 15 חדשים (ביזן 12טן יולי 1907); דרײ מאָנאַטן פון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע (א. װאָלינער, א. ש. װאַלד־שטײן און י. ראָזאָװסקי). אין אָקטאָבער 1907 איז יצחק זאר, װאָס איז דאַן אָרי־בערגעקומען פון רוסלאַנד מיט אַ שם אַלס אַ פּועלי ציון־טעאָרעטיקער, געװאָרן דער רעדאַקטאָר פון דער צײטונג. דער „קעמפער" איז דעם 18טן יאַנואַר, 1907, געװאָרן איבערגעטראָגן פון פילאַדעלפיע קײן ניו יאָרק דעם 5טן אַפּריל, 1907, האָט ער געביטן זײן פאָרמאַט, אָננעמענדיק דעם אויסזען פון אַ בראָשירטן זשור־נאַל.

יואל ענטין כאַראַקטעריזירט אַזױ דעם „אידישן קעמפער": „דער „אידישער קעמפער" איז גלײך פון אָנהײב אָן געװען פיל מער װי אַ בלויז פּועלי ציוניס־טישער אָרגאַן. ער האָט תיכף געשאַפן אַרום זיך אַ נײע קולטור־אַטמאָספער, אַ נײע באַציאונג צו אונזערע קולטור־אוצרות, און אויך אפילו ניט געקוקט אויפן לײכטן העברעאיזם, װאָס האָט פון אָנהײב אָן כאַראַקטעריזירט דעם היגן פּועלי ציוניזם, צו דער אידישער שפּראַך. דער „אידישער קעמפער" האָט פון זײן ערשטן נומער אָן פאַרשפּרײט אַרום זיך אַן אַראָמאַט פון ערנסטער עלעגאַנץ, פון ליטעראַרישקײט. שוין פון ערשטן נומער האָט מען געקענט זען, אַז מען האָט פאַר זיך אַ בלאַט װאָס איז העכער און פײנער פון אַלע אַנדערע אידיש־אַמערי־קאַנישע בלעטער. שוין די ערשטע נומערן האָבן געװיזן, אַז די שאַפנדיקע אידישע

אינטעליגענץ טוליעט זיך צו דער וואַכנשריפט ווי צו אַ פריינדלעכן ווינקל, אפילו ווען דער פּוע״צ אידעאַל איז נאָך ניט איר אייגנס, אַז נישט בלויז דערפאַר זינגען דאָ די פּאָעטן און זאָגן די פּראָזע־קינסטלער, ווייל ס׳איז נישטאָ ערגעץ־אַנדערש וואו זיך אַהינצוטאָן, ווי עס איז אָפט געווען זייער באַציאונג צו דער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער שטימע״, נאָר טאַקע דערפאַר וואָס צווישן זיי און דער שריפט איז אויסגעשפּונען אַ בריק פון היימישקייט און וואַרימקייט״ [17]).

דער ערשטער נומער פון „אידישן קעמפער״ איז געווען ווי אַ שפּיגל־בילד און ריכטשנור פון אַלע ווייטערדיקע נומערן. אויף דער ערשטער זייט: אַן אַרטיקל וועגן „אַלגעמיינע שטים־רעכט אין עסטרייך און דער קאַמף פון פּועלי ציון״; אַן אַרטיקל „די נאַציאָנאַלע פראַגע״ וועגן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטן־קאָנגרעס אין שטוטגאַרט, אין וועלכן עס ווערט געפאָדערט צו אַנערקענען פּועלי ציון אין אינטערנאַציאָנאַל; אַן אַרטיקל „אַרבעטער פּאָליטיק״ וועגן אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־פּאָליטיק פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, און אַן אַרטיקל וועגן אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות. (געדענקט די דאַטע: מערץ, 1906!).

אויף דער צווייטער זייט: די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון; דער ערשטער פון אַ רייע אַרטיקלען פון א. ש. וואַלדשטיין איבער דער טעריטאָריאַלער פראַגע און דער ערשטער פון אַ רייע בריוו פון ארץ־ישראל פון משה סמיליאַנסקין.

אויף זייט 3 טרעפן מיר אַ לאַנג ליד פון ה. רויזנבלאַט „ר׳ מענדעלע״ (לכבוד מענדעלעס 70 יאָריקן יובילעאום); אַ לאַנגע דערציילונג פון סקיצן־שרייבער מ. שמואלזאָן „בעט נומ. 6״ און אַ פעליעטאָן פון א. וואַלינער־לאַנדוי — דער ערשטער פון אַ רייע פעליעטאָנען „שטיקלעך און ברעקלעך״, וואָס האָבן געמאַכט אַ פיינעם רושם.

די זייט 4 הייבט זיך אָן מיט אַ לייט־אַרטיקל פון רעדאַקטאָר איבער די צילן פון דער צייטונג, אַ ליד „חלום פריינד״ פון דעמאָלט שוין באַרימטן דיכטער יהואש, אַ פעליעטאָן נאָך י. ל. פרץ (פון העבראַיש), און אַ אָפּהאַנדלונג פון דר. ל. פּאַסמאַניק „דער סאָציאַליסטישער פּועלי ציוניזם״.

זייט פינף טראָגט די איבערשריפט „ליטעראַטור און קונסט״. מיר טרעפן דאָ דעם באַוואוסטן אַנאַרכיסט־עסייאיסט מ. לעאָנטיעוו (ל. ס. מאָיסעיעוו) מיט דער ערשטער פון אַ רייע אָפּהאַנדלונגען איבער לודוויג יאַקובאָווסקי׳ס „ווערטער דער יודע״; דעם ערשטן פון אַ רייע „בריוו פון אידישן טעאַטער״ פון ח. אַלעקסאַנדראָוו, וואָס האָט פריער מיטגעאַרבעט כמעט נאָר אין „אַרבעטער״ א. א. צייטשריפטן פון דער ס. ל. פּ.

זייט זעקס ווערט אויסגעפילט מיט אַן איבערזעצטער סקיצע פון יוסף חיים ברענער, באַגריסונגען, באַריכטן און רעקלאַמעס.

די דערשיינונג פון „קעמפער״ האָט אַרויסגערופן פיל אויפזען אין דער אידישער גאַס. דער „פאָרווערטס״ האָט געשריבן: „ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ בלאַט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דייטלעכע פרינציפּן, און וואָס פאַרטיידיקט זיינע פרינציפּן דייטלעך און קלאָר״. דער „קעמפער״ איז דאַן געווען דער איינציקער אָפיציעלער ציוניסטישער אָרגאַן אין אידיש. פיל אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך מתקנא געווען אין „קעמפער״ און אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט פאַרוואָס

די אַלגעמיינע ציוניסטן גיבן ניט אַרויס קיין צייטונג אין אידיש. אין די זכרונות אין יובל־נומער פון „אידישן פאָלק", דער אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, דערשינען אין 1913, דערציילט ישראל מאלטין אַז די דער־שיינונג פון „אידישן קעמפער" האָט פשוט געמאַכט אייפערזיכטיק די אַלגע־מיינע ציוניסטן און געגעבן דעם שטויס, אַז עס זאָל דערשיינען „דאָס אידישע פאָלק". די פריערדיקע ציוניסטישע צייטונגען „דער איד" און „די אידישע פאָן" זענען געוואָרן אַרויסגעגעבן פון יחידים און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט איןביידע פאַלן צעשיקט אַ צירקולאַר, אַז זי האָט ניט וואָס צו טאָן מיט די צייטונגען, ווייל זיי זענען אַ פּריוואַטער ענין.

אויף דער 9טער קאָנפערענץ פון דער ציון־פעדעראַציע אין טענערסוויל (1־4 יולי, 1906) איז שוין געהאַט דורכגעגאַנגען דער פאָרשלאַג, אַריינגעטראָגן פון די פּוע"צ, צו באַשטימען אַ סובסידיע פאַרן „קעמפער". אָבער פּראָפעסאָר שעכטער פון אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט אָנגעהויבן סטראַשען מיט רעזיגנאַציע אויב דער פאָרשלאַג וועט ווערן אָנגענומען. ס'איז אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו שטיצן די לאָנדאָנער העברעאישע צייטשריפט „המעורר" (אונטער ברענערס רעדאַקציע). דאָן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פעדעראַציע זאָל שטיצן נאָר אויסגאַבן, וואָס געפינען זיך אונטער איר קאָנט־ראָל און דער פאָרשלאַג וועגן שטיצן דעם „קעמפער" איז געוואָרן צוריקגעצויגן. דערפאַר איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצונעמען דאָס וואָכנבלאַט „די אידישע פאָן", וואָס איז געווען די אויסגאַבע פון עטלעכע יחידים און עס פאַרוואַנדלען אין אַן אָפיציעלע אויסגאַבע פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע [48]).

אינטערעסאַנט איז אַן ענטפער פון „קעמפער" אין בריוו־קאַסטן צו אַ לייענער פון יאָנגסטאָן: „דער „אידישער קעמפער" איז דער אָרגאַן פון די פּועלי ציון, אָבער ניט פון די בירגערלעכע ציוניסטן, און ווען די לעצטע ווילן אונטערשטיצן דעם „אידישן קעמפער" בתנאי אַז ער זאָל ווערן אַ כל ישראל אָרגאַן, ענטפערן מיר: „לא מעוקצך ולא מדובשך", מיר זענען מוחל אייערע אונטערשטיצונגען און זאָגט אונז נאָר קיין דעה ניט" [49]).

פאַר דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן האָבן אַ צאָל פאַראיינען אַרויסגערוקט זייערע פאָרשלאָגן צום „קעמפער". מאָנטרעאל האָט פאַרלאַנגט צו פאַרעפנט־לעכן מער מאַטעריאַל וועגן סאָציאַליזם; ניו היוון האָט געוואָלט מען זאָל געבן מער אַרטיקלען איבער דער געשיכטע פון ציוניזם און סאָציאַליזם; סינסינעטי האָט פאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן אויסער דעם „קעמפער" אַ חודש־שריפט צו באַהאַנדלען די מער־טעאָרעטישע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג.

די ליבע צום „קעמפער" איז געווען אין לשער. די אָרעמסטע חברים האָבן זיך בייגעשטייערט פאַרן „קעמפער". מען האָט געשאַפן אין אַ צאָל שטעט „פאַר־באַנדן" פון זעלבסט־בייסטייערונג פאַרן „אידישן קעמפער". אין ניו יאָרק האָט דאָס געגעבן דעם ערשטן יאָר 400 דאָלאַר, אין פילאַדעלפיע — 300. פילאַדעלפיע האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס פאַרפליכטעט די חברים „צו קויפן און אַר־דערן אַלץ וואָס מיר דאַרפן נאָר אין סטאָרס און שעפער וועלכע אַדווערטייזן אין אונזער אָרגאַן". ציוניסטן און סימפּאַטיקער זענען געוואָרן גערופן אויך אַזוי צו טאָן. דעם ערשטן מאַי, האָבן די ניו יאָרקער פּועלי ציון באַשלאָסן, אַז

חברים וואָס וועלן זיין געצוואונגען צו אַרבעטן דעם ערשטן מאַי, זאָלן דעם טאָג שכירות איבערשיקן צו דער רעדאַקציע פון „קעמפער". שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ און סט. לואיס האָבן אָנגענומען אַן ענלעכן באַשלוס [50].

דער נומער 10 „קעמפער" פון 1טן יוני, מעלדעט אַז „די צייטונג רופט אַרויס רעספּעקט ביי אונזערע פּרינציפּיעלע קעגנער. דער פינאַנצילער ערפאָלג ווערט פאַרגרעסערט און סובסקרייבער און אַדווערטייזמענטס קומען צו". אין אָקטאָבער, 1906, איז אין פיל שטעט געפייערט געוואָרן דאָס דערשיינען פון 25 נומערן „קעמפער".

דער „אידישער קעמפער" האָט אויך פאַרשפּרייט פאַרשידענע אויסגאַבן פון איראָפּעאישע פאַרלאַגן. אין פאַרלויף פון איין יאָר האָט דער פאַרלאַג „אידישער קעמפער" פאַרקויפט איבער צען טויזנט ביכער און בראָשורן אין פאַרשידענע שפּראַכן. דער פאַרלאַג „אידישער קעמפער" האָט אויך אָנגענומען אַבאָנענטן פאַר פאַרשידענע ציוניסטישע צייטשריפטן אין רוסלאַנד, עסטרייך א. א. לענדער.

.9

# הילף פאַר די פּאָגראָם־קרבנות און דער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד

די פּאָגראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1903־1906, האָט אַרויס־גערופן צווישן די אידן אין רוסלאַנד דעם ווילן צו זעלבסט־שוץ. בראש פון דער זעלבסטשוץ־באַוועגונג זיינען געגאַנגען די אַרבעטער־פּאַרטייען. די אי־דישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע האָט געהאָלפן שאַפן די מאַטעריעלע מיט־לען אויף קויפן געווער פאַר דער זעלבסטשוץ. זי איז אויך געווען טעטיק אויפן אַקטיוויסטן אופן אין אַלע פּראָטעסט־אַקציעס קעגן די פּאָגראָמען און קעגן דער שענדלעכער טאַקטיק פון דער צאַרישער רעגירונג.

דעם ערשטן פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ קעגן די צעיושעטע פּאָ־גראָמשטשיקעס האָבן געמאַכט די פּועלי־ציון אין יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָס איז געווען בעת די פּסח־אומרוען אין 1901. די זעלבסטשוץ האָט געהאַט קליינע צו־זאַמענשטויסן מיט די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט אָן דער אַריינ־מישונג פון דער פּאָליציי (ב. באָראָכאָוו: „צו דער געשיכטע פון פּועלי־ציוניזם", געשריבן 1912) [51]).

דער קישיניעווער פּאָגראָם, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 6טן אַפּריל, 1903, און געדויערט 3 טעג, האָט געבראַכט אַ טרויעריקן באַלאַנס — 50 דערמאָרדעטע, 100 שווער־און 500 לייכט־פאַרוואונדעטע. 1,500 הייזער און קראָמען זענען געוואָרן צעראַבירט. דער נקמה־אַקט פון פּינחס דאַשעווסקי, איז געווען אַן ענטפער אויפן פּאָגראָם. ער איז געקומען פון די רייען פון דער יונגער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאַשעווסקי האָט זיך געוואָרפן מיט אַ מעסער אויף קרושעוואַן, דעם שולדיקן אין קישיניעווער פּאָגראָם. דאָס איז געשען דעם 4טן יולי, 1903. דאַשעווסקי, אַ יונגער אינזשיניער האָט געהערט צום לינק־ציוניסטישן קרייז „ישראל הצעיר" אין קיעוו, פון וואָס עס זענען אַרויס אַ צאָל טוער פון די פּועלי ציון און סיימיסטן. ער איז ספּעציעל געפאָרן פון קיעוו קיין פּעטערבורג דורכצופירן דעם אַטענטאַט. קרושעוואַן איז נאָר געוואָרן לייכט פאַרוואונדעט אין האַלז. דאַשעווסקי איז געוואָרן געכאַפּט און פאַרמשפּט אויף 5 יאָר קאַטאָרגע. נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז ער געוואָרן פאַרוואָגלט קיין סיביר. דאָרט איז ער געוואָרן דערשאָסן. צוליב דעם כאַאָס אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, איז ניט געלונגען פעסטצושטעלן ווער ס'האָט אים דערשאָסן און פאַרוואָס [52]).

דאַשעווסקי'ס טאַט האָט אַרויסגערופן אַ באַגייסטערונג אין דער אידישער וועלט און געהאַט אַן ענלעכן מעכטיקן אָפּקלאַנג ווי דער שאָס פון בונדיסטישן שוסטער הירש לעקערט אין פאַן וואַל, אין הערבסט, 1901, אַלס נקמה־אַקט פאַר שמייסן אַרעסטירטע 1־מאַי־דעמאָנסטראַנטן מיט ריטער. אויפן צווייטן צוזאַמענ־פאַר פון פאַרבאַנד פון גלייכבאַרעכטיקונג, פון די געזעץ־ליבנדע אידישע קאַדעטן,

האָט דער באַרימטער אַדוואָקאַט און כלל-טוער, אָסקאַר גרוזענבערג, געזאָגט:
„שפּריצן בלוט פון דער קישיניעווער שחיטה זענען געפאַלן אויף דער פּילבאַרער
נשמה פון אַ יוגנטלעכן און האָבן זי אָנגעצונדן מיט יאוש און מיט צאַרן. ער האָט
געוואָרט אויפן גערעכטן משפּט, ער האָט געוואַרט, אַז דאָס געזעץ וועט אָנגע-
ווענדעט ווערן קעגן איינעם פון די סאַמע שווערסטע פאַרברעכער פון פּאָגראָם,
קעגן קרושעוואַנען, אָבער ער האָט זיך ניט דערוואַרט. דאַשעווסקי האָט באַשלאָסן
אויפוועקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און איז געגאַנגען אויף אַ געוואַלטאַט, ווי
מען גייט ברענגען אַ קרבן". די רעזאָלוציע, אַריינגעטראָגן פון א. גרוזענבערג
וואָס סאָלידאַריזירט זיך מיט דאַשעווסקי'ס טאַט, איז אָנגענומען געוואָרן איינשטי-
מיק צוזאַמען מיט אַ באַשלוס צו שיקן אַ „באַגייסטערטן גרוס" צו דעם אין תפיסה-
פאַרשפּאַרטן דאַשעווסקי'ן.

די טאַט פון דאַשעווסקי'ן האָט געגעבן אַ שטויס צו אָרגאַניזירן זעלבסטשוץ-
אָטריאַדן אין פיל שטעט. אין ווילנע האָט מיכל האַלפערן — וואָס איז שפּעטער
געוואָרן דער לעגענדאַרער העלד אין ארץ ישראל, אָנגעפירט מיט דער זעלבסט-
שוץ. לויט די מאַטעריאַלן פון באַראָכאָוון זענען אין די יאָרן 1905-1906 אין פאַר-
שידענע שטעט אַריין ביז 8,000 מאַן פון די פּועלי-ציון אין די זעלבסטשוץ-
אָטריאַדן. אין פיל פאַלן זענען זיי געווען פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס פון פאַר-
שידענע פּאַרטייען, און אין פיל פאַלן זעלבסטשטענדיקע אָטריאַדן פון די פּועלי-
ציון. בערך 100 פּוע"צ זענען געפאַלן אַלס קרבנות אין דער זעלבסטשוץ[53]. די
סיימיסטן — וואָס זענען פאַקטיש געווען אַ צווייג פון פּועלי-ציון האָבן געהאַט
3,000 מאַן אין דער זעלבסטשוץ. זיי האָבן אָנגעגעבן אַז זיי האָבן פאַרלוירן אין די
קאַמפן 100 געהרגעטע, 300 פאַרוואונדעטע און ביי טויזנט אַרעסטירטע און פאַר-
שיקטע[54]. אויך דער „בונד", די „ס-ס" און אַנדערע פּאַרטייען האָבן געהאַט צו
באַקלאָגן גרויסע פאַרלוסטן.

אין זשיטאָמיר, וואו ס'איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם דעם 6טן מאַי, 1905,
מיט 29 דערמאָרדעטע אידן, האָט די זעלבסטשוץ פיל געהאָלפן ביים דערשטיקן דעם
פּאָגראָם. די גרעסטע זעלבסטשוץ-אָרגאַניזאַציע האָט דאָרט געהאַט די פּוע"צ —
500 מענטשן, דער „בונד" — 350. אויך די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אָרגאַ-
ניזירט אַ זעלבסטשוץ. קיין אַלגעמיינע קאָאַליציע פון אַלע אָרגאַניזאַציעס איז
ניט געווען. ערשט 2 טעג נאָכן פּאָגראָם האָט דער „בונד" געגעבן זיין הסכמה צו
פאַראייניקן די כוחות. ביים דערשטיקן דעם פּאָגראָם האָט אויך מיטגעהאָלפן די
צוגעשיקטע הילף פון בערדיטשעוו, וואו ס'האָט עקזיסטירט אַ שטאַרקע זעלבסט-
שוץ פון פּועלי ציון.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער מאָטאָ פון דער פּראָקלאַמאַציע פון די
זשיטאָמירער פּועלי ציון, אַרויסגעלאָזט אַ טאָג נאָכן פּאָגראָם: „בדם ואש יהודה
נפלה, בדם ואש יהודה תקום"[55]. אין האָמעל זיינען געווען צוויי זעלבסטשוצן: פון
דער „איסקראַ" מיטן „בונד" און פון די ס. ר. מיט די פּועלי ציון. די פּוע"צ
זעלבסטשוץ האָט געהייסן „גבורי ציון"[56]. זי האָט פיל מיטגעהאָלפן ביים לאָקאַלי-
זירן דעם פּאָגראָם, וואָס איז דאָרט אויסגעבראָכן פון 10-14טן סעפּטעמבער,
1903, מיט 8 הרוגים און 100 פאַרוואונדעטע[57]. אין יעקאַטערינאָסלאַוו
האָט די זעלבסטשוץ געהאַט 15 אָפּטיילונגען, פון זיי 10 פון פּוע"צ און ס. ס. 3 פון
ס. ד. און צו איינע פון „בונד" און פון ס. ר.[58].

נאָכן קישיניעווער פּאָגראָם האָבן זיך געשאַפן אין ני־יאָרק עטלעכע הילפס־קאָמיטעטן: פון די אָרטאָדאָקסן, (כ. ה. שרהזאָן, פּאָרזיצער און אַרנאָלד קאָהן, קאַסירער); פון די רייכערע אידן (עמנואל לעהמאַן, פּאָרזיצער און דניאל גוגענ־היים, קאַסירער) און אַ קאָמיטעט געשאַפן פון קריסטלעכן ציַיטונגס־אַרויסגע־בער, רענדאָלף הוירסט. ביז דעם 7טן יוני, האָבן זיי איבערגעשיקט צום הילפס־פאַראיין פון דייטשע אידן אין בערלין די סומע פון 192,443 רובל, וואָס האָט אויסגעמאַכט בערך אַ העלפט פון דער סומע וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין רוסלאַנד און אַ פערטל פון דער סומע, וואָס איז אַריינגעקומען פון דער גאַנ־צער וועלט. אויך דער „פאָרווערטס״ האָט דורכגעפירט אַ זאַמל־אַקציע און איבער־געשיקט דירעקט צום „וואָסכאָד״ אין פּעטערבורג די סומע פון 15,000 רובל [59]).

אינטערעסאַנט, אז אויך די כינעזער האָבן דורכגעפירט אַ זאַמל־אַקציע און געגעבן אַ ספּעציעלע פאַרשטעלונג. א. נ. „עשרת השבטים״ און געמאַכט אין די פויזע־מינוטן אַן אַפּיל אין כינעזיש און ענגליש [60]).

עס זענען דאַן פאָרגעקומען 75 פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען אין 50 שטעט. אויף דעם פּראָטעסט־מיטנג אין ניו יאָרק, וואָס איז גערופן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון די פּועלי־ציון (דעם 27טן מאַי, 1903), האָט דער בירגעמייסטער סעטה לאו געפירט דעם פאָרזיץ און דער הויפּט־רעדנער איז געווען דער געוועזענער פּרעזידענט גראָווער קליוולענד.

די „בני ברית״ האָט געזאַמלט אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע צום אַמערי־קאַנער פּרעזידענט וואָס זאָל ווערן געשיקט צום רוסישן צאַר. די פּעטיציע איז געווען פול מיט שבחים צום צאַר, וואָס איז געוואָרן דער „פירער פון אַ נייער באַוועגונג וואָס זאָל צוזאַמענברענגען די גאַנצע וועלט אין אָפּאָזיציע צו רע־ליגיעזע פאַרפאָלגונגען״. די אַרבעטערשאַפט האָט געשטורעמט קעגן דעם דאָזיקן חניפה־דאָקומענט. סך הכול איז געוואָרן צונויפגעקליבן 12,544 אונטערשריפטן, דערונטער פון פיל גאָווערנערס, קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן. אָבער די צאַרישע רעגירונג האָט זיך אָנטזאָגט אָנצונעמען די פּעטיציע און מען האָט זיי קאָנ־סערווירט אין די אַרכיוון פון אויסערן־מיניסטעריום אין וואַשינגטאָן.

די פּאָגראָם־כוואַליע אין 1905, וואָס האָט געבראַכט איבער טויזנט הרוגים, האָט באַנייט די הילפס־אַקציע פאַר די פּאָגראָם־קרבנות. דער קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון אָסקאַר שטרויס און יעקב ה. שיף אַלס קאַסירער, האָט צענויפגעזאַמלט איבער אַ מיליאָן דאָלער. אין ניו יאָרק איז אויך פאָרגעקומען דעם 4טן דעצעמבער, 1905, אַ ריזיקער פּראָטעסט־מאַרש מיטן אנטייל פון איבער אַ פערטל מיליאָן דעמאָנסטראַנטן. קריסטלעכע קירכן האָבן געקלונגען מיט די גלאָקן אַלס צייכן פון מיטגעפיל מיט די וויינענדיקע אידישע מאַסן, ווען דער טרויער־צוג מיט שוואַרצע פענער איז דורכגעגאַנגען די גאַסן פון ניו יאָרק. דער קאָנגרעס האָט אויך אָפיציעל אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע צו די פאַרפאָלגטע רוסישע אידן.

אין מיטן נאָוועמבער, 1905, איז אַנטשטאַנען די „דזשואיש דעפענס אַסאָ־סיישאָן״, וואָס האָט געעפנט צוויי פאָנדן: איינעם פאַר הילף און איינעם פאַר זעלבסט־פאַרטיידיקונג. די סומען פאַר הילף זאָלן איבערגעגעבן ווערן די הילפס־אָרגאַניזאַציעס און די סומען פאַר זעלבסטשוץ די זעלבסטפאַרטיידיקונגס־אָר־גאַניזאַציעס. דער קאָמיטעט פון 59 אין געשאַפן געוואָרן דורך די ס. ר., פּוע״צ,

ס. ט. און אומפּאַרטייאישע. דר. יהודה מאַגנעס איז געווען דער טשערמאַן פון קאָ־מיטעט, מ. מאַרקעל, קאַסירער, א. פּייפּמאַכער, סעקרעטאַר, יוסף באַראָנ־דעס — קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר. צום עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָבן אויך געהערט: ס. אבעל, מ. גוטמאַן, אב. גאָלדבערג, א. ש. וואַלדשטיין, דר. זאַ־לאַטאראוו, דר. ח. זשיטלאָווסקי, לואי ליפּסקי, רעוו. מאַסליאַנסקי, דר. ס. עלס־בערג, ל. פּייפּמאַכער, יאָהאַן פּאַליי, י. קאַפּעלאָוו, דר. טש. ראַיעווסקי א. אַ.

דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַז דאָס געלט פאַר זעלבסטשוץ זאָל צעטיילט ווערן צווישן אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען, און צו באַמיען זיך, אַז אין רוסלאַנד זאָל געשאַפן ווערן אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר זעלבסט־פּאַרטיידיקונג. דער קאָ־מיטעט האָט זיך אויך געווענדעט צו די פריינט פון „בונד", וואָס האָבן געזאַמלט פאַר זייער אייגענעם באַוואָפנונגס־פאָנד, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין קאָמיטעט. די קאָנפערענץ פון בונדישן באַוואָפנונגס־פאָנד האָט דערויף געענטפערט מיט אַ פאָרשלאָג צו די פּועלי ציון זיי זאָלן שאַפן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט מיטן „בונד" וואָס זאָל זאַמלען געלט „פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אידן קעגן די פּאָגראָמען". די קאָנפערענץ דריקט אויס איר הייסן וואונטש אַז „אַלע אַלגעמיין־רוסישע רע־וואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און אַלע באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, זאָלן מיט אַלע מעג־לעכקייטן שטיצן די פאַראייניקטע אַרבעט פון „בונד" און פּועלי ציון" [61]). מאָריס ווינטשעווסקי האָט אין דער „וואָרהייט", וואָס לואי מילער, דער געוועזענער רע־דאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט געגרינדעט דעם ערשטן נאָוועמבער, 1905, אַפּעלירט צו די פּועלי ציון זיי זאָלן אָננעמען דעם פאָרשלאָג: „איר זענט די איינציקע סאָציאַליסטן מיט וועלכע מיר קענען צוזאַמען אַרבעטן פאַר דעם שוץ פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד, ווייל די זעלבסטשוץ ביי וועלכן אַלע קענען מיטהעלפן, קען נאָר אָרגאַניזירט ווערן פון אידישע סאָציאַליסטן פון אַלע לאַגערן" [62]).

דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון און ס. ט. האָט דאַן פאַר־עפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז ער קען ניט אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון „בונד", ווייל דאַן וואָלט ער געמוזט אַרויסטרעטן פון דער „דזשואיש דעפענס אַסס'ן". די פראַגע פון זעלבסטשוץ איז ניט אַ פראַגע, וואָס באַלאַנגט צו איין פּאַרטיי, אויך ניט דווקא אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, נאָר זי איז אַ פראַגע, וואָס אינטערעסירט דעם גאַנצן אידישן פאָלק. די זעלבסט־פּאַרטיידיקונג ווערט אין רוסלאַנד ניט בלויז אָנגעפירט פון „בונד" און פּועלי ציון, נאָר אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַ־ציעס, ווי אַלגעמיינע ציוניסטן. עס איז נויטיק, אַז אַלע אידן — ניט דווקא ראַ־דיקאַלן, ווי עס מיינט דער „בונד" — זאָלן זיך באַטייליקן אין דערביישטייערונג פאַר זעלבסט־פּאַרטיידיקונג, און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער באַטייליקונג ווען די פּוע"צ וואָלטן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון „בונד". דערפאַר וואַרפט דער קאָמיטעט אָפּ דעם פאָרשלאָג פון „בונד" [63]).

דעם 10טן דעצעמבער, 1905, האָט דער „פאָרווערטס" פאַרעפנטלעכט אַן עדי־טאָריעל אין וועלכן ער דערקלערט, אַז עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער „בונד" זאָל זיך אָנשליסן אין דער דעפענס־אָרגאַניזאַציע. די „פאָרווערטסיסטן", אַריינגערעכנט דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָבן געוואָלט ווירקן מיט אַלע מיטלען זיי זאָלן אַריין, אָבער דאָ איז געקומען די פאָדערונג אַז פון געלט

וואָס מען גיט אויף וואָפן זאָל 20% גיין פאַר די ס. ר. און פון די איבעריקע 80% העלפט פאַרן „בונד" און העלפט פאַר די „פועלי ציון". דאָס האָט צוגעגאָסן אויל אויפן פייער. דער „בונד"-איז געווען קאַטעגאָריש קעגן געבן געלט די ס. ר. וואָס זענען אַ ניט-אידישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט געפרעגט: פאַרוואָס זאָל מען אויך נישט געבן געלט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און די צווי ניט-אידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (מענשע-וויקעס און באָלשעוויקעס). דער עדיטאָריעל-שרייבער האָט דאַן געבראַכט פאַקטן פון דער פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור פון די ס. ר. וואו עס ווערט ניט דער-מאָנט דער קאַמף קעגן פּאָגראָמען. דער „בונד" איז אויך די גרעסטע פּאַרטיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער זעלבסטשוץ. ער איז אַכט מאָל שטאַרקער ווי די ס. ר. מיט די פּועלי ציון צוזאַמען.

נאָכן איבעררייסן די פאַרהאַנדלונגען, איז דער „בונד" אַרויס מיט אַ פאָ-דערונג, אַז די דעפענס-אָרגאַניזאַציע זאָל אים געבן 40% פון די געזאַמלטע געלטער וואָס זי האָט מכלומרשט צוגעזאָגט צו געבן. דערויף איז געקומען אַן ענטפער פון דעפענס-קאָמיטעט, אַז דער דאָזיקער פּרעצענט וואָלט געוואָרן גע-געבן, ווען דער „בונד" וואָלט זיך אַנגעשלאָסן אין קאָמיטעט. געלטער וואָס וועלן אַריינקומען אין קאָמיטעט דירעקט פאַרן „בונד", וועלן אים נאַטירלעך ווערן אי-בערגעגעבן.

ווען אין „מאָרגן-זשורנאַל" איז דערשינען דעם 6טן דעצעמבער, 1905, אַ הע-צערישער אַרטיקל קעגן „בונד" מיט דעם אויספיר, אַז די אַרבעט פאַר דער רו-סישער רעוואָלוציע איז אַ פאַרראַט פאַר די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק, איז באַלד דערשינען אַ דערקלערונג, אונטערגעשריבן פון די וויכטיקסטע פירער פון דעפענס-קאָמיטעט, אַז זיי גרעניצן זיך אָפּ פון דאָזיקן אַרטיקל און זיי פאַראור-טיילן אים שאַרף. זיי באַטראַכטן זיך סאָלידאַריש מיטן „בונד" אין קאַמף קעגן דער רוסישער רעגירונג און אַז דער שטאַנדפּונקט פון דער „דזשואיש דעפענס אַסס'ן", אַלס אַן אָרגאַניזאַציע אין וועלכער עס קענען אַריינגיין אידן פון אַלע פּאַרטייען, אויך פון אַזעלכע פּאַרטייען וואָס גלויבן אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, קען נישט זיין דער זעלבער ווי דער שטאַנדפּונקט פון „מאָרגן-זשורנאַל". די „דזשואיש דעפענס אַסס'ן" האָט נאָך ניט צוריקגעצויגן דעם באַשלוס איינצולאַדן דעם „בונד" אין קאָמיטעט אויף באַדינגונגען וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט זיין רעוואָלוציאָ-נערן כאַראַקטער [64].

אין רעזולטאַט פון פאַרנאַנדערגעפלאַקערטן וויכוח האָבן אויךביידע צדדים געפּרואווט באַווייזן ווער ס'איז דער שטאַרקערער כוח אין דער זעלבסט-שוץ. אין אַ רייע בריוו אין דער טאָג-פּרעסע האָבן פּועלי ציון, נאָר-וואָס געקומענע פון רוס-לאַנד, באַוויזן ווי פאַלש עס איז די איינרעדעניש, אַז די בונדיסטן פירן אי-בעראַל אָן מיט דער זעלבסטשוץ. אין אַ בריוו אין דער „וואָרהייט" (15טן נאָוועמ-בער, 1905) האָט זאב סאָלאָמאָן פּאָלעמיזירט קעגן מאָריס ווינטשעווסקין, וואָס האָט באַהויפּטעט אַז דער „בונד" איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גערופן צו זעלבסטשוץ. סאָלאָמאָן האָט ערקלערט אַז פון די 10 הרוגים אין טשוד-נאָוו זענען עטלעכע פּוע"צ. אַז אין זשיטאָמיר זענען צווישן די געפאַלענע מיטגלי-דער פון דער זעלבסטשוץ געווען 5 פּוע"צ און 2 ציוני-ציון. אין אַלעקסאַנדריע האָבן די פּוע"צ אויפגעפאָדערט דעם „בונד" צו באַשיצן די אידן. איז געווען דער

ענטפער: „דאָס איז ניט קיין פּאָגראָם, דאָס איז אַ הונגער־בונט״. אַן ענלעכן בריוו האָט פאַרעפנטלעכט ה. כהן אין „פאָרווערטס״.

אויפן פאָרוואורף פון י. קאָפּעלאָוו, אַז דער „בונד״ באַנוצט דאָס געזאַמלטע געלט אויסער אויף באַוואָפנונג אויך פאַר אַנדערע צוועקן, האָט זשעניאַ הורוויטש פון „בונד״ געענטפערט, אַז דאָס זעלבע קען מען דאָך באַשולדיקן די ס.ר. מען מוז האָבן צוטרוי צו די אויסלענדישע פאָרשטייער פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי פאַרטיילן דאָס געזאַמלטע געלט פאַר דעם אָנגעצייכנטן צוועק.

די פּועלי ציון און ס. ט. האָבן אַנטוויקלט אַ זייער רירעוודיקע זאַמל־אַרבעט פאַרן דעפענס־קאָמיטעט. אין ניו יאָרק זענען פאָרגעקומען פיל אָפן־עיר־מיטינגען אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. דער צעטל פון די רעדנער באַקענט אונז מיט די נעמען פון די טוער אין יענעם פעריאָד: אַראָנסאָן, אווערבוך, אייזלאַנד, אַפּלבוים, אייבראַמס, בן־עמי, גוטמאַן, גאָלדשטיין, אב. גאָלדבערג, האַבער, האָניג, וואָלף, זאָלקינד, טראַכטענבערג, טויך, כאַנאָוויטש, לעווין, מילער, פּראָסט, פעלדבערג, ברידער פּייפּמאַכער, ב. צוקערמאַן, קאָך, ריינעס, שערמאַן.

עס זענען פאָרגעקומען אויך זאַמלונגען פון הויז צו הויז, קאָנצערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען לטובת דעם דעפענס־קאָמיטעט. אין מיטן ברען פון ברידער־קאַמף צווישן די פּאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן, האָט זיך קיין איין רגע ניט אָפּגעשטעלט די געמיינזאַמע אַרבעט פאַרן דעפענס־קאָמיטעט. אַ צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן באַשטימט פון זייערע זאַמלונגען באַשטימטע פּראָצענטער פאַר די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי למשל, האָט דער בערדיטשעווער פאַראיין באַשטימט אַז 55% פון זיינע געזאַמלטע געלטער זאָל גיין פאַרן „בונד״ און 45 פּראָצענט פאַר די פּועלי ציון.

די זאַמל־אַקציע פון דער זעלבסטשוץ איז געוואָרן געפירט מיט אייגענע כחות ביז דער גרינדונג פון דער „דזשואיש דעפענס אסס׳ן״ און שפּעטער זיינען די פּוע״צ און ס. ט. געוואָרן דער לעבעדיקסטער כוח אין דער אַרבעט פון פאַראייניקטן דעפענס־קאָמיטעט.

אויסער דער זאַמל־אַקציע איז אויך געפירט געוואָרן אַ פּאָליטישע אויפקלערונג און פּראָטעסט־אַקציע צווישן די ברייטע פאָלקסמאַסן קעגן די צאַרישע הענקער. די פּוע״צ זענען געווען אַ לעבעדיקע טרייבקראַפט אין אַלע פּראָטעסט־באַוועגונגען קעגן דער רוסישער רעגירונג, מאַסן־דעמאָנסטראַציעס א. א. וו.

ווי נאָר עס איז געקומען די ידיעה אַז דער רוסישער אויסערן־מיניסטער גראַף וויטע גרייט זיך צו קומען קיין אַמעריקע צו פאַרהאַנדלען אַ שלום־אָפּמאַך מיט דער יאַפּאַנישער רעגירונג, האָבן די פּועלי־ציון פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף „צו אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע״ וועגן דאָזיקן באַפאָרשטייענדיקן באַזוך. דער אויפרוף זאָגט:

„וויטע, איז דער פרידנס־שליח פון רוסלאַנד צו אונטערהאַנדלען מיט די יאַפּאַנער פרידנס־שליחים. אַלזאָ, דאַכט זיך, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונז אידן? אָבער ניין! אַ אידישע צייטונג האָט אָנגעהויבן „בומען״ און קלאַפּן אין באַראַבאַן, אַז די אַמעריקאַנער אידן דאַרפן שיקן אַ דעפּוטאַציע מיט אַן אַדרעס (אפשר ברויט מיט זאַלץ אויך?) צו וויטע, און בעטן חסד ביי דיזן פריץ, אַז אונזערע אידן אין רוסלאַנד זאָל מען ניט אַזוי שטאַרק שלאָגן און

דער פּרעזידענט פון דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון „בני ברית" האָט אָר־גאַניזירט אַ דעלעגאַציע און באַשטימט אַן אוידיענץ ביים צאַרס פּאַרטרעטער.

„מיר, „פּועלי ציון", באַטראַכטן די דאָזיקע טאַט אַלס ערגסטע באַליי־דיקונג פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק. מיר האָבן קיין פרידלעכע באַציאונג מיט דער רוסישער רעגירונג, וועלכע אָרגאַניזירט כסדר פּאָגראָמען נאָך פּאָגראָמען אויף אונז. די רעגירונג, וועלכע האָט פאַראורטיילט 4 מיליאָן פון אונזערע ברידער צום טויט, האָפנדיק מיט אונזער בלוט צו פאַרלעשן דעם רעוואָ־לוציאָנערן פייער, וועלכער האָט זיך צעפלאַקערט אויף דעם גאַנצן צאַרן־רוסלאַנד, פון אַזאַ רעגירונג קאָנען מיר לחלוטין גאָרנישט דערוואַרטן און פון טיפן האַרצן באַדויערן מיר אַזעלכע ערשיינונגען ביים אידישן פאָלק און מיט האַס און פאַראַכטונג באַטראַכטן מיר דיזן פאַרברעכערישן מיטל, וועלכן די „בני ברית" מיט אַדאָלף קרויז אין דער שפּיץ, געהן אָנווענדן, ניט אָנפרעגנ־דיק אונזער פאָלק.

„אין נאָמען פון ציוניזם, אין נאָמען פון זעלבסט-באַוואוסטזיין און מענטש־לעכער גערעכטיקייט, פּראָטעסטירן מיר קעגן אַזעלכע ווילדע מעשים און מיר פאָדערן אויף אַלע פּאַרטגעשריטענע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע בכלל און אין ניו יאָרק בפרט, זיך צו פאַראייניקן מיט אונז אין דעם פּראָטעסט. שיקט דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען דעם 9טן אויגוסט אין 209 איסט בראָדוויי, וואו מיר וועלן זיך באַראָטן ווי אַזוי ריינצוואַשן דעם שאַנדפלעק און צו סטאָפּן די דעלעגאַציע" [65].

צו די קאָנפערענצן דעם 9טן און 19טן אויגוסט זענען געקומען פאָרשטייער פון פיל אָרגאַניזאַציעס. מען האָט אויסגעוויילט אַן אויספיר-קאָמיטעט מיט דער פולסטער פולמאַכט צו האַנדלען אין דער פראַגע.

דעם 18טן סעפּטעמבער, 1905, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונג צו דער ערשטער יאָרצייט פון י. קאָהאַנסקי, דער גרינדער פון דער זעלבסט־שוץ פון פּועלי ציון, אין האָמעל, וועלכער איז געפאַלן אין העלדישן קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. עס האָבן גערעדט אב. גאָלדבערג, לואי ליפּסקי, רעוו. י. מאַסליאַנסקי, דר. ראַדין א. א.

די פּאָגראָם-כוואַליע אין רוסלאַנד האָט זיך אַ געוואַלדיקן הויב-געטאָן אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער, נאָכן געבן די מכלומרשטע קאָנסטיטוציע. אַלע „קליינע" פּאָגראָמען פון פריער, וואָס מען האָט באַצייכנט אַלס „מיניאַטור קישי־ניעווס" זענען פאַרבלאַסט געוואָרן קעגן די מוראדיקע שחיטות פון יענע טעג. אויף די הילפס-רופן פון באַראָן גינזבורג און דר. קאַצענעלסאָן פון ליבאַווא, קור־לאַנד, האָבן יעקב שיף און אָסקאַר שטרויס גערופן אַ מיטינג אין טעמפּל עמנואל צו העלפן די אידן אין רוסלאַנד. עס האָבן גערעדט פּראָפ. גאָטהייל, בערנאַרד דראַכמאַן, מאַרקוס מאַרק, דר. מאַגנעס, אב. קאָהאַן און יעקב שיף. שיף האָט זיך געווענדעט צו פּרעזידענט רוזוועלט און טעלעגראַפירט צו וויטע ער זאָל האַלטן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן אין פּאָרטסמוט.*). וויטע האָט אים דערויף געענטפערט, אַז ער קען גאָרנישט טאָן. די רוסישע רעגירונג האָט פאַרלאָרן די

*) אין פּאָרטסמוט איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום-אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן. וויטע האָט דאָרט צוגעזאָגט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אידן אין רוסלאַנד.

גאַנצע דעה ביים פאָלק. מען האָט אויך טעלעגראַפירט צום לאָנדאָנער באַראָן ראָטשילד ער זאָל ווירקן אויף דער ענגלישער רעגירונג און צו די אידישע פירער אין בערלין זיי זאָלן אויפשטורמען אייראָפּע קעגן די געוואַלטיקע שחיטות.

אין דער דעמאָנסטראַציע, גערופן דורכן דעפענס־קאָמיטעט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס (דער „בונד" האָט זיך ניט באַטייליקט). דעם 4טן דעצעמבער, 1905, האָבן זיך, לויט די זכרונות פון י. קאָפּעלאָוו, באַטייליקט אַ פערטל מיליאָן מענטשן [66]). אין פיל קירכן האָט מען גערעדט וועגן די פּאָגראָמען. דער מאַרש האָט געדויערט 4 שעה. די דעמאָנסטראַציע האָט געלאָזן אַ קאָלאָסאַלן רושם. דער „פאָרווערטס" האָט כמעט איגנאָרירט די דעמאָנסטראַציע. אַב קאַהאַן האָט שפּע־טער פאַרגעוואָרפן די מיטאַרבעטער, פאַרוואָס זיי האָבן איגנאָרירט אַזאַ מעכטיקע פאָלקס־באַוועגונג.

אַלע פאַרזאַמלונגען פון יוניאָנס, לאַנדסמאַנשאַפטן א. א. זענען דאַן גע־שטאַנען אונטערן צייכן פון די פּאָגראָמען און דער הילפס־אַקציע. עס איז דער־גאַנגען אפילו צו קאָמישע קוריאָזן. אַזוי האָט אַ מינסקער פאַראיין רעקלאַמירט אַן אָוונט אין דער פרעסע: „ווילט איר פאַרהיטן אַ פּאָגראָם אין מינסק? קומט צום ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט, וועמענס הכנסה גייט פאַר דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג".

אויך איבערן לאַנד איז אָנגעגאַנגען אַן ענלעכע באַוועגונג. אין פילאַ־דעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר, קליוולאַנד א. א. שטעט זענען פאָרגעקומען גרויסע מאַסן־מיטינגען, אָפּן־עיר־פאַרזאַמלונגען פון די פּועלי ציון און שפּעטער פון די פּועלי ציון און ס. ט. וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אין באָסטאָן האָט אַ מיטינג פון די פּועלי ציון אין מיטן נאָוועמבער, 1905, באַשלאָסן זיך צו פאַר־איייניקן מיט די ס. ט. און „בונד" אין דער אַרבעט פאַר זעלבסט־פאַרטיידיקונג, אָבער אין פּיטסבורג האָבן די בונדיסטן אויפגעריסן אַ פּוע"צ־פאַרזאַמלונג ווייל די פּועלי ציון־רעדנער זאָלן האָבן דערקלערט, אַז די רוסישע אָרגאַניזירטע אַר־בעטער נעמען אנטייל אין די פּאָגראָמען. אין שיקאַגאָ האָבן די פּועלי ציון גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס וועגן דורכפירן די פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן רוסלאַנד. אין סט. לואיס האָבן זיך די פּוע"צ געווענדעט צו די ציוניסטן און צו די געגנאָסן וועגן דורכפירן אַ געמיינזאַמען פּראָטעסט־מיטינג. אָבער די געגנאָסן האָבן זיך אנטזאָגט.

אין יולי, 1906, האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אַ שאַרפער קאַמף אַרום דער „מאַקסים אַפערע". דער „צענטראַל פאַרבאַנד פון די בונדיסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין אַמעריקע" האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע אַ דעלעגאַט אונטערן נאָמען „מאַקסים", וועמען מען האָט פאָרגעשטעלט, אַז ער איז געווען אַ קורצע צייט דער פּרעזידענט פון דער לעטישער רעגירונג, ווען די אַרבעטער האָבן דאָרט פאַרכאַפּט די מאַכט. „מאַקסים" איז געקומען מיטן צוועק צו זאַמלען געלט פאַרן רוסישן „בונד". די „וואָרהייט" האָט זיך דאַן פאַרוויקלט אין אַ ביטערן קאַמף מיטן „פאָרווערטס" אַרום דער פראַגע. דר. ק. פאַרנבערג האָט באַוויזן אַז מאַקסים האָט ניט געהאַט קיין גרויסע השפּעה אויף דער באַלטישער רעוואָלוציע [67]), יצחק אייזיק הורוויץ האָט עפנטלעך געלייקנט אַז ס'איז איבערהויפּט פּראָקלאַמירט גע־וואָרן אַ לעטישע רעפּובליק און אַז מאַקסים איז געווען איר פּרעזידענט [68]).

מאַקסים האָט אין אַן אָפענעם בריוו אין מילערס אָרגאַן „די וואָרהייט" באַ־

שולדיקט מילערן, אַז ער דעקט אויף פֿאַקטן וועגן זיין פֿאַרגאַנגענהייט און „אַז איר זענט מיין אמתער פֿאַררעטער און פּראָוואָקאַטאָר". מילער האָט אים דערויף געענטפֿערט: „עקסעלענץ. פֿאַר אַזאַ באַשולדיקונג ווי אין אייער אָפּענעם בריוו דערשטעכט מען אין פֿראַנקרייך אין אַ דועל; אין רוסלאַנד דערשיסט מען דעם פֿאַרלוימדער ווי אַ הונט; אין אַמעריקע טוט מען אַ שפּיי אין פּנים. מיר לעבן אין אַמעריקע!" [69]).

פֿיל שרייבער און טוער, דערונטער מאָריס ווינטשעווסקי, יעקב גאָרדין, דר. פֿאַרנבערג האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער אינסינואַציע פֿון מאַקסים קעגן לעאָ מילער, דערקלערנדיק אַז דאָס טוען זיי, ניט נעמענדיק קיין שטעלונג אין שטרייט צווישן „בונד" און דער „וואַרהייט".

דער צ. ק. פֿון פּועלי־ציון האָט אַרויסגעגעבן אַ שאַרפֿן אויפֿרוף א. נ. „דער בונד אין רוסלאַנד און זיינע משולחים אין אַמעריקע". אין פֿילאַדעלפֿיע זענען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג מיט מאַקסימען אַרעסטירט געוואָרן 12 פּוע"צ און ס. ט. פֿאַר פּראָטעסטירן קעגן מאַקסימס שקרים. צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפֿונען י. עדעלשטיין.

אין באַלטימאָר איז דערשינען אַ געמיינזאַמער אויפֿרוף פֿון די פּוע"צ און ס. ט. אין וועלכן עס זענען ציטירט געוואָרן עטלעכע פּערלדיקע זאַצן פֿון מאַקסימס דרשות, ווי אַז „די אידן־פֿראַגע איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ; ס'איז נאָר אַ קלוגער איינפֿאַל פֿון די ציוניסטן אום צו ציען געלט ביים עולם", חוזק־ווערטלעך אויפֿן אַדרעס פֿון די מאַקאַבייער און חשמונאים א. א. וו. [70]). אויך אין פֿילאַדעלפֿיע איז דערשינען אַ געמיינזאַמער אויפֿרוף, וואָס איז שפּעטער קריטיקירט געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון ס. ט. אַז ער איז געווען געהאַלטן צו פֿיל אין גייסט פֿון פּועלי ציון.

די געגנאָסן האָבן גערופֿן צו באָיקאָטירן די „וואַרהייט". די ס. ט. האָבן גערופֿן צו שטיצן די „וואַרהייט". דער „פֿאָרווערטס" האָט זיך אָנטזאָגט צו דרוקן אַן אויפֿרוף פֿון די פּוע"צ אין ניו־הייוון וועגן ענין מאַקסים. די דאָרטיקע פּוע"צ האָבן דערויף געענטפֿערט מיט אַן אויפֿרוף ניט צו קויפֿן דעם „פֿאָרווערטס".

דער קאַמף אַרום ענין „מאַקסים" איז געווען איינער פֿון די שאַרפֿסטע אויסברוכן פֿון פּאַרטייאישעליידנשאַפֿטן אויף ביידע זייטן. עס האָט געדויערט לאַנג איידער די געמיטער האָבן זיך אַביסל באַרואיקט.

ווען מיר שליסן דאָס קאַפּיטל, לאָמיר נאָך דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז: די פּועלי ציון האָבן אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט קיין מזל מיט זייערע פּרוּוון צו העלפֿן די פּועלי ציון אין רוסלאַנד. די ערשטע געלטער האָבן צוגענומען די ס. ס. וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט אַ רייע וויכטיקע שליסל־אָרגאַניזאַציעס נאָך דער שפּאַלטונג, אין רעזולטאַט פֿון 7טן ציון־קאָנגרעס. די היגע פּוע"צ האָבן זיך געווענדעט צו דעם מאָנאַטלעכן ציוניסטישן זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" מען זאָל זיי צושיקן דעם אַדרעס פֿון פּוע"צ צענטראַל קאָמיטעט אין רוסלאַנד. אָבער ווען דאָס געלט איז אָהין געקומען, האָבן זיך די חברים וואָס האָבן באַקומען דאָס געלט, אָפּגעשפּאָלטן פֿון די פּוע"צ און געגרינדעט די פּאַרטיי פֿון די סיימיסטן. זיי האָבן באַנוצט דאָס געלט פֿון אַמעריקע צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פֿון דער נייער פּאַרטיי [71]).

ערשט אין פעברואַר, (פּורים, 1906), קומט פאָר אין פּאָלטאַווע דער גרינ־דונגס־צוזאַמענפאָר פון דער „אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי ציון אין רוסלאַנד". עס שטעלן זיך דאַן איין דירעקטע באַציאונגען מיט די רוסישע פּועלי ציון. אין „אידישן קעמפער" ווערן פאַרעפנטלעכט באַריכטן און ווענדונגען פון רוסישע פּוע"צ וועגן דער טעטיקייט פון דער זעלבסטשוץ און אַפּעלן נאָך הילף (ביאַליסטאָק, שעדלעץ, זשיטאָמיר א. א. שטעט). און ענדלעך האָט די הילף פון די אַמעריקאַנער פּוע"צ אָנגעהויבן שטראָמען דירעקט צו זייערע אמתע אידעען־חברים אויף יענער זייט ים.

## .10

# אידעאישע און אָרגאַניזאַטאָרישע קאָנסאָלידאַציע; יאָרן פון קריזיס

צוזאַמען מיטן אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1906־1907 איז אויך געגאַנגען אַ פּראָצעס פון איר אידעאישער קאָנסאָליד־אַציע. דער כסדרדיקער צופלוס פון נייע חברים, אימיגראַנטן, דערצויגן אויף די טראַדיציעס פון די רוסישע פּוע״צ, האָט געלאָזן אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי. זינט דער באַלטימאָר־קאָנווענשאַן אין 1905 ביז דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאַן מיט דער ס. ט. אין שיקאַגאָ אין 1909, איז די פּאַרטיי דורכגעגאַנגען אַ היפשן מהלך. מיר וועלן וועגן דעם דער־ציילן אין די וויטערדיקע קאַפּיטלעך.

אין 1906 האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין גרופּן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי ציון אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע. די גרופּן האָבן פאַרלאַנגט שטאַר־קער צו אַקצענטירן די מאָמענטן פון קלאַסן־קאַמף, אַקטיוויזירן די סאָציאַליס־טישע און טרייד יוניאָן־טעטיקייטן, ענדערן די איינזייטיקע באַציאונג צו אידיש און אויסאַרבעטן אַ קלאָר קעגנוואַרטספּראָגראַם פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט אין אַמעריקע.

כאַראַקטעריסטיש איז אַן ענטפער פון „קעמפער" (אין בריוו־קאַסטן) צו אַ פּוע״צ אין סעמיאַטיטש (רוסלאַנד) „אייער מוסר איז לגמרי איבעריק. איר פאַר־שטייט לחלוטין ניט וואָס עס טוט זיך אין אַמעריקע. די פּועלי ציון" אין אַמע־ריקע האָבן אויסגעאַרבעט זייער פּראָגראַם ווינסדיק די אַלע טעאָריעס וואָס שוועבן אַרום אין רוסלאַנד. אַלע אייערע בראָשורקעס ווערן דאָ געלעזן. אָבער די אומשטענדן זענען פאַרשידן און אייערע גרעסטע טעאָרעטיקער קענען ניט ענדערן דעם אונטערשיד פון רוסלאַנד ביז אַמעריקע. אויב דער עמיגראַציע־שטראָם וועט אייך פאַרטראָגן אַהער, וועט איר אַלס ציוניסט־סאָציאַליסט זעלבסט אנער־קענען די וויכטיקייט פון אונזער פּראָגראַם און טאַקטיק אין דעם לאַנד [72]).

דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פאַראיין „פּועלי ציון" אין ניו יאָרק האָט פאַר דער צווייטער קאָנווענשאַן אין באָסטאָן (15־18 דעצעמבער, 1906), אַרויסגערוקט די פאָדערונג צו ענדערן די באַלטימאָרער פּראָגראַם, וואָס באַפרידיקט ניט די וועלט־אַנשויאונג פון דער פּאַרטיי. דער פאַראיין האָט אויך געהאַט ספקות צי מען דאַרף אַרבעטן פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק. צווישן די דע־לעגאַטן פון דעם פאַראיין צו דער באָסטאָנער קאָנווענשאַן האָט זיך אויך געפונען דער שפּעטערדיקער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, ה. עהרנרייך.

אין וויכוח אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאַן האָט זיך י. קרופּיצקי געקלאָגט, אַז מען אונטערדריקט די מיינונג פון די ס. ד. פּועלי ציון. אסתר מינץ האָט גע־טענה׳ט, אַז דער „קעמפער" פאַרנעמט זיך צופיל מיט שיינער ליטעראַטור, אנ־

**אַ גרופּע פון מינסקער פּועלי ציון, געגרינדעט אין 1899**



פון רעכטס צו לינקס: לייבל קאַפּלאַן, אַ קוזין פון אליעזר קאַפּלאַן ע״ה; מיכל לעווין, דערשאָסן אין 1905 ביי אַ פייערונג לכבוד דער קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד; הערשל הורוויץ, פון די ערשטע פּועלי ציון אין דער וועלט, וואוינט איצט אין באָסטאָן; שלום ראַדאַנעס, דערשאָסן פון קאָזאַקן; נתן בערנשטיין, אַ טאָקער, און שמואל דער פּינסקער, אַ סטודענט. עס פעלן אויפן בילד: שמואל לייב הורוויץ (א. ליטווין), יצחק בערגער, געשטאָרבן אין ישראל; אברהם רובענטשיק, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, און לאַפּידוס, געבליבן אין רוסלאַנד.

### גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון פועלי ציון אין באַלטימאָר (23—27 דעצעמבער 1905)



עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: דר. י. פינק, יואל ראָזאָווסקי, מ. פינסקי, י. מאַכליס, דר. ישראל אַפּעלבוים, א. באַראָן (מאַכליס און באַראָן זענען געסט פון פילאַדעלפיע). — צווייטע שורה: א. ש. וואלדשטיין, יחזקאל עדעלשטיין, דוד אבערסאָן, דר. לעאָן קאַפּעלאָוויטש, משה גוטמאַן, דר. ישראל מאַרקוס. — דריטע שורה: ה. מאסטעראָוו, דר. הערמאַן זיידעל, צבי יוסף כהן, בעלאַ פעוזנער, אסתר מינץ, חיים פיינמאַן, אַלעקסאַנדער זעלדין און ב. היטעלמאַן.

שטאט מיט פּאַרטיי־פראַגן און טעאָרעטישע אַרטיקלען; דער רעדאַקטאָר קלמן מרמר איז אַ מינסקער פּוע״צ, וואָס האָט ניט קיין גרויסן אינטערעס פאַר פּאָלי־טישער טעטיקייט. ש. שאַפּירא פון מאָנטרעאל (קאַנאַדע) האָט דערקלערט, אַז די קאַנאַדישע פּוע״צ ווילן געווינען פאַר אונזער אידעאַל די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן. דער „קעמפער״ מוז העלפן אין דער דאָזיקער אויפגאַבע; די מאָנטרעאלער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע ערב דער קאָנווענשאָן, אַז דער „קעמפער״ האָט ניט פאַרטראָטן די סאָציאַליסטישע אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע; ער טאָר נישט פאַרנאַכלעסיקן די ברענעדיקע טאָג־פראַגן. די רעזאָלוציע פאַרלאַנגט אויך צו בייטן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי אויף „אידי־שע סאָציאַליסטישע אַרבעטערפּאַרטיי פּועלי ציון״ און זיך צו פאַרנעמען מער מיט טרייד־יוניאָן־טעטיקייט.

די ס. ד. פראַקציע האָט ביטער אַטאַקירט די באַלטימאָר־פּראָגראַם, אָנווייזנ־דיק אויף איר דואַליזם, אויף איר שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע א. א. וו. דערויף האָט די מערהייט אָנגעוויזן, אַז די פּראָגראַם איז צוגעפּאַסט צו די באַ־דינגונגען אין אַמעריקע. די דעבאַטע איז געווען זייער אַ הייסע. 34 רעדנער האָבן זיך פאַרשריבן צום וואָרט. מען האָט אויסגעוויילט 4 גענעראַל־רעדנער: פאַר דער מערהייט — אַפּלבוים, ראַזאָווסקי, פאַר דער מינדערהייט — מאיר בראון און י. קרופּיצקי. די מערהייט האָט געזיגט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּרינציפּן פון דער באַלטימאָרער פּראָגראַם זענען אימפּעראַטיוו און בינדענד פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי, אָבער מען זאָל אין זיי דורכפירן טעכנישע און רעדאַקציאָנעלע ענדע־רונגען. ה. עהרנרייך האָט דאָן דערקלערט אין נאָמען פון דער מינדערהייט, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ האַלב־שעה'דיקע באַראַטונג, אַז זי בלייבט ווייטער אין דער פּאַרטיי ניט ווייל זי מוז, נאָר ווייל זי וויל בלייבן, און זי וועט אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי אָנפירן די אַגיטאַציע צו רעווידירן די פּראָגראַם. אַלס אויסדרוק פון אנערקענונג צו דער ס. ד. פראַקציע איז איר פאָרשטייער גלייך געוואָרן ערוויילט אַלס דער פאָרזיצער פון דער קומענדיקער זיצונג.

די מינדערהייט איז דורכגעפאַלן ניט נאָר אין פּראָגראַם־פראַגן נאָר אויך אין פראַגן פון טאַקטיק. מען האָט דורכגעוואָרפן איר פאָדערונג, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך צוריקציען פון דער „זייאָניסט פעדערייישאָן״. עס איז אויך אָפּגעוואָרפן גע־וואָרן דער פאָרשלאַג, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט פאַרקויפן אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק. אַ געוויסן זיג האָט דאָך די אָפּאָזיציע געהאַט צו פאַר־צייכענען. עס איז געוואָרן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אַ פּועלי ציון חבר האָט ניט קיין רעכט צו געהערן גלייכצייטיק צו אַן אַלגעמיין־ציוניסטישן פאַראיין *). עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז אַ קאָמיטעט פון דער „קעמפער״־רעדאַקציע, צוזאַמען מיט אַ חבר פון דער מינדערהייט, זאָל באַשטימט ווערן צו באַאַרבעטן די פּראָגראַם וואָס זאָל נאָכדעם פאַרעפנטלעכט ווערן אין „אידישן קעמפער״. מיט דער רעזאָלוציע איז די מינדערהייט אנערקענט געוואָרן און די מערהייט האָט צו־געגעבן אַז די פּראָגראַם דאַרף דאָך געענדערט ווערן. די אָפּאָזיציע האָט פאַרלוירן, אָבער מיט אַ דריי יאָר שפּעטער ווערט איינער פון אירע אָנגעזעענע מיטגלידער,

*) ביז דאָן האָט אַ צאָל חברים, אמת, אַ קליינע, אויך באַלאַנגט צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט אין עסטרייך.

מאיר בראון, גענעראַל סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם פּאַקט, אַז אויף דער קאָנווענשאָן האָבן די קאַנאַדער פּוע״צ געמאָלדן, אַז זיי ציען זיך צוריק פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי ניט פאַרפליכטן צו געהערן צו דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע. די קאָנווענשאָן האָט די האַנדלונג סאַנקציאָנירט [73]).

אין רעזולטאַט פון דער שאַרפער קריטיק קעגן „קעמפער״ איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ רעדאַקציע־קאָמיטעט פון אבערסאָן, וואַלדשטיין און קאָפּעלאָוויטש, וואָס זאָל צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר ק. מרמר פעסטשטעלן די פּאָליסי פון דער צייטונג. די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „קעמפער״ זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין ניו יאָרק. אין וויכוח האָט מרמר מודה געווען, אַז דער „קעמפער״ באַהאַנדלט ניט גענוג פּראָבלעמען פון אַמעריקע. מען דאַרף האָבן אַ רעדאַקטאָר, וואָס איז פּאָלקאָם אַמעריקאַניזירט און איז דערצויגן געוואָרן דאָ, אין לאַנד.

דער אידעאָלאָגישער וויכוח האָט זיך ווייטער געפירט אויף די שפּאַלטן פון „קעמפער״. דר. ל. קאָפּעלאָוויטש האָט דערקלערט אַז אַ סאָציאַליזם אָן מאַרקסיזם איז אומדענקבאַר. אַלס פּוע״צ זענען מיר אַלע מאַרקסיסטן און אויב מיר נעמען אַריין אין אונזער באַוועגונג אַ סך אַנאַרכיסטן, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דערווייל האָבן מיר אויפן פאַרלאַמענטאַרישן געביט סיי ווי סיי ווייניק אַרבעט. שפּעטער, ווען מיר וועלן האָבן מער פּאָליטישע אַרבעט, וועלן די דאָזיקע חברים בילדן באַזונדערע אַנאַרכיסטישע גרופּן [74]).

אויף דער דריטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע, 25־30 סעפּטעמבער, 1907, האָט שוין דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר י. ראָזאָווסקי מיטגעטיילט, אַז אין פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ האָבן זיך די ס. ד. גרופּן פאַראייניקט מיט דער איבעריקער באַוועגונג און אַז ער האָפט דאָס באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן וועט עס אויך טאָן דער פאַראיין אין ניו יאָרק. אויף דער קאָנווענשאָן האָט יצחק זאר, וואָס איז דאַן געקומען פון רוסלאַנד אויף דער איינלאַדונג פון דער פּאַרטיי צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון „קעמפער״, געפאָדערט אַז די פּאַרטיי זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט פּאָליטישער אַרבעט אין לאַנד. אַ טייל דעלעגאַטן האָבן באַהויפּטעט, אַז „דאָס היגע פּאָליטיש אידיש אַרבעטער־לעבן איז נאָך ניט רייף גענוג פאַר אַ ברייטער טעטיקייט מצד די היגע פּ. צ.״. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו דערוויילן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אין פאַרלויף פון נאָענטסטן יאָר שטודירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע און פאַרלייגן אַ געוויסן פּלאַן דער נאָענטסטער קאָנווענשאָן ווי אַזוי אָנצופירן אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־פּאָליטיק אין אַמעריקע. דער דאָזיקער באַשלוס האָט באַוויזן, אַז די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי צו ווערן מער אַקטיוו אויפן אידיש־אַמעריקאַנער באָדן.

די פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן צו אונטערזוכן די מעגלעכקייטן צו גרינדן אַ „נאַציאָנאַלן אַרבעטער רינג״. ב. גרינבערג, וואָס האָט געגרינדעט אַן ענגליש־שפּרעכנדן פאַראיין, האָט אַרויסגערוקט דעם פאָרשלאָג, אַז די פּאַרטיי דאַרף אָנהייבן גרינדן שולן און זיך פאַרנעמען מער מיט דער פראַגע וועגן דערציאונג. אויך דאָס זענען געווען סימנים, אַז די פּאַרטיי הייבט אָן צוצוגיין נענטער צו אידיש־אַמעריקאַנער פּראָבלעמען און אַז די אַרבעט פון דער אָפּאָזיציע איז ניט איינגאַנצן געגאַנגען לאיבוד. באַלד זענען געקומען די קאָנווענ־

שאַנס אין שיקאַגאָ (אין 1909) און מאָנטרעאַל (1910) וואָס האָבן נאָך ראַדיקאַלער אַ קער געטאָן די פּאַרטיי מיטן פּנים צו דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט.

אויף דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן האָבן די דעלעגאַטן געקענט מיט שטאָלץ קאָנסטאַטירן, אַז די פּאַרטיי האָט זיך זינט באַלטימאָר שנעל אַנטוויקלט. אויף דער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר האָבן 20 דעלעגאַטן פון 10 פּאַראיינען רעפּרעזענטירט וואָסערע 200־300 מיטגלידער, מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן 54 דעלעגאַטן פון 37 גוט־אָרגאַניזירטע פּאַראיינען פון 27 שטעט רעפּרעזענטירט קרוב 1,500 מיטגלידער. אין ניו יאָרק האָבן עקזיסטירט 8 ברענטשעס מיט 300 חברים. אין זיין באַריכט האָט דער סעקרעטאַר, יואל ראָזאָווסקי, דערציילט, אַז אין פיל פּאַראיינען גייען איבער די ס. ט. צו די פּועלי ציון. אין דער אומגעגנט פון באָסטאָן האָבן זיך געשאַפן 3 פּאַראיינען, אין קאַנאַדע עקזיסטירן 4 פּאַראיינען (אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג און העמילטאָן).

אין באַריכטס־יאָר זענען פּאָרגעקומען 160 מאַסן־פאַרזאַמלונגען. ביי 400 לעקציעס, 614 געשעפטס־מיטינגען. די גרויסע מערהייט פון דער פּאַרטיי (1,200) באַשטייט פון אַרבעטערגעקומענע. אין 7 שטעט האָט שוין די פּאַרטיי אייגענע לאָקאַלן און 8 ביבליאָטעקן.

די ברענטשעס זענען געקומען מיט פאַרשידענע פאָרשלאָגן צו דער באָסטאָנער קאָנפערענץ. מאָנטרעאַל האָט פּאָרגעלייגט צו שאַפן אַ פּראָפּאַגאַנדעפאָנד, באַשטימען אַ ספּעציעלן אָרגאַניזאַטאָר, וואָס זאָל שאַפן נייע פּאַראיינען און באַפעסטיקן די אַלטע; ניו־היוון האָט פאַרלאַנגט מען זאָל שאַפן אַ רעדנער־ביוראָ, אַרויסגעבן מער בראָשורן, שאַפן איבעראַל ראַיאָן־קאָמיטעטן.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו זאַמלען 2,000 דאָלער צו שאַפן אַן אייגענע דרוקעריי פאַרן „קעמפער"; איינשטעלן אַ „קעמפער־טאָג" אין דעם טאָג ווען עס איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „קעמפער" (30 מערץ); זאָרגן דערפאַר אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל באַשטעטיקט ווערן דורך דער רעגירונג; די פּאַראיינען זאָלן צאָלן דעם צענטראַל קאָמיטעט אַ דאָלער אַ יאָר פאַר יעדן מיטגליד.

דאָס יאָר 1907 איז שוין ניט געווען אַזוי גלענצנד ווי דאָס פאַריקע יאָר, אָבער דערפאַר האָט די פּאַרטיי אָנגעהויבן מער אַריינוואַקסן אין דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט און זיך אינטערעסירן מיט לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. די פּאַרטיי הייבט אָן נעמען אָנטייל אין ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, סטרייקן א. א. וו. דער גרויסער קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1907, ווען העכער 5 מיליאָן אַרבעטער זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס, האָט אויך אָפּגעשטעלט דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דער פּאַרטיי און דעם טעמפּאָ פון דער פּאַרטיי־אַרבעט. עס קומען צו נייע פּאַראיינען, אָבער שוין זעלטענער ווי פריער. צווישן די נייע פּאַראיינען איז כדאי צו דערמאָנען דעם ערשטן פּרואוו צו גרינדן אַן ענגליש־שפּרעכנדן פּאַראיין, געמאַכט פון ב. גרינבערג (ניו יאָרק). דער פּאַראיין האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט און האָט נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג. די מיטגלידער זענען מיינסטענס געווען אַריבערגעקומענע חברים. די ערשטע קאָנפערענץ פון טאָראָנטאָ־ראָטשעסטער ראַיאָן (2־3טן מערץ, 1907), פאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן ענגלישע ליטעראַטור.

אויף דער דאָזיקער ראַיאָן־קאָנפערענץ איז געוואָרן באַריכטעט אַז פון די 350 חברים אין ראַיאָן זענען מיינסטנס געוועזענע אַלגעמיינע ציוניסטן, ס. ט. און

בונדיסטן. „די דאָזיקע דערשיינונג איז דערפרייענד, ווייל עס זענען דאָ פיל אין אונזערע רייען, איבערהויפּט חברים אין ניו יאָרק, וואָס באַהויפּטן, אַז דער איינ־ציקער עלעמענט וואָס בויט אונזער אָרגאַניזאַציע איז דער אַהער אַריבערגעקו־מענער „רוסישער חבר" [75]). די קאָנפערענץ באַשליסט צו עפענען אַן אַרבעטס־ביוראָ צו שאַפן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע חברים, אַגיטירן אַז "פּיאָנערן" זאָלן זיך באַזעצן אין נייע שטעט, כדי צו גרינדן דאָרט פּועלי־ציון־פאַראיינען; שאַפן ליטעראַטור־פאָנדס צו פאַרשפּרייטן פאַרטיי־ליטעראַטור. עס קומען אויך פאָר דאַן ראַיאָן קאָנפערענצן אין ניו יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע,וואַשינגטאָן א. א. ראַיאָנען.

דעם 14טן יוני, 1907, דערשיינט צום ערשטן מאָל אין „אידישן קעמפער" אַן אַפּיל צו די „נאַציאָנאַל־געזאָנענע אידן און ליבהאָבער פון ריינער פּרעסע און שיינער ליטעראַטור", זיי זאָלן שטיצן דעם „אידישן קעמפער". די לאַגע פון „קעמפער" איז אין דער אמתן פון פריער געווען שלעכט און געדריקט, אָבער מען איז אַלץ אויסגעקומען מיט אייגענע כחות און מיט די ביישטייערונגען פון די חברים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ רירנדע אָפּפערווילקייט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, מען האָט געמוזט אָנקומען צו דער עפנטלעכקייט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם אַפּיל האָט קלמן מרמר אָנגעגעבן זיין רעזיגנאַציע אַלס רעדאַקטאָר. א. ש. וואַלדשטיין, י. ראָזאָווסקי און א. וואָלינער ווערן ערווילט אַלס רעדאַקציע־קאָלעגיע. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען א. וואָלינער. אין סעפּטעמבער, 1907, נאָך דער דריטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע, האָט די רע־דאַקציע איבערגענומען יצחק זאַר.

די שטימונג אויף דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן איז ניט געווען קיין צו פריילעכע, הגם פאַר די 9 מאָנאַטן זינט דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, זענען צוגע־קומען 5 נייע פאַראיינען און די פאַרטיי האָט געציילט 42 פאַראיינען. אין 11 שטעט האָט זי געהאַט אייגענע לאָקאַלן. אין דער באַריכטס־צייט זענען פאָרגעקומען 500 לעקציעס. מ. גוטמאַן האָט באַריכטעט אַז דער צ. ק. האָט באַשלאָסן צו שאַפן 5,000 דאָלער דורך פאַרקויפן שערס צו שאַפן אַן אייגענע דרוקעריי פאַרן „קעמפער". צוליב אינערלעכע רייבונגען אין צ. ק. זענען נאָר אַריין אין נייעם צ. ק. 4 פון פריערדיקן צ. ק. (ראָזאָווסקי, וואַלדשטיין, אפּלבוים, פיינמאַן) און 3 נייע: (ערנרייך, אַבערסאָן און זאַר).

נאָך דער קאָנווענשאָן האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע צייטן פאַר דער פאַרטיי. די פאַרטיי איז פון וואַקסנדן קריזיס צעטרייסלט געוואָרן. אין ניו יאָרק זענען די פאַראיינען כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרן. אין זיץ־אָרט פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געבליבן בלויז איין פאַראיין, דער בראַנטש 1. דער פאַראיין האָט אויך געמוזט זאָרגן פאַר די חברים וואָס האָבן בוכשטעבלעך געהונגערט. דער קאָמיטעט פון בראַנטש פלעגט קויפן בילעטן אין דער פאָלקס־קיך — 5 סענט אַ בילעט — און פאַרטיילן פריי צווישן זיינע מיטגלידער. די חברים האָבן אַרויסגעוויזן אַ וואונ־דערבאַרן אידעאַליזם און ליבע צו זייער באַוועגונג, צום „קעמפער". געווען פיל פאַלן — דערציילט ה. עהרנרייך — ווען די חברים האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון עסן און האָבן איבערגעגעבן די פאַר דאָלער אָדער די עטלעכע סענט דעם סעקרעטאַר, ער זאָל עס אָפּשיקן פאַרן „אידישן קעמפער" [76]). דער „קעמפער" פון יענער צייט האָט פאַרעפנטלעכט רירנדע סצענעס ווי אָרעמע אַרבעטער אין פילאַדעלפיע און

אַנדערע שטעט האָבן ממש צוגענומען דעם ביסן ברויט פון מויל און געשיקט געלט צום „קעמפער". אַ חבר מיט אַ פאַמיליע פון 5 וואָס פאַרדינט 10 דאָלער אַ וואָך, וואָס פאַרלירט איצט די אַרבעט האָט מיט טרערן אין די אויגן פאַרגעלייגט, ווען ס'איז געקומען די ידיעה אַז דער „קעמפער" האַלט זיך ביים אָפּשטעלן, אַז יע־דערער זאָל ברענגען ביזן קומענדיקן מיטוואָך צו 2 דאָלער. די חברים ענטפערן דערויף, אַז „זייער גאַנץ לעבן זענען זיי גרייט צו אָפּפערן פאַר אונזער אידעאַל" [77]).

דעם 17טן יאַנואַר, 1908, איז דערשינען אַ דערקלערונג אין נומער 40 „קעמפער" אַז די צייטונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חודש־בלאַט. פאַקטיש איז עס געווען דער לעצטער נומער פון דער צייטונג, וואָס איז ערשט געוואָרן באַנייט אין מערץ, 1910. אין דער צווישנצייט איז דערשינען מיט געוויסע הפסקות אַ מימאָ־גראַפירטער חודש־בולעטין, רעדאַגירט פון א. ש. וואַלדשטיין.

י. ראַזאָווסקי האָט רעזיגנירט אַלס פּאַרטיי־סעקרעטאַר און איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל (אין 1908), אַלס פאַרטרעטער פון אַמעריקע אין פּאַלעסטינער ביוראָ, וואָס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר האָט איבערגענומען פּראָפ. חיים פיינמאַן און מיט דער מיטהילף פון אסתר אבערסאָן האָט ער אָנגעהאַלטן דעם אַמט בערך אַ יאָר צייט. די פּאַרטיי וויזט ניט אַרויס אין פאַרלויף פון דער צייט קיין שטאַרקע אַקטיוויטעט. פון 19טן ביזן 22טן סעפּטעמבער, 1908, איז פאַרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט אין באַפאַלא, וואָס האָט געהאַט די מאַכט פון אַ קאָנווענשאַן. דאָרט איז י. אַפּלבוים נאָמינירט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר, מאיר בראון אַלס געהילפס־סעקרעטאַר און מ. בערלין אַלס טרעזשו־רער, אָבער אַפּלבוים בלייבט ניט לאַנג אין אַמט און מ. בראון ווערט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. ער האַלט אָן דעם דאָזיקן אַמט ביז דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאַן אין שיקאַגאָ (אָקטאָבער 1909), ווען ברוך צוקערמאַן ווערט דער סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי.

די קולטור־אַרבעט וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער טעטי־קייט פון די פּועל־צ־פאַראיינען אין בראשית־פּעריאָד פון דער באַוועגונג, איז אויך געוואָרן אינטענסיוו פאַרגעזעצט אין די יאָרן 1908־1909. הונדערטער לעקציעס איבער פאַרשידענע טעמען זענען פאַרגעקומען אין די פאַראיינען, וואו אַ יונגער וויסנס־דורשטיקער עולם האָט געשלונגען די גייסטיקע שפּייז. דער „אידישער קעמפער" האָט צוגעצויגן די גרעסטע אידישע פּראָזאַאיקער און פּאָעטן. ווען שלום עליכם איז געקומען קיין אַמעריקע, איז כמעט די איינציקע וואָס איז גע־קומען אים אויפנעמען, געווען אַ דעלעגאַציע פון פּועל־צ און פון ציוניסטן. דער „אידישער קעמפער" איז אַרויס אויף דער ערשטער זייט מיט אַן אַרטיקל „שלום עליכם און מאַקסים גאָרקי". די צייטונג האָט געפרעגט מיט רעכט פאַרוואָס זענען גרויסע צאָלן אידן געקומען באַגריסן מאַקסים גאָרקין און נישט געקומען באַגריסן זייער אייגענעם הארציקן דיכטער. דער „קעמפער" האָט געשריבן: „ווען גאָרקי איז געקומען, האָט געשטורעמט די גאַנצע אידישע פּרעסע. יענער דיכטער איז קיין איד ניט געווען, די אידישע גאַס ניט געשילדערט, עס איז געווען דער ביטערער (גאָרקי) שרייבער פון פינצטערן רוסלאַנד, און דער גלות האָט געיובלט, דער גלות האָט זיך געבוקט, דער גלות האָט מה־יפית געזונגען... שלום עליכם איז אַ איד, דער דיכטער פון גלות־פאָלק, געקומען פון איין גלות צום צווייטן, און די גלות־קינדער האָבן זיך פאַרהאַלטן ווי עס פּאַסט פאַר זיי" [78]).

דער עדיטאָריעל־שרייבער האָט דאַן איבערגעכאַפּט אַ היפּש ביסל די מאָס אין זיינע טענות בנוגע דער אויפנאַמע פון גאָרקין, אָבער ער האָט זיכער געהאַט רעכט אין זיינע טענות בנוגע דער „אויפנאַמע" פון שלום עליכם.

די פּועלי ציון־פאַראיינען האָבן געאײַלט צו הילף דעם בלינדן דיכטער מאָריס ראָזענפעלד און אים געבראַכט טרייסט און הילף אין זיין שווערער לאַגע. אין מיטן מערץ, 1906, באַטראַכט אַ פּוע"צ־פאַראיין אין ניו־יאָרק אַ באַריכט וועגן געזונט־צושטאַנד פון מאָריס ראָזענפעלד. אין מאַי, 1906, האָבן די פּוע"צ אין ראָטשעסטער גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע פּראָגרעסיווע פאַראיינען צו שאַפן אַ פאָנד פאַרן באַליבטן דיכטער. אין בראָנזוויל איז דעם 30טן מאַי פאָרגעקומען אַ קאָנצערט און ליטעראַרישער אָוונט „פאַר אונזער קראַנקן פּאָעט מאָריס ראָ־זענפעלד". דר. ל. קאַפּלאָוויטש איז געווען דער הויפּט־רעדנער.

אין אַ רירנדן בריוו צום רעדאַקטאָר פון „קעמפער", האָט מאָריס ראָזענפעלד אויסגעדריקט זיין ליבע צו די לייענער פון „קעמפער". „עס איז מעגלעך, אַז איך זאָל פאַרלירן דאָס ליכט פון מיינע אויגן יעדן אויגנבליק", שרייבט דער דיכטער אינם בריוו וואָס ער ענדיקט מיט די ווערטער: „גריסט אַלע חברים און אַלע אידישע לעזער פון מיינעטוועגן. דריקט זיי אויס מיין ליבע און מיין צוטרויען צו זיי, אַז זיי וועלן מיך ניט לאָזן שטיין אַ בלינדן בעטלער אין די אָפענע גאַסן" [79].

יוסף באַראנדעס האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אין „קעמפער" אַ האַרצרייסנדיקן אַפּיל צו העלפן דעם קראַנקן דיכטער, אונטערן נאָמען: „אחרי מות קדושים אמור". „ביי אידן מוז מען שטאַרבן, כדי צו קריגן אנערקענונג. דענקט איר, אַז די אומות העולם וואָלטן זייערן אַ מאָריס ראָזענפעלד אויך אַזוי פאַרגעסן און פאַרנאַכלע־סיקט אין אַן עת צרה ווי מיר טוען דאָס? זאָלן מיר וואַרטן ביז אונזער מאָריס ראָזענפעלד וועט שטאַרבן, אום מיר זאָלן אים מאַכן אַ שיינע לויה, אַ שיינע מצבה"?

„מיר האָבן געמאַכט אַ פאָר בענעפיטס פאַר אים, צוזאַמענגעקראַצט אַ פאָר פעניס פאַר אים און יוצא". און ער פירט אויס: „לאָמיר האָפן, אַז אַלע אידן און אַלע נאַציאָנאַליסטיש־געזאָננטע אַרבעטער וועלן ווידער אויפלעבן די אַגי־טאַציע פאַר הילף פאַר מאָריס ראָזענפעלד". די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו העלפן ראָזענפעלדן.

צום 50טן יובל פון מאָריס ווינטשעווסקי, האָט דער בראַנטש 1 אין ניו יאָרק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אים ניט צו באַגריסן, ווייל „זיין קעגנערשאַפט צו אונז איבערשטייגט זיין ווערט פאַר אונז אַלס אַרבעטער־פּאָעט". באַלד דערשיינט אין „קעמפער" אַ דערקלערונג פון ני־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט (סעקרעטאָר: נ. קאַפּלאַן) וואָס גרענעצט זיך אָפּ פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע און דריקט אויס אין נאָמען פון אַלע איבעריקע פאַראיינען זייערע הערצלעכע סימפּאַטיען צו מאָ־ריס ווינטשעווסקין [80].

דער פאַרלאַג פון פּועלי ציון, וואָס האָט שפּעטער געביטן דעם נאָמען אויף פאַרלאַג „קעמפער" האָט געעפנט אַ ביכער־סקלאַד אין פילאַדעלפיע וואָס האָט פאַרשפּרייט מיט דערפּאָלג ציוניסטישע, סאָציאַליסטישע און פּועלי־ציוניסטישע ליטעראַטור, וויסנשאַפטלעכע ביכער און בעלעטריסטיק. שפּעטער האָט זיך דער ביכער־סקלאַד איבערגעטראָגן קיין ניו יאָרק. אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן

האָט ה. כהן, דער פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג באַריכטעט, אַז אין יאָר (1906) איז פאַרשפּרייט געוואָרן 9,000 ביכער און בראָשורן.

דער פאַרלאַג פון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן די בראָשורן „ציוניזם און טעריטאָריאַליזם", „אונזער פּראָגראַם" און אַ „בצלאל־אַלבום", צוזאַמענגע־שטעלט פון דר. זאַלאַטאַראָוו. די ראַיאָן־קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער, 1907), האָט פאַרלאַנגט, אַז יעדעס יאָר זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן 4 בראָשורן. די ראַיאָן־קאָנפערענץ אין ניו יאָרק (סוף 1907), פאָדערט אויף דעם צ. ק. צו פאַר־שפּרייטן מער ליטעראַטור און גרינדן ביבליאָטעקן ביי די פאַראיינען.

פאַרשידנאַרטיק איז געווען דער אינטערעסן־קרייז פון די מיטגלידער. אין משך פון 1906 זענען פאָרגעקומען 500 לעקציעס איבער פאַרשידענע טעמען. אָט איז, למשל, אַ רשימה פון טעמעס פון לעקציעס, געהאַלטן אין שיקאַגאָ אין 1908. דר. לעאָן זאָלאָטקאָוו — אַ סעריע לעקציעס איבער „די טערקישע רעוואָ־לוציע און איר שייכות צום ציוניזם"; פון ספּיוואַק — „דער העלד אַלס נביא" (מאַכמעד) און „אינדיווידואַליזם"; פון ב. פינקעל — „די נייע אידישע לי־טעראַטור" און „ציוניזם און אַסימילאַציע".

אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אין „אידישן קעמפּער" וועגן דער באַציאונג פון פּועל־צ צו רעליגיע. אין בריוו־קאַסטן האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט אויף אַ בריוו, אַז אַנאַרכיסטן באַקעמפן רעליגיע, אָבער ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז רעליגיע אַ פּריוואַט־זאַך. מען קען זיין אַ פּועלי ציון און פאַרן יום כיפור צו אַ פּיקניק, אויב דער פּיקניק איז ניט אויפן „שול־הויף" און שטערט ניט קיינעמס אינדיווידועלע פרייהייט. אַלס קינד פון אַ מערטירער־פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פון פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ, דאַרפט איר זיין גענוג טאָלעראַנט צו די יעניקע אידן וואָס האָבן ניט קיין רע־ליגיע און ווילן זיך משמח זיין אין אַ טאָג ווען זיי זענען פריי פון דער אַרבעט. אַ לעזער פון באָסטאָן האָט אַריינגעשריבן אַ לענגערן בריוו, אַז ער איז ניט מסכים מיטן רעדאַקטאָר. ציוניזם איז נאָר דאָ דאָרט, וואו עס זיינען דאָ רעלי־גיעזע אידן. די אידן וואָס האָבן זיך אָנטזאָגט פון טראַדיציאָנעלן אידנטום (די רעפאָרמער) האָבן זיך אָנטזאָגט פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט א. א. וו. דערויף האָט דער רעדאַקטאָר ווידער זיך אַריינגעלאָזט אין לאַנגע חקירות און באַוויזן אַז רעליגיע און נאַציאָנאַליזם זענען ניט אידענטיש און מען קען זיין אַ גוטער ציוניסט ניט זייענדיק רעליגיעז, און צום סאַמע סוף: יום כיפור איז נאָר אַ רעליגיעזער יום טוב, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום נאַציאָנאַלן לעבן פון אידישן פאָלק [81]).

לאָמיר צום סוף פון דעם קאַפּיטל איבערגעבן נאָך אַביסל אינפאָרמאַציעס וועגן די צווייטע און דריטע קאָנווענשאָנס אין באָסטאָן און פילאַדעלפיע.

אין באָסטאָן איז די קאָנווענשאָן פאָרגעקומען צווישן 15טן און 18טן דע־צעמבער, 1906. ל. קאַפּעלאָוויטש האָט געעפנט און ראַזאָווסקי האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון צ. ק. אויף דער פייערלעכער מאַסן־פאַרזאַמלונג האָבן גערעדט דר. זאַלאַטאַראָוו, יוסף באַראָנדעס, שלום עליכם, בעלאַ פּעווזנער, ד. אַבערסאָן און ג. אַוורונין. זאַלאַטאַראָוו האָט דערקלערט, אַז ער וועט ניט אויפגעבן זיין אַר־בעט פאַרן אידישן פאָלק, ווען אפילו די פּועל־צ וועלן אָננעמען אַ פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי אין וועלכער ער, אַלס אַנאַרכיסט, וועט קיין פּלאַץ ניט געפינען. זאַלאַטאַ־

ראוו האָט אויך געהאַלטן אַ רעפעראַט א. ד. ט. „אָביעקטיווע פאַרשונגען איבער פאַלעסטינע״.

מ. בראון האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון נאַציאָנאַל־פאָנד־און באַנק־ביוראָ און א. ש. וואַלדשטיין פון „ועד החלוצים״.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אין א״י אַ פּועלי־ציון־ביוראָ. וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין „צו ערפאָרשן און אונז די ריכטיקע קוועלן איבערגעבן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די פּוע״צ אויף אַן אָרט אין פּאַלעסטינע גופא; 2) די שייכות צווישן די אַמעריקאַנער פּועלי ציון צו די אָרטיקע פּוע״צ אין ארץ־ישראל; 3) די זעלבע קאָמיסיע זאָל נאָך מעגלעכקייט זען אויב עס זענען דאָ מיטלען צו בילדן אַ אידישע אַרבעטער־ביוראָ אין פּאַלעסטינע״. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פּאַלעסטינע־קאָמיטעט וואָס דאַרף דורכפירן די דאָזיקע באַשלוסן. אין אים זענען אַריין: גאָלדשטיין, וואַלדשטיין, מרמר און עדעלשטיין מיטן רעכט צו קאָאָפּטירן ג. אוורונין. גלייך נאָכן פאַרענדיקן די זאַמלאַקציע פאַרן „קעמפער״, זאָל מען אָנהייבן אַן אַקציע פאַרן פּאַלעסטינע־קאָמיטעט, וואָס דאַרף זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אויסלענדישע פּוע״צ.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרלאַנגען אויפן 8טן ציון־קאָנגרעס די אָנערקענונג פון די פּוע״צ אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטיי און דער אַקציאָנס־קאָמיטעט זאָל שטיין מיט דער פּאַרטיי אין אַמעריקע אין דירעקטער פאַרבינדונג.

די קאָנווענשאָן האָט פּראָטעסטירט קעגן די אימיגראַציע־גזרות; קעגן יוס־טיץ־מאָרד פון מאיער און העיוואוד. זי האָט באַשלאָסן צו שטיצן דעם פּוע״צ־אָרגאַן אין עסטרייך, דעם „אידישן אַרבייטער״ און שטיצן מאָריס ראָזענפעלדן.

ס׳איז געוויילט געוואָרן אַ צ. ק. פון 15, פון וועלכע די 7 חברים אין ניו־יאָרק בילדן דעם סעקרעטאַריאַט. אין צ. ק. זענען אַריין פון ניו יאָרק: י. אפּלבוים, ר. אייזלאַנד, מ. גוטמאַן, ה. כהן, ל. קאָפּעלאָוויטש, א. ש. וואַלדשטיין — קאַסיר און י. ראַזאָווסקי — סעקרעטאַר. דר. באַכראַך, פערלמוטער און ש. שאַפּירא פון קאַנאַדע; י. עדעלשטיין און ח. פיינמאַן — פילאַדעלפיע, ג. אוורונין — ראָטשעס־טער; י. עדעלמאַן — שיקאַגאָ און באַסקין — באָסטאָן.

אין פאַרוואַלטונגס־ראַט פון „אידישן קעמפער״ זענען אַריין: י. אַפּלבוים, מ. גוטמאַן, ה. כהן, אסתר מינץ, י. ראַזאָווסקי (ניו יאָרק) און ה. עדעלשטיין און ח. פיינמאַן (פילאַדעלפיע). עדעלשטיין איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער מע־נעדזשער פון „קעמפער״. ס׳איז אויך געוויילט געוואָרן אַ ביוראָ פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און קאָלאָניאַל באַנק פון מ. בראון, בן עמי און מ. פינסקי. דאָס ביוראָ האָט זיין זיץ־אָרט אין פילאַדעלפיע.

צום סוף איז כדאי צו דערמאָנען אַז ל. ע. מילער, וועלכער האָט אין 1903 שאַרף באַקעמפט דעם ציוניזם און געחוזקט פון די פּוע״צ, האָט זיך אויפן צוזאַ־מענפאָר דערקלערט ווי אַ ציוניסט און גערופן צו אַ פאַראייניקונג צווישן די פּועלי ציון און די ס. ט.

די דריטע קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע איז פאָרגעקומען פון 25טן ביזן 30טן סעפּטעמבער, 1907. אין איר האָבן זיך באַטייליקט 41 דעלעגאַטן און 700 געסט. מ. בראון האָט געעפנט די קאָנווענשאָן. ג. אוורונין — דער פּאַרזיצער פון דער דערעפנונגס־זיצונג. י. אַפּלבוים האָט געהאַלטן די דערעפנונגס־רעדע. י. זאר וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון רוסלאַנד האָט באַגריסט אין נאָמען פון די

רוסישע חברים און פון וועלט־פאַרבאַנד. י. ראָזאָווסקי האָט אָפּגעגעבן דעם באַ־ריכט פון צ. ק. מ. גוטמאַן פון „אידישן קעמפער", ה. כהן פון פאַרלאַג און מ. בראון פון נאַציאָנאַל־פאָנד־ביוראָ.

די קאָנוועגשאָן האָט באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין וועלט־פאַרבאַנד בתנאי, אַז די אויסלענדישע חברים זאָלן ניט אַרויפצווינגען זייער גאַנצן פּראָגראַם אויפן וועלט פאַרבאַנד. בנוגע פּרינציפּיעלע פראַגן זאָל מען שטימען לויט די לענדער, ניט לויט דער צאָל דעלעגאַטן. מען זאָל שאַפן אַ צענטראַל־ביוראָ פון דער וועלט־באַוועגונג אין אויסלאַנד און אַ פּאַלעסטינע־ביוראָ אין פּאַלעסטינע, אין וועלכע אַלע פּאַרטייען זאָלן זיין גלייך פאַרטראָטן.

פאָדערן פון 8טן ציון־קאָנגרעס די אָנערקענונג פון פּאַרטיי־פעדעראַציעס. אויב מען וועט דאָס ניט אָנערקענען, פאָדערן אַז אַ גרופּע פון 3000 שקל־צאָלער זאָל אָנערקענט ווערן אַלס אַ באַזונדער לאַנד־אָרגאַניזאַציע; פאָדערן אַ פאַר־טרעטונג אין אַ צאָל ציוניסטישע אינסטיטוציעס. דער צ. ק. איז געוואָרן באַאויפ־טראַגט צו שטודירן די פראַגע וועגן שאַפן אַ „נאַציאָנאַלן אַרבעטער רינג". אויף דער פייערלעכער פאַרזאַמלונג דעם 29טן סעפּטעמבער האָבן גערעדט: י. אַפּלבוים, ג. אוורונין, דר. ד. אבערסאָן, י. זאַר, דר. ה. זאלאָטאַראָוו און ל. קאָפּע־לאָוויטש.

11.

# פאַראייניקונג מיט דער ס. ט. און „סערפּ"

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז צושטאַנד געקומען אין אָקטאָבער, 1909, די פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ מיט אַ טייל פון דער ס. ט. און מיט דער אָרגאַניזאַציע „סערפּ" אונטער דער אָנפירונג פון דר. זשיטלאָווסקי. די דאָזיקע פאַראייניקונג האָט געשאַפן פאַר דער פאַראייניקטער פּאַרטיי נייע מעג־לעכקייטן און צוגעצויגן צו איר נייע כחות. די 5טע קאָנווענשאַן אין מאָנטרעאָל (19־23 אָקטאָבער, 1910) איז געווען אַ נייער, וויכטיקער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג און האָט געזאָגט אַ ניי וואָגיק וואָרט וועגן אַ צאָל אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער אידישער ווירקלעכקייט.

איידער מיר גייען דערציילן וועגן דאָזיקן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג, דאַרף מען פריער זיך אַביסל נעענטער באַקענען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ס. ט. אין די יאָרן 1906־1909.

נאָך דער אָפּשפּאַלטונג פון די פּוע"צ, סוף 1905, האָבן די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן געהאַט אַ פּאַר־קאָנפערענץ, וואָס האָט געשאַפן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אָנצופירן מיט דער באַוועגונג. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען 10 פאַראיינען מיט 200 מיטגלידער. פון 18טן ביזן 21טן אָקטאָבער, 1906, איז פאָר־געקומען אין באָסטאָן די ערשטע קאָנווענשאַן מיט 32 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַר־טראָטן 33 פאַראיינען און ביי 12 גרופּן מיט העכער 1,500 מיטגלידער *).

אב. גאָלדבערג האָט געעפנט די קאָנווענשאַן. לויטן באַריכט פון דעם סעק־רעטאַר א. פייפמאַכער, איז אַ העלפט פון די מיטגלידער געקומען פון יענער זייט ים, די אַנדערע העלפט פון דאָ־וווערבירטע חברים, פיל פון דער אַקאַדע־מישער יוגנט. צווישן די אַריבערגעקומענע האָבן זיך געפונען מיינסטענס פריערדיקע חברים פון דער ס. ס. און פון דער אידישער טעריטאָריאַליסטי־שער אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי ציון" (די מינסקער פּועלי ציון, וואָס האָבן זיך אין 1907 פאַראייניקט מיט דער ס. ס.). ס'האָבן זיך אויך געפונען זייער פיל געוועזענע בונדיסטן און אַ צאָל וואָס זענען געקומען פון די פּוע"צ. אב. גאָלד־בערג און י. גלאָבוס האָבן דורכגעפירט לענגערע אַגיטאַציע־טורס. ס'זענען פאָרגעקומען פיל „אָפן־עיר" מיטינגען. עס זיינען דערשינען 22 נומערן פון דער צייטשריפט „דאָס פאָלק", וואָס איז די ערשטע וואָכן געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך די ס. ט. אין פילאַדעלפיע. אין פיל שטעט האָבן זיך די ס. ט. באַטייליקט אין די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, געהאָלפן אין סטרייקן און זיך באַטייליקט אין דורכפירן סאָציאַליסטישע וואַל־קאַמפּאַניעס, ווערנדיק דערין אָפּטמאָל גע־שטערט דורך די אַסימילאַטאָרישע גענאָסן. אב. גאָלדבערג איז געפאָרן צום וועלט־צוזאַמענפאָר פון די ס. ט. אין לייפּציג און געמאַכט באַמיאונגען צו פאַר־

*) עס זיינען געווען פאַרטראָטן: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר, מאָנטרעאָל, קליוולאַנד, פּיטסבורג, שיקאַגאָ, טרענטאָן, וואַטערבורי, סט. לואיס, וויניפּעג און טאָראָנטאָ.[82])

איינִיקן די ס. ס. מיט דער אידישער טעריטאָריאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּוע״צ. צוזאַמען מיט די געלטער פון זעלבסט־פּאַרטיידיקונג איז איבערגעשיקט געוואָרן די רוסישע חברים 12,000 דאָלאַר (אויף דער קאָנווענשאַן האָט גע־פּלאַטערט אַ שוואַרצע פאָן נעבן דער רויטער צום אָנדענק פון די געפאַלענע אין רוסלאַנד).

א. פייפּמאַכער האָט דערקלערט אַז די ס. ט. זענען פּאַקטיש די טרעגער פון טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק אין אַמעריקע, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַלגע־מיינע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און דאָ, אין לאַנד, האָט איבערהויפּט געפעלט די „טעריטאָריאַליסטישע ספּערע". ער האָט פאַרענדיקט זיין באַריכט מיט אַן אָפּטימיסטישן טאָן וועגן דער צוקונפט פון ס. ט. אין אַמעריקע. טראָץ דעם, וואָס מיר זענען אין דער מדינה פון „עגל הזהב", און ניט אין „ארץ הדמים" (רוסלאַנד), קען מען דאָ אָנפירן דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. מיר דאַרפן נאָר אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם און דאַן זענען מיר זיכער מיט אונזער זיג.

אויף דער קאָנווענשאַן האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט 3 ריכטונגען: ס. ד. ס. ט. און ס. ר. עס האָבן גערעדט גענעראַל־רעדנער פון יעדער ריכטונג. פאַר דער ס. ד.: אַב. גאָלדבערג און א. בראַכמאַן; פאַר דער ס. ט.: ש. שניאור און ב. צוקערמאַן; פאַר דער ס. ר.: י. גלאַבוס און מ. ראַזומאָווסקי. די גרופּע פון די ס. ט. האָט פאַרנומען אַ מיטל־פּאָזיציע צווישן ביידע זיך באַקעמפנדיקע גרופּן פון ס. ד. און ס. ר. אירע פאָרשטייער האָבן געטענהט, אַז די פּאַרטיי איז נאָך ניט גרייט צו נעמען אַ שטעלונג צו די פאַרשידענע שולן אין סאָציאַליזם. די גע־שיכטע ווערט געמאַכט ניט נאָר דורך קלאַסן־קאַמפן נאָר אויך דורך נאַציאָנאַלע קאַמפן. זייער גרופּע איז קעגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און זי באַטאָנט די וויכטיקייט פון אידעאַליזם און ווילן אַלס וויכטיקער טרייב־קראַפט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אַב. גאָלדבערג וואָס האָט די גאַנצע צייט געטענהט אַז ער פאַרטרעט ניט די ס. ד. נאָר די רעזאָלוציע, האָט צום סוף פאָרגעלייגט אַז מען זאָל באַטאָנען אין דער רעזאָלוציע דעם אידעאָלאָגישן פאַקטאָר און ארויסלאָזן דעם פּונקט, אַז צוליב דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל פאַרלירט דער מיטל־קלאַס זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דאָס איז געווען אַ הנחה צו די גרופּן ס. ר. און ס. ט. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די פאָרגעלייגטע רעזאָלוציע און דערמיט אָנגענומען מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע (מאַרקסיס־טישע) פּלאַטפאָרם.

אַ שטאַרקער קאַמף האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע, צי זאָל די פּאַרטיי זיך באַטייליקן אין פּאָליטישן קאַמף. די גרופּע ס. ט. וואָס האָט געהאַט אַנאַר־כיסטישע נייגונגען איז געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם. שלום איז ענדלעך גע־מאַכט געוואָרן דורכן אָננעמען אַ באַשלוס אַז די פראַגע „פּאָליטישער קאַמף", זאָל באַשלאָסן ווערן דורך אַ רעפערענדום אין די פאַראיינען.

נאָכן אָננעמען דעם באַשלוס, אַז קיין פאַראיין האָט ניט קיין רעכט זיך אָנצו־שליסן אין אַן אַנדער פּאַרטיי, האָבן די פאָרשטייער פון דער ס. ר. פאַרלאָזן די קאָנפערענץ, דערקלערנדיק, אַז זיי ווילן זיך ניט אָפּרייסן פון זייער מוטער־פּאַרטיי — די ס. ר.

ביים באַהאַנדלען דעם פּונקט „נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות", האָבן עטלע־כע דעלעגאַטן אויסגעדריקט ספקות וועגן דער צוקונפט פון אידיש אין אַמע־ריקע. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט סקעפּטיש צו דער מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אידן אין אַמעריקע.

די רעזאָלוציע וועגן נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין די גלות־לענדער דער־קלערט, אַז אין אַמעריקע זענען ניט רעאַל די פאָדערונגען וואָס די ס .ט. שטעלט אַרויס אין מזרח־אייראָפּע. דאָס איז ניט קיין נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט נאָר אַ נאַציאָנאַלער שטאַט. די אַנדערע נאַציעס פירן דאָ ניט קיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק און מיר ווערן אויך ניט אונטערשטיצט פון דער האַלב־אַסימילירטער אידי־שער באַפעלקערונג.

דערפאַר דאַרפן דאָ די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען ווערן פאַרביטן מיט נאַ־ציאָנאַלער טעטיקייט ווי צו בײַשפּיל: העלפן אַנטוויקלען די אידישע שול, שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט, שטיצן אידישע אַגריקולטור־שולן, העלפן שאַפן אַ געזונטע נאַציאָנאַלע פּרעסע, פירן אַ נאַציאָנאַלע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן שטאַרקע באַמיאונגען צו פאַראייניקן די ס. ס. מיט דער י. ט. אָ. פ. פּוע"צ. דער י. ס. א. פּ. (סיימיסטן אָדער „סערפּיסטן") איז אויסגעדריקט געוואָרן סימפּאַטיע פאַר איר נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעט, ווי אויך פאַר איר טעריטאָריאַליסטישער אַגיטאַציע.

וועגן פּועלי־ציון איז אָנגענומען געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע: „מיר אָנערקענען פאַר נוצלעך די אַרבעט פון פּוע"צ אויף וויפל זיי פּראָפּאַגאַנדירן די נויטווענדי־קייט פון אַ טעריטאָריע פאַר דעם אידישן פאָלק. מיר באַקעמפן אָבער זייערע נאָר „פּאַלעסטינישע" אַגיטאַציע, וואָס מיר אָנערקענען פאַר שעדלעך פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון די ברייטע אידישע מאַסן".

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו העלפן שאַפן יוניאָנס און פאַרמיידן ברידער־קריג אין דער אַרבעטערשאַפט. די פראַגע צי רעפאָרמירן די יוניאָנס פון אינע־ווייניק אָדער בויען אָפּאָזיציע־יוניאָנס — איז געבליבן אָפן.

וועגן אי. ט. אָ. (אידיש טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע): פאַר אַריינטרעטן אין אַן אַלגעמיין־טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אויף פעדע־ראַטיווע יסודות, אָבער ניט אַריינטרעטן דערווייל אין י. ט. א. וואָס טראָגט אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. שטיצן די רעאַלע אַקטן פון דער י. ט. אָ. און באַמיען זיך אויסצואיבן ווי ווייט מעגלעך אַן איינפלוס אויף איר אַרבעט. ישראל זאַנגוויל האָט אין זיין באַגריסונג צו דער קאָנפערענץ פאָרגעלייגט זיך צו פאַראייניקן מיט דער י.ט.אָ. און לאָזן סאָציאַליזם אַלס אַ פּריוואַט זאַך.

וועגן זעלבסט־פאַרטיידיקונג: אַלע טיילן פון פאָלק דאַרפן זיין פאַראייניקט אין דער אַרבעט. דער נאָמען פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן געענדערט אויף „אידישע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי".

ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן עקאָנאָמיש ביוראָ און אַ סטאַ־טיסטיש ביוראָ; שאַפן אַן אַגענטור צו פאַרשפּרייטן ליטעראַטור; פאָרזעצן אַרויסגעבן „דאָס פאָלק" און זאַמלען אַ פּרעסע־פאָנד פון 3,000 דאָלער. צווישן די באַגריסונגען איז אויך געווען אַ באַגריסונג פון די פּועלי ציון אין ניו־יאָרק.

אין נייעם צ. ק. זענען אַריין: אב. גאָלדבערג, י. גלאָבוס, י. אויערבאַך, י.

סלאָנים, וו. פּייפּמאַכער, ל. פּייפּמאַכער, א. בראַכמאַן און ב. צוקערמאַן — פילאַדעל־פיע, מ. ראַזומאָווסקי — שיקאַגאָ, א. גאַרבער — קליוולאַנד, א. קאָמאַראָוו — מאָנטרעאַל און ש. שניאור — באָסטאָן.

דאָס „פאָלק" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין פעברואַר, 1906, רעדאַגירט פון אַ. קאָלעגיע (דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַץ). די „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט געשריבן איראָניש: זי קען נאָך פאַרשטיין דעם ציוניזם פון די פּוע"צ, אַמווייניקסטנס אַלס ערהאַבענע פאַנטאַזיאָרן. „די טע־ריטאָריאַליסטן אָבער קענען אפילו ניט טרוימען שיין". די צייטונג האָט זיך אָפּ־געשטעלט אין יוני, 1906. זי איז צוריק באַנייט געוואָרן אַלס אַ חודש־בלאַט אין נאָוועמבער 1907, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. נחמן סירקין, וואָס איז דאַן געקומען קיין אַמעריקע, און זיך ווידער אָפּגעשטעלט נאָכן אַרויסגעבן 5 נומערן.

סירקינס קומען אַהער האָט אַביסל אויפגעלעבט די ס. ט. אויף דער באַ־גריסונגס־פאַרזאַמלונג לכבוד סירקינען אין ניו יאָרק, האָבן גערעדט: יצחק אייזיק הורוויץ, דר. זאָלאָטאַראָוו, ל. ע. מילער און משה קאַץ. באַגריסונגס־פאַרזאַמלונגען זענען אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט. ס'זענען מיט דער־פאָלג דורכגעפירט געוואָרן אַגיטאַציע־טורס מיט אב. גאָלדבערג און ברוך צוקערמאַן. אין קאַנאַדע האָט זיך געשאַפן אַ פאַרבאַנד פון די ס. ט. פאַראיינען. די פאַרטיי איז געווען שטאַרק טעטיק אין די קריזיס־קאָנפערענצן, ביים אָנפירן דעם רענט סטרייק און אין דער באַוועגונג קעגן הויכן דירה־געלט אין ניו־יאָרק. אין קליוולאַנד האָט זי אָרגאַניזירט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון אַלע אי־דישע אַרבעטער. אין פּיטסבורג — אַ קריזיס־קאָנפערענץ טראָץ דעם באָיקאָט פון די „געגנאָסן". פיל פאַראיינען האָבן געפייערט דעם 25טן יאָרצייט פון קאַרל מאַרקס. אין ניו יאָרק איז פאָרגעקומען אַן אָנדענק־פאַרזאַמלונג מיט סירקין און אב. גאָלדבערג. אין קליוולאַנד און באַפאַלאָ האָט די פאַרטיי אָרגאַניזירט אָנ־דענק־פאַרזאַמלונגען נאָכן טויט פון לעגענדאַרן העלד פון דער רוסישער רע־וואָלוציע, גריגאָרי גערשוני. דער אַגיטאַציע־טור פון נ. סירקין איז דורך מיט דערפאָלג.

אָבער די צווייטע קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד (24־26 אַפּריל, 1908) איז דורך אין אַ שווערער שטימונג, טראָץ דעם, וואָס 33 דעלעגאַטן האָבן פאַרטראָטן 40 פאַראיינען מיט 1,800 מיטגלידער. די י.ט.אָ. האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון דער ס. ס. און ס. ט. צו רופן אַ קאָנגרעס פון אַלע מינים טעריטאָריאַליסטן; זי האָט אויך אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג מען זאָל צולאָזן די ס. ט. צו דער עמי־גראַציע־אַרבעט. אין די באַריכטן און רעדעס האָט זיך געפילט אַ הילפלאָזיקייט און שוואַכקייט. מען האָט אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס וועגן דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער פאַרטיי. די ס. ט. האָט אַ חוץ אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, ניט געהאַט וואָס צו טאָן.

דר. סירקין האָט אויף דער קאָנווענשאָן געוואָרפן אַ נייעם לאָזונג: צו רופן אַ טעריטאָריאַליסטישן קאָנגרעס און אַ אידישן פאַרלאַמענט צו אָרגאַניזירן דעם גלות. „די עמיגראַציע־פראַגע וועט שטופן דעם וואָגן פון טעריטאָריאַליזם אין פאַרלאַמענט", האָט סירקין דערקלערט [83]). ניט קוקנדיק אויף די לאַנגע דע־באַטן האָט דער צוזאַמענפאָר ניט געקענט פועלן ביי זיך אַנצונעמען וועגן דער

פראַגע וועלכע ס'איז באַשלוסן. ס'איז געווען אַ שווערער און טראַגישער צו־זאַמענפאַר, וואָס האָט ביי אַ סך דעלעגאַטן געעפנט די אויגן און זיי דערנענטערט צו די פּועלי ציון.

אויך אין דער יט"א האָט זיך דאַן געפילט אַ ענטוישונג, וואָס אַלע טעריטאָריע־פּלענער זענען דורכגעפאַלן. וועגן דעם האָט דערציילט ישראל זאַנגוויל אויף דער קאָנפערענץ פון טעריטאָריאַליסטן אין ווין (יולי, 1912). „נאָך דעם גרויסן, היסטאָרישן פעלער, וואָס די ציוניסטן האָבן געמאַכט", אָפּוואַרפנדיק אוּ־גאַנדע, האָט די ערשטע יט"א־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אין 1906, געבילדעט אַ געאָגראַפישע קאָמיסיע, וואָס זאָל זוכן טעריטאָריעס. מען האָט שוין מער ניט געוואָלט זיך פאַרזיכערן פאָראויס מיט פּאָליטישע גאַראַנטיעס פאַר דער אידי־שער באַפעלקערונג. עס איז דאָ אַן אַנדער וועג וואָס פירט צום ציל: לענקען רעם אידישן עמיגראַציע־שטראָם אין אַ ניט־באַוואוינט אָדער ווייניק־באַוואוינט לאַנד. מיט דער צייט וועלן אידן דאָרט ווערן אַ מערהייט און די פּאָליטישע גאַראַנט־יעס וועלן קומען במילא.

מען האָט אָנגעהויבן זוכן טעריטאָריעס אין אויסטראַליע, באָליוויע, בראַ־זיל, קאַנאַדע, טריפּאָליס א. א. ענדלעך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף קירעניי־קע (ביי טריפּאָליס, אין צפון־אפריקע). מען האָט אַהין געשיקט אַן עקספּעדי־ציע), אָבער זי האָט געבראַכט אַ שלעכטן באַריכט. „טראַגיש און אומפאַרשטענד־לעך" האָט אויסגערופן זאַנגוויל, ווען ער האָט געהערט דעם באַריכט [84]).

שפּעטער האָט זיך אַרויסגערוקט דער פּראָיעקט וועגן מעסאָפּאָטאַמיע (היינט: איראַק). אויף דער קאָנפערענץ פון טעריטאָריאַליסטן אין לאָנדאָן אין יולי, 1909, האָבן די מער־ראַדיקאַלערע טעריטאָריאַליסטן באַקעמפט דעם פּראָיעקט. זיי האָבן ווייטער געקעמפט פאַר קירענייקע, טראָץ דעם שלעכטן באַריכט פון דער קאָמיסיע. אַנדערע האָבן באַהויפּטעט אַז אין אַמעריקע אַליין קען מען געפינען פיל טעריטאָריעס פאַר אידן. אָבער אַ טייל טעריטאָריאַליסטן האָבן געשטיצט דעם מעסאָפּאָטאַמיע־פּראָיעקט. זיי האָבן אין אים אויך געזען אַ וועג ווי צו מאַכן שלום מיט די פריערדיקע חברים — מיט די ציוניסטן. אויף אַ מאַסן־מיטינג אין לאָנדאָן האָט דר. ב. סלושטש, וואָס איז געווען דער איינ־ציקער איד אין דער עקספּעדיציע קיין קירענייקע, געהאַלטן אַ העברעאישע רע־דע אויף אַ מאַסן־מיטינג און ערקלערט, אַז „דער צוריקקער קיין מעסעפּאָטאַמיע הייסט זיך צוריקקערן אין לאַנד פון אברהם העברי". דאָס יט"א־לאַנד דאַרף איצט הייסן „ארץ העברים" און דאָס איז אַ נצחון פאַר דער העברעאישער קולטור [85]).

אין אַמעריקע האָט די אידעע פון מעסאָפּאָטאַמיע געוואונען פיל אָנהענגער אויך אין די רייען פון דער ס. ט. דר. סירקין האָט געשריבן אין ציוניסטישן „אידישן פאָלק" (אַפּריל, 1909), אַז מיט דעם לאָזונג פון מעסאָפּאָטאַמיע שטעלן זיך די טעריטאָריאַליסטן פּראַקטיש, אפילו ווען ניט טעאָרעטיש, אויף דעם פּראָגראַם פון ציוניזם. די פאַרענדערטע פּאָליטישע לאַגע אין דער טערקיי (די יונג־טערקישע רעוואָלוציע) האָט אַרויסגעפירט דעם טעריטאָריאַליזם אויף אַ נייעם וועג. די שטערונגען פאַר גרויסע פּאָליטישע צילן זענען פאַרשוואונדן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף אַריינעמען צו זיך די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. עס איז ניט מעגלעך צו גלויבן, דאָס וועלכער עס איז ציוניסט זאָל זיך שטעלן

פּרינציפּיעל קעגן מעסאָפּאָטאַמיע. די ציוניסטן דאַרפן אַרויסשטעלן דעם לאָזונג פון אַ גרויסער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און אין מעסאָפּאָ־טאַמיע. דערמיט פּאַראַייניקט דער ציוניזם אַלע פּאַרטייען און זי רעפּרעזענטירט באמת דאָס גאַנצע פאָלק. אַן ענלעכן אַרטיקל האָט סירקין פאַרעפנטלעכט אין דער „צוקונפט" (6 יוני, 1909): „אַ גרויסער ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישער פּלאַן וועט אונטערשטיצט ווערן פון דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע... נאָך יאָרן פון מאַטעריעל און קריזיס שטייט דער פאַראייניקטער ציוניזם־טעריטאָר־יאַליזם פאַר אַ צייט פון אויפלעבונג און שאַפונג".

די רעדאַקציע פון „אידישן פאָלק" האָט צוגעגעבן אַ באַמערקונג צו סיר־קינס אַרטיקל, אַז די טעריטאָריאַליסטן דאַרפן אַריינגיין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָן שום באַדינגונגען, און זייענדיק אינעווייניק וועלן זיי נאַטיר־לעך קענען אַגיטירן פאַר מעסעפּאָטאַמיע.

די יונג־טערקישע רעוואָלוציע (1908) האָט אַריינגעבראַכט אַ סך האָפענונג אין די ציוניסטישע און פועלי ציוניסטישע רייען, אַז זי וועט דערנענטערן די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. אין ניו יאָרק איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג דעם 3טן סעפּטעמבער, 1908, צו פייערן דעם זיג פון דער יונג־טער־קישער רעוואָלוציע, איינגעאָרדנט דורך די פוע"צ. דער הויפּט־רעדנער איז גע־ווען דער טערקישער גענעראַל־קאָנסול אין ניו יאָרק, מונדזשי בעי.

דער קאָנסול האָט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז וואָס אַנבעלאַנגט די ציוניס־טישע האָפענונג אויף פאַלעסטינע, קען איך אויך אַזוי פיל זאָגן, אַז אונזער פאָלק מיט דעם אידישן וועלן קענען אַמבעסטן פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן און גיין האַנט ביי האַנט. אונזער רעליגיע איז ענלעך צו אייערער, איר זענט די פּע־איקסטע ביזנעס־לייט, ליטעראַטן, אַרטיסטן א. א. וו. איר וועט זיין זייער נוצ־באַר. איר וועט אויפלעבן דאָס לאַנד און צוזאַמען מיט אייך וועלן מיר, טערקן, זיין אַ מאַכט און באַשיצן די געמיינזאַמע אינטערעסן קעגן אויסערלעכן שונא (געמיינט — רוסלאַנד).

די פאַרזאַמלטע האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַז די פועלי ציון גראַטו־לירן די יונג־טערקן און דריקן אויס די האָפענונג אַז אונטערן נייעם רעזשים וועט דער ציוניסטישער אידעאַל ווערן פאַרווירקלעכט [86]).

צווישן די פוע"צ און ס. ט. האָבן זיך דאַן איינגעשטעלט פריינטלעכע באַ־ציאונגען; מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן ערנסט, אַז ס'איז געוואָרן רייף די צייט פון דערנענטערן און אפשר טאַקע פאַראייניקןביידע פאַרטייען.

דעם 5טן אַפּריל, 1908, איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמער קאָנצערט־באַל און אַ באַזאַר, אַראַנזשירט פון פרעס־פאָנד קאָמיטעט פון די ס. ט. און פוע"צ. די הכנסה איז געגאַנגען פאַרן „פאָלק" און פאַרן „אידישן קעמפער". עס האָבן גערעדט דר. נתן בירנבוים, וואָס האָט דאַן געוויילט אין ניו יאָרק, יעקב גאָרדין, אב. גאָלדבערג, יצחק אייזיק הורוויץ, י. זאר. דר. זשיטלאָווסקי, ה. זאלאטאַראָוו, ל. מילער, דר. נ. סירקין און דר. ל. קאָפּעלאָוויטש.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג פון דער ס. ט. האָט זיך די פוע"צ צו איר באַצויגן ווי צו פאַרבלאָנדזשעטע ברידער, וואָס וועלן האָפנטלעך פריער־שפּעטער. קומען צוריק צום אַלטן קוואַל. דער „אידישער קעמפער" האָט, למשל, באַגריסט די ערשטע קאָנווענשאָן פון די ס. ט. און נאָר אויסגעדריקט

זיין וואונטש אַז זיי זאָלן איבערגיין פון פאַנטאַסטישער לאַנד־זוכעריי צו פּראַקטישער אַרבעט. דאַן וועלן זיי זיכער איינזען, אַז די איינציקע מעגלעכקייט צו אַרבעטן פּראַקטיש פאַר דער לעזונג פון אידישן פּראָבלעם — איז פּאַלעסטינע [87]). אין אַ צווייטן אַרטיקל ווערט דערקלערט, אַז די פּוע״צ דאַרפן ניט באַטראַכטן די ס. ט. ווי אַ פיינטלעכן לאַגער, נאָר ווי אַ פאַרברייטונגס־שול צום פּועלי ציוניזם. צו זייער צווייטער קאָנווענשאַן אין קליוולאַנד (אַפּריל, 1908), האָבן די ס. ט. איינגעלאַדן אַ דעלעגאַציע פון פּוע״צ, ווייל אויף דער קאָנווענשאַן איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע: נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות. דער צ. ק. פון פּוע״צ האָט באַשלאָסן ניט צו שיקן קיין דעלעגאַציע צו דער קאָנווענשאַן, ווייל די פראַגע פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות קען נאָר פאַרהאַנדלט ווערן דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון ביידע פּאַרטייען, אָבער ניט דורך אַ קאָנווענשאַן פון איין פּאַרטיי.

אין דער ערשטער העלפט פון 1909 האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פאַראייני־קונגס־שטימונגען אויף ביידע זייטן. כתריאל (חאַזאַנאָוויטש), וואָס איז דאַן געקומען קיין אַמעריקע אויף אַ קורצער צייט נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, איז געווען אַ פייערדיקער ענטוזיאַסט פון דער פאַראייניקונג. ער האָט באַווירקט זשיטלאָווסקין וואָס איז נאָך פריער געווען געשטימט פאַר אַ פאַראייניקונג, ער זאָל זיך שטאַרקער ווידמען דעם דאָזיקן ענין. כתריאל איז דאַן צוריקגעקומען פון אַן אַגיטאַציע־טור איבערן לאַנד און דערקלערט, אַז ער זעט אַ גרויסע צוקונפט פאַר די פּוע״צ. זיי זענען די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע פון אַמעריקאַנער אידישן פּראָלעטאַריאַט. די ס. ט. זענען איבעראַל אַנטמוטיקט און מען קען זיי לייכט צוציען צו די פּוע״צ.

דעם 4טן אַפּריל, 1909, איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון פאָר־שטייער פון ס. ט. פּוע״צ און „סערפּ״. די זיצונג איז גערופן געוואָרן פון די ס. ט. דר. זשיטלאָווסקי וואָס האָט געעפנט די קאָנפערענץ האָט דערקלערט אַז צו דער קאָנפערענץ איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן דער „בונד״, אָבער זיינע פאָר־שטייער זענען ניט געקומען צו דער קאָנפערענץ, אָבער אויסגעשפּראָכן זייער וואונטש צו זיין אָנוועזנד ביי די ווייטערדיקע זיצונגען. (זיי זיינען אָבער אויך שפּעטער ניט געקומען צו די זיצונגען). דר. זשיטלאָווסקי האָט פאָרגעלייגט, אַז די פאַראייניקונג זאָל זיין באַזירט אויף 3 פּונקטן: פּאַלעסטינע, מעסעפּאָטאַמיע און נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות.

דר. סירקין האָט ערקלערט, אַז די ס. ט. האָבן קיינמאָל ניט געלייקנט אין גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט פון פּאַלעסטינע. דאָס באַזעלער פּראָגראַם האָט גערעדט וועגן ארץ ישראל און די שכנותדיקע לענדער. איצט ווען די יט״א האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מעסאָפּאָטאַמיע, איז נישטאָ קיין גרונד פאַרוואָס די פּוע״צ און ס. ט. זאָלן זיך ניט קענען פאַראייניקן. די סערפּיסטן האָבן גיט געוואָלט הערן פון טעריטאָריאַליסטישער אַרבעט, גלויבנדיק אין שנעלן זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דער עטאַבלירונג פון אַ אידישן סיים, אָבער איצט האָט דאָס לעבן אויך זיי געצוואונגען צו זיין מער רעאַליסטיש, און זיי דאַרפן מסכים זיין צו דער פאָרגעלייגטער פאַראייניקונג.

חאַזאַנאָוויטש האָט דערקלערט אַז די פּוע״צ אין רוסלאַנד זיינען פאַרן סיים און פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. ער איז אויך פאַר מעסעפּאָטאַמיע צוליב

אַ רייע סיבות. „פאַראייניקט, וועלן מיר זיין דער גרעסטער כוח אין אידנטום”. אַפּלבוים האָט געפרעגט פאַרוואָס גראד מעספּאָטאַמיע? ס'איז גענוג ווען מיר זאָגן: פּאַלעסטינע און די שכנותדיקע לענדער, ווי ס'איז פאָרמולירט אין באַזעלער פּראָגראַם.

אב. גאָלדבערג האָט דערקלערט, אַז די ס. ט. זענען שטענדיק געווען פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. לצים זאָגן, אַז די ציוניסטן זענען נ"ט ערנסט מיטן פּונקט „שכנותדיקע לענדער”, וועט מען אַריינשטעלן קלאָר מעספּאָטאַמיע, וועט עס דערמעגלעכן די טעריטאָריאַליסטן אַריינצוגיין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאַווידאָוויטש (ס. ט.) האָט דערקלערט אַז די ס. ט. זענען בעיקר פאַר מעספּאָטאַמיע. נאָך דער פאַראייניקונג וועלן זיי אויך אַרבעטן פאַר מעספּאָטאַמיע. עס וועלן זיין 3 שטרעמונגען אין איין פּאַרטיי, אָבער דאָך איין פּאַרטיי. אויך בראַכמאַן (ס. ט.) האָט אונטערגעשטראָכן אַז די פּוע"צ דאַרפן געדענקען, אַז פאַר די ס. ט. איז מעספּאָטאַמיע אַן עיקר. וואַלדשטיין און כהן (פּוע"צ) האָבן אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף קודם כל אַרבעטן פאַר פּאַלעסטינע. מאיר בראון האָט געפרעגט די ס. ט. פאַרוואָס זיי זענען אַזוי איינגעשפּאַרט פאַר מעספּאָטאַמיע. פריער האָבן זיי געטענהט קעגן פּאַלעסטינע, ווייל אַלץ איז אָפּהענגיק פון באַקומען אַ טשאַרטער, אָבער אויב זיי דערקלערן, אַז מען דאַרף מאַיאָריזירן אַ טעריטאָריע, ניט וואַרטנדיק אויף אַ טשאַרטער, פאַלן דאָך אַוועק זייערע ספקות וועגן פּאַלעסטינע. ברוך צוקערמאַן האָט אָנגעוויזן אַז די באַציאונג פון די פּוע"צ צו מעספּאָטאַמיע איז אַ קאַלטע, דאָך גלויבט ער אַז די פאַראייניקונג וועט קומען. אויערבאַך (ס. ט.), י. גלאָבוס (סערפּ) און ראָזאָווסקי (פּוע"צ) האָבן אַגיטירט פאַר דער פאַראייניקונג.

סירקין האָט אין זיין שלום-רעדע אָנגעוויזן אין זיין געווינלעכער, אָפט מאָל, וויציקער פאָרם, אַז דער גאַנצער וויכוח שפּיצט זיך צו צו דער פראַגע וועלכע טעריטאָריע איז פריער: פּאַלעסטינע אָדער מעספּאָטאַמיע, טאָ זאָל מען איבערגעבן די פראַגע צו אַנטשיידן די חברים פון „סערפּ” [88]).

די פאַרהאַנדלונגען האָבן געדויערט עטלעכע חדשים. זשיטלאָווסקי האָט גוטמוטיק געמוסרט און געבעטן די פּוע"צ נאָכגעבן סירקינען זיין „מעספּאָטאַמישן חלום”. דעם 22טן יוני איז פאָרגעקומען אַ דעצידירנדיקע זיצונג. די פּוע"צ האָבן פאָרגעלייגט אַ רעזאָלוציע, אַז „מיר אייניקן זיך אויף דער אָנערקענונג פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות און דער רעגולירונג פון דער אידישער אימיגראַציע”, דערביי האָבן זיי דערקלערט אז מיטן וואָרט „פּאַלעסטינע” מיינט מען פּאַלעסטינע און די שכנותדיקע לענדער.

עטלעכע פון די ס. ט. האָבן פאַרלאַנגט אַז די פּוע"צ זאָלן געבן אַ קלאָרן ענטפער בנוגע מעספּאָטאַמיע. די פּוע"צ האָבן נאָר געענטפערט, אַז זייער שטעלונג צו מעספּאָטאַמיע איז גענוג באַקאַנט. פאַר דער רעזאָלוציע האָבן געשטימט אַלע פאָרשטייער פון פּוע"צ; סירקין, צוקערמאַן און גאָלדבערג פון די ס. ט. (2 פון ס. ט. האָבן געשטימט קעגן און 2 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן) און זשיטלאָווסקי, גלאָבוס און נאָך 3 פון „סערפּ” (איינער פון „סערפּ” האָט זיך אָפּגעהאַלטן).

אין דער אידישער פרעסע האָבן די פאַראייניקונגס-אונטערהאַנדלונגען אַרויסגערופן דעם הילכיקסטן אָפּקלאַנג און פאַרשידענע קאָמענטאַרן. דר. י.

וואָרטסמאַן, וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען נאָענט צו די פּועלי ציון, האָט גע־ראָטן די פּוע״צ אָפּצואוואָרפן די פאַראייניקונג. אַלס ענטפער אויף דר. זשיט־לאָווסקיס „אָפענעם בריוו צו די פּוע״צ" אין זיין אָרגאַן „דאָס נייע לעבן", האָט וואָרטסמאַן דערקלערט, אַז די פּוע״צ וועלן דורך דער פאַראייניקונג נאָר מוותר זיין אויף זייער פּרינציפּן־פעסטקייט. „איך בין ניט קיין פּוע״צ און בין מיט זייער טעטיקייט אין פיל הינזיכטן כלל ניט מסכים, דאָך אַלס אַן אמתער, אַלס אַ גאַנצער איד, וואָלט איך דעם טאָג פון דער פאַראייניקונג באַטראַכט אַלס אַ טרויער־טאָג" [89]).

אין „נייעם לעבן" האָט א. ש. וואַלדשטיין געענטפערט זשיטלאָווסקין אויף זיין אָפענעם בריוו. וואַלדשטיין האָט אַלס אַן עקסטרעמער העברעאיסט געהאַט זיינע ספקות וועגן נאַציאָנאַלער טעטיקייט אין די גלות־לענדער. ער האָט אָנגעוויזן אויף די שוואַכע דערגרייכונגען פון די אָנהענגער פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער „בונד" אין רוסלאַנד, וואָס האָט אויפגעשריבן אויף זיין פאָן אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין גלות, האָט עס אויסגעטוישט אויף אַן אויטאָנאָ־מע אָנערקענונג פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע. פון דער אַריס־טאָקראַטיש־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון אַ דובנאָוו, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ פּוסטע ווינטמיל, און די טעטיקייט פון די פאָלקסטימלעכע אידישע סערפּיסטן אין רוסלאַנד באַשרענקט זיך אויף אַרויסגעבן ביכער אין רוסיש.

ער האָט ווייטער באַוויזן, אַז די פּוע״צ האָבן, ניט האָבנדיק אָפיציעל קיין פּראָגראַם פאַרן גלות, פאַקטיש אַרויסגעגעבן בעסערע בראָשורן און צייטונגען ווי די אַנדערע, געפירט אַ קאַמף קעגן אַסימילאַציע, קעגן עמיגראַציע־באַגרע־ניצונגען, געווען טעטיק אין פאַרשידענע סאָציאַליסטישע טעטיקייטן. וואַלדשטיין האָט אויך ניט גורס געווען דעם לאָזונג פון דער ס. ט. צו רעגולירן די אימיגראַ־ציע. די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס קענען אויף דעם געביט אויפטאָן פיל ווייניקער ווי די אידישע בורזשואַזיע. „און איז דען אונזער אויפגאַבע צו פאַר־שפּרייטן אידן איבער שבעה ימים?", ער האָט צום סוף אָנגעוויזן אויף די שווע־ריקייטן פון מעסאָפּאָטאַמיע און אויף די דערגרייכונגען פון ארץ ישראל [90]).

זלמן רו־שאָוו (רובאַשאָוו, איצט — שזר) האָט צוגעשיקט פון ווייטן פּע־טערבורג אַ באַגייסטערטן אַרטיקל פאַר דער פאַראייניקונג. ער האָט באַטאָנט די וויכטיקייט פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אַרבעט אין די גלות־לענדער, וואָס דאַרף גיין האַנט ביי האַנט מיט דעם בויען די אידישע טעריטאָריע. „אונזער אויפגאַ־בע — די באַלדיקע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעט אין פּאַלעסטינע און אין די שכנותדיקע געגענטן און די ברייטסטע קולטורעלע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אַרבעט אין די גלות־לענדער — דאָס וועט געלייגט ווערן אין יסוד פון דער נייער פאַראייניקטער אַלוועלטלעכער אידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" [91]).

ענדלעך איז נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען פאַרפאַסט געוואָרן די פאַראייני־קונגס־פּלאַטפאָרם, וואָס איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן דורך דער פערטער פּוע״צ־קאָנווענשאָן, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אַלס די „פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן", אָפּגעהאַלטן אין שיקאַגאָ פון 1טן ביזן 5טן אָקטאָבער, 1909.

מיר ברענגען דאָ די דאָזיקע דעקלאַראַציע אָן ענדערונגען. די דאָזיקע דע־קלאַראַציע האָט פּאַקטיש באַדייט אַ נייע פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרטראָטן די פריערדיקע באַלטימאָרער פּלאַטפאָרם.

דער נאָמען פון דער פּאַרטיי איז: אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, פּועלי ציון.

די גרונט־פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי זענען:

1. די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי ציון" אַלס אַ טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט שטרעבט אין איינעם מיט אים צו דער אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס־אָרדנונג און צו דער איינפירונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט:

א. זי אָרגאַניזירט דעם אידישן אַרבייטער־קלאַס צוליב דעם פּראָפעס־יאָנעלן און פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

ב. זי טרעט אַריין אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווי אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע סעקציע און שטרעבט צו נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכ־טיקונג פון דעם אידישן פאָלק אין דער סאָציאַליסטישער און פּראָפעסיאָ־נעלער באַוועגונג פון יעדן לאַנד.

2. די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי פּועלי ציון שטרעבט אין איינעם מיט דעם גאַנצן אידישן פאָלק צו קאָנצענטרירן דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל און צו באַשאַפן דאָרט אַ אידישע אויטאָנאָמע גע־זעלשאַפט.

הערה: אונטער „ארץ ישראל" פאַרשטייען מיר: פּאַלעסטינע און די נאָכבאַר־לענדער.

א. די פּאַרטיי טרעט אַריין אַלס אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף פעדעראַטיווע יסודות און פאָדערט פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג אין אַלע אינסטיטוציעס און נעמט אָנטייל אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

הערה: מיר באַטראַכטן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און איר אינסטי־טוט דעם קאָנגרעס, אַלס אַ פאַראייניקונג פון אַלע קלאַסן, פּאַרטייען און ריכ־טונגען פון דעם אידישן פאָלק פאַר דער טעריטאָריאַלער לעזונג פון דער אידישער פראַגע אין ארץ ישראל.

ב. די פּאַרטיי נעמט אַנטייל אין דער אַרבעט פאַר די ציוניסטישע אינ־סטיטוציעס ווי שקל, נאַציאָנאַל־פאָנד, נאַצ. באַנק און זוכט דורכצופירן אין זיי דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ.

ג. זי זוכט דורכצופירן אַז אַלע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וועלכע ווערן געמאַכט דורך דעם געלט פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, זאָלן, נאָך מעגלעכקייט, געבויט ווערן אויף די יסודות פון דעם גענאָסנשאַפט־לעכן פּרינציפּ.

ד. די פּאַרטיי שטרעבט צו שאַפן אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן העלפן אויפבויען אין ארץ ישראל אַ אידישע אַרבעטערשאַפט אין דאָרף און שטאָט און וואָס זאָלן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעט אינם קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

3. די פּאַרטיי נעמט אויף די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות, כדי אויפ־צוהויבן די עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע לאַגע פון דעם אידישן פאָלק אין די גלות־לענדער.

א. זי קעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם אידישן פאָלק אין די גלות־לענדער.

ב. זי קעמפט מיט אַלע כחות קעגן דער אַסימילאַציע און אַסימילאַציע־טענדענצן.

ג. זי זוכט אויפצוהויבן די קולטורעלע לאַגע פונם אידישן פאָלק אין גלות, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט די צוויי שפּראַכן — העברעאיש און אידיש.

ד. זי זוכט צו עפענען פאַר דער אידישער פאָלקס־מאַסע נייע פּראָדוק־טיווע אַרבעטס־קוועלן, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

4. די פּאַרטיי נעמט אויף די אַרבעט פון רעגולירן די אידישע וואַנדערונג.

א. זי זוכט צו לענקען דעם עמיגראַציע־שטראָם נאָך ארץ ישראל.

ב. אויף וויפל דער עמיגראַציע־שטראָם קען ניט געלענקט ווערן נאָך ארץ ישראל, זוכט די פּאַרטיי צו רעגולירן די עמיגראַציע אויף אַזאַ אופן וואָס זאָל אַמבעסטן באַפרידיקן די עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַל־קולטורעלע און פּאָליטישע אינטערעסן פון דער אידישער וואַנדערונגס־מאַסע.

5. די פּאַרטיי שטרעבט צו פאַראייניקן דעם גאַנצן אידישן פּראָלע־טאַריאַט אין איין אַלוועלטלעכע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אויף די אָנגענומענע גרונט־יסודות.

דער 4־טער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר אין שיקאַגאָ (2־7 אָקטאָבער, 1909) איז אַדורך אין אַ געהויבענער שטימונג. די „וואַרהייט” האָט באַריכטעט, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע קאָנווענשאָן, וואָס די פּועל־צ האָבן ביז איצט געהאַט. די אידישע באַפעלקערונג, איבערהויפּט די יוגנט, איז זייער פאַר־אינטערעסירט אין דער קאָנווענשאָן [92].

צו דער קאָנווענשאָן זענען געקומען 42 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 30 פאַראיינען. 500 מענטשן האָבן ניט געקענט אַריין אין זאַל צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. י. פּאָדלישוק האָט געעפנט די קאָנווענשאָן און פאָרגעשטעלט אַלס פאַר־זיצער פון אָוונט ג. אוורונין פון דעטראָיט. י. אַפּלבוים האָט געגעבן אַן אי־בערבליק איבער דער אידישער לאַגע אין פאַרשידענע לענדער, דערמאָנט די אויסזיכטן וואָס האָבן זיך געעפנט פאַרן ציוניזם דורך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע; דערציילט וועגן קאַמף פאַרן אנשלוס פון די פּועל־צ אין סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און וועגן די פאַראייניקונגס־קאָנפערענצן.

אב גאָלדבערג און דר. נחמן סירקין האָבן דערציילט וועגן די פאַר־אייניקונג־אונטערהאַנדלונגען. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זעען נישט קיין אונטערשיד צווישן ציוניזם און טעריטאָריאַליזם. אין פּאַלעסטינע וועט די אידן־פראַגע געלעזט ווערן טעריטאָריעל. דאָס איז אַן עפּאָכע־מאַכנדע קאָנ־ווענשאָן אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דר. סירקין האָט געזאָגט, אַז ער האָט שטענדיק געהאַט פיל צער וואָס ער האָט פאַרלאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ביים 7טן קאָנגרעס. זייענדיק אין

דער ס. ט. האָט ער שטענדיק געבענקט נאָך ארץ ישראל און נאָך דעם ראָמאַנ־טיזם, וואָס איז פאַרבונדן מיט ארץ ישראל [93].

מאיר בראון, דער דאַמאָלסדיקער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט. די פּוע״צ־באַוועגונג האָט זיך פאַרגרעסערט און זי אַנטוויקלט אַ שטאַר־קע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון אידישן אַרבעטער־לעבן. דער אינערלעכער צושטאַנד אין דער פּאַרטיי האָט זיך פאַרבעסערט, הגם די פּאַרטיי האָט גרויסע פינאַנסיעלע שוועריקייטן.

אַ שטאַרקע דיסקוסיע האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דער שפּראַכן־פראַגע. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו אַרבעטן פאַר ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן — אידיש און העברעאיש. אויף דער עפנטלעכער מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף וועלכער ס׳זע־נען געהאַלטן געוואָרן רעדעס אין אידיש און העברעאיש, האָט דר. זשיטלאָווסקי פאַרנאַנדערגעוויקלט אַ ברייט פּראָגראַם פון אַרבעט פאַר אידישע שולן, היי־סקולס, אוניווערזיטעטן, קונסט־אַנשטאַלטן, פאַרמער־שולן. ער האָט אויך באַ־טאָנט די וויכטיקייט פון אידישע קאָנסום־און פאַרזיכערונגס־פאַראיינען. זשיט־לאָווסקי׳ס פאָרשלאָגן זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו באַטראַכטן דעם צ. ק.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו פאַרלאַנגען, אַז דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ פון דער וועלט־באַוועגונג זאָל איבערגעפירט ווערן קיין ארץ־ישראל; עס זאָל פאַרשפּרייט ווערן אַ פּוע״צ־שקל פון 25 סענט פאַר דעם פאַרבאַנד־ביוראָ; ווירקן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס עס זאָלן דורכגעפירט ווערן די באַשלוסן וועגן שטיצן די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע און עפענען אַן אַגראַר־באַנק; פאָדערן אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג פון די פעדעראַציעס אין אַלע קאָמיסיעס.

די קאָנווענשאָן האָט פייערלעך אָנגענומען די פאַראייניקונגס־דעקלעראַציע. עס איז געזאַמלט געוואָרן 3,500 דאָלער פאַרן „אידישן קעמפער״ און ס׳איז באַ־שלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די באַנייטע וואָכנשריפט דעם 1טן יאַנואַר 1910 (דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 25טן מערץ, 1910). ס׳איז אויך באַ־שלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַן ענגלישן חודש־זשורנאַל; אָנצושטעלן אַ באַ־צאָלטן אָרגאַניזאַטאָר; פאַרפליכטן אַלע חברים זיך אָנצושליסן אין די יוניאָנס און אַגיטירן אַז מען זאָל באַנוצן נאָר די פּראָדוקטן, וואָס האָבן אויף זיך אַ יונ־יאָן־לייבל; זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע וועגן אויסאַרבעטן געמיינזאַם אַ פּלאַן פון אַ זעלבסט־ביישטייערונג פאַרן נאַ־ציאָנאַל פאָנד. די פאַראיינען זענען גערופן געוואָרן צו שאַפן ברענטשעס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ברוך צוקערמאַן פון דער פריערדיקער ס. ט. האָט איבערגענומען פון מאיר בראון די פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע פון אָנ־פירן מיטן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. אין נייעם צ. ק. זענען אַריין: ד. אַבערסאָן, י. אַפּלבוים, אב. גאָלדבערג, דזש. גלאָבוס, א. ש. וואַלדשטיין, דר. ח. זשיטלאָווסקי. דר. נ. סירקין, ה. עהרנרייך און ב. צוקערמאַן [94].

דעם 16טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון נייעם צ. ק. אונטערן פאָרזיץ פון דר. זשיטלאָווסקי. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, צו שאַפן אַ לעקטאָרן־ביוראָ און גרינדן אַ אידיש־סאָציאַליסטישע ביבליאָטעק; אַרויסגעבן אַ מאַניפעסט וועגן דער פאַראייניקונג אין עטלעכע שפּראַכן. דער מאַניפעסט איז דערשינען אין 6,000 עקזעמפּלאַרן.

אויף די ווייטערדיקע זיצונגען פון צ. ק. איז איבערגעגעבן געוואָרן צו

דר. סירקין אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון דער ארץ־ישראל אַרבעט; זשיטלאָווסקין — פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות און צוקערמאַנען — פון דער טרייד־יוניאַן־טעטיקייט. זשיטלאָווסקי האָט אין זיין פּראָיעקט צוו. אַנד. פאָרגעלייגט צו שאַפן קינדער־גערטנער, אַ מוסטער־חדר אין ניו יאָרק און אַ שול אויסצובילדן לערער. אויף אַ שפּעטערדיקער זיצונג איז איבערגעגעבן געוואָרן צוקערמאַנען און סירקינען אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון קאָלאָניזירן אַמעריקאַנער חברים אין א״י אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

אַ גרויסער טייל פון די ס. ט. האָט ניט אַקצעפּטירט די פאַראייניקונג און אָפּגעהאַלטן זייער דריטע קאָנווענשאַן אין פילאַדעלפיע (4־7 סעפּטעמבער, 1909) מיטן אָנטייל פון 30 דעלעגאַטן. די קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן ווייטער צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועגן אַ געמיינזאַמער אַרבעט אין גלות.

אין פאַל דער מעסאָפּאָטאַמיע־פּראָיעקט זאָל אַקצעפּטירט ווערן דורך דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, זאָל זיך דאַן די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פאַראייניקן מיט דער ציוניסטישער צוליב געמיינזאַמע טעטיקייט אין ארץ־ישראל און אין מעסאָפּאָטאַמיע. די ס. ט. קאָנווענשאַן האָט אויך פאָרגעלייגט אַז דער באַפאָרשטייענדער עמיגראַציע־קאָנגרעס, זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט רעגולירן די איינוואַנדערונג נאָך ארץ ישראל. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן ס. ט. ברענטשעס פון אַרבעטער רינג און רופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ פאַר אַ פּלאַנמעסיקער אימיגראַציע־אַרבעט אין אַמעריקע. עס זאָל געגרינדעט ווערן אַן אַלוועלטלעכע טעריטאָריאַליסטישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

הגם די פאַראייניקונג האָט ניט געבראַכט די גרויסע דערוואַרטונגען, וואָס מען האָט אויף איר געלייגט, איז זי דאָך געווען אַ וויכטיקער שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּועל־ציון־באַוועגונג און אַריינגעבראַכט אין דער פּאַרטיי נייע כוחות סיי אין צענטער, און סיי איבערן לאַנד. די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי איז אויך געוואָרן מער צוגעפּאַסט צו דער לעבעדיקער אידיש־אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט.

נאָך די טעג פון יום טוב זענען אָבער באַלד געקומען די טעג פון גראָען אינדערוואָכן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן הערן די ערשטע שטימען פון אומצופרידנהייט. ד. אַבערסאָן האָט געוואָרנט אין שיקאַגער „אידישן קוריער״, אַז די פּאַרטיי איז אַראָפּ פון דרך הישר. פרעמדע זענען איצט די בעלי בתים איבער דער פּאַרטיי. די זעלבע פאַרלוירנקייט קען מען אויך שפּירן אין באַנייטן „קעמפער״. די וואָס גיבן אַרויס די צייטונג שוויגן, אין דער צייט ווען די אַנדערע רעדן גאַנץ „הויך״.

דער „אידישער קעמפער״ האָט דערויף געענטפערט אין אַן עדיטאָריעל, אַז די פּאַרטיי־פּראָגראַם איז פּאַקטיש ניט געוואָרן געענדערט אויסער אין מאַכן אידיש גלייכבאַרעכטיקט מיט העברעאיש [65].

אבערסאָן און זיין פרוי שרה מינץ־אבערסאָן שאַפן אין אויגוסט 1911 אַ נייעם פאַראיין אין שיקאַגאָ, וואָס אנערקענט העברעאיש אַלס די נאַציאָנאַל־שפּראַך און אנערקענט א״י אלס דאָס מוטער־לאַנד פון אידישן פאָלק און אַלע איבעריקע לענדער וואו אידן וואוינען אַלס אירע קאָלאָניעס.

אין אַ בריוו צום צ. ק. שרייבן די פירער פון פאַראיין, אַז דאָס שיקאַגער פּראָ־גראַם האָט אַריינגעבראַכט אַ מיש־מאַש אין דער פּאַרטיי, פיל האָבן פאַרלאָזן די פּאַרטיי, כדי פּטור צו ווערן פון די שפּראַך־טעריטאָריאַליסטן און גלות־קולטו־ריסטן, האָבן זיי געשאַפן דעם נייעם פאַראיין, וואָס אַנטוויקלט זיך אויסגעצייכנט.

אין מאַי, 1910 האָט ב. צוקערמאַן רעזיגנירט אַלס פּאַרטיי־סעקרעטאַר. אויף אַ קורצער צייט האָט מ. בראון איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט און באַלד איז ה. עהרנרייך געוואָרן דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. ער האָט שוין אָפּגעגעבן דעם צ.ק.־באַריכט אויף דער 5טער פּאַרטיי־קאָנווענשאַן אין מאָנטרעאַל (19־23 אָקטאָ־בער, 1910).

אב. גאָלדבערג האָט אין יולי 1910 רעזיגנירט פון צענטראַל קאָמיטעט. ער איז דערנאָך געוואָרן אַקטיוו ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן. אויך דר. זשיטלאָווסקי איז ביסלעכוויז געוואָרן קעלטער צו דער פּאַרטיי און ער האָט געגעבן די איינגע־שרומפּענע ס. ט. פּאַרטיי אַן אָרט אין זיין „נייעם לעבן" אין דער חודש־שריפט „פאָלקס־שטימע", וואָס איז געווען אַ ביילאַגע צום „נייעם לעבן".

ה. עהרנרייך האָט אויף דער קאָנווענשאַן אין מאָנטרעאַל געשילדערט די לאַגע אין דער פּאַרטיי נאָך דער פאַראייניקונג. באַלד נאָך דער פאַראייניקונג איז די שטימונג געווען זייער אַ גינסטיקע. די ס. ט. זענען אין אַ צאָל שטעט אַריין אין דער פּאַרטיי, אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ סטאַגנאַציע אין דער אַרבעט. דער צ. ק. וואָס איז פון אָנפאַנג אָן ניט געווען פאַראייניקט פּסיכאָלאָגיש, מיט פאַר־שידענע וועלט־אַנשויאונגען און פאַרשידענע באַגריפן וועגן דער באַוועגונג, האָט פון אָנפאַנג אָן ניט געקענט זיין ערפאָלגרייך, און דאָ איז נאָך צוגעקומען די גלייכגילטיקייט פון אייניקע צ. ק. חברים צו דער אַרבעט. די פאַרבינדונג מיט די פאַראיינען איז שוואַכער געוואָרן.

אַ שטויס פאָראויס דער אַרבעט האָט געגעבן דער פּאַרטיי־ראַט וואָס האָט באַ־נייט דעם „קעמפער" אונטער דער רעדאַקציע פון א. ש. וואַלדשטיין און י. ראָ־זאָווסקי אַלס מענעדזשער. אין צ.ק. ווערן קאָאָפּטירט: י. ראָזאָווסקי און מ. סלאָנים. די אַרבעט הייבט אָן צו ווערן לעבעדיקער. די באַראַטונג מיט דער ס. ט. וועגן דער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. „מען וועט יעצט מוזן די דאָזיקע אַרבעט מאַכן צוזאַמען מיטן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד".

דר. זשיטלאָווסקי האָט דערקלערט אויף דער קאָנווענשאַן, אַז „מיר זענען דערווייל ניט די פאַראייניקטע פּאַרטיי נאָר די פאַראייניקונגס־פּאַרטיי. מיר האָבן דערווייל בלויז אָפּגעשוואַכט די ס. ט. אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין פולקאָמע פאַר־אייניקונג. די פּאַרטיי טראָגט מער אַ ציוניסטישן ווי אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. אין דער פּוע"צ זענען דאָ צוויי שטרעמונגען: די אַלטע פּוע"צ וואָס אונטערשיידן זיך ווייניק פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און די מאָדערנע פּ. צ. וואָס זענען אַ מאָדערנע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די שטעלונג צו אידיש איז אויך ניט קיין ריכטיקע".

סירקין האָט אָנגעוויזן, אַז מען האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם ענין: נאָכבאַר־לענדער. ער איז ניט מסכים מיט זשיטלאָווסקין וועגן אידיש. מען דאַרף פירן אַ קולטור־אַרבעט צווישן דער יוגנט אויך אין ענגליש. שאַפּיראָ (שיקאַגאָ) האָט פאַרלאַנגט זיך צוריקקערן צום באַלטימאָרער פּראָגראַם. וואַלדשטיין האָט פאַר־לאַנגט צו גרינדן העברעאישע שולן מיטן עברית בעברית־מעטאָד. ראָזאָווסקי האָט

פאַרלאַנגט צו ווערן אַקטיווער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זאַק (מאָנטרעאל) האָט דערקלערט, אַז אין מאָנטרעאל איז די פּאַראייניקונג געווען דערפאָלגרייך, קיין נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות איז ניט געטאָן געוואָרן ווייל חברים וויסן ניט וואָס דאָס איז פאַר אַן אַרבעט. אוורונין האָט געזאָגט, אַז די געבליבענע ס. ט. זענען אַ שוואַכער כוח און מען דאַרף זיך ניט נאָך זיי יאָגן. צוקערמאַן האָט פאַראויסגע־זאָגט, אַז די פאַרדינסטן פון דער פאַראייניקונג וועט מען ערשט פילן אין יאָרן אַרום. דער קריזיס אין דער פּאַרטיי איז צוליבן קריזיס אין ציוניזם. די נאַציאָ־נאַלע אַרבעט אין גלות איז זייער וויכטיק, אָבער דאָס איז ניט די הויפּט־זאַך. עהרנרייך האָט דערקלערט, אַז די בעסערע עלעמענטן האָבן זיך פאַראייניקט; מען האָט יאָ געטאָן אַרבעט פאַרן גלות [96]).

די קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאל איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. זי האָט אָנגענומען אַ רייע באַשלוסן, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג.

די קאָנפערענץ איז געעפנט געוואָרן דורך מ. ל. זאַק פון מאָנטרעאל. א. ש. וואַלדשטיין האָט געפירט דעם פאָרזיץ פון דער דערעפענונגס־זיצונג. ג. אוורונין האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי. ב. צוקערמאַן האָט דערמאָנט אַז זיין ערשטע רעדע אויף אַ פּוע״צ־פּלאַטפאָרם איז געווען די פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון טראַגיש־אומגעקומענעם י. עדעלשטיין. איצט פאַר־אייניקט אַלעמען דער גליקלעכער מאָמענט פון איין אידעע.

ה. עהרנרייך האָט נפגעגעבן דעם באַריכט פון צ. ק., ב. קאָך — פון פּאַלעס־טינע־קאָמיטעט, א. ש. וואַלדשטיין האָט איינגעלייטעט דעם וויכוח וועגן פּאַלעס־טינע אַרבעט. נ. סירקין האָט רעפערירט וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, ב. צוקערמאַן וועגן נאַציאָנאַל פאָנד, דר. ח. זשיטלאָווסקי וועגן נאַציאָנאַלער אַר־בעט אין גלות, שמואל סיגל (פּיטסבורג) האָט איינגעלייטעט דעם וויכוח וועגן נאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ב. צוקערמאַן האָט רעפערירט וועגן סאָציאַליסטישער און טרייד יוניאָן־טעטיקייט. שלום־רעדעס האָבן געהאַלטן: ג. אוורונין, ה. ערנרייך, נ. סירקין, ב. צוקערמאַן און דר. זשיטלאָווסקי. דער לעצטער האָט דערקלערט, אַז די מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן האָט אים נאָך מער צוגעבונדן צו די פּוע״צ און ער האָפט אַז עס איז ניט ווייט די צייט ווען ער וועט זיין אינגאַנצן אין די רייען פון דער פּאַרטיי. (פאַר אַ מענטש וואָס איז פריער געווען אַ מיטגליד פון צ. ק. איז עס געווען אַ מאָדנער זאַג, וואָס האָט שאָקירט פיל דעלעגאַטן).

דער וויכטיקסטער באַשלוס איז געווען אָנצוהייבן אַן אַקטיווע אַרבעט פאַר אידישער דערציאונג. „אין איינקלאַנג מיט אונזער שיקאַגער פּראָגראַם באַשליסט די קאָנווענשאָן צוצוגיין צו דער אַרבעט פון גרינדן שולן אין אידיש, וואו עס זאָל געלערנט ווערן די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור און אידישע געשיכטע. עס זאָל אויך אַריינגעטראָגן ווערן אין די עקזיסטירנדיקע העברעאישע שולן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער גע־דאַנק". אין קאָמיטעט וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט זענען אַריין ח. זשיטלאָווסקי, ב. צוקערמאַן און י. ראַזאָווסקי. מען האָט אויך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון שאַפּירא (שיקאַגאָ) צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אויך אין

העברעאיש. דער באַשלוס איז אָבער שפּעטער ניט געוואָרן דורכגעפירט אין לעבן.

אַ וויכטיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן וועגן די קהילות. „די קאָנווענשאָן אָנערקענט די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן די אידישע קהילות פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער אידן. מיר פאָדערן אויף די חברים ענערגיש צו ווירקן אז די קהילות זאָלן ניט זיין פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן פּרינציפּ“.

אויפן געביט פון ארץ־ישראל־אַרבעט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד זאָל אָנהייבן פונקציאָנירן, ווען ס׳וועט זיין מינימום 6,000 פראַנק אין קאַסע. געלטער פון פּ. א. פּ. זאָלן ניט ווערן פאַרנוצט פאַרן פאַרלאַג „האחדות“; דורכפירן 2 זאַמלונגען, איינע אין חנוכה און די צייט פון דער אַנדערער זאָל באַשטימען דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. „האחדות“ — דער אָרגאַן פון די ארץ־ישראל׳דיקע פּועלי־צ, זאָל דערשיינען אונטער דער אויפזיכט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ. דער פאָרשלאַג וועגן האָבן אין זשורנאַל אַן אָפּטיילונג אין אידיש איז געוואָרן איבערגעגעבן צו באַטראַכטן דעם נאָענטסטן וועלט־צוזאַמענפאָר. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ געזעלשאַפט פאַר באַזעצן חברים פון אַמעריקע אין א״י אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. די פראַגע וועגן שיקן אַ דעלעגאַציע קיין א״י, איז געוואָרן איבערגעגעבן דעם צ. ק. אַלע געלטער פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד זאָלן ווערן איבערגעשיקט דורכן פּאַלעסטינע־ביוראָ; אויפפאָדערן דעם פּוע״צ־ביוראָ אין ארץ ישראל צו אונטערזוכן די האַנדלונג פון נאַציאָנאַל־פאָנד און אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס צו אידישע אַרבעטער; פאַרשטאַרקן די פאַרטרעטונג פון פּוע״צ אין ציוניסטישן קאָנגרעס; דורכפירן חנוכה אַ שקל־וואָך (דער פּרייז פון אַ שקל פאַר אַ חבר איז 30 סענט, פון וואָס 5 סענט גייט פאַר דער אויסהאַלטונג פון פאַרבאַנדס־ביוראָ); שאַפן אַ ברייטערן קאָמיטעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, געוויילט דורך פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. דער קאָמיטעט זאָל אויסוויילן פון זיך אַן ענגערן קאָמיטעט, וואָס זאָל האָבן די אויפזיכט איבער דער טעטיקייט פון ניו־יאָרקער נאַציאָנאַל־פאָנד־ביוראָ; אַרבעטן פאַר „בצלאל“; פאָרזעצן די אַרבעט פון פאָרבאַרייטן פּיאָנערן און אָרגאַניזירן די חברים, וואָס זענען אַנטשלאָסן צו פאָרן קיין א״י. אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט זענען אַריין ב. קאָך — סעקרעטאַר און ז. גאָלדשטיין.

וועגן פאַרבאַנדס־ביוראָ: רעקאָמענדירן דער וועלט־קאָנפערענץ איבערצוטראָגן דאָס פּ. ב. קיין א״י. אַרויסגעבן ביכער און בראָשורן וועגן ארץ ישראל, אין אידיש.

ציוניסטישע פעדעראַציע: דער צ. ק. איז געוואָרן אינסטרואירט צו ווירקן אויף דער אַרבעט פון דער פעדעראַציע. ביי אַזעלכע ארבייטן וואָס מען קען טאָן צוזאַמען, זיך פאַרבינדן מיט דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע.

נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד: די חברים זענען געוואָרן אויפגעפאָדערט צו אַרבעטן פאַרן פאַרבאַנד און ווירקן דאָרט אין גייסט פון דער פּאַרטיי.

נאָך אַ לענגערן וויכוח וועגן דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין לאַנד איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן די פראַגע צו דיסקוסיע אין די פאַראיינען און אין דער פּרעסע (דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אויף וועלכע פּאַרטיי זאָל זיך די

פּועץ שטיצן: די ס. פּ. אָדער די ס. ל. פּ.). דער צ. ק. זאָל באַשטימען אַ טרייד־יוניאָן־קאָמיסיע, וואָס זאָל שטודירן די אידישע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג; דורכ־פירן אַן אַנקעטע צווישן די אידישע אַרבעטער; גרינדן טרייד יוניאָן־גרופּן פון פּועץ; אַלע חברים זענען געוואָרן אויפגעפאָדערט זיך אָנצושליסן אין די יוניאָנס; פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע פאַר אַ אידישער סעקציע אין סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל.

ס׳זענען נאָך אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן אָרגאַניזאַציע און אַגיטאַ־ציע, „אידישער קעמפּער״, עמיגראַציע־קאָנגרעס, יק״א; די פאַראיינען זאָלן שאַפן ביבליאָטעקן פון ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור; די פאַראיינען זאָלן אַרבעטן פאַר דער נאַטוראַליזירונג פון זייערע מיטגלידער.

אין סעקרעטאַריאַט זענען געוואָרן געווילט: מ. בראון, א. ש. וואַלדשטיין (צייטווייליק) און ה. ערנרייך. אין דער פאַרוואַלטונג פון אידישן „קעמפּער״: מ. גלאַזמאַן, וו. שוואַרץ און יואל ראַזאָווסקי (אַלס פאַרוואַלטער).

אין נומער 32 „אידישן קעמפּער״ (4טן נאָוועמבער, 1910), וואָס איז דער־שינען באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן, האָט וואַלדשטיין באַשולדיקט זשיטלאָווסקין, אַז ער איז געבליבן דער זעלבער סערפּיסט ווי אַמאָל, מיט דעם אונטערשיד, וואָס אַמאָל האָט ער געהאַלטן פון סתם אַ טעריטאָריע אַלס אַ ווייטער ענד־ציל און איצט האַלט ער פון ציון אַלס יענעם ווייטן ענד־ציל. מיט צוויי נומערן שפּעטער איז זשיטלאָווסקי ווידער אַמאָל געוואָרן שאַרף אָנגעגריפן אין אַן עדיטאָריעל פאַר דער ביילאַגע „פאָלקס שטימע״ פון די ס. ט. וואָס ער גיט אין זיין „נייעם לעבן״. דאָס „נייע לעבן״ האָט געענדערט איר טאַקטיק און איז געוואָרן פּרינציפּיעל גרויסע מקורבים מיט די אַמעריקאַנער ס. ט. אַזוי ווי די סערפּיסטן אין רוסלאַנד זענען געוואָרן גרויסע מקורבים מיט די רוסישע ס. ס. „זאָל מען וויסן קלאָר, אַז מיר האָבן נאָך אַ קעגנערישן אָרגאַן, וועמען מיר מוזן און וועלן באַקעמפן״ [די]).

דער „אידישער קעמפּער״ וואָס איז באַנייט געוואָרן דעם 25טן מערץ, 1910, האָט ווידער אַמאָל פאַרנומען זיין אַמאָליקן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אידישער פּרעסע *). אין ערשטן נומער פון דער באַנייטער צייטשריפט האָט דער ערש־טער אַרטיקל געהייסן: „צוויי יאָר זענען אַריבער זינט מיר האָבן אויפגעהערט ריידן צום ברייטן עולם״. אין נומער האָבן מיטגעאַרבעט: י. אַדלער, אבנר (בן צבי), ש. גאָרעליק, יהואש, א. וואַלינער, דר. ח. זשיטלאָווסקי און דר. נ. סירקין. די צייטונג איז געוואָרן רעדאַגירט דורך אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע, אָנגעפירט דורך א. ש. וואַלדשטיין. זינט אויגוסט 1910 איז א. ש. וואַלדשטיין געוואָרן דער איינ־ציקער רעדאַקטאָר.

דער קרייז מיטאַרבעטער איז געוואָרן ווייטער אויסגעברייטערט. מיר טרעפן דאָן אין דער צייטונג די נעמען פון ארץ ישראלדיקן בעלעטריסט א. ראובני, כתריאל (האַזאַנאָוויטש), יצחק אייזיק הורוויץ. פון דער אַלוועלטלעכער פּועץ־באַוועגונג דרוקן זיך אָפּט אַרטיקלען פון זרובבל, בערל לאָקער, ש. קאַפּלאַנסקי א. א. אויפן פעלד פון שיינער ליטעראַטור ווייזן זיך משה לייב האַלפּערן, אברהם וויעוויאָרקא, דוד איגנאַטאָוו; אַ שטענדיקע ליטעראַרישע איבערזיכט פון קריטי־

*) אין מיטן 1909 איז דערשינען אַ נומער „קעמפּער שטימע״, וואָס האָט געמאַכט פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר דער ווידערדערשיינונג פון „אידישן קעמפּער״.

קוס. איינמאָל דרוקט זיך אויך דאָרט שמואל ניגער. עס ווייזט זיך אַ נייע אָפּטיי־לונג א. נ. „שטעט און שטעטלעך" מיט אַ פאַרצווייגטער קאָרעספּאָנדענץ פון דער פּראָווינץ. די צייטונג גיט אָפּ פיל פּלאַץ די פּראָבלעמען פון דער קאָאָפּעראַטי־ווער קאָלאָניזאַציע אין א"י, לויט די פּלענער פון פראַנץ אָפּענהיימער. עס ווערט אויך אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָן פּראָבלעמען. עס ווערן אָפּט געדרוקט בריוו פון ארץ ישראל, וואו די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דאַן אָנגעהויבן ברייט צו אַנטוויקלען.

אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט קומען אָבער אויך אָן טענות פון דער פּראָווינץ. מינעאַפּאָליס קלאָגט זיך, אַז עס פעלט אין דער צייטונג דאָס אַמאָליקע ברענענדיקע וואָרט. שיקאַגאָ פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל ווידמען מער פּלאַץ דער אַמעריקאַנער לי־טעראַטור און די אַמעריקאַנער פּראָבלעמען.

דעם 5טן אויגוסט, 1910, גייט די צייטונג איבער צום אַמאָליקן גרויסן צייטונגס־פאָרמאַט. לכבוד דעם יום טוב ווידמעט די צייטונג אַן אַרטיקל זיך אַליין. „עס וועט זיין אונזער אויפגאַבע צו דערמאָנען אַלע די יעניקע, וואָס האָבן עס פאַרגעסן, אַז אונזער פאָלק איז נאָך אין גלות און נאָר איין מיטל איז דאָ פאַר זיין רעטונג, איין האָפענונג איז געבליבן — אַ לאַנד!

„...דאָס מיינט ניט אַז מיר וועלן ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט די אַלע פראַגן פון זיין לעבן אין גלות, ניין! דער „אידישער קעמפער", וואָס איז אין זיין ערשטער צייט פון עקזיסטענץ געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט אויפ־געהויבן העכער די פאָן פון דער אידישער קולטור, האָט זי געזוכט עסטעטישער, העכער צו מאַכן, האָט זי געזוכט וואָס מער צו דערנענטערן צו דער הויכקייט פון קונסט. דער „אידישער קעמפער" וועט זיין פאָן פון האַנט בשום אופן ניט אַרויסלאָזן. נאָך מען ווי דאַן, ווייל איצט זענען מער מעגלעכקייטן דאָ, וועט ער עס טאָן. נאָך מער ווי דאַן ווערט אַלץ וואָס איז פריש און יונג און פול מיט לעבן, פול מיט שיינהייט, געפינען ברייטע אָפּענע טירן אין אונזער צייטונג. מער ווי דאַן וועט אויפמערקזאַמקייט אויך געשענקט ווערן צו אַלע ציוניסטישע און סתם נאַציאָנאַלע, סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פראַגן. נאָך מער ווי דאַן, ווייל מיר אַליין זענען עלטער געוואָרן און מער ערפאַרן".

אין סעפּטעמבער, 1910, האָט דער צ. ק. פּראָקלאַמירט אַ יום טוב לכבוד דעם 5טן יובל זינט ס'האָט זיך געגרינדעט אין סעפּטעמבער 1905 דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט צו שאַפן די פּאַלעסטינע־טרייע פּועלי־ציון־פּאַרטיי. די חברים זענען געוואָרן גערופן צו געבן דאָס פאַרדינסט פון דעם טאָג אַרבעט פאַרן „אידישן קעמפער". דעם 11טן דעצעמבער, איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַן אָריענטאַלי־שער באַל מיטן אָנטייל פון 3,000 מאַן. די רעדנער: סירקין און צוקערמאַן. די פיינע הכנסה איז געגאַנגען פאַרן „קעמפער". אויך פילאַדעלפיע האָט דאַן איינגעאָרדנט צום 4טן מאָל איר אונטערנעמונג פאַרן „אידישן קעמפער" — אַ בעטלער־באַל. דער יונגער ברענטש 14 פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד אין ניו יאָרק האָט אין יאַנואַר, 1911, צום ערשטן איינגעאָרדנט אַן ענלעכן באַל, וואָס איז אַ לאַנגע צייט גע־ווען די יערלעכע טראַדיציע פון דעם ברענטש.

דעם 24טן מערץ, 1911, איז דערשינען דער יובל־נומער מיט 16 גרויסע זייטן אין זייער אַ רייכן אינהאַלט. עס האָבן זיך באַטייליקט: י. אַדלער, מ. ל. האַלפּערן, א. וואַלינער, א. ש. וואַלדשטיין, דר. י. וואַרטסמאַן, י. זאַר, דר. זשיטלאָווסקי,

יהואָש, כתריאל, ק. מרמר, נ. סירקין, יואל סלאָנים, יואל ענטין, ב. צוקערמאַן, משה קאַץ, יוסף ראָלניק, אַרטור שניצלער, י. י. שוואַרץ.

אין זעלבן נומער איז דערשינען די ערשטע רשימה פון ביישטייערער פאַר אַן אייגענער דרוקעריי פאַר דעם באַליבטן וואָכנבלאַט. אָבער די לאַגע פון דער צייטונג ווערט ווידער שווער. אויפן פאַרטיי־ראַט (15, 16טן אַפּריל, 1911), באַריכטעט האַזאַנאָוויטש פון דער רעדאַקציע, וואָס ער האָט איבערגענומען סוף פעברואַר, און ג. אוורונין פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס ער האָט איבערגענומען אין נאָוועמבער, 1910. סירקין לייגט פאָר אין ערגסטן פאַל צו פאַרוואַנדלען די צייטונג אין אַ 2־וואָכנבלאַט. די פאָרשלאָגן וועגן פאַרקלענערן דעם פאָרמאַט פון דער צייטונג ווערן אָפּגעוואָרפן. אַלע אָנגענומענע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן און דעם 5טן מאַי, 1911 האָט זיך די צייטונג ווידער אָפּגעשטעלט. „אויף דער־וויל". די צייטונג האָט פאַרזיכערט אַז „אַלע וועמען אונזערע אידעאַלן זענען הייליק, וועלן האָפנטלעך ניט רוען, ביז זיי וועלן ניט זען דאָס ווידערדערשיינען פון „אידישן קעמפער".

די צייטונג איז ערשט געוואָרן באַנייט דעם 28טן אַפּריל, 1916.

אין פאַרלאַג „קעמפער" זענען דערשינען אין 1910 די ערשטע ביכלעך פון די „אידיש סאָציאַליסטישע ביבליאָטעק": געקליבענע ציוניסטישע שריפטן פון מאַקס נאָרדוי (80 זייטן) און דר. פראַנץ אָפּענהיימערס „מיין שטודיענרייזע אין פאַלעסטינאַ" (42 זייטן). ס'איז אויך דערשינען אַן ענגלישע בראָשור פון א. ש. וואַלדשטיין "What is Poale Zionism". דאָס געפּלאַנטע באַראָכאָוו־בוך איז ניט געוואָרן צוגעגרייט. די 2 בענד מיט באַראָכאָווס שריפטן זענען ערשט דערשינען נאָך דעם טויט פון וויכטיקן פּועל־צ־פירער אין דעצעמבער, 1917.

די קולטור־טעטיקייט פון דער פאַרטיי איז געוואָרן פּילזייטיקער נאָך דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאַן. די פאַרטיי־פאַראיינען האָבן אָנגעהויבן זוכן עפּעס צו טאָן אויפן געביט פון אידישער דערציאונג. מיר שרייבן וועגן דעם גענויער אין קאַפּיטל 18. אין מילוואָקי האָט די פּוע"צ אָנגעהויבן אַן אַקציע צו לערנען העברעאיש אין די פּאַבליק סקולס. אין פילובלעטלעך וואָס האָבן גערופן צו אַ קאַמפּיין־מיטינג פון דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי האָט מען געמאָלדן אַז מען וועט אויפן מיטינג אויך באַרירן די פראַגע פון לערנען העברעאיש אין די פּאַבליק סקולס. דער פּוע"צ פאַראיין האָט אויך אָנגעהויבן אַן אַקציע איינצופירן אַ אידישע אָפּטיילונג פון אידישע און העברעאישע ביכער אין דער עפנטלעכער שטאָטישער ביבליאָטעק.

די אַמעריקאַנער פּוע"צ האָבן נאָך פאַר דער קאָנווענשאַן אין מאָנטרעאַל זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט אַז מיר האָבן צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן: אידיש און העברעאיש. אין מערץ, 1910, האָט דער צ. ק. באַשלאָסן מיטצואַרבעטן אין דער עקזעקוטיווע פון העברעאישן קולטור־קאָנגרעס נאָר דאַן אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן אַז דער קאָנגרעס האָט ניט באַשלאָסן אַז העברעאיש איז די איינציקע שפּראַך פון אידישן פאָלק. דאָס האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער שטעלונג פון די פּוע"צ אין אייראָפּע. ווי באַקאַנט האָט כתריאל (האַזאַנאָוויטש) אַריינגעטראָגן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (אין 1908) אַ רעזאָלוציע אַז „אידיש איז אַ (ניט די) נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק". אין פאַרגלייך מיט דער

רעזאָלוציע פון דער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר איז עס געווען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין פּאַרטיי־פּראָגראַם.

די פּוע״צ איז אויך געווען טעטיק אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן אידישע מוזיק. דער פּאַרטיי־ראַט אין אַפּריל, 1911, האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע דעם ניו יאָרקער פּוע״צ געזאַנג־פאַראיין (דיריגענט: פּלאטאָן ברונאָף) פאַר זיין טעטיקייט אויפן געביט פון אידישער מוזיק. אויך אין שיקאַגאָ איז אַנטשטאַנען אַ אידיש־נאַציאָנאַלער געזאַנג־פאַראיין סוף 1911.

צווישן די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען פון די פּוע״צ אין באַהאַנדלטן צייט־פּעריאָד, דאַרף מען דערמאָנען די יערלעכע אָנדענק־פאַרזאַמלונגען צום אָנדענק פון דר. הערצל און די פייערונגען צום 60טן יובל פון מאַקס נאָרדוי (אין 1909).

.12

# נאַציאָנאַלע ארבעט אין גלות

די פראַגע צי זאָלן די אַמעריקאַנער פועלי ציון אַריינגעמען אין זייער אויפגאַבן־קרייז אויך טעטיקייטן וואָס האָבן דעם צוועק צו באַפעסטיקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן קיום אין אַמעריקע, איז גאַנץ אָפט געשטאַנען אויף דעם סדר היום פון דער באַוועגונג. לאָמיר זען ווי ס'האָט זיך אַנטוויקלט די באַציאונג פון דער פּאַרטיי צו דער דאָזיקער העכסט־קאַרדינאַלער פראַגע.

די ערשטע גרינדונגס־קאָנפערענץ אין באַלטימאָר אין 1905, האָט ערקלערט אין איר פּראָגראַם, אַז זי גלויבט ניט דאָס ס'איז נויטווענדיק פאַר אידן אין אַמעריקע צו פאָדערן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אָבער די פּאַרטיי דאַרף קעמפן פאַר דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון אידישן פאָלק אין די גלות־לענדער, הגם די פאָלקאָמע לעזונג פון דער אידישער פראַגע קען נאָר פאַרווירקלעכט ווערן אין פּאַלעסטינע.

פאַר דער צווייטער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן אין 1906, האָט זיך געפירט אויף די שפּאַלטן פון „אידישן קעמפער" אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע אַרום דער פראַ־גע. די אָנהענגער פון דער נויטיקייט צו זיין טעטיק אויף דעם געביט, האָבן אַזוי פאָרמולירט די קעגנוואַרטס־אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אין אַמעריקע: די נאַציאָ־נאַלע אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער אויף דעם באָדן פון זייערע עקאָנאָ־מישע אינטערעסן און די דערציאונג פון נייעם דור. „די נאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי זי ווערט אויסגעדריקט אין טרייד־יוניאָניזם, האָט מאַנכע חסרונות, צו וועלכער עס מוז געגומען ווערן אַ שטעלונג ניט נאָר אויפן פּאַפיר נאָר אין פּראַקטישן לעבן. עס מוז געפינען ווערן אַ פאָרם ווי צו אָרגאַניזירן די ניי־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און ניט קומען דערביי אין קאָנפליקט מיט די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס. עס מוז אויך אָפּגעשאַפט ווערן דער ברודער־קריג צווישן „פעדערײשאָן" און „אינ־דוסטריאַל" (געמיינט די „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" און די „אינ־דוסטריעל וואָירקערס אָוו אַמעריקע", וואָס האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער פעדערײשאָן און איר באַשולדיקט אין אפּאָרטוניזם א. א. וו.), אַ קאַמף דורך וועלכן די אַרבעטער האָבן גאָרניט געוואונען און פיל פאַרלוירן".

אויך די צווייטע אויפגאַבע ווערט קלאָר פאָרמולירט. אַלע דערציאונגס־אינ־סטיטוציעס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די „יהודים", וועלכע האָבן פונקט ווי די זשאַרגאָן־שפרעכערישע סעקטן (געמיינט: די גענאָסן) געוואָלט אָפּמעקן יעדן אי־דישן נאַציאָנאַלן סימן פון נייעם דור. די אידן אין אַמעריקע זענען אפשר באַרופן צו שפילן די באַדייטנדסטע ראָל אין דער אידישער גלות־געשיכטע. דער נייער דור קען אפשר שאַפן אַזאַ אידישע קולטור, וואָס האָט ניט געהאַט איר גלייכן פון חורבן אָן. דאַרף מען דערפאַר ווידמען דער אויפגאַבע פון דערציאונג פיל כוח און ענערגיע [88].

די קעגנער פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָבן אויסגעדריקט זייער מיינונג קלאָר: „די אַרבעט אין גלות, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, קען ניט פיל דער־נענטערן צום ציל פון ציוניזם, אָבער די אַרבעט אין א״י, קען דירעקט פאַרבע־סערן די אידישע לאַגע אויך אין די גלות־לענדער.

„די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון אידישן פאָלק און ספּעציעל פון אידישן אַרבעטער־קלאַס וועט ניט קומען דורך דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין גלות, נאָר הויפּטזעכלעך דורך דער ציוניסטישער אַרבעט אין ארץ ישראל״ [69]).

אויך דער רעדאַקטאָר, ק. מרמר, האָט אונטערשטיצט דעם פאָרשלאָג פון ווידמען זיך דער אויפגאַבע פון אידישער דערציאונג. דערביי זעט ער ניט די מעג־לעכקייט צו מאַכן העברעאיש פאַר דער אומגאַנגס־שפּראַך אין גלות און זעט ניט דעם נוצן פון די העברעאיש־שפּרעכנדע פאַראיינען, אויב זייערע חברים גרייטן זיך ניט צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

די באָסטאָנער קאַנווענשאָן האָט אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאָגן פון דער מינדער־הייט וועגן רעווידירן די באַלטימאָרער פּראָגראַם, ווי אויך צו ענדערן די שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע. זי האָט אָבער צוגעזאָגט די פאָרשטייער פון דער אָפּאָזיציע צו די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי, עפּנדיק אַ וועג פאַר ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען.

פאַר דער דריטער קאַנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (1907) האָט יצחק זאַר, וואָס איז דאַן געוואָרן איינגעלאַדן צו קומען פון רוסלאַנד און איבערנעמען די רעדאַקציע פון „אידישן קעמפער״, ווידער געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן די סאָציאַל־פּאָליטישע טעטיקייט אין אַמעריקע. דווקא אַ פאַרשטייער פון ענגליש־שפּרעכנדן פאַראיין האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן אידישער דערציאונג. די קאַנווענשאָן האָט די פראַגן ניט געווידמעט די גענוגנדע אויפמערקזאַמקייט, צוליב אַ גאַנצע רייע סיבות.

די ס. ט. האָבן מער באַטאָנט די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. אַ וויכטיקע פּיאָנערן־אַרבעט האָט אויף דעם געביט אויפגעטאָן די גרופּע „סערפּ״, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דר. זשיטלאָווסקי. די פאַראייניקונגס־אונטערהאַנד־לונגען מיט די ס. ט. און „סערפּ״ אין 1909 האָבן דערפירט דערצו, אַז די פראַגע נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות איז געוואָרן מער אַקטועל אויך אין די רייען פון די פּוע״צ. גלייכצייטיק איז דאָ אויך געוואַקסן די השפעה פון דער רוסישער פּוע״צ־באַוועגונג; ס׳האָט אַהער דערגרייכט דער אָפּקלאַנג פון קאַמף פון די עסטרייַ־כישע פּוע״צ פאַר נאַציאָנאַלער רעכט, פון דער העלסינגפאָרסער ציוניסטישער פּלאַטפאָרם, פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, און ניט צולעצט — די פּראַקטישע ווירקונג פון דער פּאַרטיפּטער שריפטלעכער און מינדלעכער אויפ־קלערונגס־אַרבעט געפירט דורכן „אידישן קעמפער״, דורך די פיל לעקציעס און טורן איבערן לאַנד, א. א. וו.

לעאָן האַזאַנאָוויטש האָט ריכטיק אָנגעוויזן אין זיין אַרטיקל אין „נייעם לעבן״ (אַפּריל - מאַי, 1909), אַז „אַמווייניקסטנס באַפרידיקנד אין דער באַציאונג פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות זענען די אַמעריקאַנער פּוע״צ. דאָס הייסט אָבער ניט אַז זיי אַרבעטן ווייניקער פאַר אַנדערע, נאָר אַז זיי באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער אומטעטיקייט. דאָס הענגט צוזאַמען מיט די אייגנ־אַרטיקע פאַרהעלטענישן אין לאַנד, וועלכע זענען ביז אַהער געווען אומגינסטיק פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט. די פּוע״צ האָבן אויך געמוזט קאָנצענטרירן כמעט

אַלע כּוחות זייערע אויף פּאַלעסטינע־אַרבעט צוליב דער ביישפּיללאָזער אומ־פּעאיקייט פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין אַמעריקע. אויפן קולטורעלן געביט איז איבעריקנס מערקבאַר דער איינפלוס פון די פּוע״צ אויף דער קאַנטרי מער ווי פון יעדער אַנדער פּאַרטיי. פּרינציפּיעלע קעגנער האָט די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין די גלות־לענדער אין ערגעץ ניט, העכסטנס גאַנץ פאַרשווינדנדע אויסנאַמען״.

א. ש. וואַלדשטיין האָט אין זיין פּאָלעמיק מיט דר. זשיטלאָווסקי געפּרואווט שטאַרק מינימיזירן די באַדייטונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אָבער די הערשנדע שטימונג אין די פּוע״צ־קרייזן איז געווען פאַרן נייעם קורס. די קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ האָט אָנגענומען די פאַראייניקונגס־פּראָגראַם, וואָס האָט פאַרפליכטעט די פּאַרטיי צו קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער און פּאָלי־טישער גלייכבאַרעכטיקונג פון אידישן פאָלק אין די גלות־לענדער, קעמפן קעגן אַסימילאַציע און אַסימילאַציע־טענדענצן און זיך באַנוצן מיט העברעאיש און אי־דיש ביים אויפהויבן דעם קולטור־מצב פון אידישן פאָלק אין גלות.

אַן אינטערעסאַנטער וויכוח האָט זיך אַנטוויקלט אין „אידישן קעמפער״ אַרום אַ רעדע וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין אָקטאָבער, 1910, אויף אַ ראַטי־פיקאַציע־מיטינג פון מאיר לאָנדאָן, גערופן דורך די פּועלי ציון. זשיטלאָווסקי האָט געזאָגט, אַז אויב די ערוואַכונג פון איד אין מענטש האָבן מיר צו פאַר־דאַנקען דעם ציוניזם, איז די ערוואַכונג פון מענטש אין איד געשען אַ דאַנק דעם סאָציאַליסטישן „בונד״. די רעדאַקציע האָט דערויף מיט רעכט באַמערקט, אַז דער ציוניזם מיט זיין גאַנצער פאַרניינונג פון גלות, האָט שטענדיק און איבעראַל געקעמפט פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיקונג מער ווי דער „בונד״. דר. זשיט־לאָווסקי וועט ניט קענען אָנווייזן אויף קיין איין פאַקט, וואו די בונדיסטן האָבן עפנטלעך און שטאַרק אַרויסגעשטעלט זייערע אידישע פאָדערונגען. די דאָזיקע פאָדערונגען ליגן דערשטיקט אין זייער ליטעראַטור. פאַרקערט, וואו עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע פאָדערונגען, נעמען די בונדיסטן אָן אַן אמתע שקלאַפישע האַלטונג, ווי צ.ב.ש. אויפן אינטערנאַציאָנאַל, וואו זיי ציטערן שטענדיק טאָמער וועט מען דאָרט דערמאָנען דעם אידישן נאָמען; בעת די ציוניסטן קענען אָנווייזן אויף אַ שמריהו לעווין אין דער רוסישער דומע און אויף דעם „אידישן קלוב״ אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, וואו זיי האָבן יאָ אַרויסגעשטעלט אידישע פאָ־דערונגען״ [100].

אויף דער 5טער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910) האָט זיך נאָכן רעפע־ראַט פון דר. זשיטלאָווסקי וועגן נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות, אַנטוויקלט אַ שאַרפער וויכוח. זשיטלאָווסקי האָט פאַרגעלייגט צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אין אידיש. העברעאיש זאָל דאָרט געלערנט ווערן ניט עברית בעברית, וואָס איז פּעדאַגאָגיש פאַלש, נאָר עברית באידיש. זיין פאַרשלאָג איז געוואָרן אונטערשטיצט דורך צוקערמאַן, חייקין — דער פאַרשטייער פון נאַצ. אַרב. פאַר־באַנד, שניאור (מאָנטרעאַל) א. א. סירקין, אורונין, וואַלדשטיין און שאַפּירא (שיקאַגאָ) האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פאַרשלאָג. שאַפּירא האָט געטענהט, אַז מען גייט מאַכן שלום מיטן גלות. סירקין און וואַלדשטיין האָבן פאַרגעלייגט צו גרינדן שולן אין אידיש, העברעאיש און ענגליש. זשיטלאָווסקי׳ס פאַרשלאָג איז געוואָרן אָנגענומען, אָבער ס׳איז אויך געוואָרן אָנגענומען דער פאַרשלאָג פון שאַפּירא צו גרינדן שולן אויך מיט דער העברעאישער אונטעררי‏כטס־שפּראַך. ס׳איז

צווייטע פועלי ציון קאָנווענשאַן אין באָסטאָן (15—18 דעצעמבער 1906)



זיבעטע פּועלי ציון קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (19—21 אָקטאָבער 1913)



אויך באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די קהילות, אָבער ניט געבויט אויפן רע־ליגיעזן פּרינציפּ.

אין „אידישן קעמפּער" האָט נאָך דער קאָנווענשאָן וואָלדשטיין באַשולדיקט די פּאַרטיי אַז זי געפינט זיך צופיל אונטער זשיטלאָווסקי'ס השפּעה. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן באַשלוס צו בויען שולן אין אידיש. צוקערמאַן האָט אים געענטפערט, אַז אידיש איז אין אַמעריקע אַ שטאַרקערער געווער אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע ווי העברעאיש. „וועגן דער מעגלעכקייט וויל איך דאָ ניט רעדן. אַן אַרבעט, פאַר וועלכער מ'האָט נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פּרוּוו איר דורכ־פירן, קען ניט באַשטריטן ווערן מיט אוממעגלעכקייט. דאָס וועט אונז די פּראַקטיק ווייזן" [101].

די פּוע"צ האָט געפּרוּווט זיין אַקטיוו ביים בויען די אידישע קהילה אין ניו־יאָרק. פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי האָבן גענומען אַנטייל אין דער ערשטער קאָנ־פערענץ, גערופן דעם 11טן און 12טן אָקטאָבער, 1908, אין ניו יאָרק, מיטן צוועק צו שאַפן אַ קהילה פאַר ניו יאָרק. פּוע"צ איז אויך געווען פאַרטראָטן אויף דער ברייטערער קאָנפערענץ, דעם 27טן פעברואַר, 1909, מיטן אַנטייל פון 300 דעלעגאַטן, פאַרשטייער פון 122 אָרגאַניזאַציעס. אָבער נאָכדעם ווי ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די קהילה וועט טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, האָבן זיך פאַר־שטאַרקט די שטימונגען ניט צו זיין מער אַקטיוו אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע. די דאָזיקע שטימונגען האָבן זיך פאַרשטאַרקט נאָכדעם ווי די קהילה־קאָנפע־רענץ וואָס האָט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער קהילה דר. יהודה לייב מאַגנעס, האָט באַשלאָסן, אַז די 25 מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ניו יאָרקער קהילה, זאָלן גלייכצייטיק זיין די ניו יאָרקער מיטגלידער פון אַמערי־קאַנער־אידישן קאָמיטעט (אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי) און זיי בילדן די 12טע סעקציע פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

די פאַרטרעטער פון פּוע"צ אויף דער דריטער יערלעכער קאָנפערענץ פון דער ניו־יאָרקער קהילה, אין מערץ, 1911, זענען אַרויסגעטראָטן קעגן רעלי־גיעזן כאַראַקטער פון דער קהילה אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון דער מאָנט־רעאַלער קאָנווענשאָן. ב. צוקערמאַן האָט דערקלערט, אַז די קהילה איז ניט לעבנס־פעאיק, ווייל זי האָט זיך געשטעלט בלויז אויפן יסוד פון אמונה. ער האָט אויך קריטיקירט דעם פאַקט, וואָס די קהילה פירט ניט קיין נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע אַרבעט. די דערציאונג אין גייסט פון פּראָגרעסיוון אידנטום ווערט פאַר־נאַכלעסיקט. ער האָט אַפּעלירט צו די אָרטאָדאָקסישע אידן וואָס האָבן אַ געזונטערן פאָלקס־אינסטינקט ווי די יהודים, זיי זאָלן זאָרגן פאַר דער נאַציאָנאַלער דער־ציאונג פון די קינדער און זיך נעמען צו וויכטיקער עקאָנאָמישער און קולטורעלער פאָלקס־אַרבעט.

אויף דער קהילה־קאָנפערענץ זענען געווען פאַרטראָטן 161 שולן און סינאַ־גאָגעס און 505 פאַרשידענע חברות און פאַראיינען. דר. מאַגנעס האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון 2 יאָר טעטיקייט. מען האָט געפּרוּווט צו אָרגאַניזירן אַ „וועד הרבנים", אַ וועד פאַר כשרות, שמירת שבת; מ'האָט געשאַפן אַן אַרבעטס־פאַרמיטלונגס־ביוראָ, וואָס האָט געגעבן אַרבעט 500 מענטשן. לואי מאַרשאַל האָט דערקלערט אַז די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, וויל גרינדן קהילות, ענלע־כע ווי אין ניו יאָרק, אין אַלע שטעט; די קהילות זאָלן זיך דערקלערן אַלס אַ

טייל פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, און דאַן וועט די „קאָמיטע" זיין די אמת'ע פאָרשטייערין פון אַמעריקאַנער אידנטום. (דער „אידישער קעמפּער" באַמערקט דערויף איראָניש: „ווי געפעלט אייך אַזאַ קאָמעדיע? פריער באַשטימט מען די קערפּערשאַפט, וועלכע דאַרף רעפּרעזענטירן און דערנאָך באַשאַפט מען די קערפּערשאַפט וועמען מען דאַרף רעפּרעזענטירן").

אויפן צווייטן טאָג פון דער קאָנפערענץ האָט מען געשטעלט אַ פאָרשלאַג, אַז די קהילה זאָל אויפגעבן איר פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. דער פאָרזיצער האָט ערקלערט אַז דער פאָרשלאַג איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל. דעם זעלבן מזל האָט געהאַט דער פאָרשלאַג, אַז דער באַראַטונגס־קאָמיטעט זאָל האָבן 4 זיצונגען צוזאַמען מיטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואו אַלע זאָלן האָבן שטים־רעכט צו באַטראַכטן אַלע וויכטיקע פראַגן בנוגע דעם ניו יאָרקער אידנטום. אויך אַ שפּעטערדיקער פאָרשלאַג, אַז עס זאָלן פאָרקומען אַלגעמיינע זיצונגען אָן שטים־רעכט, איז געוואָרן דערקלערט אַלס ניט־קאָנסטיטוציאָנעל [102]).

ערב דער קהילה־קאָנפערענץ, האָט זיך אין „אידישן קעמפּער" געפירט אַ דיסקוסיע צי די פּוע"צ זאָלן זיך באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ. די יאָ־זאָגער האָבן מאָטיווירט, אַז די קהילה ליגט ניט אינגאַנצן אין די הענט פון די אַמעריקאַנער יאַהודים. דער באַוויז זענען מאַגנעס און פרידלענדער, וואָס שפּילן אין דער קהילה אַ זייער וויכטיקע ראָל. אויב ביז איצט האָבן די רבנים דאָרט געהאַט די ברייטע דעה, איז עס דערפאַר ווייל די ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער קהילה. אַ ביישפּיל וואָס מען קען דאָרט אויפטאָן, איז די דערציאונגס־אַרבעט (אין 1910 האָט די קהילה עטאַבלירט אַ ביוראָ פאַר אידישער דערציאונג אונטער דער לייטונג פון דעם אין צפת געבוירענעם פּעדאַגאָג דר. ש. בענדערלי). די פאָנדן קומען טאַקע פון מענטשן, וואָס וויזן אָפּטמאָל אַרויס אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, אָבער די פּאַקטישע אַרבעט ווערט דורכגעפירט דורך נאַציאָנאַליסטן. נאַטירלעך דאַרף מען פיל קריטיקירן און רעפאָרמירן, אָבער „שטיין פון וויטן און לאָזן גיין לאיבוד די כחות פון אַזאַ אינסטיטוציע, וואָלט זיין אומגערעכט, אַ פאַרברעך" [103]).

אין עדיטאָריעל ערב דער קאָנווענשאָן האָט דער „אידישער קעמפּער" געשריבן: „אַ פאַרבאַנד וואָס זאָל פאַראייניקן דאָס דעמאָקראַטישע אידנטום פון גרויס־ניו יאָרק, איז געוואָרן אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. די קהילה וואָס שוועבט צווישן טויט און לעבן, האָט די אידעע פון אַזאַ פאַרבאַנד אויף יאָרן לאַנג דיסקרעדיטירט. און דאָך דאַרף מען זיך ניט אָפּשרעקן דעם געדאַנק פון פאַראייניקונג צו טראָגן אין די מאַסן. זאָלן די אָרטאָדאָקסישע אידן לערנען טאָלעראַנץ און ניט זוכן אויפצודרינגען זייערע אידעען אויף אַזוינע קרייזן, וועלכע זענען פאַר זיי ניט צוגעניגלעך; זאָלן פון דער אַנדערער זייט די ראַדיקאַל־געזאָננטע עלעמענטשן ענדלעך איינזען די נויטווענדיקייט פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער זעלבסט־טעטיקייט, דאַן קען געשאַפן ווערן אַ גרויסער פאָלקס־פאַרבאַנד צוליב גרויסע פאָלקס־צילן. די קהילה אָבער אין איר היינטיקער פאָרם איז די ריינסטע קאָמעדיע און פאַרדינט ניט מער ווי שפּאָט און פאַראַכטונג". „זיי רעפּרעזענטירן קיינעם ניט, אויסער זיך און זייערס גלייכן און האָבן ניט קיין רעכט צו רעדן אין נאָמען פון כלל" [104]).

אויך נ. סירקין האָט דאַן דערקלערט, אַז „די קהילה אין ניו יאָרק האָט זיך

באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ רעליגיעזער אַנשטאַלט, הגם די קאָנסטיטואירנדע פאַר־זאַמלונג האָט געוואָלט אויסשיילן רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן פון דער טעטיקייט פון דער קהילה און זיך באַשרענקען אויף אָרגאַניזאַציאָנעלע און אַלגעמיין־קול־טורעלע צוועקן. דאָס אידישע אַרבעטנדע פאָלק, קען לויט אַלע זיינע אינטערעסן און אידעאַלן, ניט האָבן קיין משא ומתן מיט דער אידישער קהילה און ענלעכע אידישע אָרגאַניזאַציעס". סירקין רוקט אין זעלבן אַרטיקל אַרויס דעם לאָזונג פון אַ דעמאָקראַטיש־געוויילטן אידישן וועלט־פּאַרלאַמענט [105]).

אויף דער 4טער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע (אויגוסט, 1913), האָט ערנ־רייך אינפאָרמירט, אַז די פּוע"צ האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער ניו־יאָרקער קהילה. סך הכול געפינען זיך אין אַמעריקע קהילות אין 2־3 שטעט. אין דעטרויט זענען די פּוע"צ יאָ פאַרטראָטן אין דער קהילה, אָבער זיי פאַרהאַלטן זיך צו איר קאַלט און גלייכגילטיק, ווי די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג.

אינטערעסאַנט, אַז אויך פאַרן אַרבעטער רינג איז געשטאַנען אין 1913 די פראַגע: אנטייל אין דער ניו יאָרקער קהילה. דר. מאַגנעס האָט זיך דאַן געווענ־דעט צום אַרבעטער רינג, ער זאָל אַריינטרעטן אין דער קהילה. דאָס וואָלט דעם אַרבעטער רינג אויך געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע". מאַגנעס האָט אָנגעוויזן אין זיין בריוו, אַז „די קהילה איז פאַראינטערעסירט אין כשר פליש, ווייל זי וויל אַריינברענגען אַן אָרדנונג אין תהו ובהו, וואָס הערשט אויף דעם געביט, אָבער ניט דערפאַר, ווייל זי וויל צווינגען יעדן צו עסן דוקא כשרות". ער האָט אויך געשריבן וועגן אַרבעטער־ביורא אַז „מיר זענען פאַראינטערעסירט צו סעטלען סכסוכים, וואָס קומען פאָר צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן אַפּיציעלע טעאָריעס בנוגע דעם קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, נאָר ווייל מיר גלויבן, אַז כדי עס זאָל זיין אָרדנונג אין אַן אָרגאַניזירטער אידישער קהילה, דאַרפן זיין פריינטלעכע באַציאונגען צווישן אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער". דער עק־זעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג. זיינע מאָטיוון זענען געווען: „דער רעליגיעזער עלעמענט זוכט דורך דער קהילה אויפצוהייבן די אידישע רעליגיע און דער פּאָליטישער עלעמענט זוכט צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פאַר די פּאַרטייען. מיר האָבן געזען, אַז דער אַרבעטער־רינג האָט גאָרניט וואָס צו טאָן דאָרט" ... [106]).

אין מערץ, 1911, קומט אַרויס חאַזאַנאָוויטש אין „אידישן קעמפער" מיט אַ פאָרשלאָג, אַז די פּוע"צ זאָל ווערן אַקטיוו אין דער אידישער פאַרמער־באַוועגונג און דורכפירן אַ גענויע אויספאָרשונג וועגן מצב פון די אידישע פאַרמער. ער האָט אין אַרטיקל אויסגעדריקט זיין הסכמה צו דער מיינונג פון דר. זשיטלאָווסקי, אַז די אַגראַר־באַוועגונג וועט פאַר אונז ווערן די צענטראַלע אַרבעט אין גלות, ווייניקסטנס אין גלות־אַמעריקע, אַז די גרינדונג פון אידישע דערפער איז די בעסטע קאָלאָניזאַציע־פאָרם פאַר אידן, אָבער דאָס פאָדערט פאָלקס־אָרגאַניזירט־קייט, אַ קאָמפּליצירטן קאָלאָניזאַציע־אַפּאַראַט. די זאַך ווערט נאָך פאַרוויקלטער דורך דעם, וואָס אין די מזרח־שטאַטן איז בכלל אַזוי גוט ווי אוממעגלעך צו גרינדן גאַנצע דערפער, ווייל די ערד איז דאָ באַזעצט — מוז מען גיין אין מערב, אין געגנטן, וואו עס לעבן ווייניק אידן. ער ענדיקט מיטן פאָרשלאָג דורכצופירן אַ

גענויע אויספאָרשונג וועגן מצב פון דער אידישער פאַרמער־באַוועגונג, „וואָס אַנטוויקלט זיך דאָ אין לאַנד מיט אַ סטיכישער קראַפט״.

חאַזאַנאָוויטש האָט אַ גרויסן טייל פון זיין שטורמיש לעבן געווידמעט דעם אי־דישן קאָלאָניסט, דעם דאָרפישן האַרעפּאַשניק. ער איז געשטאָרבן אין סעפּטעמ־בער, 1925, אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, בעת אַ נסיעה פאַרן „אָרט״, צווישן אידישע פויערים. בבריט־באַקאַנט איז דאָס אינטערעסאַנטע קאַפּיטל אין חאַזאַנאָוויטשעס לעבן, וואָס הייסט דער קאַמף קעגן דער יק״א, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט זיין דעפּאָרטאַציע פון אַרגענטינע אַלס אַ „געפערליכער אַנאַרכיסט״. זיין בוך, פאַרעפנטלעכט אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע, א. ג. „דער קריזיס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע״, איז געווען אַ שווערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער יק״א, ווי עס זאָגט דער אונטער־טיטל פון זיין בוך „דער מאָראַלישער באַנקראָט פון דער יק״א־אַדמיניסטראַציע״. נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן דעפּאָרטירט פון אַרגענטינע קיין ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל, איז נאָך פיל באַמיאונגען געוואָרן באַפרייט פון דער דאָרטיקער פעסטונג און צוריקגעקומען קיין גאַליציע, וואו ער האָט אין מאַי, 1910, איבערגענומען צוריק די רעדאַקציע פון „אידישן אַרבעטער״, האָט ער זיך ווידער אַמאָל פאַרבענקט קיין אַמעריקע, וואָס ער האָט באַזוכט צום ערשטן מאָל אין 1909. זיין כוונה איז אויך געווען ווי־טער פאָרצוזעצן אויפן פרייען אַמעריקאַנער באָדן זיין קאַמף קעגן דער יק״א. און אויף די שפּאַלטן פון „אידישן קעמפער״ האָט זיך טאַקע אָרום דער פראַגע פון יק״א פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אַ שאַרפער שטרייט צווישן ל. חאַזאַנאָוויטש און בן גוריון. געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן אַ פּלאַן פון חאַזאַנאָוויטש, אַז דער פּוע״צ וועלט־פאַרבאַנד זאָל שיקן אַן אונטערזוכונגס־עקספּעדיציע קיין אַרגענטינע אויס־צופאָרשן די טעטיקייט פון דער יק״א־אַדמיניסטראַציע אין אַרגענטינע און די באַשולדיקונגען וואָס זענען געוואָרן קעגן איר אַרויסגערוקט מצד חאַזאַנאָוויטש און די אַרגענטינער אידישע קאָלאָניסטן.

בן גוריון איז אין אַן אָפענעם בריוו צום ביורא פון אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פּועלי ציון אַרויסגעטראָגן קעגן דער געפּלאַנטער עקספּעדיציע, וועגן וואָס עס האָט מודיע געווען דער ווינער „אידישער אַרבעטער״, אין נומער 40 פון 1910. די ידיעה זאָגט, אַז „דער אַלוועלטלעכער פּוע״צ פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן צו אונטערנעמען אַ גרויסע אַקציע קעגן די יק״א מיטן צוועק צו באַפרייען די אַרגענ־טינער קאָלאָניסטן פון איר יאָך און זי בכלל צו צווינגען זיך צו רעכענען מיטן פאָלקס־ווילן. די אַקציע געפינט איר ערשטן אויסדרוק אין דעם, וואָס עס וועלן אַנגענומען ווערן אַלע מיטלען, כדי עס זאָל אין נאָמען פון דעמאָקראַטישן אידנטום, אָפּגעשיקט ווערן אַן אונטערזוכונגס־עקספּעדיציע קיין אַרגענטינע, וואָס וועט דאַרפן דערגיין אויף ריכטיק די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון יק״א און די פירונג פון אירע באַאַמטע. אין אויפטראַג פון פּוע״צ פאַרבאַנד פאָרט ח׳ ל. חאַזאַנאָוויטש קיין ענגלאַנד און אַמעריקע צו אַגיטירן פאַר דער אַקציע פון אַן עקספּעדיציע״.

בן גוריון פרעגט: ס׳איז שוין אַדורך אַ גאַנץ יאָר, ווי דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן, און גאָרנישט געטאָן פאַר א״י, גלייך ווי דאָס לאַנד וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען. און פּלוצים האָט זיך דאָס ביוראָ אויפגעטרייסלט, זיך דערמאָנט אין זיינע אויפגאַבן און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, צוצוגרייטן... אַן עקספּעדיציע אין אַרגענטינע.

„דער אידישער ישוב אין אַרגענטינע איז זייער וויכטיק — קיינער וועט דאָס

ניט אָפּלייקענען — אָבער וואו איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן אים און דער פּועלי־צ־אַרבעט פון וועלט־פאַרבאַנד ?.. די יק״א־פּראָוואָקאַטאָרן אין אַרגענטינע — דאָס איז געוויס אַ שענדלעכע דערשיינונג און מען דאַרף געוויס קעגן זיי קעמפן, אָבער מיט וואָס זיינען זיי פאַרן פּראָלעטאַרישן ציוניזם געפערלעכער ווי די אַליאַנס־פּראָוואָקאַטאָרן אין טערקיי? און אין אַלגעמיין איז ביי מיר אַ קשיא, פאַרוואָס אינטערעסירט זיך דאָס ביורא מיטן גורל פון די קאָלאָניסטן אין אַר־גענטינע מער ווי מיטן גורל פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל״ [107]).

אין אַ נומער שפּעטער, איז געווען אָפּגעדרוקט דער ענטפער פון לעאָן חאַזאַנאָוויטש. מיר זענען אַלע לאָקאַל־פּאַטריאָטן — האָט ער געטענהט, דאָך טרעט אין ערגעץ דער לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם ניט אויף מיט אַזאַ ברייטקייט ווי אין א״י. עס איז פאַלש ווען בן גוריון באַהויפּטעט, אַז „דאָס רעכט און אויפגאַבע פון אונזער עקזיסטענץ אַלס פּוע״צ איז דורכאויס אונזער טעטיקייט אין ארץ ישראל״. קיין פאַרנונפטיקער פּוע״צ וועט ניט אָנערקענען דעם דאָזיקן קאַטעגאָרישן אימ־פּעראַטיוו, וועלכער שטאַמט פון דער צייט פון פאַרן מבול. איך וואָלט מסכים געווען מיט ב. ג. ווען ער וואָלט געזאָגט, אַז די אַרבעט פאַר א״י, איז איינע פון ד׳י וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער וועלט־באַוועגונג, אָבער ניט, ווען ער ערקלערט איר אַלס איינציקע אויפגאַבע.

חאַזאַנאָוויטש שרייבט ווייטער: „איך וויל איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט דער גאַנצער באַשטימטקייט און קלאָרקייט דערקלערן די חברים אין א״י, אַז מיר זע־נען ניט קיין א״י־פּאַרטיי, אַז מיר זענען ניט קיין געלט־זאַמלונג־פּאַרטיי, נאָר אַ פּאַרטיי פון לעבעדיקן, רעוואָלוציאָנערן אידנטום און אַלץ וואָס איז אידיש טאָר אונז ניט פרעמד זיין״. ער באַשטרייט אויך דעם שטאַנדפּונקט פון בן גוריון, אַז גלות־אַרבעט איז דער ענין פון די לאַנד־פּאַרטייען, ניט פון וועלט־פאַרבאַנד. „ווי איז אָבער דער דין״ — פרעגט ער, „ווען די זאַך אין שייך דאָס גאַנצע אידנטום און די לאַנד־פּאַרטייען זענען צו שוואַך פאַר זייערע אויפגאַבן ? זאָל זיך אָנהויבן און ענדיקן אונזער סאָלידאַריטעט מיט פּאַלעסטינע ? [108]).

אויפן פּאַרטיי־ראַט אין אַפּריל, 1911, האָט כתריאל (חאַזאַנאָוויטש) רעפערירט דעם ענין פּראָטעסט־אַקציע קעגן יק״א. ער האָט פאָרגעלייגט אַ גאַנצן פּלאַן ווי צו אַנטוויקלען אַ ברייטע פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער יק״א און אַז די פּאַרטיי זאָל ביישטייערן אַ געוויסע סומע פאַר דער געפּלאַנטער עקספּעדיציע קיין אַרגענטינע. מאיר בראון האָט פאָרגעלייגט ניט צו איילן זיך מיט שיקן אַהין אַן עקספּעדיציע. זאָל מען זיך דערווייל באַנוגענען מיט אַ ברייטן פּרעסע־קאַמפּיין. די אַטאַקע קעגן יק״א דאַרף זיך נישט באַגרעניצן בלויז קעגן אירע מעשים אין אַרגענטינע. ערנרייך און צוקערמאַן האָבן געשטיצט כתריאל׳ס פאָרשלאַג. קעגן האָבן גערעדט אַפּלבוים און אַוורונין. דער פּאַרטיי־ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו באַגריסן פון גאַנצן האַרץ די אַקציע קעגן יק״א, און דריקט אויס זיין הסכמה צו דער אידעע אַרויסצושיקן אַן אומפּאַרטייאישע אונ־טערזוכונגס־עקספּעדיציע קיין אַרגענטינע; ער הייסט גוט די ביזהעריקע שריט פון צ. ק. אין דער זאַך און פאָדערט אויף אַלע חברים זיך ענערגיש אָפּצו־געבן, באַזונדערס די נאָענטסטע חדשים, מיט דער אויפקלערונג פון דער עפנט־לעכער מיינונג און מיטצוהעלפן אין דער שאַפונג פון נויטיקן פאָנד פאַר דער עקספּעדיציע.

אין געשאַפענעם קאָמיטעט פאַר דער עקספּעדיציע זענען אַריין: י. באַראַנ־

דעס, מ. ווינטשעווסקי, דר. ח. זשיטלאָווסקי, י. סעקאַדער, דר. נ. סירקין, ה. ערנ־רייך, דר. ס. עלסבערג, ב. צוקערמאַן, מ. קאַץ, קאָפּעלאָוו, י. שלאָסבערג און ל. חאַזאַנאָוויטש. דער קאָמיטעט איז געוואָרן אויסגעוויילט אויף אַ קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון 20 אָרגאַניזאַציעס, דערונטער אויך אַ צאָל ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג. די קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן דעם 23טן אַפּריל, 1911, איז געעפנט געוואָרן דורך ב. צוקערמאַן און באַגריסט געוואָרן דורך י. באַראַנדעס. פיליפּ קראַנץ האָט דרך אגב ערקלערט, אַז ער איז אַ חובב ציון און אַ פריינט פון דער ארץ ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע. ער איז פאַר אַן עקס־פּעדיציע קיין אַרגענטינע, אָבער ער מיינט אַז די יק״א איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי זי ווערט געמאָלן. פאַרוואָס זאָל יק״א׳ס טעטיקייט אין אַרגענטינע זיין שוואַרצער ווי יק״א׳ס טעטיקייט אין ארץ ישראל און אַמעריקע? דאָך שטיצט ער די אָנקלאָ־גע קעגן יק״א. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט געזאָגט, אַז מען וועט מוזן באַיקאָטירן די יק״א אויב די עקספּעדיציע וועט באַשטעטיקן די געמאַכטע באַשולדיקונגען. בערנאַרד זעמעל, מאָריס ווינטשעווסקי, משה קאַץ האָבן זיך אַרויסגעזאָגט ענטו־זיאַסטיש פאַר דער עקספּעדיציע. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינ־שטימיק. דר. ס. עלסבערג איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער פון קאָמי־טעט [109].

כתריאל איז אויך אויפגעטראָטן מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן יק״א, אויף דער קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פּיטסבורג (יולי, 1911), און אויך דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטיצן די אַרבעט פאַר דער עקספּעדיציע.

די דריטע וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע (אויגוסט, 1911), האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע. די רעזאָלוציע זאָגט, דאָס „באַטאָנענדיק אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון אונזער אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד איז די רעאַלע אַרבעט אין פּאַלעסטינע, ערקלערט דאָך די וועלט־קאָנפערענץ, אַז די פאַרשידענע פאַרזוכן פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אָנצופירן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פון אידישע אַרבעטס־קרעפטן אויסערהאַלב ארץ ישראל, קענען ביי אַ ראַציאָנעלער פירונג און מעטאָד באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון אידישן פאָלק, דריקט אויס די וועלט־קאָנפערענץ איר צופרידנקייט מיט דער איני־ציאַטיוו פון פּ. ב. אויפצוהייבן אַ פאָלקס־באַוועגונג קעגן די קאָלאָניזאַציע־מע־טאָדן פון יק״א, קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון די אַרגענטינישע קאָלאָניסטן, קעגן דער מיסווירטשאַפט פון יק״א מיט דעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן פון אידישן פאָלק, וואָס ליגט אין אירע הענט און שיקן אַן אומפּאַרטייאישע אונטערזוכונגס־עקספּע־דיציע קיין אַרגענטינע״. די רעזאָלוציע האָט אויך אויסגעדריקט איר שאַרפן פּראָ־טעסט קעגן דער נידערטרעכטיקער פּאָליטיק פון מסירות מצד דער יק״א־אַד־מיניסטראַציע אין אַרגענטינע און אויסגעדריקט איר טיפע פאַראַכטונג די דאָזיקע „פילאַנטראָפּן״ וועלכע האָבן דענונצירט אונזערע אַגיטאַטאָרן און זשורנאַליסטן פאַר דער אַרגענטינער רעגירונג. די קאָנפערענץ האָט אויסגעדריקט איר דאַנק צו כתריאל פאַר זיין אַגיטאַציע צווישן די אַרגענטינער קאָלאָניסטן. פאַר דער רעזאָלוציע האָבן אויך געשטימט די דעלעגאַטן פון ארץ ישראל [110].

די פּועלי ציון־באַוועגונג האָט אויך שפּעטער ביי אַנדערע פאַלן גענומען אַ וואַקסנדן אינטערעס אין פאַרשידענע אַקציעס פאַר פאַרבעסערן די אידישע לאַגע אין די גלות־לענדער, דערונטער אַקציעס וואָס האָבן זיך בעיקר אָפּגעשפּילט אויפן באָדן פון אַמעריקע.

13.

# פועלי ציון אין דער אַרבעטער באַוועגונג

די ערשטע פוע״צ־פאַראיינען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין אין די יאָרן 1903־1904, האָבן שוין אין זייערע ערשטע טעג אָנגעהויבן זאָרגן פאַר די סאָציאַלע נויטן פון זייערע מיטגלידער. דער פוע״צ־פאַראיין אין ניו יאָרק, האָט אין מאַי, 1904, באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פון אַ נויט־פאָנד פאַר זיינע מיטגלידער. אין אויגוסט, 1904, איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ הילפס־קאַסע; זוכן מיטלען צו העלפן די „גרינע״ אימיגראַנטן און זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די יוניאָנס [111].

אין פילאַדעלפיע האָט דער נאָר־וואָס געגרינדעטער פוע״צ־פאַראיין אויפ־גענומען אין אָקטאָבער, 1904, אַ דעלעגאַציע פון דער טיפּאָגראַפיקל יוניאָן און באַשלאָסן צו אינדאָרסירן זייער סטרייק און באָיקאָט קעגן דער פילאַדעלפיער צייטונג „אינקווייער״ [112]. אין סעפּטעמבער, 1905, פירן די פוע״צ אין פילאַ־דעלפיע דורך אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג וועגן דעם בעקער־סטרייק, און באַ־שליסן איינצואָרדענען אַ קאָנצערט, וועמענס הכנסה זאָל גיין פאַרן סטרייק־פאָנד. אויך דער פאַראיין „צעירי־פועלי־ציון״ האָט באַשלאָסן העלפן די סטרייקנדע בעקער. די פּייפּער־הענגער יוניאָן ווענדעט זיך אין דער זעלבער צייט צו די פועלי ציון אין פילאַדעלפיע צו שיקן רעדנער צו די אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונגען פון זייער נאָר־וואָס געגרינדעטן פאַראיין. אין דעצעמבער, 1905, האָט די זעלבע יוניאָן בייגעשטייערט די צו יענער צייט באַדייטנדיקע סומע פון 100דאָלער פאַרן פּרעסע־פאָנד „דאָס פאָלק״, דעם אָרגאַן פון די ס. ט. וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאַנואַר, 1906.

אין דעצעמבער, 1905, האָבן די פילאַדעלפיער פוע״צ געשטיצט די מילינערי יוניאָן און געהאָלפן אָרגאַניזירן די פּיינטערס יוניאָן. די ס. ט. האָט דאַן געגרינ־דעט די טשילדרען דזשעקעט יוניאָן. אין ניו יאָרק האָט דער ווילנער ברענטש 4 און דער פּינסקער ברענטש 2 אין מערץ, 1905, באַשלאָסן צו באַשטייערן יעדן מיטגליד מיט 5 סענט אַ וואָך פאַר די סטרייקנדיקע קעפּמייקער.

אין באָסטאָן האָבן די פוע״צ אין 1906, געהאָלפן אָרגאַניזירן אין טשעלסי די אַרבעטער אין די שמאַטע־שעפּער (רעגס פּיקערס); געהאָלפן אין גרויסן קלאָוק־מאַכער־סטרייק אין באָסטאָן און אויך געהאָלפן די בעקער אין זייער קאַמף און געווען זייער אַקטיוו אין דער אַקציע, וואָס די יוניאָנס האָבן דאַן געפירט אָפּצו־שטעלן דאָס שוויץ־סיסטעם אין די שעפּער [113].

אין פּיטסבורג האָט מען נאָך אַ לאַנגן קאַמף צוגעלאָזן די פוע״צ אין 1906 צום קאָמיטעט צו העלפן די סטרייקנדיקע ליידיס וועסט־מאַכער אין פילאַדעל־פיע. די פוע״צ האָבן געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין סטרייק פון די ציגאַרן־מאַ־כער [114].

אין סט. לואיס איז דורך דער איניציאַטיוו פון פועלי ציון געגרינדעט געוואָרן אָנהויב 1907 די פּרעסער יוניאָן פון סקוירטס [115].

אין אַ רייע שטעט האָבן די פּועלי־ציון אַנטיילגענומען אין 1906 אין די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס קעגן שיקן צום טויט די אַרבעטער־פירער טשאַרלס מאָיער, וויליאַם הייוואוד און פּעטיבאָן. אַלע 3 זענען געווען די פירער פון דער מערב־פעדעראַציע פון דער לינקער „אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד" (איי דאַבליו דאַבליו). זיי זענען געכאַפּט געוואָרן נעבן דעם לאָקאַל פון דער מערב־פעדעראַציע אין דענווער און אַוועקגעשלעפּט געוואָרן קיין איידאהאָ (קאָ־לאָראַדאָ), געמשפּט צו ווערן פאַר דעם מאָרד פון דעם געוועזענעם גאָווערנאָר סטונבערג. לויט דעם געזעץ קען קיינער נישט אַרעסטירט ווערן אין איין שטאַט און געשטעלט ווערן צום געריכט אין אַ צווייטן שטאַט, סיידן דער גאָווערנאָר פון דעם ערשטן שטאַט גיט זיין הסכמה אַרויסצופירן דעם אַרעסטירטן. אָבער די פּאָ־ליציי און דער גאָווערנאָר פון איידאַהאָ האָבן זיך ניט געמאַכט וויסנדיק פון די געזעצן און זיך ניט צערעמאָניעט מיט די דריי מיליטאַנטישע אַרבעטער־פירער*).

אין באָסטאָן האָבן די פּועלי־ציון אַנטיילגענומען אין דער גרויסער דעמאָנסטראַ־ציע קעגן די אַרעסטירטע אַרבעטער־פירער. הונדערטער אַרבעטער האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין פּועלי־ציון־טייל פון צוג. אין פילאַדעלפיע האָבן די פּועלי־ציון אַנטייל געגומען אין פּראָטעסט־מאַרש צום סיטי־האָל. דאָ האָט די עטלעכע טויזנט אידישע דעמאָנסטראַנטן דערוואַרט אַן אומאַנגענעמער סיורפּריז. זיי האָבן געוואַרט 2 שעה אויף די קריסטלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט אָנשליסן אין צוג. 9 אין אָוונט האָבן זיך באַוויזן אַנשטאָט די דערוואַרטעטע טויזנטער קריסטן נאָר עטלעכע צענדליק. ווען די אידישע מאַסע האָט געפאָדערט אַ רעדנער אויף אידיש, האָט איר דער ענגליש־שפּרעכנדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער איד גע־ענטפערט, אַז די פאַרזאַמלונג איז גערופן פון ניט־אידן און עס טאָר אויף איר ניט גערעדט ווערן אין אידיש [116]).

אויך אין ניו יאָרק האָבן די פּועלי־ציון אַנטיילגענומען אין דער פּראָטעסט־אַקציע קעגן די אַרעסטירטע אַרבעטער־פירער.

אין סעפּטעמבער, 1906, האָט דער צ. ק. פון פּועלי־ציון פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף אין „אידישן קעמפער" צו שטיצן דעם קאַמף פון די העמד־מאַכער אין פילאַדעלפיע קעגן די אַנטיסעמיטישע באַסעס טיטעלמאַן בראַדהערס און פיי־גען. אין אָקטאָבער, 1906, האָבן די פּועלי־ציון אין ניו יאָרק אַנטיילגענומען אין אַ קאָנ־פערענץ, צונויפגערופן דורך די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די דעלעגאַציע האָט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ. די מאָטיוון זענען אָנ־געגעבן געוואָרן אין „קעמפער": „מיר האָבן זיך ביטער אַנטוישט אין אונזערע ערוואַרטונגען. דער אויספירלעכער באַריכט פון אונזערע דעלעגאַטן האָט באַוויזן, דאָס די „אַראַנזשירער" פון דער קאָנפערענץ האָבן גאַנץ ווייניק אין זינען געהאַט דיווירקלעכע לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן זיך גאַנץ ווייניק געזאָרגט וועגן דער פאַראייניקונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אויפן באָדן פון ווירק־לעכער אויסבעסערונגס־אַרבעט. פאַרקערט, די האַנדלונג פון די איינרופער און

*) דער פּראָצעס קעגן די אַרעסטירטע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 9טן מאַי, 1907, האָט געדויערט 84 טעג. די באַשולדיקטע זענען באַפרייט געוואָרן. ניט ווייניק האָט דאָ אויך גע־האָלפן דער מאַסן־דרוק פון דער אַרבעטערשאַפט.

זייערע „פּריווילעגירטע" וואָרט־פירער. האָט דייטלעך באַוויזן, דאָס הינטערן „גרויסן מאַניפעסט" זענען באַהאַלטן קליינלעכע פּערזענלעכע אַמביציעס און אייניקע קלייזל־פּאָליטיקס, וועלכע זענען ווייט, ווייט פון געשטעלטן צוועק: ברענגען אַן ענדערונג, אַריינטראָגן אַ פאַרבעסערונג אין די עקזיסטירנדיקע קלעגלעכע צושטאַנדן פון דער היגער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג [117].

שוין די ערשטע קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע, מאַי, 1905, ערב דער שפּאַלטונג, האָט באַשלאָסן צו גיין צוזאַמען מיט אַלע אידישע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. די ערשטע קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר (דעצעמבער, 1905), האָט באַשלאָסן צו פאַרפליכטן די חברים זיך אָנצושליסן אין יוניאָנס, אָבער די פראַגע אין וועלכע יוניאָנס זיך אָנצושליסן (טרייד יוניאָנס אָדער די לינקע אינדוסטריע־יוניאָנס) לאָזן צו די איבערצייגונגען פון די איינצלנע חברים. אין קאָמענטאַר צו דער רעזאָלוציע איז געוואָרן אָנגעוויזן, אַז הגם די יוניאָנס אין אַמעריקע באַפרידיקן ניט דעם קלאַסן־קאַמף, לויט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, דאַרף מען זיי באַטראַכטן אַלס צענטערן, וואו דער פראָלעטאַריאַט קען זיך פאַראייניקן און צונויפזאַמלען זיינע קרעפטן פאַר דעם אמתן קלאַסן־קאַמף, אין אַלע זיינע פאָרמען. דערפאַר דאַרפן די חברים אַריין אין די יוניאָנס.

ערב דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (דעצעמבער, 1906), האָט דער „אידישער קעמפער" אין אַן עדיטאָריעל אָנגעוויזן, אַז איינע פון די אויפגאַבן פון דער קאָנווענשאָן איז צו געפינען די בעסטע פאָרם ווי צו אָרגאַניזירן די ניי־געקומענע אין יוניאָנס, און ניט קומען דערביי אין קאָנפליקט מיט די עקזיסטירנדע יוניאָנס. עס מוז אויך אָפּגעשאַפט ווערן דער ברודער־קריג אין די אַרבעטער־רייען צווישן די רעכטע און לינקע יוניאָנס... ש. כהן לייגט פאָר צו שאַפן נייע יוניאָנס און „זיי פאַראייניקן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד, וועלכער זאָל שטיין אונטער דער אויפזיכט פון אונזער פאַרטיי [118]).

אַ כאַראַקטעריסטישן ענטפער האָט געגעבן דר. וואָרטסמאַן אויף דער פראַגע פון אַ חבר „צי קען אַ באָס זיין אַ פועלי ציון?" („אידישער קעמפער" פון 9טן נאָוועמבער, 1906). דער ענטפער איז, אַז דער עצם פאַקט וואָס עס עקזיסטירט אַ פועלי ציון באַווייזט, אַז אונזער לעבן איז ניט נאָרמאַל, אַז מיר „זענען אין גלות". די פּוע"צ ווילן שאַפן אַ אידיש לאַנד, וואו עס זאָל איבערהויפּט מעגלעך זיין, אַז אַ אידישער באָס זאָל קענען עקזיסטירן. די אויפגאַבע פון די פּוע"צ איז קודם כל צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, כדי פון איין זייט צו שיצן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און פון דער צווייטער זייט, כדי צו העלפן רעאַליזירן דעם ציוניזם. יעדער וואָס איז מסכים מיטן דאָזיקן פּראָגראַם קען זיין אַ חבר אין דער פּאַרטיי און ער קען ווערן אויסגעשלאָסן פון איר, אויב ער האַנדלט קעגן די דאָזיקע פּרינציפּן, אַלץ איינס צי ער איז אַ באָס צי ער איז אַ פּראָלעטאַריער. ער אַליין, דער שרייבער פון ענטפער, איז ניט קיין „אָפיציעלער" פּ. צ. און נאָך ווייניקער איז ער אַ „באָס".

די רעדאַקציע האָט ניט געמאַכט קיין באַמערקונג צום דאָזיקן ענטפער, אַפנים אַז זי האָט מסכים געווען מיט דער דאָזיקער אַרויסגעזאָגטער מיינונג, וואָס האָט געפּרוּווט צו געבן אַ תשובה אויף אַ גאַנץ דעליקאַטער פאַר יענער צייט פראַגע (היינט זענען די רייען פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין אַמעריקע פול מיט

ניט־אַרבעטער, און קיינעם פאַלט ניט איין זיי דערפאַר אויסצושליסן פון דער פאַרטיי).

ערב דער באָסטאָנער קאָנוועגשאַן פאָדערט די רעזאָלוציע פון די פוע״צ אין מאָנטרעאל, אַז די פאַרטיי זאָל פאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, ענ־דערן דעם נאָמען אויף „אידיש סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַרטיי פּועלי ציון" און אַרויפשטעלן אויפן סדר היום אַ פּונקט וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די קאָנ־װענשאָן האָט נאָר אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן משפּט פון מאיער און העיוואָוד. זי האָט ניט גענומען קיין קלאָרע שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון יוניאָ־ניזם, ווייל די פאַרטיי איז געווען צעטיילט אין אירע סימפּאַטיען צווישן אָנ־הענגער פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" און אָנהענגער פון די „אינדאָסטריעל וואָירקערס".

אין 1907 מערקט זיך אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט אין די יוניאָנס. די פאַרטיי הייבט בכלל אָן טיפער אַריינוואַקסן אין באָדן פון דער אידיש־אַמעריקאַנער ווירק־לעכקייט. אין אירע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין דער אַרבעטער־וועלט האָט זיך די פאַרטיי געהאַלטן נענטער צו די לינקע „אינדאָסטריעל וואָירקערס". די סיבות פאַר דעם זענען לויט דער מיינונג פון ה. עהרנרייך געווען: „די אינדאָסט־ריעל וואָירקערס" און ס. ל. פּ. זענען ניט געווען אַזוי פאַרביסן קעגנעריש צו די פּוע״צ, זיי האָבן גערן אָנערקענט די יונגע פאַרטיי און די פּוע״צ האָבן געפונען מער אידעאַליסטן און ענטוזיאַסטן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט אין די רייען פון דער לינקער באַוועגונג. אויף די „פאָלקס־קאָנפערענצן", וואָס די פאַר־אייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פלעגן רופן וועגן טרייד יוניאָן פראַגן און אין 1907 וועגן דעם גרויסן קריזיס, האָבן די פּועלי ציון ביטער געקעמפט, אַז מען זאָל צו זיי צולאָזן פאַרשטייער פון דער ס. ל. פּ. און דער „אינדאָסטריעל וואָיר־קערס" [119].

די ניו יאָרקער ראַיאָן־קאָנפערענץ אין דעצעמבער, 1907, האָט אויפגעפאָדערט די פאַרטיי צו ווערן אַקטיווער אין אַמעריקאַנער אַרבעטער־לעבן. זי האָט באַשלאָסן צו נעמען אָן אַקטיוון אַנטייל אין קאַמף פון אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל; דורכפירן אַ סטאַטיסטיק פון די אַרבעטער אין די פאַראיינען און זיי פאַרלייכטערן דעם אנשלוס אין די יוניאָנס; באַקענען די חברים מיט דער הילף פון לעקציעס און ליטעראַטור מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און איינפירן אין „אידישן קעמפער" אַ ציוניסטישע און אַן אַרבעטער־כראָניק, וואָס זאָל זיין מער באַזירט אויף דער אידיש־אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. די ראַיאָן־קאָנפערענצן אין באָסטאָן און ראָטשעסטער פאָדערן אויך צו פאַרשטאַרקן די טרייד יוניאָן טעטיקייט, העלפן אין סטרייק־אַקציעס, גרינדן נייע יוניאָנס, שאַפן אַרבעטס־ביוראָען צו העלפן חברים געפינען אַרבעט.

וואָטערבורי באַשליסט דאָן צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אידישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין שטאָט כדי צו העלפן די אַרבעטסלאָזע אין ניו יאָרק. אין ראָטשעס־טער העלפט די פּוע״צ אָרגאַניזירן די שניידער־יוניאָן און אין סט. לואיס איז די פּוע״צ אַקטיוו פאַרטראָטן אין קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיטן גרויסן סטרייק פון 23,000 שיך־אַרבעטער.

אין אויגוסט, 1910, פאַרעפנטלעכט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַר־טיי אַן אויפרוף צו העלפן די קלאָוקמאַכער אין גרויסן סטרייק, וואָס האָט דאָן

אַרומגענומען ביי 50,000 קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק. דעם 4טן אָקטאָבער דער־
שיינט אין „אידישן קעמפּער" אַן עדיטאָריעל, וואָס באַשולדיקט די פירער פון
דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, אַז זי האָט נישט געענטפערט אויף דער ווענדונג פון
פּועלי צ. ק. וואָס האָט געשיקט אַ קאָמיטע צו דער יוניאָן פרעגן מיט וואָס די
פּאַרטיי קען העלפן אין סטרייק. די פּאַרטיי האָט געשטעלט די ציימונג אין רשות
פון דער יוניאָן. קיין תשובה פון דער יוניאָן איז ניט געקומען. דער עדיטאָריעל־
שרייבער וואַרפט פאָר די יוניאָן־פירער, אַז זיי האָבן ניט אפילו די איינפאַכע
העפלעכקייט וואָס יעדער ציוויליזירטער מענטש באַנוצט צו ענטפערן אויף אַ
העפלעכער פראַגע, וואָס ווייזט די ערלעכע בריטוויליקייט צו העלפן. „מיר באַ־
דויערן דעם פאַקט, אַז אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם איינ־
פלוס פון דער טאַקטיק פון „בינטל בריוו", שטייען אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער
אידישער יוניאָן אין אַמעריקע[120]). אויף דער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל, האָט
ה. עהרנרייך דערציילט אַז די פּועלי צ האָט אויך פאַרגעלייגט הילף די סטרייקער פון
די ליידיס וועסט־מאַכער, אָבער אויך אין דעם פאַל איז ניט געקומען קיין תשובה
אויפן גוט־געמיינטן פאָרשלאַג.

די מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן (אָקטאָבער, 1910), האָט געוויילט אַ ספּעציעלן
טרייד יוניאָן־קאָמיטעט; אויפגעפאָדערט די פאַראיינען צו שאַפן טרייד־יוניאָן
גרופּן פון פּועלי צ; זיך אָנשליסן אין די יוניאָנס און מיטהעלפן די חברים זיך צו
נאַטוראַליזירן.

אין מילוואָקי האָט אין דעצעמבער, 1910, די פּועלי צ גענומען די איניציאַטיוו
צו רופן אַ קאָנפערענץ פון 10 פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס צו שטיצן די סטרייקנ־
דע שניידער אין שיקאַגאָ. די פּועלי צ האָט אויך דאָרט גערופן אַ קאָנפערענץ פון
אַלע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן די סטרייקנדע קלאָוקמאַכער אין ניו־
יאָרק.

שוין אין ערשטן שריפטלעכן דאָקומענט פון דער יונגער באַוועגונג אין
„אונזער פּלאַטפאָרם" (1903) ווערט געזאָגט, אַז די פּועלי ציון שטימען ביי יעדער
עלעקשאָן אויסשליסלעך פאַר דער פּאַרטיי, וואָס פאַרטרעט אַממערסטן די אינ־
טערעסן פון די אַרבעטער. אין 1904 זענען די פּועלי צ געווען אַקטיוו אין 9טן קאָנ־
גרעס־דיסטריקט (איסט סייד), וואו די ס. פּ. האָט אַרויסגעשטעלט ביי די קאָנגרעס־
וואַלן יוסף באַראָנדעס. טראָץ דעם, וואָס די יונגע פּאַרטיי האָט געהאַט דאַן אַ
קאָנפליקט מיט די אידישע פירער פון דער ס. פּ. צוליב דער מיאוסער אַטאַקע,
וואָס די גענאָסן האָבן געמאַכט אויף דר. הערצל, האָט דער פּועלי צ פאַראיין נאָך
דעם ווי עס האָט זיך געענדיקט די דיסקוסיע מיט דער ספּעציעלער דעלעגאַציע,
וואָס דער ערשטער אַגיטאַציע־דיסטריקט פון דער ס. פּ. האָט געשיקט צו די
פּועלי צ, איינשטימיק באַשלאָסן צו אַרבעטן פאַר דער קאַנדידאַטור פון י. באַראָנ־
דעס און אויסגעדריקט זיינע וואַרעמע סימפּאַטיען צום סאָציאַליזם.

די קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (מאַי 1905), האָט באַשלאָסן, אַז יעדער
פאַראיין קען שטימען פאַר וועלכער פּאַרטיי ער וויל (ס. פּ. און ס. ל. פּ.) די קאָנ־
ווענשאָן אין באַלטימאָר (דעצעמבער, 1905), האָט געגעבן די פרייהייט יעדן חבר
„זיך אָנצושליסן אין יענער סאָציאַליסטישער ריכטונג וואָס זיין איבערצייגונג דיק־
טירט אים". די קאָנווענשאָן האָט אויך אַרויסגערוקט די פאָדערונג אַז די פּועלי צ

זאָלן אָנערקענט ווערן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אַלס די פאַרטרעטער פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

ערב דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (1906) האָט זיך אָנגעהויבן אין „אידישן קעמפּער" אַ דיסקוסיע וועגן די פּאָליטישע סימפּאַטיעס פון די פּוע"צ. בן מרדכי האָט פאַרלאַנגט קלאָרקייט אין דער פראַגע, „כדי אויסצומיידן אַז אין אַ צייט פון אַ קאַמפּיין זאָל יעדער פאַראיין זיך שפּאַלטן אויף עטלעכע פראַקציעס. די סאָציאַליסטן-ציוניסטן מוזן שאַפן אַ פּלאַטפאָרם אויף וועלכער עס זאָלן זיך קענען פאַראייניקן אַלע אָדער דאָס רוב חברים. זיי זאָלן אויך נעמען שטעלונג צו די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פעדעראַציעס, ווי זיי האָבן גענומען שטעלונג צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פעדעראַציע און זאָלן אויך קלאָר מאַכן די שטעלונג צו די אַלטע און נייע יוניאָנס".

„עס איז אויך מעגלעך, אַז די פרייהייט פון יעדן חבר צו געהערן צו וועלכער סאָציאַליסטישער ריכטונג ער וויל, באַרירט נאָר אַ קליינע צאָל און דאָס רוב פּועלי ציון אין אַמעריקע זענען איינע פון די אַנדערע ניט ווייטער אין סאָציאַלע פראַגן, ווי זיי זענען אין ציוניסטישע, און די קליינע מינאָריטעט, וועלכע האָט אַנדערע מיינונגען קען זיך אָרגאַניזירן אין אַן אויטאָנאָמע גרופּע, ניט אויפגעבנדיק זייער ביזהעריקע טעטיקייט אין די פאַראיינען צו וועלכע זיי געהערן"[121]).

בן מרדכי לייגט ווייטער פאָר, אַז די דאָזיקע פראַגע זאָל ווערן דיסקוטירט ביי די טעאָרעטישע מיטינגען, כדי צו געבן די דעלעגאַטן צו דער באַפאָרשטייענדער קאָנווענשאָן קלאָרע דירעקטיוון אין דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע.

אין זעלבן נומער שרייבט די ציַיטונג אין איר בריוו-קאַסטן אין אַן ענטפער צו אַ חבר אין מילוואָקי, אַז אַ פּועלי ציון קען זיין אַ ס. ד. און אַ ס. ר. ער מעג געהערן צו די ס. פּ. און ס. ל. פּ., ווי אויך צו די אַנאַרכיסטישע גרופּן. זעט אויס, אַז דאָס איז געווען די אָפיציעלע שטעלונג פון די פירנדיקע אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי.

די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט ניט געענטפערט אויף דער פראַגע פון בן-מרדכי. די דריטע קאָנווענשאָן איז פילאַדעלפיע (1907) האָט אויך אויסגעמיטן צו געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע. זי האָט נאָר באַשלאָסן אַז דער צ. ק. זאָל ערוויילן אַ קאָמיטעט וואָס זאָל שטודירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע און פּרובירן צוצושטעלן אַ געוויסן פּלאַן צו דער נאָענטסטער קאָנווענשאָן.

אין די ערשטע יאָרן זענען אין דער פּאַרטיי געווען שטאַרקע שטימונגען פאַר דער ס. ל. פּ., באַזונדערס אין ניו יאָרק, וואו די פּוע"צ האָט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די ערשטע מאַי-קאָנפערענצן, וואָס די ס.ל.פּ. פּלעגט רופן צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן מאַי גאַסן-דעמאָנסטראַציעס. די פּוע"צ פּלעגט אין די דעמאָנסטראַציעס גיין אַלס אַ באַזונדער דיוויזיע, טראָגנדיק רויטע און ווייס-בלויע פאָנען, וואָס פּלעגן אויפגענומען ווערן מיט אַ סך אַפּלאָדיסמענטן פון דעם עולם אין די גאַסן. אָבער ביסלעכווייז איז שטאַרקער געוואָרן דער סענטימענט פאַר דער ס. פּ. וואָס איז געווען די הערשנדע פּאַרטיי אין אַמעריקאַנער אַרבעטער-לעבן און איז כסדר געוואַקסן אין כוח און השפּעה.

ערב די קאָנגרעס-וואַלן אין 1906, האָט זיך פאַרנאַנדערגעפּלאַקערט אַ דיסקוסיע אין „אידישן קעמפּער" וועגן דער וואַל-טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אין 9טן

וואַל־באַצירק אין ניו יאָרק, וואו די ס. פּ. האָט אַרויסגעשטעלט מאָריס הילקוויט. טייל חברים האָבן אַרויסגערוקט אַ געדאַנק אַרויסצושטעלן אַן אייגענע דעמאָנ־סטראַטיווע קאַנדידאַטור. איינער האָט פּאָרגעלייגט אַז יוסף באַראָנדעס, וואָס איז דאַן געווען נאָענט צו פּועל״צ זאָל עס זיין דער קאַנדידאַט אין 9טן וואַל־ראַיאָן. די קעגנער פון דעם פאָרשלאָג האָבן אויך געהאַט שטאַרקע אַרגומענטן: פיל חברים זענען נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער בירגער, זיי האָבן ניט קיין שטים־רעכט; מ׳האָט ניט קיין רעכט צו באַצייכענען הילקוויטן אַלס אַן אַסימילאַטאָר; די פּאַרטיי וועט מיאוס דורכפאַלן, אויב זי וועט אַרויסשטעלן אַן אייגענע ליסטע און אַנדערע וואָגיקע אַרגומענטן. די פּאַרטיי האָט דאַן, ווי אין 1908, אַגיטירט קעגן הילקוויטן און פאַרן קאַנדידאַט פון דער ס. ל. פּ — דע ליאָן. די קעגנערשאַפט קעגן הילק־וויטן איז בעיקר געווען צוליב דער שטעלונג פון דער ס. פּ. קעגן פרייער אימי־גראַציע קיין אַמעריקע. אַ גרויסע שולד האָבן אויך געהאַט די אידיש־שפּרעכנדע געגנאָסן, וואָס האָבן באַנוצט די אַלטע טאַקטיק פון בונדישן „איינציקן פאָרשטייער", און אויסגעדריקט זייער אומווילן פון צולאָזן די פּועל״צ צו אַן ענגערער קאָאָפּע־ראַציע מיט דער ס. פּ.

אין ראָטשעסטער, למשל, האָבן די אידישע געגנאָסן פּראָטעסטירט אין מאַי, 1907, צו דער ס. פּ. קעגן אנטייל פון די פּועל״צ אין 1טן מאַי־מיטינג (פון די פּועל״צ האָט גערעדט ג. אַוורונין). אויף דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון דער „אידישער אַגיטאַציע־ביוראָ פון דער ס. פּ. פון אַמעריקע און קאַנאַדע", וואָס איז פאָרגעקומען דעם 1טן און 2טן סעפּטעמבער, 1907, אין ראָטשעסטער, איז מיט 18 שטימען קעגן 2 באַשלאָסן געוואָרן, אַריינצושטעלן אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון ביוראָ אַז „די אוטאָפּיעס וועגן גרינדן אידישע שטאָטן ברענגען אַריין אַ צעמישונג אין די מוחות פון די אַרבעטער און שטערן דעם קלאַסן־קאַמף". די קאָנווענשאָן האָט באַ־שלאָסן ניט צו האָבן קיין מגע ומשא מיט די פּועל״צ. ב. פייגנבוים האָט דערקלערט, אַז „מיר זענען געווען צופיל טאָלעראַנט, וואָס מיר האָבן זיי (די פּועל״צ) געלאָזט אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען פאַרקויפן זייער טריפה׳נע ליטעראַטור [122]).

פאַר די אַסימילאַטאָרישע געגנאָסן אין דער ס. פּ. איז אַפילו די אידישע אַגי־טאַציע־ביוראָ געווען אַן אויפטו פון נאַציאָנאַליסטן און זיי האָבן אויפגעהויבן קעגן איר אַ קאַמף. דעם קאַמף האָט בעיקר אָנגעפירט דער ניו יאָרקער פּאַרטיי־קאָמי־טעט פון דער ס. פּ. צווישן אַנדערן האָט מען באַנוצט דעם אַרגומענט, אַז די ביוראָ ווערט געפירט פון „פרעמדע" עלעמענטן, וואָס ווילן די אידישע אַרבעטער פאַרפירן אין זומפּ פון נאַציאָנאַליזם. עס האָבן ניט געהאָלפן די דערקלע־רונגען פון מ. קאַופמאַן, דעם סעקרעטאַר פון ביוראָ, אַז די ביוראָ האָט גאָר ניט צו טאָן מיט נאַציאָנאַליזם און האָט בכלל ניט קיין נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, נאָר זי עקזיסטירט בלויז פאַר דעם צוועק צו פירן אַגיטאַציע אין אידיש פאַרן סאָציאַליזם. „עס איז אמת" — האָט קאַופמאַן געטענהט — „אַז מיר האָבן אַן אייגענעם נאַ־ציאָנאַלן קאָמיטעט און אַן אייגענעם עקזעקוטיוו. דאָס איז אָבער ניט אויף אַ נאַ־ציאָנאַלער באַזע, נאָר אידישע קאָמיטעטן, ווייל מיר מוזן זיך באַנוצן מיט דער אידישער שפּראַך" [123]).

די מערהייט פון די ניו יאָרקער פּאַרטיי־מיטגלידער פון דער ס. פּ. האָט אין אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג מיט 509 שטימען קעגן 189 באַשלאָסן, אַז די אידישע דיסטריקטן טאָרן צו דער ביוראָ ניט געהערן. מען קען דרייסט באַהויפּטן, אַז די

מיינסטע וואָס האָבן געשטימט קעגן דעם ערשטן צייכן פון אַן אָרגאַניזאַציע לויטן נאַציאָנאַלן סימן — זענען געווען אידן.

מ. זאַמעטקין, למשל, אַן אַלטער גענאָסע און מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" האָט גערונערט קעגן דער „אידישער אָפּגעזונדערטקייט". ער האָט געקלאָגט, וואָס „מיר זענען געצוואונגען צו געברויכן דעם מיש־מאַש פון רוסיש־דייטשיש־העברעאישן זשאַרגאָן, וועלכן ער (דער אידישער אַרבעטער) ברענגט מיט זיך מיט פון אַנדערע לענדער". ס'איז נויטיק צו רעדן צו די „גרינע" אין דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען, אָבער „אָפּגעזונדערטקייט אין אַלע אירע פאָרמען, איז, אַלזאָ, אַ קרענק, וואָס קען און מוז געהיילט ווערן. בלויז די פאַרפּעסטעטע דאַרף מען האַלטן אין קאַראַנטין, נאָר די מצורעים מוזן זיין מחוץ למחנה" [124]).

אויף דער קאָנווענשאָן פון אידישן אַגיטאַציע־ביוראָ אין קליוולאַנד, מיט אַ יאָר שפּעטער, (5־7טן סעפּטעמבער, 1908), האָט שוין דער סעקרעטאַר, קאַופמאַן, מיטגעטיילט, אַז די ס. פּ. קאָנווענשאָן האָט שוין אָנערקענט די אידישע ביוראָ און בכלל פאַראייניקונגען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָך האָט די אָגענומענע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע ווידער אַמאָל אונטערגעשטראָכן: „מיר טרעטן ניט אַרויס אַלס אַ באַזונדערע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט וועלכע עס איז נאַציאָנאַליסטישע פּאָדערונגען, ווייל אין דאָזיקן לאַנד איז ניט נויטיק קיין ספּעציעל נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען". „מיר טרעטן בלויז אַרויס אַלס די אידישע אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע צו טאָן די אַגיטאַציע־אַרבעט פאַרן סאָציאַליזם אין דער אידישער שפּראַך".

אויף דער נאָענטסטער קאָנווענשאָן דעם 4־6טן סעפּטעמבער, 1909, אין פּילאַדעלפיע, האָט אַ מינדערהייט, געפירט פון מאָריס ווינטשעווסקי, פאָרגעלייגט, אַז די ביוראָ זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, וואָס זאָל זיך שטעלן ברייטערע אויפגאַבן אין הסכם מיט די באַדערפנישן פון אידישן לעבן. אָבער די מערהייט האָט אָפּגעוואָרפן די אַלע פאָרשלאָגן. זי האָט אויך אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאַג אַרויסצונעמען פון דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אייניקע נעגאַטיווע שטעלן ווי, למשל, „מיר טרעטן ניט אַרויס אַלס אַ באַזונדערע אידיש־נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי". אינטערעסאַנט, אַז ווינטשעווסקי האָט נאָך דעם 11טן יאַנואַר, 1902, אויף אַ קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פאָרגעלייגט, אַז די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל זיך ניט צוזאַמענגיסן מיט דער ס. פּ. נאָר בלייבן אויטאָנאָם [125]).

אויך דער פאַקט, וואָס די פאָרשטייער פון דער ס. פּ. זענען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן אַרויסגעטראָטן קעגן פרייער אימיגראַציע קיין אַמעריקע, האָט ניט געקענט פאַרשטאַרקן די סימפּאַטיען פאַר דער ס. פּ. אין דער פּוע"צ־באַוועגונג. די באָסטאָנער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רעוואָלוציע, וואָס „פּראָטעסטירט ענערגיש קעגן די עגאָאיסטישע אַנטי־אימיגראַציע שטרעבונגען און באַשרענקונגען, וואָס די אייניקלעך פון אימיגראַנטן און פאַרפאַלגטע ווילן אַריינפירן אויף דער פרייער טעריטאָריע פון אַמעריקע".

אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטן־קאָנגרעס אין 1904, אין אַמסטערדאַם, איז מאָריס הילקוויט, דער פאָרשטייער פון דער ס. פּ. אַרויסגעטראָטן קעגן דער שטעלונג פון דער גרויסער מערהייט, וואָס איז געווען קעגן איינפירן ראַסן־באַגרענעצונגען אויפן געביט פון איינוואַנדערונג. די ס. פּ. האָט אונטערגעהאַלטן

די רעאַקציאָנערע פּאַרדריסלעכע שטעלונג פון די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באַגרענעצן די איינוואַנדערונג פון דער געלער ראַסע (כינעזער, יאַפּאַנער און אַנדערע פעלקער פון וויטן מזרח). אויפן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין 1907 אין שטוטגאַרט, האָט מאָריס הילקוויט אין דער קאָמיסיע געטעדט פאַר באַגרענעצונגען, אָבער נאָך דעם, ווי דער קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פרייע איינוואַנדערונג און באַגרענעצונגען פאַר וועלכער ניט איז ראַסע, האָט הילקוויט דערקלערט, אַז דער קאָנגרעס האָט געוויזן אַנדערע וועגן ווי צו באַקעמפן לוין־דריקער און די ס. פּ. וועט אָנערקענען די באַשלוסן פון קאָנגרעס. שפּעטער איז אין דער ס. פּ. ווייטער אָנגעגאַנגען אַ שטרייט אַרום דער פראַגע און די עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי (אַלעקסאַנדער יאָנאָס, וויקטאָר בערגער א. א. דער אַזוי גערופענער „אַמעריקאַנער" פליגל פון דער פּאַרטיי) האָט מיט אַ מערהייט אָפּגעוואָרפן די רעזאָלוציע פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס. אויף דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס פון דער ס. פּ. וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1910 אין שיקאַגאָ, האָט די קאָמיסיע־מערהייט פאָרגעלייגט ניט צו סאָלידאַריזירן זיך מיטן באַשלוס פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל וועגן פרייער איינוואַנדערונג און דערקלערט, אַז ווען עס קומט צו אַ סתירה צווישן די ענדגילטיקע אידעאַלן און די באַלדיקע אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, מוזן די דאַזיקע אינטערעסן נעמען די אויבערהאַנט איבער די אידעאַלן. די מערהייט האָט אַקצעפּטירט די שטעלונג פון דער קאָמיסיע טראָץ דער שאַרפער רעדע פון מאיר לאָנדאָן, וואָס האָט פאַרטיידיקט די שטוטגאַרטער רעזאָלוציע. נאָך אַ שטורמישער דעבאַטע האָט דער קאָנגרעס מיט 55 שטימען קעגן 50 אָנגענומען הילקוויטס רעזאָלוציע, אַז די ס. פּ. איז פאַר געזעצן, וואָס זאָלן פאַרהיטן פון ברענגען שטרייק־ברעכער און קאָנטראַקט־אַרבעטער, און זאָלן אויך ניט דערלאָזן קיין מאַסן־אימפּאָרט פון אַרבעטער פון פרעמדע לענדער מיטן ציל אָפּצושוואַכן די אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקאַנער אַרבעטער און אַראָפּנידעריקן זייער לעבנס־סטאַנדאַרט; די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אָבער קעגן אויסשליסן אימיגראַנטן אויפן סמך פון זייער ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון האָט באַגריסנדיק, אין מאַי, 1910, די קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ. אויסגעדריקט דעם וואונטש און פאָדערונג פון טויזנטער אידישע אַרבעטער צוריקצוציען די רעזאָלוציע קעגן פרייער אימיגראַציע, אָנגענומען אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן פון די ס. פּ. „פון דעם פּונקט הענגט אָפּ די פראַגע פון אונזער מיטאַרבעט מיט אייך אין דער צוקונפט פאַר דעם סאָציאַליזם אין לאַנד" [126]).

די פּוע"צ אין ניו יאָרק האָבן ביי דער וואַל־קאַמפּאַניע אין 1910 אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף פאַר די קאַנדידאַטן פון דער ס. פּ.. דערביי האָט דער אויפרוף בלויז אונטערשטראָכן אַז ווען די פּאַרטיי איז אַרויסגעטראָטן קעגן הילקוויטן אין 1908, איז עס ניט געווען ווייל זי איז געווען קעגן די פּרינציפּן און טאַקטיק פון דער ס. פּ. נאָר צוליב איר שטעלונג צו דער אימיגראַציע־פראַגע. „אונזער פּאַרטיי, אַלס די אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פאַר די אינטערעסן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט לאָגישערוויז געמוזט באַקעמפן דעם קאַנדידאַט, וועלכער איז געווען קעגן פרייע אימיגראַציע, ווייל אויף פרייע אימיגראַציע איז באַזירט די עקזיסטענץ פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט".

אָבער איצט האָט זיך געענדערט די שטעלונג פון פּוע״צ, ווייל „די ס. פּ. האָט אויף איר קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס טראָגט דעם, וואָס זי איז נאָך ווייט פון צו זיין צופרידנשטעלנד פאַר אונז, איז זי אָבער פיל ראַדי־קאַלער ווי די שטעלונג פון מאָריס הילקוויט אויפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס״. איצט קאַנדידירט אויך מאיר לאָנדאָן, אַן אָפענער פּאַרטיידיקער פון פרייער אימיגראַ־ציע. „עס איז דערפאַר אונזער אויפגאַבע אַלס אידישע סאָציאַליסטן מיטצוהעלפן דער פּאַרטיי פון אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט זיך צו באַטייליקן אין דעם איצטיקן וואַל־קאַמף און אַרויסטראָגן די אידעען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אין אַלע ברייטערע קרייזן״ [127]).

אין ראַטיפיקאַציע־מיטינג פאַר מאיר לאָנדאָן, דעם 22טן סעפּטעמבער, 1910, האָבן גערעדט מאָריס ווינטשעווסקי, דר. סירקין, ב. צוקערמאַן און מאיר לאָנדאָן. דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

אין מילוואָקי האָבן די פּוע״צ שוין אין 1908 זיך באַטייליקט אין דעם וואַל־קאַמפּיין פאַר דער ס. פּ. וואָס האָט דאַן באַקומען אַ באַדייטנדע צאָל שטימען. נאָך אינטענסיווער איז געווען דער אנטייל פון פּוע״צ אין וואַל־קאַמפּיין אין 1910. דאַן איז מיט אַ גרויסער מערהייט געוויילט געוואָרן דער ס. פּ. קאַנדידאַט עמיל סיידעל אַלס מעיאָר פון מילוואָקי. אָבער ביי יעדער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן די פּוע״צ אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז די קאַנדידאַטן צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס זאָלן ניט זיין קיין אימיגראַנטן ־פרעסער און ווען אַזעלכע זענען געוואָרן אַרויסגע־שטעלט, האָבן זיך די פּוע״צ אָפּגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין דער וואַל־אַרבעט[128]).

אין 1910 האָבן די פּוע״צ אין מילוואָקי ניט אנטיילגענומען אין וואַל־קאַמפּיין פאַר וויקטאָר בערגער, צוליב זיין שטעלונג אין דער ס. פּ. קעגן פרייער אימי־גראַציע.

אויך אין אַנדערע שטעט זיינען די פּוע״צ געווען אַקטיוו אין וואַל־קאַמ־פּאַניעס אויפן צד פון דער ס. פּ. אין מינעאַפּאָליס האָט דער סעקרעטאַר פון אָר־טיקן ברענטש פון דער פּאַרטיי געגרינדעט אַ ס. פּ לאָקאַל מיטן צוועק צו העלפן דערפאָלגרייך אין וואַל־קאַמפּיין.

ערב דער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910) האָט דער צ. ק. באַשלאָסן פאָרצולייגן דער קאָנווענשאָן צו אָנערקענען די ס. פּ. אַלס די איינציקע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די ס. פּ. זאָל אנערקענען די פּוע״צ אַלס זעלבסטשטענדיקע אידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַרטראָטן אין דער ס. פּ. אַלס אַ באַזונדערע סעקציע. די פּועלי ציון איז גרייט זיך אָנ־צושליסן אין דער ס. פּ. ווען די לעצטע וועט אָננעמען די שטעלונג פון שטוטגאַר־טער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל בנוגע אימיגראַציע.

אויף דער קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל, האָט ברוך צוקערמאַן פאַרטיידיקט די דאָזיקע שטעלונג פון צ. ק. ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ פאַקטיש קיין פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן דער ס. פּ. און ס. ל. פּ. די עקזיסטענץ פון דער ס. ל. פּ. איז באַזירט אויף עקשנות. קיין אַנאַרכיסטישע שטימונגען זענען שוין מער נישטאָ אין דער פּאַרטיי. די פּוע״צ דאַרף זיך אָנשליסן אין דער ס. פּ., אַלס אַן אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

ש. שניאור (מאָנטרעאַל) האָט דערקלערט, אַז אין קאַנאַדע איז בכלל אומ־מעגלעך צו גיין צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן, ווייל זיי זענען פשוט אַנטיסע־

מיטן. אויב מען וועט אָננעמען די פּאַרגעלייגטע רעזאָלוציע, דאַרף זי ניט זיין חל אויף קאַנאַדע, וואָס האָט גאַנץ אייגנאַרטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען. חייקין האָט אָנגעוויזן, אַז די ס. פּ. וועט נישט אָקצעפּטירן דעם אנשלוס פון פּוע״צ. זי איז אויך קעגן אַן אויטאָנאָמער סעקציע פאַר די איטאַליענישע סאָציאַליסטן, וואָס פאָדערן עס שוין לאַנג. די ס. פּ. איז שטאַרק צענטראַליסטיש און איז קעגן אויטאָ־נאָמיע־טענדענצן פון וועלכער זייט זיי זאָלן ניט קומען. א. ש. וואַלדשטיין האָט אָנגעוויזן, אַז דער פאָרשלאַג איז ניט פּראַקטיש, ווייל דאַן וועלן דאָך אויך די אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאָדערן די זעלבע רעכט. דר. זשיט־לאָווסקי האָט דערקלערט, אַז מען טאָר ניט איגנאָרירן די ס. ל. פּ. ווייל זי קען אונז אָפּטמאָל דינען אַלס אַ בייטש קעגן דער ס. פּ. ווי ס׳האָט באַוויזן די וואַל־קאַמפּאַניע אין ניו יאָרק. זאָל די פראַגע געשטעלט ווערן צו דיסקוסיע אין דער פּרעסע. צוקערמאַן האָט אין זיין ענטפער־רעדע, אַרגומענטירט אַז דער פאַקט, וואָס נאָך סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופּן פאָדערן די זעלבע רעכט ווי מיר, פאַרשטאַרקט די מעגלעכקייט, אַז פריער־שפּעטער וועט זיך דער פּרינציפּ פון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע סעקציעס דורכזעצן אין דער ס. פּ. די פראַגע שטייט שוין 7 יאָר צו דיסקוסיע אין דער באַוועגונג, און זי דאַרף אַמאָל ווערן אַנטשידן.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שטעלן די פראַגע צו דיסקוסיע אין די פאַראיינען און אין דער פּרעסע.

די פּוע״צ־באַוועגונג האָט געפייערט דעם אַרבעטער־יום־טוב — דעם ערשטן מאַי, צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. דעם ערשטן מאַי, 1906, איז דער־שינען אין „אידישן קעמפּער״ אַן ערשטער מאַי־אויפרוף, וואָס איז געוואָרן גע־האַלטן אין אַ רעוואָלוציאָנערן טאָן. דער אויפרוף האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער פּאָגראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד; קעגן דעם אַרעסט פון די אַרבעטער־פי־רער אין קאָלאָראַדאָ (הייוואוד, מאיער און פּעטיבאָן) און האָט זיך געענדיקט מיט אַ קללה „אויף די וואָס האָבן געמאַכט אידיש בלוט פאַר הפקר״ און מיט אַ רוף „נידער מיט דער הערשאַפט פון קלאַסן און ראַסן! עס לעבע דער אינטערנאַציאָ־נאַלער פּראָלעטאַריאַט! עס לעבע דאָס אידישע מאַרטירער־פאָלק״. צום אויפרוף איז צוגעגעבן געוואָרן אַ ליד פון דיכטער יהואש (ער האָט זיך דאַן שטאַרק דער־נעענטערט צו די פּוע״צ און זיך באַטייליקט אין עפנטלעכע פּוע״צ־פאַרזאַמלונגען אין דענווער):

„פלוך אויף די פון וועמענס פינגער
דאָס בלוט פון מיינע ברידער טריפט;
פלוך אויף יענע וועלכע האָבן
זיי די פרילינגס־פרייד פאַרגיפט;

פלוך אויף יענע וועלכע האָבן
זיי פאַר קלאָג־מוטערס געמאַכט;
וואָס פון לאַנגען ווייַנען האָבן
שוין פאַרגעסן, ווי מען לאַכט״.

די ניו יאָרקער פּוע״צ האָבן באַשלאָסן, אַז די וואָס מוזן אַרבעטן דעם 1טן מאַי זאָלן אָוועקגעבן פאַרן „אידישן קעמפּער״ 50 פּראָצענט פון זייער שכירות. דער

צ. ק. האָט גערופן די חברים אין דער פּראָווינץ נאָכצוטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל. אין שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, סט. לואיס און אַנדערע שטעט האָבן די חברים נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון ניו יאָרק.

דער 1טער מאַי־אויפרוף פון 1907 פּראָטעסטירט קעגן יעדן סאָרט נאַציאָנאַלן צוואַנג און קעגן די ספּעציעלע נידערטרעכטיקייטן און שרעקלעך באַרבאַרישער באַהאַנדלונג פון אונזער מאַרטירער־פאָלק.

אין ניו יאָרק פלעגן עטלעכע יאָר די פּוע״צ אנטיילנעמען אין די מאַי־צוגן פון דער ס. ל. פּ. מיט זייערע רויטע און בלוי־ווייסע פענער. אין שיקאַגאָ האָבן אין 1907 די פּוע״צ אנטיילגענומען אין דער געמיינזאַמער 1טער מאַי־דעמאָנסטראַציע. דר. מאַרקוס האָט גערעדט אין נאָמען פון די פּוע״צ. אין ראָטשעסטער האָט גע־רעדט אורונין אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע. די אידישע פּרומע געגאָסן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם אָנטייל פון די פּוע״צ אין דער דע־מאָנסטראַציע. אין 1910 איז דאָרט פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמער מאַי־מיטינג מיט דער ס. ל. פּ., די איטאַליענישע און ליטווישע סאָציאַליסטן.

אין 1908 האָט דער צ. ק. אינסטרואירט די פאַראיינען צו אָרגאַניזירן מאַי־צוגן, אויב אין די צוגן וועלן אויך אנטיילנעמען ניט־אידישע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס.

אין 1910 האָט די פּוע״צ אין באָסטאָן גענומען די איניציאַטיוו צונויפצו־רופן אַ מאַי־קאָנפערענץ פון אַלע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. אין מילוואָקי איז דאַן פאָרגעקומען אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע צוזאַמען מיט די אי־דישע מיטגלידער פון דער ס. פּ.

זינט דעם ערשטן מאַי, 1910, פלעגן די פּוע״צ־פאַראיינען אויפן רוף פון צ. ק. פאַרקויפן ספּעציעלע „תרומה״־צייכנס. דאָס געלט איז געגאַנגען פאַרן פּאַר־באַנד־ביוראָ פון דער וועלט־באַוועגונג. דער 1טער מאַי־אויפרוף אין 1911 האָט זיך געענדיקט מיט די פאָלגנדיקע לאָזונגען: „נידער מיטן קאַפּיטאַליזם! עס לעבע די סאָציאַלע אָרדנונג! נידער מיט דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג! עס לעבע די אידישע רענעסאַנס!״ [129]).

אין 1913 האָט די פּוע״צ אין ניו יאָרק אנטיילגענומען אין דער געמיינזאַמער גרויסער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע מיט אַן אייגענעם מוזיק־אָרקעסטער. פאַר דעם אַרויסמאַרש צום אַלגעמיינעם צוג איז פאָרגעקומען אַן אייגענער מאַי־מי־טינג מיטן אנטייל פון מ. בראַון, דר. זשיטלאָווסקי, נ. סירקין, ברוך צוקערמאַן און ר. קענדזשערסקי.

.14

# זעלבסטשטענדיקע ארץ־ישראל אַרבעט

מען קאָן זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז די פּוע״צ אין אַמעריקע זענען געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירן פּיאָנערן־גרופּן פאַר ארץ־ישראל, און דאָס איז אָן ספק אַ גרויסער היסטאָרישער פאַרדינסט.

שוין די גרינדונגס־קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר (דעצעמבער, 1905), האָט באַשלאָסן צו שטודירן די פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרעבונגען אין נאָענטן מזרח און אָרגאַניזירן ספּעציעלע פּוע״צ פּיאָנערן־גרופּן.

די באַלטימאָרער קאָנווענשאָן האָט באַטאָנט די באַזונדערע וויכטיקייט פון פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל. „דער פּאָליטישער ציוניזם“ — זאָגט זיך אין פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אָנגענומען אויף דער קאָנווענשאָן, „האָט געמאַכט דעם טעות, וואָס ער האָט געבויט אינגאַנצן אויף דער פּאָליטישער טעאָריע, געוואַרט נאָר אויף דעם היסטאָרישן מאָמענט און האָט פאַרנאַכלעסיקט די קעגנ־וואַרטס־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, און געדענקט, אַז דער טשאַרטער אויף ארץ ישראל איז דער א׳ און ת׳ פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע“. מען מוז באַזעצן אַ אידישע מערהייט אין פּאַלעסטינע און פּאַקטיש באַזיצן דאָס לאַנד. מען דאַרף דערפאַר שטרעבן איינצוקויפן לאַנד, באַוועגן טערקישע אידן צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל און פאַרגרעסערן די איינוואַנדערונג פון אויסלענדישע אידן אונטערן שוץ פון אויסלענדישע, איבערהויפּט ליבעראַלע, רעגירונגען, וואָס זייער איינפלוס וועגט אַריבער די איינוואַנדערונגס־געזעצן אין פּאַלעסטינע“. בקיצור, זאָרגן פאַר „פּענעטראַציע אין אַלע פאָרמען“.

אויף דער איניציאַטיוו פון א. ש. וואַלדשטיין, (איינער פון די ערשטע פּוע״צ־פירער אין אַמעריקע, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין א״י, אין 1912), איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אונטערן נאָמען „חלוצי פּועלי ציון“. דעם 27טן אַפּריל, 1906, איז דערשינען אין דער פּרעסע דער ערשטער אויפרוף פון דאָזיקן קאָמיטעט. דעם 18טן מאַי, 1906, לייענען מיר אין „אידישן קעמפער“, אַז עס האָבן זיך געשאַפן חלוצישע גרופּן אין ניו יאָרק (12 מאַן), אין פילאַדעלפיע (8) און אין מאָנטרעאל (5 מאַן). דער וועד קאָמוניקירט זיך מיט עקספּערטן אין פּאַלעסטינע און מיט דער פּאַלעסטינע־קאָמיסיע. אָנפראַגן וועגן די חלוצים־גרופּן זענען אויך אָנגעקומען פון האַרטפאָרד, ניובורג, ראַטשעסטער און קליוולאַנד. אין סט. לואיס האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע פון 11 אונטערן נאָמען „דגל מחנה יהודה“. די חברים זיינען — ווי מען שרייבט — אַלע יונגע, מוטיק־באַגייסטערטע פּיאָנערן; די מייסטע קענען פאַרשידענע פאַכן, ווי סטאָלעריי, שטובן־מאַלעריי א. אַז. וו. אויך באַזיצט יעדער אַ קאַפּיטאַל פון 300 ביז 500 דאָלער.

דעם 1טן יוני, 1906, מעלדעט דער חלוצים־קאָמיטעט אין „קעמפער“, אַז עס עקזיסטירן שוין 3 פעסטע גרופּן: אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און מאָנטרעאל.

די גרופּן עקזיסטירן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און זיי צילן זיך צו באַשעפטיקן אין פּאַלעסטינע הויפּטזעכלעך מיט קאָלאָניזאַציע, „כדי צו אַרבעטן דאָרט פּראַק־טיש פאַר דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק אויף זיין לאַנד און צו בילדן דאָרט אַן אָרגאַניזירטן פּוע״צ־צענטער״. די ערשטע גרופּע וועט עמיגרירן אומגעפער אין צוויי יאָר אַרום אַלס אַמעריקאַנער בירגער.

דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו גרינדן גרופּן אויף פאַרשידענע פינאַנ־ציעלע יסודות און מיט פאַרשידענע אַרבעטס־פּלענער אין ארץ ישראל; געבן ידיעות און אַרטיקלען פון צייט צו צייט אין „אידישן קעמפער״; ערקלערן אין דער צייטונג, אַז הגם דער קאָמיטעט איז גרייט צו געבן אַלעמען אינפאָרמאַציעס און עצות וועגן באַזעצן זיך אין פּאַלעסטינע, האַלט ער זיך דאָך פאַראַנטוואָרט־לעך נאָר פאַר אָרגאַניזירטע גרופּן, אָבער ניט פאַר די וואָס וועלן גיין נאָך ארץ ישראל אַלס יחידים.

דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז די צוקונפטיקע חלוצים דאַרפן זיך באַ־קענען מיט דער געאָגראַפישער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון ארץ ישראל. ער האָט דערפאַר געשיקט צו די חברים, אַפּט ווי מעגלעך, ידיעות וועגן דער לאַגע אין לאַנד און רעקאָמענדירט צו לייענען באַשטימטע ביכער און אַרטיקלען איבער ארץ ישראל.

מען האָט אויך אָנגעהויבן רעדן וועגן שיקן איינעם אָדער צוויי דעלעגאַטן קיין א״י זיך צו באַקענען אויפן אָרט נעענטער מיט דער לאַגע אין לאַנד און פעסט־שטעלן די אויסזיכטן און מעגלעכקייטן פון איינאָרדנען זיך אין לאַנד. ישראל אַפּלבוים *) שרייבט געניויער וועגן די אויפגאַבן פון דער דעלעגאַציע אין אַן אַרטיקל ערב דער 2טער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. 1) אויספאָרשן אַלע אינ־סטיטוציעס וועלכע זענען דאָרט געשאַפן געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, אָדער מיט איר הילף און ברענגען קלאָרע ידיעות וואָס עס קומט דאָרט פאָר, כדי צו וויסן וואָס ס'איז ווערט מיר זאָלן מיטהעלפן און וואָס מיר מוזן באַקעמפן. 2) באַקענען זיך גוט מיט די פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע עקזיסטירן אין פּאַלעסטינע (פּועלי ציון, הפועל הצעיר) און זען מיט וואָס מיר קענען זיי העלפן, כדי זיי צו פאַרשטאַרקן און אויב עס איז מעגלעך זיי צו פאַראייניקן, ווייל „עס איז קיין צווייפל, דאָס אויב מיר וועלן זיי מיטהעלפן, וועלן זיי קענען ווערן אַ שטאַרקע מאַכט, וואָס וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער סאָ־ציאַלער אַנטוויקלונג פון לאַנד״. ווייטער לייגט אַפּלבוים פאָר אין זיין אַרטיקל צו עפענען אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר די, וואָס ווילן זיך באַזעצן אין א״י, און שאַפן אַן עמיגראַציע־פאָנד צו העלפן מיט הוצאות די פון אונזערע חברים, וועלכע האָבן ניט אויף הוצאות קיין א״י [130]).

אין מאַי, 1907, אינפאָרמירט דער „קעמפער״, אַז פיל חברים גרייטן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל. „מיר בעטן די חברים, וועלכע פאַרמאָגן פון 3 ביז 5 הונדערט דאָלער און ווילן איצט גיין נאָך פּאַלעסטינע, זיי זאָלן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט״ [131]).

*) זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, אין 1932. אַרבעט איצט אין דער קופּת חולים אין תל־אביב.

אין „אידישן קעמפער“ דערשיינען צו יענער צייט עטלעכע אַרטיקלען מיט אינפאָרמאַציעס וועגן די פּראַקטישע מעגלעכקייטן זיך צו באַזעצן אין א״י. א. גאָלדמאַן, וועלכער איז געווען פון די ערשטע אַמעריקאַנער חברים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין א״י, האָט צוגעשיקט פון א״י, אַן אַרטיקל צום „אידישן קעמפער“ א. ב. „אַ קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט“ מיט אַ פאָרשלאַג וועגן שיקן 50 יונגעלייט קיין א״י, וואָס זאָלן אַרבעטן אין „בצלאל“ 2 יאָר און זיך לערנען שטיינשניידעריי. פּראָפעסאָר באָריס שאַץ, דער גרינדער און פירער פון „בצלאל“, האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן. יעדעס יאָר זאָלן קומען 50 מענטשן, וואָס וועלן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער „בצלאל“־שול, ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען די אַרבעט פון שטיינשניידעריי און וועלן אָנהייבן פאַרדינען. נאָכן ערשטן יאָר דאַרפן זיי אָפּצאָלן דאָס געלט וואָס מ׳האָט אויף זיי אויסגעגעבן און מיט דעם געלט וועט מען אויסהאַלטן נייע 50 שילער. שאַץ פאַרלאַנגט אז יעדע אָרגאַניזאַציע פון „בצלאל“, ציוניסטן, פּועלי־ציון אָדער אַלע 3 צוזאַמען, זאָלן אַריינשיקן 1,000 דאָלער, וואָס וועט געבן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן 50 יונגעלייט. די פאַך־קורסן וועלן דויערן 2 יאָר. נאָכן ענדיקן די קורסן וועט יעדער אַרבעטער פּ אַרדינען 8 פראַנק אַ טאָג, „וואָס האָט דאָ מער באַדייטונג, ווי 5 דאָלער אין אַמעריקע“. די טויזנט דאָלער קענען אויסגעצאָלט ווערן אין אייניקע טערמינען. פון די 50 מאַן זאָלן 32 זיין פון אַמעריקע און 18 פון פּאַלעסטינע און די וועלכע קומען אַהין אַלע טאָג פון אַנדערע לענדער[132]).

דער אַרטיקל פון א. גאָלדמאַן האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקן מיינונגס־אויסטויש אויף די שפּאַלטן פון „אידישן קעמפער“. עס האָט אויך גענומען אַ וואָרט אין וויכוח מ. שיינקין, פון די פירער פון א״ידיקן ישוב. דער „קעמפער“ האָט אָנגעהויבן אָפּט פאַרעפנטלעכן באַריכטן און ידיעות פון ארץ ישראל. איינער וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן אָריגינעלן נאָמען: „אַ פּועלי ציון אָן אַ פּראָגראַם“, האָט באַריכטעט פון יפו וועגן דער גרינדונג פון אַ „אידישן אַרבעטער פאַרבאַנד“, וואָס ציילט שוין 100 מיטגלידער; דער פאַרבאַנד האָט געעפנט אַ ביבליאָטעק און פירט דורך סיסטעמאַטישע פאָרלעזונגען. עס דערגיין פון א״י ידיעות וועגן די ערשטע טריט, וואָס עס שטעלט דאָרט די יונגע פּוע״צ־באַוועגונג. עס שטעלן זיך איין די ערשטע שריפטלעכע קאָנטאַקטן צווישן די פּוע״צ אין אַמעריקע און ארץ ישראל.

כאַראַקטעריסטיש איז אַן אויפרוף, פאַרעפנטלעכט פון „פּאַלעסטינע פּיאָנערן פאַראיין“ פון סינסינעטי אין נומ. 23 (7טן סעפּטעמבער, 1907) פון „אידישן קעמפער“.

„שוועסטער און ברידער פּאַלעסטינצעס“ — זאָגט זיך אין אויפרוף — „ענטוועדער זענט איר פּאַלעסטינצעס אָדער נישט. ווען איר זענט עס יאָ, טאָ ווייסט איר וואָס צו טאָן אין ארץ ישראל? ארץ ישראל — דאָס איז אונזער וואוין־אָרט. אין א״י צו הונגערן איז זיסער ווי פון די אַמעריקאַנער „פעקטאָריס“ אַ שיין לעבן צו מאַכן. דענקט איר טאַקע, אַז איר זענט געבוירן געוואָרן צו פאַרגרעסערן דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל? ווארום ניט ליבער באַרייכערן דעם פּאַלעסטינער רייכטום? אונזער נאַציאָנאַלן רייכטום, די אוצרות פון אונזער הייליקער נאַציאָן? אויף דעם צוועק האָט זיך אָרגאַניזירט אונזער פאַראיין, צוזאַמענצוקלייבן גענוג געלט צו גרינדן אין פּאַלעסטינע א פּוע״צ־קאָלאָניע. קעגנער וועלן זיך

בחינם באַמיען, וועלן אַרויסוואַרפן זייערע ווערטער. מיר זענען פעסט באַשטימט! מיר בעטן די פריינט צו קומען צו אונזערע מיטינגען" (אָנגעגעבן דער אַדרעס).

אין זעלבן נומער „קעמפער" דערשיינט אויך אַן אָפענער בריוו פון דר. י. זאַ־לאַטאַראָוו מיט דעם פאָרשלאָג צו שאַפן אין ארץ ישראל קליינע קאָאָפּעראַטיווע אָדער געזעלשאַפטלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דער דאָזיקער פאָר־שלאָג איז געווען דער פאָרלויפער פון דער שפּעטערדיקער „אחוה", וועגן וואָס מיר וועלן דערציילן אין קאַפּיטל 23.

די קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910), באַשליסט פאַרצוזעצן די אַרבעט צו אָרגאַניזירן פּיאָנערן און אָרגאַניזירן די חברים, וואָס זענען אַנטשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

אין 1909 האָט זיך געשאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע א. נ. „האיכר הצעיר". דער גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע און איר לעבעדיקער גייסט איז געווען אליעזר יפה, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

צו דעם „האיכר הצעיר", האָבן געהערט פּועלי ציון און אַלגעמיינע ציוניסטן (אליעזר יפה איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט). דעם קערן פון דער אָרגאַניזאַ־ציע האָבן געבילדעט שילער פון דער אַגרי־קולטור־שול אין וואודביין. די גרופּע אַלגעמיינע ציוניסטן פון „האיכר הצעיר" איז געקומען פון „התחיה", אַן אָרגאַני־זאַציע פון רוסישע ציוניסטן, געגרינדעט אין 1904. די גרופּע איז באַשטאַנען פון ראַדיקאַלע ציוניסטן מיט אָפענע סימפּאַטיעס צו די פּוע"צ. עס האָט זיי אָבער ניט צופרידנגעשטעלט דער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי און די גרופּע איז געבליבן אַ ראַדיקאַלער אַלגעמיין־ציוניסטישער פאַראיין. זי האָט גע־ווירקט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין גייסט פון פאָלקסטימלעכן ציוניזם, ליבע צו אידיש און אידישע ליטעראַטור. די גרופּע האָט געהאָלפן שאַפן דעם אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע אין אידיש „דאָס אידישע פאָלק". עטלעכע מיטגלידער פון דער גרופּע זענען געווען די גרינדער פון „האיכר הצעיר" [133]).

בערל קליי (שפּעטער געפאַלן אַלס שומר אין א"י), האָט ערב דער 5טער פּוע"צ קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל, באַקענט די לייענער פון „אידישן קעמפער" און דער גאַנצער פּוע"צ־באַוועגונג מיט די צילן פון דער נייער חלוצישער אָרגאַ־ניזאַציע. די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז פאַרצובארייטן און אָרגאַניזירן איינצלנע גרופּן אויסצואוואַנדערן קיין ארץ ישראל, און זיך דאָרט צו באַזעצן אַלס ערד־אַרבעטער און פאַרפאַנאַנדירן דעם געדאַנק צווישן יונגע ציוניסטן. דער גרעסטער טייל מיטגלידער האָבן גענאָסן פון אַגריקולטורעלער בילדונג אין פאַר־שידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן. זיי גייען אַרבעטן אַלס אַרבעטער אויף פאַרמס, באַזונדערס אין געגנטן, וואָס זיינען ענלעך מיט זייער ערד, קלימאַט, חיות־און פלאַנצן־וועלט צו פאַלעסטינע. „האָבנדיק אַ טעאָרעטישע בילדונג אין אַגרי־קולטור און דורכמאַכנדיק אַ ,שטרענגע שול' פון עטלעכע יאָר פון ערפאַרונג אַלס פאַרם־אַרבעטער און באַזיצנדיק אַ קאַפּיטאַל פון 500 דאָלער, קען ער באַטראַכט ווערן אַלס געווינטשטער פּיאָנער".

„דער פאַרבאַרייטונגס־עטאַפּ שליסט גענצלעך אויס די ,זיידענע האַנטשו־כיאַנערן', וואָס ברענגען נאָר שאָדן מיט זייער שנעלער אויסוואַנדערונג און נאָך שנעלערן צוריקקומען".

„ארץ ישראל וועט פון אונז ניט אַנטלויפן, אָבער מיר וועלן פון איר אַנטלויפן, ווען מיר קומען ניט־פאַרבאַרייטעט אין אונזער פאַך, ניט באַוואָפנט מיט מאַטער־יעלע מיטלען... מיר מוזן צושטעלן אַ מענטשן־מאַטעריאַל פון אַ הויכער קוואַלי־טעט".

ב. קליי ענדיקט מיט אַ פאָרשלאָג, אַז דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון „האיכר הצעיר". די לעצטע וואָלט דאָן געהאַט אַ שטענדיקן סעקרעטאַריאַט אין דער פּערזאָן פון פּאַלעסטינע קאָ־מיטעט (וואָס זי קען ניט אַליין אויסהאַלטן, ווייל די חברים זייענדיק אויף פאַרמס, קענען די דאָזיקע אַרבעט בשום אופן ניט דורכפירן), און פון דער צווייטער זייט, וועט דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָבן אַ שטענדיקע קוועלע פאַר אינפאָרמאַציע, ווייל די אויסוואַנדערונג פון אַ טייל פון די חברים הייבט זיך שוין איצט אָן.

ער גיט נאָך צו אַז דאָס איז זיין פּערזענלעכע מיינונג, אָבער ער איז זי־כער, אַז אַלע זיינע חברים וועלן מסכים זיין צו זיין פאָרשלאָג [134]).

חברים פון „האיכר" הצעיר" האָבן אויך פאָרגעלייגט אַ רייע רעזאָלוציעס אויף דער 12טער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַ־ציע (מיטן 1909). די רעזאָלוציעס האָבן פאָרגעליגט צו שאַפן אַן אַגראַר־ביוראָ, וואָס זאָל געבן אינפאָרמאַציע וועגן ערד־אַרבעט אין ארץ ישראל, דאָס ביוראָ זאָל שטיין אין פאַרבינדונג מיט די אינפאָרמאַציע־ביוראָס אין א"י; אַרויס־געבן בראָשורן וועגן א"י־פראַגן; גרינדן אַן אַמעריקאַנער קאָלאָניע אין א"י; די קאָנווענשאָן זאָל אָננעמען פּראַקטישע שריט צו גרינדן אַן אַגראַר באַנק אין א"י; באַאיינפלוסן יונגע ציוניסטן אויפצונעמען ערד־אַרבעט אַלס זייער צוקונפטיקע באַשעפטיקונג אין ארץ ישראל [135]).

בערל קליי האָט באַזוכט אין דעצעמבער, 1910, שיקאַגאָ, וואו ער האָט אַגי־טירט צווישן די ציוניסטן און פּוע"צ פאַרן „האיכר־הצעיר". פון דאָרט איז ער אָפּגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט פּי־צוכט. אליעזר יפה איז דעם 23טן נאָוועמבער, 1910, אָפּגעפאָרן קיין א"י, זיך דאָרט צו באַזעצן. די אַגיטאַציע פון קליי און אַנדערע, האָט געבראַכט פּרוכטן. „דער רעיון פון „האיכר הצעיר" האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן צווישן אַלע ציוניסטן און פּוע"צ אין לאַנד. עס איז אָבער מערקווירדיק, דאָס אַלע אָנפראַגעס קומען אָן בלויז פון די שטעטלעך און ניט פון די גרויסע שטעט ווי ניו יאָרק און פי־לאַדעלפיע" [136]).

אין „אידישן קעמפער" פון 17טן פעברואַר, 1911, האָט אליעזר יפה פאַר־עפנטלעכט זיין ערשטן בריוו פון א"י, אין וועלכן ס'ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן: „זאָלן היינטיקן טאָג קומען אַהערצו 100 חברים פון „האיכר הצעיר", יעדער מיט זיין פאַך־קענטעניש און גענוג געלט־מיטלען, קענען זיי זיך אַלע איינאָרדענען אין יפו'ער סביבה אויף דייריס, פּאַלטריס און וועדזשעטייבל גערטנער, און זיי וועלן מאַכן ניט בלויז אַ שיין לעבן, נאָר עשירות... דערווייל אַרבעט און שפּאָרט געלט"... יפה שרייבט אויך, אַז די חברים פון „האיכר הצעיר" זאָלן זיך קאָנ־

צענטרירן אויף ירקות־ווירטשאַפט, וואָס האָט אַ גרויסע צוקונפט און פאָדערט ניט צופיל געלט.

אליעזר יפה האָט זיך אין א״י אָנגעשלאָסן אין „הפועל הצעיר״. ער איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין גליל. ער האָט געשאַפן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן זשורנאַל „גן הירק״; די לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה פאַר אַרבעטערינס אין מקוה ישראל; ארויסגעגעבן די לאַנדווירטשאַפטלעכע לערן־ביכער „השדה״; געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער באַוועגונג פון מושב־עובדים, פון די גרינדער פון „תנובה״ א. א. אויפטועך. ער איז געשטאָרבן אין נהלל, אין ווינטער, 1943.

בערל קאַצענעלסאָן, ע״ה, שילדערט אים אַלס איינע פון די שענסטע געשטאַלטן פון דער צווייטער עליה און איינע פון די סאַמע באַליבטסטע. „עס איז פאַראַן אַ ביאָלאָגישע שיינקייט און אַ גייסטיקע שיינקייט. אליעזר יפה איז געווען אַ רעפּרעזענטאַטיווער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער שיינקייט״.

בערל שילדערט אפשר דעם וויכטיקסטן אויפטו פון אליעזר יפה — די באַוועגונג פון די מושבי עובדים. און ער זאָגט: ״די אידעע פון מושבי עובדים איז געלעגן פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון ארץ ישראלדיקן לעבן און אליעזר יפה האָט זי אַנטפּלעקט און איר געגעבן דעם מושב — און דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג — ניט נאָר דאָס, נאָר אויך זיין געשטאַלט, אַ דערציערישע באַצויבערנדע געשטאַלט. און ניט געקוקט אויף אַלץ וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די מושבי עובדים ביז היינטיקן טאָג — איז די דאָזיקע געשטאַלט ניט געבליבן הינטער דעם מושב, נאָר זי גייט אים פאָראויס״ [137].

פון די אויפטוען פון די חברים פון „האיכר הצעיר״ אין א״י זאָל מען דערמאָנען דעם פאָלגנדיקן פאַקט: אין כנרת איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער קאָנפליקט אין 1909 מיט דעם אַגראָנאָם בערמאַן און די אַרבעטער — מיט בערל קאַצענעלסאָן בראש — האָבן דערקלערט קעגן אים אַ סטרייק. דר. רופין איז געקומען קיין כנרת און געפּסק׳נט, אַז סיי בערמאַן און סיי די אַרבעטער זאָלן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. שפּעטער האָט ישראל בלאָך געשאַפן אַ נייע אַרבעטער־גרופּע, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען בערל. אין 1912 איז די פאַרם געוואָרן איבערגעגעבן צו מיטגלידער פון „האיכר הצעיר״ און צווישן זיי האָבן זיך געפונען אליעזר יפה און א. לעווין [138].

שוין פון די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, האָט די פּוע״צ־באַוועגונג אין אַמעריקע, געזוכט אָנצופירן אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל, אומאָפּהענגיק פון דער טעטיקייט פאַר די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פאָנדן. די באָסטאָנער קאָנווענשאָן (1906) האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין א״י, וואָס זאָל פעסטשטעלן די בעסטע וועגן ווי צו אָרגאַניזירן די פּוע״צ אין א״י; די שייכות צווישן די פּוע״צ אין אַמעריקע און אין א״י; די קאָמיסיע זאָל אויך זען צי ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו שאַפן דאָרט אַ אַרבעטס־ביוראָ. אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט זענען אַריין די חברים: גאָלדשטיין, וואַלדשטיין, עדלשטיין און קלמן מרמר. די קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן דורכצופירן אַ זאַמל־אַקציע פאַר דער פּאַלעסטינע קאָמיסיע.

די קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (1907), האָט נאָכן אויסהערן דעם רעפעראַט פון י. אַפּלבוים וועגן דער נאָענטער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, באַשלאָסן

צו שיקן אַהין אַ שליח פון צ. ק. זי האָט אויך אַסיגנירט די סומע פון 1,000 דאָלער אַרויסצוגעבן אַ בראָשור וועגן ארץ־ישראל. י. ראַזאָווסקי איז אָפּגעפאָרן קיין א״י, אָנפאַנג, 1908, אַלס שליח פון דער פּאַרטיי.

באַלד שטעלן זיך איין ענגערע באַציאונגען מיט די ארץ־ישראל׳דיקע חברים. דעם 18טן יאַנואַר, 1907, פאַרעפנטלעכט דער „אידישער קעמפער״ אַ בריוו פון צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון אין ארץ ישראל, אַז ער האָט באַשלאָסן צו גרינדן אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, עפענען לייען־זאַלן אין די קאָלאָניעס פאַר אַרבעטער א. א. דער צ. ק. פון די פּוע״צ אין רוסלאַנד מעלדעט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ „פּאַלעסטינע פאָנד״ צו העלפן די סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון דער אַרבעטערשאַפט אין א״י. „אויך איר, חברים, דאַרפט זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן ווי אונז צו העלפן מיט מאַטעריעלע מיטלען און ליטעראַטור״.

אין גאַנץ ארץ־ישראל האָבן זיך דאַן געפונען (אין 1906) בערך 600 אידישע אַרבעטער. אין נס־ציונה איז פאָרגעקומען אין 1906 די ערשטע 1טע מאַי־פייערונג אין א״י. אין אָקטאָבער, 1906, איז אין רמלה אָפּגעהאַלטן געוואָרן די טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון פּוע״צ, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די רמלה׳ר פּלאַטפאָרם. אין 1907 קומט פאַר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די פּוע״צ אין א״י און באַלד הייבט אָן דערשיינען זייער ערשטע צייטשריפט אין אידיש „דער אָנפאַנג״. אין זעלבן יאָר, ווען די פּוע״צ אין אַמעריקע, האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין א״י, האָבן די פּוע״צ אין פּוילן באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּיאָנערן־פאָנד. מיט אַ יאָר שפּעטער — אין 1907 — קומט זיך צוזאַמען אין האַאַג (אין אויגוסט), די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי ציון און עס ווערט געשאַפן אַ פּירנדיקע אינסטאַנץ פאַר דער גאַנצער באַוועגונג — דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ. אין גליל אַנטשטייט דער „החורש״ — דער פאַרבאַנד פון אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. דער קליינער אַרבעטער־ישוב אין ארץ ישראל ווערט דער קערן פון יענער „רעאַלער אַרבעט״ וועגן וואָס ס׳האָבן געחלומ׳ט די פּאַרפאַסער פון באַלטימאָרער פּראָגראַם, סוף 1905.

דעם 10טן מאַי, 1907, דערשיינט אין „קעמפער״ אַ ווענדונג פון „אידישן אַרבעטער פאַרבאַנד״ אין יפו, וואָס בעט מען זאָל אים שיקן ליטעראַטור. דעם 14טן יוני ווערט באַריכטעט פון א״י, אַז די פּוע״צ פאָדערט צו שאַפן אין א״י אַ ציוניסטישן קאָמיטעט פאַר אַלע פּאַלעסטינער ענינים, אין וועלכן די פּוע״צ זאָלן זיין פאַרטראָטן. די פּאַרטיי שיקט אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס. דער בריוו ענדיקט זיך מיט אַן אַפּיל צו שטיצן די „אגודת הכורמים״ און פאַרשפּרייטן וויין פון ארץ ישראל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוע״צ אין ארץ ישראל האָט וואַרעם באַגריסט דעם באַשלוס פון די אַמעריקאַנער פּוע״צ צו שאַפן אַ פּוע״צ־ביוראָ אין א״י, און ער האָט אַפּעלירט צו די חברים אין אַמעריקע צו זאַמלען אַ פאָנד אויסצוהאַלטן דאָס ביוראָ[139].

די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון די פּוע״צ, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיטן אויגוסט אין האַאַג, האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ ביוראָ אין א״י מיט פאַרטרעטער, דערווייל פון רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקע, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער פּוע״צ־

אַרבעט אין א״י. די אַרבעט פון ביוראָ האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן נאָכן צונויפ־זאַמלען די סומע פון 20,000 פראַנק, וואָס זאָל זיכערן דעם בודזשעט אויף 3 יאָר צייט. די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז מען זאָל אָנהייבן די אַר־בעט נאָכן צונויפזאַמלען 10,000 פראַנק (בערך 2,000 דאָלער).

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ (דעצעמבער, 1909, אין קראָקע), האָט באַ־שלאָסן צו גרינדן דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, וואָס האָט דעם צוועק „צו פאַרלייכטערן די איינוואַנדערונג און איינוואָרצלונג פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל און אין די אַרומיקע לענדער, און צו פאַרפעסטיקן זייער לאַגע אין דער דאָרטיקער פּראָדוקציע״.

דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד (אין העברעאיש: קופּת פּועלים ארץ ישראלית), זאָל שאַפן אינפאָרמאַציע־ און אַרבעטס־ביוראָס; סובווענציאָנירן און גרינדן אַרבעטער־היימען אין די האַפן־שטעט, אַרבעטער־דירות, אַרבעטער־קיכן און ענלעכע אינסטיטוציעס; שטיצן די געווערקשאַפטלעכע, קאָאָפּעראַטיווע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין א״י, און אין די אַרומיקע לענדער; שטיצן דאָרט די קולטור־אַרבעט פון אידישן פּראָלעטאַר־יאַט, ווי אַרבעטער־־בילדונגס־פאַראיינען, לייען־זאַלן, צייטונגען, פאַרלאַגן און אַזוי ווייטער [140]).

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט פאַרלאַנגט, אַז דאָס געלט פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד זאָל ניט גיין אויף אויסהאַלטן דאָס א״י־ביוראָ פון די פּועלי ציון נאָר פאַר דירעקטע פּאַלעסטינע־אַרבעטן. דער פאָנד זאָל אָנהייבן אַרבעטן ווען עס וועט שוין זיין אַ באַשטימטע גרעסערע סומע. 6,000 פראַנק). די פּאַרטיי איז געווען גרייט צו שיקן אַ חבר פון אַמעריקע, וועל־כער זאָל זיין דער סעקרעטאַר פון ביוראָ. דער צ. ק. איז געווען קעגן שאַפן 2 ביוראָען: אין ארץ ישראל און אין אייראָפּע. די גאַנצע אַרבעט זאָל קאָנצענט־רירט ווערן אין א״י. דער צ. ק. האָט אויך איינגעשטימט צום פאָרשלאָג פון די א״י׳דיקע פּועלי ציון, אַז דאָס ארץ ישראל־ביוראָ זאָל אָרגאַניזירט ווערן דורך די דאָרטיקע חברים.

אין מאַי, 1910, איז דורכגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע, אַ וואָך פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד. דאָס איז געווען די וואָך פון ל״ג־בעומר פון 25טן ביז דעם 31טן מאַי, אין יאָרצייט נאָך די העלדישע קעמפער, ר׳ עקיבאַ׳ס תלמידים. דער „אַרבעטער״ — דער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. — האָט געווידמעט אַן עדיטאָריעל דעם אויפרוף, וואָס דער פּאַלעסטינע קאָמיטעט האָט אַרויס־געגעבן. ער האָט געמאַכט חוזק פון דעם אויסדרוק, אַז דער ציל פון פּ.א.פ. איז צו בויען ביליקע וואוינונגען, ביליקע קיכן, כדי „צו מאַכן מעגלעך פאַר די אי־דישע אַרבעטער אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ מיט די ניט־אַנטוויקלטע, האַלב־ווילדע שבטים, וועלכע גיבן אַוועק זייער אַרבייט פאַר שפּאָט־ביליק״. דער צוועק פון אויפרוף — פירט אויס דער „אַרבעטער״ — איז צו באַזאָרגן די הויטשינ־דענדיקע אַרבעטס־געבער מיט ביליקע אַרבעטס־קרעפטן. די אידישע טאָג־פּרעסע האָט מיט געוויסע אויסנאַמען וואַרעם אונטערשטיצט די ערשטע עפנטלעכע פּ. א.פ. אַקציע אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

אַ וויכוח האָט אַרויסגערופן די פאָדערונג פון די א״י׳דיקע פּועלי ציון צו באַשטימען אַ סובסידיע פון די געלטער פון פּ. אַ. פּ. פאַר זייער אָרגאַן „האחדות״.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ איז געווען קעגן דעם פאַרשלאַג, צו באַנוצן פּ. א. פּ. געל־טער פאַר ענגע פּאַרטיי־צוועקן. אויך די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט זיך אויף דער קאָנווענשאַן אין מאָנטרעאַל אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פאַרשלאַג. אויף דער קאָנ־ווענשאַן האָט דער דעלעגאַט פון ווינ־פּעג פאַרגעלייגט צום גרינדן ביים פּ. א. פּ. אַן אָפּטיילונג צו שטיצן דעם וועכטער־פאַרבאַנד „השומר". די קאָנווענשאַן האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן די פראַגע דעם פאַרבאַנדס־ביוראָ. דער פאַרשלאַג דורכ־צופירן גאַסן־זאַמלונגען מיט זאַמל־פּושקעס איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן, ווייל מען האָט געזען דערין אַ קאָנקורענץ צום נאַציאָנאַל פאָנד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן 2 זאַמלונגען אַ יאָר: איינע אין חנוכה און דעם צווייטן טערמין זאָל באַשטימען דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט.

נ. קאַך — דער סעקרעטאַר פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט (אויפן אָרט פון ז. גאָלדשטייק, וואָס האָט רעזיגנירט), האָט באַריכטעט, אַז אין משך פון די ערשטע 8 חדשים פון זיין עקזיסטענץ האָט דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט געזאַמלט 1,700 דאָלער פאַר פאַרשידענע פאָנדן (אַריינגערעכנט דעם גענאָסנשאַפטס־פאָנד פון נאַציאָנאַל פאָנד). דירעקט פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד איז געזאַמלט געוואָרן 532 דאָלער. ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז קומענדיק יאָר וועט ווערן געזאַמלט 2,000 דאָלער. דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט זיך אויך פאַרנומען מיט זאַמלען אַבאָנענטן פאַר דער „האחדות".

די גרינדונג פון פּ. א. פּ. האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן קאַמף צווישן פּועלי ציון און דעם „הפּועל הצעיר" אין א"י. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך איבערגע־טראָגן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה (שבועות, 1911, אין עין גנים, ביי פּתח תקוה). די הפּועל הצעיר'־ניקעס האָבן געטענה'ט, אַז דער ישוב האָט פיל געליטן פון דער חלוקה און אַז די אַרבעטער דאַרפן ניט אָננעמען שטיצע פון אויסלאַנד, אויסצוהאַלטן זייערע אינסטיטוציעס, דאָס דאַרפן זיי טאָן מיט אייגענע מיטלען *). אַ צווייטע טענה איז געווען, אַז די פּוע"צ וועלן מיט דער הילף פון פּ. א. פּ. פאַרשטאַרקן קינסטלעך זייער השפּעה אויף דער אַרבעטערשאַפט.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון אַן ארץ־ישראל'דיקן אַרבעטער־פאָנד, אָבער מיט דעם פאָנד דאַרף פאַרוואַלטן אַן אַלגע־מיינע אָרגאַניזאַציע פון די א"י'דיקע אַרבעטער און דער פאָנד זאָל געשאַפן ווערן דורך אַ זעלבסט־שטייער פון די אידישע אַרבעטער אין א"י. די קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן צו נעמען אָנטייל אין פּאַל. אַרב. פאָנד, געשאַפן דורך די פּוע"צ, אָבער אים באַמיען צוצופּאַסן צו די אָנגענומענע פּרינציפּן. אויך אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין יהודה (כסלו, 1912, האָט זיך ווידער געפירט אַ שאַרפער וויכוח אין דער פראַגע. מיט 13 שטימען קעגן 12 האָט גע־זיגט דער שטאַנדפּונקט פון פּוע"צ. אָבער אַפילו דאַן האָבן מיטגלידער פון „הפּועל הצעיר" באַקעמפט דעם פּ. א. פּ. [141]). די פאָדערונג פון די לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה, אין 1911, איז ערשט מקויים געוואָרן אין סעפּ־טעמבער, 1925, ווען די צווייטע קאָנפערענץ פאַר דעם אַרבעטנדיקן ארץ ישראל

*) פיל אַרבעטער זיינען אַפילו געווען קעגן באַנוצן זיך מיט די אַרבעטער־הייזער, אויפגעבויט דורכן קרן קימת אין פּתח תקוה, אויך צוליב דעם זעלבן מאָטיוו.

אין ווין, האָט מיט דער הסכמה פון פּוע״צ־וועלט־פאַרבאַנד, באַשלאָסן איבער־צוגעבן דעם פּ. א. פּ. אין רשות פון דער הסתדרות.

ביי דער גרינדונג פון פּ. אַ. פּ. איז אויף דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון די פּועלי ציון, אָנגעגאַנגען אַ וויכוח איבער די צילן פון פּ. אַ. פּ. באָראָכאָוו און זרובבל האָבן פאָרגעלייגט צוצוגעבן צו די אויפגאַבן פון פּ. אַ. פּ. אַ פּונקט, אַז „דאָרט, וואו דאָס פאָדערט זיך צוליב דער אָרגאַניזירונג און פאַרשטאַרקונג פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, דאַרף דער פּ. א. פּ. זען אָרגאַניזירן אויך די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציעס״. די קאָנפערענץ האָט דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן, מיטן מאָ־טיוו, אַז דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און ס'איז דעריבער איבעריק אַז דאָס זאָל פיגורירן אין אַ באַזונדערן פּונקט. די פּועלי ציון וועלט־באַוועגונג האָט שוין אין אירע ערשטע יאָרן פאַרשטאַנען, אַז איינע פון די אויפגאַבן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י, איז אויך צו הויבן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון דער אַראַבישער אַרבעטערשאַפט און איר צו העלפן זיך אָרגאַניזירן אויף פאַרשידענע געביטן [142].

## .15

# פּועלי ציון און די ציוניסטישע באַוועגונג

אין די ערשטע יאָרן זענען די פּוע״צ פאַראיינען געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די אַלגעמיין־ציוניסטישע פאַראיינען און געשיקט אָפּטמאָל דעלעגאַטן צו די קאָנווענשאַנס פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּוע״צ פּאַרטיי, זענען די קעגנזייטיקע באַציאונגען געוואָרן אַ ביסל אָפּגעקילט, אָבער אויך דאַן זענען געוועזן מערקבאַר קעגנזייטיקע איינפלוסן און געוויסע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט, באַזונדערס אויפן געביט פון די זאַמלונגען פאַר פאַרשידענע ציוניסטישע פאָנדן.

„אונזער פּלאַטפאָרם״, די ערשטע אָפיציעלע אויסגאַבע פון דער באַוועגונג (1903), דערקלערט, אַז די פּוע״צ שטיצט זיך אויפן באַזעלער פּראָגראַם, שטיצט דעם נאַציאָנאַל פאָנד און די קאָלאָניאַל־באַנק, נעמט אַן אָנטייל אין ציוניסטישע קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, „האָבנדיק שטענדיק אין באַטראַכט צו דעמאָקראַטיזירן דעם ציוניזם אין אַלגעמיין און מאַכן אים נענטער צום פאָלק״.

אין אַפּריל, 1904, נעמען די ניו־יאָרקער פּוע״צ אַן אָנטייל אין אַ קאָנפערענץ פון אַלע ציוניסטישע פאַראיינען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע[143]). אין דעצעמבער, 1904, נעמען די פּוע״צ אנטייל אין אַ קאָנפערענץ וועגן אַרויסגעבן אַ ציוניסטיש וואָכנבלאַט[144]). אָבער אין דער זעלבער צייט קלאָגט זיך דער יונגער פּוע״צ פאַראיין אין פילאַדעלפיע, אַז ער ווערט ניט אָנערקענט פון די אַנדערע ציוניסטן צוליב זיינע ראַדיקאַלע אַנשויאונגען. דער ניו יאָרקער פאַראיין נעמט צו פאַרשפּרייטן 300 שקלים ביי דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע.

אין אַפּריל, 1905, קומט פאָר אין ניו יאָרק אַ זיצונג מיט דר. י. ל. מאַגנעס (דער דעמאָלסדיקער סעקרעטאַר פון דער ציון־פעדעראַציע) וועגן דער באַציאונג פון דער ציון־פעדעראַציע צו די פּוע״צ. די ערשטע קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (מאַי, 1905), האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו געהערן צו דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע. „זאָלאַנג זי שטערט ניט אונזערע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן״.
אין יולי, 1905, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון פּוע״צ גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ציוניסטישע פאַראיינען מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע דעם 27טן יולי, אין טאָג פון דער דערעפענונג פון 7טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. ביי דער דעמאָנסטראַציע זאָל אויך ווערן באַערט דער אָנדענק פון דר. הערצל. אַן ענלעכע געמיינזאַמע מאַסן־פאַרזאַמלונג פון אַלע ציוניסטישע פאַראיינען האָט גערופן דער פּוע״צ־פאַראיין אין באָסטאָן[145]).

ערב דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון די פּוע״צ אין באַלטימאָר, איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק, אין דעצעמבער, 1905, אַ באַנקעט פאַר די דעלעגאַטן אויף וועלכן ס׳האָט אויך גערעדט דר. מאַגנעס. לואי ליפּסקי איז אויפגעטראָטן אַלס איינער פון די רעדנער אויף דער באַריכטס־פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק, סוף דעצעמבער, 1905 (ער האָט גערעדט ענגליש, ס׳האָט אויך גערעדט יוסף באַראנ־

דעס אין אידיש). אין בראָנזוויל איז אויף דער באַריכטס־פאַרזאַמלונג, דעם 13טן יאַנואַר, 1906, אויפגעטראָטן דר. מאַגנעס.

דער בר. 1 פון פּועל־צ אין ניו יאָרק, האָט אנטיילגענומען, אין דעצעמבער, 1905, אין אַ קאָנפערענץ גערופן פון „זייאָניסט קאָונסיל" וועגן אָרגאַניזירן אַ שקל־טאָג. אין פעברואַר, 1906, האָבן די ניו יאָרקער פּועל־צ דערוויילט דריי דעלעגאַטן אנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ פון ניו יאָרקער ציוניסטן. אין די ערשטע זאַמלונגען פאַרן „אידישן קעמפער" געבן אויך פיינעביישטייערונגען דער פאַראיין „אהבת ציון" און דער ציון־קאָונסיל פון ניו יאָרק.

די קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר (סוף דעצעמבער, 1905), האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַריינצוטרעטן אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאָדערן, אַז זי זאָל אָנערקענען ניט נאָר לאַנדסמאַנשאַפטן נאָר אויך פּאַרטיי־גרופּירונגען, וועלכע זענען פאַרבונדן פעדעראַטיוו; די קאָנווענשאָן האָט זיך דערקלערט אַז זי איז פּרינציפּיעל פאַר דעם אָנשליסן זיך אין די „פעדערײשאָן אָוו אַמעריקען זייאָניסטס". יעדער פּועל־צ איז פאַרפליכטעט צו צאָלן צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די יערלעכע שקל־ביישטייערונג. די פּועל־צ זענען באַרעכטיקט צו פאַרקויפן שקלים נאָר צו די וועלכע זענען איינשטימיק מיט דעם פּועל־צ־פּראָגראַם. עס זאָל באַשטימט ווערן אַן אַלגעמיינער שקל־טאָג פאַר אַלע לענדער.

די פּועלי ציון טרעטן אַריין אין דער פעדעראַציע אַלס פּאַרטיי אָבער ניט אַלס איינצלנע פאַראיינען; אַלע פאַרהאַנדלונגען מיט דער פעדעראַציע דאַרפן געפירט ווערן דורכן צ. ק.; באַשטיין אויף פולשטענדיקע פרייהייט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט; זיין פאַרטראָטן אין אַלע אָפיציעלע קאָמיטעטן פון דער פעדעראַציע; די פּועל־צ־פאַרטרעטער ווערן געוויילט דורך דער פּועל־צ־קאָנווענשאָן; אָננעמען אַלע געלט־פאַרפליכטונגען פון דער פעדעראַציע אויף יחידים און פאַראיינען; פאָדערן אַ זאַ טייל פון אַגיטאַציע־פאָנד פון דער פעדעראַציע זאָל פאַרווענדעט ווערן אויף פּועל־צ־אַגיטאַציע.

כאַראַקטעריסטיש איז דער עדיטאָריעל פון דער צייטונג „דער איד", וואָס איז געווען אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע צייטונג, אַרויסגעגעבן פריוואַט פון ציוניסטן, אָבער איז דאַן געווען די איינציקע אַלגעמיין־ציוניסטישע צייטונג אין אידיש. אויף אַ פראַגע פון אַ פּועל־צ פאַרוואָס די צייטונג פירט ניט איין קיין אָפּטיילונג צו דער דיסקוסיע פון סאָציאַליזם, קומט אַן ענטפער, אַז דאָס וועט מען טאָן, ווען אידן וועלן שוין האָבן די רעכטלעך־געזיכערטע היים אין פּאַלעסטינע, אָבער „מיר האָבן נאָך ניט די היים און ס'איז נאַריש צו פטרן צייט אויף אַ דיסקוסיע וועגן די מעבל פון אַ הויז, כל־זמן דאָס הויז איז נאָך נישטאָ"[146]).

אויפן פּאַרטיי־ראַט פון פּועל־צ, דעם 19טן און 20טן מאַי, 1906, אין פילאַדעלפיע (געהייסן האָט עס אין „קעמפער": „דער צוזאַמענפאָר פון דעם צ. ק."), האָט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר (י. ראָזאָווסקי) מיטגעטיילט, אַז די פעדעראַציע האָט אָנגענומען די פאָדערונג צו אָנערקענען די פּועל־צ אַלס אַ פּאַרטיי. די אַנדערע פאָדערונגען וועלן באַטראַכט ווערן אויף דער עפנטלעכער קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע. אויפן 9טן צוזאַמענפאָר פון דער פעדעראַציע (1־4 יולי, 1906), אין טענערסוויל, האָט דר. מאַגנעס געמאָלדן, אַז די פּועל־צ האַלטן ביי אַריינטרעטן אין דער פעדעראַציע. צום צוזאַמענפאָר האָבן אנטיילגענומען אַלס פראַטערנאַלע

דעלעגאַטן פון די פּוע״צ מ. גוטמאַן און י. ראַזאָווסקי. דער פאָרשלאַג פון די פּוע״צ צו שטיצן דעם „אידישן קעמפער״, וואָס האָט געהאַלטן ביים ווערן אָנגענומען, איז דורך זיי געוואָרן צוריקגעצויגן. (זע זייט 150.) די פּוע״צ האָבן אויך פאָרגעלייגט, אַז אַלע דרוק־זאַכן פון דער פעדעראַציע זאָלן האָבן אַ יוניאָן־לייבל, אין קעגנפאַל וועלן זיי ניט נעמען קיין סטעמפּס ביי דער פעדעראַציע. די פראַגע איז געוואָרן איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר צו פאַרהאַנדלען וועגן איר מיט אַ קאָמיטע פון די פּוע״צ. די קאָנווענשאָן האָט זיך אָנטזאָגט צו אָנערקענען דעם „מזרחי״ אַלס אַ פעדעראַציע, ווייל ער האָט ניט אַנטוויקלט קיין טעטיקייט אין פאַריקן יאָר. אויף דער קאָנווענשאָן איז אויך געהאַלטן געוואָרן אַ רעפעראַט (אין ענגליש) פון א. ש. וואַלדשטיין איבער די ראַדיקאַלע שטרעמונגען אין ציוניזם. ס׳איז אויך געווען אַ רעפעראַט וועגן דער יונגער החלוץ־באַוועגונג [147].

אויך אין קאַנאַדע איז פאָרגעקומען, בערך אין דער זעלבער צייט, די 7טע יאָר־קאָנפערענץ פון די קאַנאַדער ציוניסטן און אין צענטראַל קאָמיטעט זענען אַריין 2 פאָרשטייער פון די פּוע״צ.

די פּוע״צ איז געוואָרן אין זעלבן יאָר אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע מיט אויטאָנאָמע רעכט אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטיי. די פעדעראַציע האָט געגעבן די פּוע״צ אַ הנחה פון 20 פּראָצענט פון פעדעריישאָן־טעקס און אויסגעדריקט דערביי די האָפנונג, אַז אַזוי גיך ווי די פינאַנצן פון די פ. צ. וועלן עס ערלויבן, וועלן זיי קריגן אַ קלענערע הנחה [148].

אין שיקאַגאָ האָבן זיך די פּוע״צ געווענדעט אין מאַי, 1906, צו די אַלגעמיינע ציוניסטן וועגן דורכפירן אַ געמיינזאַמע מאַניפעסטאַציע אין דעם שקל־טאָג. אין מילוואָקי האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן זיך אָפּגעזאָגט צו מאַרשירן צוזאַמען צו אַ פּיקניק, ווייל די פּוע״צ זענען דווקא באַשטאַנען צו טראָגן די רויטע פאָן צוזאַמען מיט דער וויס־בלויער [149].

אין קליוולאַנד האָבן די פּוע״צ מאַרשירט איבער דער שטאָט (יאַנואַר, 1907), מיט אידישע און אַמעריקאַנער פענער צו דער קבלת־פנים־פאַרזאַמלונג פאַר שמריהו לעווין אין דער שול. אַ חבר האָט אים באַגריסט אין העברעאיש, אין נאָמען פון די פּוע״צ. צום סוף האָבן די פּוע״צ געזונגען אויף דער בימה די „שבועה״ און „התקוה״ [150].

ערב דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן (דעצעמבער, 1906), צעפלאַקערט זיך אַ קאַמף אין דער באַוועגונג אַרום דער פראַגע: באַציאונג צו דער ציון־פעדעראַציע. דעם קאַמף פירט אָן די אָפּאָזיציע פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּוע״צ. די דעלעגאַציע פון מאָנטרעאַל האָט אויך געפאָדערט אַרויסצוטרעטן פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. די אָפּאָזיציע האָט איר קאַמף פאַרלוירן. די קאָנווענשאָן האָט אַקצעפּטירט די באַלטימאָרער פּראָגראַם, איינגעשלאָסן די פּונקטן וועגן דער באַציאונג צו דער ציון־פעדעראַציע. אין זיג האָט די אָפּאָזיציע יאָ געהאַט צו פאַרצייכענען: די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן, אַז קיין פּוע״צ טאָר ניט געהערן גלייכצייטיק צו קיין פאַראיין פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אַ צווייטער טיילווייזער זיג איז געווען דער באַשלוס נאָכאַמאָל צו פאַרהאַנדלען די פראַגע ביי דער נאָענטסטער קאָנווענשאָן. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו פאָדערן אויפן 8טן ציון־קאָנגרעס די אָנערקענונג פון די פּוע״צ אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטיי און אַז דער אַקציאָנס־קאָמיטעט זאָל שטיין מיט די פּוע״צ אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג.

די דעלעגאַטן פון קאַנאַדע האָבן געמאָלדן אַז זיי זענען אַרויסגעטראָטן פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע און זיי פאָדערן מען זאָל זיי ניט פאַר־פליכטן צו געהערן צו דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע. זייער פאָדערונג איז געוואָרן אָנגענומען, אָבער עטלעכע פאַראיינען אין קאַנאַדע האָבן שפּעטער פּראָטעסטירט קעגן דער שטעלונג פון די קאַנאַדער דעלעגאַטן אין דער פראַגע.

כאַראַקטעריסטיש איז אַן ענטפער פון „אידישן קעמפער״ צו אַ חבר אין נאָרפאָלק: „אַ פּועלי ציון מעג און דאַרף טיכטיק אַרבעטן אין אַן אַלגעמיינעם ציוניסטישן פאַראיין, ווען אין יענעם אָרט איז ניטאָ קיין פּוע״צ־פאַראיין״[151]. אין אַן ענטפער צו אַ צווייטן חבר, אין בראָקטאָן, דערקלערט די צייטונג, אַז פּוע״צ זענען פאַראינטערעסירט אַז אַלע פאָלקס־שיכטן זאָלן ווערן ציוניסטיש, דעריבער דאַרף מען ווי ווייט מעגלעך מיטהעלפן דער אָרגאַניזירונג פון אַלגעמיין־ציוניס־טישע פאַראיינען, אָבער געהערן צו זיי קאָנען מיר אָבער ניט[152]).

אין „קעמפער״ איז ערב דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ (אויגוסט, 1907), געפירט געוואָרן אַ וויכוח צווישן קלמן מרמר און שלמה קאַפּלאַנסקי, וועגן דער פאָדערונג אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע זאָל אָנערקענען פעדעראַציעס. מרמר האָט גע׳טענה׳ט, אַז מיר זענען ניט קיין פראַקציע נאָר אַ באַזונדער אַר־בעטער פּאַרטיי. אויף דער וועלט־קאָנפערענץ האָבן די רוסישע פּוע״צ פאַרנומען די זעלבע שטעלונג ווי מרמר, אָבער די איבעריקע חברים פון אַמעריקע און די דעלעגאַציע פון עסטרייך האָבן געפאָדערט פאַרצולייגן אויפן קאָנגרעס, אַז די אָרגאַניזאַציע־סטאַטוטן זאָלן מעגלעך מאַכן יעדער פּאַרטיי, וואָס פאַרמאָגט איבער דער וועלט 3,000 שקל־צאָלער, צו בילדן אַ באַזונדער פעדעראַציע, וואָס זאָל ניִשט זיין אָפּהענגיק פון די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. די פאַרשטייער פון דער מערהייט האָבן געטענה׳ט, אַז דער קאָנגרעס איז אַ נאַציאָנאַלער אינסטיטוט, וואָס שטייט איבער די פּאַרטייען און קען דעריבער אָפיציעל קיין פּאַרטייען ניט אָנער־קענען, און מען קען דעריבער ניט פאָדערן אַן אַלגעמיינע ענדערונג אין די סטאַ־טוטן, וואָס זאָלן ניט צוזאַמענבינדן די פּוע״צ מיט די פאַרשידענע לאַנד־קאָמי־טעטן נאָר מיט דער העכסטער אינסטאַנץ פון קאָנגרעס, דעם אַקציאָנס־קאָ־מיטעט[153]). אויך די קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (סעפּטעמבער, 1907), האָט זיך געשטעלט אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט.

די פאָרשלאָגן פון דער פּוע״צ וועלט־קאָנפערענץ זענען אָנגענומען געוואָרן דורכן 8טן קאָנגרעס אין האַאַג, אָבער שפּעטער האָט די זיצונג פון גרויסן אַק־ציאָנס־קאָמיטעט אין בערלין אָנגענומען אַן אַנטי־פעדעראַטיווע רעזאָלוציע. מיט גרויס שוועריקייטן איז ענדלעך געלונגען דעם וועלט־פאַרבאַנד צו קריגן שקלים פאַר זיינע לאַנד־פּאַרטייען, וואָס האָבן באַקומען אַן אינסטרוקציע זיך אָפּצורע־כענען מיטן פאַרבאַנדס־ביוראָ, ניט מיטן ציוניסטישן ביוראָ אין קעלן.

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע אין 1908, אין אַטלאַנטיק־סיטי, זענען די פּוע״צ געווען פאַרטראָטן דורך א. ש. וואַלדשטיין און י. זאַר. די פּוע״צ האָבן געבראַכט צו דער קאָנווענשאָן אַ רייע רעקאָמענדאַציעס, ווי צו שאַפן אַ בילדונגס־פאָנד פאַר די א״י־דיקע בילדונגס־אַנשטאַלטן (טעכניקום א. א.), שאַפן אַ דערציאונגס־קאָמיטעט זיך אָפּצוגעבן מיט נאַציאָנאַלער דער־ציאונג; מאַכן אַן אויסשטעלונג פון פּאַלעסטינע־פּראָדוקטן און „בצלאל״־אויסאַר־בעטונגען און געבן די פּוע״צ אַ פאַרטרעטונג אין דער פעדעראַציע אין פראַגן,

וואו מען קען צוזאַמענאַרבעטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אין 1908 אין אַ צירקולאַר אויסגעדריקט זיין האָפנונג, צו פאַרקויפן קרוב 2,000 שקלים, צוויי מאָל אַזויפיל ווי אין לעצטן יאָר.

אין יאַנואַר, 1909, האָט שיקאַגאָ געמאָלדן דער „וועסטערן פעדעריישאָן אָוו זייאָניסטס", אַז זי קען זיך אין איר ניט אָנשליסן, ווייל די פּוע"צ זענען אַ באַזונ־דערע פּאַרטיי.

די פּאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ (1909), האָט אין איר אָנגענו־מענער פּראָגראַם, באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אַלס אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף פעדעראַטיווע יסודות, פאָדערן פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג אין אַלע אינסטיטוציעס, אנטייל נעמען אין ציו־ניסטן־קאָנגרעס און אַרבעטן פאַר די ציוניסטישע אינסטיטוציעס : שקל, נאַ־ציאָנאַל פאָנד, קאָלאָניאַל באַנק און זוכן דאָרט דורכפירן דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ.

אין אַלגעמיין־ציוניסטישן אָרגאַן „דאָס אידישע פאָלק", איז געוואָרן פאַר־עפנטלעכט אין יולי, 1910, אַן אָפענער בריוו פון ה. כהן (איינער פון די ראשונים אין פּוע"צ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַן אַלגעמיינער ציוניסט) צו דר. א. ש. וואַלדשטיין אין צוזאַמענהאַנג מיט וואַלדשטיינס אַרטיקלען אין „אידישן קעמפער" וועגן שלעכטן אָרגאַניזאַטארישן מצב פון דער ציון־פעדעראַציע. כהן האָט פאַר־געוואָרפן די פּוע"צ אַז זיי האָבן אויפגעהערט זיך באַמיען צו דעמאָקראַטיזירן די ציוניסטישע באַוועגונג. זיי דאַרפן זיך באַטייליקן אין די ציוניסטישע קאָנווענ־שאָנס, אין די פירנדיקע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן א. א. וו. „זיי, (די פּוע"צ) זענען אַממערסטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צושטאַנד פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין דעם לאַנד" [154]).

דאָס „אידישע פאָלק" האָט עדיטאָריעל געגעבן גערעכט ה. כהן. „די פּוע"צ זענען היינט בנוגע דעם ציוניזם ניט מער ווי צושויער מיט ביטערע פאַראורטיילן קעגן די ‚אַלגעמיינע'. זייער אַרבעט פאַר דעם ציוניזם אין דעם לאַנד איז גליך „נול". „אנשטאט אָבער צו ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג און ‚אונטערשטעלן אַן אַקסל אונטער דעם ראַד', שטייען זיי פון וויטנס, זוכן חסרונות אין יעדער אַרבעט און אַליין טוען זיי גאָרנישט. לעצטנס האָבן די פּוע"צ אויסגע־טראַכט איגענע פאָנדן פאַר זיך, אַרויסגעגעבן אייגענע מאַרקע. די פאָנדן זענען אָבער פּוסט און לער, ווערנד דער ציל צוליב וועלכן זיי זענען באַשאַפן געוואָרן איז אייגנטלעך אַ טייל פון דער ציוניסטישער אַרבעט.

...„די פּועלי ציון פון אַמעריקע האָבן אַלנפאַלס זיך באַדאַרפט אָפּגעבן אַ שטיקל חשבון. זייער פּאַרטיי וואַקסט ניט, נאָר ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר. קיין ציוניסטישע אַרבעט וואָס זאָל ווערט האָבן דעם נאָמען, טוען זיי ניט. הייסט צו־וואָס דער גאַנצער טאַראַראַם ? דער אמת איז, אַז די נבואה אין יענעם בריוו, אַז אויב די פּוע"צ וועלן ניט ענדערן זייער טאַקטיק בנוגע דעם ציוניזם, וועלן זיי פאַרשווינדן, איז אַ גאַנץ ריכטיקע. און די פּוע"צ פירער וואָלטן געטאָן וועגן דעם באַצייטנס אַ טראַכט טאָן".

די פּוע"צ קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910) האָט באַשלאָסן צו אינסטרואירן דעם צ. ק. צו ווירקן אויף דער אַרבעט פון דער פעדעראַציע און זיך פאַר־בינדן מיט דער פעדעראַציע אין אַזעלכע אַרבעטן וואָס מען קען טאָן צוזאַמען.

אין יוני 1910 איז אין ראַטשעסטער געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פון די „בני ציון" און פּועלי ציון דורכצופירן פאַרשידענע ציוניסטישע זאַמלונגען. אין מילוואָקי איז געשאַפן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1910 אַ ציון קאָונסיל צו טאָן געמיינזאַמע ציוניסטישע אַרבעט. דער קאָונסיל האָט איינגעאָרדנט אַ געמיינזאַמע הערצל־אַקאַדעמיע.

א. ש. וואַלדשטיין האָט נאָך דעם שאַרפן אָפּשניט וואָס ער האָט באַקומען אין „אידישן פאָלק", ווידער פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „אידישן קעמפער" פון 10טן פעברואַר, 1911, וואו ער האָט קריטיקירט די אַלגעמיינע ציוניסטן. „דווקא לעצטנס, ווען דער פּאָליטישער ציוניזם פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס, שטאַרקט זיך דער אינטערעס פאַר פּראַקטישער אַרבעט אפילו ביי ניט־ציוניסטן, אָבער די אַלגעמיינע ציוניסטן שלאָפן". זאָלן זיי אַרבעטן פאַר אידישער דערציאונג אין אַמעריקע — לייגט פאָר וואַלדשטיין, — שאַפן אַ קולטור־פאָנד פאַר העברעאישער דערציאונג און אויך דורכפירן אַ בצלאל־אויסשטעלונג, אָדער אַן אויסשטעלונג פון פּאַלעסטינע־פּראָדוקטן, וואו „בצלאל" זאָל שפּילן די הויפּט ראָל.

די פּוע"צ־פאַראיינען האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד נאָך אין 1904. וועגן דער פליכט צו אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד רעדט „אונזער פּלאַטפאָרם" און אַ רעזאָלוציע פון דער ערשטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (מאַי 1905), אָבער דערביי איז אינטערעסאַנט דער באַשלוס, אַז פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק איז מחויב צו אַרבעטן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, אָבער „פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד קען יעדע אגודה טאָן ווי זי איז געזאָנען" *). אָבער פאַקטיש האָבן כמעט אַלע פאַראיינען באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. אין יוני, 1905, ווײלט אויס דער פּוע"צ־בראַנטש 1 אין ניו יאָרק (דער עלטסטער פאַראיין) אַ נאַציאָנאַל פאָנד קאָמיסיע. דער ניו יאָרקער פאַראיין פון פּוע"צ פּאַלעסטינצעס (געגרינדעט אין יוני, 1905), פירט דורך אַ קאָנצערט אין אויגוסט, 1905, פון וועמענס הכנסה עס גייט 15 פּראָצענט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. דער זעלבער פאַראיין באַשליסט אין אויגוסט צו צאָלן יעדעס האַלבע יאָר פאַר יעדן חבר 30 סענט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. יעדער חבר זאָל אויך האָבן ביי זיך אין הויז אַ נאַציאָנאַל פאָנד־פּושקע. פון סט. לואיס, פילאַדעלפיע און אַנדערע שטעט, זענען דאָ ידיעות וועגן אַן אַקטיווער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד אין 1905. אין פילאַדעלפיע איז אויך געווען טעטיק פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד דער פאַראיין „צעירי פּועלי ציון".

אין ברוקלין פירט דורך דער פּוע"צ פאַראיין פּורים, 1906, אַ הויז־זאַמלונג פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. דער פּוע"צ־פאַראיין אין נוּאַרק באַשליסט צו געבן פון מיטגלידס־אָפּצאָל (דיוס) 1 סענט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד.

די גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי אין באַלטימאָר (סוף 1905) נעמט אָן אַ פאָלגנדיקע רעזאָלוציע וועגן נאַציאָנאַל־פאָנד: „אַלס סאָציאַליסטן אנער־קענען מיר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, וועלכער איז באַשטימט פאַר נאַציאָנאַליזירונג

*) די סיבה פון באַשלוס: דער נאַציאָנאַל פאָנד האָט באַגרענעצט זיין אַרבעט נאָר צו ארץ ישראל; די קאָלאָניאַל־באַנק האָט אויסגעברייטערט איר טעטיקייט אויך אין אַנדערע לענדער. דערפאַר האָבן אויך די ס.ט. געקענט אַרבעטן פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק.

פון גרונד און באָדן אין פּאַלעסטינע, אַלס די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין ציוניזם און באַטראַכטן עס אַלס אונזער פליכט צו אַרבעטן דערפאַר".

די קאָנוועגשאָן באַשליסט אַלס „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין ציוניזם" אַז נאָר נאַציאָנאַלע פאַראיינען, אָבער נישט פּריוואַטע פּערזאָנען זאָלן האָבן דאָס רעכט אריינצוטראָגן אין גאָלדענעם בוך זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע פריינט.

די קאָנוועגשאָן האָט אויך באַשלאָסן צו אַרבעטן פאַר דער קאָלאָניאַל באַנק, און פאָדערן אַז דער באַשלוס פון דער 7־טער ציון־קאָנוועגשאָן אַז די טעטיקייט פון דער קאָלאָניאַל באַנק זאָל זיין באַגרענעצט אויף פּאַלעסטינע און די שכנותדיקע לענדער, זאָל ווערן דורכגעפירט.

די קאָנוועגשאָן האָט אויסגעוויילט אַ נאַציאָנאַל־פאָנד און קאָלאָניאַל־באַנק קאָמיסיע, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צ. ק. יעדער פאַראיין דאַרף אויך וויילן אַן ענלעכע קאָמיסיע. מאיר בראון האָט פרייוויליק איבערגענומען די אָנפירונג מיטן צענטראַלן ביוראָ פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און קאָלאָניאַל באַנק, מיטן זיץ־אָרט אין פילאַדעלפיע.

דאָס ביוראָ האָט באַשטימט תשעה־באָב אַלס דעם זאַמל־טאָג פאַרן נאַצ. פאָנד. דאָס ביוראָ האָט זיך געווענדעט צום הויפּט־ביוראָ פון קרן קימת מיט אַ פאָרשלאָג דורכצופירן צוויי מאָל אין יאָר אַלוועלטלעכע נאַציאָנאַל פאָנד־טעג: אין תשעה באב און אין חנוכה.

דאָס ביוראָ האָט פונאַנדערגעשיקט צו די פאַראיינען אַ צירקולאַר מיט דעטאַליזירטע אָנווייזונגען ווי דורכצופירן פאַרשידענע אַקציעס פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד: דורכפירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, „אָפּן־עיר"־מיטינגען, הויז־זאַמלונגען א. א. וו. קלעפּן נ. פ. סטעמפּס אויף בריוו, קלייבן סטעמפּס פון פאַרשידענע לענדער און זיי איבערשיקן דעם ביוראָ; דורכפירן כאָטש איין מאָל אין יאָר אַן אונטערנעמונג פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד; פירן אַן אַגיטאַציע צו קויפן נאָר אין די געשעפטן, וואָס גיבן אַ געוויסן פּראָצענט פון אומזאַץ פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד; אָנשטאָט גראַטולאַציע־טעלעגראַמעס שיקן בריוו מיט נאַצ.־פאָנד סטעמפּס א. א. וו.

וועגן קאָלאָניאַל באַנק האָט דער צירקולאַר מיטגעטיילט, אַז דאָס ביוראָ וועט דורכפירן איין מאָל אין יאָר אַ ראַפל צו פאַרקויפן 100 אַקציעס; פאַר־קויפן אַקציעס דורך קויפן 10 סענט סטעמפּס; אַגיטירן פאַר דער פאַרשפרייטונג פון אַקציעס צווישן די מאַסן, ספּעציעל פּועלי ציון. דער פאַרקויף פון די ראַפל־בילעטן איז דורך מיט דערפאָלג.

ערב דער קאָנוועגשאָן אין באָסטאָן (סוף 1906) האָבן עטלעכע פאַראיינען אָנגענומען רעזאָלוציעס, אַז מען זאָל שטעלן צו דיסקוסיע די ווייטערדיגע אַרבעט פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק (ניו יאָרקער ס. ד. פּוע"צ, מאָנטרעאַל א. א.) מאָנטרעאַל האָט דערקלערט אין איר רעזאָלוציע, אַז די אַרבעט פאַר דער קאָלאָניאַל באַנק באַלעסטיקט צו שטאַרק די פאַראיינען. דער ס. ד. פאַראיין פון ניו יאָרק האָט פאַרלאַנגט אַז די פאַרטיי זאָל זיך בכלל ניט פאַרנעמען מיט דער אַרבעט.

די קאָנוועגשאָן האָט באַשלאָסן צו באַשטימען אַ ביוראָ פון 3 מענטשן אָנ־צופירן מיט דער אַרבעט פון נאַצ. פאָנד און קאָלאָניאַל־באַנק. אויף אַלע בריוו מוזן זיין מאַרקעס פון נאַציאָנאַל פאָנד. אין ביוראָ זענען אַריין מאיר בראון, בן עמי

און מ. פינסקי. אויף דער דריטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (1907) האָט מ. בראַון באַריכטעט אַז אין 9 חדשים (זינט דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן) איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד קרוב 1,300 דאָלער. אין באַלטימאָר האָבן די חברים באַשלאָסן צו קויפן נאָר אין די סטאָרס וועלכע געבן 5 פּראָצענט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד [155]).

לכבוד דער לעגאַליזירונג פון נאַציאָנאַל פאָנד אין לאָנדאָן, איז דער „אידישער קעמפער" אַרויס מיט אַ וואַרעמען באַגריסונגס־אַרטיקל וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן רוף: „זאָל דער אידישער קוואַרטאַל פאַרהילכט ווערן מיטן רוף: „לאַנד און פרייהייט!" [156])

דעם 8טן אויגוסט, 1908, צום ערשטן יאָרצייט פון טראַגיש־אומגעקומענעם יחזקאל עדעלשטיין, איז געוואָרן דורכגעפירט אַן אַקציע צו פלאַנצן 100 ביימער אין הערצל וואַלד אויפן נאָמען פון הייס־באַליבטן חבר און פירער. בערלין איז דאַן געוואָרן דער קאַסירער פון באַנק־ביוראָ.

אין די יאָרן 1909־1910 איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַקציע פאַרן גענאָסנ־שאַפטס־(קאָאָפּעראַטיוון)־פאָנד, אין פאַרבינדונג מיטן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן פון פּראָפ. פראַנץ אָפּענהיימער. דער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן אויף דעם 9טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג, אַלס אַ מין קרעדיט־באַנק פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון. אָנפאַנג 1910 איז דערשינען דער בשותפות׳דיקער אויפרוף פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און דעם דירעקטאָריום פון נאַציאָנאַל פאָנד וועגן דער גרינדונג פון פאָנד. די פאַרוואַלטונג פון פאָנד איז באַשטאַנען פון 7 מאַן, 4 אין איראָפּע און 3 אין ארץ ישראל. צווישן די 4 אין איראָפּע האָט זיך געפונען שלמה קאַפּלאַנסקי אין נאָמען פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, ווי אויך פראַנץ אָפּענהיימער. אין א"י האָבן אויסער דר. אַרטור רופּין געדאַרפט ווערן צוגעצויגן 2 פאַרטרעטער פון די דאָרטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

אויף דער 2טער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע (דעצעמער, 1909), האָט באָראָכאָוו, ווי די גאַנצע דעלעגאַציע פון רוסלאַנד, אַרויסגערוקט רפקות וועגן אָפּנהיימערס קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט, וואָס „וויל אויף אַ קינסטלעכן אופן איינפירן סאָציאַליזם". סירקין האָט איראָניזירט איבער די רוסישע פּוע"צ, הלמאי זיי זענען אַזוי פאַרביסן פאַרן פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף.

אַן ענלעכע דיסקוסיע אַרום אָפּנהיימערס פּראָיעקטן האָט זיך פאַנאַנדערגע־פלאַקערט אויף דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן פון פּוע"צ (סוף 1910). נ. סירקין האָט רעפערירט דעם ענין. זשיטלאָווסקי האָט שאַרף אָנגעגריפן דעם גאַנצן פּראָ־יעקט. „מיר מוזן איבעררייסן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער ציוניסטישער וועלט, זעענדיק ווי מען באַהאַנדלט אונז דאָרט". יעדער פּוע"צ חבר קען העלפן ציוניס־טישע פאָנדן, אָבער די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע דאַרף ניט זיין דערין טעטיק. אין צעטל פון די אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטן האָט ער אַריינגערעכנט דעם נאַ־ציאָנאַל פאָנד, קאָלאָניאַל באַנק, „בצלאל", א. א. ער האָט אויך אַרויסגערוקט זיינע ספקות אין דער אויספירבאַרקייט פון אָפּנהיימערס פּראָיעקט.

ש. שניאור (מאָנטרעאָל) האָט פּאָלעמיזירט מיט דר. זשיטלאָווסקיס טעזע, אַז די פּוע"צ האָבן אַ מיסיע צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם אין מזרח. אויב מען נעמט אָן זשיטלאָווסקיס פאָרשלאַג, מיינט עס, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פון

ציוניזם. קעגן האָבן אויך גערעדט: אורוניץ, חייקין, צוקערמאַן, שפּירא א.א. זשיטלאָווסקיס מיינונג איז געוואָרן כמעט איינשטימיק אָפּגעוואָרפן.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען די פאָרשלאָגן פון ב. צוקערמאַן צו שאַפן אַ גרויסן קאָמיטעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד מיטן אָנטייל פון פאַרשידענע אָר־גאַניזאַציעס. די עקזעקוטיווע פון דאָזיקן קאָמיטעט זאָל האָבן די אויפזיכט איבער דער טעטיקייט פון ניו יאָרקער נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ. די קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן צו אונטערזוכן די האַנדלונג פון נאַציאָנאַל פאָנד און אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס בנוגע באַשעפטיקן אידישע אַרבעטער אין זייערע ווירטשאַפטן אין א״י [157].

אין זיין באַריכט האָט זיך ה. עהרנרייך באַקלאָגט, אַז די נאַציאָנאַל פאָנד ביוראָ אין ניו יאָרק איז נאָמינירט פון קעלן און שפּיגלט נישט אָפּ די ציוניס־טישע באַוועגונג אין אַמעריקע. די פּוע״צ זענען דערפאַר ניט אָנגעשלאָסן אין ביוראָ. נאָך לענגערע פאַרהאַנדלונגען האָבן די פּוע״צ נאָמינירט מאיר בראָון אַלס זייער פאָרשטייער אין ענגערן דירעקטאָריום פון נאַציאָנאַל פאָנד אין ניו יאָרק. די פּוע״צ־פאַראיינען זענען געוואָרן אויפגעפאָדערט איינצושטעלן אַן ענגערע פאַרבינדונג מיט דער נאַציאָנאַל פאָנד־ביוראָ, נאָך דעם ווי מען האָט נאָכגעגעבן אין אַ געוויסער מאָס זייערע פאָדערונגען וועגן דעמאָקראַטיזירן די לייטונג פון נאַציאָנאַל פאָנד און איר אַוועקשטעלן אויף אַ ברייטערער געזעלשאַפטלעכער באַזע.

די פּועלי ציון זענען אויך געווען שטאַרק טעטיק פאַר דער קונסט־שול און מוזיי „בצלאל״. סוף סעפּטעמבער, 1906 איז דערשינען אין „אידישער קעמפער״ אַן אויפרוף צו שיקן געלט פאַר דעם „אידישן מוזעאום״ אין ירושלים. עס ווערט געוואָרפן דער לאָזונג צו שאַפן „בצלאל״־פאַראיינען, מיטן צוועק צו שטיצן „בצלאל״. אַזאַ פאַראיין אַנטשטייט ביים פּאָדאָליער פּוע״צ־פאַראיין אין ניו־יאָרק אין 1906. אויף דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן ווערט מיטגעטיילט, אַז מ׳האָט געשיקט צו „בצלאל״ 1,500 פראַנק. אין אָקטאָבער 1906 איז פאָר־געקומען דער ערשטער „בצלאל״־אָוונט אין ניו־יאָרק. עס האָבן גערעדט יוסף באַראָנדעס, דר. ה. זאַלאַטאַראָוו, ל. ע. מילער — דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט״, און דר. ל. קאָפּעלאָוויטש. אברהם גאָלדפאַדן האָט דעקלאַמירט זיינע לידער. אויפן אָוונט איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ „בצלאל״־פאַראיין.

עס איז דערשינען אין פּועלי ציון פאַרלאַג אַ שיין־אַרויסגעגעבענער „בצלאל״־אַלבום פון דר. ה. זאַלאַטאַראָוו.

אין קליוולאַנד איז אַנטשטאַנען אַן אומפּאַרטייאישער פאַריין „בצלאל״, געשאַפן דורך די פּוע״צ. ענלעכע פאַראיינען זענען אַנשטאַנען אין אַנדערע שטעט. די קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל (1910) באַשליסט ווייטער צו אַרבעטן פאַר „בצלאל״. א. ש. וואַלדשטיין האָט גערופן די אַלגעמיינע ציוניסטן איינצואָרדנען אויסשטעלונגען מיט די אויסאַרבעטונגען פון „בצלאל״.

די איבערגעגעבענע אַרבעט פון פּוע״צ פאַר „בצלאל״ האָט נישט געשטערט דעם פּראָפ. באָריס שאַץ — דעם פירער פון „בצלאל״, צו מאַכן אַ ביטערן אָנגריף קעגן דער פּועלי ציון־פּאַרטיי אין ארץ ישראל, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די אַרבעטער פון „בצלאל״ אין מיטן 1911. פּראָפעסאָר שאַץ האָט שאַרף אָנגעגריפן די „רוסישע״ אַרבעטער, וואָס האָבן „אויפגעהעצט״

צום סטרייק. דערביי האָט ער געוואָרפן אַ בלבול אויפן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאַנד, וועמען ער האָט אָנגערופן „דער אומערשעפּלעכער פאָנד", אַז ער פי־נאַנסירט די פּאַרטיי־אויסגאַבע „האחדות", אַז מ׳האָט ספּעציעל אַריינגעזעצט עטלעכע אַרבעטער צו שטערן פון אינעווייניק די אַרבעט אין „בצלאל", א. א. וו.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ פון פּוע״צ האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג אַז קיין סענט פון די געלטער פון פּ. א. פּ. איז ניט געגאַנגען פאַר וועלכע ס׳איז פּאַרטיי־צוועקן. די לאַנד־פּאַרטייען זענען געבעטן געוואָרן זיך אָפּ־צוהאַלטן פון מאַכן פּראָטעסטן ביז פּראַפ. שאַץ וועט אויפקלערן דעם ענין. שפּעטער האָבן זיך די געמיטער באַרואיקט [158].

אַן אינטערעסאַנטע באַוועגונג פאַר ארץ ישראל איז געוואָרן אויפגעהויבן אין מיטן 1908 דורך דר. יהושע און שושנה בוכמיל פון יפו. די באַוועגונג האָט געהייסן „שילה" (די ראשי תיבות פון „שובה ישראל לארץ האבות" — קער זיך אום ישראל צום לאַנד פון די אָבות). ישראל בוכמיל איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט און שושנה אַ פּועלי ציוניסטקע. דער פּלאַן איז געוואָרן אויסגעאַרבעט מיט דער נאָענטסטער קאָאָפּעראַציע פון יצחק בן צבי און זיין פרוי, רחל ינאית. מאַניע שוחט איז אויך געווען אַ באַגייסטערטע אָנהענגערין פון „שילה".

"שילה" האָט זיך געשטעלט וויט־גייענדיקע צילן, וואָס האָבן צו יענער צייט אויסגעזען ממש פאַנטאַסטיש. זי האָט געוואָלט דערגרייכן אַ אידישע מערהייט אין א״י דורך פּאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען דעם ארץ ישראלדיקן ישוב, פאַרשטאַרקן דעם שטראָם פון עליה און פאַרוואָרצלען די נייע עולים אין לאַנד.

די איניציאַטאָרן פון „שילה" האָבן געוואָלט צווינגען די יק״א און אַנדערע אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן זיך קאָנצענטרירן אויף דער אַרבעט אין ארץ ישראל און איבערבויען די אָרגאַניזאַציעס אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

די טעטיקייטס־פּראָגראַם פון „שילה" איז באַשטאַנען פון 5 פּונקטן:

1) ווירקן אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך ווענדן מיט אַ פּעטיציע צו די גרויסע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן און פון זיי פאַרלאַנגען צו קאָנצענטרירן די אידישע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ ישראל;

2) העלפן גרינדן אַן אַגראַר־ און היפּאָטעקן־באַנק;

3) אָרגאַניזירן און פאַרפעסטיקן יעדע פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע אי־ניציאַטיוו צווישן אידן פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל;

4) העלפן ביליקער מאַכן די קאָסטן פון דער קאָלאָניזירונג פון ארץ ישראל דורך אויספאָרשונגען פון עקספּערטן;

5) אָרגאַניזירן אַלע אידן פון ארץ ישראל אין איין אָרגאַניזאַציע [159].

די פּועלי ציון אין אַמעריקע זענען שנעל געוואָרן ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון דעם פּלאַן. דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר אין וועלכן ער האָט גערופן די פאַראיינען און חברים צו שטיצן פרוי בוכמיל אין איר אַקציע. דער צירקולאַר האָט באַטאָנט אַז „שילה" איז ניט אַ דורכאויס־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נאָר אַן אַלגעמיין־אידישע. זי האָט אויך אַ פּאָליטישע באַדייטונג ווייל איר פּראָגראַם לויטעט: די אָרגאַניזירונג פון פּאַלעסטינער אידנטום אונטער דעם פּאָליטישן און רעכטלעכן שוץ פון דער אָטאָמאַנישער

אימפּעריע און דאָס אייגנטלעך דאַרף זיין איצט די ציוניסטישע אָפיציעלע פּראָגראַם. דער צירקולאַר האָט אָנגעוויזן, אַז „שילה" קעמפט אויך פאַר אידישע אַרבעטער אין די ארץ ישראלדיקע קאָלאָניעס. עס איז געוואָרן באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער אַקציע צו קריגן אַ האַלבן מיליאָן אונטערשריפטן וואָס זאָל צווינגען דער יק"א און אויך אַנדערע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן צו געבן זייערע מיליאָנען פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. נישט ווייניקער וויכטיק זענען די אַנדערע אויפגאַבן (אָרגאַניזירן דאָס פּאַלעסטינער אידנטום, שאַפן אַן אַגראַר־ היפּאָטעקן־באַנק, א. א. וו.) עס איז דערציילט געוואָרן אין צירקולאַר אַז אין יפו איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער מיטינג פון 1,500 מענטשן אונטערן פרייען הימל, וואָס האָט זיך באַגייסטערט אַרויסגעזאָגט פאַר די פאָדערונגען פון „שילה". צום ערשטן מאָל האָט יפו געזען אַזאַ גראַנדיעזן אידישן מיטינג.

שושנה בוכמיל האָט געשאַפן קאָמיטעטן פאַר „שילה" אין וואַשינגטאָן און באַלטימאָר. זי האָט אויך געשאַפן פרויען־קאָמיטעטן וואָס האָבן געזאַמלט געלט פאַר די מיידל־שולן אין ארץ ישראל. דעם 4־טן מערץ, 1909, איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק; דעם 21־טן מערץ איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע אַ גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דער יק"א; דעם 28־טן מערץ אין וואַשינגטאָן מיטן אָנטייל פון ד. אבערסאָן און פרוי ש. בוכמיל. איבעראַל זענען די פאַרזאַמלונגען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די פּועלי ציון און די אַלגעמיינע ציוניסטן. אין שיקאַגאָ איז אויפגעטראָטן יצחק זאר אין אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פאַר „שילה".

דר. ש. בוכמיל האָט אַנטוויקלט די פּראָגראַם פון „שילה" אין אַן אַרטיקל אין „אידישן פאָלק" (מערץ, 1909), א. נ. „די לעצטע פּאַסירונגען אין טערקיי און די אָרגאַניזאַציע ,שילה'". די „שילה" האָט ניט קיין טעאָרעטישע פּראָגראַם. זי וויל פאַראייניקן אַלע עלעמענטן פון אידנטום אויפן פּונקט פון פּאַלעסטינע־אַרבעט. זי וויל צוציען פּריוואַט־איניציאַטיוו און אָרגאַניזירן אין איין סינדיקאַט אַלע איינצלנע גרופּן וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע לענדער צוליב פּראַקטישע צוועקן אין פּאַלעסטינע; זי וויל גרינדן אַן אַגראַר־באַנק. איינער פון די וויכטיקסטע פּונקטן אין פּראָגראַם איז אויסצואיבן אַן איינפלוס אויף דער יק"א, זי זאָל קאָנצענטרירן איר גאַנצע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אויף פּאַלעסטינע.

„שילה" האָט דורכגעפירט אַ פּלעביסציט: „מיר, די אונטערגעצייכנטע, אַנערקענענדיק, אַז די קאָנצענטרירונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע אונטער דעם רעכטלעכן און פּאָליטישן שוץ פון דער אָטאָמאַנער מלוכה איז דער נויטיקער באַדינג פאַר דער לייזונג פון דער יודן־פראַגע, שלאָגן מיר פאָר דער אידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט יק"א און די איבעריקע געזעלשאַפטן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט קאָלאָניזירן אידן, אָנצואווענדן אַלע זייערע מאַטעריעלע מיטלען לטובת דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע".

אונטער דער דאָזיקער פאָדערונג דאַרפן זיך אונטערשרייבן מינדעסטנס אַ האַלב מיליאָן דערוואַקסענע מענער; אַזאַ צאָל אונטערשריפטן אין פּראָפאָרץ צו דער אַלגעמיינער צאָל פון אידישן פאָלק, שטעלט מיט זיך פאָר די

געזעצלעכע פּאַרלאַמענטאַרישע קראַפט, וואָס רעכנט זיך אין אַלע קאָנסטיטו־ציאָנעלע לענדער אַלס דער אויסדרוק פון פאָלקס־ווילן.

דר. בוכמיל האָט ווייטער אינפאָרמירט אין דעם אַרטיקל, אַז אין ארץ ישראל האָט „שילה" פאַראייניקט פאַרשידענע עלעמענטן, וועמען ס'איז אוממעגלעך געווען ביז איצט צו פאַראייניקן: אָרטאָדאָקסן און ראַדיקאַלן, בורזשוען און אַרבעטער.

דעם 18־טן מאַי, 1909, האָט ש. בוכמיל פאַרלאָזן אַמעריקע, נאָך זיין דאָ דריי חדשים. זי איז געוואָרן קראַנק און דאָקטוירים האָבן איר פאַרבאָטן צו רעדן. ערב איר אָפּפאָר האָט זי זיך געזעגנט מיט אירע העלפער און מיטאַרבעטער און געשריבן אין „אידישן פאָלק" אַז מיט די פועלי ציון איז זי זייער צופרידן. זיי זענען „לעבעדיק און טעטיק". די רעדאַקציע האָט באַמערקט צו איר געזעגענונגס־בריוו, אַז זי האָפט, אַז ווען דר. בוכמיל וועט קומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע, וועט זי זיין וויינקער „גרין" און זי וועט מיט־ברענגען פּראַקטישע, גוט־אויסגעאַרבעטע פּראָיעקטן, דאַן וועט זי מיט אַמע־ריקע זיין מער צופרידן [160].

דר. בוכמיל האָט צוריקקומענדיק קיין ארץ ישראל פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דער ירושלימער ציימונג „הצבי", אין וועלכן זי האָט אויסגעדריקט איר אַנטוישונג אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע וואָס האָט ניט געהאָלפן דער „שילה"־באַוועגונג, ווייל די באַוועגונג האָט ניט געהאַט קיין הכשר פון קעלן (ציוניסטישע הויפּט־לייטונג). „מיר דענקען — שרייבט ש. בוכמיל — אַז אין זאַכן וואָס זענען נוגע דער אַרבעט אין ארץ ישראל, דאַרף קעלן זיך אָנפרעגן ביי ארץ ישראל, און ניט פאַרקערט".

„דאָס אידישע פאָלק" האָט געענטפערט אויף דעם פאָרוואורף פון דר. בוכמיל, אַז די זאַמלונג פון חתימות צום פּראָטעסט קעגן יק"א איז ניט קיין וויכטיקע אַרבעט פאַר ארץ ישראל. דאָס איז ניט קיין „באַוועגונג" נאָר בלויז אַ פאָרשלאַג פון עטלעכע יחידים און אין די חתימות וואָס וועלן געגעבן ווערן וועלן זיין מיינסטנס טויטע מהיכא־תיתי חתימות, אָן דעם הייליקן צאָרן פון פאָלק הינטער זיי. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט נישט געפונען פאַר מעגלעך אַרויסצוטרעטן פאַרן „שילה"־פּלאַן אָפיציעל, אָבער אַ טייל מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע האָבן פּריוואַט געשטיצט איר אַרבעט, אָפּשאַצנדיק דעם אַגיטאַטאָרישן ווערט פון אירע רעדעס [161].

פרוי בוכמיל איז געשטאָרבן אין ירושלים פון אַ האַלז־פאַרקילונג, אַ קראַנקהייט וואָס זי האָט באַקומען אין אירע וואַנדער־יאָרן. איר מאַן דר. י. בוכמיל, וואָס איז געפאָרן אַגיטירן פאַר „שילה" קיין רוסלאַנד, איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר נאָך איר.

אויף נאָך אַ געביט האָבן געאַרבעט צוזאַמען פּוע"צ און אַלגעמיינע ציוניסטן — ביים גרינדן די געזעלשאַפט „אחוזה".

די געזעלשאַפט „אחוזה" איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער איניצי־אַטיוו, פון שמעון גאָלדמאַן אין סט. לואיס. ש. גאָלדמאַן, אַן אַלגעמיינער ציוניסט, האָט פריער געוואוינט אין ארץ ישראל, עטלעכע יאָר. קומנדיק קיין אַמעריקע האָט ער זיך באַזעצט אין סט. לואיס, וואו ער האָט עטאַבלירט אַ גוט־פּראָספּערירנדיק געשעפט פון אָפּטישע מאַטעריאַלן. גאָלדמאַנס חלום איז געווען

זיך צו באַזעצן צוריק אין ארץ ישראל, און ער איז עס געווען דער איניציאַטאָר פון פּלאַן צו שאַפן אין אַמעריקע די ערשטע „אחוזה"־געזעלשאַפט אויפן ביישפּיל פון ענלעכע גרופּן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן געשאַפן אין ארץ ישראל די „אחוזה"־ווירטשאַפטן. אין יסוד פון די אחוזות איז געליגן דער געדאַנק צו שאַפן גרופּן וואָס קויפן באָדן אין ארץ ישראל און דער באָדן זאָל באַאַרבעט ווערן דורך גרופּן אידישע אַרבעטער. נאָך פינף יאָר, זאָל יעדער אַרבעטער באַקומען אויסער זיין אַרבעטס־לוין, אַ שטיקל באָדן פון 10־15 דונאַם. דר. רופּין איז געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון די אחוזות. די אַרבעטער אין די אחוזות זאָלן אויך שאַפן הילפס־ווירטשאַפטן (משקי עזר), ביי זייערע וואוין פּלעצער. די מיטגלידער פון די אחוזות האָבן זיך באַדאַרפט באַזעצן אין א״י נאָך דעם ווי די ווירטשאַפטן, בעיקר פּרדסים־פּלאַנטאַציעס, וועלן שוין זיין עטאַבלירט.

די ערשטע אחוזה איז געשאַפן געוואָרן סוף 1910, דורך אַ גרופּע רוסישע ציוניסטן, אונטער דער פירונג פון באַקאַנטן רוסיש־ציוניסטישן עסקן י. טשלע־נאָוו. מגדל איז געשאַפן געוואָרן אויף אַ שטח פון 6,000 דונאַם. אין מגדל האָט באַקומען איר הכשרה די גרופּע ראָמני (אַ שטאָט אין דער געגנט פון פּאָלטאַווע), אָנגעפירט פון יוסף טרומפּלדאָר און דעם שריפטשטעלער צבי שאַץ, וואָס איז גע׳הרג׳עט געוואָרן בעת די אַראַבישע אָנפאַלן אויף יפו אין 1921 צוזאַמען מיט י. ח. ברענער. עטלעכע פון דער גרופּע האָבן שפּעטער געהערט צו די גרינדער פון דגניה [162].

די „אחוזה" פון סט. לואיס האָט געשאַפן די אחוזה פוריה, צפון מערב פון ים כנרת אויף אַ שטח פון 2,500 דונאַם. אַ דריטע אַחוזה פון ביאַליסטאָקער אידן א. ב. כפר אוריה איז געשאַפן געוואָרן אין 1912. אין זעלבן יאָר איז אַנטשטאַנען די אחוזה רוחמה אין נגב דורך דער געזעלשאַפט: „שיבת ישראל" אין מאָסקווע. אין 1913 איז אַנטשטאַנען ניט ווייט פון חדרה די אחוזה כרכור. אין זעלבן יאָר איז געשאַפן געוואָרן די אחוזה שרונה, ניט ווייט פון פוריה, אויך דורך אַן אַמע־ריקאַנער גרופּע. דאָרט האָט מען פּאַרפּלאַנצט איילבירטן־ביימער אויף אַ שטח פון 5,500 דונאַם.

ניט איבעראַל האָט מען אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ פון אידישער אַרבעט. דאָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון כאַראַקטער פון פּאַרוואַלטער פון דער אחוזה. אליעזר יפה האָט, למשל, שאַרף קריטיקירט די אחוזות. ער האָט געפרעגט: פון וואַנען איז די זיכערקייט, אַז די אייגנטימער פון געקויפטן באָדן וועלן אַמאָל קומען פון אַמעריקע און רוסלאַנד זיך צו באַזעצן אויפן לאַנד? און די וויניקע וואָס וועלן יאָ קומען אין לאַנד, איז מען דאַן זיכער, אַז זיי וועלן אַליין באַאַרבעטן זייערע נחלות?

מען האָט געהאַט אין זינען די ביטערע דערפאַרונג מיט די באַאַמטע פון באַראָן ראָטשילד און מען האָט מורא געהאַט אַז דאָ קען זיך איבערחזרן דאָס זעלבע טרויעריקע בילד. אָבער דאָך איז אַ פאַקט, אַז די עיקר־אַרבעט אין די אחוזות איז געמאַכט געוואָרן דורך אידן און פיל אַרבעטער האָבן זיך פּאַרפּאַלקאָמט אין זייער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין די אחוזות און שפּעטער האָבן זיי די דערוואָרבענע דערפאַרונג גלענצנד אויסגענוצט אין די מושבים און קיבוצים.

אַ היפּשע צאָל מיטגלידער פון די אחוזות האָט זיך טאַקע פריער־שפּעטער באַזעצט אין ארץ ישראל.

די גרופּע אין סט. לואיס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 17טן אויגוסט, 1908. דער קאַפּיטאַל — 100,000 דאָלער — איז צעטיילט געוואָרן אויף 500 גלייכע שערס, צו 200 דאָלער אַ שער. דאָס געלט האָט געדאַרפט ווערן אויסגעצאָלט אין 10 יאָר צייט. ווי שנעל עס קומט אַריין 20 פּראָצענט פון דער אָנגעצייכנטער סומע, זאָל ווערן געקויפט באָדן און מיט דעם איבעריקן געלט זאָל מען פּאַרפלאַנצן פרדסים א. א. וו. כדי צו מאַכן אַ באַלעבאַטיש לעבן — האָט עס געהייסן אין דער אַגיטאַציע — דאַרף מען נעמען 10 שערס פאַר 2,000$. דאָס וועט דערמעגלעכן צו באַקומען 50 דונאָם פּרוכט־באָדן, 25 דונאָם אויף דער איבעריקערווירטשאַפט און אויך דאָס נייטיקע געלט אויף רייזע־הוצאות א. אַ. וו.

כתריאל (חאַזאַנאָוויטש) האָט אין אַן אַרטיקל אין „אידישן פאָלק" וואַרעם אונטערשטיצט דעם פּלאַן פון דער „אחוזה". ער האָט אָנגעוויזן, ווי וויכטיק עס איז צו מאָביליזירן פּריוואַטן קאַפּיטאַל פון מיטלשטאַנד פאַר דער א"י'דיקער קאָלאָניזאַציע, ניט פאַרלאָזנדיק זיך בלויז אויף די נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן, מאָביליזירט דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג [163]).

די „אחוזה" פון סט. לואיס האָט זיך גוט אַנטוויקלט. אין אָקטאָבער, 1909, האָט זי שוין געציילט 90 מיטגלידער און ס'זענען שוין געווען פאַרקויפט 400 שערס פאַר 80,000 דאָלער. אין אָקטאָבער, 1910, האָט מען געזאָלט קויפן דעם באָדן. צווישן די קויפער פון שערס האָבן זיך געפונען אַ צאָל חברים פון פּוע"צ.

אין יוני, 1909, האָט ש. גאָלדמאַן געגרינדעט אין ניו יאָרק די „אחוזה 2" מיט אַ קאַפּיטאַל פון 100,000 דאָלער. אין ברוקלין איז געוואָרן געשאַפן אין דער זעלבער צייט די „אחוזה 3".

„אחוזה"־געזעלשאַפטן זענען אויך אַנטשטאַנען אין שיקאַגאָ, קליוולאַנד, לאָס אַנזשעלעס. ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ לאַנד־קאָנווענשאַן פון די „אחוזה"־געזעלשאַפטן, וואָס האָט אויסגעוויילט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט. ס'איז געווען אַ פּלאַן צו קויפן אין א"י אַ גרויסן באָדן־שטח, וואו מען זאָל אויך אויסבויען אַ קליידער־אינדוסטריע מיט אַמעריקאַנער אַרבעטס־מעטאָדן. ווי עס גיט איבער אַ קאָרעספּאָנדענט פון א"י'דיקן „האחדות" (כ"ג אייר, תרע"ג), בילדן די פּוע"צ אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט פון די „אחוזה"־מיטגלידער. איין חבר האָט פאָרגעלייגט אין פּוע"צ־בולעטין (אין מיטן 1913), אַז די פּוע"צ־חברים זאָלן שאַפן אַ פּועלי־ציון „אחוזה" און בויען אַ ווירטשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אין זעלבן נומער „האחדות" ווערט דערציילט, אַז אויך אין ענגלאַנד שאַפט זיך אַ „אחוזה"־געזעלשאַפט.

אין אַ בריוו פון שיקאַגאָ צום פּוע"צ צ. ק. פון סעפּטעמבער, 1913, האָט אסתר אַבערסאָן אינפאָרמירט, אַז אין שיקאַגאָ בילדן די פּוע"צ אַ גרויסן טייל פון דער מיטגלידערשאַפט פון די אָרטיקע „אחוזה"־געזעלשאַפטן, הגם אין דער עפנטלעכקייט גיט מען דערפאַר קרעדיט די אַלגעמיינע ציוניסטן. אינטערעסאַנט זענען סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דער „אחוזה" אין לאָס אַנדזשעלעס, אין אַ באַריכט צום פּוע"צ־צ. ק. פון יוני, 1914.

די אָרטיקע „אחוזה" ציילט 35 מיטגלידער. אַ שער קאָסט 1,500 דאָלער, אויסצוצאָלן אין 10 יאָר צייט. פון די 35 מיטגלידער זענען 29 גוטשטייענד מיט 31

שערס. פון די 29 זענען 14 פּוע״צ פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן קלוב, 3 פון אָר־בעטער־רינג (שטייען אידעאיש נאָענט צו פּוע״צ), 2 דאָקטוירים, אויך פּוע״צ, 5 אַלגעמיינע ציוניסטן, 4 אָרטאָדאָקסיש געשטימטע ציוניסטן און 1 אָרטאָדאָקס. דער דורכשניטלעכער עלטער פון די מיטגלידער איז 29 יאָר.

אין פּוע״צ בולעטין נומ. 20 פון 1914, איז פאַרעפנטלעכט אַ ווענדונג פון ה. פּריזענט פון פילאַדעלפיע, אַז די פּוע״צ אין די „אחוזה״־געזעלשאַפטן זאָלן זיין פאַראייניקט. ער דערציילט, אַז די לעצטע קאָנווענשאָן פון די „אחוזה״־געזעל־שאַפטן האָט באַשטימט אַ שטייער אויף אַלע מיטגלידער פאַר דער ציוניסטישער פעדעראַציע. די קאַנאַדער דעלעגאַטן האָבן פּראָטעסטירט, איז באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז פון די קאַנאַדער מיטגלידער זאָלן די געלטער גיין פאַר דער קאַנאַדער פעדעראַציע. מען האָט נאָכגעגעבן די קאַנאַדער דעלעגאַטן, ווייל זיי זענען אַ פאַר־אייניקטער כוח. דאַרפן די פּוע״צ אין דער „אחוזה״־באַוועגונג זיך אויך אָרגאַני־זירן און שאַפן דאָרט אַ פאַראייניקטן כוח.

„פוריה״ — די ערשטע אחוזה פון אַמעריקאַנער ציוניסטן אין א״י, האָט ניט געהאַט קיין איבעריקן מזל. צוליב וואַסער־שוועריקייטן און אַנדערע סיבות זענען אויסגעבראָכן קאָנפליקטן צווישן די קאָלאָניסטן, און דער ישוב איז גע־וואָרן פאַרוויקלט אין פּראָצעסן. גאָלדמאַן איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. פוריה איז נאָכן ערשטן וועלט־קריג געוואָרן פאַרלאָזן פון אירע קאָלאָניסטן. ערשט אין 1940 האָט זיך דאָרט באַזעצט די קבוצה אלומות, וואָס האָט דאָרט פאַרבראַכט 6 יאָר. אין נאָוועמבער, 1949, האָבן זיך דאָרט באַזעצט עולים פון תימן. פוריה ווערט איצט אַ שטאָטישער ישוב [164].

.16

# גרינדונג און ערשטע יאָרן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

די נויטווענדיקייט צו זאָרגן פאַר דער קעגנזייטיקער הילף פון חברים איז געוואָרן אונטערגעשטראָכן ביי די ערשטע פּוע״צ־פאַראיינען אין די בראשית־טעג פון זייער אַנטשטייאונג. די אידישע אימיגראַנטן־מאַסע האָט זיך געפילט עלנד און פאַרלאָזן. די שווערע באַדינגונגען פון שוויץ־שאַפּ, די לאַנגע אַרבעטס־שעה׳ן, די בייטיקייט צו קריגן הילף אין פאַל פון קראַנקהייט אָדער טויט, האָט ארויסגערוקט דעם געדאַנק צו אָרגאַניזירן לאַנדסמאַנשאַפטן, צו שאַפן די ערשטע אידישע אָרדענס. ניט קיין וואונדער דערפאַר, אַז אויך דער ערשטער פּוע״צ פאַראיין אין 1903 האָט אין זיין „אונזער פּלאַטפאָרם״ אויך אַריינגעשטעלט אַ פּונקט וועגן זאָרג פאַר די חברים אין פאַל פון אַ נויט.

עס איז געוואָרן אונטערגעשטראָכן אין פּונקט עקאָנאָמישע טעטיקייטן, אַז „אויפן צווייטן פּלאַן״ (נאָך דער אויפגאַבע פון זיך אָנשליסן אין טרייד יוניאָנס), „שטיט קעגנזייטיקע הילף, אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, פון אַ נויט, און איבער־הויפּט אין יעדן פאַל, ווען איין חבר דאַרף האָבן דעם אַנדערנס מאַטעריעלע, גייסטיקע אָדער מאָראַלישע הילף״.

ווייטער ווערט אָנגעוויזן ווי וויכטיק עס איז צו שאַפן שפּאָר און לייַ־קאַסעס, אָרגאַניזירן קאָנסום־און פּראָדוקציע־פאַראיינען א. א. וו.

די קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר (1905) האָט באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן די פּוע״צ פאַראיינען איינצופירן קעגנזייטיקע הילף צווישן די מיטגלידער.

דעם 15טן יולי, 1905, האָט דער ווילנער פועלי ציון בראַנטש 4 אין ניו־יאָרק, באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין אַרבעטער רינג. דער בראַנטש האָט זיך זינט דאַן גערופן, „ווילנער פּוע״צ בראַנטש אַרבעטער רינג נומ. 4״ (דער בראַנטש איז שפּעטער אַריבער צו די ס. ט.) [165]).

אַ צאָל פאַראיינען שאַפן אַ פאָנד צו העלפן חברים אין פאַל פון אַ נויט. אין קאָלומבוס, אָהאַיאָ, האָט דער פּוע״צ פאַראיין באַשלאָסן אין יוני, 1906, צו הע־כערן דעם שטייער (דיוס) פון 5 אויף 10 סענט אַ וואָך. 3 סענט פון שטייער זאָל גיין אויף אַ הילפס־פאָנד פאַר חברים אין פאַל פון אַ נויט [166]). די ראַיאָן־קאָנפערענץ פון טאָראָנטאָ־ראָטשעסטער אין דעצעמבער, 1906, באַשליסט צו שאַפן אין יעדער שטאָט אַן אַרבעטס־ביוראָ און העלפן די אַרבעטסלאָזע חברים. ביי דעם גרויסן קריזיס אין 1907, האָט מען אין אַ צאָל פאַראיינען גע־פּרואווט לינדערן די שאַרפע נויט דורך פאַרשידענע מיטלען. וועגן דער טעטיקייט פון ניו יאָרקער בראַנטש 1 אויף דעם געביט האָבן מיר דערציילט אויף זייט 164.

אויף דער צווייטער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (דעצעמבער, 1906), האָט די אָפּאָזיציע פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּוע״צ צווישן אַנדערן אויך

פֿאָרגעלייגט אַז די פּאַרטיי זאָל זאָרגן פֿאַר קעגנזייטיקער חברים־הילף[167]). די אַנדערע פֿאָדערונגען זענען געווען צו פֿאַרשטאַרקן די טעטיקייט אין די טרייד־יוניאָנס, זיך באַטייליקן אַקטיווער אין פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד א. א.

אָנהייב 1907, האָט אַ פּאַרטיי־ראַט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם צ. ק. אויסצואַרבעטן פּלענער וועגן גרינדן אַ פּועלי ציון רינג. וועגן דעם דערמאָנט הערמאַן זיידעל פֿון באַלטימאָר, איינער פֿון די ראשונים פֿון דער באַוועגונג, אין זיין אַרטיקל אין „אידישן קעמפּער", דעם 21טן יוני, 1907. ער דערקלערט אַז אַ פּועלי ציון קען זיך ניט פֿילן גוט אין אַרבעטער רינג, איבערהויפּט נאָך זיין „קראָמיע יעווריעוו"־באַשלוס קעגן „אידישן קעמפּער" ביי זיין לעצטן צוזאַמענפֿאָר (די 7טע קאָנווענשאָן פֿון אַרב. רינג אין ניו יאָרק, פֿון 3־5טן מאַי, האָט באַשלאָסן צו אַסיגנירן טויזנט דאָלער פֿאַר אַגיטאַציע דורכן „פֿאָרווערטס", „אַרבעטער" און „פֿרייע אַרבעטער שטימע". דער פֿאָרשלאַג אויך צו אַגיטירן דורכן „אידישן קעמפּער" איז געוואָרן אָפּגעוואָרפֿן). עס בלייבט נאָר איין אויסוועג: צו גרינדן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע מיט די פֿאָלגנדע 2 גרונט־פּרינציפּן: 1) מיר אנערקענען אַז די אידן־פּראַגע קען געלעזט ווערן בלויז דורך דער ערווערבונג פֿון פּאַלעסטינע, 2) מיר אָנערקענען די טיילונג פֿון אידישן פֿאָלק ווי פֿון אַלע פֿעלקער אין קלאַסן און די אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון קלאַסן־קאַמף.

אין וואָכנבלאַט פֿון „פֿאָרווערטס" — אין „צייטגייסט", איז דערשינען דעם 27טן סעפּטעמבער, 1907 — 5 חדשים נאָך דער אַרב. רינג־קאָנווענשאָן — אַ בריוו פֿון ה. גראַף, דעם סעקרעטאַר פֿון ברענטש 88 אַרב. רינג, אַז ביים אָפּשטימען אין זיין ברענטש דעם פֿאָרשלאַג וועגן שטיצן אויך דעם „אידישן קעמפּער", האָבן נאָר צוויי געשטימט פֿאַר און 170 קעגן. דער דעלעגאַט פֿון בר. 88 האָט דעם פֿאָרשלאַג אויף דער קאָנווענשאָן וועגן „קעמפּער" אַזוי אַרום נאָר געמאַכט אין זיין אייגענעם נאָמען[168]).

דער „אידישער קעמפּער" קערט זיך ווידער אַמאָל אום צו דער פֿראַגע דעם 19טן יולי, 1907, אין זיין „וועכנטלעכן איבערבליק". ער שרייבט, אַז פֿיל חברים קלאָגן זיך אַז זיי קענען ניט אַריין אין אַרבעטער־רינג, וועלכער איז אויסגעשפּראָכן בונדיסטיש פֿאַר רוסלאַנד און אַסימילאַטאָריש פֿאַר אמעריקע. די צייטונג לייגט פֿאָר, אַז די פּוע"צ און ס. ט. פֿאַראיינען זאָלן ערנסט באַטראַכטן די פֿראַגע וועגן גרינדן אַן אייגענעם אָרדן.

די ניו יאָרקער ס. ט. האָבן באַשלאָסן צו יענער צייט צו גרינדן אַ ס. ט.־ברענטש פֿון אַרבעטער רינג. דער „אידישער קעמפּער" (13טן סעפּטעמבער, 1907), רעאַגירט אויף דער ידיעה און דערציילט, אַז דער אַרבעטער רינג האָט אין זיין לעצטן באַריכט געשריבן: „ווי מיר האָבן געהערט, האָבן די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן פֿון ניו יאָרק, אויף אַ קאָנפֿערענץ, באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ ס. ט. ברענטש פֿון אַרבעטער רינג. די ס. ט. האָבן מיט דעם באַשלוס געזאָגט, אַז זיי זענען פֿיל פּראַקטישער פֿון די פּוע"צ, וועלכע דיסקוטירן און פּלאַנעווען אַן אייגענעם פּוע"צ־רינג". דערויף פֿרעגט דער „קעמפּער": „קען דער אַרב. רינג פֿאַרשפּרעכן צו טאָן בלויז זאַכן, וואָס קענען באַפֿרידיקן אַלע ברענטשעס און איבערלאָזן די ענגע פּאַרטיי־ענינים צו דער טעטיקייט פֿון די איינצלנע ברענטשעס? אַנאַרכיסטן קענען באַלאַנגען צום אַרבעטער רינג. מען צווינגט ניט זייערע מיטגלידער צו שטימען ביי די וואַלן, ווען אויף דעם אַלגעמיינעם געלט

ווערט ניט געפירט קיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַנאַרכיזם, ווען זייער אָרגאַן, זייערע אינסטיטוציעס אַמווייניקסטנס, קענען ערוואַרטן פונקט אַזאַ שטיצע, ווי די אינ־סטיטוציעס פון זייערע קעגנער״.

אויף דער טענה פון „קעמפּער״ האָט דער אַרבעטער רינג געענטפערט אין „פאָרווערטס״: „עס איז אמת, אַז דער אַרב. רינג העלפט פאַרשפּרייטן און שטיצט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, אַז דער אַרב. רינג פירט אַ סאָציאַליסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע, אַז דער „בונד״ ווערט פון אַרב. רינג געשטיצט — דאָס איז אַלץ אַר־בעט מיט וועלכער מיר שטאָלצירן. דאָס איז אייגנטלעך די פּרינציפּיעלע און גייסטיקע אויפגאַבע פון אַרב. רינג. דאָס איז אָבער די טעטיקייט פון איינצלנע בראַנטשעס, און ניט די אַרבעט פון אַרב. רינג אַלס אַ גאַנצן, מיטן אויסנאַם פון ספּעציעלע פאַסירונגען, וואָס טראָגן אַ מער אָדער ווייניקער אַלגעמיינעם כאַ־ראַקטער״... „דער אַרבעטער רינג אַלס אַ גאַנצער האָט ניט קיין באַשטימטע ריכטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַרבעטער־רינג זענען פאַרטראָטן כמעט אַלע ריכטונגען, און די וואָס זענען אין אַרב. רינג פאַרטראָטן, ווערן טאָלערירט״... „„דער אַרבעטער רינג איז אַן אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. אין אים קענען אַריינקומען אַלס מיטגלידער, אידישע אַרבעטער אַסימילאַטאָרן, אַזוי גוט, ווי אידישע אַרבעטער נאַציאָנאַליסטן. די מיטגלידער קענען זיך גרופּירן לויט זייערע איבערצייגונגען. און אַזוי ווי די בראַנטשעס פון אַרב. רינג האָבן פולע אויטאָנאָמיע אין דער גייסטיקער און קולטורעלער אַרבעט, קענען זיין בראַנטשעס אַסימילאַטאָריש־געשטימטע, אַזוי גוט, ווי בראַנטשעס רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטיש אָדער בורזשואַז־פּאָליטיש״ *).

אין אַ ווייטערדיקן נומער פון „קעמפּער״ (20טן סעפּטעמבער, 1907), איז דערשינען אַן אַרטיקל פון י. ז. פרישבערג, מיט אַ פאָרשלאָג זיך אָנצושליסן אין ניי־געגרינדעטן אָרדן „סאָנס אָוו זייאָן״ (בני־ציון), וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1907.

די 3טע פּוע״צ־קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (סעפּטעמבער, 1907), האָט באַשלאָסן די גאַנצע פראַגע איבערצוגעבן דעם צ. ק. צו אַ גענויער באַטראַכטונג.

אינטערעסאַנט, אַז אויך אין די קרייזן פון דער ס. ט. זענען געווען פיל אָנהענגער פון אַן אייגענעם אָרדן. דאָס „פאָלק״, האָט ערב דער 2טער קאָנווענשאָן פון די ס. ט. (אַפּריל, 1908, אין קליוולאַנד) ,אינפאָרמירט, אַז עס איז פאַראַן אַ פאָרשלאָג צווישן פיל חברים צו גרינדן אַן אייגענעם אַרבעטער רינג. זיי ער־קלערן עס מיט דעם, וואָס יעדער אַרבעטער מוז זיך אָנשליסן אין אַרבעטער רינג צוליב זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אָבער די אַטמאָספערע פון עקזיסטירנדיקן אַרב. רינג מאַכט אוממעגלעך פאַר פיל חברים אַהין אַריינצוטרעטן [169].

אין מאַי, 1908, באַשליסט דער צ. ק. פון פּוע״צ זיך צו באַקענען מיט דער פיזאָנאָמיע און פּראָגראַם פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. דער דעמאָלסטיקער פאַרטיי־סעקרעטאַר, חיים פיינמאַן, שטעלט אַ רייע פראַגן דער לייטונג פון דאָ־זיקן אָרדן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון אַרבעטער רינג, צוליב סכסוכים פון קאָנסטיטוציאָנעל־אָרגאַניזאַטאָרישן כאַראַקטער און אָפּגעהאַלטן אין אַפּריל, 1907,

*) דער ענטפער איז שפּעטער געוואָרן איבערגעדרוקט אין חודש־בלאַט פון אַרב. רינג, אין „פריינד״, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1911, נאָך דעם ווי די ס. ט. קאָנווענשאָן, אין 1911, האָט באַשלאָסן צו גרינדן ס. ט. בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג.

זיין גרינדונגס־קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. סוף מאַי, באַשליסט דער פּוע״צ־צ. ק. צו רעקאָמענדירן די פאַראיינען זיך אָנצושליסן אין „בני ציון״. „דער אינדע־פּענדענט אַרב. רינג איז אונז פּונקט אַזוי פיינטלעך מיט זיין אַסימילאַטאָרישן גייסט ווי דער אַלטער אַרב. רינג״, אין דער צייט, ווען דער יונגער אָרדן „בני ציון״ איז „געגרינדעט געוואָרן דורך אַ סימפּאַטישן צו אונז עלעמענט, און מיר קענען דאָרט האָבן איינפלוס און ברענגען פיל נוצן דער באַוועגונג״ — זאָגט זיך אין אַ צירקולאַר פון צ. ק.

אין דער צווייטער העלפט פון 1908, זענען אין אַ רייע שטעט אַנטשטאַנען פאַראיינען „בני ציון״, געשאַפן דורך די פּועלי ציון. קליוולאַנד האָט געמאָלדן דעם צענטראַל קאָמיטעט אין יוני, 1908, אַז זיי גייען גרינדן אַן אַלגעמיין־ציוניס־טישן ברענטש פון „בני ציון״ און שפּעטער וועלן זיך פון אים אויסטיילן די פּוע״צ־חברים און שאַפן אַ פּוע״צ ברענטש פון „בני ציון״. ניופּאָרט האָט גע־מאָלדן, אַז זיי גייען אַרויס פון אַרב. רינג און שאַפן אַ ברענטש פון „בני ציון״. נוואַרק האָט באַריכטעט, אַז זיי שאַפן אַ פּוע״צ ברענטש פון „בני ציון״ און זיי בעטן דעם צענטראַל קאָמיטעט ער זאָל ווירקן, אַז אַלע פּוע״צ ברענטשעס פון „בני ציון״, זאָלן באַקומען שקלים דירעקט פון צ. ק. פון די פּועלי ציון. שיקאַגאָ האָט געמאָלדן, אַז זיי האָבן געגרינדעט אַ סיק בענעפיט פּוע״צ־פאַראיין און איצט גייט דאָרט אַ וויכוח צי אים אָנשליסן אין אַרב. רינג אָדער אין „בני ציון״.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן אין עטלעכע שטעט פּוע״צ־חברים גע־פּרואווט גרינדן זעלבסטשטענדיקע אונטערשטיצונגס־און פאַרזיכערונגס־פאַר־איינען פון פּוע״צ. אין באַלטימאָר איז דאָן אַנטשטאַנען אַזאַ פאַראיין, אין מיטן 1908, אונטערן נאָמען „פּוע״צ עדלשטיין ברענטש״, אויפן נאָמען פון אומגעקו־מענעם פּוע״צ־טוער, יחזקאל עדעלשטיין. מאָלדען (ביי באָסטאָן), האָט געשאַפן אַ פּוע״צ אונטערשטיצונגס־פאַראיין („פּועלי ציון בענעוואָלענט אַסאָסיישאָן״). אויך אין ניו יאָרק איז אַנטשטאַנען אין מיטן 1908, אַ פּוע״צ אונטערשטיצונגס־פאַראיין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער ברענטש 40 פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד (ער האָט זיך שפּעטער אַריינגעגאָסן אין ברענטש 14). אין טאָלידאָ, אָהאַיאָ, האָט מען נאָך אין אַפּריל, 1909, געוואָלט גרינדן אַ פּוע״צ ברענטש פון אַרבעטער רינג.

דער צווייטער ראַיאָן־צוזאַמענפאָר פון פּוע״צ פון דרום־מזרח ראַיאָן אין באַל־טימאָר (27 יוני, 1908), האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן צ. ק.־באַשלוס אַריינצוטרעטן אין „בני ציון״. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געדאַרפט פריער גרינדן פּוע״צ לאָדזשעס און ערשט דאַן זאָל די קאָנווענשאָן אורטיילן אין וועמען זיי אָנצושליסן. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט ווייטער אונטערגעהאַלטן זיין מיינונג, אַז ניט קע־נענדיק שאַפן קיין אייגענעם אָרדן, איז דער באַשלוס וועגן אָנשלוס אין די „בני ציון״, דער בעסטער אונטער די אומשטענדן.

די היסטאָרישע זכיה צו לייגן דעם יסוד פון אַ זעלבסטשטענדיקן ציוניסטישן אַרבעטער אָרדן געהער צו פילאַדעלפיע. דאָרט האָבן 3 חברים אויף דער איני־ציאַטיוו פון מ. בראון — דעם איצטיקן פּרעזידענט פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד — זיך צוזאַמענגעטראָפן אין יולי, 1908, און באַשלאָסן צו גרינדן אַ נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער אונטערשטיצונגס־פאַראיין און אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. (די 3 זענען געווען: בראון, מילער און וועקסלער). די איניציאַטאָרן פון דער באַראַטונג האָבן געהאַט נאָך אַ ציל: צו פּרובירן פאַר־

איניקן אין איין געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע די פּוע״צ און ס. ט. און פאַרהיילן די ריסן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג פון ציוניסטישן סאָציאַליזם.

אָנהייב אויגוסט, 1908, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג. פון די אָנוועזנדע 15 פּערזאָן האָבן 11 באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין פאַראיין. צווישן די 11 זענען געווען 8 פּועלי ציון, 2 ס. ט. און איין סיימיסט.

די באַראַטונג האָט אויך פאָרמולירט די צילן פון פאַראיין. מיר גיבן זיי דאָ איבער בקיצור:

„שאַפן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַראיין פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג און הילף; שטאַרקן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פון זיינע מיטגלידער; קעמפן קעגן אַסימילאַציע־טענדענצן אין אידישן לעבן און אין אידישן אַרבעטער־לעבן; אָנפירן אַ אידישע קולטור־און דערציאונגס־אַרבעט; אָפּגעבן זיך מיט אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט; אַרבעטן פאַר דער ווי־דער־פאַראייניקונג פון פּוע״צ און ס. ט.; פאַרבינדן זיך מיטן לאַנד מיטן צוועק צו גרינדן ענלעכע פאַראיינען, וואָס זאָלן פירן צו דער פאָרמירונג פון אַ נאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אַלס פּראָגרעסיוון אַרבעטער־אָרדן״.

מ. בראון איז באַאויפטראַגט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ דעקלאַראַציע, זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן לאַנד און מעלדן וועגן דעם נייעם „פילאַדעלפיער פאַראיין״ די צענטראַל קאָמיטעטן פון די פּועלי ציון און סאָציאַליסטן טעריטאָר־יאַליסטן. דער פאַראיין אין פילאַדעלפיע האָט אַלס זיינע באַאַמטע באַשטימט יוסף מילער — פּאָרזיצער, מ. בראון — סעקרעטאַר און בערלין — קאַסירער.

אין אויגוסט, 1908, האָט מ. בראון ארויסגעשיקט אַ געדרוקטע דעקלאַראַציע און אַ רוף צו גרינדן פאַראיינען איבערן לאַנד. דער אָפּרוף איז געווען דערמוטיקנד. די לייטונג פון דער ס. ט. אין ניו יאָרק האָט געענטפערט, אַז זי גרינדעט ס. ט. פאַראיינען אין אַרבעטער רינג, אָבער עס זענען געווען אויך אַ צאָל ס. ט. חברים איבערן לאַנד וואָס האָבן פּאָזיטיוו געענטפערט אויפן רוף פון פילאַדעלפיע.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון די פּועלי ציון האָט לכתחילה שאַרף קריטיקירט די האַנדלונג פון די פילאַדעלפיער חברים. די לעצטע האָבן געענטפערט מיט אַ פאָדערונג, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל אָפּשטעלן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיטן אָרדן „בני ציון״ און איבערגעבן די גאַנצע פראַגע צו דער אַנטשיידונג פון פּאַרטיי־ראַט, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין סעפּטעמבער, 1908, אין באַ־פאַלאָ. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט ענדלעך צוגעשטימט צום פאָרשלאַג. אויפן פּאַרטיי ראַט זענען די פילאַדעלפיער חברים קריטיקירט געוואָרן, פאַרוואָס זיי האָבן געהאַנדלט זעלבסטשטענדיק, זיך ניט אָנפרעגנדיק פריער דעם צ. ק. און דער פּאַרטיי־ראַט האָט באַשלאָסן צו שטעלן די פראַגע צו דיסקוסיע אין דער באַוועגונג.

דערווייל זענען אַנטשטאַנען נאָך נאַציאָנאַלע אַרבעטער־פאַראיינען אין פּיטס־בורג, מילוואָקי, שיקאַגאָ, סינסינעטי, מאָנטרעאַל, טאָלידאָ, האַמילטאָן, ראָטשעס־טער און דעטראָיט. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צעמישעניש, וואָס האָט נאָך דאַן געהערשט, אַז סט. פּאָול האָט אין אַפּריל, 1909, אָנגעפרעגט דעם צענטראַל קאָ־מיטעט זיין מיינונג וועגן דער גרינדונג פון אַ אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַר־איין „בני ציון״...

אויפן באַפאַלער פּאַרטיי־ראַט איז מ. בראון אריין אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק. זיינע פאַרבינדונגען מיטן לאַנד, ביים גרינדן פאַרבאַנד־ברענטשעס, האָט ער איבערגעגעבן צו יוסף מילער. דער לעצטער איז ניט געווען געניט באַקאַנט איבערן לאַנד. ער איז אויך געווען שוואַך אין געזונט. און די פילאַדעלפיער טוער פון יונגן דור האָבן באַשלאָסן איבערצוגעבן די פירער־שאַפט צום פּיטסבורגער פאַראיין (ברענטש 4) און די פּיטסבורגער האָבן אין אַפּריל, 1909, מיט גרייטקייט איבערגענומען די אַרבעט, באַשטימענדיק פאַר דער אַרבעט פון אָנהאַלטן די פאַרבינדונגען מיטן לאַנד דעם חבר שמואל סיגאַל (געשטאָרבן אין 1942). ער, זיינע ברידער מאָריס און ה. סיגאַל, כהן, מאָרגאַן א. א. האָבן גרויסע פאַרדינסטן ביים פאַנאַנדערבויען דעם פאַרבאַנד אין די ערשטע גרינדונגס־יאָרן פון יונגן אָרדן.

די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין סעפּטעמבער, 1909, אין שיקאַגאָ, האָט גוטגעהייסן די גרינדונג פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד" און רעקאָמענדירט די פּאַרטיי־חברים זיך אָנצושליסן אין פאַרבאַנד און אים אויסברייטערן איבערן לאַנד. אינטערעסאַנט, אַז סירקין און זשיטלאָווסקי האָבן געהאַט ספקות אין דער עקזיסטענץ־פעאיקייט פון פאַרבאַנד. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך גלייכער אָנשליסן אין אַרבעטער רינג און אים בויערן פון אינעווייניק. אין אַפּריל, 1910, האָט סירקין געשריבן אַ בריוו צו צוקערמאַנען פון זיין טור איבער אַ צאָל שטעט. סירקין האָט געשריבן, „אַז דער פאַרבאַנד איז אַ פולשטענדיקער דורכפאַל". ער — סירקין, איז געוואָרן אינגאַנצן פעסימיסטיש. אין קענזעס סיטי, סט. לואיס און מינעאַפּאָליס זענען די חברים פאַרן אַרבעטער רינג. אין אָמאַהאַ זענען די חברים אַרויס פון אַרבעטער רינג און זיי גייען גרינדן אַ „בני ציון"־פאַראיין. ער עצה'ט, אַז מען זאָל זיך אָנשליסן אַלס פּאַרטיי־ברענטשעס אין אַרב. רינג; אַנדערש וועט מען אַרויסלאָזן אַ גלענצנדע געלעגנהייט צו באַקומען אַן איינפלוס אויף דער גרויסער אַרבעטער־מאַסע דורך דעם אַרבעטער־רינג.

דר. זשיטלאָווסקי בייט אָבער באַלד זיין שטעלונג. ער שרייבט אין זיין „דאָס נייע לעבן" (מאַי, 1910), אַז ער איז לכתחילה געווען קעגן פאַרבאַנד, ווייל ער האָט געלייגט פיל האָפענונג אויף דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג וואָס דער אַרבעטער רינג מוז דורכמאַכן. יעדער נאַציאָנאַלער כוח וואָס וואָלט געקענט ווירקן אין אַרב. רינג און אַרבעט דרויסן פון אים, איז אפשר אַן עיכוב אין דער אַנטוויקלונג. אָבער בדיעבד, אַז דער פאַרבאַנד איז שוין דאָ, איז דער חוב פון יעדן נאַציאָנאַל־דענקענדן סאָציאַליסט און ראַדיקאַל צו שטיצן דעם פאַרבאַנד.

פון 10טן ביזן 16טן יוני, 1910, איז פאָרגעקומען אין ראָטשעסטער די גרינ־דונגס־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד. 40 דעלעגאַטן האָבן פאַרטראָטן 25 פאַראיינען. ברוך צוקערמאַן האָט פאַרטראָטן דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. איניקע טעג זענען אָנגעגאַנגען ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אויף דער קאָנפע־רענץ. אַ מאַיאָריטעט האָט פאַרלאַנגט, אַז דער אָרדן זאָל גלייך אָננעמען אַ פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי־פּלאַטפאָרם. דער צווייטער צד האָט געוואָלט שאַפן אַ פרייען נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע ריכטונגען, אפילו די אַזוי־גערופענע גלות־נאַציאָנאַליסטן, וועלכע אָנערקענען ניט ארץ ישראל, אַלס די טעריטאָריעלע לעזונג פון דער אידן־פראַגע, אָבער זענען ניט קיין קעגנער פון פּראַקטישער א"י־אַרבעט.

די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף קודם־כל שאַפן אַ מאַסן־אָרגאַני־זאַציע וואָס וועט לאַנגזאַם דורכמאַכן איר אידעאישע אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון פולער אידענטיפיקאַציע מיט דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. עס האָט געזיגט דער שטאַנדפּונקט פון דער מערהייט און עס זענען אנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע גרונט־פּרינציפּן:

„דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד שטרעבט צו אָרגאַניזירן אַלע אידישע אַרבעטער אויף פאָלגנדע יסודות:

1. קעגנזייטיקע הילף אין פאַל פון נויט, קראַנקהייט און טויט;

2. דערציאונג פון אידישן אַרבעטער אין פולן באַוואוסטזיין פון זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן.

3. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אונטערשטיצט אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון אידישן פאָלק; ער אונטערשטיצט אויך אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער פאַרשטאַרקונג און באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס".

די קאָנווענשאָן האָט ניט אָנגענומען קיין קלאָרן באַשלוס וועגן ארץ ישראל. (אַזאַ באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן אין אַלבאַני, סוף 1912), אָבער די גרינדונגס־קאָנווענשאָן האָט פּראַקטיש אונטערגעשטראָכן איר סאָלידאַריטעט מיט די א״י־דיקע אידישע אַרבעטער דורכן אָננעמען אַ שטייער פון דריי סענט פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רייע וויכטיקע רעזאָלוציעס וועגן דער אַרבעט פאַר אידישער קולטור און שול. זי האָט באַשלאָסן „אָנפאַנגען אַ גרויסע אַגיטאַציע און אַרבעט פאַר נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שבת־און זונטיק־שולן. די פאַרבאַנד־ברענטשעס זאָלן זען די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעטן אונטערצושטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן, באַוויזן די איניציאַטיוו, רופן קאָנפערענצן, געבן מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף און זען זיך ערנסט אָפּגעבן מיט דער פראַגע פון דערציאונג פון אונזער אידישן דור".

די קאָנווענשאָן האָט אויפגעפאָדערט די פאַרבאַנד־ברענטשעס אָנצופירן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אידישע אָפּטיילונגען (אידישע און העברעאישע ביכער) אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן (פּאַבליק לייברעריס); זי האָט באַשלאָסן צו שאַפן אידישע אַרבעטער־ אַנטוויקלונגס־גרופּן, און העלפן דעם אידישן אַרבעטער אויסלערנען זיין שפּראַך. די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן גרינדן און דעמאָקראַטיזירן די אידישע קהילות; וועגן אַן אַלוועלטלעכן אידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס; וועגן אַ אידישער סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל; טריידיוניאָן־באַוועגונג (רוף זיך אָנצושליסן אין די יוניאָנס און העלפן גרינדן יוניאָנס, דאָרט וואו זיי זענען נישטאָ); וועגן אַגיטירן די היגע אידן צו ווערן אַמעריקאַנער בירגער. די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ סימפּאַ־טיע־אויסדרוק דער ניי־געשאַפענער פאַרמער־אָרגאַניזאַציע. זי האָט באַשלאָסן צו געבן הילף דעם „אידישן קעמפער".

די קאָנווענשאָן האָט דערהאַלטן אַ מעלדונג, אַז אין אַרגענטינע שאַפט זיך אויך אַ פאַרבאַנד. זי האָט וועגן דעם אָנגענומען די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„דער צוזאַמענפאָר באַגריסט מיט פרייד די מעלדונג פון אַרגענטינע, אַז דאָרט

ווערט פּראַיעקטירט אַן ענלעכער פאַרבאַנד און האָפט, אַז מיט דער צייט וועט געשאַפן ווערן אַן אַלוועלטלעכער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד".

דר. סירקין האָט ערקלערט אין זיין באַגריסונג, אַז עס פרייט אים, וואָס זיין פּעסימיזם בנוגע דעם פאַרבאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ניט באַגרינדעט און „פון אַ צוויפלער בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקן גלויביקן". אַ וואַרעמע באַגריסונג האָט אויך געהאַלטן דר. זשיטלאָווסקי.

דער צענטער פון פאַרבאַנד איז געוואָרן איבערגעטראָגן קיין ניו יאָרק. י. חייקין איז געוואָרן פאַרזיצער; מ. בראון — סעקרעטאַר און א. גרייזעל — קאַסירער און נאָך זעקס מיטגלידער זענען אַריין אין דער גענעראַל עקזעקוטיווע. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויפן פאַרשלאַג פון י. מאַלין (שיקאַגאָ), אַז דער נאָמען פון פאַרבאַנד זאָל ווערן געענדערט אויף: „אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד" און אין ענגליש — „דזשואיש נעשאַנעל לייבאָר עלייענס".

איינער פון די מאָטיוון ביים אָננעמען דעם באַשלוס צוצוגעבן דאָס וואָרט „אידיש" צום נאָמען פאַרבאַנד, איז זיכער געווען דער ווילן צו דעמאָנסטרירן דעם חילוק צווישן יונגן פאַרבאַנד מיט דעם אַרבעטער רינג. דער אַרבעטער רינג איז פּרינציפּיעל געווען אָפן אויך פאַר ניט־אידן און אין אַ צאָל ברענטשעס האָט ער טאַקע געהאַט ניט־אידישע מיטגלידער. אין אַ טייל ברענטשעס פון אַרבעטער רינג האָבן אויך עקזיסטירט נאָן־סעקטעריען סעמעטעריס. דער אָפּי־ציעלער אָרגאַן פון אַרבעטער רינג „דער פריינד", האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דעם ענין (אין 1911) — אַלס ענטפער אויף פיל אָנפראַגן. ער האָט געפּסקנט, אַז פּרינציפּיעל איז די פראַגע „שוין לאַנג געלייזט, ווייל דער אַרב. רינג האָט ביי זיין גרינדונג קיין אויסנאָם ניט געמאַכט פאַר קריסטן און ער האָט אויך היינט פאַר זיי ניט קיין אויסנאָמען. פּרינציפּיעל קענען קריסטן געוויס אַריינגענומען ווערן אין אַרב. רינג און דאַרפן אויך אַריינגענומען ווערן. וועגן דעם קען אַפילו קיין שום צווייפל ניט זיין און ס'איז לחלוטין ניטאָ איבער וואָס צו דיסקוטירן. די פראַגע האָט אָבער אויסער איר פּרינציפּיעלער זייט אויך אַ פּראַקטישע, און די פּראַקטישע זייט איז גראָד אין דעם פּרט דער עיקר". דאָס זעלבע איז געפּסקנט געוואָרן וועגן דער פראַגע סעמעטערי. דאָס איז אָפּהענגיק פון אָרט און אומ־שטענדן און דאַרף באַשטימט ווערן פון יעדן ברענטש באַזונדער [170]).

נאָך דער קאָנווענשאָן האָט זיך צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע וועגן די אָנגענומענע גרונט־פּרינציפּן פון פאַרבאַנד. ב. צוקערמאַן האָט אין „אידישן קעמפער" גערופן די פּועל־צ־חברים אין פאַרבאַנד צו שטימען ביי דעם רעפערענדום איבער די באַשלוסן פון דער קאָנווענשאָן פאַר אַריינברענגען אַ קלאָרן פּונקט וועגן דער נייטיקייט פון אַן אייגן לאַנד. דער ערשטער ברענטש אין פילאַדעלפיע האָט דאָס יאָ קלאָר געזאָגט, אין זיין פּראָגראַם־ערקלערונג. די אָנגענומענע פּרינציפּן־דער־קלערונג אין ראָטשעסטער רעדט טאַקע וועגן נאַציאָנאַלע אויפלעבונג און נאַציאָ־נאַלע באַפרייאונג, אָבער זי זאָגט אָבער גאָרנישט ווי אַזוי דענקט דער פאַרבאַנד, קען קומען די דאָזיקע באַפרייאונג. אמת, מען האָט אָנגענומען אַ טעקס פון 3 פּענט פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד און מ'האָט איינגעשריבן די קאָנווענשאָן אין גאָלדענעם בוך פון נאַציאָנאַל פאָנד. דאָס באַווייזט, אַז די רייד וועגן אַ „ברייטער טיר" איז ניט מער ווי אַ פראַזע און ווי נאָר ס'איז געקומען צו פּראַקטישע מעשים האָט די קאָנווענשאָן זיך געמוזט שטעלן אויף דער ריכטיקער זייט [171]).

אויך פיינמאַן און בן עמי פון פילאַדעלפיע האָבן פּראָטעסטירט, וואָס די קאָנוועגשאָן האָט ניט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון טעריטאָריאַליזם. מ. בראַון האָט אין זיין ענטפער אין „קעמפער" אָנגעוויזן, אַז אויך די „בני ציון" נעמען אַריין אויך ניט־ציוניסטן. דעם 30טן יולי, 1910, איז דערשינען אין „אידישן קעמפער" אַ דערקלערונג פון א. נ. אַ. פּ. וועגן כאַראַקטער פון נייעם אָרדן, אַלס ענטפער אויף אָנפאַלן פון פאַרשידענע זייטן. „דער פאַרבאַנד איז דורכאויס ניט געגרינדעט געוואָרן אָנצוהייבן און אָנפירן אַ ברודער־קריג מיט די ראַדיקאַלע אָרדנס און שטעלט זיך בכלל ניט אַנטאַגאָניסטיש צו די אַלע איבעריקע עקזיס־טירנדע אידישע אָרדענס. אונזער אַרבעט איז אַ פּאָזיטיווע. מיר האַלטן פאַר זייער וויכטיק דאָס צונויפזאַמלען פון אַלע נאַציאָנאַל־געזאָנענע אידישע אַר־בעטער אין איין גרויסע קערפּערשאַפט, וואָס וועט אויפנעמען און אונטערשטיצן אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און אויפלעבונג פון אונ־זער פאָלק, ווי אויך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

„איבערהויפּט דענקט דער פאַרבאַנד אָנצופירן אַן אינטענסיווע נאַציאָנאַל־קולטורעלע טעטיקייט און זיך פיל פאַראינטערעסירן מיט דער פראַגע פון אידי־שער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער קינדער־דערציאונג. אין אונזער אָרדן וועט באַשאַפן ווערן די אַטמאָספער, דער פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד, וועלכער זאָל ערמעגלעכן דעם פאַרבאַנד טאָן אַרבעטן לטובת דעם אידישן פאָלק, דעם אידישן אַרבעטער.

„מיר ווילן אויך ערקלערן דאָס דער פאַרבאַנד סימפּאַטיזירט מיט אַלע אי־דישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַרבעטן פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַ־פרייאונג פון אידישן אַרבעטער. ער איז אָבער ניט קיין פּאַרטיי־אינסטיטוציע און איז דורכאויס זעלבסטשטענדיק אין זיין טעטיקייט.

„דער אידישער נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד באַצוועקט און וועט שטענדיק זיין די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנצענטרירן אַלע אידישע נאַציאָנאַל־געזאָנענע אַרבע־טער און אינטעליגענץ און אָנגיין מיט זיין פּאָזיטיווער טעטיקייט פעסט און זיכער.

„אין דעם זעען מיר אַ גאַראַנטיע פאַר זיין אַנטוויקלונג און אַ מעגלעכקייט צו ווערן מיט דער צייט אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דעם יידישן אַרבעטער־לעבן פון אַמעריקע".

דער רעפערענדום האָט אַקצעפּטירט די שטעלונג פון דער מערהייט וועגן „ברייטע טירן" אין פאַרבאַנד. אויף דער 5־טער פּועל־צ קאָנוועגשאָן אין מאָנטרעאַל (אָקטאָבער, 1910), האָט זיך ווידער געפירט אַן אינטערעסאַנטער וויכוח וועגן דער צוקונפט פון פאַרבאַנד און די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער פּאַרטיי און דעם פאַרבאַנד.

שמואל סיגאַל פון פּיטסבורג, האָט איינגעלייטעט דעם וויכוח. די פּוע"צ מוז אַריינגיין אין פאַרבאַנד און איבערנעמען דאָרט די לייטונג. שפּעטער וועט עס זיין פיל שווערער צו טאָן — האָט ער דערקלערט. חייקין — דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד — האָט געהאַלטן, אַז די קאָנוועגשאָן טאָר ניט אויפפאָדערן צו גרינדן בלויז פּוע"צ־ברענטשעס פון פאַרבאַנד. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן איינ־פירן אין „קעמפער" אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַרן פאַרבאַנד. דאָס קען זיין גע־פערלעך פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון „קעמפער". אָוורונין האָט געזאָגט, אַז די פּוע"צ האָט אַליין ניט דערלאָזט אַז דער פאַרבאַנד זאָל האָבן אַ מער־אויסגע־

שפּראַכענע ציוניסטישע פּראָגראַם. דר. זשיטלאָווסקי האָט דווקא באַטראַכט פאַר אַ מעלה די ניט־פּאַרטייאישקייט פון פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד קען ווערן דער פאַר־אייניקונגס־פּלאַץ פאַר פּועל־צ, ס. ט. „סערפּ" און „בונד". נעמט מען אָן דעם טע־ריטאָריעלן פּרינציפּ, ווערט צובראָכן די מעגלעכקייט פון פאַראייניקונג.

דר. סירקין האָט געפאָדערט קלאָרער צו באַטאָנען די סאָציאַליסטישע זייט פון פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד דאַרף זיין דער זאַמל־פּונקט פאַר די סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, אָבער ניט פאַרן „בונד". עהרנרייך און צוקערמאַן האָבן געטענהט, אַז ווען דער פאַרבאַנד נעמט יאָ אָן דעם טעריטאָריאַלן פּרינציפּ, קען ער דאַן אויך ווערן דער מיטלפּונקט פון די דריי סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטייען.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אויפצופאָדערן די חברים צו אַרבעטן אין פאַר־באַנד און ווירקן דאָרט אין גייסט פון דער פּאַרטיי; אין שטעט וואו ס'איז אומ־מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַ פּועל־צ־פאַראיין באַזונדער און אַ פאַרבאַנד־ברענטש באַזונדער, זאָלן די פּועל־צ חברים אָרגאַניזירן אַ פּועל־צ ברענטש פון פאַרבאַנד, וואָס זאָל זיין אָנגעשלאָסן איןביידע צענטראַלעס; אין שטעט וואו עס קענען עקזיסטירן צוויי פאַראיינען, אַ פּועל־צ־פאַראיין באַזונדער און אַ פאַרבאַנד־ברענטש באַזונדער, דאַרפן די פּועל־צ־חברים אַרבעטן פאַרן פאַרבאַנד אין די אַלגעמיינע ברענטשעס. אין שטעט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג, ווי ניו יאָרק, שיקאַגאָ, א. ד. גל. — וואו עס קענען אָרגאַניזירט ווערן פיל ברענטשעס, זענען די דערמאָנטע באַשלוסן ניט בינדענד. די חברים קענען דאָרט אַרבעטן פאַרן פאַרבאַנד לויט זייערע אומשטענדן; דאָס מוז אָבער זיין מיט דער צושטימונג פון צענטראַל קאָמיטעט.

מיטן איבערטראָגן די צענטראַלע פון פאַרבאַנד קיין ניו־יאָרק האָבן זיך אָנגעהויבן שנעלער אַנטוויקלען די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין דער גרעסטער אידישער שטאָט אין דער וועלט.

דער ערשטער ברענטש אין ניו יאָרק — דער ברענטש 14 — איז אַנט־שטאַנען אין מערץ, 1910, אויף אַ באַראַטונג פון 4 חברים: מ. בראַון, ש. באַנטשעק, ש. גאָלדשטיין און ראובן פלאַטראָט. גאָלדשטיין האָט דערקלערט, אַז ער מוז זיך צוריקציען, ווייל ער געהערט צו דעם „פּועלי ציון אונטערשטיצונגס־פאַראיין" און ער מוז האָבן די הסכמה פון זיין פאַראיין צו דער גרינדונג פון ערשטן פאַרבאַנד־ברענטש אין ניו יאָרק.

אַן אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונג האָט דורכגעמאַכט דער ניו יאָרקער פּועל־צ־אונטערשטיצונגס־פאַראיין. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1908. ער איז ניט געווען דער איינציקער פּועל־צ־פאַראיין אין ניו יאָרק, וואָס האָט אַריינגענומען פאַרזיכערונג אין זיין פּראָגראַם. אויך די האַרלעמער און בראַנזווילער פּועל־צ־פאַראיינען האָבן אין זייערע צאַלונגען אויך איינגעשלאָסן פאַרזיכערונגען און זייער האָפנונג איז געווען אַז די פּועל־צ־פּאַרטיי וועט סוף כל סוף אויפנעמען די שאַפונג פון אַ פאַרזיכערונגס־סיסטעם און דאָס וועט פירן צו דער באַשאַפונג פון אַ פּאַרטיי־אָרדן [172]).

דער פּועל־צ־אונטערשטיצונגס־פאַראיין האָט אין יוני, 1910, פאַרהאַנדלט וועגן זיין אָנשלוס אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן די פראַגע פון אָנשלוס אויף 6 חדשים און צו רעקאָמענדירן די פּועל־צ פאַראיינען

פון אַנדערע שטעט צו גרינדן פּועלי־ציון אונטערשטיצונגס־פאַראייגען אָדער פּועלי־ציון פאַראייגען פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד[173]). שפּעטער האָט זיך דער פאַר־איין אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד אַלס דער בראַנטש 40, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד. דער בראַנטש האָט זיך פאַראיי־ניקט מיטן בראַנטש 14. ש. גאָלדשטיין איז שפּעטער געוואָרן זייער אַקטיוו אין פאַרבאַנד, געווען אייניקע מאָל וויצע־פּרעזידענט און פיר יאָר פאַרבאַנד־סעקרע־טאַר, פון 1922 ביז 1926.

ביי דער ערשטער באַראַטונג אין ניו יאָרק וועגן גרינדן אַ פאַרבאַנד־בראַנטש (מערץ, 1910), האָט זיך אַנטוויקלט דער זעלבער וויכוח ווי אין פילאַ־דעלפיע און אַנדערע שטעט: זאָל דער אָרדן שטיין אונטער דער אויפזיכט פון פּועלי־ציון אָדער זאָל ער זיין אַן אומפּאַרטייאישער אָרדן. די מערהייט האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר דעם, אַז דער אָרדן זאָל זיין אונטער דער אויפזיכט פון די פּועלי־ציון, אָבער די לעצטע אַנטשיידונג זאָל איבערגעגעבן ווערן דער גרעסערער פאַרזאַמ־לונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין אָפיס פון „דאָס נייע לעבן". אין פאַרבאַנד־בראַנטש האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן אַ צאָל חברים פון די ס. ט. און ס. ר. דער וויכוח וועגן כאַראַקטער פון יונגן אָרדן איז געוואָרן געפירט ביז דער גרינדונגס־קאָנ־ווענשאָן אין ראָטשעסטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער פון פאַרבאַנד.

אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג פון בראַנטש 14, האָט זיך געגרינדעט דער בראַנטש 15 אין האַרלעם (איצט: אַרלאָזאָראָוו־בראַנטש) און דער בראַנטש 18 אין בראָנזוויל. (איצט נ. סירקין־בראַנטש). די גרינדער פון בראַנטש 18 זענען געווען מ. מאָשעוויצקי, אַלפּערט, דר. י. פעלדמאַן (געווען פּרעזידענט פון פאַר־באַנד פון דער 2טער ביז דער 4טער קאָנווענשאָן), יוסף חייקין (פאָרזיצער פון פאַרבאַנד נאָך דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער) א. א. אין בראַנטש 18 האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אַ צאָל מיטגלידער פון דער ס. ט.

די אָפיציעלע ס. ט. פּאַרטיי האָט אָבער ווייטער גערופן אירע מיטגלידער אַריינצוגיין אין אַרבעטער רינג, און דער באַריכט צו דער קאָנווענשאָן פון אַרבע־טער רינג (10־13 מאַי, 1911, אין ראָטשעסטער), דערציילט וועגן דעם מיט צו־פרידנהייט. ער גיט צו אַז „פאַר די אידישע נאַציאָנאַליסטישע סאָציאַליסטן איז ביז דער לעצטער צייט דער אַרב. רינג עפּעס געווען צו וויניק ,כשר'. זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל אָננעמען אַזאַ פּראָגראַם, ווי זיי וועלן אים דיקטירן, ניט וועלנדיק זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז דער אַרב. רינג האָט זיין אויפגאַבע צו פאַראייניקן אין זיך אַלע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ריכטונגען. זעענדיק, אַז דער אַרב. רינג פאָלגט זי ניט, האָבן טיילן פון זיי פּרובירט אָרגאַניזירן אַ גאַנץ נייעם אָרדן און אַנדערע זענען געבליבן שטיין ניט אַהין און ניט אַהער. דאָס וואַקסן און בליען פון א. ר. און זיין ברייטע טעטיקייט וואָס ער אַנטוויקלט, האָבן אָבער געמוזט האָבן זייער ווירקונג. אַלץ וואָס איז ראַדיקאַל און סאָציאַליסטיש אין דעם אידישן פאָלק, האָט געמוזט אָנהייבן אָנערקענען, אַז דער אייניציקער פּלאַץ פאַר זיי איז דער אַרבעטער רינג".

אַ וויכטיקע דערגרייכונג איז פאַרן פאַרבאַנד געווען ווען אין אים האָבן זיך אָנגעהויבן אָנשליסן גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפטן. די ערשטע זענען געקומען די

בראָהינער אין פילאַדעלפיע. זיי האָבן באַקומען ביי דער פייערלעכער אינסטאַ־לירונג מיט מאיר בראון דעם נומער 2.

אין יולי, 1911, זענען צו דער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין פיטסבורג (די קאָנ־ווענשאָן איז פאַרגעקומען אין פיטסבורג אַלס אָנערקענונג פאַר די פאַרדינסטן פון די פיטסבורגער חברים ביים גרינדן דעם פאַרבאַנד), געקומען 39 דעלעגאַטן פון 42 ברענטשעס. מ. בראון האָט באַריכטעט, אַז דער פאַרבאַנד ציילט שוין 1,200 מיטגלידער אין 31 שטעט, אָרגאַניזירט אין 42 ברענטשעס. דער דורכשניטלעכער עלטער איז געווען 24.7. דעם פאַרבאַנד האָט מען דאַן גערופן מיט רעכט דער „אָרדן פון דער יוגנט". דער סעקרעטאַר האָט ניט באַוויזן צו מעלדן אפילו איין טויט־פאַל... אין פאַרלויף פון יאָר זענען צוגעקומען 35 ברענטשעס. מען האָט שוין אויך געהערט אַ גוטן גרוס פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין ניו יאָרק מיט 85 קינדער. ס'איז געוואָרן אויסגעוויילט אַ ספּעציעלער קולטור־קאָמיטעט וואָס זאָל צוזאַמען מיט די פּוע"צ זיך פאַרנעמען מיט אויפבויען שולן. ביי די וואַלן צו דער לייטונג האָט זיך געפירט אַ קאַמף קעגן עטלעכע חברים, וועמען מ'האָט חושד געווען אַז זיי ווילן ענדערן די פּראָגראַם און אויסנוצן דעם פאַרבאַנד פאַר פּאַרטיי צוועקן. אין דער לייטונג זענען אַריין נ. אוורונין, פּרעזידענט; נ. עלקין, וויצע־פּרעזידענט; מ. בראַון, סעקרעטאַר; נ. חרמוני, קאַסירער; י. אַפּלבוים, י. וועקסלער, ר. פלאַטראַט, דר. י. פעלדמאַן, ב. צוקערמאַן און א. קליין.

ס'זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן שטיצן דעם „השומר", טרייד יוניאָנס, קהילות, קולטור און דערציאונג; עמיגראַציע־אַרבעט א. א. נאָך דער פייערלעכער רעדע פון ל. האַזאַנאָוויטש איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטיצן דעם פּלאַן וועגן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איבער דער טעטיקייט פון יק"א אין אַרגענטינע.

אין רעפערענדום צו באַשטעטיקן די נאָמינירטע לייטונג האָבן געשטימט איבער 600 מיטגלידער. אין קולטור־קאָמיטעט זיינען אַריין: נ .חרמוני, דר. י. פעלדמאַן און ב. צוקערמאַן, אין קאָנטראָל־קאָמיטעט: י. וועקסלער, י. פעלד־מאַן און אב. קונין. אין קאָנסטיטוציע־קאָמיטעט: א. גרייזל און ל. סינגער.

אַן אינטערעסאַנטער ויכוח האָט זיך געפירט אין „אידישן קעמפער" אַרום דעם אָנשלוס פון דר. זשיטלאָווסקי אין אַרבעטער רינג. אויף די טענות פון ב. צוקערמאַן פאַרוואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער רינג, אין דער צייט ווען ער האָט פריער אַזוי שטאַרק געלויבט דעם פאַרבאַנד און געשריבן אין „נייעם לעבן", אַז ס'איז דער חוב פון יעדן נאַציאָנאַל־דענקנדן סאָציאַליסט ראַדיקאַל צו שטיצן דעם פאַרבאַנד, האָט זשיטלאָווסקי געענטפערט אין „אידישן קעמפער" (28־טן אַפּריל, 1911) אַז אין ענין נאַציאָנאַליזם האָט דער אַרבעטער רינג איבערהויפּט ניט קיין פּראָגראַם; וואָס די מערהייט פון זיינע באַוואוסטזיניקע מיטגלידער איז אַסימילאַטאָריש געשטימט, ענדערט ניט דעם ענין. זייערע אנשויאונגען וועגן דעם ענין זענען זייער פּריוואַט־זאַך. „אין אַרבעטער רינג זענען דאָ גאַנצע ברענטשעס פון ס. ט.־ניקעס. אויך די אַנדערע ברענטשעס האָבן נאַציאָנאַליסטישע מיטגלידער און אפילו אַלגעמיינע ציוניסטן פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין אַרבעטער רינג. אַדאַנק דעם איז ערשט איצט מעגלעך געוואָרן אַן ערנסטע אַרבעט אין אַרבעטער רינג לטובת אונזערע

אידעאַלן״. ווען דער פאַרבאַנד וועט ווערן לעגאַליזירט (ער האָט באַקומען דעם טשאַרטער אין 1912), וועט ער אויך אַריינגיין אין פאַרבאַנד. „אויב איך וועל ניט אַריין, וועט דאָס ניט זיין מיין שולד. זאָל איך אָבער זיין געצוואונגען אויס־צוקלייבן איינעם פון דיביידע אָרדנס, וועל איך אויסקלייבן דעם אַרבעטער רינג, ניט נאָר דערפאַר ווייל ער איז טאָלעראַנטער, נאָר מחמת דעם וואָס אַ מענטש דאַרף גיין דאָרט, וואו ער קען מער אויפטאָן״.

זשיטלאָווסקי האָט דאָ געמאַכט איינע פון זיינע פּאַראַדאָקסאַלע געדאַנקען־שפּרונגען, מיט וואָס ער האָט אָזויפיל מאָל איבערראַשט זיינע נאָענטסטע פריינט. אַביסל שפּעטער האָט ער אַנטדעקט אַז 40 פּראָצענט מיטגלידער פון אַרבעטער רינג זענען אַנאַלפאַבעטן, וועלכע קענען אפילו ניט שרייבן קיין אידיש. דאָס האָט ער דערקלערט אַלס באַריכט־אָפּגעבער פון בילדונגס־קאָמיטעט אויף דער אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן אין 1913. פאַרשטייט זיך, אַז דער זאָג האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג אין די קרייזן פון אַרבעטער־רינג.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט נאָך לאַנגע באַמיאונגען באַקומען פון דער רעגירונג זיין טשאַרטער דעם 6־טן יאַנואַר, 1913. די פאָדערונג פון דער רעגירונג איז געווען אַז עס מוזן זיין 500 מיטגלידער וואָס זאָלן זיך פאַרזיכערן, יעדער אויף דער סומע פון טויזנט דאָלער. אין יולי 1912 איז מ. בראון אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד, באַזוכט 18 שטעט, געאַרבעט שווער, אָבער ער האָט געקראָגן 435 אַפּליקאַציעס צו 1,000 דאָלער. די איבעריקע אַפּליקאַציעס זענען געקראָגן געוואָרן אין ניו יאָרק. פיל אָרעמע חברים האָבן אַרויסגענומען טויזנט דאָלער פּאָליסיס, הגם דאָס איז פאַר זיי געווען אַ ניט־לייכטער ביסן. דעם 30טן דעצעמבער, 1912, און דעם 1טן יאַנואַר, 1913, איז פאָרגעקומען אין אַלבאַני די טשאַרטער־קאָנווענשאָן מיטן אָנטייל פון 85 דעלעגאַטן, וואָס איז אַדורך אין אַ זייער געהויבענער שטימונג.

די קאָנווענשאָן אין אַלבאַני האָט געהאַט נאָך אַ וויכטיקע באַדייטונג, — דאָרט איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער שטעלונג פון פאַרבאַנד צו ארץ ישראל. דאָרט האָט מען פון דאָסניי פאָרמולירט די פאַרבאַנד־פּרינציפּן און אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, אַז דער פאַרבאַנד שטיצט אונטער אַלע אַרבעטן פאַר פּאַלעסטינע. דערמיט איז געוואָרן קאָריגירט די ראָטשעסטער גרינדונגס־קאָנווענשאָן. אין ליכט פון דער דערפאַרונג פון צוויי און אַ האַלב יאָר אַרבעט, אין געראַנגל מיט קעגנער וואָס האָבן שאַרף באַקעמפט דעם ארץ ישראל־געדאַנק און יעדער פּראַקטישער אַרבעט פאַר ארץ ישראל, האָט איצט די אַלבאַנער קאָנווענשאָן קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז דער פאַרבאַנד וועט איינ־שליסן פּאָזיטיווע ארץ ישראל אַקטיוויטעטן אין זיינע אויפגאַבן, אפילו ווען ער איז ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי.

אויף דער קאָנווענשאָן האָט מען אויך אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע און פאָרמולירט אַ טעקסט פון אַ שבועה. די רעפערענדום־אָפּשטימונג, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ גרויסער אויפקלערונגס־אַרבעט אין די בראַנטשעס, האָט מיט אַן איבערוועלטיקער מערהייט אָקצעפּטירט די נייע פּרינציפּן־דערקלערונג פון פאַרבאַנד.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ צענטראַלן אַגיטאַציע־פאָנד, דורכצופירן אָפטע לעקציע־טורס, אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון מאָדערנע צאָלונגען פאַר קראַנקן־בענעפיט. אין דערציאונגס־קאָמיטעט זענען אַריין פ. גינגאָלד, חיים ליבערמאַן, י. רעזניק און ש. שאַפּיראָ פון ניו יאָרק און י. חגי — דעטראָיט, ב. שאַפּירא — שיקאַגאָ און דאַווידאָוויטש — העמילטאָן, קאַנאַדע.

סוף 1913, איז דער פאַרבאַנד געהאַט געקומען צו זיך פון קריזיס, ווען מ׳האָט געציטערט טאָמער וועט מען ניט באַקומען דעם טשאַרטער, און די צאָל גוטשטייענדע מיטגלידער איז שוין דאַן געשטיגן ביז קרוב 2,000 אָרגאַניזירט אין קרוב צו 55 צווייגן.

די קאָנווענשאָן אין אָלבאַני האָט אויך געוואָרפן אַ נייעם קאַמף־לאָזונג: „נאַציאָנאַליזירן די אידישע גאַס". דער פאַרבאַנד האָט אין די יאָרן 1912—1913 אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע אַרבעט ביים אָרגאַניזירן אידישע שולן און ביים איינפירן אידישע אָפּטיילונגען אין די שטאָטישע עפנטלעכע ביבליאָטעקן. יואל ענטין, וואָס איז דאַן געוואָרן צוגעצויגן צום פאַרבאַנד, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן ענגלישע פּלוג־שריפט וועגן העברעאיש און אידיש. מען האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ קאַטאַלאָג פון אידישע און העברעאישע ביכער און די פאַרבאַנד־ברענטשעס האָבן געשיקט הונדערטער וואָלונטירן וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אידעלער מלחמת מצוה. אַסך היינטיקע אידיש־העברעאישע אָפּטיילונגען אין די פּאַבליק לייברעריס אין פיל שטעט זענען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער טיכטיקער אַרבעט פון יענער צייט. אין אַ צאָל שטעט האָט מען אויך געשאַפן אידישע קלובן ביי די ביבליאָטעקן, וואו מ׳האָט געלייענט אידישע ביכער און דיסקוטירט ליטעראַטור־און קולטור־פּראָבלעמען. די קלובן פלעגן אויך פייערן אידישע יום־טובים און דורכפירן אויסשטעלונגען פון אידישע מאָלער.

די 6־טע פועלי־צ־קאָנווענשאָן אין דעטראָיט (אָקטאָבער, 1911) האָט באַשטעטיקט די באַשלוסן פון דער מאָנטרעאָלער קאָנווענשאָן ענערגיש צו אַרבעטן פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון פאַרבאַנד. די פוע״צ־חברים אין פאַרבאַנד דאַרפן זיין אָרגאַניזירט אין פוע״צ־ברענטשעס. די קאָנווענשאָן האָט זיך גלייכצייטיק אַרויסגעזאָגט קעגן פאַרוואַנדלען פּאָליטישע פּאַרטיי־פאַראיינען אין ברענטשעס פון פאַרבאַנד. אין שטעט, וואו עס זענען נישטאָ קיין אַלגעמיינע ברענטשעס פון פאַרבאַנד איז די פליכט פון די חברים צו אָרגאַניזירן פוע״צ ברענטשעס פון פאַרבאַנד.

די טאַקטיק פון פוע״צ אין דער פראַגע פאַרטיי־פאַרבאַנד איז ניט געווען קיין פעסטע. זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו די פאַרשידענע אָרטיקע אומשטענדן. אין באָסטאָן, למשל, האָבן די פוע״צ חברים ניט מסכים געווען סוף 1911 צו געהערן צוזאַמען מיט די אומפּאַרטייאישע אין איין פאַרבאַנד־ברענטש און די לעצטע האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן פאַרבאַנד־ברענטש, אָבער מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער פוע״צ־ברענטש פון פאַרבאַנד קען איבער געוויסע שוועריקייטן ניט טאָן קיין פּאַרטיי אַרבעט און מ׳האָט געשאַפן אַ דירעקטן פוע״צ־פאַראיין. אין דעטראָיט ווידער האָט מען אַרויסגעצויגן (מיטן 1911) די פוע״צ חברים פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס און זיי אַלע קאָנצענטרירט אין פוע״צ ברענטשעס פון פאַרבאַנד. אויף דעם פּאַרטיי־ראַט אין

סעפּטעמבער, 1912, האָט דער סעקרעטאַר ה. עהרנרייך, באַריכטעט, אַז אין אַ גאַנצער רייע שטעט עקזיסטירן פּוע״צ פאַרבאַנד־ברענטשעס, וואָס פירן אַ פאַרהעלטניסמעסיק גוטע אַרבעט.

אויף דער 7־טער פּוע״צ קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913) האָט ה. עהרנרייך אין זיין ענטפער אויף דער קריטיק פון דעלעגאַטן נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון צענטראַל קאָמיטעט, דערקלערט, אַז דער צ. ק. האָט ניט געווירקט אויפן פאַרבאַנד ער זאָל אָננעמען אַ פּועלי־ציון־פּראָגראַם, ווייל מיר ווילן עס גאָר ניט. „מיר זענען פולשטענדיק צופרידן מיט די רע־זאָלוציעס פון דער לעצטער קאָנווענשאָן אין אָלבאַני״ [174].

.17

# פון 1911 ביז דעם ערשטן וועלט־קריג

אין די יאָרן 1911—1913 האָט די פּועלי־ציון־באַוועגונג דורכגעמאַכט אַ שווער שטיקל צייט. די פּאַרטיי האָט זיך געראַנגלט איינצוהאַלטן אירע פּאָזיציעס אויף דער אידישער גאַס, און נישט שטענדיק איז עס איר געלונגען. עס זענען געווען יאָרן, ווען ס׳האָט זיך געפּאָדערט גרויס עקשנות און אַן אומגעבראָכענער ווילן ניט צו קוקן אויף שטימונגען פון דעפּעטיזם און אָפּהענדיקייט, וואָס האָבן באַהערשט ניט נאָר די פּועלי־ציון־באַוועגונג, און פאַרזעצן ווייטער די אַרבעט, וואַרטנדיק אויף בעסערע צייטן, ווען די כוואַליעס פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט וועלן צוריק נעמען שטייגן.

דעם 15טן און 16טן אַפּריל, 1911, איז פאַרגעקומען אין ניו יאָרק אַ פּאַרטיי־ראַט. עהרנרייך האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון צענטראַל קאָמיטעט. דער פּרואוו צו גרינדן ראַיאָנע אַגיטאַציע־קאָמיטעטן האָט זיך ניט איינגעגעבן. ג. אוורונין האָט געבראַכט אַ ניט־פריילעכן גרוס פון „אידישן קעמפער״, וואָס ראַנגלט זיך מיט דעפיציטן. ב. קאַך האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. כתריאל האָט באַגריסט אין נאָמען פון וועלט־פאַרבאַנד.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אויסגעוויילט אַלס זיינע דעלעגאַטן צו דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ: ה. עהרנרייך, ב. צוקערמאַן און ש. שניאור. דער פּאַרטיי־ראַט האָט אויך געגעבן דירעקטיוון דער דעלעגאַציע ווי צו האַנדלען וועגן די פּונקטן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר היום פון דער וועלט־קאָנפערענץ. נאָכן אויסהערן דעם רעפעראַט פון כתריאל וועגן דער פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן יק״א, איז באַשלאָסן געוואָרן, נאָך אַ לענגערן וויכוח, אונטערצושטיצן די אַקציע פון קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שיקן אַן אומפּאַרטייאישע אויספאָרשונגס־עקספּעדיציע קיין אַרגענטינע וועגן די מעשים תעתועים פון דער יק״א־אַדמיניסטראַציע. עהרנרייך האָט אויך איבערגעגעבן, אַז דער באַשלוס פון דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן צו גרינדן אויך אַ העברעאישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול, איז ניט געוואָרן פאַרווירקלעכט. דער באַשטימטער קאָמיטעט האָט דערפאַר לחלוטין גאָרניט געטאָן. ער האָט דערציילט וועגן דערפאָלג פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין ניו יאָרק.

פון 8טן ביזן 12טן אָקטאָבער, 1911, איז פאַרגעקומען אין דעטרויט די 6טע פּועלי־ציון־קאָנווענשאָן, געעפנט דורך י. אַפּלבוים. דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע האָט אויסגעדריקט זיין האָפנונג, אַז די קאָנווענשאָן וועט ברענגען אַ דערנענטערונג פון די פּועלי ציון צום אָרגאַניזירטן ציוניזם אין לאַנד. ס׳האָבן אויך באַגריסט פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פון דעם אָרדן „בנייטס אָוו זיאָן״, פּועלי־ציון־פאַרבאַנד־ברענטשעס און אַנדערע.

ה. עהרנרייך האָט איבערגעגעבן אַז די פּאַרטיי לעבט דורך אַ שווערן קריזיס. די אַלגעמיינע געדריקטע שטימונג, וואָס הערשט אין ציוניסטישן לאַגער, האָט

זיך אויך אויסגעווירקט אויף דעם לאַגער פון פוע״צ. עס זענען געווען קענטיקע פינאַנציעלע שוועריקייטן, וואָס האָבן געשטערט פאַנאַדערצואוויקלען אַ ברייטערע טעטיקייט. צווישן די סיבות וואָס האָבן דערפירט צו דער אָרגאַניזאַטאָרישער אָפּשוואַכונג פון דער פּאַרטיי, האָט עהרנרייך אויך אָנגעגעבן דעם פאַקט, וואָס אין אַ צאָל שטעט האָבן זיך די חברים אינגאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט פאַרן פאַרבאַנד און אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט די פּאַרטיי־אַרבעט און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט פיל פאַראיינען.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רייע רעזאָלוציעס. זי האָט קלאָר געמאַכט איר פּאָליסי אין באַצוג צום פאַרבאַנד (זע זייט 249); זי האָט באַפעסטיקט דעם באַשלוס פון דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן וועגן דער נייטיקייט פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און אויסגעדריקט איר צופרידנהייט מיט דער אַרבעט, וואָס איז אויף דעם געביט געטאָן געוואָרן אין ניו יאָרק. די פּאַרטיי־טוער אויף די ערטער זאָלן זיך פאַראייניקן מיט די אָרטיקע ברענטשעס פון פאַרבאַנד און גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן באַמיאונגען אויפצולעבן דעם „אידישן קעמפּער״ און דערווייל אַרויסגעבן אַ חודש׳דיקן פּאַרטיי־ביולעטין. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו געבן 2,000 פראַנק פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־ביוראָ אין א״י; שטיצן דעם „השומר״; קומען אין נענטערע פאַרבינדונגען מיט דער אַמעריקאַנער ציון־פעדעראַציע און מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע (די ס. פּ.). די קאָנווענשאָן האָט אויך אויסגעדריקט איר שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דער קידנעפּינג פון די אַרבעטער־פירער, ברידער מעקנאַמאַרא. „צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט רופן מיר די אידישע אַרבעטער פאַרן קאַמף אָפּצושאַפן דעם דאָזיקן סיסטעם, וואָס איז אַ פאַרלעצונג פון די עלעמענטאַרע גרונט־פּרינציפּן פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע״ *).

די דעטרויטער קאָנווענשאָן איז אויפן פּאַרטיי־ראַט אין אַפּריל, 1912, באַצייכנט געוואָרן אַלס די פּראַקטישע קאָנווענשאָן וואָס האָט פאַר אַלעם געצילט צו פאַרשטאַרקן אָרגאַניזאַטאָריש די פּאַרטיי און באַקעמפן די דעפּיטיסטישע שטימונגען וועגן דער צוקונפט פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך איינגענעסט אין אַ צאָל פאַראיינען.

מען האָט געזוכט נייע פירער־כוחות און ס׳איז דאַן אַרויסגעשוואומען אַ פאָרשלאַג אַריבערצוטראָגן דעם צענטראַל קאָמיטעט קיין שיקאַגאָ. די פילאַדעלפיער חברים זענען געווען קעגן פאָרשלאַג. זיי האָבן מסכים געווען אַריבערצוטראָגן קיין שיקאַגאָ דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. געווען אויך אַ פאָרשלאַג איבערצוטראָגן דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט קיין פילאַדעלפיע. מען האָט אונטערזוכט די מעגלעכקייטן

*) די ברידער מעקנאַמאַרא זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין 1911 אין אונטערלייגן אַ באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסן די געביידע פון דער „לאָס אַנזשעלעס טיימס״ — אַן עקסטרעמע אַנטי־יוניאָן־צייטונג — אין פאַרלויף פון אַ בלוטיקן סטרייק פון די אייזן־גיסער. ביידע ברידער זענען געווען די אָנפירער פון דער אָרטיקער יוניאָן פון אייזנגיסער. 17 מענטשן זיינען געטויט געוואָרן פון אויפרייס. די רעאַקציאָנערן אין קאַליפאָרניע האָבן אינסצעניזירט אַ פּראָצעס קעגן די ברידער מעקנאַמאַרא, וועלנדיק אַזוי אַרום אָפּווישן די יוניאָן, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר. איינער פון די ברידער האָט באַקומען לעבנסלענגלעכע געפענגעניש און דער אַנדערער 15 יאָר תפיסה.

אַרויסצוגעבן דעם „אידישן קעמפער” אין שיקאַגאָ אָדער מילוואָקי. מען האָט אויך געפּרואווט זוכן אַ נייעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר. מען האָט פאַרהאַנדלט מיט פּנחס קרוזאַ, אַן אַלטער פּאַרטיי־טוער פון פּיטסבורג, איצט דער פאַרוואַלטער פון „דזשואיש פראָנטיר”, ער זאָל ווערן דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. פון די אַלע רעפאָר־מען האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזן, און דער צענטראַל קאָמיטעט, דער פּאַלעסטי־נע קאָמיטעט און שפּעטער אויך דער באַנייטער „אידישער קעמפער” האָבן אַלע ווייטער געהאַט זייער זיץ־אָרט אין ניו יאָרק כבשנים קדמניות.

אין „קענעדער אָדלער” איז דאַן דערשינען אַ באַריכט פון מאָנטרעאַלער דע־לעגאַט ל. מעלצער, לויט וועלכן ס'איז אויסגעקומען, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן רייסעני־שן צווישן ניו יאָרק און שיקאַגאָ אויפן אידעאָלאָגישן באָדן. די שי־קאַגער אָרגאַניזאַציע, אין וועמענס שפּיץ ס'איז דאַן געשטאַנען ד. אַבערסאָן און זיין פרוי אסתר מינץ־אַבערסאָן, האָט געוואָלט צוריקקערן צו די צייטן פון באַל־טימאָר און אָפּווישן די נייע ליניע, וואָס די פּוע״צ־פּאַרטיי האָט אָנגענומען נאָך דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ [175].

ה. עהרנרייך — דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר — האָט אין אַ הכחשה־דערקלע־רונג, פאַרעפנטלעכט אין „קענעדער אָדלער”, אָפּגעלייקנט די גאַנצע געשיכטע און קלאָר געמאַכט, אַז דער פאָרשלאָג וועגן איבערטראָגן דעם צענטער קיין שיקאַגאָ האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן אין דער פּוע״צ־פּאַרטיי נאָר איז געווען דיקטירט פון ריינע אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָטיוון [176].

שיקאַגאָ וואָס האָט פריער געזאָלט ווערן די מעטראָפּאָליע פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָט באַלד אַליין איבערגעלעבט אַ שווערן אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס. אין אַ בריוו צום צ. ק. פון 9טן פעברואַר, 1912, קלאָגט זיך אסתר מינץ, אַז ס'איז נישטאָ קיין לעבן און קיין טעטיקייט אין פאַראיין. אַ מאָדנע אַפּאַטיע ליגט אויף די חברים און אפילו אָפּטימיסטן זענען געוואָרן פּעסימיסטיש. אמת, ביי אַנדע־רע פּאַרטייען איז ניט פריילעכער, אָבער דערמיט ווערן דאָך מיר ניט „געהאָלפן”. די איינציקע האָפענונג איז — דירעקטע ארץ ישראל־אַרבעט. די גאַנצע פּאַרטיי ליידט — לויט איר מיינונג — פון דער געדריקטער שטימונג. דער קריזיס אין שיקאַגאָ האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. ה. עהרנרייך האָט זיך דערויף גע־קלאָגט אין זיין באַריכט אויפן פּאַרטיי־ראַט אין סעפּטעמבער, 1912. דער פאַר־איין האָלט זיך אין איין רעאָרגאַניזירן און די אַרבעט ליידט דערפון שטאַרק.

אין אַ צירקולאַר פון 19טן מערץ, 1912 (ערב דעם פּאַרטיי־ראַט פון אַפּריל, 1912), ווערט אויפגעקלערט, אַז מען מוז שאַפן די מעגלעכקייטן, אַז דער סעקרע־טאַר זאָל אַרבעטן אין אָפּיס אַ גאַנצן טאָג אַנשטאָט 5 שעה אין טאָג. מען דאַרף אויך אַרויסשיקן אַן אינסטרוקטאָר צו באַזוכן אָפּטער די פאַראיינען. דערצו דאַרף מען האָבן 250־300 דאָלער...

דעם 5טן־6טן אַפּריל, 1912, קומט פאָר דער פּאַרטיי־ראַט אין ניו יאָרק, מיט 24 דעלעגאַטן, געעפנט דורך מ. בראַון. ה. עהרנרייך האָט איבערגעגעבן, אַז די צאָל חברים איז 500; אַ צאָל פאַראיינען זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן; דער „קעמפער”־קאָמיטעט אין שיקאַגאָ האָט פּאַקטיש גאָרניט געטאָן. ער האָט דער־קלערט, אַז ס'איז פאַלש די מיינונג פון אַ צאָל חברים, אַז די פּאַרטיי לייזט זיך אויף און טרעט אַריין אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע. וואָס דער צענטראַל קאָמיטעט לייגט פאָר, איז צו פאַרבינדן זיך אַלס גאַנצע קערפּערשאַפט פאַר

געמיינזאַמע אַרבעטן מיט דער פעדעראַציע. מ. בראון האָט באַריכטעט וועגן גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן שטעלן די פראַגע צו אַ רעפערענדום.

ש. באַנטשעק, וואָס איז דאַן געוואָרן סעקרעטאַר פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט. אין וויכוח איז אויסגעדריקט געוואָרן צופרידנהייט מיטן פּאַרטיי־ביולעטין וואָס גייט אַרויס אין מאָנטרעאַל. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַן אַגיטאַציע־פאָנד מיט חיים פיינמאַן אַלס טרעזשורער; רעקאָמענדירן דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך איבער פּוע״צ־פּראָבלעמען. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ איז געוואָרן אויפגעפאָדערט צו שאַפן וואָס שנעלער דאָס אַרבעטס־ביוראָ אין א״י. וועלוול שווארץ איז געוואָרן צוקאָאָפּטירט צום צענטראַל־קאָמיטעט און איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער, אויפן אָרט פון י. אפּלבוים. ס׳איז געוויילט געוואָרן אַ פינאַנץ־קאָמיסיע, וואָס זאָל זיכערן דעם בודזשעט פון צענטראַל קאָמיטעט.

אין וויכוח איבערן באַריכט זיינען געמאַכט געוואָרן פאָרשלאָגן צו גרינדן אַ פאַרלאַג, איינטיילן די פּאַרטיי אין אַגיטאַציע־דיסטריקטן און אַנדערע פאָרשלאָגן. כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלסטיקע פינאַנץ־פאַרהעלטניסן איז געווען דער פאָרשלאָג פון מעלצער (מאָנטרעאַל) צו שאַפן 400 דאָלער אַ יאָר, וואָס וועט זיכערן די טעטיקייט פון סעקרעטאַריאַט, פון וואָס מאָנטרעאַל האָט גענומען אויף זיך צו שאַפן 100 דאָלער. מאָנטרעאַל האָט אויך צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ בראָשור איבער פּועלי ציוניזם.

נאָכן פּאַרטיי־ראַט איז ה. עהרנרייך אַריין אויף אַ גאַנצן טאָג אין דער אַרבעט פון סעקרעטאַריאַט.

פון 27־טן ביזן 29־טן סעפּטעמבער, 1912, איז פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט אין פילאַדעלפיע. דער פּאַרטיי־ראַט איז געוואָרן גערופן אַנשטאָט אַ רעגולערע קאָנווענשאָן. ה. עהרנרייך האָט באַריכטעט, אַז עס זענען פאָרגעקומען באַזוכן אין די שטעט פון די חברים: אַבערסאָן, אַפּלבוים, ה. עהרנרייך, ק. מרמר, ב. צוקערמאַן און א. קריטשמאַר־יזרעאלי. דער „קעמפּער״־קאָמיטעט אין שיקאַגאָ האָט ניט געאַרבעט און איז אין יוני געוואָרן אויפגעלעזט. דער רעפערענדום האָט מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן אַריינגיין אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע; די פאַרהאַנדלונגען זענען דערפאַר געוואָרן איבערגעריסן. די אַרבעט פאַר די שולן גייט פאָראויס. די פּאַרטיי האָט געהאָלפן אין פיל סטרייק־אַקציעס און געהאָלפן אין סאָציאַליסטישע וואַל־קאַמפּאַניעס. דאָס פּ. א. פּ.־ביוראָ אין ארץ ישראל הייבט שוין אָן צו פונקציאָנירן. באַלד קומט קיין אַמעריקע אויף אַ באַזוך זרובבל. דער קריזיס אין דער פּאַרטיי איז שוין אַריבער און עס מערקט זיך צוריק אַן אויפלעבונג אין די מייסטע פאַראיינען.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אָנגענומען אַ רייע ווּיכטיקע באַשלוסן. צו שאַפן צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט פאַר פּאַלעסטינע־אַרבעט; באַגריסן די דערעפנונג פון אַרבעטס־ביוראָ און אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט אין א״י; אָרגאַניזירן חברים וואָס ווילן פאָרן נאָך ארץ ישראל; רופן אַ קאָנפערענץ פאַר אידישער דערציאונג; שאַפן אַן אַגיטאַציע־און אָרגאַניזאַציע־פאָנד פון 2,000 דאָלער, דורכצופירן אַ ברייטע אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט; איבערשיקן די ביבליאָטעק פון י. עדעלשטיין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט באַשלאָסן פּאַרצוזעצן אַרויסגעבן דעם פּאַרטיי־בולע־טין און דורכפירן ווינטער אונטערנעמונגען פאַרן „קעמפער". די שכירות פון סעקרעטאַר איז געהעכערט געוואָרן מיט 3 דאָלער אַ וואָך. די סומע פון 150 דאָ־לער אַ יאָר — די הוספה פאַרן סעקרעטאַר — זאָל פּראָפּאָרציאָנעל ווערן צע־וואָרפן אויף די פאַראיינען.

דעם 20טן אָקטאָבער, 1912, איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אַ שיינער קבלת־פנים פאַר זרובבל — רעדאַקטאָר פון „האחדות". ס'האָבן באַגריסט מ. בראון, מאָריס ווינטשעווסקי, דר. נ. סירקין, ה. עהרנרייך און ב. צוקערמאַן. דער אַלטער מאָריס ווינטשעווסקי (בן נץ), דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון העברעאישן „אספת חכמים" און נ. סירקין, דער אמאָליקער רעדאַקטאָר פון „השחר", האָבן באַגריסט דעם רעדאַקטאָר פון „האחדות". אין ווינטשעווסקין האָט אויפגעוואַכט זיין אַלטע ליבע צו העברעאיש און ער האָט געהאַלטן א וואונדערבאַרע רעדע. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ פיינע דערהויבונג פאַר אַלע אָנוועזנדע. מ. ווינט־שעווסקי האָט שפּעטער צוגעשיקט, אויף זרובבל'ס פאַרשלאָג, אַ העברעאישן בריוו צו „האחדות", וואָס ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „און ווער ווייסט — מעגלעך, אַז דורך מיין באַטייליקונג אין אייער אַרבעט, וועל איך אויף דער על־טער זיך אומקערן צו מיין יוגנט־ליבע און וועל ווידער רעדן העברעאיש צו די אידישע אַרבעטער, וואָס פאַרשטייען העברעאיש, ווי עס פלעגט רעדן זיינער־צייט צו די ,שלומי בחורי ישראל', אהרן ליבערמאַן און זיינע חברים, און צווישן זיי, אויך איך, דער יונגסטער פון יענער חבריא". צוזאַמען מיט דעם בריוו איז אויך געוואָרן דאָן אָפּגעדרוקט אין „האחדות", ווינטשעווסקי'ס „אני מאמין", דעם סאָציאַלן פון אַמאָל און דעם נאַציאָנאַלן פון די לעצטע יאָרן. די איבערזעצונג האָט געמאַכט יוסף חיים ברענער [177]).

מאָריס ווינטשעווסקי, דער „זיידע" פון אידישן סאָציאַליזם, איז שטענדיק געווען דער „אנפאַן טעריבל" צווישן די גענאָסן. נאָך אין יאַנואַר, 1902, האָט ער פאָרגעשלאָגן דער קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַז די אי־דישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל זיך ניט צוזאַמענגיסן מיט דער ס. פּ. נאָר בלייבן אויטאָנאָם. באַגריסנדיק דעם צווייטן יערלעכן צוזאַמענפאָר פון אידישן אַגיטאַציע־ביוראָ אין קליוולאַנד (סעפּטעמבער, 1909), האָט ער פאָרגעלייגט, אַז די אידישע אַרבעטער זאָלן זיין אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער פעדעראַציע. ווען זיינע פאַרשלאָגן האָבן אָנגעטראָפן אין טויבע אויערן, האָט ער פאָרגעלייגט („צו־קונפט", אָקטאָבער, 1909), צו גרינדן „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער ביל־דונגס־פאַראיינען". אין 1911 איז ער אַרויס מיט אַ פאַרשלאָג צו שאַפן אַ אידיש־אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן־בונד, וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין „צו שאַפן אַ פּלאַט־פאָרם פון וועלכער צו רעדן צו די ניי־אָריבערגעקומענע וועגן סאָציאַליזם און צו דיסקוטירן אידישע נאַציאָנאַלע פראַגן און אידישע צרות און נחמות". מען וועט „זיך דאַרפן אייניקן אויף אַ נאַציאָנאַל־אידישן פּראָגראַם בנוגע אַמעריקע, ווייל די נאַציאָנאַלע פראַגע קען היינטיקע צייטן מער נישט איגנאָרירט ווערן". ער מיינט, אַז די אידישע אַגיטאַציע־ביוראָ קען ווייטער בלייבן אַ פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציע און דער „בונד" זאָל באַשטיין פון אויסער־פּאַרטייאישע עלעמענטן. „אויף דער ס. פּ. קענען זיך אָט די אידישע סאָציאַליסטן (ער מיינט, די ניי־געקומענע), ניט פאַרלאָזן, ווייל זי פירט אָן איר אַגיטאַציע בלויז אויפן באָדן פון קלאַסן־

קאַמף און איר מאַכט ניט אויס, צי איר זייט אַ קישינעווער קרבן אָדער קרושע־וואַנס אַ תלמיד".

מיט צוויי יאָר שפּעטער, שרייבט ווינטשעווסקי אין דער „צוקונפט" (נאָוועמ־בער, 1913), אַז ער איז שוין גענוג אויסגעניכטערט ניט צו מאַכן מער קיין פּלע־נער און ניט צו געבן מער עצות. ער האָט שאַרף קריטיקירט די 7טע קאָנווענשאַן פון אידיש סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין פּעטערסאָן (מאַי, 1912), פאַר פאַר־שוויגן דעם פּוילישן באָיקאָט און דעם קיעווער בלוט־בלבול, „אין וועלכן מענדל בייליס איז דער באַשולדיקטער און זעקס מיליאָן רוסישע אידן די אָנגעקלאָג־טע" [178].

דעם 29טן דעצעמבער, 1912, איז פאַרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ווינטשעוו־סקין אַ פייערונג צום 25טן יובל פון דר. זשיטלאָווסקי׳ס טעטיקייט. ב. צוקערמאַן האָט באַגריסט אין נאָמען פון די פּועל־צ, דר. קאַפּלאַן פון די ס. ר., א. גלאַנץ פון די ס. ט., ליליפּוט פון אַרבעטער רינג, מ. קאַץ פון אידישן ליטעראַטן קלוב, מאיר לאָנדאָן פון די קלאָוקמאַכער, חאַזאַנאָוויטש פון יובל־קאָמיטעט. אין מיטן דער רעדע פון ה. עהרנרייך, אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול, האָבן קינדער פון דער שול דערלאַנגט בלומען דעם יובילאַר. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געזען אידישע קינדער אויף אַ יום טוב׳דיקער פאַרזאַמלונג פאַר אידישער קולטור.

אַן אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן מצב פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן איבער־געשיקט צום פאַרבאַנדס־ביוראָ, ערב דער 4טער וועלט־קאָנפערענץ (25־31 אוי־גוסט, 1914), אין קראָקע. די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט דאַן געציילט 630 מיט־גלידער, אָרגאַניזירט אין 22 פאַראיינען אין 21 שטעט. אַלס מיטגלידער ווערן גערעכנט נאָר די וואָס צאָלן פּאַרטיי־שטייער, שקל און פאַרבאַנד־שטייער (תרומה). עס זענען אויך דאָ פיל סימפּאַטיקער. דער איד. נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד האָט דאַן געציילט 2,000 מיטגלידער און 60 ברענטשעס. דער יערלעכער בודזשעט פון דער פּאַרטיי האָט באַטראָפן 1,200 דאָלער. דער פּאַרטיי־שטייער איז געווען 10 סענט אַ חודש.

אין עטלעכע שטעט איז די פּועל־צ געווען פאַרטראָטן אין אַ פעדעראַציע פון סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. די שולן האָבן געהאַט 1,200 קינ־דער. די לערער פון כמעט אַלע שולן זענען צום גרעסטן טייל חברים פון דער באַ־וועגונג. מיט דער ניו יאָרקער קהילה האָט די פּאַרטיי אָפּגעבראָכן די באַציאונגען. די פּועל־צ פּאַרטיי האָט זיך אויסגעצייכנט אין וואַל־קאַמפּאַניעס אין ניו יאָרק און אין מילוואָקי, וואו זי האָט אַגיטירט דורך פלוג־בלעטער, גאַסן־מיטינגען און גרויסע פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע ס׳האָבן אויך גערעדט די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. די וואַל־אַרבעט פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן איז געפירט געוואָרן זעלבסטשטענדיק, קומענדיק אין אַ שוואַכער באַרירונג מיט דער ס. פּ.

דער פּאַרטיי־ביולעטין האָט זיך געדרוקט אין 10,000 עקזעמפּלאַרן. דעם לעצטן יאָר האָט זיך די פּאַרטיי פאַרגרעסערט אויף 35 פּראָצענט. עס זענען צו־געקומען פיר נייע פאַראיינען.

אין זומער, 1913, איז אַנטשטאַנען דער ערשטער פּועל־צ־פאַראיין ביים פּאַ־סיפישן ים־ברעג — אין לאָס אַנזשעלעס. דאָרט איז אַנטשטאַנען אין 1912 אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער קלוב, אין וועמען ס׳האָבן זיך אָנגעשלאָסן פּועל־צ, ס. ט. און

אַ טייל פון די דעלעגאַטן צו דער 4טער (צווייטער) קאָנווענשאָן פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פילאַדעלפיע
(22—26 אַפּריל 1914)



חסידים־באַל פון בראַנטש 14 אין ניו־יאָרק



אַ געוויסע צאָל געוועזענע בונדיסטן מיט שטאַרקע נאַציאָנאַלע סענטימענטן. דער קלוב האָט אויסגעווירקט איינצופירן אידישע און העברעאישע ביכער אין דער פּאַבליק לייברערי. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע שול. פיל חברים פון קלוב האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן. עס איז געוואָרן געקויפט אַן אייגן הויז אויף 420 סאוט סטריט, וואו עס האָט זיך אויך געפונען די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול.

אין זומער, 1913, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין הויז פון ש. נאומאָוו, די חברים יוסף הירש, יעקב ווײנער, ש. נאומאָוו, י. ח. קודלי, י. קראַנאַן, פּ. ריס־קין און האָבן געגרינדעט אַ פּוע״צ־פּאַראיין. שפּעטער זענען צוגעצויגן געוואָרן דר. לעאָ בלעס, זכריה פינקעלשטיין, אהרן שאַפּירא א. א. אין דער מלחמה־צייט האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען קיין לאָס אַנדזשעלעס פיל אימיגראַנטן פון די מזרח־שטאַטן און דער פּאַראיין איז זיך שנעל צעוואַקסן. פון די דעלעגאַטן, וואָס זענען געווילט געוואָרן צום אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס זענען צוויי געווען פּועלי ציון. די פּוע״צ־חברים האָבן אויך גענומען אנטייל אין אַלע רעליף־אַקציעס אין ערשטן וועלט־קריג [179]).

אויך אין ניו יאָרק איז זיך די אָרגאַניזאַציע פאַנאַנדערגעוואקסן. אין זומער, 1913, איז צום פּיקניק, וואָס די פּוע״צ אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט, געקומען במשך פון 2 טעג ביי 15,000 מענטשן פון 72 אָרגאַניזאַציעס, און האָט געבראַכט אַ זייער באַדייטנדיקן פּראָפיט.

פון 19טן ביזן 21טן אָקטאָבער, 1913, איז פאָרגעקומען אין פּיטסבורג די 7טע פּוע״צ־קאָנווענשאָן, מיטן אנטייל פון 42 דעלעגאַטן. ב. צ. מילער פון פּיטסבורג האָט געעפנט די קאָנווענשאָן. ח. פיינמאַן איז געווען דער פאָרזיצער פון דער דער־עפנונגס־זיצונג. ב. צוקערמאַן האָט געהאַלטן די דערעפנונגס־רעדע. ער האָט באַערט דעם אָנדענק פון אויגוסט בעבל, אליקום צונזער און 50 פּוע״צ חברים פון בולגאַריע, וואָס זענען געפאַלן אין באַלקאַנישן קריג. עס האָבן באַגריסט פאָר־שטייער פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון דער שניידער־יוניאָן, קעפּ־מייקער־יוניאָן, דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול, ברענטש 4 פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, דער ברענטש 250 אַרבעטער רינג. זייער וואַרעם אַפּלאָדירט איז געוואָרן דער פאָרטרעטער פון דער „סטאָגי מייקערס״ יוניאָן, וואָס האָט באַגריסט די קאָנווענשאָן אין נאָמען פון 2,000 אידישע אַרבעטער פון זיין יוניאָן און גע־דאַנקט די פּיטסבורגער פּוע״צ פאַר זייער גרויסער הילף אין לעצטן סטרייק. דער פאָרשטייער פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין פּיטסבורג האָט אויסגע־דריקט זיין האָפנונג, אַז אויף דער אידישער גאַס וועט זיין איין פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי.

ה. עהרנרייך האָט אין זיין באַריכט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער אַנטוויקלונג פון שול־וועזן; דעם אנטייל פון פּוע״צ אין פאַרשידענע סטרייק־אַקציעס; דעם געלונגענעם טור פון זרובבל, וואָס האָט באַזוכט 23 שטעט. פיל באַ־זוכן האָבן אויך געמאַכט י. אַפּלבוים, מ. בראַון, ה. עהרנרייך, דר. סירקין, ב. צו־קערמאַן און ר. קענדזשערסקי. ס'איז דערשינען די בראָשור פון ב. צוקערמאַן „דער פּועלי ציוניזם״ און עטלעכע נומערן „קעמפּפער שטימע״. עס ווערן געמאַכט הכנות צו באַנייען דעם „אידישן קעמפּער״. עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן „האחדות״ און „דאָס לאַנד״ פון א״י. דער אַגיטאַציע־פאָנד איז ניט געווען קיין דערפאָלג.

דעם לעצטן יאָר האָט די פּאַרטיי פּאַרקויפט איבער 900 שקלים. 600 חברים האָבן באַצאָלט דעם שטייער פאַרן פּאַרבאַנדס-ביוראָ. ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון 4טן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר אין קראָקע און דער טעטיקייט פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע (ה. עהרנרייך, ח. פיינמאַן, חברה ס. פיינמאַן). ער האָט דערציילט וועגן דער פיינער אַנטוויקלונג פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, וואָס „איז אַ פּראָדוקט פון אונזער אידעע" און אים צוגעזאָגט די גרעסטע שטיצע. דער מאַנאַטלעכער פּאַרטיי-ביולעטין דערשיינט זינט יאַנואַר, 1913, אין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק איז דער פאַראיין געווען אַקטיוו אין דער קאָנפערענץ קעגן פּוילישן באָיקאָט; אין דעטרויט איז די פּוע"צ געווען אַקטיוו אין דער פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג קעגן בייליס-פּראָצעס, אין קאַמף קעגן די מיסיאָנערן אין אידישן קוואַרטאַל און אין דער קאָנפערענץ צו גרינדן קאָאָפּעראַטיוון. אין טאָג פון דר. הערצלס יאָרצייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאָלקס-דעמאָנסטראַציע. אין שיקאַגאָ האָט דער פאַראיין אויפגעלעבט, איינגעאָרדנט אַ טרויער-פאַרזאַמלונג נאָך אויגוסט בעבעל, אַ הערצל-אָוונט און געעפנט אַ טאָג-שול אין אַ רעגירונגס-געביידע. אין סט. פּאָול איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נאַציאָנאַל-מוזיקאַלישער פאַראיין. עס זענען צוגעקומען אין לעצטן יאָר 5 נייע פאַראיינען. די פּאַרטיי ציילט 724 חברים.

די פּאַרטיי האָט געזאַמלט לעצטן יאָר 8,000 דאָלער, דערפון 5,000 פאַר פּאַרשידענע א"י צוועקן: די „אחוה" אַנטוויקלט זיך גוט. דער צענטראַל קאָמיטעט שטייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט אַלע לאַנד-פּאַרטייען אין אויסלאַנד. מען האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ טור פון ח. פיינמאַן אין ענגלאַנד. דער צ. ק. איז געווען פאַרטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער פּאַרטיי, וואָס „איז די מוטער-פּאַרטיי פון אונזער באַוועגונג". די רוסישע פּאַרטיי אַנטוויקלט זיך און קריגט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אידישער אַרבעטער-מאַסע אין רוסלאַנד. ס'איז געוואָרן געזאַמלט הילף פאַר דער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

ש. באַנטשעק האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון פּאַלעסטינע-קאָמיטעט, וואָס שטייט אין פאַרבינדונג מיט 68 שטעט. אויף דעם מאַסן-מיטינג האָבן גערעדט מ. בראַון ק. מרמר, נ. סירקין, ח. פיינמאַן און ב. צוקערמאַן. עס האָבן אויך באַגריסט קינדער פון דער דאָרטיקער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער שול. גרויס באַגייסטערונג האָבן אַרויסגערופן די בריוו פון יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ, וואָס האָבן באַגריסט די קינדער-ביכלעך, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן פאַר די שולן. עס זענען אָנגעקומען 75 באַגריסונגס-טעלעגראַמען פון פּוע"צ-פאַראייינען און פאַרבאַנד-בראַנטשעס.

דר. נ. סירקין האָט רעפערירט וועגן „אחוה"; ב. צוקערמאַן וועגן טרייד-יוניאָניסטישע און סאָציאַליסטישע טעטיקייט; ה. עהרנרייך וועגן נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַרבעט אין גלות; י. אַפּלבוים וועגן ארץ ישראל-טעטיקייט; ק. מרמר וועגן „אידישן קעמפער". ח. פיינמאַן האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער 4טער וועלט-קאָנפערענץ און פון 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין.

דר. נ. סירקין האָט געזאָגט אין זיין שלוס-רעדע, אַז קיין קאָנווענשאָן האָט ניט אַרויסגערופן אַזוי פיל מוט און באַגייסטערונג ווי די פּיטסבורגער קאָנווענשאָן. ס'האָבן אויך געהאַלטן שלוס-רעדעס י. אַפּלבוים, מ. בראַון, ש. באַנטשעק,

א. העמלין, ש. סיגאַל, מ. פרייליכאָוו, קראַנענבערג און ב. צוקערמאַן, וואָס האָט געשלאָסן די קאָנווענשאָן.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט אויפן אָרגאַניזאַציע־געביט; אָנשטעלן אַ געהילפס־סעקרעטאַר וואָס זאָל אויך זיין דער סעקרעטאַר פון פּאַלעסטינע קאָמיטעט; שאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין ענגליש (אַרום דער פראַגע איז געגאַנגען אַ גרויסער קאַמף); באַשטימען אַ יערלעכן בודזשעט פון 1,800 דאָלאַר; זאַמלען פאַרן „קעמפּער"־פאָנד 5,000 דאָלאַר; שאַפן יוגנט־קלובן; איינלאַדן אַ פאַרשטייער פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט; אַקטיוויזירן די אַרבעט פאַר „אחוה"; פאַרשטאַרקן די טעטיקייט אויפן טרייד־יוניאָן־געביט; אָרגאַניזירן אַן אימיגראַציע קאָמיטעט, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשטייער פון יוניאָנס, וואָס זאָל זאָרגן פאַר די ניי־געקומענע אימיגראַנטן; שאַפן נענטערע פאַרבינדונגען מיט דער ס. פּ. און מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע; די חברים פון קאַנאַדע זאָלן קומען אין נענטערע פאַרבינדונג מיט דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; שאַפן קאָאָפּעראַטיוון און ווי ווייט מעגלעך אויסנוצן זייערע פּראָפיטן פאַר די צוועקן פון דער פּאַרטיי; פּועל־צ חברים טאָרן ניט געהערן צו קיין אַנדער פּאָליטישער פּאַרטיי. אַ רייע באַשלוסן זענען אָנגענומען געוואָרן וועגן שול־און קולטור־אַרבעט: זוכן צו רעפאָרמירן די תלמוד תורות; די פּאַבליק סקולס זאָלן געבן פּלאַץ פאַר אידישער דערציאונג; שאַפן אידיש־העברעאישע אָפּטיילונגען אין די פּאַבליק־לייבררעריס; גרינדן ליטעראַרישע און געזאַנג־פאַראיינען; עפענען קורסן פאַר דערוואַקסענע אין העברעאיש און אידיש; פייערן דעם ערשטן טאָג חנוכה דורך פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס, און וואו מעגלעך, דורך ניט אַרבעטן דעם טאָג.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן ביילים־פּראָצעס און אַ קללה קעגן דער בלוטיקער טיראַניע אין רוסלאַנד; באַשלאָסן צו שטיצן די רוסישע פּאַרטיי; פייערן דעם 10 יעריקן יובל פון דער פּאַרטיי אין ניו יאָרק (אין 1915) און דאָרט אָפּהאַלטן די 8טע קאָנווענשאָן. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע קעגן אַנטי־אידישן באָיקאָט אין פּוילן. אַלס פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, צו באָיקאָטירן די קאָנצערטן פון פּוילישן פּיאַניסט פּאַדערעווסקי (דער שפּעטערדיקער פּרעמיער פון פּוילן, אין די יאָרן 1918־1919).

אין צענטראַל קאָמיטעט זענען דערוויילט געוואָרן: י. אַפּלבוים, מ. בראַון, ש. באַנטשעק, דר. נ. סירקין, ב. צוקערמאַן, וו. שווארץ און ה. עהרנרייך אַלס פּאַרטיי־סעקרעטאַר. אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט: ס. זאַקס, י. מאָהעל, מ. מאַשעוויצקי, ב. קויפמאַן און ש. באַנטשעק אַלס סעקרעטאַר. אין קאָנטראָל־קאָמיטעט: ש. גאָלדשטיין און ס. דזשוליאַן, ניו יאָרק און א. העמלין, באָסטאָן. ב. צוקערמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער פון קעמפּער־פאָנד.

אין וויכוח אַרום באַריכט פון צענטראַל קאָמיטעט זענען געוואָרן אַרויסגעבראַכט עטלעכע אינטערעסאַנטע פּונקטן. ה. עהרנרייך האָט פאָרגעלייגט צו דערוויילן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט אָנצופירן פּראָפּאַגאַנדע אין ענגליש. „מיר דאַרפן אויפהערן זיין אַ פּאַרטיי פאַר אימיגראַנטן", האָט ער ערקלערט. ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַרום דער פראַגע אַ העפטיקער וויכוח. קעגן דעם פאָרשלאָג האָבן

זיך אַרויסגעזאָגט י. אַפּלבוים, מ. בראַון, ה. באַזין, קלמן מרמר. נ. סירקין האָט שטאַרק פאַרטיידיקט דעם פאַרשלאָג. פלאָרא ברוידי, אַ דעלעגאַטין פון דעטרויט, האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן פאַר די ענגליש־רעדנדע, אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פאַר־איינען און ניט אָנהייבן גלייך מיט פּוע״צ־פּראָפּאַגאַנדע. מיט אַ קליינער מערהייט איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג וועגן אַן ענגלישן פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט, מיט ה. פיינמאַן אַלס פאָרזיצער.

ס׳איז אויך פאָרגעלייגט געוואָרן צו ברענגען אַ חבר פון א״י אויף אַן אַגיטאַ־ציע־טור; אַרויסגעבן ערנסטע ביכער איבער פּוע״צ־פּראָבלעמען; אַרויסגעבן די „קעמפער שטימע" איין מאָל אין חודש; אין די שטעט וואו עס זענען דאָ פּוע״צ־פאַראיינען אויך שאַפן פּוע״צ־פאַרבאַנד ברענטשעס און אַריינציען אַהין די ניט־אָרגאַניזירטע חברים.

אין וויכוח אַרום „אידישן קעמפער" האָט זיך נאָכאַמאָל אַרויסגעוויזן, ווי די חברים בענקען נאָך דעם באַליבטן וואָכנבלאַט. די גרויסע מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן געדאַנק, אַז מען קען זיך באַנוגענען מיט אַ מאָנאַטלעכער „קעמפער שטימע". טייל האָבן פאָרגעלייגט אָנהייבן אַרויסגעבן דעם „אידישן קעמפער" ווען מען וועט האָבן אַ פאָנד פון 3,000 דאָלער, אָבער די מערהייט האָט געהאַלטן אַז די צייטונג דאַרף אָנהייבן צוריק דערשיינען ווען מען וועט האָבן צו־נויפגעזאַמלט די פולע סומע פון 5,000 דאָלער. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן די דאָזיקע סומע אין פאַרלויף פון אַ יאָר, ביז דער קומענדער קאָנווענשאָן [180].

.18

# די אַרבעט פאַר דער אידישער שול

די ערשטע ידיעות וועגן אַן אינטערעס פאַר אידישער דערציאונגס־אַרבעט אין די רייען פון פועלי־צ, טרעפן מיר אַזוי פרי, ווי אין מאַי, 1906. אין „אידישן קעמפער", נומער 9 (25 מאַי, 1906). לייענען מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ פון וואַשינגטאָן, אַז דער דאָרטיקער פועלי־צ־פאַראיין האָט באַשלאָסן צו נעמען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ היברו סקול פאַר קינדער. ערב און נאָך דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (סוף, 1906), האָט דער „אידישער קעמפער" פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען וועגן חינוך־פּראָבלעמען.

דער עדיטאָריעל אין נומער פון 23טן נאָוועמבער, 1906, רעדט אַרום די צוויי וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער קאָנפערענץ : די אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער צו פאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און די דערציאונג פון נייעם דור.

אין נומער פון 14טן דעצעמבער, 1906, ווערט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל א. ג. „די סקול־פּראָגע". דער מחבר קלאָגט זיך, וואָס די לערער אין די פּאָבליק סקולס האָבן איינגעפירט אַן „אומשעדלעכן מנהג" צו געבן אידישע שול־קינדער קאָמפּאָזיציעס וועגן קריסטמעס. די „פאָלקסצייטונג" — דער דייטשישער אָרגאַן פון דער ס. פּ. איז אַרויס מיט אַ ירגזון קעגן דער „חוצפּהדיקער העזה פון דער אָרטאָדאָקסישער קאָנגרעגיישאָן", וואָס האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט. די „פאָלקס צייטונג", טרייסט זיך „וואָס די געוויינלעכע קריסטמעס־איבונגען ווערן דאָך פאַרקומען". רבי סילווערמאַן פון רעפאָרם טעמפּל „עמנואל", האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיטן דאָזיקן מנהג. די „וואָרהייט" האָט געשריבן אַז „הגם פּרינציפּיעל זענען די אָרטאָדאָקסן גערעכט", אָבער צוליב טאַקטישע טעמים האָבן זיי ניט געדאַרפט פּראָטעסטירן ווייל „דאָס וועט גיסן אויל אויפן פייער פון אַנטי־סעמיטיזם".

דער אַרטיקל־שרייבער אין „אידישן קעמפער" קומט צום אויספיר, אַז „מיר דאַרפן זען אַליין צו פאַרזאָרגן די דערציאונג פון אונזערע קינדער". זאָלן אַלע נאַציאָנאַל־דענקענדע עלעמענטן זיך פאַראייניקן אויפן באָדן פון דער וויכטיקער פּראָגע. „עס מוז געשאַפן ווערן אַן אָרגאַניזאַציע מיט אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן באַזאָרגן אונזער דערציאונג"... „אין דער דערציאונג פון אונזערע קינדער ליגט די צוקונפט פון אונזער נאַציע. באַקלאָגט זיך ניט אויף אַנדערע .טוט פאַר זיך זעלבסט".

אין זעלבן נומער „אידישן קעמפער", שרייבט בערנעט גרינבערג, אַז ס'זענען ניט ריכטיק די טענות פון בן לוי, אַז די אַטמאָספער אין דער פועלי־צ־אָרגאַניזאַציע איז אַנטי־העברעאיש. עס איז זייער נייטיק, אַז די קאָנווענשאָן זאָל שאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן העברעאישע חדרים פאַר קינדער. דער אונטערריכט זאָל זיין פריי פון רעליגעזע לימודים.

אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט אַ דעלעגאַט קריטיקירט דעם רעדאַקטאָר פון „אידישן קעמפער" פאַר זיין עדיטאָריעל וועגן דערציאונג, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער רופט די פּאַרטיי צו שאַפן חדרים מתוקנים. דאָס איז ניט אונזער דירעקטע פּאַרטיי־אויפגאַבע. די פּוע"צ דאַרף זיך נאָר פאַרנעמען מיט געבן די אידישע אַרבעטער אַ פּאָליטישע דערציאונג.

קלמן מרמר, דער דעמאָלסטיקער רעדאַקטאָר פון „קעמפער", האָט אין זיין ענטפער פאַרטיידיקט די שטעלונג, וואָס ער האָט אַרויסגערוקט אין זיין עדיטאָריעל. די דערציאונגס־פראַגע הייבט אָן צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ, און די יונגע פּראָלעטאַריער מוזן זוכן מיטלען ווי צו דערציען די אידישע קינדער. איצט זענען די מיינסטע חברים אומפאַרהייראַט, דערפאַר שטייט ניט פאַר זיי דאָס פּראָבלעם אַזוי שאַרף, אָבער באַלד וועט זיך די לאַגע ענדערן, און זיי וועלן זיכער ניט וועלן אַז אַנדערע זאָלן זאָרגן פאַר דער דערציאונג פון זייערע קינדער.

ער, פּערזענלעך, גלייבט ניט אין דער מעגלעכקייט צו מאַכן העברעאיש פאַר דער אומגאַנגס־שפּראַך אין גלות. אָבער אויב די פּעדאַגאָגן געפינען אויס אַז ס'איז לייכטער צו באַקענען אונזערע קינדער מיט די אידישע נביאים און משיחים און זיי לערנען אין העברעאיש, אַז נאַציאָנאַל דערציען קען מען נאָר אין חדרים מתוקנים, דאַן קענען מיר די דאָזיקע פראַגע ניט איגנאָרירן. די סאָציאַליסטן־ציוניסטן מוזן, גלייך ווי די סאָציאַליסטן פון אַנדערע פעלקער, זיך באַטראַכטן ווי דאָס פאָלק פון דער צוקונפט און נעמען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו אַנטוויקלען ווייטער די קולטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די פריערדיקע דורות [181].

אויף דער דריטער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע (סעפּטעמבער, 1907), האָט דער פריער־דערמאַנטער בערנעט גרינבערג, דער גרינדער פון ערשטן ענגליש־רעדנדן פּוע"צ פאַראיין, פאָרגעלייגט צו גרינדן שולן און דערציען די קינדער אין גייסט פון פּועלי ציון. דער פאָרשלאַג האָט דאַן ניט באַקומען דעם נייטיקן אָפּקלאַנג.

אין יוני, 1908, באַריכטעט ניופּאָרט (ביי סינסינעטי), אַז די פּוע"צ העלפט מיט אויפהאַלטן די היברו פּאַבליק נייט סקול. דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אין זיינע רעקאָמענדאַציעס צו דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער קאָנווענשאָן (אין 1908), אויך פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ דערציאונגס־קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט נאַציאָנאַלער דערציאונג אין אַמעריקע.

די באַדערפעניש אין אַקטיווער אַרבעט פאַר אידישער דערציאונג הייבט דאַן אָן ווערן פילבאַר אין פאַרשידענע קרייזן. די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (אין 1908), האָט צווישן די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ פּונקט: „צו גרינדן און צו שטיצן אידישע מוסטער־שולן און באַהילפיק זיין אין אַרויסגעבן מוסטער־לערנביכער". דר. זשיטלאָווסקי, איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, האָט קומנדיק צוריק פון דער קאָנפערענץ, פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אין „נייעם לעבן" וועגן דער פאַראייניקונג צווישן פּוע"צ, ס. ט. און „סערפּ". אין זיין „אָפענעם בריוו צו די פּועלי ציון אין אַמעריקע", האָט ער געפרעגט: „ווי האָט איר פּרובירט קעמפן קעגן דער אומבאַוואוסטער אַסימילאַציע, וואָס גייט אָן אין אַמעריקאַנער לעבן? „וואו זענען די

אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס איר האָט אויפגעבויט און זענען דורך דעם גלות פאַנאַנדערגעפאַלן?" [182]).

בעת די פאַראייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין 1909, האָט מען פיל גערעדט וועגן נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות און וועגן דער אויפגאַבע פון אַנטוויקלען אַ שטאַרקע טעטיקייט פאַר אידישער דערציאונג. דר. זשיטלאָווסקי האָט פאַרגעלייגט צו גרינדן קינדער־גערטנער, שאַפן אַ מוסטער־חדר, אויסנוצן אויך די תלמוד־תורות און שאַפן אַ מוסטער־שול פאַר לערער.

דעם 18טן אַפּריל, 1909, האָט יואל ענטין, וועמען מ'האָט שפּעטער מיט רעכט אָנגערופן „דער פאָטער פון דער אידישער שול", פאַרעפנטלעכט אין דער „װאָרהײט", אַן אַרטיקל א. נ. „ווי זאָלן מיר דערציען אונזערע קינדער דאָ אין לאַנד?" דער תמצית פון אַרטיקל איז געווען: די פּאַבליק סקול גיט ניט דעם קינד קיין אידישע דערציאונג. די תלמוד־תורה'ס זענען פאַר קינדער פון רעליגיעזע אידן; די אינסטיטוציעס פון דעם טיפּ חדר מתוקן זענען פאַר קינדער פון ציוניסטן — נאַציאָנאַליסטן. וואָס איז אָבער מכוח אַזעלכע אידן, וואָס גלויבן אין אַ קולטורעלער אידישער ווידערגעבורט, אָבער זיי זענען צוגעבונדן צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט און הערן זיך אפילו צו צו אידישע צוקונפטס־טרוימען?... אויך די דאָזיקע עלטערן ווילן אויסבויען אַ בריק צווישן זיך און זייערע קינדער, בכדי זייער אידישער דור זאָל ניט אָפּשטאַרבן... ער האָט פאָרגעשלאָגן. אַז דער סאָרט אידן זאָל גרינדן שולן אָן רעליגיע און אפילו אָן נאַציאָנאַלע אידעען, אויב די עלטערן ווילן זיי ניט, אָבער, מען זאָל לערנען אין די שולן אידישע געשיכטע, העברעאיש. אויך אידיש און אידישע ליטעראַטור... יואל ענטין האָט פאַרגעזעצט זיין אַגיטאַציע אויך אין 1910 און אויפגעפאָדערט די פּועלי ציון און די צוויגן פון אַרבעטער רינג צו גרינדן אידישע שולן פון דעם טיפּ. ער האָט געפילט, אַז עס זענען דאָ אידן, וואָס ווילן אַזעלכע שולן און אַז די צייט איז רייף אויפצוהייבן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול־באַוועגונג.

צו דער פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ (1909), האָט דר. זשיטלאָווסקי געבראַכט פאָרשלאָגן וועגן אַ ברייטער דערציאונגס־און קולטור־טעטיקייט. די קאָנווענשאָן האָט די פאָרשלאָגן איבערגעגעבן צו באַטראַכטן דעם צענטראַל קאָמיטעט. די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַן אַלגעמיינע רעזאָלוציע וועגן אויפהייבן דעם קולטור־מצב פון אידישן פאָלק אין גלות, באַנוצנדיק ביידע שפּראַכן — העברעאיש און אידיש, און קעמפן קעגן אַסימילאַציע און אַסימילאַציע־טענדענצן. אין דעצעמבער, 1909, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אויסגעאַרבעט אַ ליסטע פון ניו יאָרקער סאָסייעטיס, וואָס האָבן קלוב־צימערן, כדי זיך צו ווענדן צו זיי מכוח עפענען שבת־און זונטיק־שולן. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ קאָנפערענץ פון תלמוד־תורות וועגן באַאיינפלוסן זייער לערן ־פּראָגראַם אין נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון גייסט. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ קאָנפערענץ מיט דער ס. ט. און דאַן אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ וועגן אידישער דערציאונג.

אינטערעסאַנט איז אַ באַריכט פון העברעאישע פאָלקס־שולן אין „אידישן פאָלק" פון 4טן מערץ, 1910: „א. זונענשיין האָט געעפנט אַ שול פאַר מיידלעך מיט 15 חדשים צוריק אין ברוקלין. די ערשטע צייט האָט דער שכר־לימוד באַטראָפן 10 סענט אַ וואָך. ער האָט געוואָלט גרינדן שולן פאַר אידיש, האָט ער ניט

געקענט קריגן קיין לערער און די קינדער האָבן ניט געהאַט דערפֿאַר קיין באַגייס־טערונג. די שולן זענען דערפֿאַר אַריבער אין העברעאיש, לויט דער עצה, פֿון באַקאַנטן שריפֿטשטעלער, אפרים קאַפּלאַן. די שולן ציילן שוין 1,200 קינדער״.

דאָס יאָר 1910 איז געווען אַ יאָר פֿון איבערברוך אין דער באַציאונג פֿון דער ביז דאַן גלייכגילטיקער אידישער אַמעריקע צו אידישער דערציאונג. די גרינ־דונגס־קאָנווענשאַן פֿון נאַצ. אַרב. פֿאַרבאַנד אין ראָטשעסטער (16 יוני), האָט אָנ־גענומען אַ רעזאָלוציע צו אַרבעטן פֿאַר נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שבת־און זונטיק־שולן און גערופֿן די ברענטשעס צו העלפֿן די דאָזיקע אַרבעט מיט אַלע מעגלעכ־קייטן, באַווייזן איניציאַטיוו, רופֿן קאָנפֿערענצן, געבן מאָראַלע און פֿינאַנציעלע הילף און זען זיך ערנסט אָפּגעבן מיט דער פֿראַגע פֿון דערציאונג פֿון אינגן אי־דישן דור.

יואל ענטין און לעאָן עלבע פֿירן דאַן אַ טיכטיקע אַגיטאַציע, אַז אידן זאָלן אין צענזוס פֿון 1910 אָנגעבן אידיש אַלס זייער שפּראַך. די „וואָרהייט״ האָט פֿיל מיטגעהאָלפֿן אין דער ברייט־פֿאַנאַנדערגעוויקלטער אויפֿקלערונגס־אַרבעט. די אַגיטאַציע האָט שטאַרק געהויבן די חשיבות פֿון אידיש צווישן ברייטן אידישן עולם. ווי ענטין גיט איבער, איז דער שטויס צו דער אַקציע געווען די פֿאָדערונג, אַרויסגעשטעלט פֿון פּאָליאַקן, טשעכן און אַנדערע סלאַווישע אימיגראַנטן פֿון שיקאַגאָ, וועגן אַריינשטעלן די פֿראַגע נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט אין די צענ־זוס־פֿאָרמולאַרן [183].

אַן אינטערעסאַנטער קאַמף האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אין מילוואָקי. די פּוע״צ האָבן געפֿאָדערט פֿון באָארד אָוו עדיוקיישאָן, אַז אין די פּאָבליק סקולס, וואו אי־דישע שילער זענען אַ מערהייט, זאָל מען אויך איינפֿירן דעם לימוד פֿון העב־רעאיש און אידיש, פּונקט ווי מען לערנט פּויליש און איטאַליעניש אין די פּוילישע און איטאַליענישע דיסטריקטן. ס׳איז געוואָרן גערופֿן אַ באַראַטונג מיטן אָנטייל פֿון 100 דעלעגאַטן פֿון 24 אָרגאַניזאַציעס. די „יאַהודים״ זענען געווען מורא׳דיק אויפֿגעבראַכט אויף דער „חוצפּהדיקער״ פֿאָדערונג און זיי האָבן צעשטערט די אַקציע. אינטערעסאַנט, אַז אין אַ פּלוג־בלאַט פֿון די רעפּובליקאַנער ביי אַ וואַל־קאַמפּיין איז געווען געמאָלדן, אַז אויפֿן מיטינג וועט מען אַרומרעדן די פֿראַגע וועגן איינפֿירן העברעאיש אין דער פּאַבליק סקול. די אַקציע איז ניט געלונגען, דערפֿאַר איז געלונגען דורכצוזעצן די צווייטע פֿאָדערונג, איינצופֿירן אידישע און העברעאישע ביכער אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק [184].

אין סעפּטעמבער, 1910, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פֿון פּועלי ציון גע־שיקט אַ צירקולאַר צו די פּאַרטיי־פֿאַראיינען צו גרינדן שבת־און זונטיק־שולן צו־זאַמען מיטן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד. די 5טע פּוע״צ קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאל (אָקטאָבער, 1910), האָט געווידמעט פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דער שול־פֿראַגע. דער באַגריסונגס־בריוו פֿון פֿאַרבאַנד האָט הויפּטזעכלעך אַקצענטירט די וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט פֿאַר אידישער דערציאונג. נאָכן רעפֿעראַט פֿון דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אַ זייער העפֿטיקער וויכוח. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אין איינקלאַנג מיטן שיקאַגער פֿאַראייניקונגס־פּראָגראַם, צו גרינדן שולן אין אידיש, וואו עס זאָל געלערנט ווערן די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור און אידישע גע־שיכטע. דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער געדאַנק זאָל אויך ווערן אַריינגעטראָגן אין

די העברעאישע שולן. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג פון שאַפּיראָ (שיקאַגאָ) צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אין העברעאיש, אָבער דער באַ־שלוס איז שפּעטער ניט געוואָרן אויסגעפירט.

די קעגנער פון דער רעזאָלוציע האָבן צווישן אַנדערן אויך אַרויסגערוקט די טענה, אַז די פּוע״צ קענען ניט מיט זייערע באַשרענקטע מיטלען בויען שולן, וואָס איז אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. העכסטענס קענען זיי גרינדן שבת־און זונטיק־שולן, וואָס וועלן ניט האָבן קיין גרויסע באַדייטונג. די אָנהענגער פון די שולן האָבן זיי דערויף מיט רעכט געענטפערט, אַז מיט אַמאָל פליט מען ניט הויך, מען וועט אָנהייבן מיט שבת־און זונטיק־שולן און ביסלעכווייז וועט מען אָנהייבן איינפירן נאָרמאַלע פול־וואָכיקע שולן.

דר. סירקין האָט זיך אין וויכוח אַרויסגעזאָגט קעגן די שולן אין אידיש. אָבער שפּעטער איז ער ניט איינמאָל געגאַנגען צוזאַמען מיט דר. זשיטלאָווסקין „איבער די הייזער מיט דער רויטער פאַטשיילע״ — ווי דר. זשיטלאָווסקי פלעגט זאָגן, צו זאַמלען געלט פאַר די שולן.

אין דעצעמבער, 1910, איז דערשינען אין זשיטלאָווסקי'ס צייטשריפט „דאָס נייע לעבן״, אַן אַרטיקל פון איינעם וואָס האָט זיך געחתמ'עט מיטן נאָמען טוביה, וואָס האָט דערציילט, אַז די ס. ט. אין שיקאַגאָ, האָבן אָנגעהייבן בויען זונטיק־שולן. ער האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ געזעלשאַפט פאַר אידישער דערציאונג, וואָס זאָל אָנפירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אידיש, און פאַר דער אָנערקענונג פון אידיש אין די רעגירונגס־שולן. פאַרוואָס זאָל מען, למשל, ניט קענען איינפירן אי־דיש אין די שולן פון וואודביין, וואָס איז ווי באַקאַנט אַ אידישע שטאָט? ער האָט זיך דערביי פאָררופן אויף דיביישפּילן פון שיקאַגאָ, וואו מען לערנט פּויליש און איטאַליעניש אין די שולן פון די פּוילישע און איטאַליענישע דיסטריקטן.

וועגן אידישער דערציאונג האָט מען דאַן אָנגעהויבן רעדן ניט נאָר אין די קרייזן פון פּועלי ציון. די ניו יאָרקער אידישע קהילה, אונטער דער פירונג פון דר. מאַגנעס, האָט געשאַפן אַ דעפּאַרטמענט פאַר אידישער דערציאונג און גע־שטעלט אין זיין שפּיץ דעם באַקאַנטן העברעאישן פּעדאַגאָג, דר. ש. בענדערלי, וועמען זי האָט אַראָפּגעבראַכט פון באַלטימאָר. אויך אין די קרייזן פון די גענאָסן האָט זיך אָנגעהייבן עפּעס רירן. צביון האָט אין אַן אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך „דער אַרבעטער רינג״, (דערשינען צו דער צענטער אַרבעטער־רינג קאָנווענשאָן, ניו יאָרק, 1910), פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אין די סאָציאַליסטישע סאָנדיי סקולס „אַ חוץ אַנדערעס, אויך לערנען אידישע געשיכטע און אידיש״ („און אַביסל העברעאיש״, האָט ער צוגעגעבן, „וואָלט אפשר אויך ניט געשאַדט״). א. ליעסין האָט אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס״ פון 10טן יולי, 1910, אונטערן קעפּל „אונזערע קינדער״, געפּרעגט וואו עס קומען אַהין די אַלע פּעאיקע אידישע קינ־דער, וואָס גראַדואירן פון די קאָלעדזשעס מיט אויסצייכענונגען און מען זעט און מען פילט זיי ניט אויף דער אידישער גאַס. די הויפּט־סיבה פון דער דערשיינונג איז דאָס, וואָס די קינדער לערנען זיך שוין פון זייער פריעסטער יוגנט „צו פאַר־אַכטן אונזער שפּראַך, אונזער ליטעראַטור, אונזערע אינטערעסן, און עס מאַכט ניט אויס וואָס זיי וואוינען מיט אונז אונטער איין דאַך, וואָס זיי זיצן מיט אונז אפילו ביי איין טיש, עס טיילט אונז אָפּ אַן אָפּגרונט — אַ נשמה־אָפּגרונט״.

„ווען אונזערע קינדער וואָלטן באַקומען אַ גוטע אידישע דערציאונג, דאַן

וואָלט אויך די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אפילו די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ניט געפילט אַזאַ ברענענדן הונגער אין אינטעליגענטע קרעפטן״.

דעם 9טן דעצעמבער, 1910, באַווייזט זיך אין „אידישן קעמפער״, דער ער־שטער אויפרוף צו גרינדן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין ניו יאָרק. דער אויפרוף מעלדעט, אַז די שול ווערט געעפנט דורך די פּוע״צ און נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין דער געביידע פון דער עדוקיישאָנעל ליג, 183 מעדיסאָן סטריט, שבת, דעם 10טן דעצעמבער. דאָס איז אַ שבת־און זונטיק־שול. מען וועט לער־נען פון 3 ביז 6 נאָכמיטאָג. קינדער וועלן אָנגענומען ווערן פון 9 ביז 14 יאָר. קינדער קען מען רעגיסטרירן אין אָפיס פון „קעמפער״ און פון נאַצ. אַרב. פאַר־באַנד. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון מ. בראון, דר. ד. גלאָבוס, י. וועקסלער, דר. ח. זשיטלאָווסקי, ה. עהרנרייך, דר. ד. פעלדמאַן, ב. צוקערמאַן און י. ראָ־זאָווסקי.

מיט 2 וואָכן שפּעטער, דעם 23טן דעצעמבער, 1910, האָט דער „קעמפער״ געשריבן אין אַן עדיטאָריעל „אונטער געלעכטער און זידלעריי, האָט זיך מיט צוויי וואָכן צוריק געעפנט אין ניו יאָרק די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידישע שול, אונטער דער אויפזיכט פון פּוע״צ און נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. די שול האָט נאָך ניט געהאַט צייט גענוג אַרויסצואווייזן ווי פאַלש עס איז די מיינונג, פון יענע וועלכע האָבן געשריגן, אַז אידישע עלטערן וועלן ניט אָנטרויען די דער־ציאונג פון זייערע קינדער אויף אונזערע הענט. אָבער אַלע סמנים ווייזן, אַז דער שרעק איז געווען אַן אומזיסטער. שוין איצט באַזוכן די שול אַ צאָל יונגע קינדער און זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן טאָג״.

דר. גלאָבוס איז געווען דער ערשטער פּרינציפּאַל פון דער שול. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז יואל ענטין איינגעלאַדן געוואָרן אָנצופירן מיט דער שול. ענטין דערציילט דערביי אַ טשעקאַוון קוריאָז, ווי אויף איינעם פון די ערשטע פּראָפּאַ־גאַנדע־מיטינגען פאַר דער שול, האָט ער פּאָלעמיזירט מיט דעם פאָרזיצער — דר. זשיטלאָווסקי, ווייל יענער האָט — ווי ענטינען האָט זיך אויסגעדוכט — אַגיטירט פאַר אַ ציוניסטישער שול און ענטין איז געווען קעגן אַ ציוניסטישער שול און פאַר אַ נאַציאָנאַלער [185]).

די שול איז געוואָרן געעפנט מיט 25 קינדער און 4 קלאַסן. די קינדער זענען אַממיינסטנס געווען ברידערלעך און שוועסטערלעך פון פּוע״צ־חברים. עס האָבן געפעלט לערער און לערן־ביכער. אָבער „נאָך אַ לאַנגן זוכן״ האָבן — דער־ציילט י. ענטין — זיך אויך געפונען אידישע לערער און נאָך אַ לאַנגן קלייבן, זיינען די וויניקער־ערגערע ביכער אָפּגעקליבן געוואָרן פון די מער „ערגערע״. פאַר די 2 העכערע קלאַסן זענען ניט געווען קיין לערן־ביכער און מען האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט זאַמלביכער און ווערק פון אידישע קלאַסיקער. ביסלעכווייז האָבן די קינדער געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן פאָרשריט. מיט אַ יאָר שפּעטער זענען שוין געווען 17 קלאַסן מיט 100 קינדער (5 אין אידיש, 5 אין העברעאיש, 4 אין אידישע געשיכטע, 1 אידישע ליטעראַטור, 2 געזאַנג). עס איז געווען אַ סטעף פון 9 לערער. מיט דער הילף פון פּוע״צ־כאָר איז געלונגען צו מאַכן פון די געזאַנג־קלאַסן אַ גרויסן דערפאָלג. עס איז דאָ אַ גרויסע פאָדערונג פאַר ענלעכע שולן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, אָבער איבערן מאַנגל אין געלט איז נאָך ביז

איצט אין ניו יאָרק ניט געלונגען צו גרינדן מער ווי איין שול. אַ פּאָר שולן זענען געגרינדעט געוואָרן אין אַנדערע שטעט [186].

אין די ערשטע חדשים האָט מען געמוזט גיין „איבער די הייזער", שאַפן געלט פֿאַר דער שול. אין דער היילקער אַרבעט האָבן זיך איינגעשפּאַנט: דר. ח. זשיטלאָווסקי, דר. ב. סירקין, דר. עלסבערג און אַנדערע חשובע אידן.

דער סעקרעטאַר פון דער שול איז געווען הערש עהרנרייך. די ערשטע לע־רער זענען געווען: קלמן וויטמאַן, חיים ליבערמאַן, לעאָן עלבע, קאַזשדאַן און ש. שאַפּירא. לעאָן עלבע האָט אַרויסגעגעבן איינעם פון די ערשטע לערן־ביכער אין אידיש, „די אידישע שפּראַך" (אין 1913). חיים ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ בעאַרבעטונג פון פּראָפ. שמעון דובנאָווס אידישע געשיכטע. די דאָזיקע לערן־ביכער זענען שפּעטער געוואָרן גענוצט אויך אין די שולן פון אַנדערע שול־טיפּן.

דעם 12טן פעברואַר, 1912, איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער קאָנצערט פון דער שול, וואו די קינדער האָבן שטאַרק אויסגענומען מיט זייערע געזאַנג־נומערן. דעם 13טן סעפּטעמבער איז פֿאָרגעקומען אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג לטובת דער שול. מ'האָט געשפּילט פּרץ הירשביינס „תקיעת כף". ברוך צוקערמאַן, וואָס איז דאַן צוריקגעקומען פון זיין טור איבער גאַליציע, האָט גערעדט וועגן קאַמף פֿאַר אידיש אין גאַליציע. ס'האָט אויך גערעדט דר. זשיטלאָווסקי. דעם 18טן דעצעמ־בער, איז פֿאָרגעקומען אַ חנוכה־יום טוב. פּרץ הירשביין און אברהם רייזען זענען געווען די ערן־געסט פון אָוונט.

אין „בייעם לעבן" (אַפּריל, 1911), שלאָגן אָן דר. זשיטלאָווסקי און דר. עלסבערג, אָפּטימיסטישע טענער וועגן דער צוקונפט פון די ניי־געשאַפענע אידישע שולן. זשיטלאָווסקי אינפאָרמירט אין זיין אַרטיקל „אַ ביסעלע נחת", אַז ס'האָט זיך גע־שאַפן אַן אומפּאַרטייאישער שול־פֿאַראיין צו פֿאַרוואַלטן מיט דער פֿאָלקס־שול און עפענען נאָך אַזעלכע שולן. דר. עלסבערג שטעלט פעסט מיט צופרידנהייט, אַז די מורא, אַז עס וועלן ניט זיין קיין אידישע קינדער פאַר אַ אידישער שול, „זיי ווילן ניט קיין אידיש און וועלן קיינמאָל ניט וועלן", האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גרונטלאָז און אַלע שוועריקייטן זענען פֿאַרשוואונדן, ווי נאָר מען איז צוגע־טראָטן צו דער אַרבעט.

אויף דער פֿאַרבאַנד־קאָנווענשאַן אין פּיטסבורג (יולי, 1911), האָבן אייניקע דעלעגאַטן גערעדט קעגן אידיש אַלס די לימוד־שפּראַך פון דער אידישער שול. אָבער די איבערוויגנדיקע מערהייט האָט וואַרעם געשטיצט די לייטונג וואָס האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן דערציאונגס־קאָמיטעט, וואָס זאָל צוזאַמען מיט די פּועל־צ אָנפירן מיט דער יונגער שול־באַוועגונג. אויפן פּאַרטיי־ראַט פון די פּועלי־ציון (אַפּריל, 1911, אין באַפאַלאָ), האָט עהרנרייך אינפאָרמירט, אַז ס'איז ניט גע־וואָרן אויסגעפירט דער באַשלוס פון דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאַן צו גרינדן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול מיט העברעאישן אונטעררכט. די 6טע פּוע"צ־קאָנ־ווענשאַן אין דעטרויט (אָקטאָבער, 1911), באַשליסט צו בויען שולן צוזאַמען מיטן פֿאַרבאַנד.

נאָך דער ערשטער שול אין דער איסט סייד, זענען אַנטשטאַנען שולן אין האַרלעם, בראַנזוויל און אין דער בראָנקס. אויך איבערן לאַנד האָבן זיך אָנגעהייבן שאַפן שולן. אין מאָנטרעאָל איז אַנטשטאַנען אין 1911 די י. ל. פּרץ שול. אין טאָראָנטאָ איז אַנטשטאַנען אַ שול אין אויגוסט, 1911, דורך דער איניציאַטיוו פון

די ס. ט.*). אין פּיטסבורג איז געוואָרן געעפנט אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע שול, דעם 26טן מאַי, 1912. דער „קעמפער" האָט באַריכטעט, אַז די קינדער זענען פון די פּאָלקס־לידער אַזוי אַנטציקט, אַז זיי זינגען וואו זיי שטייען און וואו זיי גייען, און איצט קלינגט מיט זיי אין צענדליקער אידישע הייזער און גאַסן, און דאָס העלפט אַז די גאַנצע היגע אידישע באַפעלקערונג זאָל ווערן פאַראינטערעסירט מיט דער שול. פּנחס קרוזאָ און די ברידער סיגאל זענען געוואָרן מיט לייב און לעבן פאַרקאָכט אין דער שול [187]).

אין דעטרויט איז געוואָרן געעפנט אַ שול, דעם 12טן אַפּריל, 1912. ס'איז אויך געוואָרן געשאַפן אַ שול־פרויען־פאַראיין — אפשר דער ערשטער פרויען־פאַראיין פון דעם מין אין אַמעריקע. די שול וואָס האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן מיט 25 שילער פון 6 ביז 12 יאָר, איז שנעל דערגאַנגען ביז 250 קינדער. גבריאל ביסקין און זיין שוועסטער לאה'קע זענען געווען די לערער. די רבנים האָבן גע־האַלטן אין די שולן רעדעס קעגן דער שול. די גענאָסן האָבן געסטעמפּלט די שול־טוער אַלס רעאַקציאָנערן, אָבער די שול־טוער זענען געווען הייס איבערגעגעבן זייער אַרבעט. מ'האָט געלערנט שבת נאָכמיטאָג 3 שעה און זונטיק אין דער פרי 4 שעה. 6 שעה האָט מען אָפּגעגעבן אויף לימודים און איין שעה אויף געזאַנג. דער ל"ג בעומר־אויספלוג האָט געגעבן אַ סך אָנזען דער שול. מיט דערפאָלג און גלאַנץ זענען דורך די חנוכה יום טובים [188]).

אין פילאַדעלפיע איז אַנטשטאַנען די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין מיטן 1912. אין 1914 האָט דאָרט עקזיסטירט אַ שול־פאַראיין מיט 90 מיטגלידער, וואָס האָבן געצאָלט פון 3 ביז 5 דאָלער אַ יאָר. אין קליוולענד איז געגרינדעט געוואָרן אַ שול מיט דער מיטהילף פון פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב, מיט וועמען יואל ענטין איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג. אַ שול איז אויך אַנטשטאַנען אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי.

אין שיקאַגאָ איז אַנטשטאַנען אַ שול אין נאָוועמבער, 1912. פריער איז אָנגע־גאַנגען אַ לאַנגער קאַמף אין אַרבעטער רינג צווישן אַנאַרכיסטן, ס. פּ. און סאָ־ציאַליסטן־נאַציאָנאַליסטן וועגן טיפּ פון דער געפּלאַנטער שול: אַ ראַציאָנאַלע שול פון אַנאַרכיסטישן נוסח, אַ סאָציאַליסטישע „סאַנדיי סקול" פון נוסח אַרבעטער רינג אָדער אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול. אַ גרופּע טוער פון פּוע"צ און ס. ט. האָט געשאַפן די שול. צו איר איז אויך צוגעשטאַנען דער סאָציאַליסטישער זעלבסט־בילדונג קלוב, וואָס איז באַשטאַנען דאָס רוב פון אָנהענגער פון דר. זשיטלאָווסקי. עס איז אַנטשטאַנען דער „אידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול־פאַראיין". באַלד זענען געווען 130 שילער. מ'האָט געלערנט 4 טעג אין וואָך 6 קלאַסן, דערפון 1 פאָרברייטונגס קלאַס. ס'איז אויך שפּעטער געעפנט געוואָרן אַ קלאַס פאַר 16־18 יעריקע שילער פון דער היי־סקול [189]).

די גרינדער און לערער פון דער שול זענען געווען דר. מ. דאָלניק, אַלבערט ק. עפּשטיין, אַ גלאַנץ־לעיעלעס, וואָס איז אין 1913 געוואָרן דער פּרינציפּאַל פון דער שול און דער רעדאַקטאָר פון ערשטן שול־זשורנאַל אין אַמעריקע, „דער נייער דור", דער שריפטשטעלער וויליאַם נאַטאַנזאָן, יעקב שייפער, דער געזאַנג לערער פון דער שול, משה קאַפּלאַן, איינער פון די ערשטע זשיטלאָווסקיאַנער אין

*) וועגן דער שול־באַוועגונג אין קאַנאַדע שרייבט אויספירלעך אין צווייטן באַנד ש. בעלקין.

שטאַט און זיין פרוי חנה קאַפּלאַן א. א. צווישן די ערשטע לערער זענען אויך גע־וועזן ל. הורגעל, קאַרפּ און ל. טאַלמי (טאַלמי איז דער מחבר פון ערשטן שול־הימן „דער נייער דור", וואָס איז דאַן געזונגען געוואָרן אין אַלע נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַלע שולן איבערן לאַנד [190]).

צום ערשטן פּעדאַגאָגישן ראַט האָבן געהערט ק. מרמר, מענדל שוכטער, דר. מאַרקוס און יעקב סיגאל (דאַן געוועזן אַ ס. פּ. און איז היינט דער פּאַרוואַלטער פון דער שיקאַגער אָפּטיילונג פון „פאַרווערטס").

אין דער שול־אָרגאַניזאַציע זענען פאַרגעקומען אָפטע רייבונגען צווישן די פּוע"צ און ס. ט. וועגן אָרט פון העברעאיש אין דער שול, וועגן תוכן פון דער שול א. אַ. וו. אין 1914 האָבן זיך די פּועלי ציוניסטן אָפּגעשפּאָלטן און געעפנט אַן אייגענע שול אונטער דעם נאָמען „מכבי'ער פאָלקס־שול".

די ס. ט. האָבן אויך געשאַפן אַ שול אין ראָטשעסטער מיט 80 קינדער און 4 קלאַסן, וואו מ'האָט אין אָנהייב געלערנט נאָר זונטיק און שפּעטער שבת און זונטיק. אויך אין סיו סיטי, אייאָוואַ, האָבן די ס. ט. געעפנט אַ שול דעם 9טן אויגוסט, 1913, מיט 4 לערער און 35 שילער. אין לאָס אַנדזשעלעס איז געוואָרן געעפנט די ערשטע נאַצ. ראַדיקאַלע שול, דעם 19טן אָקטאָבער, 1913. די באָארד אָוו עדוקיישאָן האָט אָפּגעגעבן אַ בנין פון אַ פּאַבליק סקול פאַר די אידישע קלאַסן.

אין מילוואָקי האָבן די פּוע"צ געעפנט אַ שול דעם 4טן אויגוסט, 1912, מיט איבער 50 קינדער. מ'האָט זיך געווענדעט צום באָארד אָו עדוקיישאָן וועגן באַנוצן די פּאַבליק סקול פאַר די לימודים. שולן זיינען אויך אַנטשטאַנען אין באָסטאָן, סיראַקיוז, סינסינעטי און אַנדערע שטעט.

די פאַרשטאַרקטע אַקטיוויטעט פאַר יידישע שולן האָט אויך באַווירקט די תלמוד־תורות. ווי י. ענטין האָט דערציילט אין „די וואַרהייט" (15טן מאַי, 1912), האָט מען אין געוויסע ניו יאָרקער תלמוד תורות אָנגעהייבן לערנען אידיש. אין לין און אין פּראָווידענס האָבן די תלמוד־תורות, אַ דאַנק דער ווירקונג פון די פּוע"צ, אָנגענומען דעם פּראָגראַם פון די נאַצ. ראַדיקאַלע שולן. אויך אין האַמיל־טאָן (קאַנאַדע), האָבן די פּוע"צ אויסגעאיבט אַ גרויסע השפעה אויף דער אָר־טיקער תלמוד תורה, וואָס איז מיט איר פּראָגראַם געוואָרן נאָענט צו די נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שולן. אין שיקאַגאָ האָט די באָארד אָוו עדוקיישאָן דאַן באַשלאָסן איינצופירן דעם לימוד פון העברעאיש און אידיש אין די פּאַבליק סקולס אין די אידישע געגענטן.

אויך אין ווינקל פון אַרבעטער רינג האָט זיך גענומען רירן. ענטין דערציילט וועגן דעם אין בוך „אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד 1910—1946". ענטין איז אין 1912 געוואָרן איינגעלאַדן פון אַרבעטער רינג אין גלאָווערסוויל דאָרט צו גרינדן אַ שול. דער לערער איז געוועזן ברוך אָסטראָווסקי (שפּעטער אַן אַקטי־ווער טוער אין פּוע"צ און אַרב. רינג; איצט דער מעיאָר פון רעננה, אין ישראל). ב. אָסטראָווסקי איז דערנאָך אַוועק קיין בעיאָן, ניו דזשוירזי און דאָרט געגרינדעט אַ שול ביים אַרבעטער רינג. אַרבעטער רינג־מיטגלידער האָבן אויך געהאָלפן ביי דער גרינדונג פון אַ פּועלי־ציון־שול אין אלבאַני. זיי האָבן זיך שטאַרק פאַראינ־טערעסירט מיט דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין האַרלעם, געגרינדעט אין 1911, און דער אַלץ וואַקסנדיקער אינטערעס האָט געבראַכט גוטע פּרוכט — די

גרינדונג פון דער אַרבעטער רינג שול אין האַרלעם, וואָס איז געווען די ערשטע אַרבעטער רינג־שול אין ניו יאָרק.

אין „פריינד", דעם אָרגאַן פון אַרבעטער רינג, האָט אין אויגוסט, 1912, דר. נ. סירקין גערופן דעם אַרבעטער רינג צו ווערן אַקטיוו אויפן פעלד פון אידישער דערציאונג. נ. סירקין פלעגט אָפטמאָל אַרויספּאָרן אַלס לעקטאָר אין דער פּראָווינץ, אויף דער איינלאַדונג פון ברענטשעס פון אַרבעטער רינג. זיכער האָט ער אין זיין אַרטיקל אויך אויסגעדריקט שטימונגען וואָס זענען דאַן רייף געוואָרן אין די שורות פון גרויסן אידישן אַרבעטער־אָרדן. ער האָט אויסגעדריקט דעם בליק פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפן וויכטיקן געביט פון אידישער דערציאונג. דר. סירקין האָט געשריבן: „יעדער אידישער אַרבעטער, און דער ראַדיקאַלער, אפשר נאָך מער, איידער דער פראָסטער חי וקים, וואָלט ווען, אַז זיין קינד זאָל האָבן עפּעס אַ ידיעה אין אידישער געשיכטע, אין לעזן און שרייבן אידיש, אָדער אפילו גאָר אין העברעאיש און אידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע באַדערפעניש לעבט און ווערט באַפרידיקט אויף פאַרשידענע אופנים. דער אַמאָליקער חדר און דער רבי און דער טייטל, דער חדר מתוקן, דער עברית בעברית, די תלמוד תורה, די סאָנדייסקול מיט דעם ראַביי, ציען צו זיך קינדער פון אַרבעטער־קלאַס נאָך מער אפשר פון אַנדערע קלאַסן. אויב פיל אַרבעטער האָבן זיך פון אַלע סקולס אָפּגעווענדעט, איז עס דערפאַר, ווייל זיי באַפרידיקן זיי מער ניט דורך זייער גייסט. דער אַרבעטער רינג דאַרף זיך אָפּרופן אויף דער באַדערפעניש און פאַרענטפערן זי אויף דעם פּראָגרעסיוון אופן. דער אַרבעטער רינג דאַרף איבערהויפּט נישט שטיין פון וויטן פון אַלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע „שטאָט" באַגרינדעט און האַלט אויס, וואָרעם די אַלע תלמוד תורה׳ס, חדרים, סקולס זענען באַרעכנט אויף אַרבעטער־קינדער. וואו עס איז אוממעגלעך צו גרינדן אַן אייגענע אידיש־סאָציאַליסטישע סקול, דאַרפן די אַרבעטער ניט בלייבן גלייכגילטיק צו די עקזיסטירנדיקע אידישע שולן, נאָר אויסנוצן זיי און קעמפן קעגן דעם דאָרטיקן רעליגיעזן גייסט".

דר. סירקין איז שוין געגאַנגען אַזוי וויט ווי צו רופן דעם אַרבעטער רינג, ער זאָל ווערן אַקטיוו אויף דעם פעלד פון אידישער דערציאונג, דורך באַאיינפלוסן די עקזיסטירנדיקע שולן. די אָפיציעלע לייטונג פון אַרבעטער רינג איז נאָך דאַן, אין 1912, אפילו ניט געווען גרייט אָנצוהייבן אויף אַן אמת בויען אפילו אייגענע קינדער־שולן אין גייסט פון אַרבעטער רינג. דאָס האָט ערשט געטאָן די 16טע קאָנווענשאָן פון אַרבעטער רינג אין 1916 (אין בראָזוויל), וואָס האָט ערשט באַשלאָסן „זיך אָנצושליסן אין די אידישע סאָציאַליסטישע שולן אין די ערטער, וואו אַזעלכע עקזיסטירן שוין און העלפן בויען אַזעלכע דאָרט, וואו זיי זענען נאָך פאַרלויפיק נישטאָ". זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַ געוויסע ווירקונג האָט אויך געהאַט ביים ווירקן, אַז דער אַרב.רינג זאָל אָננעמען דעם דאָזיקן באַשלוס — איינער פון די ראשונים פון די רוסישע און אַמעריקאַנער פועלי־ציון — א. ליטווין. ליטווין האָט אין זיין אַרטיקל אין „פריינד" פון פעברואַר, 1916, אַנטוויקלט אַ ברייטן פּלאַן ווי דער אַרבעטער רינג זאָל באַווירקן די אידישע דערציאונג אין אַמעריקע. עס איז ווייניק צו אָרגאַניזירן שבת־און זונטיק־שולן. די דערציאונגס־פראַגע וועט קענען געלעזט ווערן ראַדיקאַל „דורך דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער פּאַבליק סקול, דורך דער באַשאַפונג פון אַן אמת׳ער פאָלקס־

שול״. אַזוי אַרום האָבן סירקין, זשיטלאָווסקי און א. ליטווין — געקומען פון סאָ־ציאַליסטיש־נאַציאָנאַלן חדר — געהאַט אַ טיפע און דויערנדע ווירקונג ביים אַריינפירן דעם אַרבעטער רינג אַלס מיט־שותף אין דער משפחה פון בויער פון דער אידישער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוועך שול. אַ שטאַרקע ווירקונג האָבן זיכער אויך געהאַט די כסדרדיקע אַרטיקלען פון יואל ענטין אין דער „וואַרהייט״, אין די יאָרן 1911 און 1912, פאַרוואָס אידישע קינדער גייען אַוועק פון זייער פאָלק און אַז דער איינציקער וועג דאָס צו פאַרמיידן, איז אויסצובויען אַ נעץ פון אי־דישע שולן.

אויך די שולן וואָס די ס. ט. האָט געשאַפן, זענען זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. אהרן גלאַנץ (לעיעלעס), האָט אין אַן אַרטיקל אין „דאָס נייע לעבן״ (נאָוועמבער, 1913), געפּרואווט פאָרמולירן דעם חילוק צווישן די דאָזיקע ביידע שול־טיפּן. די ס. ט. שולן זענען מער ראַדיקאַל און די שולן וואָס די פּוע״צ האָבן געשאַפן זענען מער נאַציאָנאַל. אין די ס. ט. שולן איז העברעאיש בלויז אַ אפשר, אַ וואונט־שענסווערטער, אָבער ניט אומבאַדינגטער אונטעררריכט־קעגנשטאַנד. אין גרעסטן טייל פון די ס. ט. שולן לערנט מען אינגאַנצן ניט העברעאיש; אין אייניקע שולן, ווי אין טאָראָנטאָ, לערנט מען העברעאיש אַלס אַ צוגאָב־לימוד, נאָכדעם, ווי מען איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קורס און אויך בלויז פאַר די, וועלכע ווילן עס. עס איז אַלזאָ אַ מין „פּאָסט גראַדועייט״־קלאַס. אין די שולן מיט אַ פּ. צ.־השפּעה ערשט דאָס צוויי־שפּראַכן סיסטעם. מען לערנט סיי העברעאיש און סיי אידיש און אין אַ טייל שולן האָט העברעאיש די בכורה. דאָרט איז העברעאיש די נאַציאָנאַלע שפּראַך און אידיש ווערט באַטראַכט בלויז ווי די אומגאַנגס־שפּראַך פון די אידן און אַלס אַזעלכע ווערט זי געלערנט.

אין די ס. ט. שולן ווערט געלערנט אין אַ מער־פּראָלעטאַרישן גייסט; אין די פּ. צ. שולן ווערט נאָר אונטערשטראָכן דער נאַציאָנאַלער מהות און די אויפ־מערקזאַמקייט פון די קינדער ווערט געווענדעט הויפּטזעכלעך צו אידישע קוואַלן. די איבעריקע לימודים זענען איבעראַל די זעלבע: אידישע געשיכטע, אידישע ניגונים. אין אייניקע שולן, ווי למשל, אין שיקאַגאָ, גייען אויך אַריין אין קורס געשפּרעכן מיט די קינדער איבער פאַרשידענע פראַגן פון דעם אידישן און אַר־בעטער־לעבן.

סך הכל לערנען אין אַלע שולן, אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד, 1,200 קינ־דער. די צאָל מיידלעך איז ניט דער ערך גרעסער ווי די צאָל אינגלעך. דער איינציקער גוטער אויסנאַם איז שיקאַגאָ, וואו עס לערנען שוין איצט כמעט אַזוי פיל אינגלעך ווי מיידלעך. א. גלאַנץ האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון די קינדער־אָפּטיילונגען אין ניו יאָרקער „אידישעס טאַגעבלאַט״ (אָנגעפירט פון חיים ליבערמאַן) און אין „אידישן רעקאָרד״, אין שיקאַגאָ. אויך לעאָן עלבע האָט אָנגעפירט אַ קינדער־אָפּטיילונג אין דער „וואַרהייט״. עטלעכע שולן נוצן אויס די געביידעס פון די פּאָבליק סקולס. ס׳האָט זיך אויך אָנגעהויבן רירן אין אַר־בעטער רינג. דער אַרבעטער רינג אין אַטלאַנטאַ האָט זיך געווענדעט צו דער שול אין שיקאַגאָ, מען זאָל זיי העלפן אָרגאַניזירן אַ שול.

סוף 1913, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג אין טאָראָנטאָ פון די ס. ט.־שולן פון טאָראָנטאָ און שיקאַגאָ. דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ צייטווייליקע „אידישע שול־ביוראָ״, וואָס זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַלע שולן וואָס זענען מסכים

מיטן פּראָגראַם פון די ס. ט.־שולן פון טאָראָנטאָ און שיקאַגאָ, גרינדן נייע שולן, אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך, און צונויפרופן אַ שול־קאָנפערענץ, פּסח, 1914.

אַזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן 2 שול־צענטראַלעס וואָס האָבן אָנגעהויבן קעמפן פאַר השפעה אויף די יונגע שולן וואָס האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אין פאַרשידענע שטעט.

די 4טע וועלט־קאָנפערענץ פון פּוע״צ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קראָקע אין אויגוסט, 1913, האָט אויסגעדריקט טיפע צופרידנהייט מיט דער איניציאַטיוו פון די חברים אין אַמעריקע צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פאָלקס־שולן און „געפינט, אַז די איניציאַטיוו פון דירעקטער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבעט איז דער בעסטער וועג צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער אידישער שפּראַך אין לעבן און געריכט״. די וועלט־קאָנפערענץ האָט גערופן די איבעריקע לאַנד־פּאַרטייען נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי [191]).

בעת דער 7טער פּוע״צ־קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג (אָקטאָבער, 1913), איז פאָרגעקומען אַ שול־באַראַטונג מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון 9 שולן. דאָרט איז געוואָרן באַריכטעט, אַז אין טאָראָנטאָ איז די שול אַ טעגלעכע מיט 400 קינדער און אַ בודזשעט פון 200 דאָלער אַ חודש. די קינדער האָבן געגרינדעט אַ קינדער־פאַראיין. אין דעטרויט געפינט זיך די שול אין אַ גלענצנדן צושטאַנד; אין לין עקזיסטירט אַ שול־פאַראיין פון 150 מיטגלידער. ווען ניט דער מאַנגל אין לערער וואָלט מען דאָרט געקענט נאָך 2 תלמוד־תורה׳ס פאַרוואַנדלען אין נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שולן. די שול אין פּראָווידענס האָט 95 קינדער. די דריי עלטערע קלאַסן פון דער ערשטער שול אין ניו יאָרק, האָבן געשאַפן אַ „קלוב פון אידישע קינדער״, וואו זיי שטודירן ליטעראַטור און אידישע געשיכטע.

דער בילדונגס־קאָמיטעט פון די ניו יאָרקער נאַצ. ראַדיקאַלע־שולן איז גע־וואָרן באַשטימט אַלס אַ לאַנד־קאָמיטעט, וואָס דאַרף צונויפרופן אַ לאַנד־צוזאַ־מענפאָר.

די פּיטסבורגער פּוע״צ־קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רייע וויכטיקע רעזאָ־לוציעס וועגן דער שול־אַרבעט: מיטהעלפן צונויפרופן אַ שול־קאָנפערענץ; גרינדן נייע שולן און אונטערשטיצן די עקזיסטירנדיקע שולן; די פאַראיינען זאָלן פאַרלאַנגען פון זייערע שטאָטישע „באָארד אָוו עדוקיישאָן״ פּלאַץ אין זייערע גע־בײדעס פאַר נאַציאָנאַלע שולן פאַר יעדער נאַציע, לויט דעם מוסטער פון שי־קאַגאָ. אינטערעסאַנט איז די רעזאָלוציע וועגן די תלמוד תורה׳ס: „די קאָנווענשאָן אַנערקענט, דאָס מיט דער גרינדונג פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, דאַרפן פון די חברים ניט איגנאָרירט ווערן די תלמוד־תורה׳ס, וועלכע קענען האָבן אַ גרוי־סע באַדייטונג פאַר דער אידיש־נאַציאָנאַלער דערציאונג, ווען זייער דערציאונגס־פּראָגראַם זאָל זיין אַ ריין־נאַציאָנאַלע״. די קאָנווענשאָן האָט אויפגעפאָדערט די פאַראיינען צו „ווירקן אויף דער אידישער עפנטלעכער מיינונג דורך פאַרזאַמ־לונגען און ספּעציעלע מיטינגען מיט די עלטערן, אַז די ת״ת זאָלן אָננעמען אַ ריין־נאַציאָנאַלע דערציאונגס־פּראָגראַם און אין זיי זאָל אַריינגעטראָגן ווערן דער פּראָגרעסיווער דעמאָקראַטישער גייסט״.

י. ענטין האָט אין דער „וואָרהייט״ דערציילט (18 דעצעמבער, 1913), וועגן אַ צאָל שטעט, וואו די תלמוד תורה׳ס האָבן איינגעפירט לימודים פון די נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שולן; אין אַלבאַני איז איינגעפירט געוואָרן אידיש אַלס לימוד;

לין און פּראָווידענס זענען געוואָרן נאציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן. אין אַ ניו יאָרקער תלמוד תורה, געפירט פון אַ באַוואוסטן רב, ווערט געלערנט אידיש פון די לערן־ביכלעך, וואָס ווערן גענוצט אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער שול־באַוועגונג, האָט זיך אָבער אָנגעהייבן אין עטלעכע ערטער אַ פאַרשאַרפטער קאַמף מצד די קלעריקאַלע עלעמענטן קעגן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און די „אידיליע" וועגן דער מעגלעכקייט איבער־צונעמען תלמוד תורה׳ס און זיי פאַרוואַנדלען אין פּראָגרעסיווע שולן, איז שנעל פאַרשוואונדן.

.19

# וועלט־קריג; קאָנווענשאָנס אין ראָטשעסטער און קליוולאַנד

דער מצב פון דער פּאַרטיי איז אין אָנהייב, 1914, געווען צופרידנשטעלנד. אין יאַנואַר, 1914, האָט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר — ה. עהרנרייך, בעת אַ באַזוך אין סט. לואיס, דערקלערט, אַז דער קריזיס אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די לעצטע 3 יאָר, איז שוין אַריבער. עס זיינען דאָ 30 פּאַראיינען, דערונטער 7 וואָס זענען געוואָרן לעצטנס געגרינדעט. די פּאַרטיי ציילט 900 מיטגלידער, אין פאַרגלייך מיט 730 ביי דער פּיטסבורגער קאָנווענשאָן. ווען ניט דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָלט דער וואוקס פון דער פּאַרטיי, געווען נאָך אַ גרעסערער.

אין יוני, 1914, האָט ה. עהרנרייך געשילדערט דעם מצב פון דער פּאַרטיי אין אַן אַרטיקל, אין נומער 20 פון פּועלי ציון בולעטין, נאָך זיין צוריקקומען פון אַ לענגערן טור איבערן לאַנד. די פּאַרטיי איז לעצטנס רייכער געוואָרן מיט אַ 5־6 הונדערט נייע מיטגלידער. עס זענען געגרינדעט געוואָרן 12 נייע פּאַראיינען. פון די 12 פּאַראיינען זענען אין 5 שטעט קיינמאָל ניט געווען קיין פּוע״צ־פּאַראיינען און זיי האָבן זיך ערשט איצט געגרינדעט.

70 פּראָצענט פון די ניי־וואָרבירטע חברים האָבן פריער צו דער פּאַרטיי ניט געהערט. די איבעריקע האָבן אַמאָל געהערט צו דער פּאַרטיי און האָבן זיך, אַ דאַנק דעם קריזיס, אָדער אַנדערע באַדינגונגען, געמוזט צוריקציען און איצט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו דער פּאַרטיי. צווישן די „צוריקגעקומענע" זענען אויך פאַראַן אַזעלכע חברים, וואָס האָבן פריער געזאָגט, דאָס דער „פאַרבאַנד" וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער פּאַרטיי. איצט ווילן זיי דאָס אַליין ניט. זיי בענקען נאָך דער פּאַרטיי און נאָך דער פּאַרטיי־טעטיקייט. אַ באַדייטנדער טייל פון די נייע חברים זענען אַריבערגעקומענע פון אייראָפּע, וואָס זענען שוין עטלעכע יאָר אין לאַנד. די באַגייסטערונג פון די ניי־אַריבערגעקומענע ווירקט אויך אויף די אָפּגעשטאַנענע חברים און גיסט אין זיי אַריין אַ לוסט זיך אָנצושליסן אין דער פּאַרטיי און נעמען אין איר אַן אַקטיוון אָנטייל.

דער וואַנדער־שטראָם האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע צאָל יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך איינגעאָרדנט און זיי בענקען נאָך געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די קולטור, דראַמאַטישע, ליטעראַרישע קלובס שטעלן ניט צופרידן. אַזעלכע קלובס גרינדן זיך שנעל און גייען פונקט אַזוי שנעל אונטער. אין פיל שטעט איז די אַי־דישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע געוואָרן אָפּגעשוואַכט. די ניי־געקומענע זענען ס׳רוב נאַציאָנאַל־געשטימטע און זיי ציען זיך צו פּועלי ציון.

כמעט אַלע פּאַראיינען האָבן זיך פאַרגרעסערט. שיקאַגאָ האָט גובר געווען איר אינערלעכן קריזיס. אין ניו יאָרק זענען אַנטשטאַנען צוויי נייע פּאַראיינען.

כמעט אַלע פאַראײנען האָבן געפייערט דעם ערשטן מאַי, טיכטיק געאַרבעט פאַר די סטרייקנדע קוילן־גרעבער אין קאָלאָראַדאָ און אומעטום אײנגעאָרדנט מעמאָריעל־מיטינגען צו דר. הערצלס יאָרצייט.

מיטן אויסברוך פון וועלט־קריג (דעם 28טן יולי, 1914), איז אומגעהויער אויסגעוואַקסן די ראָל פון אַמעריקע אין דער וועלט און גלייכצייטיק די ראָל פון אַמעריקאַנער אידנטום און פון דער פּוע״צ־באַוועגונג. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ פון פּועלי־ציון, וואָס האָט געהאַט זײן זיץ־אָרט אין ווין, איז זיך די ערשטע וואָכן פון קריג כמעט צעפאַלן. שלמה קאַפּלאַנסקין האָט דער קריגס־אויסברוך פאַרכאַפּט אין קעלן, פון וואַנען ער איז געלאָפן קיין האַאַג מיט אַ טייל פון מאַטעריאַל פון הויפּט־ביוראָ פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וואו ער האָט געאַרבעט. שלאָמאָוויטש (רעוואוצקי) איז פריער געהאַט געפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט אויך איבערגענומען די אָנפירונג מיט דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, וואָס ער האָט אָנגעפירט. חאַזאַנאָוויטש איז געוואָרן אַרעסטירט און געוואָרן באַפרייט, ערשט נאָך אַן ענערגישער אינטערווענץ פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ווין. לואיס בראַנדייס האָט געהאָלפן דער פּוע״צ־דעלעגאַציע אין וואַשינגטאָן דורכצוזעצן זײן באַפרייאונג. בערל לאָקער איז געבליבן שטעקן אין לעמבערג, וואָס איז געוואָרן אָקופּירט דורך די רוסן און ער האָט אַלס געוועזענער רעדאַקטאָר פון „אידישן אַרבעטער״ מיט זײנע אַנטי־קריגס־אַרטיקלען, ניט געהאַט קיין סיבה צו זײן באַזונדערס גליקלעך. פּאַקטיש האָט ער געליטן הונגער און נויט. באָראָכאָוו — דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנדס־ביוראָ — האָט זיך אין אויגוסט, 1914, באַזעצט אין מילאַן (איטאַליע), וואוהין ער האָט איבערגעטראָגן דעם אָפיס פון פאַרבאַנד־ביוראָ און פון פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד. אַהין האָט אויך געזאָלט קומען כתריאל. דער פאַרלאַג „נײע וועלט״, געשאַפן אין 1913, דורכן פאַרבאַנדס־ביוראָ, איז געבליבן אין ווין אונטער דער לייטונג פון ח׳ קאהן. אַ דריטל חברים אין עסטרייך איז געוואָרן מאָביליזירט, דערונטער פיל פירנדיקע חברים, ווי א. רייס, קאַנדעל א. א. דער „אידישער אַרבעטער״ איז געוואָרן אָפּגעשטעלט. דאָך האָט זיך געשאַפן אין ווין אַ זאַמל־שטעלע פאַרן פּ. אַ. פּ. פאַר עסטרייך, אונטער דער לייטונג פון קאהן און דר. האהן.

די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט געמאַכט באַמיאונגען אַריבערצוברײנגען קיין אַמעריקע אַ צאָל פירער פון דער וועלט־באַוועגונג. עס זענען באַלד געקומען קאַפּלאַנסקי און באָראָכאָוו. שפּעטער זענען אויך געקומען בן גוריון און בן צבי, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעשיקט פון ארץ ישראל דורך דזשעמאַל פּאַשאַ, טראָץ דעם וואָס זיי זײנען געווען טערקישע בירגער. באַלד זענען אויך געקומען חאַזאַנאָוויטש, אַלעקסאַנדער חאַשין, פּנחס רוטענבערג א. א.

כאַראַקטעריסטיש איז אַ בריוו פון ב. באָראָכאָוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין ניו יאָרק, געשיקט פון מילאַן, דעם 14טן סעפּטעמבער, 1914. באָראָכאָוו שרייבט, אַז ער וויל ניט פאַלן צו לאַסט אויף זײנע עלטערן, וואָס וואוינען אין ניו יאָרק, אויך ניט אויף דער פּאַרטיי און ער פרעגט צי וועט ער קענען קריגן עפּעס אַ שטעלע, וואָס זאָל אים געבן חיונה אויף מינימאַלע לעבנס־באַדינגונגען פאַר אים, זײן פרוי און קינד. ער לייענט גאַנץ פריי ענגליש און די מײנסטע אייראָפּעאישע שפּראַכן, אָבער ס׳איז אים נאָך שווער צו שרייבן און רעדן ענגליש. ער קען מאַכן איבערזעצונגען און פירן קאָרעספּאָנדענץ אין אידיש,

רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש. צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק איז אים שווער, צוליב זיין געזונט־צושטאַנד. ער האָט מורא, אַז די פּאַרטיי וועט אים ניט קענען געבן קיין פּאַרטיי־אַרבעט, ווי אַרומפאָרן אויף אַ לעקציע־טור וכדומה, ווייל איצט איז ניט די פּאַסיקע צייט און ניט די שטימונג פאַר אַגיטאַציע־טורן. באָראָ־כאָוו שרייבט ווייטער, אַז ווייל ער איז שוין דאָ אין איטאַליע, וויל ער מאַכן אויף אַ פּאָר וואָכן אַ נסיעה איבער די ביבליאָטעקן אין פּאַרמא און רוים, וואו עס געפינען זיך זייער וויכטיקע, אַלטע אידישע כתבי־יד, וואָס זענען נאָך פון קיינעם ניט אויס־געפאָרשט געוואָרן. אים איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיינע וויסנשאַפטלעכע קאָלעקציעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין בריטישן מוזעאום, אין אָקספאָרד, האַמ־בורג, מינכען און ווין. ער קען ניט באַקומען קיין שטיצע פון רוסישן קאָנסולאַט, ווי עס טוען אַנדערע, ווייל ער איז פּאָליטיש פאַרפאָלגט דורך רוסלאַנד און ס׳קען ממילא ניט זיין קיין רייד אַז ער זאָל באַקומען שטיצע פון דער רוסישער רעגירונג. ער בעט צום סוף שיפסקאַרטן צווייטע קלאַס, ווייל „איך און מיין פרוי האָבן מיט די אויגן גרויסע שוועריקייטן און מאַכן בכלל ניט קיין גלענצנדן איינדרוק אויף מעדיקער״... באָראָכאָוו אינפאָרמירט אויך אין זיין בריוו, אַז כתריאל איז אַרעס־טירט געוואָרן אַלס קריגס־געפאַנגענער, ווען ער איז געפאָרן קיין איטאַליע. „איך האָב ניט קיין שום מיטלען אַרויסצוהעלפן דעם טייערן חבר״.

באָראָכאָוו איז געקומען קיין אַמעריקע און איז באַלד אַריין אַקטיוו אין דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, מיטגעאַרבעט אין דער פּאַרטיי־פּרעסע און אין דער „וואַרהייט״ און אויך פאַרגעזעצט זיין פּרוכטבאַרע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט.

סוף דעצעמבער, 1914, האָט די 8טע פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער באַשלאָסן מיט דער הסכמה פון די פירער פון פאַרבאַנדס־ביוראָ וואָס האָבן זיך געפונען אין אַמעריקע, אויפצושטעלן אין ניו יאָרק אַ צייטווייליק פאַרבאַנד־ביוראָ. צום ביוראָ האָבן געהערט: י. אפּלבוים, ב. באָראָכאָוו, ה. עהרנרייך, ב. צוקערמאַן און ש. קאַפּלאַנסקי. דאָס ביוראָ האָט ניט אַנטוויקלט קיין לעבעדיקע טעטיקייט און איז געוואָרן אויפגעלייזט אין מאַי, 1915. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ איז געוואָרן אַריבערגעפירט קיין האַאַג, וואוהין ס׳איז געקומען לעאָן חאַזאַ־נאָוויטש און שפּעטער ש. קאַפּלאַנסקי פון אַמעריקע. חאַזאַנאָוויטש איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון האַאַגער ביוראָ. די וועלט־פאַרוואַלטונג פון פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד איז געבליבן אין ניו־יאָרק און איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן פּאַלעסטינע־ביוראָ פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי צוזאַמען מיט בן־צבי און בן־גוריון.

די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט גלייך נאָכן אויסברוך פון קריג אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי צו העלפן די חברים אויף יענער זייט ים. וועגן דער הילפס־אַרבעט פאַר ארץ ישראל שרייבן מיר אין קאַפּיטל 21. די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט אויך אַנטוויקלט אַ ברייטע הילפס־אַרבעט פאַר די פּועלי ציון פּאַרטייען אין אייראָפּע.

נאָך אין יוני, 1913, האָט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ זיך געווענדעט צו דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי מיט דעם רוף צו שאַפן אַן אונטערשטיצונגס־קאָמיטעט פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע און דער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אויף דער פּיטסבורגער קאָנווענשאָן איז געוואָרן באַריכטעט, אַז ס׳איז געוואָרן געזאַמלט

300 דאָלער פאַר דער רוסישער פּאַרטיי. אין אויגוסט, 1913, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אָפּגעוואָרפן די ווענדונג פון אַ גרופּע חברים, געקומענע פון רוסלאַנד, צו שאַפן אַ קאָמיטעט צו העלפן די רוסישע חברים. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז הילף פאַר דער באַוועגונג אין רוסלאַנד דאַרף געשיקט ווערן דורך די אָפיציעלע קאַנאַלן פון דער פּאַרטיי, ניט דורך גרופּן פון רוסישע חברים, וועלכע וואוינען אין אַמעריקע. אין דעצעמבער, 1913, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אינפאָרמירט דעם צ. ק. פון די פּועלי ציון אין רוסלאַנד, אַז ער איז קאַטעגאָריש קעגן, אַז ער זאָל איינשטעלן פאַרבינדונגען מיט חברים אין אַמעריקע איבערן קאָפּ פון צענטראַל קאָמיטעט.

אין מיטן 1914 האָט דער פאַראיין פון ס. ד. פּועלי־ציון אין שיקאַגאָ איינ־געפירט, אַז יעדער מיטגליד צאָלט 8 סענט אַ חודש פאַר די חברים פון רוסלאַנד. דאָס געלט איז איבערגעשיקט געוואָרן דורכן צענטראַל קאָמיטעט [192]). אין סעפּטעמבער, 1914, האָט דער צ. ק. באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּועלי ציון רעליף, פאָנד מיטן צוועק צו העלפן דער באַוועגונג אין די מלחמה־לענדער אין איראָפּע. די קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער האָט באַשלאָסן, אַז יעדער חבר זאָל אָפּגעבן פאַר דעם פאָנד אַ טאָג שכירות. „כדי צו מאַכן מעגלעך פאַרן צ. ק. זיך צו באַטייליקן אין דער אויפבויאונג פון אונזערע צעשטערטע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין דער אויסבויאונג און באַפעסטיקונג פון אונזערע פּאַרטייען אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער". אין מאַי, 1915, האָט יואל ענטין צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַ צאָל אַרבעטער־פירער און פּערזענלעכקייטן פון דער אידישער „איסט סייד" אין הויז פון דר. ש. עלסבערג, פון וואָס ס'איז אַרויסגעוואַקסן דער שפּעטער אַזוי פּאָפּולער געוואָרענער „פּיפּלס רעליף". וועגן דער געבענטשטער טעטיקייט פון „פּיפּלס רעליף" שרייבט אין דעם בוך געגויער חבר ברוך צוקערמאַן אויף זייטן 33—46.

אין מיטן 1914 האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די באַוועגונג צו רופן אַ אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע וואָס זאָל אַרויסשטעלן די אידישע פאָדערונגען ביים שלום־טיש. גלייכצייטיק האָט זיך אָרגאַניזירט די אַרבעטערשאַפט און געשאַפן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. די אידישע קאָנגרעס־באַוועגונג אין אַמעריקע, פון וואָס ס'איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער אידישער וועלט־קאָנגרעס. די ראָל פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, דער כסדרדיקער געראַנגל פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג מיטן לאַגער פון די „געגנאָסן" פאַר אויסברייטערן דעם אידייען־האָריזאָנט און פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן ווילן און פירער־ראָל פון דער אַרבעטערשאַפט אַלס אַוואַנגאַרד פון פאָלק. — וועגן די אַלע אַנטוויקלונגען ווערט דערציילט אין דעם בוך אין דער אַרבעט פון ברוך צוקערמאַן אויף זייטן 46—62.

די פּועלי ציון־באַוועגונג האָט אויף איר 8־טער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער (24־30 דעצעמבער, 1914), גענומען שטעלונג צו די נייע פּראָבלעמען, וואָס דער וועלט־קריג האָט געשטעלט פאַרן אידישן פאָלק. אויף דער קאָנווענשאָן צו וועלכער עס זענען געקומען דעלעגאַטן פון 28 שטעט האָט ה. עהרנרייך באַריכטעט, אַז די פּאַרטיי ציילט 1,500 מיטגלידער. די אַרבעט ווידער צו עפענען דעם „אידישן קעמפער" האָט ניט געגעבן קיין באַפרידיקנדע רעזולטאַטן.

פֿאַר פאַרשידענע ארץ־ישראל־פֿאָנדן איז איינגעפֿלאָסן דאָס לעצטע יאָר 7,000 דאָלער, פֿאַר פֿאָנדן פֿון דער באַוועגונג — 5,000 דאָלער.

אין דער דעבאַטע איבערן באַריכט האָבן י. בערקנבליט און ר. קענדזשערסקי פֿון ס. ד. פּועלי־ציון־פֿאַראיין קריטיקירט דעם צענטראַל קאָמיטעט, אַז ער איז ניט געווען גענוג אַקטיוו אין דער טרייד יוניאָן־באַוועגונג; ער האָט ניט אָנטיילגענומען אין 2 גרויסע טרייד־יוניאָן־קאָנפֿערענצן; ער איז ניט געווען גענוג אַקטיוו אין דער פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן בויקאָט אין פּוילן. דר. סירקין איז געוואָרן אָנגעגריפֿן פֿאַר זיינע אַרטיקלען אין דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע" קעגן פּאַרלאַמענטאַריזם און קעגן אידיש. מאַנדעל, דער פֿאַרשטייער פֿון האַר־לעמער פֿאַראיין, האָט זיך געקלאָגט, אַז דער צ. ק. האָט געשטערט דעם פֿאַראיין צו רופֿן אַ קאָנפֿערענץ צו העלפֿן די רוסישע חברים. אויך אַ דעלעגאַט פֿון קאַנאַדע האָט אונטערשטיצט די טענות, אַז דער צ. ק. איז ניט גענוג טעטיק אויפֿן טרייד־יוניאָן געביט.

אַ העפֿטיקער ויכוח האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויגט אויף דער קאָנווענשאָן אַרום דער שטעלונג צו די ס. ד. פֿאַראיינען. די ערשטע ס. ד. פֿאַראיינען זענען, ווי מיר האָבן אינפֿאָרמירט אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, אַנטשטאַנען אין 1906. שפּעטער האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די אַלגעמיינע פֿאַראיינען. די נייע כוואַליעס פֿון אימיגראַנטן פֿון רוסלאַנד האָבן אויך אַריינגעבראַכט פֿיל רוסישע חברים. זיי האָבן אין עטלעכע שטעט געשאַפֿן באַזונדערע ס. ד. פּועלי־ציון פֿאַראיינען. אַזאַ פֿאַראיין איז אַנטשטאַנען אין יאַנואַר, 1913, אין שיקאַגאָ. אין ניו יאָרק איז אַ ס. ד. פּועלי ציון־פֿאַראיין אַנטשטאַנען אין אויגוסט, 1914. דער פֿאַראיין האָט אין זיין אידייען־פּלאַטפֿאָרם געשריבן אַז ער זעט אין אידיש אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. דער צ. ק. האָט דערין געזען אַ פֿאַרלעצונג פֿון פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס שטייט אויפֿן יסוד פֿון צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן. ערשט דאַן, ווען דער ס. ד. פֿאַראיין האָט מסכים געווען צו ענדערן דעם שפּראַכן־פּונקט אין זיין פּלאַטפֿאָרם און ענדערן אים אויף „אידיש — אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך", איז דער פֿאַראיין געוואָרן אָנערקענט פֿון צ. ק. דער פֿאַראיין האָט באַשלאָסן אַרויס־צוגעבן אַ פּועלי־ציוניסטישע ניקל־ביבליאָטעק. עטלעכע בראָשורן זענען טאַקע דערשינען (ר. קענדזשערסקי'ס „די גרונטלאַגן פֿון פּועלי־ציוניזם" א. א.).

ב. באָראָכאָוו האָט קומענדיק קיין אַמעריקע אַ געווויסע צייט געהערט צום ס. ד.־פֿאַראיין. ער האָט מיטגעמאַכט דעם קאַמף פֿון ס. ד.־פֿאַראיין וואָס האָט זיך אָנטזאָגט צו אַרבעטן פֿאַרן נאַציאָנאַל פֿאָנד. אָבער שפּעטער האָט ער זיך דיסטאַנסירט פֿון ס. ד. פֿאַראיין און אין זיין אַרטיקל „איבערגעשאַצט אַלע ווערטן" (סעפּטעמבער, 1916), צו־נישט געמאַכט פֿיל טענות פֿון ר. קענדזשערסקי וועגן דעם ניט־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פֿון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע.

אויף דער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער האָט באָראָכאָוו דערקלערט אַז דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך באַצויגן טאָלעראַנט צו די ס. ד. פֿאַראיינען און ס'איז נישטאָ קיין סכנה פֿון אַ שפּאַלטונג. ה. פֿיינמאַן איז אַרויסגעטראָטן קעגן פֿראַקציעס און ספּעציעלע נעמען פֿון פֿאַראיינען. קאַפּלאַנסקי האָט געהאַלטן אַז ס'איז אוממעגלעך אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע קעגן די ס. ד. פֿאַראיינען, אָבער דער צ. ק. זאָל מער קאָנטראָלירן די טעטיקייט פֿון די פֿאַראיינען; זיי דאַרפֿן זיך רופֿן „מאַרקסיסטן" אָנשטאָט ס. ד.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן אַז די אַלטע ס. ד. פאַראיינען קענען ווייטער עקזיסטירן, כדי צו גרינדן נייע ס. ד. פאַראיינען דאַרף מען אָבער האָבן די דערלויבעניש פון צ. ק.

אין זיין ענטפער אויף דער קריטיק האָט עהרנרייך דערקלערט, אַז דער צ. ק. האָט געהאַלטן אַז דער קאַמף קעגן בויקאָט אין פוילן דאַרף געפירט ווערן דורך אַן אַל־אידישע אָרגאַניזאַציע און דאָס דאַרף ווערן דער געפּלאַנטער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס. די געפּלאַנטע יובל־קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן אָפּגעלייגט.

אַ היציקער וכוח האָט אויך אַרויסגערופן די פראַגע: פּאָליטישע און טרייד־יוניאָן טעטיקייט פון דער פּאַרטיי. מיר דערציילן וועגן דעם גענויער אין קאַפּיטל 25.

אויף די פראַגע וועגן אידישן קאָנגרעס האָט אַרויסגערופן אַ העפטיקע דע־באַטע. קאַפּלאַנסקי און פיינמאַן האָבן אויסגעדריקט געוויסע ספקות וועגן די אויסזיכטן פון אַ אידישן קאָנגרעס. ס'איז אַ ספק צי די רייכע אידן וועלן זיך לאָזן פירן פון די ראַדיקאַלע עלעמענטן (פיינמאַן). ס'איז ניט זיכער צי דער קאָנגרעס וועט שטיין אויף אונזער שטאַנדפּונקט. זאָל מען פריער אָרגאַניזירן די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, ווי די אַרבעטערשאַפט און ציוניסטן. „כ'בין ניט פּרינציפּיעל קעגן, אָבער כ'האָב געוויסע ספקות" (קאַפּלאַנסקי).

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ לענגערע רעזאָלוציע א. נ. „די מלחמה און די אידן". די רעזאָלוציע אַנאַליזירט די וועלט־לאַגע פון אידישן פאָלק אין רע־זולטאַט פון קריג; הויבט אויף איר שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן די מסירות און רכילות פון פוילישע אָרגאַניזאַציעס קעגן דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געפירט צו פּאָגראָמען און איז נאָר מסוגל אָפּצושוואַכן דעם מאָראַלישן כוח פון קאַמף פון פוילישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלער פרייהייט און זעלבסט־רע־גירונג; פאָדערט נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דער אידישער מינדערהייט אין פוילן אין קהילה, שול און שפּראַך, אין שטאָט־און לאַנד־פאַרוואַלטונג, ווי אויך רעכט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין אַלע נאַציאָנאַלע ענינים אין פאַל פון דער אַנטשטייאונג פון אַן אויטאָנאָם פּוילן.

די קאָנוועשאָן האָט אַרויסגערוקט די פאָדערונג פון פרייהייט פון איינוואַנ־דערונג און קאָלאָניזאַציע, פון שול און שפּראַך, זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין דער קהילה און אין אַלע נאַציאָנאַלע ענינים פאַר די אידן אין ארץ ישראל; פאָדערט אַ לעגיטימע אידישע פאַרטרעטונג ביים שלום־קאָנגרעס; די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַזאַ פאַרטרעטונג זאָל נעמען אויף זיך אַן אַלגעמיינער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע.

די קאָנוועשאָן האָט אויסגעדריקט איר טיפע באַדויערונג וואָס דער סאָציאַ־ליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַקציאָנס־פעאיק אין דעם שווערן וועלט־קריזיס. זי דערוואַרט אַז די סאָציאַליסטן וועלן אונטערשטיצן די גערעכטע פאָדערונגען פון אידישן פאָלק; די שאַפונג פון אַ אידישער סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל קען מער ניט אָפּגעלייגט ווערן.

דער לעצטער פונקט אין דער לאַנגער רעזאָלוציע לויטעט:

„שטייענדיק אויפן שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטער ניט־באַטייליקונג און נייט־ראַליטעט פון אידישן פאָלק, אַלס גאַנצן, אין דער וועלט־מלחמה און רעכנענדיק

זיך מיט דער לאַגע פון דע ראַדישער באַפעלקערונג אין די אײנצלנע לענדער" — „באַטראַכט די קאָנווענשאַן אַלס חוב פון די פאַרטרעטער פון דער אידישער עפנטלעכקייט צו האַלטן זיך אין זייערע אַרויסטרעטונגען אין דעם פּרינציפּ פון נייטראַליטעט".

די קאָנווענשאַן האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דער אַרבעט פאַר די שולן, ארץ ישראל־טעטיקייט, יוגנטלעכע פועלי ציון פאַראײנען. (מיר שרייבן וועגן זיי גענויער אין די אַנטשפּרעכנדיקע קאַפּיטלען).

די קאָנווענשאַן האָט באַגריסט די אַנטשטייאונג פון פּראָוויזאָרישן פאַרבאַנדס־ביוראָ אין ניו יאָרק, וועמענס פונקציעס ענדיקן זיך, ווען דאָס ווינער ביוראָ וועט צוריק אָנהויבן פונקציאָנירן.

אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע און פּרעסע זענען אָנגענומען געוואָרן אַ רײי באַשלוסן: אַרויסגעבן דעם „בולעטין" יעדן חודש; אַרויסגעבן פלוג־בלעטער און בראָשורן איבער פאַרשידענע פראַגן; אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך מיט וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען איבער ארץ ישראל און פועלי ציוניזם; די גאַנצע סומע פאַרן „קעמפער"־ פאָנד זאָל געשאַפן ווערן ביז דעם 7־טן סעפּטעמבער, 1915; דערוויילן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין ענגליש און באַשטימען פאַר אים 150 דאָלער; יעדער פאַראײן זאָל אויסקלייבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צו פאַרשפּרייטן די פועלי ציון ליטעראַטור; רעקאָ־מענדירן די פאַראײנען צו גרינדן פועלי ציון געזאַנג־פאַראײנען; גרינדן אָר־גאַניזאַציע־קאָמיטעטן אין די שטעט, וואו דער צענטראַל קאָמיטעט האָט עס פאַר נויטיג צו טאָן.

דער בודזשעט פון צענטראַל קאָמיטעט פאַרן קומענדיקן יאָר זאָל זײַן $2,484.

אין צענטראַל קאָמיטעט זענען געווײלט געוואָרן: י. אַפּלבוים, מ. בראַון, ס. באַנטשעק, ב. באָראָכאָוו, ה. עהרנרייך, דר. נ. סירקין, דוד פּינסקי, ב. צוקערמאַן און וועלוול שוואַרץ אַלס קאַסירער.

אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט: ש. באַנטשעק, סעקרעטאַר; ש. גאָלדשטיין, פּ. גינגאָלד, ס. זאַקס, מ. מאַשעוויצקי, נ. קויפמאַן און י. מאָהעל, קאַסירער.

אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג פאַר עטלעכע טויזנט מענטשן האָבן גערעדט: י. אַפּלבוים, ג. אוורונין, ב. באָראָכאָוו, ב. צוקערמאַן און ש. קאַפּלאַנסקי.

אין אַפּריל, 1915, איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער אינצידענט מיטן ס. ד. פאַראײן אין ניו־יאָרק, וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז דער פאַראײן איז אויס־געשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי און באָראָכאָוו איז אַרויסגעטראָטן פון צ. ק. דער אינצידענט האָט אַרויסגערופן פיל בייז בלוט אין דער באַוועגונג.

דער ס. ד. פאַראײן אין ניו יאָרק האָט זיך אַנטזאָגט אָנטײלצונעמען אין אַ פלעג־טאָג פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. דער פאַראײן האָט דערקלערט, אַז דאָס יאָ אָדער ניט־אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד איז אַ פּריוואַט־זאַך פון יעדן חבר. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געזען דערין אַ דיסציפּלין־ברוך און אויס־געשלאָסן דערפאַר דעם פאַראײן פון דער פּאַרטיי. באָראָכאָוו האָט זיך סאָלידאַ־ריזירט מיטן ס. ד. פאַראײן צו וועמען ער האָט געהערט און ערקלערט אַז ער באַטראַכט זיך אויך אַלס אויסגעשלאָסן פון צ. ק. ווען דער צ. ק. האָט אים דערויף אָנגעוויזן, אַז ער האָט ניט קיין רעכט אויסצושליסן אַ חבר וואָס איז

געוואָרן געוויילט אין צ. ק. אויף אַ קאָנווענשאָן, האָט באָראָכאָוו ערקלערט, אַז ער טרעט ארויס פון צ. ק.

אויף דער זיצונג פון צ. ק. האָט קאַפּלאַנסקי אָנגעוויזן אַלס מיטגליד פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, אַז די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד איז דער חוב פון אַלע חברים. ווען די ארץ ישראלדיקע פאַרטיי האָט אויף איר קאָנפערענץ אין פּסח, 1911, דערקלערט די שטעלונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווי אַ פּריוואַט־זאַך, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט די קעגנער פון ציון־קאָנגרעס אין דער פאַרטיי ניט צו קויפן קיין שקלים, האָט די דריטע וועלט־קאָנפערענץ, אין אויגוסט, 1911, באַשלאָסן אַז די שטעלונג פון וועלט־פאַרבאַנד צום ציוניסטישן קאָנגרעס איז פאַרפליכטענד פאַר אַלע לענדער און די א״י־פאַרטיי האָט געמוזט ענדערן איר באַשלוס. די פערטע וועלט־קאָנפערענץ (אין 1913) האָט געגעבן דער רוסישער פאַרטיי אַ באַשטימטע צייט צו רעווידירן איר נעגאַטיווע שטעלונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס. באָראָכאָוו אַליין האָט דערקלערט אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ, אַז אויב די וועלט־קאָנפערענץ וועט ניט דערלויבן איינצלנע לאַנד־פאַרטייען צו האָבן אַ באַזונדער שטעלונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט די רוסישע פאַרטיי זיך אונטערוואַרפן די דאָזיקע באַשלוסן. ס׳איז קלאָר, אַז אַ פאַראיין אין אַ פאַרטיי קען ניט האָבן מער רעכט ווי אַ גאַנצע לאַנד־פאַרטיי. קאַפּלאַנסקי האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער וואַקסנדער השפעה פון די פּועלי ציון אויף דער לייטונג און אויף דער באָדן־פּאָליטיק פון נאַציאָנאַל פאָנד, און ווי געפערלעך עס איז די שטעלונג פון ניו יאָרקער ס. ד. פאַראיין.

דער ס. ד. פאַראיין האָט צעשיקט אַ פּראָטעסט צו אַלע פאַרטיי־פאַראיינען איבערן לאַנד. ער האָט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט פון אויסגעשלאָסענעם פאַראיין וואָס האָט זיך געווענדעט צו די פאַראיינען איבערן לאַנד זיי זאָלן ענטפערן אין אַ רעפערענדום, צי זיי אַקצעפּטירן די שטעלונג פון צ. ק. די ווענדונג וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון ב. באָראָכאָוו, י. בערקנבליט און ר. קענדזשערסקי האָט דערקלערט אַז פיל מיטגלידער פון פאַראיין האָבן יאָ זיך באַטייליקט אין פלעג־טאָג, נאָר דער פאַראיין אַלס אַזעלכער האָט זיך דערקלערט נייטראַל צום נאַציאָנאַל פאָנד, וועלכער געפינט זיך אין בירגערלעכע הענט און ווערט פאַרוואַלטעט אין אַן אַנטי־דעמאָקראַטישן גייסט. דער אויפרוף האָט אויך באַשולדיקט די לייטונג פון נאַציאָנאַל פאָנד אַז זי באַשעפטיקט אויף איר באָדן און אין אירע אונטערנעמונגען אַראַבישע אַרבעטער אנשטאָט אידישע. דער ס. ד. פאַראיין איז ניט קעגן נאַציאָנאַל־פאָנד, נאָר נייטראַל צו אים. די מורא אַז דער פאַראיין וועט היינט אויפהערן אַרבעטן פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און מאָרגן זיך אַנטזאָגן קויפן שקלים, איז אומבאַגרינדעט, ווייל דער ס. ד. פאַראיין האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס און ער נעמט יאָ שקלים. די צוויי ס. ד. פאַראיינען אין שיקאַגאָ האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער דערקלערונג פון ניו יאָרקער ס. ד. פאַראיין קעגן צענטראַל קאָמיטעט.

דער צ. ק. האָט דערויף געענטפערט דעם 23־טן אַפּריל מיט אַ צירקולאַר צו די פאַראיינען. דער צ. ק. האָט פעסטגעשטעלט אַז אַלע טענות קעגן נאַציאָנאַל פאָנד זענען אומבאַגרינדעט. דוד טרישש האָט זיך אין דער „וועלט" פון יוני, 1914, עפנטלעך באַקלאָגט איבער דעם שטייגנדן סאָציאַליסטישן איינפלוס

אויפן נאַציאָנאַל פאָנד. קאַפּלאַנסקי האָט ניט איינמאָל פעסטגעשטעלט, אַז אונזער ערנסטער קאַמף פאַר דער ישוב־פּאָליטיק פון נאַציאָנאַל פאָנד, האָט געפירט צו פּראַקטישע דערפאָלגן. עס איז ניט אמת אַז דער נאַציאָנאַל פאָנד באַשעפטיקט אַראַבישע אַרבעטער. „מיר ערקלערן קאַטעגאָריש אַז דער נאַציאָנאַל פאָנד באַשעפטיקט אויף זיין ערד און ביי זיינע אונטערנעמונגען נאָר אידישע אַר־בעטער און פאַרפּליכטעט דערצו אין זיינע אָפּמאַכן אַלע פעכטער פון זיין ערד". יעדעס קינד אין ארץ ישראל ווייס, אַז דער נאַציאָנאַל פאָנד איז דער שטאַרקס־טער שטיץ־פּונקט פאַר אידישער אַרבעט אין לאַנד. דער צירקולאַר באַווייזט אויך מיט פאַקטן, ווי פאַלש עס איז די באַשולדיקונג אַז די געלטער פון נאַ־ציאָנאַל פאָנד גייען אַוועק אויף אונטערשטיצן מיט הלוואות פּריוואַטע קאַפּיטאַ־ליסטן. עס איז אויך מאָדנע וואָס די דאָזיקע טענה שטעלן אַרויס באַראָכאָוו א. א. רוסישע אַנטי־קאָנגרעסיסטישע חברים, וואָס האָבן ביי דער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ דערקלערט אונזער נאַציאָנאַל פאָנד־פּאָליטיק פאַר אוטאָפּיש און דוקא באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַט־איני־ציאַטיוו.

דער צירקולאַר ווייזט ווייטער אָן, אַז די פראַגע נאַציאָנאַל פאָנד איז יאָ אַ פּרעצעדענט פאַר אַלע ווייטערדיקע אַנטי־קאָנגרעסיסטישע האַנדלונגען אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. באַראָכאָוו אַליין האָט דאָס דערקלערט אויף דער זיצונג פון צ. ק., אַז דער צ. ק. וועט מוזן געבן פרייהייט די פאַראיינען אויך אין דער קאָנגרעס־פראַגע. ביי דעם גאַנצן דרך ארץ צו ב. באַראָכאָוו וועט די פּאַרטיי ניט אָפּטרעטן פון אירע פּרינציפּן. באַראָכאָוו אַליין האָט דערקלערט, קומענדיק קיין אַמעריקע, אַז אין זיין פּראַקטישער אַרבעט וועט ער זיך אונטער־וואַרפן דער פּראַקטיק פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. עס איז אַ פאַקט, אַז רוסישע חברים אין עסטרייך נעמען שקלים און ברעכן ניט די פּאַרטיי־דיס־ציפּלין. דער צ. ק. איז געווען גרייט צו שיקן צו די פאַראיינען די דער־קלערונג פון ס. ד.־פאַראיין צוזאַמען מיט דער דערקלערונג פון צ. ק., האָט דער ס. ד.־פאַראיין דערויף ניט מסכים געווען און ער וויל אָרגאַניזירן פון דרויסן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן צ. ק., וואָס טראָגט אין זיך עלעמענטן פון שפּאַלטונג און דעזאָרגאַניזאַציע. דער צירקולאַר שטעלט אויך פעסט, אַז שיקאַגאָ האָט נאָר איין ס. ד.־פאַראיין, ניט צוויי און ער איז ניט אויסגעשלאָסן, כל זמן ער ברעכט ניט די פּאַרטיי־דיסציפּלין. די ראָטשעסטער קאָנווענשאָן האָט ניט פאַרבאָטן די גרינדונג פון פאַראיינען מיטן נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע" אָבער זיי קענען ניט האָבן קיין באַזונדער פּראָגראַם און טאַקטיק.

דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט. באַראָכאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" (10טן יולי, 1915), אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „צוויי שטרעמונגען אין פּועלי ציוניזם". ער האָט אָנגעוויזן אַז דער פּועלי ציוניזם איז אידעאָלאָגיש ברייטהאַרציק און נעמט אין זיך אַריין פאַרשידענע עלעמענטן: סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, סינדיקאַליסטן, אַ דאַבליו־דאַבליוניקעס; מאַטער־יאַליסטן, קאַנטיאַנער, עמפּירישע רעאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן פון מאַרקס'עס, קראָפּאָטקינס און ישעיה הנביאס חדר. ער פערזענלעך איז אַן אַנאַרכיסטישער סאָציאַליסט. די זעלבע אידעאָלאָגישע פרייהייט הערשט אויך ביי די פּועלי ציון בנוגע דעם ציוניזם. אָבער אין דער פּראַקטיק שטעלט זיך די פראַגע

ווי אַזוי פאַרבינדט מען דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם. און דאָ שיילן זיך אויס צוויי באַזונדערע שטאַנדפּונקטן: די „סאָציאַליסטישע" פּועלי ציון לייזן דעם פּראָבלעם דורך דעם, וואָס זיי טראָגן אַריין נאַציאָנאַלע אחדות אין סאָציאַליזם; זיי ווילן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אָן קלאַסן־קאַמף. די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע" פּועלי ציון לייזן דעם פּראָבלעם דורך דעם, וואָס זיי טראָגן אַריין דעם קלאַסן־קאַמף אין ציוניזם; זיי ווילן פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם צוזאַמען מיטן גאַנצן אידישן פאָלק, נאָר דערביי זיך ניט אָפּזאָגן אויף איין מינוט פון קלאַסן־קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

באָראָכאָוו קלאָגט זיך אין זיין אַרטיקל, אַז דער בירגערלעכער ציוניזם בליט אין לאַנד און דער פּועלי ציוניזם איז שוואַך און אומבאַדייטנד. אין אַ קורצער צייט האָבן זיך דערקלערט פאַר ציוניסטיש די גרעסטע בירגערלעכע אָרדנס: אינדעפּענדענט אָרדן ברית אברהם, אינדעפּענדענט אָרדן ברית שלום, גאַליציאַנער פאַרבאַנד, רומעניִשער פאַרבאַנד א. א. וו. אָבער „האָט איר געהערט אַז עס זאָלן זיך דערקלערן פּועלי ציוניסטיש דער אַרבעטער רינג, די קלאָוק־מאַכער יוניאָן, די אַמאַלגאַמייטעד א. א. וו.?

„זאָל מען ניט ענטפערן, אַז דעם פּועלי ציוניזם שטערט די שטאַרקע מאַשין פון „פאָרווערטס". אויך דער בירגערלעכער ציוניזם האָט געהאַט זיינע גרויסע שטערונגען מצד דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", אָבער ווען ס'איז געקומען דער שעת הכושר פאַרן ציוניזם, איז דער איינפלוס פון דער „דזשואיש קאָמיטע" פאַרשוואונדן ווי אַ רויך".

די סיבה פון דער שוואַכער השפּעה אויף דער אַרבעטער־גאַס איז דאָס, וואָס דער „סאָציאַליסטישער" פּועלי ציוניזם איז ניט ערנסט אין זיין סאָציאַליזם און איז וויט פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס. באָראָכאָוו באַשולדיקט דעם צ. ק. אַז ער האָט אויסגעשלאָסן גאַנצע פאַראייניגן און אַקטיווע פּאַרטיי־טוער, נאָר כדי צו דערשטיקן די דיסקוסיע. דער איינציקער צוועק פון זיינע אַרטיקלען איז צו ווייזן דעם וועג ווי אַזוי דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם קען ווערן אַ מאַכט. דערווייל איז ער אָבער נאָר אַ קלייזל וואָס איז זעלבסטצופרידן. „איך האָב ניט קיין מורא דערפאַר וואָס מיינע אייגענע חברים וועלן מיר ענטפערן מיט בויקאָט און פּראָטעסטן, און וואָס די קעגנער פון פּועלי ציוניזם וועלן שלאָגן קאַפּיטאַל פון אונזער אינערלעכע מחלוקת".

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט זיך אָנהייב אויגוסט, 1915, געווענדעט שריפטלעך צו באָראָכאָוון און געבעטן אָפּצושטעלן זיין קאַמף קעגן דער פּאַרטיי־לייטונג אין אַמעריקע, וואָס איז נאָך שטאַרקער צום באַדויערן, ווען ער ווערט געפירט אויף שפּאַלטן פון פרעמדע צייטשריפטן. דער אויסדרוק „בויקאָט" אין אַרטיקל אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" איז דער באַליידיגענדסטער חשד, און צו פּראָטעסטירן איז דאָס פאַרבאַנדס ביוראָ באַרעכטיקט ניט ווייניקער ווי באָראָכאָוו. אין בריוו ווערט דערמאָנט, אַז די רוסישע חברים אין עסטרייך וואַרפן זיך אונטער דער דיסציפּלין פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי. דער צ. ק. פון דער רוסישער פּאַרטיי האָט אויפגעפאָדערט די אויסגעוואַנדערטע ח"ח אַריינצוטרעטן אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי; ער האָט זיך זאָגאַר אָפּגעזאָגט צו שטיין אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די געוועזענע ח"ח פון רוסלאַנד אין

די פראַגן וועגן שיקן שטיצע דער רוסישער פּאַרטיי, נאָר דאָס ווערט געטאָן דורך דער פאַרמיטלונג פון אַמעריקאַנער צ. ק.

...„מיר בעטן דיך אין נאָמען פון אונזערע שותּפותדיקע אידעאַלן און גייסטיקע אינטערעסן, אָפּצולייגן אַלע דעבאַטן אויף אַ מער פּאַסיקער צייט... און קאָנצענטרירן דיין גאַנצע אומשאַצבאַרע קראַפט אויף די גרויסע אַרבעט, וואָס די היסטאָרישע צייט פאָדערט פון אונז" — איז געווען דער סוף־פּסוק פון בריוו, געצייכנט פון ש. קאַפּלאַנסקי און ל. חזאַנאָוויטש.

אין יולי איז דער אינצידענט געוואָרן ליקווידירט. דער ס. ד. פאַראיין האָט צוגעזאָגט אין דער פּראַקטיק צו אַרבעטן פאַר אַלע אַקציעס פון דער פּאַרטיי. ער האָט דאָס רעכט אויפן גרונט פון פרייער מיינונג צו קעמפן פאַר זיינע איבערצייגונגען און שטעלן דיסקוסיע־פראַגן צו דער אנטשיידונג פון דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. דער ס. ד.־פאַראיין איז צוריק אריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי און באָראָכאָוו איז צוריק אַריינגעטראָטן אין צ. ק. דער צ. ק. האָט דערביי פעסטגעשטעלט אין אַ בריוו צו באָראָכאָוון אַז ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן אויסגעשלאָסן פון צ. ק. ער האָט זיך פון צ. ק. אַליין אויסגעשלאָסן. דער ס. ד.־פאַראיין האָט אין זיין בריוו צום צ. ק. געענדיקט מיט אַ קריגערישן זאַץ, אַז ער וועט ניט דולדן קיין אויסשליסונגס־פּאָליטיק מצד דעם צ. ק. און יעדער ווייטערדיקער פּרוּאוו אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי אַ פאַראיין פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג, ניט אַנפּרעגנדיק פריער ביי דער פּאַרטיי, וועט זיין אַ סיגנאַל צו אַ זאָפּאַרטיקער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי.

מיט אַ יאָר שפּעטער — אין סעפּטעמבער, 1916 — האָט באָראָכאָוו, וואָס איז דאַן געווען אַ מיטגליד אין רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „אידישן קעמפער", פאַרגעוואָרפן אין אַן עפנטלעכער דערקלערונג אין „קעמפער" דעם ניו יאָרקער ס. ד.־פאַראיין, פאַרוואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אין דער „וואָר־הייט" אַז דער צ. ק. האָט ביים ציילן די שטימען אין אַ געוויסן רעפערענדום ניט געציילט די אָפּגעגעבענע שטימען פון ס. ד. פאַראיין. די דערקלערונג פון דער רעדאַקציע איז געווען אונטערגעשריבן דורך ב. באָראָכאָוו [193]).

אין דער זעלבער צייט האָט באָראָכאָוו געענטפערט ר. קענדזשערסקין אויף זיין אַרטיקל־סעריע אין „קעמפער", „וואָס וויל דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּועלי ציוניזם"? באָראָכאָוו האָט דערקלערט אין זיין אַרטיקל „איבערגעשאַצט אַלע ווערטן" אין „אידישן קעמפער" דעם 15טן סעפּטעמבער, 1916, אַז אויך ער האָט טענות צו דעם שיקאַגער פאַראייניקונגס־פּראָגראַם... „אַ פאַר־אייניקונגס־פּראָגראַם קען בכלל ניט זיין אויסגעהאַלטן און מוז שנעל פאַר־עלטערט ווערן". דער גרעסטער חסרון פון פּראָגראַם איז „וואָס דער סאָציאַליזם איז דאָרט לחוד. דער ציוניזם לחוד און די אויפלעבונג אין גלות ווידער לחוד". אָבער קאַטאַסטראָפן זיינען לחלוטין ניט קיין צייט פאַר פּראָגראַם־דיסקוסיע און פּראָגראַם־רעוויזיעס. די קומענדיקע קאָנווענשאָן אין באָסטאָן טאָר ניט אָפּגעבן איר טייערע צייט אויף אַ טעאָרעטישער דעבאַטע.

באָראָכאָוו ערקלערט אין זיין אַרטיקל, אַז ער וועט מוחל זיין טויזנטער שענסטע פּראָגראַמען אין דער וועלט פאַר איין איינציקע פּראַקטיק אַזאַ, ווי מיר האָבן געפירט די לעצטע צוויי יאָר.

ער איז מסכים מיט די טענות פון קענדזשערסקי, אַז אונזער פּאַרטיי

דאָ אין לאַנד האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק ניט געטריבן קיין אויסגעהאַלטענע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, און דערמיט האָט זי פאַר זיך שווער געמאַכט דעם צוטריט צו דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער ער איז אַבסאָלוט ניט מסכים מיט אים, אַז די פּאַרטיי האָט זיך נאָך ניט פּרובירט פאַרבינדן מיט דעם פּראַקטישן אַרבעטער־קאַמף. ער צעקלאַפּט די טענות פון קענדזשערסקין אַז ביי די אַמעריקאַנער פּועלי ציון איז דער גאַנצער ציוניזם ניט מער ווי אַ קאָמערציעלער פּלאַן. די אידן־פראַגע איז ביי זיי אַ געלט־פראַגע, ניט קיין מענטשן־פראַגע. אומגערעכט איז אויך דער פאָרוואורף, אַז ביי די היגע חברים „גלויבט מען ניט, אַז דאָ, אין גלות, האָבן מיר אויך אַ נאַציאָנאַלע צוקונפט. מען גלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק מוז דאָ נאַציאָנאַל פאַרשווינדן". עס זענען טאַקע דאָ אין דער פּאַרטיי אַזעלכע וואָס באַציען זיך פּעסימיסטיש צום גלות און צו אונזערע גלות־פאָדערונגען, אָבער „די פּאַרטיי אַלס גאַנצע, נעמט אויף די גלות־אַרבעט מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם; זי איז דאָך די שטאַרקסטע און קאָנסעקווענטסטע קעמפערין פאַר דער נאַציאָנאַלער אידישער צוקונפט אין אַלע לענדער".

אין דער פראַגע: באַציאונג צום בירגערלעכן ציוניזם, גייט ער נאָך ווייטער ווי קענדזשערסקי. ער איז קעגן אנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס, און קענדזשערסקי איז פאַרן אָנטייל אין קאָנגרעס. אָבער ער איז אַ דיסציפּלינירטער פּאַרטיי־חבר און וויל פּינקטלעך אויספאָלגן אַלע פּאַרטיי־באַשלוסן, ווען ער און מיט זיי אפילו ניט מסכים, „דערפאַר נעם איך אַ שקל און שטיץ דעם נאַציאָנאַל פאָנד אַזוי לאַנג ווי די פּאַרטיי פאַרלאַנגט ניט פון מיר צו אַגיטירן קעגן מיין געוויסן".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך באָראָכאָוו נאָך מער דערנעענטערט צום שטאַנדפּונקט פון אַמעריקאַנער־עסטרייכישן פליגל אין דער וועלט־באַוועגונג. דערויף זאָגט עדות זיין באַקאַנטע דערקלערונג אין קיעוו אויף דעם אַלרוסישן פּועלי ציון צוזאַמענפאָר אין 1917, נאָך דעם אומשטורץ פון צאַריזם.

דעם 12טן מאַי, 1915, איז פאָרגעקומען אין „פאָרווערטס"־האָל אַ קבלת פּנים־פאַרזאַמלונג פאַר די געסט פון ארץ ישראל: בן גוריון, בן צבי, א. כאַשין. עס האָבן באַגריסט ב. באָראָכאָוו, א. קריטשמאַר־איזראַעלי וואָס איז דאַן אריין אין דער פּאַרטיי, נ. סירקין און ש. קאַפּלאַנסקי. עס האָבן אויך באַגריסט דר. שמריהו לעווין און דר. מלמד אין נאָמען פון „אחיעבר". ב. צוקערמאַן האָט געפירט דעם פאָרזיץ. דעם 22־טן מאַי איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד ש. קאַפּלאַנסקי, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע. דוד פּינסקי איז געווען דער טאָוסמייסטער. צווישן אַנדערע האָבן אויך באַגריסט מאיר לאָנדאָן און שמריהו לעווין. קאַפּלאַנסקי האָט געקראָגן אַ מתנה — אַ שיינעם תנ"ך.

בעת דער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין באָפאַלאָ (יולי, 1915), איז פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־באַראַטונג. עהרנרייך האָט אינפאָרמירט אַז עס זענען צוגעקומען נייע 500 חברים און די פּאַרטיי ציילט שוין 1,800 מיטגלידער. די מערהייט פון די צוגעקומענע זענען פריער ניט געווען קיין פּועלי ציון. צווישן אַנדערע האָבן זיך דאַן אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי יואל ענטין און דער דיכטער ה. רויזנבלאַט. י. ענטין האָט אין דער דיסקוסיע איבערן באַריכט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג וואָס די פּועלי ציון פּאַרטיי וואָס אַרבעט אין אידיש און

זוכט צו פאַרשפּרייטן אידיש אפילו צווישן אַמעריקאַנער־געבוירענע, גרינדעט פאַראייגען פון ענגליש־רעדנדיקע. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטאַרקן די אַקציע פאַרן „קעמפּער" און צוזיילן זיין דערשיינען [194].

אין אַ באַריכט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ פון אויגוסט, 1915, שטעלט פעסט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ מיט צופרידנקייט דעם וואוקס פון דער פּאַרטיי און אַז דער פאַרבאַנד גייט האַנט ביי האַנט מיט דער פּאַרטיי אין דער ברייטער ארץ־ישראל־טעטיקייט, אין דער אַרבעט פאַרן קאָנגרעס, פּיפּלס רעליף, שולן און אַנדערע געביטן. אַ דאַנק דער הילף פון אַמעריקע האָט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ געקענט אַנגיין מיט זיין אַרבעט.

אין סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ פון מאַסאַטשוסעטס סטייט, ביי דער אָנוועזנהייט פון 29 דעלעגאַטן. אין ראַיאָן זענען געווען 300 חברים. ס׳איז געווילט געוואָרן אַ ראַיאָן־קאָמיטעט פון די ח״ח אייזיק העמלין, טשעסלער, כהנא, קאַגאַן און ש. קענדעל, סעקרעטאַר.

פון 25טן ביזן 31טן אויגוסט, 1915, איז פאָרגעקומען אין קליוולאַנד די 9־טע פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, געעפנט דורך ח. אָווערבוך פון קליוולאַנד און געפירט דורך ג. אוורונין. עס האָבן באַגריסט בן צבי, באַראַכאָוו, זאַר, כאַשין, ק. מרמר, דר. סירקין, ד. פּינסקי און ב. צוקערמאַן און אַרטיקע טוער. ביים אויסווילן די קאָמיסיעס איז געקומען צו אַן אינצידענט מיט ב. באַראַכאָוו. ער האָט זיך אַנטזאָגט אַריינצוגיין אין רעזאָלוציע־קאָמיטעט ווייל ק. מרמר איז דורכגעפאַלן ביי דער אָפּשטימונג צוליב — ווי באַראַכאָוו האָט דערקלערט — זיינע סימפּאַטיען צו דער ס. ד. ריכטונג. באַראַכאָווס רעזיגנאַציע איז ניט געוואָרן אָנגענומען.

ה. עהרנרייך האָט איבערגעגעבן אַ גענויען באַריכט פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג און די לאַגע אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. ס׳איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַ געמיינזאַמע דערקלערונג פון פועלי ציון, פאַרבאַנד, אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, אַרבעטער רינג און פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן קעגן די רדיפות אויף אידן אין רוסלאַנד; ס׳איז פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש פון אידישע כלל־טוער מיט ק. הויזנער, פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס פאָרשטייער פון דער פּוילישער צייטווייליקער רעגירונג. הויזנער האָט פאַרגעוואָרפן די אידן אַז זיי מאַכן בלבולים אויף פּוילן און זענען קעגן פּוילנס פרייהייט. די פועלי ציון האָבן צונויפגערופן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין דער קופּער־יוניאָן און די אידישע פּרעסע האָט אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־קאַמפּאַניע קעגן די פּוילישע אייגנאַרטיקע באַגריפן פון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

ס׳איז געוואָרן פאַרשפּרייט 1,500 שקלים. דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ, געפירט פון חאַזאַנאָוויטש און קאַפּלאַנסקי, געפינט זיך אין האַאַג און גיט אַרויס „די אידישע אַרבעטער קאָרעספּאָנדענץ" אין עטלעכע שפּראַכן. די פּאַרטיי האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין ציוניסטיש פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט און איז דאָרט געווען פאַרטראַטן דורך דר. נ. סירקין און ב. צוקערמאַן אַלס זיין פאַרטרעטער.

דער טרייד־יוניאָן קאָמיטעט (סעקרעטאַר: י. בערקנבליט) און דער קאָמיטעט פאַר ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן ניט אַנטוויקלט קיין לעבעדיקע טעטיקייט. די רעזולטאַטן זענען קליינע. אַדאַנק דעם דרוק פון דער אידישער עפנטלעכער מיינונג, און די דעלעגאַציעס קיין וואַשינגטאָן צו פּראָטעסטירן קעגן אימי־גראַציע־ביל, האָט פּרעזידענט ווילסאָן וועטאָאירט דעם ביל.

די אַגיטאַציע־וואָך האָט געגעבן נישט־קשה׳דיקע רעזולטאַטן. אַ פלוגבלאַט וועגן די צילן פון דער פּאַרטיי איז דערשינען אין 20,000 עקזעמפּליאַרן. דער ערשטער מאַי־אויפרוף אין 10,000 עקז. באַראָכאָוו האָט באַזוכט 18 שטעט, בן־צבי 19, אויך בן גוריון און קאַפּלאַנסקי האָבן דורכגעפירט לענגערע טורס.

דער ס. ד. פאַראיין פון שיקאַגאָ האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער שטעלונג פון ס. ד. פאַראיין אין ניו יאָרק און איז אויך געוואָרן אויסגעשלאָסן. ביידע פאַראיינען זענען שפּעטער צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי ציילט 1,991 חברים. לעצטן יאָר זענען צוגעקומען 16 נייע פאַראיינען מיט 408 מיטגלידער. פון די נייע אַריינגעקומענע זענען 60 פּראָצענט אין עלטער פון צווישן 18 און 30 יאָר. 80 פּראָצענט זענען אַרבעטער.

20 פאַראיינען מיט 952 חברים האָבן געענטפערט אויף אַן אַנקעטע וועגן זייער טעטיקייט. עס זענען פאָרגעקומען 191 לעקציעס, 63 מאַסן־פאַרזאַמלונגען, 87 גאַסן מיטינגען, 32 ליטעראַרישע אָוונטן, 32 אונטערנעמונגען צוליב פינאַנס־צוועקן, 401 געשעפטס־מיטינגען. 35 פּראָצענט פון די מיטגלידער געהערן צו יוניאָנס.

אין דער קריטיק איבערן באַריכט האָט זיך באַראָכאָוו אָפּגעשטעלט אויפן אינצידענט מיט די ס. ד. פאַראיינען. ער האָט אַפּעלירט נאָך מער מיינונגס־פרייהייט, מער דעמאָקראַטיע און ברידערלעכקייט אין דער פּאַרטיי און ווייניקער צענטראַליזם. ק. מרמר האָט דערקלערט אַז ער איז ניט קיין ס. ד. אָבער ער סימפּאַטיזירט מיט זיי, ווייל מען וויל זיי באַ׳עולה׳ן. סירקין האָט אָנגעוויזן אַז עס איז פאַלש די טענה אַז פּועלי ציון טוט ניט גענוג אויפן סאָציאַליסטישן געביט. די ס. ד. פאַראיינען זענען ניט געקומען מיט קיין קאָנקרעטע פּלענער אויף דעם געביט. ה. עהרנרייך האָט דערקלערט אַז אויך פון אויסלאַנד זענען געקומען פּראָטעסטן קעגן באַראָכאָווס אַרטיקלען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״. צוקערמאַן און אַפּלבוים האָבן דערקלערט פאַרוואָס דער צ. ק. האָט ניט געקענט מסכים זיין דורכצופירן אַ רעפערענדום אין אַזאַ פּרינציפּיעלער פראַגע ווי דער נאַציאָנאַל פאָנד. באַראָכאָוו האָט דערקלערט אַז ער האָט קיינמאָל עפנטלעך ניט קריטיקירט דעם נאַציאָנאַל פאָנד. די באַ־הויפּטונג וועגן 15 פּראָצענט סאָציאַליזם אין דער פּאַרטיי האָט זיך ניט באַצויגן אויף די געפילן פון דער פּאַרטיי, נאָר וועגן איר אַרבעט.

מיט 30 שטימען קעגן 13 איז געוואָרן אַקצעפּטירט דער באַשלוס פון צ. ק. וועגן אויסשליסן דעם ניו יאָרקער ס. ד. פאַראיין. מיט 23 קעגן 17 איז באַשלאָסן געוואָרן צוריק אויפצונעמען דעם פאַראיין. דער פאָרשלאַג פון די ס. ד. פאַראיינען צו טאַדלען דעם צ. ק. איז דורכגעפאַלן מיט 30 קעגן 6 שטימען.

דער וויכוח וועגן די ס. ד. פאַראיינען האָט זיך ווידער באַנייט נאָך דעם ווי די רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט אַריינגעבראַכט אירע פאָרשלאגן (בן־צבי איז

געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע). די מערהייט אין דער קאָמיסיע האָט פאַרלאַנגט צו פאַרבאָטן די עקזיסטענץ פון באַזונדערע ס. ד. פאַראייניקן. קענדזשערסקי, מרמר און אַנדערע האָבן פאַרלאַנגט די רעכט פון האָבן באַזונדערע ס. ד. פאַראייניקן. מרמר האָט זאָגאַר געהאַלטן, אַז די ס. ד. פאַראייניקן האָבן דאָס רעכט צו האָבן אַ באַזונדער צ. ק. אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע און פע־דעראַטיוון כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי. א. כאַשין איז ארויסגעטראָטן קעגן דער רעכט פון די ס. ד. צו בילדן אַ באַזונדער פראַקציע. סירקין האָט דער־קלערט, אַז נאָר אין אָפּגעשטאַנענע ניט־דעמאָקראַטישע לענדער ווערט באַנוצט דער נאָמען סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין מער דעמאָקראַטישע לענדער ווערט באַ־נוצט דער נאָמען — סאָציאַליסטיש. בן־גוריון האָט געשטיצט דעם שטאַנדפּונקט פון דער מערהייט. באַראַכאָוו האָט געוואָרנט קעגן אומטאָלעראַנץ. ער האָט פאָרגעלייגט אַז די פראַגע זאָל אָפּגעלייגט ווערן ביז דער נעקסטער קאָנווענשאָן. עהרנרייך האָט דערציילט פון דער דערפאַרונג פון די ערשטע ס. ד.־פאַראייניקן אין 1906. י. זאר האָט געהאַלטן אַז די פּאַרטיי דאַרף זיין 100 פּראָצענט סיי אויפן ציוניסטישן און סיי אויפן סאָציאַליסטישן געביט. אויב אונזער סאָ־ציאַליזם איז ניט אַזוי בולט, איז עס דערפאַר, וואָס אין אַמעריקע איז נאָך נישטאָ אַזוי פיל סאָציאַליסטישע אַרבעט. מיט 40 קעגן 10 איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען דערלויבט די עקזיסטירנדיקע ס. ד. פאַראייניקן צו טראָגן ווייטער זייער נאָמען, אָבער זיי וואַרפן זיך אונטער אין אַלע ענינים די באַשלוסן פון צ. ק. און זיי פאָדערן ניט פאַר זיך קיין פּריווילעגיעס.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן ארץ ישראל אין איצטיקן מאָמענט; אידישער קאָנגרעס; נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָנווענשאָן; אַרויסצו־רופן אַן איינטאָגיקן גענעראַל־סטרייק ביי דער דערעפענונג פון דער שלום־קאָנפערענץ, אַלס פּראָטעסט קעגן די רדיפות אין רוסלאַנד קעגן די אידן; הילפס־אַרבעט פאַר מלחמה־קרבנות (יעדער חבר זאָל געבן לכל הפּחות אַ סענט אַ טאָג; פּראָפּאַגירן פאַרן געדאַנק פון זעלבסט־בײשטייערונג; שאַפן אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט פון אַלע הילפס־קערפּערשאַפטן); אימיגראַציע; טרייד יוניאָן טעטיקייט; קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט; ארץ ישראל אַרבעט; „אידישער קעמפּער”; נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן (אַרבעטן פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, סיי זיי ווערן אָנגעפירט פון פּועלי ציון און סיי פון אַנדערע עלעמענטן); אָרגאַניזאַציע; ענגליש־רעדנדיקע פאַראיינען; יוגנט־לעכע פּועלי ציון פאַראיינען; וועגן אידן רדיפות; רוסישע פרייהייטלעכע באַוועגונג.

ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ בודזשעט פון 3,605 דאָלער אַ יאָר. דער געהאַלט פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר זאָל געהעכערט ווערן ביז 1,000 דאָלער אַ יאָר; דער געהאַלט פון סעקרעטאַר פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט ביז 750 דאָלער אַ יאָר.

יהואש האָט צוגעשיקט דער קאָנווענשאָן אַ האַרציקע באַגריסונג. „אויב די אידישע אַרבעטער־מאַסן וועלן אויפוואַכן צו זייער פולן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין וועט עס זיין די אַרבעט פון אייך און פון אַזעלכע ווי איר, ווייל ווי ווייניק אייער צאָל איז געווען, האָב איך שטענדיק געקוקט אויף אייך ווי אויף די שאור שבעיסה. איך ווינטש אייך, אַז די גרויסקייט פון דער שעה און אייער איבערגעבנ־הייט צום ווערק זאָל איינקן אייערע געדאַנקען און שטאַרקן אייערע הענט”.

שמואל באַנטשעק האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון פּאַלעסטינע־קאָמי־טעט (זע קאַפּיטל 21). נ. סירקין האָט רעפערירט וועגן אידישן קאָנגרעס. ב. צו־קערמאַן וועגן דער באַוועגונג צווישן אידישע אַרבעטער פאַר נאַציאָנאַלע רעכט; מ. בראַון — הילפס־אַרבעט פאַר מלחמה־קרבנות; בן־צבי — ארץ ישראל־אַרבעט; בן־גוריון — פּאַלעסטינע אין איצטיקן מאָמענט; ב. באַראַכאָוו — טרייד יוניאָן טעטיקייט; ב. צוקערמאַן — „אידישער קעמפער"; ה. עהרנרייך — וועלט באַוועגונג. אין דער קאָנווענשאַן האָבן זיך באַטייליקט 60 דעלעגאַטן פון 35 פאַראיינען אין 25 שטעט.

אין צ. ק. זענען אַריין: י. אַפּלבוים, מ. בראַון, ס. באַנטשעק, י. זאַר, נ. סירקין, ה. עהרנרייך, י. ענטין, ד. פּינסקי, ב. צוקערמאַן, קריטשמאַר־איזראַעלי, און וו. שוואַרץ. אין פּאַלעסטינע־קאָמיטעט: ב. אָסטראָווסקי, ש. באַנטשעק, גאָלד־מאַן, חברה העלער, ב. מילער, מאהעל, מ. מאַשעוויצקי, נ. קויפמאַן, רשבם. אין טרייד־יוניאָן קאָמיטעט: ב. באַראַכאָוו, פּ. גינגאָלד, י. זאַר, דר. נ. סירקין, ר. קענדזשערסקי. צוקערמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער קאַסירער פון „קעמפער"־פאָנד.

צום סוף איז מיט גרויס פרייד, אויסגעהערט געוואָרן די מעלדונג פון די חברות פון קליוולאַנד, אַז זיי גרינדן אַ פאַרבאַנד פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פרויען־פאַראיינען.

דער ערשטער פּוע"צ־פרויען־פאַראיין איז געשאַפן געוואָרן אין דעטרויט, אין 1912 אַלס פרויען־אַקזילערי ביי דער שול. דער פאַראיין האָט אויך פיל מאָל געשטיצט סטרייקנדע, געהאָלפן שאַפן דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן אינסטיטוט. שפּעטער איז דערפון אויסגעוואַקסן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פרויען־פאַר־איין. אין סינסינעטי איז אַזאַ פאַראיין אַנטשטאַנען אין 1914. דער פאַראיין האָט בעיקר געהאָלפן דער שול. אין מערץ, 1915, האָט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי באַשלאָסן צו אָנערקענען די פּועלי ציון פרויען פאַראיינען. אין נאָוועמבער, 1916, איז פאָרגעקומען אין דעטראָיט אַ באַראַטונג פון די פרויען־פאַראיינען מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון קליוולאַנד, טאָלידאָ, טאָראָנטאָ, דעטרויט און העמילטאָן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צו שאַפן פּועלי ציון פרויען פאַראיינען. בלומע ביסקין פון דעטראָיט איז געוואָרן די סעקרעטאַרין פון אונזער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט.

אין אויפרוף ווערט צ. א. געזאָגט: „די אידישע פרויען אין אַמעריקע פון אַלע קלאַסן און שיכטן מוזן קודם כל אָרגאַניזירט ווערן אין פאַראיינען, וואו זיי זאָלן קענען לערנען די געשיכטע פון זייער פאָלק אַמאָל, און זיך נענטער באַקענען מיט די אומשטענדן פון פאָלק איצט. אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע וועט די פרוי דערצויגן ווערן צום באַוואוסטזיין, אַז אויף איר ליגט אַ גרויסע, הייליקע פליכט צו איר פאָלק, מעגלעך, די וויכטיקסטע פראַגע פון דעם פאָלקס־לעבן איז אין אירע הענט — די דערציאונגס־פראַגע. דורך די אָרגאַניזאַציעס מוז די פרוי קו־מען צום באַוואוסטזיין ווי צו דערפילן איר פליכט אויך אין דעם פרייהייטס־קאַמף פון איר פאָלק און פון דער גאַנצער ליידנדער מענטשהייט. דורך די אָרגאַניזאַציעס וועט זיך די אידישע פרוי אויסלערנען צו פאַרשטיין דעם טיפן זין פון די קאַ־טאַסטראָפאַלע געשעענישן און קאַטאַסטראָפעס פון אונזער טראַגישער צייט.

„זאָלן אַלע וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין דער ווידעראויפלעבונג פון

אונזער פאָלק און אין דער סאָציאַלער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס פון אַלע פעלקער, אויפנעמען די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט. די שוין־עקזיסטירנדע פּרויען־פאַראיינען, אויב זיי ווילן ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אונזער פאָלקס־לעבן, זאָלן זיך אָנשליסן אין דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן פּרויען־פאַרבאַנד"[195]).

די באַוועגונג האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים, אָבער זי איז זיכער געווען אַ פאָרלויפעריץ פון דער היינט שיין־צעבליטער פּרויען־פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע.

אויף דער קליוולענדער קאָנווענשאָן האָבן אין דער ארץ ישראל־דעבאַטע זיך אויסגעשיילט צוויי ריכטונגען: די „היסטאָרישע" און די „פּאָליטישע". אין זייערע נאָך־קאָנווענשאָן אַרטיקלען האָבן באָראָכאָוו און בן גוריון אויפגעקלערט אין וואָס עס זענען באַשטאַנען די חילוקי־דעות. די ערשטע ריכטונג (בן צבי, בן גוריון, כאַשין, צוקערמאַן, באָראָכאָוו, ערנרייך א. א.) האָט געהאַלטן, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דער ארץ ישראל שטרעבונג איז ניט קיין פראַגע פון מאָמענטאַלער געלעגנהייט און פון פּאָליטישן שאַנס. נישט נאָר אין איצטיקן מלחמה־מאָמענט איז געשאַפן געוואָרן די מעגלעכקייט פאַר אַ אידישער היים אין ארץ ישראל, און ניט נאָר אין איצטיקן מאָמענט קען די אידישע היים רעאַליזירט ווערן. די מעגלעכקייט איז אַ היסטאָרישע, וואָס שטיצט זיך אויף די ביזאיצטיקע עקאָנאָמישע און קולטורעלע דערגרייכונגען און וואָס דאָס אידישע פאָלק דאַרף ווייטער פאַרזעצן, אומאָפּהענגיק פון דער סיטואַציע וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָכן קריג. דער אידישער קאָנגרעס דאַרף באַקומען אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. די פּאָליטיש־געזיכערטע היים וועט שוין אַליין קומען שפּעטער.

די „פּאָליטישע" ריכטונג (סירקין, זאַר, קריטשמאַר־איזראַעלי, קענדזשערסקי א. א), האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף באַלדיקע פּאָליטישע אָנערקענונג מצד די גרויס־מאַכטן. די פּאָליטיש־געזיכערטע אידישע היים איז פאַר זיך אַליין אַ גרויסער נאַציאָנאַלער לאָזונג און ער דאַרף פאַרסירט ווערן ביי די שלום־אונטערהאַנדלונגען. די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט אָפּגעשפּיגלט דעם שטאַנדפּונקט פון דער ערשטער „היסטאָרישער ריכטונג, וועמענס פאַרקעמפער ס'זענען געווען די „בנים" פון ארץ ישראל[196]").

דעם 5טן און 6טן פעברואַר, 1916, איז פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־ראַט אין ניו־יאָרק, גערופן ספּעציעל צו באַנייען דעם „אידישן קעמפער". ה. עהרנרייך האָט מיטגעטיילט, אַז זינט דער קליוולענדער קאָנווענשאָן זענען צוגעקומען 500 נייע מיטגלידער. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַנייען דעם „אידישן קעמפער" דעם ערשטן מאַי, נאָכן צונויפזאַמלען 6,000 דאָלאַר. מ'האָט אויסגעוויילט אַ רעדאַקציע פון י. זרובבל, א. כאַשין און דר. נ. סירקין און אַ פאַרוואַלטונגס־ראַט פון ש. באָנטשעק, ש. סיגעל, ר. קענדזשערסקי און וו. שוואַרץ, אַלס סעקרעטאַר־קאַסירער. ביז דעם ערשטן מאַי זאָל ווערבירט ווערן 3,000 אַבאָנענטן צו 1 דאָלער אַ יאָר. דער ערשטער נומער פון באַנייטן „אידישן קעמפער" איז טאַקע דערשינען דעם 28טן אַפּריל, 1916. ביז דער דערשיינונג פון „קעמפער" האָבן געדינט אַלס צייטשריפטן, וואו ס'איז געקומען צום אויסדרוק די שטעלונג פון דער פּאַרטיי „דער אידישער קאָנגרעס", געשאַפן דורך פּינחס רוטענבערג צו פּראָפּאַגירן די אידעען פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און די „קעמפער שטימע", וואָס איז דערשינען פון צייט צו צייט.

אין מאַי, האָט די רעדאַקציע פון „קעמפער" רעזיגנירט. אין יולי איז חאַ־זאַנאָוויטש געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

נאָך דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן (אָקטאָבער, 1916), איז די רעדאַקציע אַרי־בער צו באַראַכאָוו און צוקערמאַן. באַלד איז באַראַכאָוו געוואָרן דער איינציקער רעדאַקטאָר, ביי דער נאָענטער מיטהילף פון א. טשעריקאָווער. די פאַרוואַלטונג איז דאַן באַשטאַנען פון פ. גינגאָלד, א. גאָלדמאַן, זאַקס, ש. סיגאל און וו. שוואַרץ.

אין אויגוסט, איז געוואָרן באַשטימט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון ב. באַראַכאָוו, י. זאַר, נ. סירקין, י. ענטין און ל. חאַזאַנאָוויטש. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון ש. באָנטשעק, ש. סיגאל און ה. עהרנרייך. ל. מעלצער איז געווען דער פאַרוואַל־טער און פ. קרוזאַ — זיין אַסיסטענט. חאַזאַנאָוויטש האָט פאַרלאָזן אַמעריקע אין סעפּטעמבער, 1916. צו יענער צייט האָט דער „קעמפער" געהאַט קרוב 6,000 אַבאָ־נענטן. געשעפטלעך איז דער „קעמפער" געווען אַ פיינער דערפאָלג. די הכנסות און אַבאָנענטן זענען געווען מער ווי מ'האָט דערוואַרט. אָבער דער שרעקלעכער יקרות אויף פּאַפּיר האָט באַדייטנד אויפגעשרויפט די הוצאות. מ'האָט געמוזט פאַרקלענערן די צייטונג ביז 6 זייטן (פון די פריערדיקע 8).

אין סעפּטעמבער, 1916, האָט זיך די פּאַרטיי געזעגנט מיט ל. חאַזאַנאָוויטש, צו זיין אָפּפאָר קיין אייראָפּע. די רעדנער (יוסף באַראַנדעס, יצחק אייזיק הורוויטש, משה לייב האַלפּערן, שמריהו לעווין, דר. ש. מלמד, דר. נ. סירקין, ב. צוקערמאַן און דר. שיינקין), האָבן אונטערגעשטראָכן חאַזאַנאָוויטשעס פאַרדינסטן אַלס געזעל־שאַפטלעכער טוער, שריפטשטעלער און גוטער חבר. חאַזאַנאָוויטש איז באַלד צוריק אַריין אין דער אַרבעט פון פאַרבאַנדס ביוראָ.

מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּאַרטיי איז אויך אויסגעוואַקסן די קולטור־אַרבעט פון די פאַראיינען. אין קליוולאַנד האָט די פּאַרטיי און פאַרבאַנד געקויפט אַ הויז פאַר אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער אינסטיטוט. דאָס זעלבע האָט געטאָן קענטאָן, אָהייאָ. באָסטאָן א. א. שטעט האָבן געעפנט אָוונט־קורסן אין זייערע קלוב־צי־מערן. אין אַ צאָל שטעט זענען געשאַפן געוואָרן געזאַנג־פאַראיינען. אין סט. פּאָול האָט דער פאַראיין געהייסן „אידיש־נאַציאָנאַלער מוזיקאַלישער פאַרבאַנד". אין ניו יאָרק האָט אין 1915 דער פּוע"צ געזאַנג־פאַראיין געהאַט אַ כאָר פון 70 מיט־גלידער. ער איז אין ווינטער־סעזאָן אויפגעטראָטן אין איניקע צענדליק קאָנ־צערטן פון אידישער פאָלקס־מוזיק אין דער קופער יוניאָן. אויף דער איינלאַ־דונג פון אימיגראַציע־קאָמיסאַר איז דער כאָר אויפגעטראָטן אין עליס איילאַנד, אויפן „טרערן אינזל", ביי אַ גרויסן ענטוזיאַזם פון די אימיגראַנטן.

אין שיקאַגאָ האָט דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט איינגעאָרדנט, אין 1916, מאַסן־פייערונגען צו מענדעלעס 80 יאָריקן יובל און צום יובל פון דראַמאַטורג, לעאָן קאָברין. מיט גרויס דערפאָלג זענען דורכגעפירט געוואָרן 3 לעקציעס פון אַלעקסאַנדער כאַשין, דערפון איינע אין העברעאיש, איינגעאָרדנט דורך דער געזעלשאַפט „שוחרי שפת עבר". איבערן גאַנצן לאַנד זענען דורכגעפירט געוואָרן אָנדענק־אָוונטן נאָכן טויט פון י. ל. פּרץ (אַפּריל, 1915) און שלום עליכם (1916), ווי אויך אָנדענק־אָוונטן נאָכן דערמאָרדעטן פראַנצויזישן סאָציאַליסטן־פירער, זשאַן זשאָרעס. אין סעפּטעמבער, 1915, איז פאָרגעקומען אין קאַרנעגי האָל, אין ניו יאָרק, אַן איינדרוקספולע קבלת־פנים־פאַרזאַמלונג פאַרן דיכטער יהואש, צו זיין

צוריקקומען פון ארץ ישראל. דער ריוח פון אָונט איז געגאַנגען פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד.

אויפן פּאַרלאַגס־געביט איז ניט פיל געוואָרן אויפגעטאָן. די געפּלאַנטע צוויי זאַמלביכער אין אידיש און ענגליש איבער דער פּוע״צ־באַוועגונג וואָס סירקין האָט פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן, זענען ניט געוואָרן צוגעגרייט. דער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן די שריפטן פון דר. נ. סירקין, געשאַפן סוף 1914, האָט שוואַך גע־אַרבעט. אין סעפּטעמבער, 1916, האָט א. העמלין, וואָס האָט דאַן אַנטוויקלט אַ רירעווודיקע טעטיקייט אין באָסטאָן, פאַרגעלייגט דעם צענטראַל קאָמיטעט צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוון פּאַרטיי־פאַרלאַג. „אונזערע חברים געהערן צו די בעסטע קויפער פון אידישן בוך", האָט העמלין געשריבן אין זיין בריוו צום צענטראַל קאָמיטעט, „און אַ סיסטעמאַטישער אויסגאַבע פון ביכער און בראָשורן וועגן יעדער פראַגע, וואָס האָט צו טאָן מיט אונזער פּאַרטיי, איז פּשוט אוממעגלעך אונזער ווייטערדיקע געזונטע אַנטוויקלונג".

צו דער אַגיטאַציע־וואָך, אין 1916, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט אַרויסגע־געבן 2 בראָשורן: „וואָס וויל דער פּועלי ציוניזם?" אין 20,000 עקזעמפּלאַרן און „די יסודות פון דער פּאַרטיי", אין 10,000 עקזעמפּלאַרן. ס'איז אויך דערשינען, אין 5,000 עקזעמפּלאַרן, די בראָשור פון י. זאר „דער אלף־בית פון פּועלי ציוניזם".